This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

# סאָוועטיש

12 1974

# היימלאַנד

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּסר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

דעקאַבער

12

1974

# אינהאַלט


הענריך האָפמאַן. דער איבערזעצער פון געסטאַפּאָ (דאָקומענטאַלע דערציילונג). צייכענונגען פון מ. עלצופען 3

אויסלענדישע דיכטער צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". לידער פון צאַלעל בליץ, כאַים שוואַרץ, יאָסל גאָלדבערג, ע. קאַפּלאַן, סעם ליפּצין, עליִיאָהו רײַזמאַן 62

אַרן ווערגעליס. די צײַט (ראָמאַן. דריטע נאָוועלע). צייכענונגען פון ה. אינגער 67

ריווע באַליאַסנע. ווי פרילינג־וואַסערן (לידער) 92

מוישע אַלטמאַן. זקײנישע נאָטיצן 95

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. געקניפּט און געבונדן (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 102

שמועל העלמאָנד. פון אײביקער יוגנט (לידער. פון דער ליטעראַרישער ירושה) 135

סטעפּאַן אָליינִיק. עס לעבט זײַן מוטיקע ליד (פון דער פאָרעדע צו ש. העלמאָנדס לידער־זאַמלונג) 136

ביראָבידזשאַנער מאָטיוון. ליובע וואַסערמאַן. מעדיִצינישע שוועסטער; העשל ראַבינקאָוו. א לעבן, אָפּגעגעבן דער יוגנט; ראָמאַן שויכעט. דער דריטער קאָמבײַן (פאַרצייכענונגען) 139

מישע מאָגילעוויטש. דרײַ לידער 149

לעבעדיקע גרוסן. יאַקאָוו רובענטשיק. שענער פון די שענסטע טרוימען 150

פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער. יעשוע ליובאָמירסקי. עכטע שעפערישקײַט 158

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. נאָטע לוריע. אומפאַרגעסלעכע טעג 164

מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. לעאָנעל דאַדיִאַני. דער סאָציִאַליסטישער אינטערנאַציִאָנאַל און די ציִעניסטיש־„סאָציִאַליסטישע" פאַרטייען 169

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. א. גייער („אונדזער פרײַנט"). מענטשלעכע און קינסטלערישע געפאַלנקײַט; ב. גאַלאַנאָוו („ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"). נאָך דער באַגעגעניש מיט מאָסקווע 176

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. יוסעף ברעגמאַן. וועגן דעם קינסטלער ייִסאָסכאָר־בער ריבאַק 179

פאַרשיידנס 182

דאָס איז טשיקאַווע. י. גינעווסקי דער דאָרן, וואָס ברענט און קאָן ניט פאַרברענט ווערן 184

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 185

כראָניק 168, 175

לאָמיר זינגען נײַע לידער. איינמאָל אין א מיטוואָך. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1974 188



**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס.

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**), נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריס.

**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**

י. שוסטער

# העניך האָפמאַן

העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד

דאָקומענטאַלע דערציילונג

## 1

אפן קאלטן צעמענטירטן דיל פון דער קעלער־קאמערע האָט מען נאָרוואָס, נאָך א פארהער, ארײַנגעשלײַדערט לעאָניד דובראָווסקין. פון די מוירעדיקע קלעפּ, וואָס ער האָט ארײַנגעכאפּט, האָט דאָס לײַב געברענט. דאָס מויל איז פול געווען מיט בלוט, און דער געזאלצענער בײַטאם האָט געריסן דעם האלדז. צו דער צעשפּאָלטענער ליפּ איז אומעגלעך געווען זיך צורירן מיט דער צונג. די ווונד אפן רעכטן פוס האָט זיך ווידער געעפנט און שטארק געשמארצט.

און אין דער איבערגעפולטער קאמערע האָבן געטומלט זעכציק מענטשן, וואָס זײַנען געלעגן אין די ווינקלען און לענגויס די ווענט.

דער גערודער האָט ניט געלאָזט זיך קאָנצענטרירן, דערטראכטן דעם געדאנק.

„דער מינדסטער טאָעס, און... קאפּוט",— האָבן געקלונגען בא דובראָווסקין אין די אויערן די ווערטער פונעם קאפּיטאן פּאָטאפּאָוו. פאר די אויגן איז אופגעשטאנען די גרויסע כאטע, ווו עס האָט זיך געפונען דער באזונדערער אָפּטייל פון דער דריטער ארמיי, דאָס שמייכלענדיקע פּאָנעם פונעם קאפּיטאן. אים האָט זיך געדאכט, ער הערט זײַן ווייך צוגעלאָזט קאָל: „לעאָניד! פאר דיר ווערט געשטעלט א פאראנטוואָרטלעכע און א שווערע אופגאבע. דו וועסט דארפן ארבעטן פון יענער זײַט פראָנט־ליניע. מיר מוזן אומבאדינגט זיך דערוויסן אלץ וועגן די פײַנטלעכע אויסשפּיראָרגאנען אין קאדיִעווקע, פּאָפּאסנע און ארטיאָמאָווסק. אונדזער קאָמאנדשאפט האָט יעדיעס, אז דאָרט ווערן געגרייט די פײַנטלעכע אגענטן, וועלכע מע שיקט ארײַן צו אונדז. דו דארפסט זיך סטארען ארײַנדרינגען אין איינעם פון די דאָזיקע אנשטאלטן. איצט, נאָך

הענריך האָפמאַן

דעם, ווי עס איז פאַרניכטעט געוואָרן די אַרמיי פון פּאַוליוסן, וועלן מיר אײַנגיכן אונטערנעמען א נײַעם אַנגריף. עס שטייט אונדז פאַר זיך לאָזן אַף דאָנבאַס, אין דער לוגאַנסקער געגנט. נאָר איידער מירן קומען אַהין, דאַרף אונדזער קאָנטראַזוועדקע וויסן אַלץ וועגן דער אַגענטור פון געסטאַפּאָ און פּאָליציי, וועלכע די דײַטשן וועלן דאָרט איבערלאָזן. דערוויס זיך וועגן די פאַר־ רעטער, וועגן די פאַשיסטישע אונטערלעקער, וועגן די געוועזענע מיליטער־אָנגעשטעלטע, וואָס זײַנען איבערגעגאַנגען אַף דער זײַט פונעם סוינע. דאָס איז זייער א ריזיקאַלער און א שווערער איניען, די פּרײַז איז איינע — דאָס לעבן. דער מינדסטער פעלער, און... קאַפּוט, ווי עס זאָגן די דײַטשן".

„דער מינדסטער פעלער... ווו זשע האָב איך עס דערלאָזט א פעלער? פאַרוואָס האָט דעם פאַרהער געפירט גופא דער שעף פון ס. ד., דער מאַיאָר פעלדהאָף? קימאַט דרײַ שאָ נאָכאַנאַנד האָט ער אײַנגעשפּאַרט איבערגעכאַזערט, אַז איך בין א סאָוועטישער אויסשפּירער... נאָר איך האָב דאָס אָפּגעלייקנט מיט דער זעלבער אײַנגעשפּאַרטקייט. און וואָס פאַרא באַווײַזן האָבן זיי? קיין באַווײַזן זײַנען ניטאָ. עפּשער האָבן זיי געכאַפּט פּיאַטיאָרקינען? ערשט צוריק מיט נײַן טעג האָבן מיר זיך מיט אים געזעגנט... נאָר ווען וויקטאָר פּיאַטיאָרקין זאָל זײַן בא זיי, וואָלט מען אונדז צונויפגעפירט. ניין, וויקטאָר פּיאַטיאָרקין איז דערגאַנגען צו פּאָטאַפּאָוון, אַנדערש וואָלטן זיי מיר אים באַוויזן. איז ווו זשע שטעקט דער פעלער? מע דאַרף אַלץ אופ־ שטעלן לויט א סיידער".

מיט וויטיע פּיאַטיאָרקינען האָט לעאָניד זיך באַקענט אין פּאָטאַפּאָווס קאַבינעט. יענער איז שוין געווען דאָרט, ווען דובראָווסקי איז אַהין געקומען לויט באַפעל פון קאַפּיטאַן. ער האָט דאָרט געטראָפן א באָכערל מיט א קײַלעכדיק פּענעמל, מיט שמאָלע אויגן און א פּאַריסן נעזל. ער איז ניט זיכער געזעסן אַפן ברעג פון א שטול אינמיטן גרויסן צימער. זײַנע פיס האָבן קוים דערלאַנגט צום דיל, וואָס איז אויסגעלייגט געווען מיט ברעטער. אָן אויסזען האָט דאָס ייִנגל געהאַט ניט מער ווי פון א יאָר צוועלף.

— אָט מיט אים וועסטו גיין, — האָט געזאָגט פּאָטאַפּאָוו. ס'איז ניט קלאָר געווען צו ווע־ מען זײַנען געווענדט די ווערטער, צו דעם ייִנגל, וואָס וועט גיין מיט דובראָווסקין, אָדער צו דובראָווסקין, וואָס וועט גיין מיטן ייִנגל. לעאָניד האָט אויסגעצויגן די האַנט דעם קאַפּיטאַן און ווידער איבערגעפירט דעם בליק אַפן באָכערל.

— און ער וועט אויסהאַלטן? — האָט געפרעגט דובראָווסקי, באַטראַכטנדיק די אָפּגעטראָ־ גענע קורטקע און די צעטראָטענע שיך פונעם ייִנגל.

— זאָרג זיך ניט, — האָט געענטפערט פּאָטאַפּאָוו, — וויקטאָר פּיאַטיאָרקין איז אַן אויסגע־ פרוווטער מענטש. דו קוק ניט אַף דעם, וואָס ער איז ערשט אַלט פופצן יאָר. ער איז שוין געווען א פאַרבינדלער באַם סעקרעטאַר פון אונטערערדישן געגנטקאָם, ניט איין מאָל אַריבער־ געגאַנגען די פראָנט־ליניע. בא דיר וועט ער אויך זײַן א פאַרבינדלער. מיט אים וועסטו שיקן אַלע ידיעס. און די לעגענדע איז אַזאַ, ווי מיר האָבן זיך דערעדט. דו ביסט אַן איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור, דו זוכסט דײַן טייל, פון וועלכער דו ביסט אָפּגע־ שטאַנען. דאָ איז אַלץ עמעס, קיין שום ליפע ניט. אָט זײַנען די דאָקומענטן. און ער, — פּאָטאַ־ פּאָוו האָט מיטן בליק אָנגעוויזן אַף פּיאַטיאָרקינען, — ער האָט בייסן אָפּטרעטן פאַרלוירן די עלטערן. דער טאַטע זײַנער האָט געדינט פאַר א פּאָליציי אַף דער סטאַנציע טשיר און איז אַוועק מיט די דײַטשן, ווען וויקטאָר איז געווען צוגאַסט בא זײַן מומע אין א שכייניש דאָרף. ער האָט זיך געלאָזט אָניאָגן די עלטערן און וועג זיך צוגעלאָזטשעט צו דיר. אויב דיר, לעאָניד, וועט זיך אײַנגעבן אײַנאָרדענען, זאָלסטו דאָס באָכערל האַלטן פונדערווײַטן. לעבן זיך אים האַלטן דאַרף מען ניט. עס זאָל ניט פאַלן קיין כשאָד.

— קלאָר, וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש, — האָט געשמייכלט דובראָווסקי. ער האָט א גלעט געט־ טאָן דאָס ייִנגל איבערן קאָפּ און געפרעגט:

— און אין וואָס פאַר א דאָרף ביסטו געווען בא דער מומע?

— אין דאָרף קליין־טשיר, אײַנגאַנצן זעקס קילאָמעטער פון דער סטאַנציע, — האָט האָפער־ דיק געענטפערט וויקטאָר. קיין שאָטן פון פאַרלעגנהײַט האָט זיך ניט געהערט אין זײַן קאָל, קיין איין מוסקול האָט קיין ציטער ניט געטאָן אַף דעם נאָך גאָר קינדערשן פּאָנעם. די טונקע־

לע אויגן זײַנע האָבן מיט נײַגער און דערוואַרטונג געקוקט אַף דובראָווסקין פון אונטער די טונקעלע ברעמען.

— גװוער האָסטו? — האָט געפרעגט דובראָווסקי.

— ???

וויקטאָר האָט אָפּגעמאָסטן לעאָנידן מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק, דערנאָך אַ קוק געטאָן אַף פּאַטאַפּאָוון.

— ער האָט אַ טראָפֿיינע „וואַלטער”, אַ קליינינקן, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, — אַזאַ יאַטל וועלן די דײַטשן זיך ניט נעמען באַזוכן. און אויב זיי וועלן זיך אָנשטויסן אַפן פּיסטאָלעט, וועט ער זאָגן, אַז ער האָט אים געפונען אין אַ שוצגראָבן. לויט דער עלטער זײַנער וועט מען אים גאָרנישט ניט טאָן.

— נו, מיר איז אַלץ קלאָר, וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש. ווען וועט איר באַפֿוילן זיך לאָזן אין וועג?

— מאָרגן האָבן מיר דעם זעקס־און־צוואַנציקסטן מאַרט. אין דער נאַכט אַפן זיבן־און־צוואַנציקסטן וועל איך אײַך אַרויסרופן אַף דער פּאָדערלייניע. באַנאַכט וועלן מיר אײַנאָרדענען דאָס אַריבערגיין די פראָנט־ליניע. דערווײַל האַלט זיך צוזאַמען. אין אײַער רעשוס איז פאַרבליבן נאָר איין מעסלעס. איר דאַרפט זיך באַקענען. יאָ, זײַן אַגענטור־נאָמען איז איוואַנאָוו. אין די ראַפּאָרטן רוף אים ניט באַם עמעסן נאָמען. און דעם פעטער ליאָניע ווי אַזוי רופט מען? — האָט אַ פרעג געטאָן דער קאַפּיטאַן באַם ייִנגל.

— באָריסאָוו! — האָט ניט טראַכטנדיק געענטפערט יענער. — וואָס מיינט איר, איך האָב קיין זיקאָרן ניט?

— דער זיקאָרן איז אַ גוטע זאַך, נאָר אַף יענער זײַט וועט אויסקומען פיל זאַכן פאַרגעסן. באָריסאָוון וועסטו זיך דערמאָנען, ווען דו וועסט זיך אומקערן צו אונדזעריקע. כאָזער נאָר איבער, וואָס דו וועסט זאָגן, ווען דו וועסט זיך באַגעגענען מיט אונדזערע סאָלדאַטן.

— „איך בין איוואַנאָוו. איך בעט מיך אוועקפירן אין שטאַב פון דער אָפּטיילונג”. און אין שטאַב וועל איך בעטן דעם אָפּיצער זיך פאַרבינדן מיט סאָקאָלן און איבערגעבן, אַז ס׳איז געקומען דער פאַרבינדלער פון באָריסאָוון, — האָט אָפּאַטיש, אַזוי ווי ניט ווילנדיק געענטפערט פּיאַטיאָרקין.

— אָט אַזוי, לעאָניד. דער באָכער איז אין אָרדענונג. היט אים, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

— כ׳וועל זיך סטאַרען, וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש! — דובראָווסקי האָט זיך אופגעהויבן פון דער באַנק. אַרויסגענומען פון דער קעשענע ניט קיין גרויסן פּאַקעט, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש. — איך האָב צו אײַך אַ באַקאַשע. דאָס זײַנען אייניקע זײַטלעך פון מײַנעם אַ טאָגבוך. איך האָב זיי געשריבן, ווען איך בין נאָך געווען באַ די דײַטשן. געהאַלטן פאַרנייט אין אונטערשלאַק. איך בעט אײַך, איר זאָלט זיי אָפּשיקן קיין מאָסקווע צו די עלטערן.

דער קאַפּיטאַן האָט אופמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף לעאָנידס לענגלעך פּאָנעם, אַפן ברייטן שטערן. זיך באַגעגנט מיט זײַן טיפן, מידן, אָבער רויִקן בליק.

— גוט, לעאָניד! דײַן טאָגבוך וועל איך נעמען, איך וועל אים האַלטן באַ זיך, ביז דו וועסט זיך אומקערן. דערנאָך וועסטו אים אַליין אָפּשיקן אַהיים. אָפּגעמאַכט?

דער אָוונט פונעם זעקס־און־צוואַנציקסטן מאַרט 1943 יאָר האָט זיך אויסגעגעבן שטאַרק אַ רעגנדיקער. פּונקט ווי מיט נאַסער פאַרײַכערטער וואַטע איז פאַרצויגן געווען דער גאַנצער הימל פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט. אַ דריבנע אײַנגעגעסן רעגנדל האָט געזיפּט אָן אופהער.

אַפן קאָמאַנדע־פּונקט פון איינעם אַ שיסער־פּאָלק צווישן וואָראָשילאָווגראַד און וואָראָשילאָווסק האָט זיך באַוויזן אַ געזעצטער מיטלוווּקסיקער קאַפּיטאַן, נאָך וועלכן ס׳איז נאָכגעגאַנגען אַ הויכער באָכער אין אַ שינעל פון אַ היטלעריסטישן סאָלדאַט און אַ קליין באָכערל אין אַ פאַרלאַטעטער קורטקע און אין צעטראָטענע שיך, באַקלעפּטע מיט שוואַרצער פּרילינגדיקער בלאָטע.

— קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו! — האָט זיך פאָרגעשטעלט דער געקומענער פאַר דעם מאַיאָר, וואָס איז געזעסן באַם טיש.

— מיר וואַרטן שוין אַף אײַך, כאָווער קאַפּיטאַן, — האָט יענער געענטפערט, — איך בין דער שעף פונעם שטאַב. דער פּאָלק־קאָמאַנדיר איז אַף דער פּאָדער־ליניע. דער דורכגאַנג אַפן נײַטיקן באַצירק איז אָפּגערייניקט פון מינעס. אַ שוץ איז צוגעגרייט.

— אַ דאַנק! — האָט געזאָגט פּאַטאַפּאָוו און געכאַפּט אַ קוק אַפן האַנטזייגער. — איצט איז צוואַנציק אַזייגער מיט צוויי און דרײַסיק מינוט. דורכגיין די פראָנט־ליניע איז אָנגעמערקט

אף צוויי און צוואנציק נאָל־נאָל. אזוי, אז מיר האָבן אין אונדזער רעשוס א שאָ מיט אכט און צוואנציק מינוט.

— כאוועד קאַפּיטאַן! — האָט באמערקט דער מאיאָר. — אהינצו וועלן מיר זיך דערקלײַבן פאר צוואנציק מינוט. אזוי, אז עס וועט פארבלײַבן א שאָ אף אויסצוקלאָרן די אומשטענדן און אף צו ריידן מיט די סאפיאָרן. מיר קאָנען גיין.

דער מאיאָר האָט אָנגעטאָן אף זיך א פופײַקע. דערבײַ האָט ער מיט דער פרײַער האנט אופגעוועקט א מענטשן, וואָס איז געשלאָפן אף דער נארע: „שטיי אוף, קוזמין, זעץ זיך צו די טעלעפאָנען, ביז כ׳וועל זיך אומקערן”, — ער האָט אויסגעוואַרט, ביז יענער האָט זיך אופגעהויבן, און ערשט דערנאָך זיך געלאָזט צו דער טיר.

דאָס דריבנע רעגנדל האָט אלץ געגאָסן און געגאָסן. ערגעץ אין דער טיף האָט געהודעט די ארטילעריסטישע קאנאָנאַדע. און דאָרט, פונוואנען עס האָבן זיך דערטראָגן די הילכיקע אופרײַסן, איז דער אָנגעכמורעטער הימל אלע מאָל באלויכטן געוואָרן מיט געל־אָראנזשעווע בליקן פון בליצן. איינער נאָכן אנדערן זײַנען הינטערן מאיאָר און דעם קאַפּיטאַן געגאנגען די אויסשפּירער, אויסמײַדנדיק די גליטשיקע ערטער. ס׳איז געשטאנען אן אומגעוויינלעכע שטיל־קײַט.

געגאנגען איז מען שווײַגנדיק. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס טשאוועקען פון די שטיוול אין דער בלאָטע.

— איצט איז שוין נאָענט, — האָט שטיל געזאָגט דער מאיאָר, — אָט באלד וועלן מיר זײַן בא דער פאָדער־ליניע. דאָרט דארף אונדז באגעגענען דער קאָמאנדיר.

אומגעריכט האָט אין דער ווײַט, ווי א שווינדלענדיקער פונק, זיך אופגעהויבן א ראקעטע, באלויכטן דעם אונטערשטן קאנט פון די געדיכטע וואָלקנס.

— דאָס איז בא די דײַטשן. זיי שרעקן זיך פאר דער פינצטערניש, — האָט רויִק דערקלערט דער מאיאָר, — באלד וועלן מיר א זעץ טאָן, וועלן זיי פארגעסן אין זייערע ראקעטעס.

— שטיי! ווער גייט?! — האָט זיך דערהערט א שטרענג קאָל.

— אייגענע, אייגענע, — האָט געענטפערט דער מאיאָר.

— פאראָל? — האָט מען שוין רויִקער געפרעגט פון דער פינצטערניש.

— כאַרקאָוו! — האָט שטיל א זאָג געטאָן דער מאיאָר.

— גייט דורך.

אין ניט קיין גרויסן בלינדאזש האָט מען די אויסשפּירער אָנגעפּאָיעט מיט סאָלדאטישער

---

לעאָניד דובראָווסקי, דער הויפּט־העלד פון דער נײַער דערציילונג, וועלכע הענריך האָפּמאַן האָט איבערגע־געבן צום דרוק אונדזער זשורנאל, איז ניט קיין אויסגעטראכט געשטאלט.

אלץ, וואָס דעם לייענער וועט באוווּסט ווערן פונעם דאָזיקן ווערק, איז ווירקלעך פאָרגעקומען מיטן אָפיצער פון דער סאָוועטישער ארמיי לייב ברענער.

א ייִד לויט דער נאציאָנאליטעט, האָט זיך אים אײַנ־געגעבן ארײַנדרינגען אין דער געסטאפּאָ, אין די שרעקלעכ־סטע פאשיסטישע שטראָף־אָרגאנען, און דאָרט פירן א העפּ־טיקן קאמף מיטן סוינע. דער טויט איז שטענדיק געהאנגען איבער זײַן קאָפּ. לייב ברענער האָט זיך פארנומען ניט נאָר מיט אויסשפּירונג, ער האָט אויך געראטעוועט סאָוועטישע מענטשן פון אומפארמײַדלעכן טויט.

ביז הײַנט וווינט אין מאָסקווע זײַן מוטער ראַיִסע נאומאָוונע ברענער. אין די שלאכטן קעגן פאשיזם זײַנען געפאלן אלע אירע דרײַ זין. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס, אז דער פאשיזם זאָל אויסגעראָטן ווערן.

טיי, און א פינף מינוט פאר דער אַנגעמערקטער צײַט האָבן זיי מיטן קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו און מיטן באַגלייטער־סאַפּיאָר זיך איבערגעקליבן אין א קליינעם שוצגראָבן אַף דער סאַמע פאָדער־ליניע. דער קאַפּיטאַן האָט ארומגענומען און א קוש געטאָן פּיאַטיאָרקינען, דערנאָך פאַרפּרעסט אין די אָרעמס לעאָניד דובראָווסקין.

— איך ווינטש אײַך דערפאָלג. היט אָפּ דאָס יינגל, — האָט ער אים אַרײַנגערוימט אין אויער און מילד א קלאַפּ געטאָן אים מיט דער דלאָניע איבער דער פּלייצע.

און פּלוצעם, ווי לויט דער דאָזיקער קאָמאַנדע, האָט די ערד אופגעציטערט פון א היל־כיקן, זיך קויקלענדיקן אופרײַס. איבער די קעפּ האָבן זיך מיט א פײַפערײַ דורכגעטראָגן צענ־דליקער סנאַריאַדן, וואָס זײַנען געפלויגן אין דער ריכטונג פונעם סוינע. אין עטלעכע רעגעס ארום האָבן די סנאַריאַדן מיט א טראַסקערײַ זיך גענומען רײַסן אין דער כאַשכעס, באַלײַכטנ־דיק דעם הימל מיט העלע פונקען. די ערד האָט זיך געטרייסלט אונטער די פיס פון די מענטשן.

— ס'איז צײַט! — האָט קורץ געזאָגט דער קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו און גלײַך נאָכן סאַפּיאָר אריבערגעקראָכן איבערן ברוסטווער.

באַלד נאָך אים האָט זיך געלאָזט וויקטאָר פּיאַטיאָרקין. דער לעצטער האָט זיך אויסגע־צויגן אַף דער נאַסער ערד לעאָניד דובראָווסקי. איצט האָט ער מיטן גאַנצן קערפּער געפילט די אופציטערנדיקע ערד. איבערן קאָפּ האָבן אָן אן אופהער זיך געטראָגן פײַפנדיקע סנאַריאַדן. אינגיכן האָבן אויך דײַטשישע סנאַריאַדן גענומען פליִען אנטקעגן אונדזערע, און בא יעדער האַרמאַטן־שאָס, בא יעדער אופרײַס איז באַלויכטן געוואָרן א שטיק הימל, דער אָפּשײַן פון וועלכן ס'איז געפאַלן אַף דער ערד.

„אזוי קאָן מען אַלץ באַמערקן", — האָט דובראָווסקי א קלער געטאָן און דערזען, ווי פלינק עס אָרודעוועט מיט די פיס וויקטאָר פּיאַטיאָרקין. אהינטן איז שוין פאַרבליבן א גוטע הונדערט מעטער, ווען דער סאַפּיאָר און דער קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— ווײַטער איז די נייטראַלע זאָנע, — האָט הייזעריק א זאָג געגעבן דער סאַפּיאָר.

— איצט — אליין, אליינעניו, — האָט געשפּאַסט דער קאַפּיטאַן, דורכלאָזנדיק פאָרויס די אויסשפּירער. — קוים עפּעס־וואָס, פאַרקערעוועט צוריק אהער. מיר וועלן אײַך צודעקן מיט פײַער.

דער סאַפּיאָר האָט א קלאַפּ געטאָן דובראָווסקין איבערן אקסל און מיט דער צווייטער האַנט אָנגעוויזן די ריכטונג. צוהאַלטנדיק דאָס יינגל פאַר א פּוס, האָט לעאָניד אים איבער־געיאָגט און מיט א ריס פאָרויס זיך געלאָזט האַסטיק קריכן איבערן נייטראַלן פּאַס. נאָך אים איז געקראָכן פּיאַטיאָרקין. זיי האָבן געשיקט זיך אראָפּגעקײַקלט אין ניט קיין טיפער קאַנאַווע און מיט א זײַט ארומגעגאַנגען דעם הויכפּונקט, וווּ עס האָבן זיך געפונען די דײַטשן. איבער די קעפּ, דורכרײַסנדיק די נאַכטיקע כאַשכעס, האָבן ווי פונקען זיך דורכגעטראָגן טראַסירנדיקע קוילן.

— שוין זשע וועלן זיי ניט דורכשפּרינגען? — האָט א שעפּטשע געטאָן דער קאַפּיטאַן, גלײַך ווי ער וואָלט געטראַכט אַף א קאָל.

— דאַכט זיך, אז עס גייט נאָרמאַל, — האָט אָפּגעענטפערט דער סאַפּיאָר, — ביסט א מייווין, וואָס פאַר א ספּעקטאַקל מע האָט דאָ פאַרגעשטעלט. אינעם טומל וועלן זיי, דאַכט מיר, זיך דורכרײַסן.

צוויי און צוואַנציק מיט דרײַסיק איז אײַנגעשטילט געוואָרן די אַרטילעריסטישע דועל. עס איז אַנשוויגן געוואָרן די טראַסקערײַ פון די קוילנוואַרפער, און בלויז איינצלנע זאַלפּן האָבן נאָך לאַנג אופגערודערט די אײַנגעשטעלטע שטילקײַט. סאָפקאָלסאָף איז אַלץ אַנשוויגן געוואָרן. אָבער אַף דער נאַסער ערד זײַנען נאָך לאַנג געבליבן ליגן צוויי צעפלאַסטערטע קערפּערס. דער אָנגעשטרענגטער געהער האָט אופגעכאַפּט יעדן שאָרך, וואָס האָט זיך דער־טראָגן פון יענער זײַט, וווּהין עס האָבן אוועקגעפּויזעט די אויסשפּירער.

ערגעץ האָט א קלימפּער געטאָן עפּעס אן אײַזערנע זאַך — פּונקט ווי א סאָלדאַטיש קעסעלע וואָלט אראָפּגעפאַלן אַף דער ערד, אָדער א קאָנסערוון־באַנקע האָט מען א שטויס געטאָן מיטן פוס. ווי פון אונטער דער ערד איז דערפלויגן אן אָפּהילך פון דײַטשישע ווערטער. און ווידער איז שטיל געוואָרן ארום.

ביז איינס באַנאַכט זײַנען אָפּגעלעגן אַף דער ערד דער קאַפּיטאַן מיטן סאַפּיאָר, גרייטע אין א באַליביקער מינוט צודעקן מיט פײַער פון זייער געווער די אָפּטרעטנדיקע כאַווייר־ים זייערע. און ערשט דעמלט, ווען זיי האָבן דערפילט מיטן האַרצן, אז די אָפּעראַציע איז גע־לונגען, האָבן זיי, דורכגענעצטע ביזן ביין, זיך געלאָזט פּויזען אַף צוריק דורך דעם שמאָלן פּאַסיקל, דורכן קאָרידאָר, וואָס איז באַפרײַט געוואָרן פון די מינעס.

— מאָרגן באַנאַכט דאַרף מען נעמען אַ צונג אַף אַיער באַצירק,— האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק, ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם בונקער.

— וועגן דעם האָט מען מיר שוין איבערגעגעבן פון דיוויזיע־שטאַב.

— אַלץ איז ריכטיק. דאָס איז פאַרויסגעזען אין אונדזער פּלאַן. דערווײַל קאָן נאָר אַ צונג באַשטעטיקן אונדזער דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דער הײַנטיקער אָפּעראַציע.

— איר וועט וואַרטן בײַ אונדז?

— ניין, איך פאָר קיין וואָראָשילאָווגראַד, אין שטאַב פון דער אַרמײ.

אין דער צײַט, ווען ס'איז פאַרגעקומען דער דאָזיקער געשפּרעך, זײַנען לעאָניד דובראָוו־סקי און וויקטאָר פּיאַטיאָרקין שוין פאַרבײַגעגאַנגען די געפּערלעכע זאָנע, וווּ עס האָט זיך געפונען די דײַטשישע אַוואַנגאַרד־טייל און מיט די פעלדער זיך געלאָזט אין טיל פונעם פײַנט. אַ קילאָמעטער פינף פון דער פראָנט־ליניע האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אַף אַ צערוינירטער באַן־ליניע. דאָרט האָבן זיי אָפּגעזוכט אַ פאַרוואָרפענע אײַזנבאַן־בודקע.

— אָט דאָ, וויטיע, וועלן מיר אַ ביסל אָפּרוען,— האָט געזאָגט דובראָווסקי, אָנטאַפּנדיק אין דער פינצטערניש דעם פאַרוקער אַף דער טיר.

— און די פריצן וועלן אונדז דאָ ניט פאַרכאַפּן?

— איך מיין, אַז ניין. און עפּשער? אָבער מיר האָבן ניט וואָס מוירע צו האָבן, מיר גייען דאָך אַלציינס צו זיי.

— פּעטער ליאָניע! דאָ איז אַ פענצטער אויסגעזעצט,— האָט געזאָגט פּיאַטיאָרקין, דער־הערנדיק דעם סקריפּ פון אַ פאַראָסטעטן פאַרוקער.

— דאָס מאַך איך עס אַזוי, די טיר זאָל זיך ניט עפענען,— האָט אָפּגעענטפערט דובראָוו־סקי און געמאַכט אַ שפּאַן אין דער פינצטערניש,— איך מיין, וויטיק, אַז גלײַכער וועט זײַן זיך לייגן אַפן דיל. וואַרף אַראָפּ דאָס רעקל. ביסט געוויס דורכגענעצט ביזן ביין?

— ניין... נאָר די פיס זײַנען נאַס.

לעאָניד האָט צעשפּרייט די שינעל אַפן דיל און אַ רוף געטאָן דאָס ייִנגל:

— לייג זיך באַנאַנד מיט מיר, מירן איינס דעם אַנדערן וואַרעמען.

עס זײַנען ניט פאַריבער קיין פינף מינוט, ווי וויקטאָר פּיאַטיאָרקין, אָן אײַנגעניורעטער אין דובראָווסקיס אַקסל, איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ געשמאַקן דרעמל. לעאָניד אָבער האָט לאַנג ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. זײַן פילבאַרער אויער האָט אופגעכאַפּט יעדן שאָרך פון דער נאַכט. ער האָט באַקלערט די גאַנצע קאָמפּליצירטקײַט פון דער אופגאַבע, וואָס ער האָט אויס־צופילן, און כאָטש די פראָנט־ליניע איז שוין געווען אַהינטער, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, אַז אַלע שווועריקײַטן שטייען ערשט פאָר. באַגינען האָט די מידקײַט צוגעשלאָסן זײַנע ווײַעס.

— פּעטער ליאָניע! שטייט אוף, עס טאָגט שוין,— האָט דובראָווסקי דערהערט, ווי מע שרײַט אים אין אויער, און דערפילט, ווי מע שלעפּט אים פאַר די האָר.

אין די אויגן האָט אַ זעץ געטאָן די שײַן פון אַ כמורע פאַרטאָג. דאָס אויג האָט דורכן פענצטער אופגעכאַפּט די נידעריקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין הימל.

— פּעטער ליאָניע, אַרום זעט מען קיינעם ניט. איך האָב שוין אַלץ אַרומגעקוקט,— האָט געזאָגט פּיאַטיאָרקין.

— דאָס איז גוט. נאָר פאַרוואָס רופסטו מיך אַלץ פּעטער ליאָניע? דו ביסט דאָך שוין אַלט פופצן יאָר, און מיר איז צוויי און צוואַנציק. מעגסט מיך רופן פּראָסט ליאָניע.

— איר האָט דאָך מיך אַליין אַזוי געלערנט,— האָט אַ באַליידיקטער אַ בורטשע געטאָן דאָס באַכערל.

— אַוודע האָב איך דיך געלערנט. נאָר דאָס איז בײַ די דײַטשן. פאַר זיי ביסטו אַלט בלויז צוועלף יאָר. און איצט זײַנען מיר דאָך אַליין...

— ניין, אַזוי וועל איך זיך פאַרפּלאָנטערן.

— איז זאָל זײַן פּעטער.— דובראָווסקי האָט אַרופגעצויגן די שטיוול און זיך דורכגעגאַנ־גען איבערן קליינעם צימערל. דערנאָך האָט ער פאַנאַנדערגעלייגט די שינעל אַף דער פּליטע און מיטן קעשענע־מעסער גענומען אַראָפּשאָבן די צוגעטריקנטע שטיקלעך בלאָטע. העכער אַ שאָ צײַט האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג דאָס אָנטאָן. ס'איז געווען שוין בײַ נײַן, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די אײַזנבאַן־בודקע.

פונוויטנס, באַם צופוסנס פון ניט קיין הויך בערגל, האָט זיך געפונען אַ ייִשעוול. איבער דער איין־און־איינציקער גאַס האָט אַ פּרוי מיט צוויי עמער אַף אַ קאָראָמיסל ניט געײַלט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ברונעם.

— דאָס איז דאָס דאָרף טשערקאסקע, — האָט דערקענט דובראָווסקי, — דורכדאַנען גייט דער וועג אַף וואָראָשילאָווסק.

— ניט וואָראָשילאָווסק, נאָר אלטשעווסק, — האָט פּיאַטיאָרקין אַנגעכמורעט אים פאַריכט.

— אלטשעווסק און וואָראָשילאָווסק איז דאָס זעלבע. וואָלסט עס געמעגט וויסן.

— וואָראָשילאָווסק איז דאָס בא אונדז, בא די סאָוועטישע. און בא די דײַטשן הייסט דאָס אלטשעווסק. איר מיינט, אז כ'האָב דאָס אומזיסט אײַנגעכאַזערט? — האָט פּיאַטיאָרקין זיך באַליידיקט.

— נו, זאָל זײַן אַזוי. דו ביסט גערעכט. הייסט עס, אז פון דער דאָזיקער מינוט איז די שטאָט סערגאָ — קאָדיִעווקע, סטאַלינאָ — יוזאָווקע, און וואָראָשילאָווסק — אלטשעווסק. און פאַר דיר, — האָט ער צוגעגעבן שמייכלענדיק, — בין איך פעטער ליאָניע. אָבער זאָג מיר צו, אז ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וועסטו מיך רופן לעאָניד.

— ביז דעמלט דאַרף מען נאָך דערלעבן, — האָט פּיאַטיאָרקין ערנסט געענטפערט.

מיטן צעוויקטן וועג האָבן זיי זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דאָרף. צו האַלב־טאָג זײַנען זיי שוין געווען ווײַט פון טשערקאסקע. פון ביידע זײַטן שליאַך האָבן זיך געצױגן די פּאָזיציעס פון דער דײַטשישער ארטילעריע. איבערן וועג האָבן אַלעמאָל זיך פאַרבײַגעטראָגן מיט א טראַסקערײַ גרויסע לאַסטמאַשינעס, געדעקטע מיט ברעזענט. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך באַוויזן וועגנער מיט אָרטיקע אײַנוווינער, וואָס האָבן אונטערגעטריבן זייערע אויסגע־דאַרטע פערד.

קיינער האָט ניט געלייגט קיין אכט אַפן מענטשן, וואָס האָט געשפּאַנט אין א פאַרברודיק־טער דײַטשישער שינעל, א פאַרצויגענער מיט א סאָלדאַטישן רימען, אַף וועלכן ס'איז גע־האַנגען א שוואַרצע קאַבורע. דאָס יינגל מיט די גרויסע אויגן, וואָס האָט געײַלט לעבן אים, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די וויכטיקײַט פון זייער מיסיע.

צו אלטשעווסק זײַנען זיי צוגעקומען שוין פאַרנאַכטלעך. ערגעץ ווײַט אהינטן האָט זיך געקײַקלט א געהויל פון ארטילעריסטישע זאַלפּן. דעם גאַנצן טאָג האָט דער דאָזיקער געהויל זיך פון מאָל צו מאָל דערטראָגן צו זיי, נאָר איצט איז ער געווען שוין גאָר ווײַט, און געהערט האָט מען אים קוים־קוים.

— הײַנט וועלן מיר שוין זוכן אַן עמעסן נאַכטלעג, — האָט געזאָגט לעאָניד, — עפּשער וועט זיך געפינען א גוטער מענטש און וועט אונדז לאָזן איבערנעכטיקן.

— מע דאַרף א זוך טאָן אין פאָרשטאָט. באַנאַכט קומען אין שטאָט טויג ניט, — האָט אָפּ־געענטפערט פּיאַטיאָרקין.

— ביסט געווויס מידן?

— וואָס דען, מיר האָבן דורכגעשפּאַנט ניט ווייניקער פון א קילאָמעטער פינף און צוואַנ־ציק, אויב ניט אלע דרײַסיק. כ'בין ניט אַזוי מיד, ווי עס גלוסט זיך עסן.

— נאָך איין קאָפּעטשקע געדולד. מירן געפינען ווו זיך אָפּצורוען, וועלן מיר איבער־כאַפּן.

לעאָניד איז צוגעגאַנגען צו אַן אײַנגעהויקערטער כאַטע און אַנגעקלאַפּט אין פענצטערל. די טיר האָט געעפנט אַן אלטיטשקע. זי האָט צוגעהאַלטן די קליאַמקע מיט אירע ביינערדיקע פינגער און געטײַנעט, אז אַן א דערלויבעניש פונעם דײַטשישן קאָמענדאַנט טאָר זי קיינעם ניט ארײַנלאָזן. נאָר דערזען בא לעאָנידן אין די הענט דײַטשישע אָקופּאַציאָנס־מאַרקעס, האָט זי פאַרבעטן די פאַרבײַגייער אין שטוב ארײַן.

אין ווינקל, אונטער דער סאַמע סטעליע, האָט געצאַנקט א לעמפּעלע, וואָס האָט באַלויכטן דאָס הייליקע געזיכט פון ניט קיין גרויסער איקאָנע. דובראָווסקי האָט א פרעג געטאָן:

— אליין וווינט איר דאָ?

— אליין, זונעניו, איינע אליין. דער מאַן איז נאָך פון יענער מילכאָמע ניט געקומען, צוויי אויסגעגעבענע טעכטער האָבן געוווינט אין כאַרקאָוו, איצט — ווער ווייסט ווו.

לעאָניד האָט זיך צוגעזעצט לעבן א נידעריק טישל, מיט איין בליק באַמערקט אלץ, וואָס געפינט זיך אין צימער — דעם קאַסטן, דאָס בעט, נאָך א קעסטל, א קלענערס, וואָס איז אײַנ־געדעקט געווען מיט א לאַנטוך, די עטלעכע טאַבורעטלעך און אויך דעם טשוהון־טאָפּ אַפן פּריפּעטשעק. ער האָט אָפּגעטיילט צוואַנציק מאַרקעס און זיי דערלאַנגט דער אלטער.

— דאָס איז פאַר איין נאַכט. אינדערפרי וועלן מיר זיך לאָזן שפּאַנען ווײַטער. מע דאַרף דעריאָגן די טייל.

— ווער זשע ביסטו דאָס אַזעלכער בא די דײַטשן? — איז די אלטע נײַגער געווען צו וויסן.

— אָן איבערזעצער בין איך. געאַרבעט אין דער קאָמענדאַטור. כ׳בין אָפּגעשטאַנען פון דער טייל. און דאָס באַכערל זוכט דעם טאַטן. דער פֿאָטער זײַנער איז ווינטער, בײַס די דײַטשן האָבן אָפּגעטראָטן, אוועקגעגאַנגען, און זוך א ווינט אין פעלד. איוואַנאָוו, פון דער סטאַנציע טשיר, א פּאָליצײַ. עפּשער האָסטו געהערט?

— ניין, זונעניו, קיין פּאָליצײַען זײַנען בא מיר ניט געווען. סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָר קיין פּאָליצײַען ניט...

— און די הרובע, באַבעשי, ווערסטו אונדז אויסהייצן? — האָט פאַרשעריש לעאַניד א קוק געטאָן אף דער באַלעבאָסטע.

— אָך, דאָס איז שווערלעך! קוילן זײַנען מיט גאָלד גלײַך. די שאַכטעס שטייען דאָך. אן עמערל קוילן קאָסט אפּן מארק הונדערט פופציק רובל.

— און קיין מאַרקעס גייען דען איצט ניט?

— וואָס הייסט, עס גייען ניט? עס גייען. איין מאַרקע פאַר צען קערבלעך. אָבער איצט, זינט די רוסישע אַרטילעריע האָט גענומען שיסן, איז דאָס קערבל כאַשעוועד געוואָרן.

דובראָוועסקי האָט אָפּגעציילט נאָך צוואַנציק מאַרק און זיי דערלאַנגט דער אַלטער. די באַלעבאָסטע האָט זיך דערפרייט:

— א ביסל קוילן האָב איך נאָך, און קאַרטאָפּל וועל איך אויך אָפּקאָכן, פונעם אייגענעם גערטנדל איז נאָך פאַרבליבן. אָט באַלד הייץ איך אײַן, און שטעל אוועק דעם טשוהונאָק.

— אויסגעצייכנט. וואַרף אַראָפּ דאָס רעקל, וויקטאָר, — האָט געזאָגט דובראָוועסקי, אַראָפּנעמענדיק פון זיך די שינעל.

פּיאַטיאָרקין האָט פאַנאַנדערגעבונדן די שנירלעך פון די שיך, אויסגעטאָן די קורטקע. די אַלטע האָט זיך גענומען פאָרען באַם אויוון. אינגיכן איז די שטוב אָנגעפילט געוואָרן מיט א וואַרעמען הויך.

די קאַרטאָפּליעס האָט מען געגעסן אָן זאַלץ, עמעס, דאָס שטיקל סאַלע, וואָס האָט זיך געפונען אין רענצל באַם יינגל, איז געווען צוגעזאַלצן. בײַסן עסן האָט די אַלטע זיך צערעדט. זי האָט זיך באַקלאָגט, אז אפּן מאַרק איז קיין זאַלץ אינגאַנצן ניט צו קריגן, זי האָט אומיסטן זיך געזשאַלעוועט אף דער ראַטנמאַכט און פאַרזיכטיק קריטיקירט די דײַטשן. ווײַזט אויס, מוירע געהאַט פאַר אירע אומדערוואַרטע געסט.

— ס׳איז עמעס, — האָט זי א פרעג געגעבן, — אז די הערמאַנצעס וועלן אינגיכן זיך לאָזן איבערן דאָן?

— איצט איז ניט די צײַט. מע דאַרף נײַע קויכעס אָנעמען...

— אָט דאָס זע איך טאַקע. נעכטן זײַנען אָנגעפאָרן אָן א שיר נײַע. זיי זײַנען געגאַנגען דורך דער שטאָט. אף די היטלען — א קעפל פון א פאָדסאָלנעטשניק, א געלס אזא, אפּן אַרבל — א שוואַרצער פּאַס אף א ווײַס שמאַטקעלע, און אף די אוטאָמאָבילן, אף די טירלעך, — הינט, נו, עמעסע הינט אָנגעמאָלט. אזעלכס האָב איך אפּן לעבן ניט געזען.

— און אף די טאַנקען, אף די האַרמאַטן, אויך הינט? — האָט דובראָוועסקי געפרעגט.

— וואָס פאַרא האַרמאַטן! זיי זײַנען געפאָרן אָן האַרמאַטן, אָן טאַנקען.

די אַלטע איז גרייט געווען צו ריידן און צו ריידן. לעאַניד האָט אָבער קיין כיישעק ניט געהאַט זיך אַרײַנלאָזן אין א פוסטן שמועס. ער האָט א ווונק געטאָן צו פּיאַטיאָרקינען און געזאָגט:

— דאָס יינגל האָט זיך אײַנגעמידט, אינגאַנצן אָן קויכעס געבליבן. צײַט זיך לייגן שלאָפן. און איך דאַרף זיך אויך אויסרוען.

די אַלטע האָט אײַלנדיק געבראַכט צו טראָגן אַן אַלטן פעלץ, אים אויסגעשפּרייט אפּן דיל לעבן אויוון, פונעם קאַסטן האָט זי אַרויסגענומען אַן אַלטע געשטוקעוועטע קאָלדרע און א שטיקל געבלימלטן ציץ.

— דאָס קאָן מען אויסשפּרייטן, ווי א לײַלעך, — האָט זי געזאָגט, צעשפּרייטנדיק דעם ציץ איבערן פעלץ.

די דאָזיקע נאַכט זײַנען ביידע, לעאַניד דובראָוועסקי און וויקטאָר פּיאַטיאָרקין, געשמאַק געשלאָפן. אופגעשטאַנען זײַנען זיי קאַיאַר, אפדערגיך אַרײַנגעשלונגען די געבליבענע קאַרטאָפּליעס און זיך געלאָזט אין וועג.

גופע אין אַלטשעווסק איז קיין מיליטער קימאַט ניט געווען. בלויז ניט קיין גרויסע קאָלאָנע פון לאַסטמאַשינעס מיט סאָלדאַטן איז פאַרבײַגעפאָרן איבער איינער פון די צענטראַלע גאַסן.

— זעסט, פעטער לעאָניע, עס זײַנען טאַקע אינדערעמעסן אָנגעמאָלט הינט אַף די טיר־לעך און גלעלע סאַלנעטשניקעס אַף די היטלען, — האָט שטיל געזאָגט וויקטאָר.

— דאָס זײַנען עסטרײַכער, פאַרגעדענק.

פון דער שטאָט זײַנען זיי ארויס, ווען די העלע פרילינגדיקע זון האָט שוין אָנגעהויבן וואַרעמען. דער וועג אַף דעבאַלצעווע, וווהין עס האָבן זיך געלאָזט די אויספּירער, האָט ווי א סטענגע זיך געצויגן איבערן סטעפּ. ערגעץ־ווו האָבן זיך געזען טעריקאָנעס. באַטאָג זײַנען זיי שוין געווען אין מאַנוזלאָווקע און פון דאָרט זיך פאַרנומען צום דאָרף מאַלאָ־וואַנאָווקע, וואָס איז געלעגן א קילאָמעטער אָנדערהאַלבן פונעם שליאַך.

— דאָרט, אין דאָרף, וועלן מיר איבערכאַפּן און זען עפּעס קויפן, — האָט געזאָגט דו־בראָווסקי.

אַפן ראַנד פונעם דערפל האָט זיי אָפּגעשטעלט א דײַטשישער יעפרייטאָר, וואָס האָט גע־שפּאַנט אין דער באַגלייטונג פון צוויי סאָלדאַטן.

— וווהין גייט איר? ווער זײַט איר? — האָט דער יעפרייטאָר געפרעגט.

דובראָווסקי האָט דערקלערט, אַז ער איז אַן איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָ־מענדאַטור, אַז ער זוכט זײַן טייל.

— דאָקומענטן? — האָט דער יעפרייטאָר באַטראַכט לעאָנידן און אויך געכאַפּט א קוק אַף וויקטאָרן.

— ביטע, — דובראָווסקי האָט דערלאַנגט זײַן שײַן.

דער יעפרייטאָר האָט אויפמערקזאַם ארומגעקוקט דעם אָפּגעריבענעם דאָקומענט און, אומ־קערנדיק אים, געזאָגט:

— איך בין דער קאָמענדאַנט פונעם דאָזיקן דאָרף. אײַער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור איז דאָ ניטאָ.

— איך האָב זיך ניט גערעכנט זי דאָ צו טרעפן. מיר האָבן פאַרקערעוועט אהער, קעדיי קויפן פּראָדוקטן און אָפּרוען א ביסל. פונדאַנען וועלן מיר גיין קיין דעבאַלצעווע, ווו עס איז פאַראַן א קאָמענדאַטור. דאָרט וועט מען מיר העלפן געפינען מײַן טייל.

— און ווער איז דאָס יִינגל?

— באַגעגנט אין וועג. זײַן פאָטער איז געווען א פּאָליצײַ אַף דער סטאַנציע טשיר. די עלטערן זײַנע האָבן זיך עוואַקוירט צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער. איצט זוכט ער דעם טאַטן.

— נו, גוט, גייט אָט אין יענער שטוב, — האָט דער דײַטש אָנגעוויזן אַף א לאַנג הויז מיט א בלעכענעם דאַך. — דאָרט וועט איר טרעפן מײַן איבערזעצער. ער וועט אײַך באַזאָרגן מיט א פּאַיאָק און אײַך וויַזן ווו אָפּצורוען.

דובראָווסקי האָט אָפּגעדאַנקט דעם יעפרייטאָר.

— וואַרט דאָרט צו, ביז כ׳וועל זיך אומקערן, — האָט יענער געזאָגט, — איך דאַרף נאָך עפּעס קלאָר מאַכן. און קיין דעבאַלצעווע וועט מען אײַך אַן קיין דערלויבעניש ניט ארײַנלאָזן.

— גוט, — האָט דובראָווסקי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

צוזאַמען מיט וויקטאָרן האָבן זיי זיך געלאָזט לענגויס דער גאַס צום הויז מיטן בלעכע־נעם דאַך. לעבן גאַנעק זײַנען אַף א באַנק, וואָס איז געווען אײַנגעגראָבן אין דער ערד, געזעסן צוויי פּאָליציי־לײַט מיט ווײַסע בענדלעך אַף די ארבל. דערזען אומבאַקאַנטע מענטשן, האָבן זיי פאַרשעריש באַטראַכט די געקומענע.

— ווו איז דער איבערזעצער פון דער היגער קאָמענדאַטור? — האָט דובראָווסקי געפרעגט, אָפּטאַקנדיק יעדער דײַטשיש וואָרט באַזונדער.

דערהערט דאָס דײַטשישע לאָשן, זײַנעןביידע פּאָליצײַען אופגעשפּרונגען פון דער באַנק און זיך אויסגעצויגן פאַר די געקומענע. אַף זייערע פּנעמער האָט זיך צעגאָסן א כניפעדיק שמייכעלע. ס׳איז געווען צו זען, אַז ביידע זײַנען גרייט צו דינען. זיי האָבן אָבער ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דובראָווסקי האָט גערעדט צו זיי, און דערפאַר געשוויגן. דובראָווסקי האָט איבערגעכאַזערט זײַן פראַגע אַף רוסיש.

— אָט דאָ, אָט דאָ איז ער! — האָבן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם צווייטן, געענטפערט ביידע מיטאַמאָל.

דובראָווסקי האָט ארופגעלייגט א האַנט אַפן אַקסל פון פּיאַטיאָרקינען און אים א שטויס געטאָן צום גאַנעק. פונעם פירהויז זײַנען זיי ארײַנגעקומען אין א גרויסן און גערעמען צי־מער, ווו עס איז בײַ א ברייטן טיש געזעסן א יונגער דײַטשישער סאָלדאַט און א באַיאַרטער מאַנצבל אין ציווילע קליידער.

— איך דאַרף צום איבערזעצער פון דער היגער קאָמענדאַטור, — האָט דובראָווסקי זיך געסטאַרעט מאַכן אַן איינדרוק מיט זיין אויסשפּראַך, דערביי האָט ער זיך געפּרוּווט פעסט־שטעלן, ווער פון אָט די צוויי איז דער איבערזעצער.
— איך בין דער איבערזעצער. וואָס דאַרפט איר? — האָט זיך אָפּגערופן דער ייִנגערער אין דער פאָרמע פון אַ דייטשישן סאָלדאַט. כאָטש די ווייסע האָר זיינע און די בלויע אויגן האָבן ווי אונטערגעשטראָכן זיין אָנגעהעריקייט צו דער אַרישער ראַסע, האָט דובראָווסקי גלייך דערקענט לויט דער אויסשפּראַך, אַז דאָס איז אַ רוס.
— זייט געגריסט, קאָלעגע. מיך האָט געשיקט אַהער דער קאָמענדאַנט, דער יעפרייטאָר. ער האָט געהייסן אייך איבערגעבן, איר זאָלט מיך באַזאָרגן מיט ניט קיין גרויסן פּאַיאָק און אויך מיט אַן אָרט אַף אָפּרו. לויט זיין באַפעל דאַרף איך דאָ וואַרטן אַף אים.
— און ווער זייט איר?
— איך בין אַן איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור...
דובראָווסקי האָט באַוויזן זיינע דאָקומענטן און געגנוי אַלץ דערציילט וועגן זיך. ער האָט אויך פאַרגעשטעלט פּיאַטיאָרקינען.
— יאָ, קיין דעבאַלצעווע וועט איר אָן אַ דערלויבעניש זיך ניט דורכשלאָגן, — האָט באַ־שטעטיקט דער איבערזעצער. — איר וועט מוזן דאָ איבערזיין ביז אינדערפרי. דער קאָמענ־דאַנט, דאַכט מיר, וועט היינט ניט באַוויזן זיך אומקערן.
— פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל וואַרטן, נאָר ווו...
— אָט דאָס איז דער היגער סטאַראָסטע, — האָט דער איבערזעצער באַוויזן מיטן בליק אָפן באַיאָרטן מאַנצבל, — ער וועט אייך באַשטאַטן אַף נאַכטלעגער. און אַ פּאַיאָק וועל איך אייך באַלד אויסשרייבן.
דער איבערזעצער האָט אַרויסבאַקומען פונעם פעלדטאַש אַ בייגעלע פּאַפּיר, איינגעטונ־קען די פּען און זיך געזעצט שרייבן. אומגעריכט האָט זיך פון דער גאַס דערטראָגן אַ גערויש פון מאַשין־מאָטאָרן. דער געהויל זייערער איז גיך אָנגעוואַקסן. דער איבערזעצער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. באַ דער שטוב פון דער קאָמענדאַטור האָבן זיך אָפּגעשטעלט דריי לאַסטמאַשינעס מיט סאָלדאַטן. פון דער קאַבינע פון דער ערשטער מאַשין איז אַרויסגעשפּרונגען אַן אָפיצער און מיט אַ לייכטן שפּאַן זיך געלאָזט צום גאַנעק פון דער קאָמענדאַטור.
דובראָווסקי האָט באַמערקט, אַז אַף די טירלעך פון די מאַשינעס זיינען קיין הינט ניט געווען אָנגעמאָלט. אַף די היטלען זיינען קיין סאָלנעטשניקעס אויך ניט געווען.
— הייל היטלער! — האָט אויסגערופן דער אַריינגעקומענער קאַפּיטאַן, אַרויסוואַרפנדיק פאָרויס די האַנט.
דער איבערזעצער, דובראָווסקי און אויך דער סטאַראָסטע האָבן געענטפערט מיט דער זעלבער באַגריסונג. בלויז וויקטאָר פּיאַטיאָרקין האָט אָנגעכמורעט די ברעמען און פון אונטן אַרויף באַטראַכט דעם אָפיצער.
— ווער איז דאָ דער קאָמענדאַנט?
— דער קאָמענדאַנט איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין. ער וועט זיין מאָרגן. היינט פּיל איך אויס זיינע פליכטן, — האָט געענטפערט דער איבערזעצער.
— גוט! איך בין קאָמאַנדיר פון אַ באַזונדערער ראָטע פון אַוטאָמאַטלער. איך האָב באַקו־מען אַ באַפעל זיך פאַרהאַלטן דאָ. איך בעט באַשטאַטן מיינע סאָלדאַטן.
— עס וועט ווערן אויסגעפּילט, הער קאַפּיטאַן. אָט איז דער היגער סטאַראָסטע. מירן באַלד איינאָרדענען אייערע סאָלדאַטן.
— גוט. דאָרט איז פאַראַן דער לייטענאַנט שטערן, מיין פאַרטרעטער. ער וועט געבן אַ פאַראָרדענונג. איך וועל דערווייל בלייבן דאָ.
דער סטאַראָסטע און דער איבערזעצער זיינען געשיקט אַרויס פונעם צימער. דורכן פענצ־טער האָט דובראָווסקי געזען, ווי זיי זיינען צוגעלאָפן צום אָפיצער, וואָס האָט אויסגעשטעלט די סאָלדאַטן לעבן דער קאָמענדאַטור.
— איר רייכערט? — האָט דובראָווסקי דערהערט. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום קאַפּי־טאַן און דערזען אַן אויסגעשטרעקטן פאַפּיראָסן פּאַפּיר... פּאָרטסיגאַר.
— אַ דאַנק!
לעאָניד האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם סיגאַרעטל.
— איר דינט אין דער דאָזיקער קאָמענדאַטור? — האָט זיך אינטערעסירט דער קאַפּיטאַן.
— ניין. איך בין אַן איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור. מיין פאַמיליע איז דובראָווסקי. איך בין געווען באַ סטאַלינגראַד און בייס דעם צוריקמאַרש...

— אָ! איר זײַט געווען הינטער סטאַלינגראַד? — האָט אים איבערגעשלאָגן דער קאַפּי־טאַן. — דאָס איז טאַקע אַפּאַנעמעסן אַזוי געפּערלעך, ווי עס דערציילן אייניקע?

— וואָס איז געפּערלעך? — האָט דובראָווסקי איבערגעפרעגט, מאַכנדיק אָן אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט ניט, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד.

— נו, אַט דער רוסישער אָנגריף. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז דאָס איז געווען אַן עמעסער געהענעם.

— יאָ, ס׳איז געווען שטאַרק אומגעריכט. אונדזער קאָמענדאַטור האָט זיך געפונען באַ אַ הונדערט קילאָמעטער פון סטאַלינגראַד, נאָר די רוסישע זײַנען אַזוי גיך אָנגעפלויגן, אַז מיר האָבן געמוזט אַלץ איבערלאָזן און באַנאַכט אַנטלויפן. בלײַבן אין אַרומרינגלונג האָט זיך ניט געוואָלט.

— אונדזער דיוויזיע פון די עסטרײַכישע שיסער איז פאַראיאָרן אויך אַרײַנגעפאַלן אין אַרומרינגלונג לעבן וועליקי לוקי, נאָר אונדזער קאָמאַנדשאַפט האָט זיך ניט פאַרלוירן און אַרויסגעפירט דאָס מיליטער פון אַרומרינגלונג. עמעס, מיר האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן, אָבער... און דער פעלדמאַרשאַל פאַוליוס האָט פּאַשעט זיך דערשראָקן. דאָס איז מאַמעש אוממעגלעך צו באַגרײַפן. מיט אַן אַרמיי פון דרײַ הונדערט טויזנט מענטשן זיך אונטערגעבן, אַזוינס קאָן איך ניט פאַרשטיין.

— מאַנשטיין האָט דאָך אויך ניט געקאָנט זיך דורכרײַסן צו פאַוליוסן.

— ס׳איז שוין געווען שפּעט, און מאַנשטיין האָט ניט פאַרמאָגט קיין גענוגנדיקע קראַפט.

דובראָווסקי האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל.

— הער קאַפּיטאַן, איר זײַט געקומען פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען דער סטאַראָסטע האָט מיך באַדאַרפט באַשטאַטן אַף קוואַרטיר.

— אָ, דאָס איז גוט. איך וועל זען, אַז מע זאָל אונדז אײַנאָרדענען אין איין הויז. מיר וועלן הײַנט פאַרברענגען דעם גאַנצן אָוונט.

— איך דאַנק אײַך, הער קאַפּיטאַן, דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסער קאָוועד. נאָר מיט מיר איז אָט דער יאַט, וואָס האָט זיך פאַרלוירן, ווי אַ זאַמדעלע אין דעם גרויסן קריג...

דובראָווסקי האָט דערציילט דעם קאַפּיטאַן פּיאַטיאָרקינס געשיכטע. ער האָט אים דער־קלערט, אַז פאַר די עטלעכע טעג, וואָס זיי וואַנדערן צוזאַמען, האָט ער זיך צוגעוווינט צו אים, און ס׳וואָלט זיך ניט געוואָלט מיט אים צעשיידן. דער קאַפּיטאַן האָט אויפמערקזאַם געהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך פאַרשטיי אײַך זייער גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַליין אַ פאָטער פון צוויי קינדער. מײַן עלטערן איז ערשט צען יאָר. ס׳איז אַ שרעק אַפילע אַ קלער צו טאָן וועגן דעם — שוין צוויי יאָר, ווי איך האָב ניט געזען מײַן מישפּאָכע.

— איר זײַט אַ קאַדראָוויק? — האָט דובראָווסקי זיך אינטערעסירט.

— אָ, ניין. ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט איך קיינמאָל ניט אָנגעטאָן קיין מונדיר. איך בין אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, כ׳האָב אונטערריכט אינעם ווינער אוניווערסיטעט. שטעלט זיך פאָר, אַז אין דער יוגנט האָב איך געוואָלט ווערן אַ דאָקטער, נאָר אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָב איך זיך פאַרינטערעסירט מיט פילאָסאָפיע.

— אויב אַזוי, זײַנען מיר קימאַט קאָלעגן, — האָט אַ שמייכל געטאָן דובראָווסקי, — כ׳האָב אויך געטרוימט צו ווערן אַ דאָקטער. כ׳בין אַפילע אַרײַנגעטראָטן אין אַ מעדיצינישן אינ־סטיטוט, אין מאָסקווע איז עס געווען, נאָר איך האָב גאָר אײַנגיכן פאַרשטאַנען, אַז איך טויג ניט פאַר דער דאָזיקער טעטיקײַט...

— ???

— יאָ, יאָ. בייס די לימודים אין אַנאַטאָמקע, ווען איך פלעג דערזען בלוט, האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. מיר איז אויסגעקומען איבערצוגיין פונעם מעדיצינישן אין אינסטי־טוט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן, אין דער דײַטשישער אָפּטיילונג.

— אויב מישפּעטן לויט אײַער אויסשפּראַך, האָט מען אײַך ניט שלעכט געלערנט די דײַטשישע שפּראַך. איך וואָלט אַפילע געזאָגט...

דער קאַפּיטאַן האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן די פראַזע. אין צימער האָט זיך באַוויזן דער איבערזעצער און ראַפּאָרטירט וועגן דעם, וו׳אַזוי עס זײַנען פאַנאַנדערגעשטעלט געוואָרן די סאָלדאַטן. אײַנגיכן איז אויך אַרײַנגעקומען דער סטאַראָסטע, וואָס האָט לויטן פאַרלאַנג פונעם קאַפּיטאַן באַשטאַט דובראָווסקין אין דער זעלבער שטוב, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער קאַפּיטאַן.

אינעם הויז פון די שוועסטער סאַמאַרסקעס זײַנען געווען דרײַ צימערן. דעם גרעסטן צימער האָט דער סטאַראָסטע באַפוילן אָפּגעבן דעם דײַטשישן אָפּיצער, דעם קלענערן, אין

דער צווייטער העלפט פון דער שטוב, — דובראָווסקין מיטן ייִנגל. דער דענשטשיק פונעם קאַפּיטאַן דיטריך, אַזוי האָט מען גערופן דעם אָפּיצער, האָט געבראַכט אַף אָוונטברויט עט־לעכע פּושקעלעך פראַנצויזישע קאָנסערוון, אַ פלעשל שנאַפּס און אַ הון. איינע פון די באַלע־באָסטעס האָט זיך אונטערגענומען צוגרייטן וועטשערע, און די צווייטע, די ייִנגערע, האָט אָנגעשאָטן די טיפּיאַקעס מיט שטרוי פאַר די קוואַרטיראַנטן. לעאָניד דובראָווסקי מיט פּיאַ־טיאַרקינען האָבן איר געהאָלפן מאַכן די געלעגערס. פאַרענדיקט מיט דער שטרוי, האָט די פרוי אַ פרעג געגעבן וויקטאָרן:

— און די מאַמע דײַנע ווו איז?

— כ'וויס אַליין ניט. מיטן טאַטן מינאַסטאַם אַוועק, ווען די רוסישע זײַנען אָנגעגריפן.

— ווו זשע וועסטו זיך אַצינד אַהינטאָן?

— באַלעבאָסטע טײַערע, ווי רופט מען אײַך? — האָט זיך ארײַנגעמישט דובראָווסקי, וואָס האָט געוואָלט איבערפירן דעם שמועס אַף עפּעס אַנדערש.

— יעוודאָקיִע, אַסטאַפּאָוונע. נאָר וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע בין איך? איך בין אַליין קימאַט ווי ער, — האָט זי אַ ווײַז געטאָן אַפן ייִנגל. — געבליבן אָן אַ שטוב. פריִער האָב איך געוווינט אין דעבאַלצעווע. פאַראַיאָרן האָט מען צעקלאַפּט אונדזער הויז, אַ סנאַריאַד האָט געטראָפן אינעם דאַך. ווײַן איך איצט דאָ, בא דער שוועסטער, און דער מאַן איז אַפן פראָנט, שלאָגט זיך מיט די דײַטשן. ווער וויסט, צי לעבט ער נאָך.

— און די קינדער?

— קיין קינדער האָבן מיר ניט געהאַט. ערעוו דער מילכאָמע האָבן מיר כאַסענע געהאַט.

פון די ווײַטערדיקע געשפּרעכן האָט דובראָווסקי פאַרשטאַנען, אַז די שוועסטער האָבן פײַנט די דײַטשן און אַז זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אַף דער סאָוועטישער אַרמיי. יעוודאָקיִע אַסטאַפּאָוונע האָט פאַרגעלייגט וויקטאָרן, ער זאָל בלײַבן בא איר, ביז די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, ביז די עלטערן זײַנע וועלן זיך ניט אָפּזוכן.

אינגיכן האָט מען אַ רוף געטאָן דובראָווסקין אינעם גרויסן צימער. דער קאַפּיטאַן דיטריך האָט מיט אַ ברייטן זשעסט אים אײַנגעלאַדן צום טיש:

— מירן צוזאַמען עסן אָוונטברויט.

דובראָווסקי האָט באַדאַנקט דעם קאַפּיטאַן און זיך געזעצט אָפּזאָגן זיך האָט ניט געפּאַסט. צום טיש.

— פאַר אונדזער זיג! פאַרן גרויסן פּיורער, — האָט דער קאַפּיטאַן אופגעהויבן זײַן גלאָז, וואָס איז ביז העלפט פול געווען מיט דײַטשישן בראַנפן.

— און פאַר אַ גיכן סאָף פון דער מילכאָמע, — האָט צוגעגעבן דובראָווסקי.

וויקטאָר פּיאַטיאַרקין איז שוין געשלאָפן אינעם שכײַנעסדיקן צימער, און דער באַ־ריידעוודיקער קאַפּיטאַן האָט אַלץ ניט אופגעהערט צו אויספרעגן וועגן סטאַלינגראַד, וועגן רוסישן ווינטער, וועגן די רוסן, וועלכע האָבן לויט זײַן מיינונג שוין פון לאַנג פאַרשפּילט די מילכאָמע.

ריידנדיק וועגן דער שטאַרקײַט פון דער דײַטשישער אַרמיי, וועלכע האָט שוין אַנטבלוי־טיקט די רוסישע טיילן, האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט:

— פאַר סטאַלינגראַד וועלן מיר זיך צערעכענען. איר שטעלט זיך ניט פאָר, וואָס פאַר אַ קלאַפּ עס גרייט איצט אונדזער קאָמאַנדשאַפט. הײַנטיקן זומער וועט דער קריג זיך פאַרענ־דיקן מיט אַ פולשטענדיקן זיג פונעם דײַטשישן געווער. פאַר סטאַלינגראַד וועלן מיר נעמען רעוואַנש אַפן צענטראַלן פראָנט. איצט ווערן אַראָפּגענומען גרויסע מיליטער־מאַסן פונעם מײַרעוודיקן פראָנט און ווערן איבערגעוואָרפן אַף מיזרעך אין דער אַרמיי־גרופּע „צענטער". מײַן דיוויזיִע האָט אויך געדאַרפט זיך לאָזן אַהין, נאָר אין לעצטן מאָמענט האָט מען אונדז געענדערט דעם מאַרשרוט. מע זאָגט, אַז דאָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דערמיט, וואָס אין דער אַרמיי־גרופּע „צענטער" איז שוין ניט פאַראַן ווו פאַנאַנדערשטעלן די אָנקומענדיקע טיילן...

יאַ, יאַ! זאָל דאָס אײַך ניט כידעשן. פאַר די רוסישע ווערט געגרייט אַ גרויסער סיורפּריז. אינעם פאַטערלאַנד, ווו עס איז געשטאַנען אונדזער דיוויזיִע, האָב איך געזען די נײַסטע טאַנקען „טיגער". זיי נעמט ניט קיין שום געווער.

דובראָווסקי האָט זיך געסטאַרעט פאַרגעדענקען דאָס וויכטיקסטע פון דעם, וואָס דער שיקערלעכער קאַפּיטאַן האָט דערציילט. ערשט שפּעט באַנאַכט האָט דער באַריידעוודיקער אָפּיצער זיך באַרויִקט. געזעגענענדיק זיך מיט דובראָווסקין, האָט ער אים צוגעזאָגט אַרויס־געבן אַ ספּראַווקע, מיט וועלכער ער וועט אָן שום שטערונגען קאָנען גיין קיין דעבאַלצעווע.

אומגעקערט זיך צוריק אין זײַן צימערל, האָט דובראָווסקי, ניט אויסטוענדיק זיך, גע־לייגט זיך לעבן פּיאַטיאַרקינען. ער האָט אָבער נאָך לאַנג ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן, אים

האָבן זיך געבאָמבלט אין קאָפּ די יעדיִעס, וועלכע ער האָט געהערט פונעם קאַפּיטאַן. ליגנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער באַשלאָסן, אַז גלײַך אינדערפרי וועט ער אָפּשיקן דאָס יִינגל אַף צוריק, צו פּאָטאַפּאָוו, מיט די ערשטע יעדיִעס.

אָבער אינדערפרי, ווען ער איז אופגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט ער שוין געהאַט איבערגעטראַכט. צו ווייניק האָט ער דערווײַל אופגעטאָן. דער באַפעל פונעם קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו אויסגעפינען דאָס אָרט פון די אויסשפּיר־אָרגאַנען אין דעבאַלצעווע און אין גאָרלאָווקע איז דערווײַל ניט אויסגעפילט געוואָרן, דעריבער לוינט ניט צו ריזיקירן צוליב צווייפלהאַפטע יעדיִעס, וועלכע מע דאַרף נאָך קאָנטראָלירן.

באַקומען פונעם דײַטשישן קאַפּיטאַן די צוגעזאָגטע דורכלאָז־שײַן, איז דובראָווסקי אַרײַנגעגאַנגען אין קאָמענדאַטור פון מאַלאָיִוואַנאָווקע. דער קאָמענדאַנט איז שוין געווען דאָרט. ער האָט געוווסט, דער יעפרייטאָר, אַז דער דײַטשישער אָפיצער איז זיך באַגאַן מיטן איבערזעצער זייער העפלעך. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך גוטוויליק באַגיין מיט דובראָווסקין. אָן שום דערמאָנונגען האָט ער פאָרגעלייגט דובראָווסקין אַ דורכלאָז־שײַן קיין דעבאַלצעווע.

די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך, ווען דובראָווסקי מיט פּיאַטיאָרקינען האָבן פאַרלאָזט מאַלאָיִוואַנאָווקע און זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג. אין הייך פונעם בלויען, רייִנעם הימל האָט זיך געהערט אַ צוגעשטילטער געהויל פון אַן אייִנזאַמען עראָפּלאַן. די גייער האָבן פאַרהויבן די קעפּ און זיך אײַנגעקוקט אינעם פּוכיקן, שניי־ווײַסן עק פון דער אינווערסיע, אַפן שפּיץ פון וועלכער ס׳האָט אָפּגעגלאַנצט אַ קלייניקער סילועט פון אַן עראָפּלאַן. דער אויסשפּירער איז געפלויגן זייער הויך, לאַנגזאַם האָט ער זיך דערווײַטערט אַף מיזרעך.

— דאָס איז אונדזערער, אוועק אין אויסשפּירונג, — האָט דובראָווסקי טרוימעריש אַרויסגעבראַכט.

— און פאַרוואָס באַשיסן זיי אים ניט?

— ווײַזט אויס, אַז קיין סאַך מיליטער איז דאָ ניטאָ און קיין זעניטקעס האָבן זיי ניט.

ווי אומיסטן האָט פון ערגעץ זיך דערקײַקלט אַ געוודער פון אַרטילעריסטישע זאַלפּן, און באַלד זײַנען אַרום בלאַנקענדיקן עראָפּלאַן געבליבן הענגען רויך־היטלען פון זעניט־אופרײַסן. דער עראָפּלאַן האָט גלײַך געענדערט די ריכטונג זײַנע, באַמיִענדיק זיך אַרויסרײַסן פון די רויך־וואָלקנס. נאָר, ווי אײַנגעגעסענע פליגן, האָבן די רויכלעך זיך נאָכגעיאָגט, זיך אַ לאָז געטאָן אין דער זײַט פונעם עראָפּלאַן.

— שוין זשע וועלן זיי אים אַראָפּקלאַפּן? — האָט פּיאַטיאָרקין זיך געערגערט.

— אַזוינס קאָן אויך געשען.

און דער עראָפּלאַן איז אַלץ געפלויגן און געפלויגן, בײַטנדיק אַלעמאָל די ריכטונג. אינגיכן איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן. בלויז די שיטערגעוואָרענע אינווערסיע האָט איבערגעשניטן דעם בלויען הימל.

איצט, ליגנדיק אַפן קאַלטן צעמענטענעם דיל אין דער קעלער־קאַמערע, האָט דובראָווסקי זיך פּלוצעם דערמאָנט דעם אומבאַשיצטן לופט־אויסשפּירער, וועלכן עס האָבן פון אַלע זײַטן באַשאָסן די דײַטשישע זעניטקעס. „זאָלן זיי שלאָגן, מאַטערן. די דײַטשן האָבן ניט קיין שום באַווײַזן קעגן מיר. מע דאַרף אויסהאַלטן. אויסהאַלטן...‟

לעאָניד האָט זיך דערמאָנט, וויִאַזוי זיי האָבן זיך ביידע, ער מיט פּיאַטיאָרקינען, דערקליבן קיין דעבאַלצעווע, וויִאַזוי זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומגעדרייט איבער די פּוסטע גאַסן. קיין מיליטער האָט מען קימאַט אין דעבאַלצעווע ניט געזען. פאַרבלײַבן דאָרט איז געווען זינלאָז, האָבן זיי זיך געלאָזט קיין גאָרלאָווקע. איבערגענעכטיקט האָבן זיי אין אַ יִישעוו אין אַ פאַמיליע פון סאָוועטישע פּאַטריִאָטן. ביידע שוועסטער, וועלכע האָבן זיי אַרײַנגעלאָזט אַף נאַכטלעגער, האָבן ניט פאַרלייקנט זייער האַס צו די אָקופּאַנטן. אָבער ניט דובראָווסקי, ניט פּיאַטיאָרקין האָבן מיט קיין וואָרט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט וועגן זייערע געפילן. פאַרקערט, לעאָניד האָט געוואָרנט די פרויען, אַז זיי קאָנען שלעכט אָפּשנײַדן פאַר זייערע ניט געהיטע רייד.

באַטאָג, דעם פערטן אַפּרעל, זײַנען זיי שוין געווען אין גאָרלאָווקע. דאָ איז געווען אַ גרויסער אָנגעלאָף פון דײַטשיש מיליטער. די גאַסן און די פּלעצער זײַנען געווען איבערפולט מיט מאַשינעס און אווטאָטראַנספּאָרטיאָרן. אַף דער סטאַנציע האָט מען פון די אָנגעקומענע עשעלאָנען אויסגעלאָדן אַרטילעריסטישע אויסשטאַטונג, טאַנקען, קעסטלעך מיט סנאַריאַדן. אין צענטער פון דער שטאָט, אַף דער טעריטאָריע פונעם קלויסטער, האָבן די אויסשפּירער באַ־

מערקט א גרויסע צאָל פעסער מיט ברענשטאָף, לעבן א צענעריקטער געביידע פון עפּעס א זאוואָד זײַנען אויסגעשטעלט געווען שטאַבעלען מיט סנאַריאַדן און מינעס.

פון גאַרלאָווקע האָבן לעאָניד מיט פּיאַטיאַרקינען זיך געלאָזט קיין מאַקייעווקע, דאָרט האָבן זיי געטראָפן נאָך א גרעסערע קאָנצענטרירונג פון מיליטער. קימאַט אין יעדער שטוב זײַנען געווען דײַטשישע סאָלדאַטן. אין די הויפן און אַף די גאַסן איז געשטאַנען שלאַכט־טעכניק. אַפן ראַנד פון דער שטאָט איז אײַנגעשטאַנען א רוסישע טייל פון פּריווילִיקע.

לאַנג האָבן זיי ארומגעזוכט דעם מעטאַלורגישן זאוואָד, לעבן וועלכן, ווי עס האָט, לויט די יעדיִעס פון פּאַטאַפּאָוון, זיך געדאַרפט געפינען די אויסשפּיר־שול פון די דײַטשן. סאָפּקאָל־סאַף האָבן זיי אַפגעזוכט די שול, געפונען די געביידע פון פּעזשו[1], ווו עס האָט געזאָלט זיך באַזירן די דאָזיקע שול. נאָר די צערויִנירטע געביידע איז געווען פּוסט.

דובראָווסקי האָט באַשלאָסן גיין קיין סטאַלינאָ און קאָדיִעווקע. ער האָט געהאָפט, אַז דאָרט קאָן זיך אים אײַנגעבן אײַנאָרדענען אין איינער פון די דײַטשישע קאָמענדאַטורן. אויב דאָס וועט אים ניט געלינגען, האָט ער באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק קיין מאַלאָיִוואַנאָווקע. דער באַריידעוודיקער קאַפּיטאַן דיטריך, וואָס האָט ארויסגעוויזן אופמערקזאַמקייט צו לעאָנידן, האָט געקאָנט דינען, ווי דובראָווסקין האָט זיך געדאַכט, אלס יענץ פּעדעמל, וואָס זאָל אים ברענגען אַף א שטעלע צו די דײַטשן. מיטפירן מיט זיך פּיאַטיאַרקינען איז געווען גע־פערלעך, און לעאָניד האָט א טראַכט געטאָן וועגן אַפשיקן דאָס יינגל מיט א ראַפּאָרט צו פּאַטאַפּאָוון.

פון מאַקייעווקע אַפן שאָסיי זײַנען זיי ארויסגעגאַנגען צוזאַמען. אויסגעזוכט אין סטעפּ א פּאַראַיאַריקע סקירדע שטרוי, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אהין אַפּרוען. דאָרט האָט דובראָווסקי אָנגעשריבן אַף א שטיקל פּאַפּיר אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן די צונויפגעזאַמלטע יעדיִעס און אליין אײַנגענייט דאָס בלעטל אינעם אונטערשלאַק פון וויקטאָרס אַפּגעטראָגענער קורטקע.

אין אָוונט האָבן זיי אַפן שיידוועג פונעם שליאַך זיך געזעגנט.

זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז אין צוויי וואָכן ארום וועט פּיאַטיאַרקין זיך אומקערן אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע. קומען וועט ער אין דאָרף מאַלאָיִוואַנאָווקע צו די שוועסטער סאַמאַרסקעס, וועלכע צו לעאָניד וועט שוין צו יענער צײַט איבערגעבן ווו ער געפינט זיך, אָדער ער וועט וואַרטן אַף אים, אַף וויקטאָרן, דאָרטן טאַקע.

פאַרן געזעגענען זיך האָט לעאָניד שטאַרק צוגעדריקט צו זיך דאָס יינגל, וועלכס ער האָט פאַר דער צײַט באַוויזן ליב צו באַקומען. ער איז לאַנג געשטאַנען באַ דער זײַט פונעם וועג און געקוקט, ווי עס דערווײַטערט זיך דאָס באַכערל אין דער צעטריפּעטער קורטקע...

אין נײַן טעג ארום האָט דובראָווסקי שוין אָנגעקלאַפּט אינעם פענצטער פון די שוועסטער סאַמאַרסקעס, באַ וועלכע ער האָט באַ א כוידעש צוריק געגעסן מיטן באַריי־דעוודיקן דײַטשישן קאַפּיטאַן. די טיר האָט געעפנט יעוודאָקיִע אַסטאַפּאָוונע. זי האָט דערקענט דובראָווסקין און אים ארײַנגעלאָזט אין שטוב.

— איך בין הײַנט איינע אליין, שרעקלעך געווען אופצועפענען,— האָט זי זיך אנערקענט.

— און ווו איז אהינגעקומען די באַלעבאָסטע?

— אין שטאָט אוועקגעפאָרן, אַפן מאַרק.

ווײַטער איז דובראָווסקי געווירע געוואָרן, אַז דער קאַפּיטאַן דיטריך איז צוזאַמען מיט זײַנע סאָלדאַטן ארויסגעפאָרן פון מאַלאָיִוואַנאָווקע, און דער קאַפּיטאַן־יעפרייטאָר האָט אויך פאַרלאָזט דאָס דאָרף. איצט פירט אָן מיט דער קאָמענדאַטור פון מאַלאָיִוואַנאָווקע עפּעס א לייטענאַנט.

דאָס אלץ האָט יעוודאָקיִע אַסטאַפּאָוונע דערציילט דובראָווסקין, ווען ער האָט אראָפּגע־שלעפּט די שטיוול, פאַנאַנדערגעבונדן די אָנעטשעס, וואָס האָבן אים אָנגעריבן דעם פוס, און די אלטע ווונד האָט זיך אָנגעהויבן יאַטרען. די לעצטע צוויי טעג האָט ער גענומען אונטער־הינקען. יעדער שפּאַן האָט ארויסגערופן א געפּיל פון ווייטעק אינעם פוס. דער בינט און די אָנעטשע זײַנען געווען אין בלוט. דערזען דאָס, האָט יעוודאָקיִע אַסטאַפּאָוונע פאַרגעלייגט אָנוואַרעמען וואַסער און ארומוואַשן די ווונד.

אומדערוואַרט איז אין שטוב ארײַנגעקומען א יונגע פײַנינקע פרוי.

— א גוטן אײַך! — האָט זי געזאָגט און ברויגעזלעך באַטראַכט דובראָווסקין.

— דאָס איז מײַן כאַווערטע, — האָט יעוודאָקיִע אַסטאַפּאָוונע פאָרגעשטעלט די געקומענע.

— און איר ווער זײַט? — האָט יענע געפרעגט.

[1] פאַבריק־זאַוואָד־שול.

— איך בין אַן איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור. כ׳בין אָפּגעשטאַנען פון מײַן טייל, זוך איך זי אַרום.

— ער האָט דאָ געוועכטיקט מיטן דײַטשישן קאַפּיטאַן,— האָט דערקלערט סאַמאַרסקע. די אומבאַקאַנטע האָט נאָך עפּעס געזאָגט דער באַלעבאָסטע און אומגעריכט אַוועקגע־לאָפן, פּונקט אַזוי ווי אומגעריכט זי איז געקומען.

— צום קאָמענדאַנט איז זי אַוועק אַרבעטן, די פינטיפּלישקע,— האָט סאַמאַרסקע בייז אַ זאָג געטאָן.

די וואַסער אין דער קאַסטריולקע האָט שוין געגומען פּאַרזידן, ווען אין שטוב האָבן מיט אַ ראַש זיך אַרײַנגעריסן עטלעכע סאָלדאַטן אין דער שפּיץ מיטן לייטענאַנט. די שטאָלענע רערן פון די אווטאָמאַטן זײַנען אָנגעשטעלט געוואָרן אויף דובראָווסקין.

— אײַערע דאָקומענטן! — האָט פאָדערנדיק אויסגעשריגן דער לייטענאַנט.

— איך בין דער איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור, — האָט לעאַניד געענטפערט אויף אַ ריינער דײַטשישער שפּראַך, אַרויסבאַקומענדיק פון דער קעשענע זײַן דאָ־קומענט און די דורכלאָז־שײַן, וועלכע דער קאַפּיטאַן האָט אים אַרויסגעגעבן.

— דאָס מוז מען נאָך דורכקאָנטראָלירן, — האָט געזאָגט דער לייטענאַנט, באַטראַכטנדיק דאָס צעקנייטשטע און פאַרפלעקטע ביכלעלע, — און איצט מאַרש, איר זײַט אַרעסטירט. דובראָווסקי האָט אַראָפּגעלאָזט די שווער געוואָרענע אויגן־לעפלעך, אַ זיפץ געטאָן:

— איך פאַרהאָף, אַז די מיספאַרשטייעניש וועט אינגיכן אויסגעקלאָרט ווערן. און דער־ווײַל בעט איך מיר דערלויבן איבערבינדן דעם פוס. אַן אַלטע ווונד האָט זיך געעפנט. איר זײַט אַ סאָלדאַט, פאַרשטייט איר גוט, וואָס דאָס איז אַזוינס.

— יאָ, יאָ, נאָר אײַלט זיך צו. איך האָב אָן אײַך געגוג וואָס צו טאָן.

אַן ערעך אין אַ שאָ אַרום איז דובראָווסקי שוין געווען אין אַ פאַרדומפּענעם קעלער, אינעם הויז מיטן בלעכענעם דאַך, ווו פריִער האָט זיך געפונען די דײַטשישע קאָמענדאַטור. פאַר די דרײַ טעג, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, האָט מען אים עטלעכע מאָל אַרויסגע־רופן אויף אַ פאַרהער צום קאָמענדאַנט, נאָר אַלע מאָל האָט ער איבערגעחזרט דאָס זעלבע, אַז ער איז אַן איבערזעצער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור און אַז ער זוכט זײַן טייל, פון וועלכער ער איז אָפּגעשטאַנען בייסן צוריקמאַרש. סאַמאַרסקע האָט אויפן פאַרהער באַשטע־טיקט דאָס זעלבע.

גאָרנישט ניט דערשלאָגן זיך, האָט דער לייטענאַנט אים אָפּגעשיקט אויף אַן אווטאָמאַשין אין ס. ד. פון אַלטשעוווסק. דאָ האָט אַליין דער שעף פון ס. ד., דער מאַיאָר פעלדהאָף, פאַר־הערט דעם אַרעסטירטן, ער האָט זיך באַמיט אַרויסבאַקומען אַן אָנערקענונג פונעם איבער־זעצער, אַז ער איז אַ סאָוועטישער אויסשפּירער. אָבער דובראָווסקי איז באַשטאַנען אויף זײַנעם.

— איך בעט זייער דעם הער מאַיאָר זיך אָנפרעגן אין דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַ־טור. איר קאָנט דאָך גרינגער זיך דערוויסן, ווו איז איצט מײַן טייל.

— לערנט מיך ניט וויאַזוי צו פירן אַ פאַרהער. עפּשער איז טשערנישקאָווער קאָמענדאַ־טור שוין פון לאַנג ניטאָ. גיכער פון אַלץ האָבן די רוסן זי צעשמעטערט, און די סטאַנציע טשיר, ווו איר האָט געדינט אַלס איבערזעצער אינעם לאַגער פון קריגסגעפאַנגענע, געפינט זיך אויף יענער זײַט פונעם פראָנט.

— נאָר איך האָב דאָך אײַך אָנגערופן די פאַמיליע פונעם קאָמענדאַנט, אײַך אויסגעמאָלט זײַן אויסערלערן אויסזען. כ׳האָב אָנגערופן אויך אַנדערע מיטאַרבעטער פון דער טשערנישקאָ־ווער קאָמענדאַטור. שוין זשע איז דאָס קאַרג?

פון מאָל צו מאָל האָט די אײַזערנע ווירע פונעם מאַיאָר זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דובראָווסקיס קאָפּ אַלץ לאַנגזאַמער און אומזיכערער. אָבער דעם לעצטן אינדערפרי איז דער מאַיאָר פעלד־האָף אינגאַנצן משוגע געוואָרן. ווען די צוויי קאָנוואָירן, וואָס האָבן געבראַכט דובראָווסקין צו אים אין קאַבינעט, זײַנען פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— איך וויל ניט פאַטערן אויף אײַך אַזויפיל צײַט. איך בעט אײַך גוט באַטראַכטן, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איר געפינט זיך. אָדער איר אָנערקענט זיך, אַז איר זײַט אַ רוסישער אַגענט, און דעמלט וועט איר אונדז דערציילן, ווער און מיט וואָס פאַראַ צילן האָט אײַך געשיקט אַהער, ווו עס זײַנען דיסלאָצירט די רוסישע מיליטער־טיילן, אין דעם פאַל וואָלטן מיר אײַך געקאָנט פאַרלייגן אַרבעט בײַ אונדז. נאָר אויב איר וועט אָפּלייקענען אַלץ, ווי ביז איצט, דעמלט שרײַב איך אונטער דעם טויט־אורטייל. מע וועט אײַך צעשיסן נאָך הײַנט באַנאַכט.

— הער מאַיאָר, איך האָב ניט וועגן וואָס צו טראַכטן. אָט איז שוין העכער אַ יאָר, ווי איך דין געטרײַ די אידעאַלן פון דעם גרויסן דײַטשלאַנד. איך האָב מיטגעהאָלפן דער דײַטשי־שער קאָמאַנדשאַפט אײַנשטעלן די נײַע אָרדענונג אויף דער ערד, און איצט, אָנשטאָט דאַנק־

באַרקייט, דראָעט איר מיר מיט טויט. וואָס קאָן איך טאָן, האַרגעט, שיסט אײַערע טרײַע דינער, אָבער מיט וועמען וועט איר דעמלט פאַרבלײַבן?

דאָס פּאָנעם פונעם מאַיאָר איז רויט געוואָרן, די אויסגעבוילטע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

— שווײַגן! — האָט ער אויסגעשריגן. ער איז צוגעלאָפן צו דובראָווסקין און מיטן פויסט אים א זעץ געטאָן אין פּאָנעם. לעאָניד איז ניט אומגעפאַלן. פון דער צעשפּאָלטענער ליפּ האָט גענומען פליסן א ריטשקעלע בלוט.

דער מאַיאָר פעלדהאָף האָט אַרײַנגערופן די קאָנוואָירן, וועלכע האָבן לויט זײַן קאָמאַנדע זיך אַרופגעוואָרפן אַף דובראָווסקין. זיי האָבן אים אומראַכמאָנעסדיק געשלאָגן, און ווען ער איז אומגעפאַלן — אים געטאָפּטשעט מיט די פיס. אײנעם קעלער האָבן זיי אים אַרײַנגעשלעפּט, ווען יענער איז געווען אין א צושטאַנד פון אומבאַוווסטזײַן.

געקומען צו־זיך איז ער ניט מיטאַמאָל, פּאַמעלעכן. פון אָנפאַנג האָט זיך אים געדאַכט, לעאָנידן, אז ער איז א קליין יאַטל. די מאַמע האָט זיך אָנגעבויגן איבער זײַן בעטל און געגלעט צאַרט זײַן קאָפּ. דערנאָך האָט זי אַרופגעלייגט אַפן פלאַמענדיקן שטערן א פײַכטן האַנטעך. אַזוי איז עס פאָרגעקומען שוין לאַנג, אין מאָסקווע, ווען ער האָט זיך פאַרקילט אַפן גליטש פון דעם דינאַמאָ־סטאַדיאָן. דעמלט האָט ער באַקומען א לונגען־אָנצינדונג.

— מאַמע! מאַמעלע! — האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוברענגען, נאָר די ליפּן האָבן אַרויסגעלאָזט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען.

דערנאָך האָט ער דערשפּירט עמעצס ריטשקעלעך וואַסער, וואָס זײַנען גערונען איבער זײַן פּאָנעם פונעם האַנטעך, וואָס איז געלעגן אַפן שטערן. פאַר די אויגן איז אַרויסגעשוווּמען אַן אומבאַקאַנטער בערדיקער מאַנצבל, וואָס האָט זיך פאַרבויגן איבער זײַן קאָפּ.

— ווּ בין איך? — האָט שטיל געפרעגט דובראָווסקי.

— ער פרעגט ווּ? פאַרשטייט זיך, אז אין געסטאַפּאָ! — האָט הייזעריק געענטפערט דער אומבאַקאַנטער און אַראָפּגענומען די נאַסע שמאַטע פון לעאָנידס קאָפּ.— אָט ווי מע האָט צעמאַזיקט א מענטשן, מערדער.

ערשט איצט איז לעאָניד געקומען צו־זיך. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, און ער האָט ווייטעקפול גענומען באַקלערן זײַן לאַגע. פונעם לעצטן געשפרעך מיטן מאַיאָר פעלדהאָף האָט ער אַף קיין גוטס ניט געקאָנט וואַרטן.

אַזוי איז פאַרבײַגעגאַנגען קימאַט דער גאַנצער טאָג, דערנאָך א נאַכט און נאָך א טאָג. עמעצן האָט מען אוועקגעפירט און ווידער צוריקגעבראַכט, עמעצער האָט אַף א קאָל געקרעכצט. ווען אײנעם אײינציקן פענצטערל אונטערן סאַמע באַלקן האָט גענומען טונקל ווערן, האָט הינטער דער טיר זיך דערהערט א קלינגערײַ פון שליסל און אין דער געעפנטער טיר האָט מען אויסגעשריגן:

— דובראָווסקי! לעאָניד! צום אַרויסגאַנג מיט די זאַכן!

לעאָניד האָט זיך קוים אופגעשטעלט אַף די אָפּגעשוואַכטע פיס. „דאָס איז געקומען דער מאַלכאַמאָוועס...״ — ער האָט אינערלעך א שמייכל געטאָן. אומגעריכט איז אַפן זינען אים געקומען דאָס וואָרט „מאַלכאַמאָוועס״, און פונקט אַזוי ווי די מאַמע זײַנע פלעגט עס אַרויסזאָגן, אים האָט זיך אַפילע געדוכט, אז ער הערט איר קאָל. ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן נאָך איין געדאַנק: ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס קײינער פון אונדזערע וועט ניט וויסן, וויאַזוי איך בין אומגעקומען. ער האָט אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס און מיט זיכערע טריט זיך געלאָזט צו דער טיר.

מיט די באַקאַנטע טרעפּ האָט מען אים אוועקגעפירט אַף אַרוף, געצווונגען פאַרקערעווען מיטן קאָרידאָר אַף לינקס, און אָט איז ער לעבן קאַבינעט פונעם שעף פון ס. ד. פון דער שטאָט אַלטשעווסק. אײנער פון די קאָנוואָירן איז אַרײַנגעגאַנגען דער ערשטער און אין א ווײַלע אַרום זיך אומגעקערט. ער האָט פונדערגרינג א שטויס געטאָן דובראָווסקין צו דער טיר.

אויסערן מאַיאָר פעלדהאָף האָט אין קאַבינעט זיך געפונען א דאַרער דײַטש אין א שוואַרצן מונדיר פון א געסטאַפּאָוועץ. לעאָניד האָט באַמערקט, אז דאָס פּאָנעם איז בא אים א קלײינינקס, קימאַט א קינדערש פּענעמל, א שראַם פון מאַלענע־קאָליר האָט איבערגעשניטן זײַן שמאָלן שטערן. ער האָט אויך באַמערקט זײַנע לאַנגע האַריקע הענט. „אָט דער וועט שלאָגן־מיימעסן״,— האָט דובראָווסקי א טראַכט געטאָן.

— הער דובראָווסקי! — האָט זיך דערטראָגן א ווייך קאָל.

„שוין זשע איז דאָס די שטים פונעם זעלבן פעלדהאָפן?״ — האָט לעאָניד א דערשטוינטער איבערגעפירט דעם בליק פונעם דאַרן דײַטש אַפן שעף פון ס. ד.

— הער דובראָווסקי, איך בעט אנטשולדיקונג פאר די אומאָנגענעמלעכקייטן, וועלכע איך בין געצווונגען געווען ארויסצוווייזן צו אייך. איך האָב אפּאַנעמעסן געדענקט, אז איך האָב צו טאָן מיט א רוסישן אגענט. יעדנפאלס, אזוי האָט אונדז אינפאָרמירט דער קאָמענדאַנט פון מאלאָזיוואנאָווקע. אָבער איצט בין איך צופרידן, וואָס איך קאָן אייך מעלדן, אז דאָס איז געווען א טאָעס. הײַנט האָבן מיר באקומען אן ענטפער אף אונדזער אָנפראגע. פון די דאָקומענטן איז צו דרינגען, אז איר זײַט ווירקלעך געווען א מיטארבעטער פון דער טשערנישקאָווער קאָמענדאטור. איך אנטשולדיק זיך נאָכאמאָל און בעט אייך אלץ פארגעסן.

דאָס הארץ האָט שטארק געקלאַפּט. לעאָנידן האָט זיך אויסגעדאכט, אז אָט־אָט וועט דאָס ארויספאלן, נאָר קיין איין מוסקול האָט ניט קיין ציטער געטאָן אף זײַן פּאָנעם. ער האָט קיין שמייכל ניט געטאָן, און דער מאַיאָר פעלדהאָף האָט פארגעזעצט:

— די טשערנישקאָווער קאָמענדאטור איז איצט איבערדיסלאָצירט אף אן אנדער פראָנט־באצירק. לויט דער צונויפגערעדטקייט מיט דער קאָמאנדשאפט טרעט איר צו ארבעטן אין דער פעלד־פּאָליציי גפּפּ־721, דער שעף פון וועלכער עס איז דער פּאָליציי־קאָמיסאר מײַסנער, און דער אונטערשטורעמפירערער רונצכײַמער, — דער מאַיאָר האָט מיטן ווונק אָנגעוויזן אפן לאנגן דײַטש, — פירט אָן מיט דער אויסערלעכער קאָמאנדע אין דער שטאָט קאָדזיעווקע. בא אים וועט איר ארבעטן אלס איבערזעצער. איך פארהאָף, הער דובראָווסקי, אז איר וועט באַרעכטיקן אונדזער צוטרוי?

— הער מאַיאָר! איך בין צופרידן, וואָס דער ענטפער אף אײַער אָנפראגע איז געקומען צו דער צײַט. ניין, ניט דער טויט האָט מיך געשראָקן. נאָר איר פארשטייט אליין, ווי באלייריקנדיק עס איז צו באקומען א קויל אין נאקן פון די הענט, וועלכע דו דינסט. איך האלט פולקום אונטער די אידייען פון נאציאָנאל־סאָציאליזם, און איך בין גרייט צו שטארבן, דינענדיק דעם גרויסן דײַטשלאנד.

— אָ, דאָס איז זייער פײַן, הער דובראָווסקי, — האָט זיך ארײַנגעמישט אין געשפרעך דער אונטערשטורעמפירערער, — איר וועט האָבן א מעגלעכקייט צו באווײַזן אײַער איבערגעגעבנקייט. מײַן קאָמאנדע פירט א קאָמפּראָמיסלאָזן קאמף מיט די פארטיזאנישע באנדעס, מיר געפינען אויס און פארניכטן די ייִדן, קאָמוניסטן און זייערע מיטהעלפער. ארבעט איז פאראן גענוג. עס טרעפט, אז אונדז קלעקט ניט קיין צײַט אף אָפּצורוען. אָבער וועגן דעם וועלן מיר שמועסן שפּעטער, ווען איך וועל אייך באקענטמאכן מיט אײַערע פליכטן. און איצט קאָנט איר גיין. מײַן „מערסעדעס“ שטייט באם ארײַנגאנג. ווארט דאָרט אויס אף מיר, איך וועל קומען אין א פּאָר מינוט ארום.

לעאָניד האָט א פרעגנדיקן קוק געטאָן אפן מאַיאָר פעלדהאָפן. יענער האָט באוויליקנדיק א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און אויסגעצויגן די האנט אין א פאשיסטישער באגריסונגס־פּאָזע.

— הײַל היטלער! — האָט דובראָווסקי אויסגעשריגן און זיך אויסגעקערעוועט צו דער טיר.

דער מאַיאָר פעלדהאָף האָט א רוף געטאָן די קאָנוואָירן און זיי באפוילן באגלייטן דובראָווסקין אף דער גאס.

ערשט ווען ער איז ארויס פונעם הויז, ווו עס האָט זיך געפונען די ס. ד., האָט לעאָניד זיך דערלויבט א שמייכל צו טאָן. יאָ, ער האָט א שמייכל געטאָן צו זײַנע געדאנקען, א שמייכל געטאָן, ווײַל ערשט איצט האָט ער זיך דערנעענטערט צום אָנגעמערקטן ציל. עס האָט זיך געשאפן א רעאלע מעגלעכקייט אף אויסצופילן די פארגעבונג פונעם קאפּיטאן פּאָטאפּאָוו.

לעאָניד איז צוגעגאנגען צום גרויען „מערסעדעס“, באם רודער פון וועלכן ס׳איז געזעסן א דײַטשישער סאָלדאט און, פארײַסנדיק דעם קאָפּ, זיך פארקוקט אפן ריינעם הימל. אין דער טונקל־פּיאָלעטער בלאָווקייט האָבן ווו־ניט־ווו זיך באוויזן שטערן.

## 2

דער קאפּיטאן פּאָטאפּאָוו האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און ראשיק אָפּגערוקט דאָס בענקל. אָקאָרשט האָט מען פון זײַן קאבינעט ארויסגעפירט א געפאנגענעם דײַטשישן פעלדפעבעל, וועלכן מ׳האָט פארכאפּט אינעם ראיאָן, ווו דובראָווסקי איז איבערגעגאנגען די פראָנט־ליניע. דער דערשראָקענער היטלעריסט האָט דערציילט אלץ, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן זײַן טייל. ער האָט געטײַנעט, אז אף דעם דאָזיקן באצירק האָבן די דײַטשן שוין לאנג ניט גענומען קיין רוסן אין פּלען. אזוי, אז מ׳האָט געקאָנט האָפן, אז דובראָווסקי מיט פּיאַטיאָרקי־

נען האָבן בעשאָלעם זיך דערקליבן אף דער אָקופּירטער טעריטאָריע. מע האָט זיך געדאַרפט אָנעמען מיט געדולד און וואַרטן...

לויט דער צונויפגערעדטקייט האָט פּיאַטיאָרקין זיך געדאַרפט אומקערן אין צוויי־דרײַ וואָכן ארום, און איצט איז ערשט דורכגעגאַנגען פיר טעג. „דער לייטענאַנט דובראָווסקי איז ניט קיין ייִנגעלע,— האָט פּאַטאַפּאָוו געטראַכט,— עטלעכע כאַדאָשים האָט ער געאַרבעט אף יענער זײַט אין א דײַטשישער קאָמענדאַטור, און אין פעווראַל האָט מען אים אריבערגעוואָרפן איבער דער פראָנט־ליניע, ווו ער האָט עלף טעג ארומגעבלאָנקעט אין הינטערלאַנד פון די דײַטשן און זיך אומגעקערט מיט וויכטיקע ייִדיִעס וועגן קעגנער. ניין, ער וועט זיך ניט פארלירן. און דאָס ייִנגל איז אויך ניט קיין פראָמאַך. ער איז שוין געווען אף יענער זײַט. עמעס, מיט דובראָווסקין איז ער געגאַנגען דאָס ערשטע מאָל. עך, דובראָווסקי, דובראָווסקי... אז ער איז גאָר ניט דובראָווסקי, נאָר ברענער. ליאָווע ברענער איז ער. א מאָסקווער, א קאָמיוגעסט פונעם זעקס־און־דרײַסיקסטן יאָר״...

טראַכטנדיק וועגן ליאָווע ברענערן — דובראָווסקין, איז פּאַטאַפּאָוו צוגעגאַנגען צום טיש, ארויסגערוקט דעם שופלאָד און גענומען פון דאָרט א פארשמאָלצעוועטן קאָנווערט, וועלכן דובראָווסקי האָט געלאָזט אף אָפּצושיקן אהיים. דער קאָנווערט איז געווען ניט קיין פארקלעפּטער. דער קאַפּיטאַן האָט געכאַפּט א בליק אפן זייגער. די ווײַזערס האָבן באַוויזן האַלב איינס, אָבער שלאָפן האָט זיך ניט געוואָלט. דאָס פארהאַנגענע פענצטער האָט אַלעמאָל גענומען ציטערן פון די אופרײַסן פון דער ארטילעריסטישער קאַנאָנאַדע. פּאַטאַפּאָוו האָט מאַשינעל ארויסגעשלעפּט פונעם קאָנווערט די אקוראַט־צונויפגעלייגטע בלעטלעך פּאַפּיר, און דער בליק האָט גענומען לויפן איבער די שורעלעך דריבנע אויסיִעס. געלייענט האָט ער שטיקלעכווײַז, פון פארשיידענע ערטער.

„...9 יול 1942. מע האָט אונדז ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן. קיין אנדער אויסוועג איז ניט געווען, ווי ארויסרײַסן זיך פון דער רינג. ארום צען אזייגער אינדערפרי האָבן מיר באַמערקט באַם דאָרף גוסיעווקע (הינטער נײַ־אַלעקסאַנדראָווסק) א קאָלאָנע. מיר האָבן געקלערט, אז דאָס איז אונדזערע אָפּטרעטנדיקע טייל, און האָבן פאָרגעזעצט באַוועגן זיך פאָרויס. באַם דאָרף רזשעווסק, ווו די וועגן קומען זיך צונויף, האָבן מיר דערזען, אז די דאָזיקע קאָלאָנע, וואָס האָט א שטיק צײַט געשפּאַנט מיטן פאַראַלעלן וועג, איז א דײַטשישע. ווײַטער איז שוין אַלץ פאָרגעקומען בליץ־שנעל.

כ׳ווייס ניט, ווער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו שיסן, נאָר אין עטלעכע מינוט ארום איז דאָס אָרט, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פארוואַנדלט געוואָרן אין א קאָכיקן ווולקאַן. אין שלאַכט זײַנען ארײַנגעטראָטן אַלע האַרמאַטן פון דער 17־טער קעגנטאַנקען־בריגאַדע, וועלכע האָט זיך באַוועגט צוזאַמען מיט אונדזער דיוויזיע. אינגיכן איז פארווונדעט געוואָרן דער מאַיאָר מאַסלאָוו, דער שעף פון דער ארטילעריסטישער דיוויזיע. איך מיט נאָך איין לייטענאַנט און מיטן פעלדשער האָבן אים צוגעשלעפּט צו א קאַנאַווקע און דאָרטן איבערגעבונדן. מיך האָט דער מאַיאָר געשיקט אופזוכן דעם פּאָלקאָווניק, איך זאָל נעמען באַ אים די פּלאַנשעטקע מיט דער קאַרטע. ארום און ארום האָבן שוין געשטעפּט די דײַטשישע קוילנוואַרפער. איך האָב גענומען א גראַנאַטע, א בינאָקל און זיך געלאָזט זוכן דעם פּאָלקאָווניק. דורכן בינאָקל האָב איך פונדערווײַטנס באַמערקט א הײַפעלע אונדזערע קריגסלײַט. כ׳האָב זיך געלאָזט אהין. ווען איך בין שוין געווען פון זיי א מעטער דרײַסיק, האָב איך פּלוצעם דערהערט אַן אויסגעשריי אף דער דײַטשישער שפּראַך: „שטיי!״, „די הענט אין דער הייך!״ פון דער ערד האָבן זיך אופגעהויבן א טשאַטע דײַטשן און זיך אָנגעוואַלגערט אף מיר. איך האָב ארויסגעכאַפּט די לימאָנקע, גענומען שלעפּן דאָס רינגל, נאָר צו מײַן גרויסן אומגליק, טײַערע מאַניוסיע, האָט דאָס רינגל זיך איבערגעבויגן און איך האָב קיין זאַך שוין ניט געקאָנט טאָן... ווי די וועלף האָבן זיי זיך אָנגעוואָרפן אף מיר, אראָפּגעריסן דאָס זייגערל, ארויסגעשלעפּט פון מײַנע קעשענעס דאָס געלט, אראָפּגעריסן פון דער פּילאָטקע דאָס שטערנדל. איינער האָט געכאַפּט דײַנע בריוו און זיי גענומען רײַסן אף פּיצלעך. ווען איך האָב עס דערזען, האָב איך שיר זיך ניט ארופגעוואָרפן אף אים. אָבער איך בין געווען אנטוואָפנט און האָב קיין זאַך ניט געקאָנט טאָן.

אף א געבראָכענעם דײַטש האָב איך גענומען טײַנען, אז איך בין א דײַטש פון פּאָוואָלזשיע. זיי האָבן זיך דערפרייט און מיר באַפוילן, אז איך זאָל איבערנעמען די קאָמאַנדע איבער די קריגסגעפאַנגענע, ווײַל זיי זײַנען מוירעדיק מיד און ווילן כאַפּן א דרעמל.

עמעס, מאַניטשקע, עס קלינגט נאַיִוו, ניט וואָרהאַפטיק, אָבער איך דערצייל דיר אזוי ווי דאָס איז געווען. יאָ, זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, אָבער אופגעשטאַנען זײַנען זיי שוין ניט. מיר, זיבן מענטשן, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אין דער ריכטונג פון דאָרעם־מײַרעוו, צום

דאָן. געגאַנגען זײַנען מיר זיבן נעכט, הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע. אין פינף טעג אַרום זײַ־נען מיט מיר געווען שוין נאָר דרײַען. אויפן זיבעטן טאָג זײַנען די דרײַ אויך געבליבן אין עפּעס אַ דערפל.

אינדערפרי האָב איך זיך דערוווּסט באַ אַ פּויערטע אין פעלד, אַז ביזן דאָן איז עטלעכע קילאָמעטער. איך האָב זיך דערפרייט. הייסט עס, אַז דער ציל איז קימאַט דערגרייכט: פון יענער זײַט דאָן זײַנען אונדזערע. דאָס האַרץ האָט שטאַרק גענומען קלאַפּן. איך וואַרט מיט אומגעדולד, ס'זאָל שוין ווערן נאַכט. נאָר מײַן פרייד האָט לאַנג ניט געדויערט. אינגיכן איז צו דער סקירדע, וווּ איך האָב זיך פאַרשטעקט, אָנגעפלויגן אַ דײַטשישער רײַטער. ער האָט מיך באַמערקט און אָנגעשטעלט אויף מיר זײַן אויטאָמאַט. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע מאַטערנישן אין די פאַרעסילנע לאַגערן..."

פּאַטאַפּאָוו האָט איבערגעמישט אַ זײַטל און ווײַטער געלייענט:

„מ'האָט מיך אוועקגעשיקט אין עפּעס אַ לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ וואַלד. דאָס איז געווען דעם 21 יול. אַרום — אַ פינצטערניש, כאָטש שטעך אויס אַן אויג...

...דאָ בין איך געווען דרײַ מעסלעס. אויפן פערטן טאָג איז געקומען אַ פעלדפעבעל און גע־פרעגט, ווער עס באַהערשט די דײַטשישע שפּראַך. איך בין אויפגעשטאַנען און מיט אַ שוואַך קאָל געמאָלדן, אַז איך קען דײַטש.

...איך האָב אים דערקלערט, אַז איך בין אַן אָפיצער, אַ ווײַסרוס, און אַז דײַטש האָב איך זיך געלערנט אין מאָסקווע אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אַז אין דער רוסישער אַרמיי האָב איך געדינט אַלס איבערזעצער... ער האָט מיך אוועקגעפירט צו אַ דײַטשישן אָפיצער. יענער האָט מיך לאַנג אויסגעפרעגט: ווער בין איך, פונוואַנען, ווער זײַנען מײַנע עלטערן... איך האָב געמוזט דערציילן וועגן מײַן טאַטן דעם פּאַרטיזאַנער, וואָס איז אומגעקומען אין די שלאַכטן קעגן די ווײַספּאָליאַקן, אַז ער איז אַ קאָרבן פונעם קאָמוניסטישן טעראָר. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל ניט אויף לעבן, נאָר אויף טויט. דעם דײַטשישן אָפיצער איז געפעלן געוואָרן מײַן ריינע דײַטשישע שפּראַך, און ער האָט באַשלאָסן מיך שיקן אויף דער קיך פון די קריגס־געפאַנגענע.

...19 נאָיאַבער 1942 יאָר. עס גייען די טעג. אינגיכן וועט מען אונדז אָפּשיקן פונדאַנען. וואָס טוט מען? אַנטלויפן? עטלעכע קריגסגעפאַנגענע זײַנען געלאָפן, נאָר מע האָט זיי אָבער געכאַפּט. דער קאָפּ וואַרט צעשפּאָלטן פון טראַכטענישן. און מיט וועמען זיך האַלטן אַן אייצע, איז ניטאָ. די נערוון זײַנען אָנגעצויגן אַזוי, אַז אָט־אָט וועלן זיי, דאַכט זיך, פּלאַצן..."

„...21 נאָיאַבער 1942 יאָר. אונדזערע גרײַפן אָן. דאָ הערשט אַ שרעקלעכע פּאַניק. די קריגסגעפאַנגענע פון אַנדערע לאַגערן האָט מען עוואַקויִרט. מע הערט שוין אַן אַרטילעריס־טישע שיסערײַ. אונדזערע זײַנען נאָענט. אין טשיר טיילט מען פאַנאַנדער די פּראָדוקטן פון די שפּײַכלערס. דאָס באַטײַט, אַז די דײַטשן האָבן ניט קיין האָפענונג דאָ צו בלײַבן. איינס איז אָבער שרעקלעך — דער קאָמענדאַנט לאָזט מיך ניט אָפּ אויף קיין שפּאַן..."

„...25 נאָיאַבער. טײַערע מײַנע, אַלץ איז זייער קאָמפּליצירט. שוין צוויי טעג, ווי איך בין אַנטלאָפן פון דער קאָמענדאַטור, נאָר דער פּרווו אַריבערצוגיין צו אונדזערע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. מע האָט אונדז אומגעקערט צוריק. איך האָב זיך, ווי דאָס איז שוין געווען, פאַרענטפערט מיט דעם, אַז איך בין אַן איבערזעצער, אַז איך זוך מײַן קאָמענדאַטור. איך האָב באַקומען אַ מאַרשרוט, וווהין איך דאַרף זיך לאָזן (אין דער זײַט פון ראָסטאָוו). אָבער איך פּרווו נאָך אַלץ פאַרבלײַבן אינעם זעלבן דאָרף. אונדזערע זײַנען דאָך זייער נאָענט..."

פּאַטאַפּאָוו האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן לעצטן זײַטל. אַ גוטער שמייכל האָט זיך אויסגע־לייגט אויף זײַן גאַנצן פּאָנעם. ער האָט איבערגעלייענט:

„ברענער לעוו מאָיסייעוויטש. געבוירן אין 1920 יאָר, אין מאָזיר, פאַרענדיקט דעם מילי־טערישן פאַקולטעט פון אויסלענדישע שפּראַכן באַם צווייטן מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטי־טוט. מײַן אַדרעס: מאָסקווע 10. 2־טער גראַכאָלסקי דורכפאָר, הויז 8, קוואַרטיר 3.

דער אַדרעס פון מײַן כאַווערטע: מאָסקווע 10. 2־טער גראַכאָלסקי דורכפאָר, הויז 6, קוואַר־טיר 3. לעווינאַ מאַריִע יעפימאָוונע.

דער דאָזיקער טאָגבוך איז געשריבן פאַר איר. איר האָב איך אים געווידמעט.

פּ. ס. מאַמע, אויב איך וועל אומקומען, וועלן קיין טרערן אין די אויגן מיר ניט שטיין. דו מעגסט זיך גרויסן מיט דײַן זון, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן וועג פון זײַן פאָטער דעם פּאַרטיזאַנער. לעב גליקלעך. איך קוש דיך. דײַן לייב".

דאָס לעצטע זײַטל איז געשריבן געווען מיט גרויסע אויסיִעס און מיט אַ געענדערטן פרײַען האַנטשריפט. דער קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו האָט אַ פיר געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן פאַרשוויצטן שטערן. לייענענדיק זײַטל נאָך זײַטל, האָט ער געטראַכט, אַז מע דאַרף וואָס

גיכער אָפּשיקן דעם טאָגבוך דער אומבאַוווסטער מאַריִע. אָבער דערנאָך האָט ער איבערגע־טראַכט. ער האָט געגלייבט, אַז לעאָניד דובראָווסקי וועט אויספּילן די פאַרגעבונג פון דער קאָמאַנדשאַפט און בעשאָלעם זיך אומקערן צוריק. „זאָל ער אַליין געבן צו וויסן וועגן זיך, אַנדערש קאָנען נאָך די אייגענע מיינען, אַז ער איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע".

פּאָטאַפּאָוו האָט אַרײַנגעלייגט דעם קאָנווערט אין טיש־קעסטל. עס פאַרשלאָסן, אָבער דאָך ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן דובראָווסקין. שוין אָפן געלעגער, מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט פּאָטאַפּאָוו זיך דערמאָנט, ווי ערעוו דעם נײַ־יאָר, ווען אונדזער אַרמיי האָט באַפרײַט די סטאַנציע טשערנישקאָווא, האָט מען צו אים געבראַכט אַ הויכן יונגנמאַן אין אַ דײַטשישער פאָרמע. אין זײַנע דאָקומענטן איז געווען אָנגעוויזן, אַז ער הייסט לעאָניד דובראָווסקי, אַז אַליין איז ער אַ ווײַסרוס און אַז ער דינט אַלס איבערזעצער אין דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור. אָפן פאַרהער האָט ער אָבער באַוויזן, אַז די דאָזיקע פאַמיליע איז אָן אויסגע־טראַכטע, אײַנדערעמעסן איז ער אַ מאָסקווער קאָמיוגיסט און הייסן הייסט ער לעוו מאַיִסייע־וויטש ברענער, אַז ער איז אַ לייטענאַנט פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין דער אַרומרינגלונג פון די דײַטשן.

ער האָט אופריכטיק און איבערצײַגעוודיק אויסגעדערציילט זײַן געשיכטע און איבערגע־געבן דער קאָמאַנדשאַפט אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן קעגנער. שפּעטער איז באַשלאָסן גע־וואָרן אויסנוצן אים אַלס אויסשפּירער. פון אָנפאַנג האָט מען דובראָווסקין איבערגעוואָרפן אין הינטערלאַנד פון די דײַטשן אינעם ראַיאָן פון דער סטאַנציע טאַצינסקאַיאַ. פון דאָרטן האָט ער זיך אומגעקערט מיט אויסערסט וויכטיקע ידיעות. אָט דעמלט איז אופגעקומען דער געדאַנק אים אַרײַנשיקן אין וועלכן־ניט־איז אויסשפּיר־אָרגאַן פון דער פאַשיסטישער אַרמיי.

פון יענער נאַכט, ווען לעאָניד דובראָווסקי מיט וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען זײַנען פאַר־שווונדן געוואָרן אין דער געדיכטער כאַשכעס, האָט פּאָטאַפּאָוו אָפט געטראַכט וועגן זיי, אין דימיען האָט ער געשפּאַנט מיט זיי איבער די באַקאַנטע וועגן פון לוגאַנסקער געגנט, אַרײַנ־געגאַנגען מיט זיי אין באַפעלקערטע פּונקטן, צענעריקטע פון דער מילכאָמע. אָפט האָט זיך אים געדאַכט, אַז באַלד וועט זיך עפענען די טיר און אין קאַבינעט וועט אַרײַנקומען וויקטאָר פּיאַטיאָרקין. אַזוי איז שוין איינמאָל געווען. דעמאָלט האָט די לערערקע וואַלענטינאַ פּלאַטאָ־נאָוונאַ סטעצענקאָ, וואָס איז געבליבן אין הינטערלאַנד אויף אונטערערדישער אַרבעט, געשיקט צו אים איר שילער וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען דורכן פראָנט.

וויקטאָר האָט געבראַכט אַ גענויע באַשרײַבונג פון די פײַנטלעכע פאַרפעסטיקונגען אי־נעם ראַיאָן פון לוגאַנסק, ידיעות וועגן דער דיסלאָקאַציע פונעם דײַטשישן מיליטער, וועלכע עס האָט צונויפגעזאַמלט דער אונטערערדישער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי. אָט די ידיעות האָבן מיטגעהאָלפן דעם סאָוועטישן מיליטער צעגראָמירן די גרופּירונג פונעם קעגנער אינעם דאָזיקן ראַיאָן.

ווען ס׳איז אופגעקומען די פראַגע וועגן אַ פאַרבינדלער פאַר דובראָווסקין, איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען. דער קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו האָט אַליין פאָרגע־לייגט די דאָזיקע קאַנדידאַטור, און איצט האָט ער מער פון אַלעמען זיך באַאומרויִקט פאַרן באָכער.

ס׳איז שוין אַדורך העכער צוויי וואָכן, און פון דובראָווסקין איז נאָך ניט געווען קיין שום ידיִע. דעם אַכצנטן אַפּרעל האָט מען דורכן טעלעפאָן צו וויסן געגעבן דעם קאַפּיטאַן פּאָטאַ־פּאָוון, אַז די שלאַכטלײַט פון איינער אַ פאָדערשטער טייל האָבן אָפן נייטראַלן פעלד־פּאַס געפונען אַ פאַרוווּנדעטן יינגל, ער האָט געמאָלדן, אַז זײַן פאַמיליע איז איוואַנאָוו און געקומען איז ער פון באָריסאָוון.

— די וווּנד איז אַ געפערלעכע? — האָט מיט אַ דערשראָקן קאָל געפרעגט פּאָטאַפּאָוו.

— מיר איז דאָס ניט באַוווּסט, — האָט מען געענטפערט אין טרײַבל, — מע האָט אים אָפּ־געפירט אין מעדסאַנבאַט, קלינגט אָן אַהין.

— וואָס פאַר אַ קלינגען, כ׳וועל אַליין אַהין פאָרן.

אוועקגעוואָרפן דאָס טרײַבל, האָט פּאָטאַפּאָוו געכאַפּט אויף זיך די שינעל און אַרויסגע־לאָפן פון קאַבינעט. אין צוויי שאָ אַרום איז ער שוין צוגעפאָרן צום מעדסאַנבאַט. דער הויפּט־דאָקטער האָט באַרויִקט דעם קאַפּיטאַן. די וווּנד איז געווען ניט קיין געפערלעכע, די קויל האָט ניט אָנגערירט דעם ביין. זי איז דורכגעגאַנגען אין די ווייכע געוועבן העכער דער קני.

מ׳האָט פּאָטאַפּאָוון אוועקגעפירט אין איינער פון די שטיבער, ווו עס זײַנען געלעגן די פאַרווונדעטע. אין אויסגעדאַרטער און אַ בלאַסער איז וויקטאָר פּיאַטיאָרקין געלעגן אויף אַ בעטל לעבן פענצטער. אַ שמייכל האָט דורכגעשוועבט איבער זײַן פּאָנעם, ווען ער האָט דערזען דעם קאַפּיטאַן. די אויגן האָבן פריידיק אַ גלאַנץ געטאָן.

— נו, וו:אזוי האָסטו זיך דערקליבן, אויסשפּירער? — האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן, צו־זעצנדיק זיך אַף אַ טאַבורעט לעבן בעטל. ער האָט אַ גלעט געטאָן דאָס ייִנגל איבערן קאָפּ.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. אַף דער נייטראַלער האָט עס מיך פאַרטשעפּעט. איך בין שוין צוגעקראָכן צו אונדזערע, ווען די סוואָלאָטשעס האָבן אָנגעהויבן שיסן. נו, האָבן זיי מיך אַ צאַראַפּע געטאָן.

לויטן טאָן און לויט דעם, וו:אַזוי פּיאַטיאָרקין האָט נאָכלעסיק דערציילט די געשיכטע, האָט פאַטאַפאָוו פאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען פרעמדע ווערטער, דאָס ייִנגל האָט זיי געהערט פון דערוואַקסענע.

— נו, און לעאָניד, וואָס מאַכט ער? ווען ביסטו פון אים אַוועקגעגאַנגען?

— פיר טעג צוריק, לעבן דעבאַלצעווע האָבן מיר זיך געזעגנט. דאָ האָט מען צוגענומען בא מיר די קורטקע. הייסט, מע זאָל זי ברענגען, דאָרט אין אונטערשלאַק איז פאַרנייט אַ ראַפּאָרט פאַר אײַך.

די מעדשוועסטער, וואָס האָט באַגלייט דעם קאַפּיטאַן צום כוילע, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויספילן די פאַראָרדענונג.

— מאַלאַדיעץ, וויקטאָר, וואָס דו האָסט זיך דערקליבן. און איצט דאַרף מען איבערליגן אַ צײַט.

— לאַנג ליגן קאָן איך ניט, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. אין צען טעג אַרום דאַרף איך זײַן אין מאַלאָ:יוואַנאָווקע. אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט מיט באָריסאָוון.

— מיט וועלכן באָריסאָוון? — האָט פאַטאַפאָוו זיך פאַרכידעשט.

פּיאַטיאָרקין האָט אַ ווונק געטאָן צום שכייניש בעטל און קימאַט שעפּטשענדיק אַרויס־געבראַכט:

— מיט לעאָניד באָריסאָוון, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש.

— אַ, נו יאָ, אַוואַדע, אַוואַדע. נאָר ווער ווייסט, צי דו וועסט שוין דעמלט זײַן געזונט. אָבער ערגער זיך ניט, מירן געפינען מיט וועמען דיך פאַרבײַטן...

— ניין... וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז בא יונגע ווערט גיך פאַרוואַקסן. ער האָט צוגעזאָגט מיך אָפּלאָזן אין עטלעכע טעג אַרום.

— ביטע! — האָט די פאַרויטלטע מעדשוועסטער דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן פּיאַטיאָרקינס צעפליקטע קורטקע. — כ'בין פונקט געקומען צו דער צײַט, נאָך אַ ביסל וואָלט מען זי אָפּגע־שיקט אין דעזינפעקציע.

דער קאַפּיטאַן האָט פאָרזיכטיק גענומען די קורטקע, אַרומגעטאַפּט זי און דערנאָך זי דערלאַנגט וויקטאָרן:

— וווּ?

— אָט דאָ טרענט פאַנאַנדער, — האָט יענער אָנגעוויזן אַף דער לינקער פּאָלע.

פאַטאַפאָוו האָט מיט זײַן קעשענע־מעסערל אַקוראַט איבערגעשניטן די פעדעם און אַרויס־באַקומען פונעם אונטערשלאַק דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

— דאָ איז אַלץ גענוי באַשריבן, — האָט מיט שטאָלץ געזאָגט דאָס באָכערל, — אַף קיין אַרבעט האָט דער פעטער ליאָניע זיך נאָך ניט אײַנגעאָרדנט. ער האָט געזאָגט, אַז עפּשער אין סטאַלינאָ.

— גוט, גוט! דו רו אָפּ און פאַריכט זיך דערווײַל. איך וועל געבן אַ פאַראָרדענונג, מע זאָל דיך איבערפירן אין אונדזער פראָנט־סאַנאַטאָריע. איך וועל דאָרט זײַן גאָר נאָענט. אָט דעמלט וועלן מיר שמועסן וועגן אַלץ. דו ביסט מאַסקים?

— וואָס איז דאָ צו פרעגן? אויב מע דאַרף, זאָל זײַן אַזוי. איך האָב פאַר דער סאַנאַטאָריע קיין מוירע ניט.

— און פאַרוואָס דאַרפסטו מוירע האָבן? — האָט פאַטאַפאָוו זיך פאַרכידעשט, ער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דאָס ייִנגל הערט צום ערשטן מאָל דאָס דאָזיקע וואָרט. וויקטאָר האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן.

— ס'טוט וויי? — האָט דער קאַפּיטאַן זיך גענומען ערגערן.

— ניין, ס'איז אַ ביסעלע צוגעקלעפּט... — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך גע־פרעגט:

— און אין סאַנאַטאָריע וואָס וועט מען מיר טאָן?

פאַטאַפאָוו און די מעדשוועסטער האָבן זיך צעלאַכט.

— גאָרניט. מע וועט געבן עסן, טרינקען. מע וועט דאָרט ווײַזן קינאָ. אויב מע וועט דאַרפן, וועט מען איבערבינדן די וווּנד. דאָרט רוט מען אָפּ.

וויקטאָר האָט פּריי אָפּגעאָטעמט. א קוים מערקבאַרער שמייכל האָט באַריַרט זיַין פּאָנעם. פּאַטאַפּאָוו איז אופגעשטאַנען און דערלאַנגט די האַנט דעם ייִנגל.

— נו, א דאַנק דיר, כאָווער פּיאַטיאָרקין. די קאָמאַנדשאַפט פון דער דריטער גוואַרדייִ־שער אַרמיי דריקט דיר אויס איר דאַנקבאַרקייט,— האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן מיט אַן אָפּ־ציִילן טאָן און דערנאָך שוין צוגעגעבן: — אַלע וואָרטן מיר, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער גע־זונט ווערן. אַרבעט איז פאַראַן גענוג. אונדזער ערד דאַרפן מיר באַפריַיען פונעם דיַיטש, און די קאָמאַנדשאַפט רעכנט אויס אויך אױף דיַין הילף.

— איך וועל גיך, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. כ'וועל דאָס מאַכן גיך.— די אויגן באַם ייִנגל האָבן א פינקל געטאָן, און דער קאַפּיטאַן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָט זיך ווידער צוגעזעצט לעבן בעט.

— זאָג מיר נאָר, וויקטאָר, ווו האָט איר זיך צונויפגערעדט מיט לעאָנידן באַגעגענען?

— איך דאַרף קומען אין מאַלאָיוואַנאָווקע...

— און דאָרט, אין מאַלאָיוואַנאָווקע, בא וועמען?

וויקטאָר האָט גענוי דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן די שוועסטער סאַמאַרס־קעס, אויסגעמאָלט, ווו עס געפינט זיך זייער הויז.

— אויב באָריסאָוו וועט דאָרט ניט זיַין,— האָט ער פאַרענדיקט,— וועלן דעמלט אָט די סאַמאַרסקעס זאָגן, ווו ער געפינט זיך. ער וועט זיי אומבאַדינגט געבן צו וויסן.

ווען דער קאַפּיטאַן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אין דער פּאַלאַטע זיך אַלע מאָל באַוויזן אַן אַנדער מעדיציַנישע שוועסטער, וואָס האָט געוואָלט א קוק טאָן אפן קליינינקן אויסשפּירער.

# 3

א זשוואוער „מערסעדעס", א באַדעקטער מיט געל־גרויע פּלעקן, האָט זיך געיַילט איבערן שליאַך אין דער ריכטונג פון קאַדיִעווקע. דער שאָפער מיט פּאָגאָנעס פון א יעפרייטאָר האָט די גאַנצע ציַיט געדרייט דעם רודער, אויסמיַידנדיק די גריבער, וועלכע זיַינען פול געווען מיט שיטערער בלאָטע. א פרילינגדיקער גוסרעגן האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן סטעפּ נאָך קאַיאַר, פאַרן טאָג האָבן די זון מיטן ווינט אָפּגעטאָן זייער אַרבעט, און פאַרנאַכט־צו איז דער וועג שוין געווען א טרוקענער. בלויז אין באַזונדערע ערטער זיַינען נאָך געשטאַנען קאַליר־זשעס.

די שאָפערן פון די אַנטקעגנקומענדיקע לאַסטמאַשינעס האָבן שאַרף טאָרמאָזירט, ווי נאָר זיי האָבן דערזען דעם „מערסעדעס", קעדיי אים ניט באַשפּריצן, — עס קאָן זיך דאָך מאַכן, אַז אין דער מאַשין זיצן הויכגעשטעלטע לײַט. אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך אויסגעגליַיכט מיט אים, האָבן זיי מיט א געהויל זיך דורכגעטראָגן פאַרביַי, איבערלאָזנדיק א שאַרפן גערוך פון סאָליאַרקע.

דאָך האָט איינער א שאָפער ניט אומיסטן פאַרגיכערט דעם גאַנג גראָד אין דעם מאָמענט, ווען דער „מערסעדעס" איז אים געקומען אַנטקעגן, און אים פאַרליאַפּעט מיט א גאַנצן שטראָם פון קלעפּיקער שיטערער בלאָטע. דורכן פאַרשפּריצטן גלאָז זיַינען אינגאַנצן אָפּגעמעקט גע־וואָרן די קאָנטורן פונעם וועג. דער יעפרייטאָר האָט אַפּגיך פאַרטאָרמאָזירט די מאַשין.

— דאָנערוועטער! — האָט בייז אַרויסגעבראַכט דער אונטערשטורמפירער רונצכיַימער, וועלכער האָט דעם גאַנצן וועג ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אפן הינטערשטן ווענטל פונעם „מערסעדעס" און האָט ווי געדרעמלט. אַזוי האָט יעדנפאַלס געמיינט דובראָווסקי, וואָס איז געזעסן, לויט דער אָנוויַיזונג פון רונצכיַימערן, באַנאַנד מיטן שאָפער. ס'איז שוין אַדורך העכער פערציק מינוט, זינט דער „מערסעדעס" האָט זיך געלאָזט פון דער אַלטשעווסקער געפאַרלאָזיקייט־דינסט אין וועג אַריַין. די גאַנצע ציַיט האָט זיך דובראָוו־סקין געוואָלט אויסקערעווען און א קוק געבן אפן אונטערשטורמפירער רונצכיַימער, א קוק טאָן אים גליַיך אין די אויגן, און כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, דובראָווסקי, אַז אין דער פינצטערניש וועט ער סיַיווי ניט קאָנען זען דעם אויסדרוק פון זיַין ניַיעם שעף, האָט אים דער דאָזיקער געדאַנק דאָך פאַרפאָלגט.

ער האָט אָנגעשטרענגט זיַין גאַנצן ווילן און זיך געצוווּנגען קוקן נאָר פאָרויס. ציַיטנוויַיז האָט זיך דובראָווסקין געדאַכט, אַז ער פילט דעם דורכדרינגענדיקן בליק פונעם שעף בא זיך אפן נאַקן, און דעמלט איז דער פאַרלאַנג זיך אויסקערעווען אױף צוריק געוואָרן נאָך שטאַרקער.

רונצכײַמער האָט געשוויגן און קימאַט זיך ניט באַוועגט. זײַן רעגלמעסיקער אָטעם האָט זיך דערטראָגן צו דובראָווסקיס אָנגעשפּיצטן געהער. ער האָט געוואַרט, אַז דער אונטער־שטורעמפירער זאָל אַליין אָנהייבן ריידן, דעמלט וועט ער זיך קאָנען אויסקערעווען צו אים.

„עפּשער איז ער אַנשלאָפן געוואָרן?" — האָט זיך דורכגעטראָגן אין געדאַנק. נאָר אין דעם מאָמענט האָט דובראָווסקי דערהערט דעם בייזן אויסגעשריי „דאָנערוועטער". דובראָווסקי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען דעם ניט־גרויסן פליך אויף רונצכײַמערס קאָפּ. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט מען ניט געזען. אַ צונויפגעדרייטער אינדרײַען, האָט דער אונטערשטורעמפירער עפּעס געזוכט אויפן דיל. באַלד האָט דובראָווסקי זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען. איבער דעם, וואָס די מאַשין האָט זיך אַזוי פּלוצעם אָפּגעשטעלט, האָט דאָס שיינע הויכע היטל זיך ניט אײַנגעהאַלטן אויפן קאָפּ פונעם אונטערשטורעמפירער.

דער שאָפער האָט אופגעעפנט דאָס טירל. אויפן סופיט פון דער קאַבינע האָט זיך אָנגעצונדן דאָס לעמפּעלע. איצט האָט דובראָווסקי דערזען דאָס רויט געוואָרענע פּאָנעם פונעם שעף. אויפן שטערן איז נאָך שאַרפער אַרויסגעטראָטן דער שראַם — אַ צייכן פון אַן אַלטער ווונד. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער אונטערשטורעמפירער וועט אָט־אָט זיך אַרופוואַרפן אויפן יעפרייטאָר. נאָר יענער האָט שוין באַוויזן אַרויס פון דער קאַבינע און געשיקט שטעלן זיך ווישן דאָס גלאָז.

— דאָנערוועטער! — האָט שוין אַ ביסל רויִקער איבערגעכאַזערט רונצכײַמער און אומגע־ריכט אַ שמייכל געטאָן. — ווען איך זאָל געווען זיצן פון פאָרנט, וואָלט עס ניט געשען.

„דערלויבט מיר זיצן פון הינטן", — האָט שיר ניט אַ זאָג געטאָן דובראָווסקי. נאָר אויך דאָס מאָל האָט ער זיך באַצײַטנס אָפּגעהאַלטן, ער האָט בלויז מיטפילנדיק אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

דער אונטערשטורעמפירער האָט ווי אונטערגעהערט זײַן געדאַנק. ער איז אַרויס פון דער מאַשין און פאַרגעלייגט דובראָווסקין זיך בײַטן מיט די ערטער.

דובראָווסקי איז געווען אויפן זיבעטן הימל. אַ גרויסע פרייד האָט איבערפולט זײַן האַרץ. קעדיי ניט אויסגעבן זײַן אומרו, האָט ער זיך אַרײַנגערוקט מיט דער פּלייצע אינעם הינטערשטן ווענטל. ער האָט דערפילט אַ ווייטעק פון די ניט פאַרהיילטע שראַמען — סימאָנים פון די שמיץ בייס די פאַרהערן. נאָר ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צום ווענטל. אָט איצט האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז די דײַטשן גלייבן אים, אַנדערש וואָלט דער אונטערשטורעמפּי־רער רונצכײַמער אים קיינמאָל ניט אונטערגעשטעלט זײַן האַלדז־און־נאַקן. ביזן לעצטן מאָ־מענט האָט דובראָווסקי געהאַלטן, אַז אַלע אַנטשולדיקונגס־ווערטער פון פעלדהאַפן, אפילע דאָס, וואָס מע האָט אים געשטעלט אַלס איבערזעצער צו רונצכײַמערן, איז אַ שפּיצל פון דער געסטאַפּאָ, נאָך איין פּרווו אויף קאָנטראָלירן אים.

איצט איז שוין קיין צווייפל ניט געווען. ער האָט אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זײַן גורל, און אַזויאַרום באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסצופילן די וויכטיקע שלאַכט־פאַרגעבונג פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט. לעאָניד האָט אַראָפּגעלאָזט די שווער געוואָרענע אויגן־לעפלעך. צוזאַמען מיט די פּיאָלעט־בלאָווע קרײַזן זײַנען אופגעשווו־מען פאַר זײַנע אויגן די ליבע און אייגענע. די גוטע, שטילע אויגן פון דער מאַמען, די שמייכ־לענדיקע פּנעמער פון די ייִנגערע ברידער.

לעאָניד האָט געוווּסט, אַז ביידע ברידער זײַנע זײַנען געוואָרן טאַנקיסטן און אַז זיי קעמפן ערגעץ אויפן צענטראַלן פראָנט, נאָר ער האָט בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן זײַנע ברידערלעך אין אַ מיליטערישער פאָרמע, אין דער קאַבינע פון אַ טאַנק. פאַר אים זײַנען זיי געווען ייִנגלעך, נאָך וועלכע מ׳האָט געדאַרפט נאָכקוקן אויף שריט און טריט. דערמאָנט זיך וועגן די ברידער, איז אויפן זינען גלײַך געקומען פּיאַטאַרקין. שוין זשע איז ער אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן? „שוין זשע איז ער ניט דערגאַנגען צו פּאַטאַפּאָוון? ווער זשע וועט איבערגעבן די יעדיִעס? אויב קיין פאַרבינדונג וועט ניט זײַן — האָט מײַן אַרבעט קיין גראָשן ניט די ווערט... מע וועט דאַרפן דאָ זוכן סאָוועטישע פּאַטריאָטן, געפינען מיטהעלפער, אַנדערש האָט עס קיין זינען ניט. איינער איז קיינער".

— הער דובראָווסקי! — האָט רונצכײַמער איבערגעריסן זײַנע געדאַנקען. — איר זײַט אַ רוסישער, אויסגעוואַקסן אין רוסלאַנד, דאַרפט איר גוט וויסן דעם כאַראַקטער פון אײַערע מענטשן. דערקלערט מיר, פאַרוואָס ווײַזן די רוסישע אַרויס אַן אומזיניקן ווידערשטאַנד. זיי האָבן דאָך שוין פאַרשפּילט די מילכאָמע? שוין זשע האָט דער צײַטווײַליקער דורכפאַל פון די דײַטשן בא דער וואָלגע זיי אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ! דאָס איז דאָך ניט דער זיג פונעם רוסישן געווער, נאָר פונעם רוסישן ווינטער, וועלכן אונדזערע סאָלדאַטן טראָגן שלעכט אַרי־בער. אַזוי איז פאָרגעקומען הינטער מאָסקווע, אַזוי אויך הינטער סטאַלינגראַד. נאָר ווי באַ־

ווּסט, קומט נאָכן ווינטער ווידער דער זומער, און אונדזער אַרמיי וועט ווידעראַמאָל קומען צו די ווענט פון מאָסקווע און דערנאָך צו דער וואָלגע. איז צוליב וואָס באַדאַרף מען איבערייַקע קאָרבאַנעס? — רונצכײַמער איז שטיל געבליבן און זיך עטוואָס אויסגעקערעוועט צו דובראַווסקין.

לעאַניד האָט א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך געענטפערט:

— איר זײַט גערעכט, הער אונטערשטורעמפּיורער, פיל האָבן דאָס שוין פאַרשטאַנען, און זיי גיבן זיך גערן איבער אין געפענקעניש. עמעס, פאַר אייניקע איז עס אויסגעשלאָסן — זיי זײַנען קאָמוניסטן, און קאָמוניסטן דערשיסט איר. דעריבער בלײַבט זיי נאָר אײנס — זיך קעגנשטעלן. נאָר איך קלער, אז סטאַלינגראַד איז דער לעצטער פּלאַצדאַרם פון דער סאָוועטישער אַרמיי. דערבײַ האָבן אונדז שטאַרק אונטערגעפירט די איטאַליענער. ווען זיי וואָלטן זיך ניט צעלאָפן, וואָלטן מיר איצט געווען אַף די ברעגן פון דער וואָלגע... ניט עמעס?

— יאָ, מעגלעך, אז איר זײַט גערעכט. נאָר איר האָט ניט פּינקטלעך פאַרשטאַנען מײַן פראַגע. מיך אינטערעסירט דער ווידערשטאַנד פון די רוסישע ניט דאָרט, אַף יענער זײַט פראָנטליניע, נאָר דאָ — אין טיל פון אונדזער מיליטער. יאָ־יאָ, דאָ, ווו דעם פּיורערס סאָלדאַטן האָבן באַפרײַט די מענטשן פון באָלשעוויסטישן יאָך, ווו די דײַטשישע אַרמיי שטעלט אײַן א נײַע אָרדענונג.

— נאָר, הער אונטערשטורעמפּיורער, די דײַטשישע אַרמיי שטעלט אײַן די נײַע אָרדענונג ניט מיט איר בײַשפּיל, ניט מיט איבערצײַגונגען, נאָר מיט דער קראַפט פון געווער. ווי ס'איז באַוווּסט פון דער פיזיק, רופט יעדער באַוועגונג אַרויס א ווידערשטאַנד. מיט דעם דאַרף מען זיך רעכענען.

— איך בין אײַך דאַנקבאַר פאַר אָפנהאַרציקײַט, הער דובראַווסקי. ווײַזט אויס, אז איר האָט זיך פאַרנומען מיט פיזיק?

— ניין, איך בין ניט קיין פיזיקער. איך בין א לינגוויסט. פון קינדווײַז האָב איך ליב געהאַט די דײַטשישע שפּראַך, און סאַמע פאַרן אָנהייב פון קריג האָב איך פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן. כ'האָב זיך געקליבן אונטעררייכטן דײַטש אין א מיטלשול.

— באַ אונדז האָט איר געאַרבעט לויט דער איבערצײַגונג, צי איר האָט זיך אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון געווער?

— ניט דאָס, ניט יענץ. איר האָט מיך שוין באַדאַנקט פאַר אָפנהאַרציקײַט, און דאָס פאַרפליכטעט מיך. לויט דער נאַציאָנאַליטעט בין איך א ווײַסרוס. מײַן פאָטער האָט געפּריידיקט מעלוכישע זעלבשטענדיקײַט פאַר ווײַסרוסלאַנד. די קאָמוניסטן האָבן אים דערשאָסן אלס בורזשואזן נאַציאָנאַליסט...

— און אײַך, זײַן זון, האָט מען דערלויבט צו ענדיקן אַן אינסטיטוט? — אין דער שטים פון רונצכײַמערן האָט זיך געפילט איראָניע.

— שטעלט זיך פאָר. פאַרענדיקנדיק די מיטלשול, האָב איך אפילע ניט געקלערט וועגן הויכבילדונג. נאָר צו יענער צײַט האָט סטאַלין געוואָרפן אין פאָלק א באַפליגלט וואָרט: „דער זון איז פאַרן פאָטער ניט פאַראַנטוואָרטלעך". און איר דאַרפט מיר גלייבן, אז דאָס האָט געענדערט מײַן גורל. מ'האָט מיך אָן שום שטערונגען צוגענומען אין אינסטיטוט...

— הייסט עס, אז איר נעמט נעקאָמע פאַר אײַער פאָטער?

— יאָ, דאָס טאַקע האָב איך געוואָלט זאָגן.

רונצכײַמער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. עטלעכע מינוט איז מען געפאָרן שווײַגנדיק. דערנאָך האָט רונצכײַמער געפרעגט:

— וויפל זײַנט איר אַלט, הער דובראָווסקי?

— ניט לאַנג צוריק בין איך אַלט געוואָרן דרײַ און צוואַנציק. און אײַך, הער אונטערשטורעמפּיורער, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— ניין, פאַר אײַך, הער דובראָווסקי, איז עס קיין סאָד ניט. איך בין עלטער פון אײַך אינגאַנצן אַף פיר יאָר. און איך טראַכט, אז מיר וועלן זיך מיט אײַך צוזאַמענאַרבעטן. איר רעדט א וווּנדערלעכן דײַטש, איך וואָלט אפילע געזאָגט — מיט א בערלינער אַקצענט. איך האָף, אז מיט רוסיש באַשטייט עס באַ אײַך ניט ערגער. איך דאַרף אַזאַ מענטש, איר וועט זײַן מײַן פּערזענלעכער איבערזעצער...

— איך דאַנק אײַך, הער אונטערשטורעמפּיורער. דאָס איז א גרויסע ערע פאַר מיר. איך וועל זיך סטאַרען באַרעכטיקן אײַער צוטרוי...

— מײַן צוטרוי? — רונצכײַמער האָט פילדײַטיק א שמייכל געטאָן.— די צײַט וועט באַווײַזן, הער דובראָווסקי. איר זײַט נאָך ניט באַקענט מיט מײַן הונט. דאָס איז די קליגסטע

באשעפעניש. צום באדויערן, קאָן ער ניט ריידן. מע רופט אים גאראס. ער שטשירעט די ציין אף אלעמען, ווער עס דערנעענטערט זיך צו מיר. און איך פארטרוי ניט דעם מענטשן, אף וועלכן עס הוילט מײַן הונט. איך האלט אים אפילע ניט אָפּ, אויב ער ווארפט זיך אף עמעצן. ער פילט פּאָשעט בעסער, ווער ס'איז מײַן פרײַנט און ווער — מײַן סוינע...

— און ער האָט קיינמאָל קיין טאָעס ניט געהאט?

— צום טײַוול! מיך אינטערעסירן ניט קיין איינצלהײַטן, ווען גאראס צעצאָלט זיך מיט מײַנע סאָנים.

דובראָווסקי איז געוואָרן אומרויִק.

— פון וואָס פאר א פּאָראָדע איז אײַער הונט?

— א געוויינלעכע אייראָפּעיִשע אָווטשארקע. נאָר מײַן עקזעמפּליאר איז אן אויסערגעוויינלעך גרויסער. מיט איין שפּרונג לייגט ער אוועק א מענטשן אף דער ערד. און אויב איך וועל באפוילן, קאָן ער איבערהריזען דעם האלדז.

רונצכײַמער האָט דאָס געזאָגט גאנץ רויִק, גלײַך ווי ס'וואָלט געגאנגען א רייד וועגן א געווינלעכער זאך. ניט ווילנדיק האָט בא דובראָווסקין זיך פארפּויסט די רעכטע האנט. ער האָט טיף ארײַנגעטעמט די לופט. אך, ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט אײַנקלאמערן אין אָט דעם דינעם האלדז, אזוי זיך אײַנקלאמערן, עס זאָל א טרישטשע טאָן דער קנאָפּ אף זײַן גאָרגל, אז די אָדערן זאָלן זיך אָנגיסן, נאָר...

דער „מערסעדעס" האָט גענומען גיין לאנגזאמער. בא די זײַטן פון וועג האָט מען אין דער שײַן פון די פארעס געקאָנט באמערקן קליינע שטיבלעך, הילצערנע פּארקנס.

— אָט דאָס איז קאדיִעווקע, — האָט ווי אָפּגעשניטן רונצכײַמער, — מיר ארבעטן דאָ. און לעבן דאָ. נאָר דאָס איז ניט אף לאנג. מירן מאכן אן אָרדענונג און זיך אומקערן קיין יוזאָווקע. דאָרט איז דער גרונט־שטאב פון גפּפּ־721.

דובראָווסקי האָט געשוויגן. דער שאָפער האָט האכנאָעדיק און שטיל א פרעג געטאָן:

— ווּוּהין וועט איר באפוילן, הער אונטערשטורעמפּיורער?

— אהיים! — און ווענדנדיק זיך צו דובראָווסקין. — איר וועט לעבן אין א צימער צוזאמען מיט מײַנעם א מיטארבעטער. ער איז אויך א רוסישער. איר וועט קענען פלוידערן אף אײַער לאָשן... יאָ, שיר ניט פארגעסן. אָן מײַן פּערזענלעכער דערלויבעניש טאָרט איר ניט פארלאָזן קאדיִעווקע...

— פארשטאנען, הער אונטערשטורעמפּיורער!

דער „מערסעדעס" האָט פארקערעוועט אף לינקס, לאנגזאם אריבערגעפאָרן איבער ניט קיין טיפן קיוועט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן א הויכן און לאנגן פּארקן, בא וועלכן ס'איז געשטאנען א וואכמאן. דער טויער האָט זיך געעפנט, און די מאשין איז ארײַנגעפאָרן אין הויף, זיך אָפּגעשטעלט לעבן א באראק. דער שאָפער איז ארויסגעשפּרונגען פון דער מאשין, געעפנט דאָס טירל פאר רונצכײַמערן.

— מיר זײַנען געקומען, הער דובראָווסקי, — האָט געזאָגט דער אָפיצער, — איר קאָנט ארויסגיין.

לעאָניד איז ארויסגעשטיגן פונעם אווטאָמאָביל. ערגעץ הינטער די קוסטעס פונעם פּאליסאדניק האָט א קלאַפּ געטאָן א טיר, און אין א ווײַלע ארום איז לעבן רונצכײַמערן אויסגעוואקסן אן אונטעראָפיצער. אויסשטרעקנדיק די האנט פּאָרויס אין א פּאשיסטישער באגריסונג, האָט יענער ניט הויך אויסגעשריגן:

— הײַל היטלער!

רונצכײַמער האָט נאָכלעסיק געענטפערט מיטן זעלבן, אויסגעהערט א קורצן ראַפּאָרט און א ווונק געטאָן אַף דובראָווסקין:

— באַקענט זיך, רודאָלף, דאָס איז א נײַער איבערזעצער. איר זײַט אַן עכטער בערלינער, וועט איר געוויס אָפּשאַצן זײַן ריינע בערלינער אויסשפּראַך.

דער אונטעראָפיצער האָט געמאַכט א שפּאַן צו דובראָווסקין, פאַרנייגט דעם קאָפּ און דערלאַנגט די האַנט:

— רודאָלף מאַצאַרט. אַן אויספאָרשער פון גפּפ־721.

— דובראָווסקי לעאָניד.

— רודאָלף, פירט אָפּ דעם הער דובראָווסקין צו פּאַטיאָמקינען און פאַראָרדנט, מע זאָל דאָרט שטעלן נאָך א בעט, זיי וועלן לעבן צוזאַמען. זאָגט וועגן דעם אַלעקסן.

— גוט, הער אונטערשטורעמפירער.

לעאָניד האָט זיך אַף א מיליטערישן אופן אויסגעדרייט און זיך געלאָזט נאָך זײַן באַגלייטער.

— ביטע, אָט אַהער! — רודאָלף מאַצאַרט האָט געעפנט א טיר פונעם באַראַק און דורכגעלאָזט לעאָנידן. — אָט דאָ איז דאָס.

זיי זײַנען אַרײַן אין א גערוימען צימער מיט איין פענצטער, לעבן וועלכן ס'איז געשטאַנען א שרײַבטיש. באַם טיש, נעענטער צו א ברענענדיקן קעראָסין־לאָמפּ, איז געזעסן א יונגער מאַנצבל. ער האָט אָפּגעריסן דעם בליק פון דער צעשפּרייטער צײַטונג און מיט א פריקרע מינע, מיט א קוק פון אונטער די ברעמען, באַטראַכט די אַרײַנגעקומענע.

— אַלעקס! — האָט זיך געווענדט צו אים רודאָלף מאַצאַרט. — דאָס איז א נײַער איבערזעצער, הער דובראָווסקי. לויט דער פאַראָרדענונג פונעם שעף וועט ער וווינען צוזאַמען מיט אײַך.

יענער האָט אָפּגעלייגט די דײַטשישע צײַטונג אין א זײַט, שווער זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און געמאַכט א שפּאַן צום אַרײַנגעקומענעם. אַלעקס איז געווען א דאַרלעכער, ניט קיין הויכער. פונעם צעכראַסטעטן העמדל, אַף וועלכן ער האָט געטראָגן א גרינעם קיטעל, האָט אַרויסגעקוקט א געדיכט באַוואַקסענע ברוסט.

— איניינעם איז איניינעם, אַזוי וועט אפילו זײַן פריילעכער, — האָט יענער הייזעריקלעך געזאָגט אַף א ריינעם רוסיש. — אַלעקסאַנדער פּאַטיאָמקין רופט מען מיך. אויב אײַך געפעלט, איז פּאָשעט אַלעקס. זיי איז באַקוועמער אַזוי, — האָט ער א ווײַז געטאָן אָפּן אונטעראָפיצער, דריקנדיק דובראָווסקין די האַנט. — און אײַך ווי רופט מען?

— לעאָניד.

רודאָלף מאַצאַרט האָט ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, דאָך האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז די צוויי רוסישע וועלן דורכקומען צווישן זיך, און ער האָט געמאַכט א שפּאַן צום אַרויסגאַנג.

— איך וועל זיך באַלד אומקערן און אײַך אוועקפירן אין קאַזינאָ, — האָט ער געזאָגט דובראָווסקין שוין פון דער שוועל.

ווען רודאָלף האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט דובראָווסקי א פרעג געטאָן:

— איר וווינט דאָ ניט לאַנג?

— אַלץ איז פאַרהעלטניסמעסיק. מיר דוכט זיך, אַז ס'איז שוין פאַריבער אַן אייביקײַט, זינט אונדזער קאָמאַנדע האָט זיך באַזעצט אין קאַדיִעווקע. נאָר אויב זײַן פינקטלעך, איז נאָך ניטאָ דעריין קיין אַנדערהאַלבן כאָדאָשים.

ניט אַראָפּציִענדיק די שטיוול, האָט אַלעקסאַנדער פּאַטיאָמקין זיך אויסגעצויגן אָפּן בעט און געפרעגט:

— פון וואָס פאַרא קאַנטן קומט איר דאָס?

— איצט פון אַלטשעווסקי... נאָר אַליין בין איך א ווײַסרוס. געבוירן געוואָרן אין מאָזיר.

— אַרײַנגעפאַלן אין פּלען, צי אַליין געקומען?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן. פון אָנפאַנג — אין פּלען. דערנאָך האָב איך זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין די אידייען פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און באַשלאָסן ערלעך דינען דער נײַער אָרדענונג. און איר?

— איך? איך בין געווען אַן איבערזעצער אַף קורסן. אַרײַנגעפאַלן אין אַרומרינגלונג, דערנאָך אין פּלען... און פון הונגער... — ער איז אַנשוויגן געוואָרן און מיטאַמאָל אומגעריכט געפרעגט:

— הונגערן איז אײַך אויסגעקומען?

— ס׳האָט זיך אַזוינס אויך געמאַכט,— האָט שטיל און פאַרטראַכט געענטפערט דובראָוו־סקי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעקס האָט פאַרורטיילנדיק אויסגעהערט זײַנע ווערטער. „עפּשער איז דאָס גאָר אַן ערלעכער סאָוועטישער מענטש? עפּשער איז ער צופעליק אַרײַנגע־פאַלן אָף דינסט צו די דײַטשן? מע דאַרף זיך צוקוקן צו אים. גרינטלעך א טאָפּ געבן, און דעמלט... אָך, ווי גוט וואָלט עס געווען... אײינער איז קיינער,— האָט ער זיך דערמאָנט אײנעם פאָלקס־ווערטל,— דאָס וואָלט געווען אויסערגעווײנלעך. ער איז דאָך א רוסישער מענטש".

— איך בין ניט געווױנט צו קיין כאַזעריש לעבן,— האָט אַלעקס איבערגעשלאָגן דובראָוו־סקין די געדאַנקען,— כ׳האָב זיך באַטראַכט... און באַשלאָסן שטעלן זיך זיי צו דינסט. אומזיסט האָב איך געלערנט דײַטש?

— און איר האָט איצט קיין כאַראַטע ניט?

— פאַרוואָס זאָל איך עפּעס האָבן כאַראַטע? זיי האָבן אויסגעשפּילט. עמעס, נאָך סטאַלינ־גראַד טראַכט איך, צי בין איך ניט באַגאַן קיין פעלער... און איר ווי טראַכט?

— ווער קאָן דאָס וויסן, וואָס ווײַטער וועט פּאַרקומען? אָבער איצט איז שוין שפּעט צו טראַכטן... דער וועג אָף צוריק איז פאַר אונדז ביידן שוין פאַרשפּאַרט.

— עמעס,— האָט א זאָג געטאָן אַלעקס.

— זאָגט מיר, און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אײַער שעף?

— די דילדע? — האָט ער פּילדײַטיק א זאָג געטאָן,— אָף וויפל איך שטויס זיך אָן, איז ער איצט אויך אײַער שעף.

— יאָ, אָבער פאַרוואָס „דילדע"?

— פאַרן הויכן וווּקס האָבן אים די סאָלדאַטן אַזוי א נאָמען געגעבן. צווישן זיך רופן מיר אים אויך אַזוי.

הינטערן פענצטער האָט זיך דערהערט א בילערײַ.

— אָט! ער פאַרברענגט מיטן באַליבטן קעלעוו. דער הונט איז זיך פאַרזעסן פאַר דער צײַט, וואָס דער באַלעבאָס איז ניט געווען, און קיין אַנדערן געטרויט ער אים ניט. און ווער וועט זיך עס אונטערנעמען? ער איז ווי א מעשוגענער, וואַרפט זיך אָף מענטשן.

— איז וואָס פאַר א מענטש איז דאָס? — האָט איבערגעפרעגט דובראָווסקי.

— א געוויינלעכער דײַטש. ביז דער מילכאָמע, זאָגט מען, איז ער געווען א מיטאַרבעטער פון דער קרימינעל־פּאָליציי אין בערלין. א מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. קיינעם, כוץ דעם פּיורער און זײַן הונט, געטרויט ער ניט. ער האָט ליב דעם דאָזיקן הונט, און נאָך מער נעקייוועס. נאָר אײן איין קאַדיעווקע האָט ער קאַליע געמאַכט מער פון א צענדליק.

— און ווי׳אַזוי באַציט ער זיך צו זײַנע אונטערטעניקע?

— איר וועט לעבן, וועט איר זען. אויב איר וועט זיך סטאַרען — איז גוט, ניט — קאָן מען אין לאַגער אַרײַנפאַלן...

— וועט מען דאַרפן זיך א סטאַרע טאָן.

— איר האָט שוין ערגעץ געאַרבעט, צי איר קומט גלײַך פונעם לאַגער?

— איך בין געווען אַן איבערזעצער אין דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור.

— דאָרט איז, געוויס, לײַכטער. דאָ איז די אַרבעט ניט קיין אײידעלע. ס׳וועט אויסקומען אײַנשמירן די הענט אין בלוט.

דובראָווסקי איז געוואָרן אומרויִק.

— וואָס באַטײַט עס?

— מאַכט זיך ניט טאַמעוואַטע. מיט אײַער הילף קלײַבט ער זיך ניט פירן קיין ליבע־געשפּרעכן מיט זײַנע נעקייוועס. מיט זיי וועט ער אַליין ווי־עס־איז זיך דערעדן. נאָר אָף די פאַרהערן דאַרף מען ניט נאָר קיין ווערטער, נאָר אויך מוסקולן,— האָט פּילדײַטיק געזאָגט פּאַטיאָמקין. און נאָך א קורצער פּאַוזע צוגעגעבן: — און יענע שרײַען, אייניקע וואָיען פּאַשעט פון ווייטעק.

— ווער שרײַט?

— שוין זשע איז דאָס ניט פאַרשטענדלעך? אונדזערע לאַנדסלײַט, וועלכע איר וועט קאַטעווען.

— און אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן?

פּאַטיאָמקין האָט א שמייכל געטאָן:

— פּרוּווט. אַזעלכע דאַרף רונצכײַמער ניט האָבן...

אין פּירהויז האָט עמעצער געטופּעט מיט די פיס. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן א

באַאַרטער דײַטשישער סאָלדאַט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך דערקלערט, אַז ער האָט געבראַכט אַ בעט מיט בעטגעוואַנט.

— גוט, — האָט געזאָגט פּאַטיאָמקין, — טראָגט אַלץ אַרײַן אַהער, אָבער צוערשט רוקט איבער די שאַפע...

דער סאָלדאַט האָט אין עפּן געטאָן די טיר, אַרײַנגערופן אַ צווייטן סאָלדאַט. אײנצווייען האָבן זיי איבערגערוקט די שאַפע. אוועקגעשטעלט דאָס בעט בײַ דער וואַנט, האָבן זיי עס אַקוראַט פאַרבעט.

— דאַנקע שען! — האָט דובראָווסקי געזאָגט.

— ביטע, ביטע שען! — האָבן יענע געענטפערט און פאַרלאָזט דעם צימער.

ווען די טריט פון די סאָלדאַטן זײַנען פאַרשטילט געוואָרן, האָט דובראָווסקי, ווי ער וואָלט געטראַכט אויף אַ קול, געזאָגט:

— כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ דײַטשישער סאָלדאַט זאָל באַדינען אַ רוסישן איבערזעצער.

— געוווינט זיך צו, הער דובראָווסקי. אין אונדזער צימער האָבן מיר אַן אייגענע אָרדענונג.

— וואָס זשע, די דײַטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געהערן צו דער ראַסע פון הערשער?

— די דאָזיקע צוויי זײַנען צײַטווײַליק באַזײַטיקט פון דער הערשערישער געמיינדע. זיי זײַנען אַרעסטירט איבער עפּעס אַ מיליטערישן פאַרברעכן. זיי וועלן געשטעלט ווערן צום געריכט. פון אונדז איז אָפּהענגיק זייער ווײַטערדיקער גורל.

— הער אַלעקס! צי נעמען מיר אויף זיך ניט צופיל?

— איר האָט מיך ניט פּינקטלעך פאַרשטאַנען. זייער גורל הענגט אָפּ פון דער גרופּע געהיים־פּאָליציי, בײַ וועלכער מיר מיט אײַך דינען. פונעם אונטערשטורעמפיורער רונצכײַמערן, פונעם פעלדפעבעל־אויספאָרשער.

— שוין זשע האָט רונצכײַמער אַזעלכע באַפולמעכטיקונגען? ער איז דאָך בלויז אַ לייטענאַנט.

— פאַר דעם דאָזיקן לייטענאַנט ציטערן אַרמייִשע גענעראַלן. ער האָט די פולמאַכט זעלבשטענדיק אַרויסצוטראָגן טויט־שטראָף... פאַרשטייט זיך, אַז צו די גענעראַלן און אָפיצערן פון דער דײַטשישער אַרמיי האָט עס קיין שײַכעס ניט. נאָר די האַנדלונג פון די פּראָסטע סאָלדאַטן פונעם גרויסן דײַטשלאַנד באַטראַכט דער אונטערשטורעמפיורער רונצכײַמער אַליין און טראָגט אַרויס זײַן אורטייל, אַרײַנרעכענענדיק אויך טויט־שטראָף. נו, און וואָס איז נעגייע דער אַרטיקער באַפעלקערונג, איז ניטאָ וואָס צו שמועסן.

— יאָ־יאָ, רעכט האָט ער גרויסע. און אין וואָס באַשטייען זײַנע פליכטן?

פּאַטיאָמקין האָט אַ וואָרף געטאָן זײַן בליק אויף דובראָווסקין, זיך פאַרזשמורעט און טיף אָן אָטעם געגעבן:

— איינצלהייטן וועט איר זיך דערוויסן בײַ רונצכײַמערן. ער נעמט בײַ אַלעמען אָן אונטערשריפט וועגן ניט פאַנאַנדערשפּרייטן די געהיימניסן, בענטשט אַליין די יעזויִטן פונעם הייליקן אָרדען גפּפ־721.

דובראָווסקי האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער צאַרגע פונעם בעט און באַטראַכט פּאַטיאָמקינען. „אַ קליינוווקסיקער, אַ קײַלעכדיק פּאָנעם. אַ מענטש מיט אַ גרויסער און גראָבער נאַז און מיט אַ קליין־אָפּגעהאַקטער אונטערשטער קין. — ער האָט זיך געסטאַרעט פאַרגעדענקען דעם פּאָרטרעט פונעם דאָזיקן מיטאַרבעטער פון דער געהיים־פּאָליציי. — וואָס זשע איז נאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר אים? אַ גרויסער שטערן, טונקעלע האָר, פאַרקעמטע אויף אַרויף. די אויגן זיצן טיף, די אייבערשטע ליפּ איז ברייטער ווי עס דאַרף זײַן...”

פּאַטיאָמקין האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע קימאַט אַ נײַעם דײַטשישן פרענטש און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן.

„ס׳וואָלט ניט געשטערט זיך דערוויסן זײַן עלטער און דאָס אָרט פון געבוירן”, — האָט לעאָניד אַ טראַכט געטאָן און דאָ טאַקע גלײַך געפרעגט:

— און איר, אַלעקס, פון וועלכע קאַנטן זײַט איר?

— איך בין קימאַט אַ היגער. כ׳בין געבוירן געוואָרן אין דער סטאַניצע אוודייעווסקאַיאַ. איצט הייסט זי אוודייעווקאַ. ניט ווײַט פון יוזאָווקע. איר האָט מינאַסטאַם ניט געהערט וועגן אַזעלכע ערטער? דאָס איז אַ קילאָמעטער דרײַסיק פון יוזאָווקע, און פון קאַדיִעווקע ניט מער ווי הונדערט.

— דאָרט האָט איר באַהערשט דײַטש?

2*

— ע־ע, ניין! מיט מײַן בילדונג איז די געשיכטע א לאנגע. דער טאטע מײַנער האָט גע־
ארבעט אלס שלאָסער אַף דער סטאנציע. אין דרײַסיקסטן יאָר האָט מען אים ראסקולאטשע־
וועט און ארויסגעשיקט פון אוקראַינע, כאָטש אונדזער באלעבאטישקײַט האָט זיך אונטערשיידט
פון אנדערע מיט צוויי בעהיימעס... זעכצן יאָר איז מיר געווען. דעמלט בין איך אוועקגעפאָרן
זוכן גליק אַף מיזרעך. געארבעט אין קויבישעוו, דערנאָך זיך אײַנגעאָרדנט אין פעדאגאָגישן
אינסטיטוט. אין נײַן־און־דרײַסיקסטן האָב איך דעם אינסטיטוט פארענדיקט, געארבעט אלס
לערער פון דער דײַטשישער שפראַך אין א מיטלשול.

פון הינטערן פענצטער האָט זיך דערטראָגן א פארטויבטער געהויל פון אעראָפּלאנען.
פּאַטיאָמקין האָט צוגעלייגט די דלאָניע צום אויער און זיך אײַנגעהערט.

— אונדזערע זײַנען אוועק! איך דערקען זיי לויטן קלאנג, — האָט ער זיך א לויב געטאָן.

— אז דאָס איז אונדזערע, האָב איך גלײַך באשטימט, — האָט דובראָווסקי זיך אָפּגערופן. —
און וואָס פאר א טיפ דאָס זײַנען, קענט איר אויך פעסטשטעלן? איך, צום בײַשפּיל, ווייס
פּינקטלעך, איך קאָן זיך אפילע ווען.

דובראָווסקי האָט עס געזאָגט אומיסטן. אינדערעמעסן האָט ער זיך זייער שלעכט פאנאנ־
דערגעקליבן אין די פארשיידענע מינים אעראָפּלאנען. אפילע ניט געוווּסט, וועמענס זײַנען
זיי. ער איז אָבער גרייט געווען פארשפּילן דעם געוועט, אבי פעסטשטעלן, וועלכע אעראָפּלאַ־
נען האָט פּאַטיאָמקין אָנגערופן „אונדזערע". דער כעזשבן איז געווען א ריכטיקער. פּאַטיאָמקין
האָט ווידעראמאָל צוגעלייגט די דלאָניע צום אויער. אַף זײַן שטערן האָבן זיך אויסגעבילדעט
קנייטשן. אין א מינוט ארום האָט ער זיגעריש א קוק געטאָן אַף דובראָווסקין און געזאָגט:

— דאָס זײַנען יונקערסן! מעגלעך, אז אויך דאָרניע, נאָר אין קיין פאל ניט קיין כענקעלן...

— יאָ, איר זײַט גערעכט. דאָס זײַנען יונקערסן. ערגעץ אין דער ריכטונג פון סאלסק
האָבן זיי זיך געלאָזט.

— כ'ווייס ניט וווּהין זיי, נאָר איך גיי אין קאזינאָ, עסן וועטשערע, — האָט געזאָגט
פּאַטיאָמקין, אָנטוענדיק די רימענדלעך מיט דער קאָבורע, פון וועלכער ס'האָט ארויסגעקוקט
דאָס הענטל פון א מאסיוון פּיסטאָלעט. — אויב איר ווילט, קאָנען מיר גיין צוזאמען.

— ניין, מיר וועט זײַן ניט באקוועם פארן פעלדפעבעל מאָצארט. ער האָט צוגעזאָגט
ארײַנקומען נאָך מיר.

— ווי איר ווילט, — פּאַטיאָמקין האָט געמאכט א שפּאַן צו דער טיר.

— אנטשולדיקט, אלעקס, און וויאזוי פארשפּארט מען דעם צימער, אויב איך וועל גיין
אין קאזינאָ?

— פארשפּארן דאַרף מען ניט. דער וואכמאן וועט קיינעם ניט דורכלאָזן.

מער האָט לעאָניד ניט געצווייפלט. אלעקסאנדער פּאַטיאָמקין איז א פארעטער. אפילע די
פּאָליצײַען און די סטאראָסטעס, מיט וועלכע ס'איז אויסגעקומען זיך באגעגענען, האָבן געטיילט
די קענגער אַף דײַטשן און רוסישע, און קיינער פון זיי האָט די דײַטשן ניט אָנגערופן „אונד־
זערע". אָבער כידעשן זיך איז ניטאָ וואָס. דאָס איז דאָך ניט קיין געוויינלעכע טייל, אפילע
ניט קיין קאָמענדאטור. מיט איין וואָרט — געסטאפּאָ. און אויב ער האָט בא זיי אויסגענומען,
הייסט עס, אז ער האָט זיך גוט אויסגעפּײַנט. מע וועט דארפן שטענדיק זײַן אַף דער וואך.
ווינען מיט אים אין איין צימער איז געפערלעך. „זעט אויס, אז ניט צופעליק האָט רוצנכײַמער
מיך באזעצט מיט אים אינאיינעם. יאָ, מיך וועלן זיי נאָך קאָנטראָלירן, — דובראָווסקי האָט א
שמייכל געטאָן צו זיך אליין. ער האָט זיך דערמאָנט די קאָמערע אין אלטשעווסק און דאָס
איבערגעקרימטע פּאָנעם פונעם מאיאָר פעלדהאָף. — איצט וועלן מיר נאָך א פּרווו טאָן די
קויכעס, — האָט ער געטראכט. — נאָר פון אָנפאנג דאַרף מען געבן צו וויסן וועגן זיך, אײַנ־
שטעלן א פארבינדונג מיט וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען... ניין, ניין, ארײַנציִען אהער פּיאַטיאָרקינען
איז נאָך צו פרי. צום אלעם ערשטן דאַרף מען אים צוזוכן אין קאדיִעווקע א זיכער ווינקל...
ריזיקירן מיטן יאָטל טאָר מען ניט. מע דאַרף זיך נאָך צוקוקן, וואָס פארא נוצן קאָן ברענגען
די דאָזיקע ארבעט, עפּשער וועט נאָך אויסקומען מאכן א פּלייטע".

אין פּירהויז האָבן זיך דערהערט טריט. די טיר האָט זיך האסטיק געעפנט.

— הער דובראָווסקי! איך בין גרייט אײַך באגלייטן אין קאזינאָ, — האָט פון דער שוועל
געמאָלדן רודאָלף מאָצארט.

— א דאנק אײַך! — לעאָניד האָט צוגעדרייט דעם קנויט פונעם קעראָסין־לאָמפּ, זיך גע־
לאָזט נאָכן דײַטש.

קימאט די גאנצע נאכט איז לעאָניד ניט געשלאָפן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אלעקס
האָט אויך ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג און נאָכגעשפּירט יעדער באוועגונג זײַנער. ערשט

באגינען האָט א גרינגער דרעמל אים פארהילט, ווי מיט א לײַכטער קאָלדרע, אונטער וועלכער מע הערט אלץ, וואָס עס טוט זיך ארום. נאָר אויך דער דאָזיקער שלאָף האָט לאנג ניט געדויערט. דער אָנגעשטרענגטער געהער האָט אופגעכאַפּט די געשרייען פון די ערשטע הענער, דערנאָך די טריט פונעם וואכמאן אין פאליסאדניק. לעאָניד האָט זיך אופגעהויבן פונעם געלעגער, געגומען מאכן גימנאסטיק. אין דרויסן האָבן א בלישטשע געטאָן די ערשטע שטראַלן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שיינער טאָג.

פונקט אכט דרײַסיק האָט זיך אויסגעשטעלט אנטקעגן באראק ניט קיין גרויסע שערענגע פון די מיטארבעטער פון גספּ. דעם איבערוף האָט דורכגעפירט רונצכײַמער זעלבסט, דערנאָך האָט ער אָפּגעלאָזט זײַנע אונטערטעניקע אָף פרישטיק.

קלינגענדיק מיט די קעסעלעך, זײַנען די אויספאַרשער און די איבערזעצער אוועקגעגאַנגען צו ניט קיין גרויס קעמערל, פונוואנען עס האָט זיך געטראָגן א גערוך פון איבערגעקאָכטער קאַפע.

באלד נאָכן פרישטיק האָט רונצכײַמער ארויסגערופן צו זיך דובראָווסקין. רודאָלף מאַרצארט האָט אוועקגעפירט דעם נײַעם איבערזעצער אין צווייטן עק פונעם באראק און דאָרט שטילערהייט אָנגעקלאַפּט אין א טיר. עס האָט זיך דערהערט א בילערײַ פון א הונט. רונצכײַמער האָט באַפוילעריש א געשריי געטאָן. דער הונט איז אנשוויגן געוואָרן. סאַפּקאָלסאָף האָט דער אונטערשטורעמפיורער אליין צעפראַלט די טיר און פארבעטן דובראָווסקין אין צימער.

פארטײַעט אין זיך דעם געפּיל פון שרעק פארן ריזיקן הונט, איז לעאָניד מיט פעסטע שפּאַן צוגעגאנגען צום שרײַבטיש. דער גרויער קעלעוו איז געלעגן בא דער אנטקעגנדיקער וואנט. פון זײַן צעעפנטן פיסק איז ארויסגעהאנגען א רויט-בלויער צונג. די אויערן זײַנען געווען אָנגעשפּיצט. ניט געקוקט אָף זײַן מוירעדיקער גרייס, האָט גאראס ניט אויסגעזען מעשונע. אין אים האָט זיך געפילט עפּעס א גרינגקײַט. ער איז גרייט געווען אין א באַליביקן מאָמענט, לויטן באַפעל פונעם באלעבאָס, זיך ארופוארפן אפן גאסט. רונצכײַמער איז ארומגעגאנגען דעם טיש, זיך צוגעזעצט און געפרעגט:

— ווי איז זיך אײַך געשלאָפן אפן נײַעם אָרט?

— א דאנק, איך האָב זיך גוט אויסגעשלאָפן.

— אויב אזוי, וועלן מיר א שמועס טאָן וועגן איניאַנים. וועגן אײַער קומענדיקער ארבעט. איך וויל, אז איר זאָלט פעסט וויסן אונדזערע פליכטן, אונדזערע אופגאבן... נאָר פריִער פאר אלץ דארפט איר אָנשרײַבן אײַער ביִאגראפיע. אזא איז די אָרדענונג. מיר ווילן וויסן די קורצע געשיכטע פון אײַער לעבן. דערנאָך וועט איר געבן א שוווע. דאָס דארפט איר אויך אָנשרײַבן פון דער האנט.

— וואָס פארא שוווע, הער אונטערשטורעמפיורער?

— א שוווע וועגן טרײַשאפט דעם גרויסן דײַטשלאנד. אונדזער פיורער אדאָלף היטלערן... אלע אונדזערע מיטארבעטער זײַנען פארפליכטעט צו געבן די דאָזיקע שוווע... אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ. ס'איז נייטיק אן אונטערשריפט... א גאראנטיע, אז איר וועט שווײַגן וועגן אלץ, וואָס איר וועט זען און הערן אין דער געהיים-פּאָליציי. פאר פאנאנדערשפרייטן סודעס, פאר געשפּרעכן מיט זײַטיקע וועגן אונדזער טעטיקײַט שטראָפן מיר שטרענג. איך בעט דאָס פארגעדענקען, הער דובראָווסקי...

— איך וועל באַרעכטיקן אײַער צוטרוי, הער אונטערשטורעמפיורער!

— גוט! אָט האָט איר פּאפיר,— רונצכײַמער האָט ארויסגערוקט א שופלאָד פונעם טיש און ארויסבאַקומען פון דאָרט עטלעכע בייגעלעך פּאפיר, זיי אוועקגעלייגט אפן טיש,— טינט און פעדער איז דאָ אויך פאראן... זעצט זיך אָף מײַן בענקל. איך וועל זיך אומקערן אין צוויי שאָ ארום. איך האָף, אז אלץ וועט שוין זײַן פארטיק. יאָ, איך בעט אײַך נאָך ענטפערן אָף די טעלעפאָן-אָנפראַגן, זאָגט, אז איך וועל זײַן,— ער האָט א קוק געטאָן אפן האנט-זייגערל,— איצט איז אכט פינף און פערציק... איך וועל זיך אומקערן פונקט עלף. אויב עס וועט אָנקלינגען דער פּאָליציי-קאָמיסאר מײַסנער פון יוזאָווקע, זאָלט איר זיך פאָרשטעלן פאר אים און דערקלערן, אז איך בין געפאָרן אין טורמע און וועל זיך אומקערן באטאָג. איר האָט פארשטאַנען, הער דובראָווסקי?

— יאָ, הער אונטערשטורעמפיורער!

— אויסגעצייכנט. איך האָב ליב, אז מע פארשטייט מיך גלײַך. און די רוסישע זײַנען טעמפּ... זיי...

אײַלנדיקע טריט און א קלאַפּ אין טיר האָבן איבערגעריסן רונצכײַמערס רייד. גאראס האָט

זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר, אָנפֿילנדיק דעם צימער מיט בילעריַי. נאָר דער אויסרוף פֿונעם באַלעבאָס האָט אומגעקערט דעם הונט אַף זײַן אָרט.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַלעקסאַנדער פּאַטיאַמקין. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן א נאַהײַקע.

— הער אונטערשטורעמפֿירער! איר האָט באַפֿוילן...

— יאָ, יאָ, אַלעקס! מירן באַלד פֿאָרן אין טורמע. מ׳האָט געבראַכט אַהין א באַנדיט... איר וועט מיר העלפֿן אים פֿאַרהערן.

— יאַוואָל, הער אונטערשטורעמפֿירער. דערלויבט צו מעלדן וועגן דעם דעם פֿעלדפֿעבעל קוועסט. מ׳האָט צו אים געבראַכט אַן אַרעסטירטן קאָמוניסט, און ער האָט מיר באַפֿוילן, אַז איך זאָל אים איבערזעצן...

— גיט איבער קוועסטן, אַז ער זאָל נעמען אַן איבערזעצער אין דער רוסישער געהילפֿס־פּאָליציי, און איר וועט הײַנט אַרבעטן מיט מיר.

פּאַטיאַמקין האָט זיך אויסגעדרייט אַף די קנאַפּל און פֿאַרשוווּנדן הינטער דער טיר. רונצכײַמער האָט פֿאַריכט די קאָבורע, וואָס איז געהאָנגען אַף זײַן בויך, צוגעגאַנגען צום הונט, אונטערגעוואָרפֿן אין דער הייך א שטיקל צוקער. דער הונט האָט עס קונציק אונטער־געכאַפּט.

— איך גלייב, אַז די געזעלשאַפֿט פֿון מײַן גראַאַסן וועט אײַך פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן,— האָט געשמייכלט רונצכײַמער,— איר דאַרפֿט זיך ניט באַאומרויִקן... גראַאַס איז זייער דעליקאַט... ער וועט זיך סטאַרען ניט באַמערקן אײַער אָנוועזנהייט. זעצט זיך און אַרבעט רויִק. גראַאַס וועט אײַך קיין שלעכטס ניט טאָן, אויב איר וועט ניט פּרוּוון אַרויסגיין פֿון צימער.

— הער אונטערשטורעמפֿירער, איך זאָג אײַך צו ניט צעבײַסן אײַער הונט.

— אָ, מיר געפֿעלט אײַער וויץ, הער דובראָווסקי. איך שעץ פֿריילעכע מענטשן. צווישן די רוסישע איז עס א גרויסע זעלטנהייט.

הינטערן פֿענצטער האָט זיך דערהערט דער גערויש פֿון א מאָטאָר.

— דאָס איז, דאַכט זיך, מײַן „מערסעדעס". אַלזאָ, איך ווינטש אײַך געפֿינען אַן אַלגעמיינע שפּראַך מיט גראַאַסן, הער דובראָווסקי. דאָס וועט אײַך צוניץ קומען,— רונצכײַמער האָט פֿאַר־לאָזט דעם צימער.

לעאָניד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפֿן בענקל, א קוק געטאָן אַפֿן הונט. גראַאַס האָט געהאַלטן אָפֿן דעם פּיסק, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַף א זײַט און נאָכגעקוקט יעדער באַוועגונג זײַנער.

לעאָניד האָט צוגערוקט צו זיך די בייגעלעך פּאַפּיר און גענומען שרײַבן זײַן אויטאָבי־אָגראַפֿיע, דערמאָנענדיק זיך די צוגעטראַכטע ווערסיע וועגן טראַגישן טויט פֿון זײַן פֿאָטער, וועלכן די טשעקיסטן האָבן אומגעבראַכט...

פֿאַרענדיקט א פֿראַזע, האָט לעאָניד זיך פֿאַרטראַכט. פֿאַר די אויגן איז אופֿגעשווומען דאָס געשטאַלט פֿון דער מוטער. ווען ער איז נאָך געווען א קינד, האָט זי אים אָפֿט דערציילט וועגן טאַטן. ער האָט געוווּסט, לעאָניד, אַז דער פֿאָטער האָט געקעמפֿט אַף די פֿראָנטן פֿונעם בירגער־קריג, אַז ער איז געווען א קאָמיסאַר און העלדיש אומגעקומען אין די שלאַכטן מיט די ווײַס־פּאָליאַקן. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זיך געגרויסט מיטן טאַטן, ניט איין מאָל האָט ער זיך געשוווירן זײַן אַזאַ, ווי ער איז געווען... און איצט קומט אויס צוטראַכטן לעגענדעס וועגן אכזאָ־ריעס פֿון די באָלשעוויקעס, וועגן א צעשאָסענעם פֿאָטער, וועגן דאָרשט פֿון נעקאָמע...

לעאָניד האָט זיך געצוווּנגען רויִק דערשרײַבן די ביִאָגראַפֿיע ביזן סאָף. איבערגעלייענט די בלעטלעך, האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז אַלץ זעט אויס וואָרהאַפֿטיק, און דעריקער, אַז די דאָזיקע ביִאָגראַפֿיע אונטערשיידט זיך ניט פֿון דעם, וואָס ער האָט שוין געהאַט געשריבן, אַר־בעטנדיק בא די דײַטשן אין דער טשערנישקאָווער קאָמענדאַטור.

ווען די שוווּ וועגן טרײַשאַפֿט דעם פֿירער און דעם גרויסן דײַטשלאַנד און אויך דער פּאַפּיר וועגן היטן די סודיס זײַנען פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער א קוק געטאָן אַפֿן זייגער. ס׳איז נאָך פֿאַרבליבן צוואַנציק מינוט ביזן קומען פֿון רונצכײַמערן. לעאָניד האָט צופֿעליק דערזען אַפֿן טיש־קאַלענדאַר, אַז הײַנט איז דער 27־טער אַפּרעל.

„פֿונקט א כוידעש, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — זינט מיר זײַנען מיט פּיאַטיאָרקינען איבערגעגאַנגען די פֿראָנט־ליניע. פֿונקט א כוידעש. ווּ איז ער איצט, וויקטאָר? אויב ער איז דערגאַנגען צו פּאַטאַפֿאָוון, דאַרף ער שוין זײַן בא די שוועסטער סאַמאַרסקעס אין מאַלאָ־וואַנאָווו־קע. דאָרט קאָן ער זיך דערוויסן, אַז איך בין אַרעסטירט... מע דאַרף אומבאַדינגט איבערגעבן די סאַמאַרסקעס, אַז איך בין דאָ, אין קאַדיִעווקע... וואַרט נאָר, וואַרט... די גלײַכסטע זאַך וועט זײַן אָנשרײַבן, אַז איך לעב, בין געזונט און אַרבעט אין קאַדיִעווקע. א געוויינלעכער פּריוואַט־לעכער בריוו צו מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט בייס די וואָגלעניש... אויב אַפֿילע

דער דיַטשישער צענזאָר וועט עפּענען דעם קאָנווערט, וועט מען דאָס קאָנען דערקלערן, דער־פאַר אָבער וועט פּיאַטיאָרקין וויסן, אַז איך בין אַף דער פֿריַי, אַז איך אַרבעט אין קאַדיַעווקע"... לעאָניד האָט שנעל אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול צו די שוועסטער סאַמאַרסקעס. דאָס צונויפֿגע־לייגטע בייגעלע האָט ער טיף באַהאַלטן. אָפּשיקן וועט ער עס באַ דער ערשטער געלעגנהייט.

דער זייגער איז געווען אָן צען מינוט עלף, ווען דער הונט איז אופגעשפּרונגען פון זיַין אָרט, צוגעלאָפן צו דער טיר און זיך דאָרט באַזעצט. ס'איז פאַרביַי אַ מינוט, צוויי, און גאַראַס איז אַלץ געזעסן אומבאַוועגלעך לעבן דער פאַרמאַכטער טיר. לעאָניד האָט מאַשינעל אַ מיש געטאָן די קאַלענדאַר־זיַיטלעך. אַף איינעם פון זיי איז געווען אָנגעשריבן: „פאַרברענט געוואָרן דער פּוטער־זאַוואָד. אָפן אָרט פון דער סרייפע האָט מען געפונען דעם קערפּער פונעם הער מעס. דער קאָפּ איז צעהאַקט מיט אַ טעמפּן קעגנשטאַנד. גיכער פון אַלץ איז דאָס אַ דיווערסיע..."

ווי נאָר לעאָניד האָט באַוויזן איבערלייענען די דאָזיקע שורעס, האָט גאַראַס זיך אופגע־שטעלט אַף די הינטערשטע פיס, מיט די פאָדערשטע האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין דער טיר, זי ברייט צעעפנט און זיך צעלייגט אַף דער שוועל. אין דער זעלבער מינוט האָט זיך דערהערט דער גערויש פון „מערסעדעס". דער אונטערשטורעמפיורער רונצכיַימער האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטערן פענצטער.

„גיכער פון אַלץ איז דאָס אַ דיווערסיע... — האָט לעאָניד איבערגעכאַזערט אין זיך. — עפּשער זיַינען דאָ טעטיק סאָוועטישע פּאַטריאָטן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — מע דאַרף פּרווון איַינשטעלן מיט זיי אַ פאַרבינדונג". דאָס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט. ער האָט איבערגעמישט די זיַיטלעך פונעם קאַלענדאַר. איצט האָט דאָס בלעטל ווידער באַוויזן דעם 27־טן אַפּרעל.

# 4

וויקטאָר פּיאַטיאָרקין איז געלעגן אין פעלד־שפּיטאָל בלויז זעקס טעג. אָפן יונגן ליַיב איז די וווּנד גיך פאַרצויגן געוואָרן. צום גליק, איז די קויל דורכגעגאַנגען דורך די דינע געוועבן און ניט אָנגערירט ניט דעם ביין און ניט די גרעסערע בלוט־געפעסן. אָפן פערטן טאָג איז וויקטאָר שוין אַרומגעגאַנגען, געהאָלפן די שוועסטער באַדינען די פאַרוווּנדעטע, געלייענט פאַר זיי ציַיטונגען — די מיטיילונגען פון סאָווינפאָרמביוראָ.

פאַר דער דאָזיקער ציַיט איז דער קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו צוויי מאָל געקומען צו פאָרן אין שפּיטאָל און לאַנג געשמועסט מיט וויקטאָרן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די קלענסטע דעטאַלן פון זיַין ריַיזע איבער דער פיַינטלעכער טעריטאָריע, פאַרפיַנקטלעכט די מאַרשרוטן פונעם היטלערישן מיליטער, די ערטער, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די פיַינטלעכע טאַנקען און די אַנדערע טעכניק, וועגן וועלכע עס האָט געשריבן דובראָווסקי.

אָפן זיבעטן טאָג איז ווידער געקומען דער קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו און אוועקגעפירט וויק־טאָרן אין דער פראָנט־סאַנאַטאָריע, וואָס האָט זיך געפונען אָפן סאַמע ראַנד פון וואָראָשילאָוו־גראַד.

— אָט דאָ וועסטו לעבן אַ טאָג צוואַנציק, — האָט ער געזאָגט, ווען די דעזשורנע שוועס־טער האָט זיי אַריַינגעפירט אין אַ געראַמען צימער, ווו עס זיַינען געשטאַנען פיר בעטן.

— פאַרוואָס אַזוי לאַנג, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש? אַף מיר וואָרט דאָך באָריסאָוו. איך האָב אים צוגעזאָגט קומען אין צען טעג אַרום.

— ס'מאַכט ניט אויס. ער וועט צוּוואַרטן. עס טרעפט...

פּאַטאַפּאָוון האָט זיך ניט געוואָלט דערצאָרענען דאָס יינגל, דערפאַר האָט ער אים ניט געזאָגט, אַז ס'איז שוין צוגעגרייט אַ צווייטער אויסשפּירער, וואָס וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום אוועקגיין אָנשטאָט אים, פּיאַטיאָרקינען, איבער דער פראָנט־ליניע, געפינען די שוועסטער סאַמאַרסקעס אין מאַלאָיַאוואָנאָווקע און מיט זייער הילף איַינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דובראָוו־סקין. לויט פּאַטאַפּאָווס פאָרשלאָג איז דער דאָזיקער אויסשפּירער נאָך נעכטן געקומען צו פאָרן אין דער פראָנט־סאַנאַטאָריע. ער האָט געדאַרפט זיך באַקאָנען מיט פּיאַטיאָרקינען און אויספרעגן באַ אים, וויַאזוי איז בעסער זיך דערקליַיבן קיין מאַלאָיַאוואָנאָווקע, ווי זעט אויס דאָס הויז פון די שוועסטער סאַמאַרסקעס, זיך דערוויסן עפּעס וועגן דער אופירונג פון די דיַיטשן...

— וואָס הייסט, ער וועט צוּוואַרטן? — האָט פּיאַטיאָרקין ניט פאַרשטאַנען. — און עפּשער האָט באָריסאָוו צוגעגרייט וויכטיקע ידיעות?.. און איר קליַיבט זיך מיך דאָ האַלטן צוואַנציק

טעג. איך האָב זיך שוין פאַריכט. נאָך א טעג פינף, און איך וועל קאָנען גיין... גוט, וולאַדי־מיר איוואַנאָוויטש?

אין זײַן קאָל האָט זיך געפילט אזויפיל געבעט, אזא האָפענונג, אז דער קאַפּיטאַן האָט ניט געקאָנט אים אָפּזאָגן.

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט, — הײַנט איז דער פינף־און־צוואַנציקסטער אַפּרעל. אין זעקס טעג ארום איז דער ערשטמײַיקער יאָמטעוו. איז לאָמיר זיך צונויפרײדן אזוי. דעם ערשטן מײַ פֿײַערן מיר דאָ, און דעם צווייטן ווילן מיר דיך אוועקשיקן צו באַריסאָוון. גוט?

— גוט... אזוי ווי איר וועט הייסן, אזוי וועל איך טאָן.

— אויסגעצייכנט. און איצט קום, וועסטו מיך באַגלייטן ביז דער מאַשין.

אראָפּלאָזנדיק זיך מיט די ברייטע טרעפּ, האָט וויקטאָר א פרעג געטאָן:

— וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, און פריִער, ביז דער מילכאָמע, וואָס איז דאָ געווען?

— אויך א סאַנאַטאָריע, נאָר ניט קיין מיליטערישע, פאַר די שאַכטיאָרן! בײַס דער אָקו־פּאַציע האָבן די דײַטשן צוגעפּאַסט די דאָזיקע געבײַדע פאַר א שפּיטאָל, און מיר האָבן ווידער געעפנט א סאַנאַטאָריע, פאַר געזונט וווּרנדיקע שלאַכטלײַט, זאָלן זיי זיך אָנעמען מיט קוי־כעס ביז דעם ענדגילטיקן אָנגריף.

— און ווען וועט דאָס זײַן, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש?

— איך קאָן דיר ניט זאָגן ווען, נאָר איך ווייס פּינקטלעך — ס׳וועט זײַן... כאָטש דוב־ראָווסקי שרײַבט, אז די דײַטשן גרייטן זיך אויך צו אן אָנגריף. יאָ, דו געדענקסט ניט, מיט וואָס פאַר א קאַפּיטאַן האָט ער געשמועסט, ווען איר האָט גענעכטיקט אין מאַלאָיוואַר־נאָווקע?

— א גראָבער אזא, מיט ניט קיין גרויסן פליק. זײַן פאַמיליע איז דיטריך... דאָס געדענק איך פּינקטלעך. דער פעטער ליאָניע איז מיט אים געזעסן א האַלבע נאַכט. זיי האָבן געטרונ־קען דײַטשישן שנאַפּס. מיך האָט ער אָפּגעשיקט שלאָפן, און אליין האָט ער מיט אים גע־רעדט... און אינדערפרי... כ׳האָב דאָך אײַך דערציילט, אינדערפרי האָט מיר דער פעטער ליאָניע געזאָגט, אז די דײַטשן טרײַבן מיליטער הינטער קורסק. אז בא זיי האָט זיך באַוויזן א נײַער מין טאַנק, „טיגער״ רופט ער זיך. און זײַן פּאַנצער איז אזוי גראָב, אז אפילע קיין סנאַריאַד נעמט אים ניט. דאָס אַלץ האָט דער קאַפּיטאַן דיטריך אים דערציילט. איך האָב דאָך אײַך אַלץ שוין דערציילט, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש.

— ריכטיק, דערציילט. כ׳האָב פּאָשעט געוואָלט נאָכאַמאָל דאָס הערן.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום קליינינקן „ווילִיס״, אף וועלכן זיי זײַנען געקומען אהער צו פאָרן.

— נו, זײַ געזונט, וויקטאָר, — פּאַטאַפּאָוו האָט דערלאַנגט די האַנט דעם יינגל, — און מאָרגן אינדערפרי זאָלסטו אָט דאָ באַגעגענען מײַן מאַשין. איך האָב דיר צוגעגרייט א סיורפּריז.

— וואָס פאַר א סיורפּריז, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש?

— נאָך דער מאַמען האָסטו זיך, מינאַסטאַם, פאַרבענקט?

— א ביסל פאַרבענקט, — האָט ער שעמעוודיק געענטפערט.

— איז אָט, אף מײַן מאַשין וועט מאָרגן אינדערפרי קומען צו דיר די מאַמע. כ׳האָב זי געוואָלט אראָפּברענגען צו דיר אין שפּיטאָל, נאָר זי וואָלט זיך דאָרט שטאַרק געוועזן געערגערט. און איצט ביסטו א העלד. אויב דו וועסט אליין ניט דערציילן, וועט זי אפילע ניט וויסן, אז א קויל האָט דיך פאַרטשעפּעט.

— א דאַנק, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. אָבער זאָגט איר ניט, אז דעם צווייטן מײַ קלײַב איך זיך ווידער...

— אין קיין פאַל ניט. דאָס, ברודערקע, איז אונדזערער א סאָד, — ער האָט זיך אַרײַנגע־זעצט אין דער מאַשין, א פאָך געטאָן מיט דער האַנט. — אז כ׳וועל האָבן צײַט, וועל איך זיך אראָפּכאַפּן צו דיר.

ביז אָוונט האָט וויקטאָר פּיאַטיאָרקין זיך באַקענט מיט א סאַך סאָלדאַטן און אָפיצערן, וועלכע האָבן אָפּגערוט אין דער פראָנט־סאַנאַטאָריע. ער האָט זיך אפילע אײַנגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום מיידעלע, וועלכע אַלע האָבן גערופן טאַניע. פון אָנפאַנג האָט ער זיך גע־שעמט צוגיין צו איר, נאָר אים האָט צוגעצויגן די קאָבורע, וועלכע טאַניע האָט געטראָגן אף א ברייטן סאָלדאַטישן רימען. פון דער קאָבורע האָט אַרויסגעקוקט דאָס הענטל פון אן עמעסן פּיסטאָלעט. אויסגעזען האָט טאַניע א יאָר פופצן־זעכצן. אָנגעטאָן איז זי געווען ציוויל, אין א געוויינלעך קליידל, און דער דאָזיקער פּיסטאָלעט אפן ברייטן רימען האָט ניט געפּאַסט צו איר ציווילן אויסזען.

דער פּרייִלעכער לייטענאַנט פּאַרכאָמענקאָ האָט דערציילט, אַז טאַניע איז אַ פּאַרטיזאַנקע. מ׳האָט זי געבראַכט אַהער אױף אַן אַעראָפּלאַן מיט אַ דורכגעשאָסענער לונג. איצט איז זי שוין אינגאַנצן געזונט און וועט אינגיכן ווידער אַוועקפֿליִען צו די פּאַרטיזאַנער. גריגאָרי — אַזוי האָט מען גערופֿן דעם לייטענאַנט פּאַרכאָמענקאָ, — האָט זיך אַליין באַקאַנט מיט וויקטאָרן. געווען איז ער ניט קיין הויכער, אַ געזעצטער. דאָס שמייכעלע איז שטענדיק געווען אױף זײַנע ליפּן. צוגעגאַנגען צו פּיאָטיאַרקינען, האָט ער אים באַוויזן אַ פּיאַטאַק אױף דער דלאָניע, דערנאָך אַרײַנגענומען די מאַטבייע אין מויל און זי אַרויסגעשלעפּט פֿונעם אויער. ערשט נאָך דעם האָט ער געזאָגט:

— איינס און צוויי און פֿאַרטיק!

וויקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אױף אים מיט אומצוטרוי און אַ שמייכל געטאָן:

— און נאָכאַמאָל קענסטו?

— געמאַכט. נאָר צום ערשטן גיב אָפּ דעם פּיאַטאַק.

— ער איז דאָך בײַ אײַך אין דער האַנט.

— ווו? — דער לייטענאַנט האָט געעפֿנט דעם פֿויסט. — דו זאָלסט נאָר ניט איבערלייגן אױף מיר. דער צענער ליגט בײַ דיר אין קעשענע. — ער האָט אַרײַנגעשטופּט די האַנט אין וויקטאָרס קורטקע און אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט די מאַטבייע.

— ווי־אַזוי? — האָט וויקטאָר אַ פֿאַרכידעשטער געפֿרעגט.

— זייער פּאָשעט. וועסט זיך האַלטן לעבן מיר, וועל איך דיך אויסלערנען אַזעלכע פֿאָקוסן, אַז דער קאָפּ וועט זיך דיר פֿאַרדרייען!

וויקטאָר איז אַוועק צוזאַמען מיטן לייטענאַנט אין פּאַרק אַרײַן. פּאַרכאָמענקאָ האָט דערציילט, אַז ער איז אַן אויספּירער און אַז ער האָט ניט איין מאָל געבראַכט אַ „צונג”. בײַ אים האָט זיך באַקומען, אַז אַלע דײַטשן, וואָס ער האָט גענומען אין געפֿענקעניש, זײַנען געווען אויסשליסלעך שווערע, גראָבע, בײַ אַלעמען האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פֿיס פֿון שרעק. עס האָט זיך באַקומען בײַם לייטענאַנט, אַז נעמען אַ „צונג” איז גלײַך ווי אויסשפּײַען. דאָס שווערסטע איז ברענגען אים צו שלעפּן. ער האָט אַליין גערן דערציילט זײַנע געשיכטעס און אַלע מאָל גענומען אויספֿרעגן בײַ פּיאָטיאַרקינען וועגן זײַנע שלאַכט־פֿאַרדינסטן. פֿון אָנפֿאַנג האָט דאָס ייִנגל געשוויגן, נאָר ווען דער לייטענאַנט האָט אַ זאָג געטאָן, אַז ער, וויקטאָר, האָט מיסטאָם קיין לעבעדיקן דײַטש ניט געזען אין די אויגן, האָט וויקטאָר אַ בורטשע געטאָן:

— געזען... און ניט איינעם.

— מיסטאָם געפֿאַנגענע?

— ניט קיין געפֿאַנגענע...

— ווו זשע האָסטו זיי געזען?

— אױף יענער זײַט.

— אַזוי גאָר? ביסט געווען בײַ די פּאַרטיזאַנער, צי וואָס?

— וואָס פֿאַרא פּאַרטיזאַנער! איך בין געווען אַ פֿאַרבינדלער בײַם סעקרעטאַר פֿונעם אונטערערדישן געגנטקאָם.

— אָ־אָ! ווער זשע האָט דיר אָנגעטרויט אַזאַ זאַך?

— מײַן לערערקע. זי האָט אויסגעפֿילט זײַנע אויפֿגאַבעס, און איך האָב איר איבערגעגעבן זײַנע פֿאַראָרדענונגען און דערנאָך אים אַלץ ראַפּאָרטירט.

— מאָלאָדיעץ. נאָר איך האָב געמיינט, אַז קוים געפֿינסטו זיך דאָ, ביסטו פֿריִער געווען אױפֿן פֿראָנט.

וויקטאָרן האָט זיך זייער געוואָלט דערציילן דעם לייטענאַנט, ווי־אַזוי ער איז געגאַנגען מיט דובראָווסקין, ווי־אַזוי ער האָט אויסגעפֿילט פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבעס פֿון דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפֿט, נאָר ער האָט זיך באַהערשט און געשוויגן:

— ניין, אין שלאַכט בין איך ניט געווען.

פּאַרכאָמענקאָ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט ער בײַם יאַטל קיין זאַך זיך ניט דערוויסן, און באַשלאָסן אים איבערכיטרעווען.

— פֿאַראיאָרן, — האָט ער געזאָגט, — בין איך שיר ניט דורכגעפֿאַלן, קוים מיטן לעבן אַרויס. די דײַטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט אינעם דאָרף מאַלאָיוואַנאָווקע...

— ווו־ווו? — האָט וויקטאָר אים איבערגעשלאָגן.

— אין מאַלאָיוואַנאָווקע. ניט ווײַט פֿון אַלטשעווסק, פֿריִער האָט עס געהייסן וואָראָשילאָווסק.

וויקטאָר האָט זיך אָנגעשפּיצט.

— איז אָט, — האָט פאַרגעזעצט פאַרכאַמענקאָ, — די דײַטשן האָבן אונדז ארומגערינגלט, און ס'האָט זיך פאַרקאָכט. מיר זײַנען אינגאנצן איין ראַטע, און זיי — ניט ווייניקער פון צוויי באַטאליאָנען. נאָר מיר האָבן באַשלאָסן אין פּלען זיך ניט אונטערגעבן. זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן פון מינאָמיאָטן, און א האלב דאָרף האָט זיך אָנגעכאַפּט און געגומען ברענען.

— ס'א ליגן, — האָט רויק איבערגעשלאָגן דאָס ייִנגל.

— פאַרוואָס א ליגן? מיינסט, אז איך טראַכט אויס?

— כ'ווייס ניט, נאָר ס'איז א ליגן.

— אָבער פאַרוואָס גלייבסטו מיר ניט?

— ווײַל איך בין געווען אין מאַלאָיִוואַנאָווקע און דאָרט ניט געזען קיין איין אָפּגע־ברענטע כאַטע.

— מיסטאָמע ביסטו דאָרט געווען ביז דער מילכאָמע.

— ניין. ניט לאַנג צוריק. ס'איז נאָך קיין כוידעש ניטאָ.

— אינטערעסאַנט, וואָס זשע האָסטו דאָרט געזען, אין מאַלאָיִוואַנאָווקע?

— אזוי זיך, כ'האָב געהאַט אָן אופּגאַבע.

— נו, דערציייל, דערציייל, וויאַזוי זעט עס אויס, דײַן מאַלאָיִוואַנאָווקע. עפּשער איז עס גאָר ניט דאָס דאָרף... ווו האָסטו דאָרט געגעכטיקט?

— כ'האָב ניט גענעכטיקט, איך בין פאַרבײַגעגאַנגען. אַלע כאַטעס זײַנען גאַנץ, ווי ס'וואָלט גאָר קיין מילכאָמע ניט געווען.

מער האָט פאַרכאַמענקאָ ניט געקענט ארויסציִען בא אים קיין וואָרט.

פאַרבײַ דער באַנק, ווו זיי זײַנען געזעסן, איז דורכגעגאַנגען טאַניע מיט א באַיאָרטער פרוי אין דער פאָרמע פון א מיליטער־דאָקטער. אָט דעמלט האָט פאַרכאַמענקאָ דערציילט דעם ייִנגל אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן טאַניען.

שפּעטער מיט א צײַט האָט וויקטאָר א פרעג געטאָן:

— פעטער גריגאָרי, פאַרוואָס האָט איר געזאָגט א ליגן וועגן מאַלאָיִוואַנאָווקע?

— אָט א טשודאַק, וויפיל מאַלאָיִוואַנאָווקעס זײַנען פאַראַן? דו ביסט געווען אין איינער, איך אין א צווייטער.

ביז אָפּדערנאַכט האָט זיך פאַרכאַמענקאָ ניט אײַנגעגעבן ארויסציִען באַם ייִנגל קיין וואָרט. איצט האָט וויקטאָר געטראַכט נאָר וועגן טאַניען. ער האָט איר נאָכגעקוקט, זיך געסטאַרעט האַלטן נעענטער לעבן איר. אים איז געפעלן געוואָרן איר גענגעלע, די גלאַטע האָר, וואָס זײַנען פאַרקעמט געווען אָף ארוף און אויסגעזען, ווי גאָלדיקע שטרוי, די בלויע אויגן, אַפילע די אָפּגעקאַלופּעטע נאָז.

וויקטאָר האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ציט אים אזוי צום דאָזיקן מיידל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אז זי נעמט זיך איבער מיט איר פיסטאָלעט. טיף אין הארצן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. „האַלט פּאַסאָן!" — האָט ער זיך געקרימט. יעדעס מאָל, ווען טאַניע פלעגט כאַפּן א קוק אָף אים, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

סאָפּקאָלסאָף, פאַר דעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קינאָ־פילם, איז ער צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס גייסטו עס ארום מיטן פיסטאָלעט, עפּשער האָסטו פאַר עמעצן מוירע? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

— פאַר וועמען דאַרף איך דאָ מוירע האָבן? כ'האָב אים ניט ווו אהינצוטאָן.

— פאַרוואָס גיסטו אים ניט אָפּ? בא מיר האָט מען אים נאָך אין שפּיטאָל צוגענומען.

— בא קיין פאַרטיזאַנער נעמט מען ניט. איך האָב אַליין אים געקראָגן. א טראָפּיינע. א דײַטשישער „וואַלטער".

— איך זע אַליין, אז א „וואַלטער". איך האָב געהאַט פּונקט אזא. נאָר איך האָב אים גע־טראָגן אין קעשענע, ניט אין קיין קאָבורע.

— באַהאַלטן אים, צי וואָס?

— אהא...

— פון וועמען?

— פון די דײַטשן.

דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס איז דער געלעכטער, — האָט וויקטאָר זיך באַליידיקט.

— אזוי זיך. ס'באַקומט זיך קאָמיש. פון די דײַטשן האָסטו אים אויסבאַהאַלטן, און די אייגענע האָבן אים צוגענומען.

— בייס א מילכאָמע טרעפט אַלץ, — האָט ער איבערגעכאַזערט א געהערטע פראַזע. און גלײַך א פרעג געטאָן: — און דו האָסט אמאָל געשאָסן?

— ניין, ס׳איז ניט אויסגעקומען.

— ווילסט, וועלן מיר א פּרווו טאָן.

— ווו?

— דאָרט, אין פּאַרק. אין דער סאַזשלקע איז פול מיט זשאַבעס. קום, קאַלזמאַן ס׳איז נאָך ניט פינצטער.

— און די קינאָ?

וועגן דער קינאָ האָט וויקטאָר גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן. טאַניעס ווערטער האָבן אים ווי אופגעוועקט פון שלאָף:

— נו, גוט, הײַנט וועלן מיר גיין אין קינאָ, נאָר מאָרגן אינדערפרי צו די זשאַבעס.

— אָפּגעמאַכט, — האָט טאַניע אײַנגעשטימט, — און ווי רופט מען דיך?

— מיך? וויקטאָר!

— און מיך טאַניע!

ווי פון אונטער דער ערד איז פאַר זיי אויסגעוואַקסן דער לייטענאַנט פּאַרכאָמענקאָ.

— וואָס זשע האָט איר אראָפּגעלאָזט די נעזער? — האָט ער שמייכלענדיק געפרעגט. — קומט, וועל איך אײַך ווײַזן אַן אויסערגעוויינלעכן פּאָקוס.

פּיאַטיאָרקין האָט זיך אָפּגעזאָגט, און וויפל דער לייטענאַנט האָט אים ניט אײַנגערעדט, האָט דאָס ייִנגל זיך ניט אונטערגעגעבן. עפּעס איז אים ניט געפעלן געוואָרן אָט דער פּאַרכאָמענקאָ, און שוין.

אפן צווייטן טאָג איז דער לייטענאַנט פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער סאַנאַטאָריע. וויקטאָר האָט אים ניט באַמערקט באַם פרישטיק, ניט געטראָפן אין פּאַרק, ווו ער האָט, וואַרטנדיק אַף דער מוטער, לאַנג ארומגעבלאָנקעט איבער די אַלייען.

באַרויִקט זיך נאָך די ערשטע מינוטן פון דער פרײדיקער באַגעגעניש מיטן זון, האָט מאַריִע וויקטאָראָוונע, וויקטאָרס מאַמע, דערציילט דעם זון וועגן די לעצטע בריוו פונעם פאָטער, וועגן וויקטאָרס כאַווערים, וואָס לעבן בישכיינעס. זי האָט געקוקט אפן זון און געזיפצט, אויסגעפרעגט, צי וועט ער אינגיכן זיך אומקערן אהיים. דאָס ייִנגל האָט צוגעזאָגט קומען, ווי נאָר מע וועט פאַריאָגן די דײַטשן פון דער וואָראָשילאָווגראַדער געגנט.

— אָך, ווען וועט זיך שוין אַלץ ענדיקן! — האָט די מאַמע זיך געערגערט. — מײַלע, דער טאַטע איז א דערוואַקסענער, נאָר ווי קומסטו? נאָך צו קליין אַף האַלטן מילכאָמע.

ווען פונדערווײַטנס האָט זיך באַוויזן טאַניע, האָט דאָס ייִנגל זיך דערפרייט:

— אָט, זעסט, זי איז ייִנגער פון מיר, און שוין פון לאַנג א פּאַרטיזאַנערן.

מאַריִע וויקטאָראָוונע האָט א זיפץ געטאָן און גאָרנישט ניט געענטפערט.

אין א פאַר שאָ ארום, ווען די מוטער איז אוועקגעפאָרן, האָט וויקטאָר אָפּגעזוכט טאַניען, וואָס איז געזעסן אין דער טיף פון פּאַרק און געלייענט א בוך. וויקטאָר האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר.

— וואָס לייענסטו?

— „פרידן און קריג“ — האָט זי געענטפערט, ניט אופהייבנדיק די אויגן.

— אינטערעסאַנט?

— אהא...

וויקטאָר איז א צײַט געזעסן און געשוויגן, לאַנג האָט ער אָבער ניט אויסגעהאַלטן.

— קום צו דער סאַזשלקע, מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט.

— איך האָב ווייניק פּאַטראָנעס.

— וויפל?

— צוויי אָבאָימעס צו זיבן שטיק.

— נו, איז וואָס? איינע קאָנען מיר צעשיסן.

— זיבן טיילט זיך ניט אַף צוויי, — האָט טאַניע זיך געגומען רייצן.

— דײַן פּיסטאָלעט, קומט דיר פיר, און מיר — דרײַ. אויב איך וועל כאָטש טרעפן אין איין פראָש, וועט זײַן אזוי, ווי איך האָב פאַרטראַכט. — באַ וויקטאָרן האָבן אזש געברענט די אויגן.

— און וואָס האָסטו פאַרטראַכט?

— אויב איך וועל טרעפן, וועל איך זײַן א פּליִער, אויב ניט, איז מיר, הייסט עס, ניט באַשערט.

— עך, דו! א פליִער וויל ער נאָך זײַן. ווייסט, וואָס פאַר א כאַראַקטער א פליִער דאַרף האָבן? א פליִער, אַז ער האָט עפּעס פאַרקלערט, וועט ער זיך אומבאַדינגט דערשלאָגן.

— פונוואַנען ווייסטו?

— אָט, זעסטו דאָך! בא אונדז אין אַטריאַד איז געווען א ליִאַטשיק, מ'האָט אים אַראָפּ־געהאַקט לעבן קיִעוו. זײַן פאַמיליע איז געווען קוואַסאָוו. איך האָב אים גערופן פּעטער וואַסיע. איז אָט ער, וואָס ער זאָל ניט געווען פאַרטראַכטן, האָט ער אויסגעפּילט. איינמאָל האָט ער זיך אונטערגענומען מאַכן א מינע. וואָס זשע מיינסטו? מיט דער דאָזיקער מינע האָט מען אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן א דײַטשישן עשעלאָן.

— נו, איז וואָס? איך האָב גלאַט אַזוי פאַרטראַכט. אויב איך וועל דערשיסן א זשאַבע, וועט זײַן אַזוי, ווי איך וויל, אויב ניט, קאָן מען פאַרבראַקעווען לויטן געזונט. הײַדא, קום!

— נו, מיילע, קום, — האָט טאַניע זיך צעלאַכט. — אָבער געדענק — איך וועל שיסן די ערשטע.

אינגיכן האָט פון דער סאַזשלקע זיך דערטראָגן דער אָפּהילך פון עטלעכע שיטערע שאָסן.

דער קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו איז געקומען אין דער סאַנאַטאָריע בייסן פרישטיק. ביזן ערשטן מײַ איז נאָך געבליבן צוויי טעג, דעריבער האָט זיך פּיאַטיאַרקין פאַרכידעשט, דערזע־ענדיק אין גאַרקיך פּאָטאַפּאָוון. וויקטאָר איז אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן.

— א גוט־מאָרגן, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש! איר זוכט עמעצן?

— קיינעם זוך איך ניט. איך בין געקומען צו דיר, — האָט געזאָגט פּאָטאַפּאָוו, ניט אַרויסלאָזנדיק דעם ייִנגלס האַנט פון זײַן גרויסער דלאָניע. — דו גיי, פאַרענדיק דעם פריש־טיק. איך וועל אָף דיר וואַרטן אין פּאַרק. איך דאַרף מיט דיר ערנסט א שמועס טאָן.

וויקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מיסטאַם איבער די זשאַבעס, — האָט ער א בורטשע געטאָן.

— וואָס פאַרא זשאַבעס? — האָט פּאָטאַפּאָוו ניט פאַרשטאַנען. ער האָט אונטערגעשטויסן וויקטאָרן, איבערכאַזערנדיק: — גיי, גיי, מירן דערנאָך א שמועס טאָן.

„שוין באַוויזן אָנריידן", — האָט וויקטאָר א טראַכט געטאָן וועגן שעף פון דער סאַנאַטאָ־ריע, וואָס האָט נעכטן זיי ביידן, אים מיט טאַניען, געמאַכט א סקאַנדאַל. ער האָט זיי אַרויס־גערופן צו זיך אין קאַבינעט, פאַרשריבן, פון וועלכע טיילן זיי זײַנען געקומען אַהער, און געדראָעט געבן צו וויסן דער קאָמאַנדשאַפט. צום סאָף האָט ער נאָך צוגענומען בא טאַניען דעם פּיסטאָלעט און אים פאַרשלאָסן בא זיך אין סייף.

מער פון אַלץ האָט וויקטאָר איבערגעלעבט פאַר טאַניען. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר איר. צום גליק, האָט טאַניע שוין אָפן צווייטן טאָג פאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע און אַליין אים געקומען רופן גיין שפּאַצירן צו דער סאַזשלקע.

איצט, ווען דער קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו האָט זיך אַזוי אומגעריכט באַוויזן אין סאַנאַטאָריע, איז דאָס ייִנגל זיכער געווען, אַז דער קאַפּיטאַן וועט אים מאַכן א שטאַרקן אויסרייד.

פּיאַטיאַרקין האָט שנעל א סאָף געמאַכט מיטן פרישטיק און אַוועקגעלאָפן צו פּאָטאַפּאָוון.

— אַהאַ, זיך אונטערגעקרעפּטיקט? — האָט ער געפרעגט, דערזעענדיק וויקטאָרן.

וויקטאָר האָט געשוויגן.

— אויב אַזוי, וועלן מיר זיך דורכשפּאַצירן איבערן פּאַרק, — פּאָטאַפּאָוו האָט אַוועקגע־לייגט זײַן האַנט אָף וויקטאָרס אַקסל. — דעם לייטענאַנט פּאַרכאָמענקאָ געדענקסטו?

וויקטאָר האָט זיך ניט געריכט אָף אַזא פראַגע, דעריבער האָט ער פאַרכידעשט א קוק געטאָן אָף פּאָטאַפּאָוון.

— דו ביסט א מאָלאָדיעץ, — האָט יענער געזאָגט, — דו קענסט האַלטן א סאָד. דער קאַפּיטאַן פּאַרכאָמענקאָ האָט זיך געקליבן גיין אָף יענער זײַט, דערפאַר האָט ער דיך גע־פרעגט וועגן מאַלאָיוואַנאָווקע... נו, מיילע, ס'האָט זיך געפונען אַן אַנדער מענטש, וואָס האָט אים אַלץ דערציילט, נאָר איצט דאַרף ער עס שוין ניט. — פּאָטאַפּאָוו האָט א טיפן זיפץ גע־טאָן. ער האָט א ווײַלע געשוויגן און פאַרגעזעצט. — ניטאָ, ניטאָ שוין פּאַרכאָמענקאָ... אומ־געקומען באַם איבערגיין די פראָנט־ליניע...

וויקטאָר האָט גאָרניט געענטפערט. עפּעס א קנויל האָט זיך געשטעלט אין האַלדז, אָף די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— ער האָט וועגן דיר גוט זיך אָפּגערופן. ער האָט געזאָגט, אַז מיט אַזאַ, ווי דו, וואָלט ער געגאַנגען אין אויסשפּירונג... און אַליין איז ער ניט דערגאַנגען...

פּאָטאַפּאָוו האָט צוגעפירט וויקטאָרן צו א באַנק און פאַרגעלייגט:

— לאָמיר זיך צוזעצן, זונעניו.

דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל זיך אַזוי געווענדט צו אים, און וויקטאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט וועגן די זשאַבעס וועט עס גיין אַ רייד:

— נו, דערציילן, ווי פילסטו זיך? וואָס מאַכט דײַן פוס? — האָט זיך נאָכגעפרעגט פּאָטאַפּאָוו, אַרײַנקוקנדיק דעם יינגל אין די אויגן.

— איך? איך פיל זיך זייער גוט. איך בין שוין פון לאַנג געזונט, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, איך קאָן שוין אַפילו לויפן. — ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט אַ גרייטער צו באַווײַזן, ווי אַזוי ער קאָן לויפן, נאָר פּאָטאַפּאָוו האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל.

— איך ווייס, איך גלייב דיר אַזוי אויך.

— הייסט עס, אַז נאָך יאָמטעוו לאָזט איר מיך צום פעטער ליאָניע?

— נאָך יאָמטעוו, זאָגסטו? ס'ווילט זיך דיר דאָ פײַערן דעם ערשטן מײַ?

— אַהאַ, בײַ אונדז וועט זײַן אַ קאָנצערט. מאָסקווער אַרטיסטן דאַרפן קומען.

פּאָטאַפּאָוו האָט טיף אָן אָטעם געטאָן, זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווײַל און געפרעגט:

— און אַז דו וועסט פאַרבלײַבן אָן אַ קאָנצערט, וועט דיר באַנק טאָן?

— וואָס הייסט? — האָט זיך וויקטאָר פאַרכידעשט.

— פאַרשטייסט, זונעניו, — פּאָטאַפּאָוו האָט ווידער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף וויקטאָרס אַקסל. — דער לייטענאַנט פאַרכאָמענקאָ איז געגאַנגען צו דובראָווסקין... און ס'האָט זיך באַקומען ניט וואַזשנע... איצט איז די האָפענונג אויף דיר... אָפּלייגן קאָן מען אָבער ניט. די קאָמאַנדשאַפט נייטיקט זיך אין פּינקטלעכע ידיעות וועגן סוינע. מעגלעך, אַז דובראָווסקי האָט עפּעס נײַס. אָבער אָן אַ פאַרבינדלער וועט ער גאָרנישט ניט קענען איבערגעבן. מיר האָבן באַטראַכט די פראַגע און באַשלאָסן, אַז אויב דו פילסט זיך גוט, וועלן מיר דיך נאָך ביז יאָמטעוו אַוועקשיקן צו לעאָנידן...

— איך בין גרייט, — האָט וויקטאָר אַ זאָג געטאָן, — ס'איז דאָך איצט אַ מילכאָמע, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש... איר מיינט, אַז איך האָב קיין קאָנצערט ניט געזען? כ'וועל זיך נאָך אָנקוקן, ווען מירן דעם דײַטש אַרויסיאָגן...

— זע נאָר, סאַראַ פלינקער, — האָט פּאָטאַפּאָוו זיך צעלאַכט. — דו אײַל זיך ניט אַזוי מיט קיין ענטפער. פון אָנפאַנג זאָג מיר, אָבער דעם עמעס, דער פוס טוט וויי?

— ניין... אָט טוט אַ קוק...

וויקטאָר איז אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק און גענומען טאַנצן אויף איין פוס.

— ס'באַקומט זיך בײַ דיר אויסגעצייכנט. אָבער אַ ווייטעק פילסטו?

— אַפילו קיין קאַפּעטשקע ניט.

— אויב אַזוי, זעץ זיך צו, וועלן מיר פאָרזעצן דעם געשפּרעך, — פּאָטאַפּאָוו האָט געוואַרט, ביז דאָס יינגל האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים. — הײַנט וועסטו נאָך בלײַבן דאָ. איך דאַרף זיך צונויפריידן וועגן דעם אָרט, ווו דו וועסט איבערגיין די פראָנט־ליניע. מירן דיר פאַרזיכערן אַ גוטע פײַער־שוץ. גיכער פון אַלץ וועסטו איבערגיין דאָרט, ווו דו ביסט געגאַנגען מיט דובראָווסקין. פון דאָרטן ווייסטו גוט דעם וועג קיין מאַלאָ־וואַנאָווקע.

— אַהאַ, איך געדענק אַלץ.

— אין מאַלאָ־וואַנאָווקע וועסטו זיך אָפּשטעלן בײַ די שוועסטער סאַמאַרסקעס. אויב זיי ווייסן עפּעס וועגן דובראָווסקין, וועסטו טאָן אַזוי, ווי ער האָט זיי אָנגעזאָגט. אויב ניט — וועסטו וואַרטן, נאָר ניט מער ווי צוויי טעג. פאַר דער צײַט קוק זיך צו, וועלכע טיילן גייען דורך, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג. פאַרגעדענק די צייכנס אויף די מאַשינעס. דעמלט האָט זיך בײַ אײַך גוט באַקומען מיט די הינטישע קעפּ. די אַוסטריאַקעס מאָלן אויף זייערע מאַשינעס הינטישע קעפּ. לויט די סימאָנים ווייסט אונדזער אויסשפּירונג, וווהין עס באַוועגן זיך די עסטרײַכער. דו קענסט דאָך מאָלן, איז מאָל אויס דאָס, וואָס דו זעסט, וועסטו ניט פאַרגעסן. אַפילו אַז אַזאַ פּאַפּירל וועט אַרײַנפאַלן צו די דײַטשן, איז אויך ניט געפערלעך. ס'איז דיר געפעלן — האָסטו אָנגעמאָלט. און די לעגענדע דײַנע וועט זײַן די זעלבע, וואָס פריער. האָסט, הייסט עס, געזוכט די עלטערן, זיי ניט געפונען, האָסטו זיך צוריק אומגעקערט אין מאַלאָ־וואַנאָווקע. דאָ זײַנען פאַראַן גוטע מומינקעס, זיי האָבן דיך אײַנגעלאַדן לעבן בײַ זיי, ביז דער טאַטע מיט דער מאַמע וועלן זיך אָפּזוכן. די שוועסטער סאַמאַרסקעס זאָג, אַז מיר ווייסן וועגן זיי, און מיר זײַנען זיי דאַנקבאַר פאַר דער הילף... פאַרשטאַנען?

— אַהאַ, פאַרשטאַנען. און ווען דאַרף מען גיין?

— מאָרגן אינדערפרי וועל איך שיקן נאָך דיר אַ מאַשין. וועסט קומען צו אונדז אין שטאַב, וועלן מיר באַשליסן... מינאַסטאַם וועלן מיר דיך איבערמאָרגן באַגלייטן... נו, און אונדזערע פאַראָלן בלײַבן די זעלבע. דו האָסט ניט פאַרגעסן?

— ניין! ווען איך וועל זיך אומקערן צו אונדזערע, וועל איך זאָגן, אַז מיך רופט מען

איוואנאָוו און אַז איך בעט, מע זאָל מיך ברענגען אין שטאַב. דאָרט וועל איך בעטן, מע זאָל זיך פאַרבינדן מיט סאָקאָלן און זאָגן, אַז ס'איז געקומען באַריסאָווס פאַרבינדלער.

— אַלץ איז ריכטיק. מאַלאַדיעץ, וויקטאָר! קום, וועסטו מיך באַגלייטן צו דער מאַשין.

פונדערווייַטנס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דאָס שפּאַצירט אַ פאָטער, וואָס איז געקומען פונעם פראָנט, מיט זייַן זון.

# 5

דער אונטערשטורעמפיורער רונצכיימער האָט זיך אומגעקערט אין אַ שלעכטער שטימונג. ער האָט בלויז אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער פעל פונעם הונט, וואָס האָט זיך אופגעהויבן אַף די הינטערשטע פיס, צוגעגאַנגען צום טיש און אַ פרעג געטאָן:

— איך פאַרהאָף, אַז אַלץ איז בא אייַך פאַרטיק, הער דובראָווסקי?

לעאָניד האָט דערלאַנגט דעם שעף די פאַרשריבענע צעטלעך פּאַפּיר.

— קיין סך צייַט האָט עס בא מיר ניט צוגענומען, הער אונטערשטורעמפיורער. מייַן ביאָגראַפיע הייבט זיך ערשט אָן.

רונצכיימער האָט נערוועז דורכגעקוקט די צעטלעך פּאַפּיר און זיי אוועקגעלייגט אַפן טיש:

— דאַכט זיך, אַז אַלץ איז ריכטיק,— האָט ער געזאָגט שוין ווייכער. נאָר לויט דעם, ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן בענקל, האָט לעאָניד פאַרשטאַנען, אַז דער שעף קאָכט פון קאַס.

— הער אונטערשטורעמפיורער, איר זייַט פון עפּעס אופגערעגט?

— יאָ,— האָט יענער אַ שאַרפן קוק געטאָן אַף דובראָווסקין,— ניט אופגערעגט, איך בין פאַשעט צעמישט! איך פאַרשטיי ניט די רוסישע אַקשאָנעס, די נאַרישקייַט... איינער איז גרייט אַראָפּשלינגען די צונג, גרייט שטאַרבן און ניט עפענען דאָס מויל, און דער צווייטער— האַרגענען, מיימעסן, אַבי זיך אויסדינען, אַבי דערווייַזן זייַן איבערגעגעבנקייַט. הינט...

רונצכיימער האָט געוואָרפן אַ בליק אַף גאַראַסן און מיט אַ באַוועגונג אים דערלויבט זיך דערנענטערן.

— ס'איז גוט, אַז אַ הונט איז אַ פרייַנט,— האָט ער אַ גלעט געטאָן גאַראַסן צווישן די אויערן, — נאָר ווען אַ פרייַנט איז אַ הונט! אָ־אָ!

— אַנטשולדיקט, הער אונטערשטורעמפיורער, כ'האָב ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— דער דאָזיקער באַנדיט האָט, ווייַזט אויס, אַ סך געוווּסט. אין זייַן וווינונג האָט מען געפונען געווער, אַ ראַדיאָ־אופנעמער. איך בין זיכער געווען, אַז איך וועל אים צווינגען עפענען דאָס מויל. און דער באַלוואַן אַלעקס... ער האָט אים אַזוי געשלאָגן, אַז יענער האָט אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע,— רונצכיימער האָט אַ ווייַלע געשוויגן, דערנאָך צוגעגעבן,— מעגלעך, אַז דער דאָזיקער אַלעקס אַרבעט גאָר קעגן אונדז.

לעאָניד האָט געשוויגן. ער האָט, נאַטירלעך, ניט געוווּסט, אַז רונצכיימער האָט באַפוילן פּאַטיאָמקינען נאָכקוקן זייַן נייַעם שאָכן. אַלעקס האָט צוגעזאָגט דעם שעף דאָס מאַכן, ער האָט אָבער געבעטן, אַז דער אונטערשטורעמפיורער זאָל אים דערלויבן זיך פאַרשטעלן פאַר אַ סאָוועטישן פּאַטריאָט. איצט האָט רונצכיימער שוין כאַראַטע געהאַט, וואָס ער האָט דערציילט וועגן אַלעקס' אַכזאָריעס, דעריבער האָט ער צוגעגעבן, אַז ער הייבט אָן צווייפלען אין יענעם.

— איך געטרוי אייַך, הער דובראָווסקי,— האָט געזאָגט דער אונטערשטורעמפיורער,— כ'געטרוי אייַך אַף אַזויפיל, אַז כ'וועל אייַך בעטן נאָכקוקן אָט דעם אַלעקסן... באַמיט זיך פעסטשטעלן, וועגן וואָס ער טראַכט, מיט וועמען באַגעגנט ער זיך נאָך דער אַרבעט. וועגן זייַנע אַרויסזאָגונגען וועט איר מיר איבערגעבן. פון הייַנט אָן ווערט איר מייַן בעסטער איבערזעצער, און פּאַטיאָמקין זאָל העלפן דעם פעלדפעבעל קוועסט.

דובראָווסקין איז געקומען אַפן זינען, אַז לויט די באַפעלן פון רונצכיימערן וועט ער דאַרפן אַף די פאַרהערן שלאָגן סאָוועטישע מענטשן. איבער זייַן לייַב איז דורכגעלאָפן אַ גרויל.

— הער אונטערשטורעמפיורער,— האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ניט פאַרענדיקט...

— איך הער אײַך,— האָט יענער אונטערגעכאַפּט.

— איך האָב געוואָלט אײַך זאָגן, אַז איך פּאַרטראָג ניט קיין בלוט... איך האָב אַמאָל געטרוימט צו ווערן אַ דאָקטער, אַפילו אַרײַנגעטראָטן אין אַ מעדיצינישן אינסטיטוט. נאָר אין אַנאַטאָמקע איז מיר ניט גוט געוואָרן, און איך האָב פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן.

— ס'מאַכט ניט אויס, איך וועל פּרוּוון מאַכן פון אײַך אַ מאַנצבל. איצט עטלעכע ווערטער וועגן אײַער אַרבעט. איר וועט דאַרפן אויספילן נאָר מײַנע באַפעלן, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז אין מײַן אָפּוועזנהײַט קאָן מען אײַך ניט פּאַרלייגן קיין אַנדער אַרבעט. יעדער אונטעראָפיצער פון אונדזער קאָמאַנדע איז אײַערער אַ שעף. לויט מײַן דערלויבעניש קאָן דער אויספאָרשער אײַך פאַרלייגן אים העלפן בײַ אַ פאַרהער. איר וועט דאַרפן האָבן אַ פאַרבינדונג מיט דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי, וועלכע געפינט זיך אין מײַן רעשוס. ווײַטער וועל איך אײַך איבערגעבן דעם קאָנטראָל איבער דער אַרבעטס־בירזשע. מע דאַרף פאַרשטאַרקן די ווערבירונג פון יוגנט אַף אַוועקצושיקן קיין דײַטשלאַנד. ווי איר זעט, וועט איר קיין פרײַע צײַט קימאַט ניט האָבן.

— כ'פאַרשטיי, הער אונטערשטורעמפירער.

— אויב אַזוי, קאָנט איר גיין. ווען איך וועל אײַך דאַרפן, וועל איך אײַך אַרויסרופן.

דובראָווסקי איז האַסטיק אַרויס פון קאַבינעט. אינעם פּירהויז האָט ער זיך באַגעגנט פּאָנעם צו פּאָנעם מיט אַ יונגער פרוי, וואָס האָט אַ שפּאַן געטאָן צו אים פונעם אַנטקעגנדיקן צימער.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער פאַרכידעשט געפרעגט.

— איך וווין דאָ. איך בין זייער אופראַמערן,— האָט יענע באַוויזן אַף דער טיר פונעם שעף. די טיר, פונוואַנען די פרוי איז אַרויס, האָט זיך פאַמעלעכן געעפנט און פון דאָרט האָט זיך אַרויסגערוקט אַ לײַנען קעפּל פון אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געדאַרפט אַלט זײַן אַ צוויי־דרײַ יאָר.

— מײַן טעכטערל, אַנושקאַ.

— דערלויבט אַרײַנגיין, אַ קוק טאָן, ווי איר לעבט דאָ.

— גייט אַרײַן, ביטע!

די פרוי האָט אַוועקגענומען דאָס קינד און דורכגעלאָזט דובראָווסקין אין צימער.

אין דער סאַמע מיט איז געשטאַנען אַ ברייט בעט מיט אַ סאַך קישנס, אַ פּירקאַנטיקער טיש, באַדעקט מיט אַ געפּרעסטן טישטעך. אַפן קאָמאָד — עטלעכע וואַזעשקעס פון קאָלירטן גלאָז. הינטערן ציצענעם פאַרהענגל האָט זיך געפילט, אַז דאָרט געפינט זיך נאָך אַ צימער.

— שוין לאַנג וווינט איר דאָ? — האָט געפרעגט דובראָווסקי, אַרײַנקוקנדיק אינעם בענימעסן פּאָנעם פון דער פרוי.

— איך האָב דאָ פריִער געוווינט מיטן מאַן.

— און ווו איז ער איצט, אײַער מאַן?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס קינד האָט אַרומגעכאַפּט די מוטער פאַר אַ פוס.

— כ'ווייס ניט... מ'האָט אים צוגענומען אין איין־און־פערציקסטן, און פון דעמלט האָב איך אַפילו קיין גרוס ניט באַקומען. עפשער לעבט ער, און עפשער... די לעצטע ווערטער האָט זי אַראָפּגעשלונגען צוזאַמען מיט די טרערן.

— נו, מע דאַרף ניט, וואָס איז דאָס וויינען, ער קאָן נאָך קומען. איצט איז אַלץ פאַרפּלאָנטערט...— האָט ער מיטפילנדיק געזאָגט.

אין זײַן קאָל האָט די פרוי דערפילט אַזאַ וואַרעמקײַט, אַזאַ אופריכטיקײַט, אַז זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און געפרעגט, ווי בײַ אַ היימישן:

— און איר אַרבעט דאָ, צי גלאַט אַזוי אַרײַנגעקומען? פריִער האָב איך אײַך ניט געזען. לעאָניד האָט דערציילט, אַז ער איז אַ נײַער איבערזעצער בײַ רונצכײַמערן, אַז ער הייסט לעאָניד דובראָווסקי.

— און אײַך ווי רופט מען? — האָט ער געפרעגט.

— מאַרפאַ טיטריאַכינאַ. מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ,— האָט זי צוגעגעבן און גענומען אויספרעגן, פונוואַנען ער איז.

דובראָווסקי האָט איר געזאָגט, אַז ער איז פון לענינגראַד.

— אין לענינגראַד איז איצט ביטער. די דײַטשן זאָגן, אַז אַלע קעץ האָט מען דאָרט שוין אויפגעגעסן. אַז אינגיכן וועלן זיי די גאַנצע שטאָט צעוואַלגערן.

— עפשער, נאָר גיכער פון אַלץ איז עס אַ ליגן, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ.

דובראָווסקי האָט אומיסטן אַזוי געזאָגט, קעדיי לויטן אויסדרוק פון מאַרפעס פּאָנעם פעסטשטעלן איר באַציִונג צו די אָקופּאַנטן, צו דעם, וואָס אַרום קומט פאָר. נאַטירלעך, אַז

דאָס איז געווען ריזיקאַל, אָבער ס׳האָט געלוינט אײַנצושטעלן. ער האָט דאָך געמוזט דערגיין א טאָלק אינעם מענטשן, מיט וועלכן ס׳איז אים אויסגעקומען זיך טרעפן.

די פּוכקע ליפּן אירע האָבן א ציטער געטאָן, דער בליק איז ווארעמער געוואָרן, זי האָט אָבער סײַכל געהאַט ניט ארויסזאָגן איר מיינונג, זי האָט בלויז א טיפן זיפץ געטאָן.

— איר זײַט אין קאַדיעווקע איינע, צי איר האָט נאָך אייגענע? — האָט דובראָווסקי געפרעגט.

— א שוועסטער וווינט דאָ אַנטקעגן, אויך מיט א קליין קינד געבליבן. ניטאָ מיט וואָס צו האָדעווען די כעווּרע. א פּאַרשיווע הערינג קאָסט צען רובל. נאָך גוט, וואָס מע האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן פאַר רובלען. ווינטער האָט מען גענומען נאָר דײַטשיש געלט.

— פאַרוואָס?

— ווײַל די דײַטשן האָבן געפּלאַפּלט, אַז מע וועט נעמען סטאַלינגראַד, וועט זיך די מילכאָמע ענדיקן, הייסט עס, אַז קיין רובלען וועט מען שוין ניט דאַרפן. אין פעווראַל כוידעש, ווען מ׳האָט דערהערט די רוסישע ארטילעריע, האָט מען ווידער אָנגעהויבן נעמען רובלען. — זי האָט געכאַפּט א קוק אַפן גאַסט און געפרעגט: — און ווו וווינט איר?

— אַט דאָ, אין צווייטן עק פונעם באַראַק. אין איין צימער מיט פּאַטיאָמקינען.

— א, מיט אַלעקסן, אין פערטן צימער, הייסט עס, איך ראַם דאָרט אויך.

— און וואָס פאַר א מענטש איז עס, אָט דער אַלעקס?

מאַרפאַ איוואַנאָוונא האָט אופמערקזאַם א קוק געטאָן אַף דובראָווסקין, דערנאָך אַראָפּגעשטעלט דאָס קינד אַף דער ערד און א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— ווער קאָן וויסן? איר וועט שוין אַליין זען. נאָר פאַר זײַן נאַהײַקע האָב איך מוירע, א שרעק. צוויי מאָל האָב איך פון איר אָפּגעוואַשן בלוט.

דובראָווסקי האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט.

— נו, מאַרפאַ איוואַנאָוונא, איך בין צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך באַקענט.

— קומט אַרײַן, אויב איר וועט דאַרפן עפּעס אויסוואַשן, וועל איך עס מאַכן איינס און צוויי.

אין צימער האָט לעאָניד דובראָווסקי געטראָפן פּאַטיאָמקינען קימאַט א שיקערן. ער איז געזעסן מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן באַם טיש און אַף א קאָל געלאַכט. דערזען דובראָווסקין, האָט ער אויסגעשריגן:

— אהא! אָט איז מײַן נײַער כאַווער. און מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָנטאָן קאַוועד. זעצט זיך צו, זײַט באַקאַנט, — האָט ער א וווּנק געטאָן צום גאַסט, — דאָס איז קאָנאַריאָוו, א האַרציקער מענטש, און דאָס — אונדזער נײַער איבערזעצער, לעאָניד דובראָווסקי, — האָט ער זיך געווענדט צו קאָנאַריאָוון.

דובראָווסקי האָט ניט באַוויזן אויסטרינקען דאָס גלעזל סאַמאַהאָן, וואָס פּאַטיאָמקין האָט אים אונטערגעטראָגן, ווי אין צימער איז אַרײַנגעלאָפן א סאָלדאַט, וואָס האָט איבערגעגעבן, אַז דער אונטערשטורעמפירער פאָדערט צו זיך דעם הער דובראָווסקי.

— נו, אויב דער דילדע רופט, איז לויף. ווארטן האָט ער ניט ליב, — האָט געזאָגט אַלעקס, — און מיר מיט קאָנאַריאָוון וועלן אָן דיר זיך ספּראַווען.

רונצכיַימער האָט שוין געוואַרט אין הויף אַף דובראָווסקין.

— איר האָט מיך גערופן, הער אונטערשטורעמפירער? — האָט דובראָווסקי זיך אויסגע־צויגן פאַר אים.

— יאָ, איך דאַרף אײַך האָבן. איר וועט גיין מיט מיר אין דער רוסישער געהילפס־פּאָליצײַ. איך דאַרף האָבן א געשפּרעך מיטן שעף. איר וועט זיך טאַקע באַקענען. אײַך וועט אויסקומען זײַן בא אים לויט מײַנע פאָראָרדענונגען. גייט נאָך מיר.

זיי זײַנען דורכגעגאַנגען א שמאָל געסעלע, איבערגעשניטן די הויפּט־גאַס און זיך געלאָזט צום פּלאַץ. דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט בא א צווייִשטאָקיקן הויז.

— אָט דאָ איז עס! — האָט קורץ געזאָגט רונצכיַימער.

דער פּאָליצײַ מיטן ווײַסן בענדל אַפן אָרבל, וואָס איז געשטאַנען בא דער טיר, האָט אויסגעשריגן „הײַל היטלער!" און א פאַרגליווערטער זיך אויסגעצויגן פאַר די געקומענע. רונצכיַימער האָט זיך אופגעהויבן אַפן צווייטן שטאָק, דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן קאָרידאָר און, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, א שטויס געטאָן איינע פון די טירן. דובראָווסקי איז אים נאָכגעגאַנגען.

פון הינטערן שרײַבטיש האָט זיך אופגעשטעלט א באַיאָרטער מאַנצבל. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, ווי די פאַשיסטן האָבן עס געטאָן, און זיך באַגריסט. רונצכיַימער האָט נאָכלעסיק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צוגעגאַנגען צום שעף פון דער פּאָליצײַ. יענער האָט געמאַכט א שפּאַן אין א זײַט, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט זײַן שעף.

רונצכיַימער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן שטול און א זאָג געטאָן:

— דאָס איז מײַן נײַער איבערזעצער, הער דובראָווסקי. און דאָס איז דער הער קאָזלאָוו, — האָט ער אָנגעוויזן אַפן שעף פון דער פּאָליצײַ.

— הער דובראָווסקי, פרעגט קאָזלאָוו, צי האָט ער געפונען די מענטשן, וואָס האָבן אונטערגעצונדן דעם פוטער־זאַוואָד?

לעאָניד האָט איבערגעזעצט רונצכיַימערס פראַגע.

קאָזלאָווס קליינע אייגעלעך האָבן גענומען לויפן אין אַלע זײַטן.

— דערלויבט באַמערקן, אַז מיר האָבן שוין אַרעסטירט עלף מענטשן, נאָר דערווײַל זײַנען ניטאָ קיין שום רעזולטאַטן. אַלע פאַרהאַלטענע האָבן ווירקלעך ניט קיין שײַכעס צו דער סרייפע...

— אויב זיי האָבן ניט קיין שײַכעס, איז צוליב וואָס האָט איר זיי אַרעסטירט? — האָט רונצכיַימער א רעווע געטאָן, ווי נאָר ער האָט דערהערט די איבערזעצונג.

— מיר האָבן געמיינט... די מענטשן וווינען נאָענט...

— וואָס זשע קלײַבט איר זיך טאָן אַצינד, הער קאָזלאָוו?

— מײַנע אַגענטן פירן א גרויסע אַרבעט צווישן דער באַפעלקערונג. א שאָד, וואָס דער הער מעס איז אומגעקומען, ער וואָלט אונדז געקאָנט העלפן...

רונצכיַימער האָט איבערגעשלאָגן דעם איבערזעצער.

— פרעגט בא אים, — האָט ער געזאָגט דובראָווסקין, — צי ער קלערט, אַז דאָס איז געווען בלויז א צופאַל. עפּשער האָט דער הער מעס זיך אַליין דורכגעלעכערט דעם קאָפּ?

קאָזלאָוו האָט געענטפערט:

— איך אַליין בין געווען אַפן אָרט פון דער סרייפע. דער הער מעס איז געלעגן ניט ווײַט פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם סטויפּ. עפּשער האָט דער סטויפּ אים א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ...

— מעגלעך, נאָר איך האָב א סאַך יאָרן געאַרבעט אין דער קרימינעלער פּאָליציע און בין ניט געוווינט צו מאַכן קיין אויספירן, וואָס באַזירן זיך ניט אַף קיין פאַקטן. דאָס סאַמע לײַכטסטע איז אַלץ דערקלערן מיט א צופאַל. אויב דער הער קאָזלאָוו וועט אין מעשעך פון עטלעכע טעג ניט קאָנען באַשטעטיקן זײַן ווערסיע, אָדער פאַרקערט — ניט געפינען די שולדיקע פון דער דאָזיקער סרייפע, וועט מיר אויסקומען זיך צוזוכן אַן אַנדער שעף פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליצײַ. זעצט אים איבער. אָבער פּינקטלעך.

רונצכיַימער איז שטיל געבליבן, און דובראָווסקי האָט אים אָנגעהויבן דערקלערן, קאָזלאָוון, וואָס עס וויל פון אים דער אונטערשטורעמפירער.

— די גרעסטע באַליידיקונג פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן איז אים כוישעד זײַן.

— זאָל איך די דאָזיקע ווערטער אויך איבערזעצן דעם הער אונטערשטורעמפירער? — האָט געפרעגט דובראָווסקי.

— דאָס זײַנען ניט מײַנע ווערטער. דאָס איז די אַרויסזאָגונג פון שעקספּירן.

לעאָניד האָט איבערגעזעצט און דערציילט רונצכיַימערן, אַז קאָזלאָוו ציטירט שעקספּירן.

— סאַראַ איידלמוטיקײַט! אויב דער הער קאָזלאָוו איז אַזוי געבילדעט, האָט ער ניט וואָס צו טאָן אין דער רוסישער געהילפס־פּאָליצײַ. איך דאַרף ניט האָבן קיין סענטימענטאַלע

טויגעניכצן, — רונצכײַמער האָט וואָס ווײַטער, אַלץ מער זיך צעהיצט, — איך וועל ניט דער־לאָזן, אַז אַפילו אַ סטויפּ זאָל אומגעשטערט פאַלן אַפן קאָפּ פון אַ דײַטש! אַלע עלף אַרעסטיר־טע דאַרפן צעשאָסן ווערן, אויב זיי וועלן ניט זאָגן, ווער עס האָט אונטערגעצונדן דעם פֿאָר־טער־זאַוואָד, ווער ס׳האָט דערהאַרגעט דעם דאָקטער מעס. מיר וועלן זיך צערעכענען פֿאַר מעסן. און זעצט איבער דעם הער קאָזלאָוו מײַנע ווערטער: זאָל ער זיך היטן, אויב מײַנע מענטשן וועלן אַנטדעקן די אונטערצײַנדער, און ניט זײַנע.

רונצכײַמער האָט ניט געוואַרט, ביז דובראָווסקי וועט אַלץ איבערזעצן, ער האָט גענומען די הענטשקעס, אָנגעטאָן דאָס היטל און זיך געלאָזט צו דער טיר. שוין פון דער שוועל האָט ער געזאָגט:

— איצט וועט דער הער דובראָווסקי קומען נעמען אַרעסטירטע. איר וועט באַקומען אַ צעטעלע און אים אַרויסגעבן וועמען עס וועט נייטיק זײַן. קלאָר?

ווען זיי זײַנען אַראָפּ פון די טרעפּ, האָט רונצכײַמער געזאָגט:

— מירן צוגיין אַף דער אַרבעטס־בירזשע. ס׳איז ניט ווײַט. איך וועט אויסקומען זײַן דאָרט מיט מײַנע פאַראָרדענונגען.

## 6

דובראָווסקי האָט זיך אופגעכאַפּט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן געפיל פון אומרו. פונקט ווי אַ שטיין וואָלט אים געדריקט די ברוסט, געשטערט אָטעמען. ער האָט זיך אונטערגעהויבן אַפן עלנבויגן. אין צימער איז געווען ליכטיק. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן אַן אָפּ־הילך פון אַרטילעריסטישע זאַלפן.

„שוין זשע האָבן אונדזערע אונטערגענומען אַן אָנגריף?" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. פּאַטיאָמקין האָט געשמאַק געכראָפּעט. לעאָניד האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַרן שלאָף האָט ער באַמערקט, אַז עמעצער האָט זיך געפּאָרעט אין זײַן רוקזאַק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע קאָנטראָלירט אים נאָך אַלץ. ווער האָט עס געקאָנט טאָן? גיכער פון אַלץ פּאַטיאָמקין. אָבער באַאומרויִקן זיך איז ניטאָ וואָס, ער האָט דאָך געוווּסט, אַז אַזוי וועט עס זײַן. „אייגנטלעך, — האָט ער ווײַטער געטראַכט, — האָב איך נאָך גאָרניט באַוויזן צו טאָן. אָבער איך בין דאָ, אין געסטאַפּאָ, און דאָס איז שוין אַ זאַך. ס׳איז נייטיק דעראָבערן אַ גוטע רעפּוטאַציע, און דאַן... אַפילו נאָר אַף די פאַרהערן קאָן מען זיך אַ סאַך דערוויסן. אָט האָט נעכטן דער פּאָליצײַ דראַנאָוו אויסגעגעבן די גרופּע קריגסגעפאַנגענע, וואָס האָבן אויסגעהאַנגען אופרופן אינעם כוטאָר בעליאַנסקי. אָדער, אשטייגער, אַלפעראָוו — ער האָט אָנגעוויזן אַף אַ פרוי, וואָס האָט געהערט ראַדיאָ פון מאָסקווע. דאָס אַלץ דאַרף מען פאַרשרײַבן. אַלע פאַרעטער דאַרפן באַקו־מען זייער שטראָף..."

לעאָניד איז זיכער געווען, אַז דאָס איז ניט דער לעצטער פאַרהער, דעריבער האָט ער זיך געסטאַרעט קאָנטראָלירן און אָפּמעסטן יעדער שפּאַן. ער האָט ניט געקלערט, אַז רונצכײַמער וועט עמעצן צווינגען זיך ראַיען אין זײַנע זאַכן.

ניין, פּאַטיאָמקין איז ניט געשלאָפן. ער האָט זיך אופגעכאַפּט אײַנצײַטיק מיט דובראָוו־סקין, זיך אופגעכאַפּט, ווען פונדערווײַטנס האָט זיך דערטראָגן אַ ווײַטער געהויל פון אַרטילע־ריסטישע זאַלפן. פּאַטיאָמקין איז געווען גליקלעך, וואָס ער קאָן הערן די קאַנאָנאַדע פונדער־ווײַטנס. ליגנדיק אין בעט, איז ער דאַנקבאַר געווען דעם גורל, וואָס ער איז ווײַט פון שמוץ, פון די איפּעשדיקע אָקאָפּעס, פון דעם קוילן־געפײַף, פון די סנאַריאַדן און מינעס.

הינטערן פענצטער האָבן זיך דערהערט לויפנדיקע טריט, אַן אופגערעגטער געשריי, וואָס האָט געמאָלדן אַן אַליאַרעם. פּאַטיאָמקין האָט אַראָפּגעשלײַדערט פון זיך די קאָלדרע און אַ באָרוועסער צוגעלאָפן צום פענצטער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט באַם פעלדפעבעל וואַלטער מיטקע, וואָס איז פאַרבײַגעלאָפן.

— אין שטאָט האָבן די פּאַרטיזאַנער אופגעריסן די וואָדאָקאַטשקע! מיר פאָרן גלײַך אַרויס אַפן אָרט פון דער געשעעניש.

פּאַטיאָמקין האָט זיך געלאָזט וועקן דובראָווסקין, נאָר יענער האָט שוין אַרופגעצויגן די הויזן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען די איבערזעצער מיט די אויספאָרשער פון גפּפּ שוין גע־זעסן אין געדעקטן קוזאָוו פון דער לאַסטמאַשין. איבערצײַגט זיך, אַז אַלע זײַנען אַפן אָרט,

האָט רונצכײַמער זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַבינע פונעם שאָפער, און די מאַשין איז אַרויס־געפאָרן פונעם הויף.

ביז דער וואָדאַקאַטשקע איז געווען ניט מער, ווי צוויי קילאָמעטער. אַפן אָרט פונעם אופּרײַס זײַנען אַרומגעלאָפן פּאָליציי־לײַט מיט ווײַסע בענדלעך אַף די אַרבל. צווישן זיי האָט דובראָווסקי באַמערקט דעם שעף פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי.

רונצכײַמער איז צוגעגאַנגען צום אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען קאָזלאָוו, זיך אָנגעבויגן און עפּעס אויפגעהויבן פון דער ערד.

— ווי קלערט איר, — האָט ער זיך געווענדט צו דובראָווסקין, — וואָס איז דאָס? — אַף דער דלאָניע פונעם אונטערשטורעמפירער איז געלעגן א גראָב שטיקל שטאָל, מיט שאַרפע ראַנדן.

דובראָווסקי האָט א פיר געטאָן מיט די אַקסל.

— און איך וועל אײַך זאָגן. דאָס איז א שפּליטער פון א מינע. לויט דער גרייס דאַרף דאָס זײַן פון א קעגנטאַנקען־מינע. איר זעט, דאָס איז א פרישער שפּליטער, קיין שום סימאָנים פון זשאַווער.

רונצכײַמער האָט זיך אויסגעדרייט צום שעף פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי.

— הער קאָזלאָוו, און איצט וועט איר אויך באַשטיין, אַז אין קאַדזיעווקע זײַנען ניטאָ קיין פּאַרטיזאַנער? זעצט אים איבער. וואָס וואַרט איר? — האָט רונצכײַמער זיך געבייזערט.

— זאָגט דעם הער אונטערשטורעמפירער, אַז איך האָב קיינמאָל אַזוי ניט געטראַכט. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיי לעבן צווישן אונדז, די פּאַרטיזאַנער, נאָר מיר האָבן ביז איצט ניט אָנגעטראָפן אַף זיי. לויטן באַפעל פונעם אונטערשטורעמפירער האָבן מיר נעכטן אָפּדער־נאַכט צעשאָסן די עלף אַרעווניקעס, נאָר קיינער פון זיי האָט פאַרן טויט קיין וואָרט ניט געזאָגט. כאָטש מיר האָבן זיי צוגעזאָגט באַגנעדיקונג, אויב זיי וועלן זיך מוידע זײַן.

דער אויספאָרשער מאַקס באַראַג איז אונטערגעקומען און זיך געווענדט צום שעף:

— הער אונטערשטורעמפירער, מיר וואַרטן אַף אײַערע פאַראָרדענונגען. דערלויבט באַ־קוקן די וואַסערלייטונג.

— יאָ, יאָ. איך מיין, אַז איר וואָלט געקאָנט אָן מיר אָנעמען אַזא באַשלוס. כ'האָב דאָך אײַך געבראַכט אהער ניט אַף קיין שפּאַציר.

— איך הער אײַך, הער אונטערשטורעמפירער!

— פעלדפעבעל באַראַג, אויספאָרשן דעם דאָזיקן איניען באַפּולמעכטיק איך אײַך. אַזוי, אַז איר קאָנט קאָמאַנדעווען מיט די איבעריקע מיטאַרבעטער.

— יאַוואָל! ס'וועט אַלץ אויסגעפּילט ווערן!

רונצכײַמער האָט פאַרגעלייגט דעם שעף פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי, יענער זאָל אַרויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן דעם אופּרײַס.

— איך מיין, אַז די מינע האָבן געקענט אונטערלייגן פּײַנטלעכע דיווערסאַנטן. די פּאַראַ־שוטיסטקע, וואָס מיר האָבן פאַרהאַלטן צוריק מיט צוויי טעג, איז געוויס געקומען ניט אַליין. די ראַציע, וועלכע מיר האָבן באַ איר געפונען, האָט ניט געהאַט קיין באַטאַרייעס. דאָס באַטײַט, אַז די באַטאַרייעס האָבן געהאַט באַ זיך אַנדערע דיווערסאַנטן. די דאָזיקע מויד דאַרף מען גוט נעמען אין דער אַרבעט. נאָר אָן אײַער דערלויבעניש האָט די פּאָליציי קיין רעכט ניט, די פּאַראַשוטיסטקע געהערט דער גפּפ.

רונצכײַמער האָט אַרויסגענומען דעם פּאַרטסיגאַר, אַרויסבאַקומען א סיגאַרעט, פאַררייכערט און דערנאָך ערשט געזאָגט:

— איך קלער, אַז די רוסישע זײַנען ניט אַף אַזויפיל נאַריש. צוגרייטן דיווערסאַנטן איז א טײַערער איניען. צוליב דער וואָדאַקאַטשקע וואָלטן זיי ניט געשיקט קיין דיווערסאַנטן. עס זײַנען פאַראַן וויכטיקערע אָביעקטן. און מיט דער פּאַראַשוטיסטקע וועל איך זיך אַליין פאַר־נעמען, דאָס איז ניט אײַער זאַך. בעסער פאַרנעמט זיך מיט די פּאַרטיזאַנער. איך בין זיכער, אַז דאָס האָבן זיי אויפגעריסן די וואַסערלייטונג.

באַ פערציק מינוט האָט רונצכײַמער פאַרבראַכט באַ דער וואַסער־סטאַנציע. מ'האָט געפונען נאָך עטלעכע שפּליטערס פון דער אויפגעריסענער מינע. איצט זײַנען שוין אַלע זיכער געווען, אַז די מינע איז א סאָוועטישע. רונצכײַמער האָט אויך געגומען טראַכטן, אַז דאָס איז א דיי־ווערסיע פון סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן.

דער פעלדפעבעל מאַקס באַראַג איז צוגעלאָפן צום אונטערשטורעמפירער און פאַרגע־לייגט מאַכן אַן אָבלאַווע אַפן וואָקזאַל, פאַרהאַלטן אַלע, וואָס רופן אַרויס א כשאַד.

— גוט, — האָט געענטפערט רונצכײַמער. — נעמט א גרופּע מענטשן און גייט אַפן וואָק־

זאל. דעם הער דובראָווסקין וועט איר מיטן וועג אַרײַנפירן צו אונדז אין שטאַב. איך וויל זעלבסט אויספרעגן די פּאַראַשוטיסטקע.

לעאָניד האָט געטראָפן דעם שעף שוין בא זיך אין קאַבינעט. רונצכײַמער האָט אַרויסגענומען פון זײַן טישקעסטל עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און זיי דערלאַנגט דעם איבערזעצער.

— אָט דאָ האָט איר א פּאָר אַרטיקלען, וואָס זײַנען אָנגעמערקט פאַר דער היגער צײַטונג. געשריבן פון פאַרשיידענע מענטשן. איך בעט אײַך איבערלייענען און זאָגן אײַער מיינונג, צי איז צוועקמעסיק זיי צו דרוקן.

— דאָס גייט אויך אַרײַן אין די פונקציעס פון גפּפּ?

— יאָ, די געהיים־פעלד־פּאָליצײַ פאַרנעמט זיך ניט נאָר מיט אויסראָטן פּאַרטיזאַנער, קאָמוניסטן און ייִדן. אונדזערע פונקציעס זײַנען א סאַך ברייטער. מיר שפּירן נאָך די מיליטער־קאָרעספּאָנדענטן, פאָטאָגראַפן, קינסטלער; אין אונדזערע פליכטן גייט אויך אַרײַן די שוץ פון שטאַבן, די פּערזענלעכע שוץ פון די קאָמאַנדירן פון פאַרשיידענע פאַרייניקונגען. און אויב א רעדאַקטאָר צווייפלט אין עפּעס אַן אַרטיקל אָדער אין א מיטיילונג, ווענדט ער זיך גלײַך צו אונדז.

— איך האָב פאַרשטאַנען, הער אונטערשטורעמפירער. איך וועל באַלד דורכקוקן די דאָזיקע מאַטעריאַלן.

— ניין, ניט איצט. פריִער וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט דער סאָוועטישער פּאַראַשוטיסטקע. גרייט צו אַן אָרט פאַר דעם אויספאָרשער מיטקע. דאָרט, אין שאַפע, שטייט די שרײַבמאַשין. שטעלט זי אוועק אַהער, — ער האָט באַוויזן אויף זײַן טיש. — אַנטקעגן שטעלט אַוועק א שטול.

ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט רונצכײַמער פאַרגעלייגט גיין זיך דורכשפּאַצירן. ער האָט געמאַכט א צייכן דעם הונט און אליין זיך געלאָזט צו דער טיר. גאַראַס איז ווי א וויכער אַרויסגעשפּרונגען אין פּירהויז. אומגעריכט האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן א דערשראָקענער געשריי פון א קינד. איבערגעטראָטן די שוועל, האָט לעאָניד דערזען אויפן דיל מאַרפּעס טעכטערל. רונצכײַמער איז געשטאַנען אין א זײַט. אויף זײַן פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן א ביטער שמייכעלע.

— גאַראַס האָט זי א שטויס געטאָן מיטן קאָרפּוס, — האָט ער א זאָג געטאָן.

דובראָווסקי האָט אויפגעהויבן דאָס מיידעלע פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען פון איר צימער האָט זיך באַוויזן מאַרפּאַ איוואַנאָוונאַ.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, — האָט דובראָווסקי זי באַרויִקט, — אַנושקע האָט זיך דערשראָקן פאַר גאַראַסן.

— מע דאַרף צוזוכן פאַר דער דאָזיקער פרוי אַן אַנדער צימער, — האָט רונצכײַמער בײַז א זאָג געטאָן, ווען זיי זײַנען אַרויס פאַרן טויער, — זי פּלאָנטערט זיך דאָ אונטער די פיס. איך בעט אײַך מיר דערמאָנען וועגן דעם.

אין א מינוט פינף אַרום איז אונטערגעקומען דער פעלדפעבעל וואַלטער מיטקע און געמאָלדן, אַז די אַרעסטירטע פּאַראַשוטיסטקע האָט מען געבראַכט אין געהיים־פעלד־פּאָליצײַ.

— גוט! איך וועל זי אַליין פאַרהערן, אָט די רוסישע, און איר וועט פירן דעם פּראָטאָקאָל. אין מײַן קאַבינעט איז צוגעגרייט פאַר אײַך א שרײַב־מאַשינקע.

— אַלץ וועט ווערן אויסגעפּילט, הער אונטערשטורעמפירער.

— גאַראַס! נאָך מיר, — האָט אויסגעשריגן רונצכײַמער און אַוועק צו דער שטוב.

די רוסישע פּאַראַשוטיסטקע איז אַרײַנגעקומען אין צימער און געבליבן שטיין בא דער שוועל. זי האָט א דערשראָקענע א קוק געטאָן אויפן הונט, דערנאָך אויף רונצכײַמערן.

א לענגערע ווײַלע האָט רונצכײַמער שווײַגנדיק געקוקט אויף דעם יונגן שוואַרצינקן מיידל מיט די געקרײַזלטע קאַשטאַנען־האָר. זי האָט אויסגעזען א יאָר צוואַנציק. נאָר אויב מע זאָל זיך גוט צוקוקן צו די קליינינקע כיין־גריבעלעך אויף די באַקן, צו די רויטע פולע ליפּן, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ שטייט א שילערן פון עפּעס נײַנטן צי צענטן קלאַס, וועלכע האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. רונצכײַמערן האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם דאָזיקן מיידל וועט ער זיך לאַנג ניט דאַרפן אײַסעקן. מע דאַרף בלויז געפינען צו איר דעם ריכטיקן שליסל.

— לייגט איר פאַר זיך זעצן, — האָט ער באַפוילן דובראָווסקין.

אויסגעהערט דעם איבערזעצער, איז דאָס מיידל צוגעגאַנגען צום בענקל און פּאַמעלעכן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם. אין די הענט האָט זי געקנייטשט א ווײַס נאָזטיכל.

— אײַער נאָמען און פאַמיליע?

— טאַטיאַנאַ מיכײַלאָווא, — האָט זי געענטפערט מיט א פאַרטויבטער שטים.

— ווו זײַט איר געבוירן געוואָרן?

— איך בין געבוירן געוואָרן אין סטאַלינגראַד אין טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר. אין פעוראַל כוידעש.

— לויט דער נאַציאָנאַליטעט?

— א רוסישע.

— לויטן גלויבן?

— איך בין ניט קיין גלויביקע. בא אונדז גלייבט קיינער ניט אין גאָט.

דער פעלדפעבעל וואַלטער מיטקע האָט ניט געײַלט געקלאַפּט אָף דער שרײַב־מאַשין.

— אַזוי איז ניט גוט. א מענטש דאַרף גלייבן, — האָט געזאָגט רונצכײַמער.

— איך גלייב אינעם מענטשן, אין זײַן איידלמוטיקײַט.

— גוט, מירן איצט ניט דיסקוטירן וועגן דעם. זאָגט אונדז, וועלכער שטאַב און מיט וואָס פאַרא צילן האָט אײַך אַריבערגעוואָרפן אַהער?

טאַטיאַנע האָט אויסגעהערט די פראַגע, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, דערנאָך פאַרביסן א שפּיץ פונעם נאָזטיכל. רונצכײַמער און דער פעלדפעבעל האָבן שווײַגנדיק איר נאָכגעקוקט. דובראָווסקי האָט איבערגעכאַזערט די פראַגע, נאָר דאָס מיידל האָט אַלץ געשוויגן.

— הער דובראָווסקי, — האָט געהעכערט דעם טאָן רונצכײַמער, — דערקלערט איר, אַז דאָס גרויסע דײַטשלאַנד וויל ניט, אַז אַזאַ יונג מיידל זאָל אומקומען. מיר זײַנען ניט קיין כײַעס. אונדזער כיווו איז וואָרענען... מיט איר אָפֿנהאַרציקער אַנערקענונג קאָן זי אויסקויפן איר זינד. מיר גיבן איר אַזאַ מעגלעכקײַט. איך דערמאָן זיך מיט ציטער, וויפל ס'איז אויסגעקומען צעשיסן אַזעלכע מיידלעך, אַפילע הענגען זיי. ווען מיר טוען זיי אָן דעם שלייף אָפן האַלדז, שטעלן צו דעם פּיסטאָלעט צום נאַקן, מיינען זיי נאָך אַלץ, אַז מע שרעקט זיי בלויז. נאָר ווען זיי פאַרשטייען שוין, אַז דאָס אַלץ איז ניט קיין שפּאַס, זײַנען זיי גרייט אויסדערציילן אַלץ, נאָר דעמלט איז שוין שפּעט. דער אורטייל איז אונטערגעשריבן, און ער מוז אויסגעפילט ווערן.

דובראָווסקי האָט קוים באַוויזן איבערזעצן.

— דו האָסט נאָך א מעגלעכקײַט צו ראַטעווען דײַן יונג לעבן. די מילכאָמע וועט זיך גיך פאַרענדיקן. סטאַלינגראַד איז בלויז א קליינער עפּיזאָד, א פּעלער פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט. באַלד וועט זיך אָנהייבן דער גענעראַלער אַנגריף. אין רוסלאַנד וועט אײַנגעשטעלט ווערן א נײַע אָרדענונג...

דובראָווסקי האָט איבערגעזעצט, און א קנויל איז אים די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין האַלדז. אים האָט זיך געוואָלט אויסשרײַען: „גלייב אים ניט, טײַערע, גלייב ניט קיין איין וואָרט!” נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער געפרעגט:

— און ווו האָט איר געוווינט, ווען אין סטאַלינגראַד זײַנען געגאַנגען שלאַכטן?

— כ'האָב געלעבט אָפן צווייטן ברעג פון דער וואָלגע, — האָט דײַטלעך, ניט געײַלט געענטפערט טאַטיאַנע.

— זי איז א קאָמסאָמאָלקע? — וואַרטנדיק אָף אַן ענטפער, האָט רונצכײַמער ניט אַראָפּגענומען זײַן בליק פונעם מיידל.

— יאָ, — האָט אַרויסגעטעמט טאַטיאַנע, — איך בין א קאָמסאָמאָלקע.

— דאָס מאַכט ניט אויס, — האָט רונצכײַמער געזאָגט, — בא אונדז זײַנען פאַראַן פיל יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פאַרבלאָנדזשעניש און דינען איצט ערלעך דער נײַער אָרדענונג. מיר האָבן זיי פאַרצײַעט... מיר קענען אויך אײַך מויכל זײַן. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז אָפּלייקענען איז נאַריש. מע האָט אײַך פאַרכאַפּט אינעם מאָמענט, ווען איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן פאַראַשוט אָף דער ערד. בא אײַך האָט מען געפונען א ראַציע אָן באַטאַרייעס, דאָס הייסט, אַז די באַטאַרייעס זײַנען בא א צווייטן, וועלכער איז געקומען מיט אײַך צוזאַמען. ווער איז ער? ווו דאַרפט איר זיך מיט אים באַגעגענען?

אײַנהערנדיק זיך אין די ווערטער פונעם איבערזעצער, האָט טאַטיאַנע געטראַכט וועגן אירן. זיי זײַנען געווען פירן אין דער אויסשפּירערישער דיווערסיע־גרופּע — דרײַ באָכערים און זי — די ראַדיסטקע. זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן און זיך אוועקלאָזן אין גאַרלאָווקע. זיך אײַנאָרדענען אָף א קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר און איבערגעבן דעם אויסשפּיר־אָפּטייל פון פראָנט ידיעס וועגן דער באַוועגונג פון מיליטער־עשעלאָנען, וואָס גייען דורך גאַרלאָווקע. דעם אַדרעס פון דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר האָט געוווּסט בלויז דער עלטסטער פון דער גרופּע — דער לייטענאַנט מעלניקאָוו.

„ווו זײַנען זיי איצט? — האָט געטראַכט טאַניע. — וואָס וועלן זיי טאָן אָן דער ראַציע? צי וויסן זיי וועגן מײַן גורל?” אַז די איבעריקע מיטגלידער פון דער גרופּע האָט מען ניט

געכאַפּט, איז טאַניע געווען זיכער. אַנדערש וואָלטן זיי אויך געווען דאָ. פּלוצעם איז צו איר דערגאַנגען דער טאָך פון די ווערטער, וועלכע זײַנען געווען געווענדעט צו איר.

— דו מיינסט, אַז מיר ווייסן ניט וועגן אײַער פּאַרגעבונג? מיר ווייסן אַלץ. דײַנע פּרײַנט זײַנען אויך בײַ אונדז. זיי זײַנען ניט געווען אַזוי פאַרעקשנט, ווי דו. זיי האָבן גלײַך פאַרשטאַנען, אַז לעבן איז בעסער, ווי פוילן אין קייווער. אײַער לייטענאַנט האָט אונדז אַלץ געזאָגט.

רונצכײַמער האָט ספּעציעל אַרײַנגעפּלאָכטן דאָס וואָרט „לייטענאַנט", ווײַל ער האָט געוווסט, אַז אַן אָנפירער פון אַ גרופּע אויסשפּירער איז גיכער פון אַלץ אַ לייטענאַנט.

טאַניע האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר גלײַך זיך גענומען אין די הענט.

— נו, — האָט זי געזאָגט, — אויב ער האָט אײַך אַלץ דערציילט, איז צוליב וואָס פרעגט איר מיך?

רונצכײַמער האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאַנגען צו איר גאָר נאָענט. דאָס מיידל האָט זיך אַ ציי געטאָן אָף צוריק. רונצכײַמער האָט עס באַמערקט.

— זאָל זי זיך ניט שרעקן, — האָט ער געזאָגט, — דאָס דערציילן די קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרס, אַז מיר זײַנען כײַעס. מיר זײַנען מענטשן פון הויכער קולטור. די דײַטשן האָבן געשענקט דער וועלט וואַגנערן, געטען. כאָטש איך ווייס, אַז אײַך איז נעענטער היינע... די רוסישע זײַנען סענטימענטאַל... און מיר, די דײַטשן, האָבן אים אַרויסגעוואָרפן אָפן מיסטהויפן פון דער געשיכטע. דערצו איז ער נאָך אַ ייִד, און איר — אַ רוסישע.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן דער היסטאָרישער מיסיע פונעם דײַטשישן פאָלק, פאַרגלײַכט די הומאַניסטישע באַציִונג פון די דײַטשן צו מעלוכע-פאַרברעכער מיט דער נ.ק.וו.ד.

— אָ, זיי וואָלטן מיט אײַך ניט גערעדט אַזוי ווי מיר. אָט נעמט און לייענט איבער דאָס דאָזיקע ביכל, — האָט ער דערלאַנגט דעם מיידל אַ בראָשור, — דאָס ביכל הייסט „אין די קעלערן פון נ.ק.וו.ד", וועט איר פאַרשטיין, ווער זײַנען אײַערע פרײַנט און ווער — סאָנים.

דובראָווסקי איז געווען דערשיטערט. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אונטערשטורעמפּירער איז אַ טעמפּער סאָלדאַפּאָן, וואָס וועט זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין פּסיכאָלאָגישע אופּוירקונגען. אויך וואַלטער מיטקע, דער פעלדפעבעל, וואָס האָט שוין אָפּגעאַרבעט מיט רונצכײַמערן בײַ דרײַ יאָר, האָט זיך ניט געריכט אָף אַזעלכס. ער האָט אים געקענט, דעם אונטערשטורעמפּירער, אַלס סאַדיסט, אַלס אַכזער. ער געדענקט, וואַלטער מיטקע, דעם פאַל, ווען רונצכײַמער האָט, געזעגענענדיק זיך מיט אַ פרוי, וואָס האָט פאַרבראַכט מיט אים די נאַכט, איר אָ קוש געטאָן די האַנט און דערנאָך פּאַמעלעך אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט און איר אויסגעשאָסן אין דער פּלייצע. איצט איז ער געזעסן לעבן דער שרײַב-מאַשינקע און זיך אײַנגעהערט אין די פילאָסאָפישע געדאַנקען פון זײַן שעף. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער, מיטקע, וואָלט צוניפגעדרייט אָט דאָס רוסישע מיידל, זי צוגעבונדן צום לעזשאַק און איר דערלאַנגט מיטן שלאַנג איבערן הוילן לײַב... אָט די גרוי-אויגיקע בעסטיע וואָלט גיך צעבונדן בײַ אים די צונג...

און רונצכײַמער איז געווען צופרידן מיט זיך. ניט נאָר דערפאַר ווײַל ער האָט אויסגעקליבן אַ ריכטיקן טאָן. ער האָט אין זינען געהאַט דעם נעכטיקן געשפּרעך מיטן קאַפּיטאַן אײַנזידעל און דעם דאָקטער זווערסט — ביידע פון אַבווער. זיי האָבן אים געבעטן פּאַרווערבירן עמעצן פאַר דער „שפּיל", וואָס די אַרמיי-אויסשפּירונג האָט פאַרטראַכט. דאָס דאָזיקע שוואַכינקע רוסישע מיידל, האָט זיך אויסגעמאָלט רונצכײַמערן, איז זייער פּאַסיק פאַר דעם דאָזיקן איניען.

רונצכײַמער האָט מיטן ווײַז-פינגער אונטערגעהויבן טאַניעס קאָפּ פאַרן קין. ער האָט זיך געסטאַרעט אַרײַנקוקן איר אין די אויגן. פון אונטער אירע אַראָפּגעלאָזטע וויִעס האָבן זיך געקײַקלט טרערן.

„שוין זשע איז דער לייטענאַנט מעלניקאָוו אויך בײַ זיי? — האָט זי געקלערט. — און פאַרוואָס שלאָגט ער מיך ניט?" פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט דעם אינהאַלט פון אַ דערציילונג, וואָס זי האָט געהאַט געלייענט נאָך אין שול. דאָס איז, דאַכט זיך, געשען אין שפּאַניע. צוויי פּאַטריִאָטן זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו די פאַשיסטן. אָפן פאַרהער, ווען מע האָט זיי ביידע געמיימעסט, איז איינער מאַסקים געווען אויסגעבן דעם סאָד, אָבער בלויז מיט איין טנײַ, אויב מע וועט פאַר זײַנע אויגן דערהאַרגענען דעם צווייטן. די פאַשיסטן האָבן זיך דערפרייט. זיי האָבן צוגעפירט צום פענצטער דעם געפאַנגענעם, און ער האָט געזען, ווי אין הויף האָט מען דערשאָסן זײַן כאַווער. דעמלט האָט ער געזאָגט: „איך האָב מוירע געהאַט, אַז יענער וועט ניט אויסהאַלטן אײַערע אכזאָריעס. איצט קאָנט איר טאָן מיט מיר, וואָס איר

ווילט, איר וועט אָבער קיינמאָל זיך ניט דערוויסן אונדזערע געהיימניסן".— די דאָזיקע געשיכטע איז געשטאַנען דעם מיידל פאַר די אויגן, און זי האָט זיך אַנטשלאָסן.

— גוט! איך וועל אײַך דערציילן אַלץ, נאָר ברענגט אהער צו פירן דעם לייטענאַנט. איך וויל ריידן אין זײַן אָנוועזנהייט.

דער אונטערשטורעמפירער איז פּריילעכער געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געטראָפן, אָנרופנדיק דעם עלטסטן פון דער גרופּע לייטענאַנט.

— אָ, דאָס קאָן מען גרינג מאַכן! — האָט ער אויסגעשריגן. — אָבער דעמלט וועט ניט דערגרייכט ווערן מײַן ציל... דערקלערט איר, הער דובראָווסקי, אַז איך וויל פאַרגלײַכן זייערע באַווײַזן. אויב זיי וועלן אַנטשפּרעכן איינס די אַנדערע, וועט עס באַטײַטן, אַז ביידע האָבן געזאָגט דעם עמעס. בלויז אין דעם פאַל שענק איך זיי דאָס לעבן.

דובראָווסקי האָט אַלץ איבערגעזעצט און דערבײַ געטראַכט, וויאַזוי איר געבן צו פאַרשטיין, אַז קיין לייטענאַנט האָט ניט רונצכײַמער, אַז ער שאַנטאַזשירט זי בלויז. נאָר ער איז ניט זיכער געווען, צי עמעצער הערט ניט אונטער, ווי ער זעצט איבער. איינמאָל האָט דאָך שוין דער שיקערער קאַקאַריאַוו זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז פּאַטיאַמקין איז בייס א פאַרהער געשטאַנען הינטער דער טיר און זיך צוגעהערט... און דאָך דאַרף מען עפּשער א פּרוּוו געבן? נאָר וואָס וועט עס געבן? ניין, קיין זאַך ניט. דעריבער האָב איך קיין רעכט ניט צו ריזיקירן. ער האָט פאַרקלעמט די ציין, אַזוי פאַרפּרעסט די פינגער אין פויסט, אַז די נעגל האָבן זיך אײַנגעשניטן אין דער דלאָניע. פאַרענדיקט איבערזעצן, האָט ער א קוק געטאָן אויף רונצכײַמערן.

— נו, וואָס האָט זי באַשלאָסן? — האָט יענער אומגעדולדיק געפרעגט.

דובראָווסקי האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און געפרעגט בא טאַטיאַנען:

— איר וועט ריידן?

דאָס מיידל האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט.

— הער אונטערשטורעמפירער, — האָט דער פעלדפעבעל וואַלטער מיטקע זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, — דערלויבט מיר זי אויספרעגן. איך גאַראַנטיר אײַך, אַז אין א האַלבער שאָ אַרום וועט זי אַרויסלייגן אַלץ, וואָס זי האָט אויף דער נעשאָמע.

— ניין, איך דאַרף זי אַזאַ ווי זי איז. אויסטאָן זי וועלן מיר שטענדיק באַווײַזן, — און ווענדנדיק זיך צום מיידל, שוין מיט א ווייכער שטים געזאָגט: — גוט, איך וועל וואַרטן ביז מאָרגן. טוט א טראַכט וועגן דעם, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט. — און אויסקערעווענדיק זיך צו דובראָווסקין: — זאָגט איר, אַז איך גיב איר נאָך פיר און צוואַנציק שאָ... א טאָג, א נאַכט, א שטיקעלע אייביקייט. ווען זי וויל... זאָל זי אַליין באַשליסן: לעבן צי טויט... און זאָל זי אומבאַדינגט איבערלייענען דאָס ביכל, — רונצכײַמער האָט אָנגעוויזן אויף דער בראָשור, וואָס איז געלעגן באַם מיידל אויף די קני.

אויסגעהערט דעם איבערזעצער, האָט טאַטיאַנע זיך אופגעהויבן פונעם בענקל. דער פעלדפעבעל האָט זי אַרויסגעפירט פון צימער.

— ווי געפעלט זי אײַך, הער דובראָווסקי? א דאַרינקס און אַזאַ שטאַרקע. ווײַזט אויס, אַז בא די רוסישע זײַנען די געשעפטן ניט קיין פויגלדיקע, אויב זיי שיקן אַזעלכע מינדעריעריקע.

— נאָר זי האָט געלעבט אין סטאַלינגראַד, זי ווייסט, וואָס אַזוינס איז מילכאָמע, — האָט דובראָווסקי דערווידערט.

— צוליב וואָס דערמאָנט איר מיר סטאַלינגראַד? אויב זי האָט דאָרט געלעבט, האָט זי געזען, ווי מיר זײַנען דערגאַנגען ביז דער וואָלגע. און וואָס איז סטאַלינגראַד? — אַן עפּיזאָד. איצט וועט אונדזער לעצטער קלאַפּ זײַן א קלאַפּ פון רעוואַנש פאַר סטאַלינגראַד. פאַרגעדענקט מײַנע ווערטער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די רוסישע אונטערגענומען אַן אָנגריף אויף דער בלויער ליניע, נאָר בא זיי האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. זיי האָבן אָפּגעצויגן אויף קובאַן די גאַנצע אוויאַציע, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. די רוסישע האָבן אַרויסגעלייגט אַלץ און דאָך ניט געקענט דורכרײַסן אונדזער שוץ־ליניע. דערווײַל האָט די גרופּע פון די אַרמייען „צענטער" צונויפגעזאַמלט א שטאַרקן פויסט אויף דורכקלאַפּן דעם רוסישן פראָנט. אין דער סאַמע נאָענטסטער צײַט וועלן אונדזערע טאַנקען זיך ווידער א לאָז טאָן איבער די רוסישע ראַכוועסן, — רונצכײַמער איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען די פּאַפּירן און זיי איבערגעגעבן דובראָווסקין. — איר קענט גיין צו זיך אין צימער און דאָרט אָן אַרבעט טאָן. אַז איך וועל אײַך דאַרפן, וועל איך אײַך אַרויסרופן.

ווען דובראָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, איז אַהין אַרײַנגעפאָרן א לאַסטמאַשין, פון וועלכער עס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען דרײַ פרויען און פיר מאַנצבלעך. לויט דעם, ווי זיי האָבן

דערשראָקן זיך ארומגעקוקט, האָט ער פארשטאַנען, אז דאָס זײַנען פארהאַלטענע מענטשן, און ווי אַף צו באַשטעטיקן דאָס, איז מאַקס באַראַג צוגעלאָפן צו רונצכײַמערן, וואָס האָט זיך באַוויזן באַם באַראַק, און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— הער אונטערשטורעמפּיורער, בײַס דער אַבלאַווע אַפּן וואָקזאַל זײַנען פארהאַלטן געוואָרן זיבן פאַרדעכטיקע בירגער. וואָס פאַר א פאַראָרדענונג וועט זײַן?

— דערווײַל זאָלן זיי זײַן אין גאַראַזש. טרעט צו צו דער אויספאָרשונג. סאָף טאָג וועט איר מיר ראַפּאָרטירן.

— ס׳וועט ווערן אויסגעפילט, הער אונטערשטורעמפּיורער!

דובראָווסקי האָט פון א זײַט באַטראַכט די מענטשן און זיך געלאָזט גיין צו זיך אין ציי־מער לייענען די אַרטיקלען, וואָס זײַנען צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער אָרטיקער רוסישער צײַטונג „נאָוואָיע סלאָווא״ („דאָס נײַע וואָרט״).

## 7

דער בריוו פון די שוועסטער סאַמאַרסקעס איז אָנגעקומען ערשט דעם נײַנטן מײַ. דובראָוו־סקי האָט אומגעדולדיק געעפנט דעם קאָנווערט אָן ארויסבאַקומען ניט קיין גרויס זײַטעלע פּאַפּיר. דער בליק האָט גענומען לויפן איבער די שורעלעך. אָן אופגערעגטער האָט ער זיך אײַנגעלייענט אין די ווערטער, אָנגעשריבענע מיט אַן אײַליקן האַנטשריפט. פון אָנפאַנג האָט יעוודאָקיִע אַסטאַפּאָוונע מיטגעטיילט, אז זי לעבט, ווי פריִער, צוזאַמען מיט דער שוועסטער, אז זיי זײַנען צופרידן געווען באַקומען א גרוס פון אים, לעאָנידן, — „ניין, ניט דאָס, דאָס איז ניט דאָס וויכטיקסטע. שוין זשע... א, אָט איז עס!״... די מיטטיילונג, אַף וועלכער ער האָט אזוי געוואַרט. איז געווען אין סאַמע סאָף. „מיט צוויי טעג צוריק האָט זיך צו אונדז אומגע־קערט דאָס יינגל וויטיע. ער האָט טאַקע ניט געפונען זײַנע עלטערן. מיר האָבן אים אײַנגעג־רעדט, ער זאָל וווינען א צײַט בא אונדז. ער האָט זיך שטאַרק אויסגעהונגערט בײַס זײַנע וואָגלענישן. כאָטש בא אונדז איז אויך ניט קיין שעפע, וועט ער דאָך קאָנען קומען צו־זיך. אויב בא אײַך איז דאָס לעבן א זאַטערס, גיט אונדז צו וויסן, עפשער אים שיקן צו אײַך?״...

דובראָווסקי האָט פיל מאָל איבערגעלייענט די דאָזיקע שורעס, געטראַכט אזוי און אזוי... עפשער אים טאַקע נעמען צו זיך, פּיאַטיאַרקינען. נאָר ווו וועט ער אים האַלטן? עפשער בא מאַרפעס שוועסטער, צי בא מאַרפע איוואַנאָוונע גופא? ניין, רונצכײַמער וועט פאַרשיטן מיט נײַע פראַגעס, און פאַטאַפּאָוו האָט אויך געבעטן האַלטן דאָס יינגל פונדערווײַטנס. זאָל ער בלײַבן בא די סאַמאַרסקעס. קיין מאַלאָיוואַנאָווקע איז אינגאַנצן צוואַנציק קילאָמעטער. מע דאַרף געפינען דאָ, אין קאַדיִעווקע, א מענטשן, וואָס וועט איבערגעבן זײַנע יעדיִעס וויק־טאָרן, און יענער וועט זיי שוין צושטעלן פאַטאַפּאָוון. נאָר וועמען קאָן מען פאַרטרויען אזא זאַך?

דובראָווסקין איז געקומען אַפּן זינען וואַלענטינאַ קראָווצאָוואַ, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט מיט א וואָך צוריק. די דאָזיקע יונגע פרוי איז געקומען אַף דער אַרבעטס־בירזשע און זיך געווענדט צום דעזשורנע פונקט אין דעם מאָמענט, ווען דובראָווסקי האָט לויט דעם אופטראָג פון רונצכײַמערן דורכגעקוקט די צעטלען פון די, וואָס זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן אַף אַפּשיקן קיין דײַטשלאַנד. זי איז אויך געווען אין צעטל און האָט געבעטן דעם דעזשורנע זי אויסמעקן, ווײַל אַף אירע הענט איז אַן אַלטע מאַמע און א יאָריק קינד. זי האָט געוויינט, געבעטן, נאָר דער דעזשורנע האָט זיך ניט געלאָזט ריידן.

דובראָווסקי האָט אָפּגעזוכט איר פאַמיליע אין צעטל, א טראַכט געטאָן, אז זי איז פונקט, ווי ער, פונעם 1921 יאָר. אין אירע פאַרווײנטע אויגן איז געווען אזויפיל צאַר, אז דובראָווסקי האָט באַשלאָסן זיך אײַנשטעלן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער סטאָיקע און געפרעגט:

— וויִאזוי רופט מען אײַך?

— וואַלענטינאַ! — האָט זי קוים ארויסגעבראַכט.

— אזא שיינע, און וויינט... טרערן מאַכן קאַליע דאָס פּאָנעם. בא אײַך וועלן ווערן קנייטשן. און איר געפעלט מיר, כ׳וואָלט אפילו נאָך אײַך אוכאַזשעוועט, — האָט ער אומיסטן געזאָגט אַף א קאָל, אז דער דעזשורנע זאָל הערן.

— פון אָנפאַנג העלפט מיר בלײַבן אין קאַדיִעווקע.

— מירן א פּרווו טאָן. לאָמיר ביידע בעטן דעם דזשורנע, — און אויסקערעווענדיק זיך צו אים, צוגעגעבן: — איך בעט אײַך זייער אויספילן מײַן פּערזענלעכע באַקאַשע. מעקט אויס די דאָזיקע פּרוי פונעם צעטל... איך וועל אליין זען זי אײַנאָרדענען אַף ארבעט.

— יאָ, אָבער אָן דעם פּאַרוואַלטערס וויסן?

— אויב ער וועט פרעגן, זאָגט אים, אַז אזוי האָב איך פאַראָרדנט. מיר געפעלט זייער אָט די פרוי.

דער דזשורנע האָט א ווונק געטאָן, ס׳הייסט, ער האָט אַלץ פארשטאַנען. זיך אמפּערן מיטן פּערזענלעכן איבערזעצער פון רונצכײַמערן איז געווען זינלאָז.

— א גרויסן דאַנק, — האָט געזאָגט דובראָווסקי. — כ׳וועל זאָגן דעם הער רונצכײַמערן, אַז דאָס צוגעגרייטע צעטל איז אין פולער אָרדענונג.

געזעגנט זיך מיטן דזשורנע, האָט דובראָווסקי צוגערופן וואַלענטינען און צוזאַמען מיט איר ארויס פון דער געבײַדע.

— אוי, איך בין אײַך אזוי דאַנקבאַר! איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר.

— דאָס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן. שווערער וועט זײַן דערקלערן מײַן שעף, צוליב וואָס איך האָב עס געטאָן.

וואַלענטינע האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן און געפרעגט:

— איר קענט ווירקלעך האָבן אומאָנגענעמלעכקײַטן?

— דאָס איז געווענדט אין אײַך. איר פארשטייט, איך קאָן זאָגן מײַן שעף, אַז איר געפעלט מיר ווי א פרוי... און איר געפעלט מיר טאַקע. ער איז באַ אונדז אָן עכטער מאַנצבל און דאַרף מיך פאַרשטיין. נאָר דאָס זאָל אויסזען וואָרהאַפטיק, דאַרפן מיר זיך הײַנט אין אָוונט באַגעגענען מיט אײַך.

וואַלענטינע האָט א קוק געטאָן אַף דובראָווסקין.

— ניין, ניין, שרעקט זיך ניט. מירן מיט אײַך זיך דורכשפּאַצירן, און דאָס איז אַלץ.

— גוט, זאָל זײַן אזוי. ווו וועלן מיר זיך מיט אײַך באַגעגענען?

— באַם אַרײַנגאַנג אינעם שטאָט־פּאַרק. זיבן אַזייגער. איר וועט באַוויזן?

— יאָ, נאָר נײַן הייבט זיך שוין אָן די קאָמענדאַנטן־שאָ.

— ס׳מאַכט ניט אויס. איר וועט זײַן מיט מיר. כ׳וועל אײַך באַגלייטן.

וואַלענטינע האָט א קוק געטאָן אַף דובראָווסקין. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

— זאָגט מיר, איר זײַט א דײַטש?

— ניין, א רוסיש.

— פאַרוואָס זשע טראָגט איר די פאָרמע פון געסטאַפּאָ?

— אזא דינסט באַ מיר...

זיי זײַנען געגאַנגען איבער דער צענטראַלער גאַס. וואַליע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די אַפּישן.

— איר זעט, — האָט זי געזאָגט, — דער באַפעל נומער פיר פאַרווערט זיך נוצן מיט שרײַב־מאַשינקעס, און איך בין א מאַשיניסטקע. קאָן איך, הייסט עס, אין שטוב ניט ארבעטן. לויטן באַפעל נומער דרײַ דאַרף איך אויסגעבן מײַנע באַקאַנטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פײַנט־לעכער טעטיקײַט. דאָ איז אויך א פאַראָרדענונג, מע זאָל זיך ניט נוצן מיט קיין עלעקטרישער שײַן נאָך א באַשטימטער שאָ. און דער באַפעל נומער צוויי דערלויבט מיר ניט הערן קיין סאָוועטישע טראַנסלירונגען. וויאזוי זשע זאָל איך ניט דערמאָנען געטען?.. איר ווייסט, וואָס ער האָט געזאָגט?

— איך האָף דאָס צו הערן פון אײַך.

— ער האָט געזאָגט: „אויב עמעצער וויל דערלערנען אלע געזעצן, וועט אים קיין צײַט ניט קלעקן אַף זיי ניט אויסצופילן”, — זי האָט עס געזאָגט און זיך צעלאַכט.

— איר זאָגט אזוי געוואַגט ארויס אײַערע אומצופרידנקײַטן מיט די דײַטשישע באַפעלן, אַז מע קאָן אײַך נאָך אופהענגען אַפן ערשטן עלעקטרישן סטויפּ.

— ס׳וועט זיי דען ווערן ליכטיקער דערפון?

איצט האָט שוין א שמייכל געטאָן דובראָווסקי.

— דאָך זײַט איר דרייסטער, ווי איך האָב געמיינט. אײַך שרעקט גאָר ניט מײַן געסטאַ־פּאָווישע פאָרמע?

— איך פיל, אַז איר זײַט א גוטער מענטש, דערבײַ האָט איר געזאָגט, אַז איך געפעל אײַך.

— אויב אזוי, דערציילט מיר א קאַפּעטשקע וועגן זיך.

— איר אינטערעסירט זיך מיט מײַן בּיאָגראַפיע, און אַליין האָט איר אַפילו ניט געזאָגט, ווי אַזוי מע רופט אײַך.

— אַנטשולדיקט, זיך פאַרעדט. מיך רופט מען לעאָניד דובּראָווסקי.

— זייער אָנגענעם. נאָר וועגן זיך וועל איך אײַך דערציילן אַפּדערנאַכט. איך אײַל זיך איצט. כ'דאַרף באַגעגענען מײַנע אַ כאַווערטע. זי האָט מיר צוגעזאָגט ברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן פון דאָרף.

— גוט. זאָל זײַן אַזוי. הייסט עס, זיבן. באַם אַרײַנגאַנג פון פּאַרק.

און אַפּדערנאַכט האָט זי אים דערציילט, אַז איר מאַן דינט אין דער רויטער אַרמיי. אַז זי אַליין האָט זיך עוואַקויִרט מיט דער מאַמע און מיטן קינד קיין פּיאַטיגאָרסק, נאָר ווען די דײַטשן זײַנען אַהין געקומען, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אומקערן קיין קאַדיִעווקע, ווײַל לעבן אינדערפרעמד איז געווען זייער שווער. דאָ איז פאַרט אַרום באַקאַנטע מענטשן. און איצט איז געקומען אַ צווייטער אומגליק. שיר־שיר ניט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד.

— איך וואָלט ניט איבּערגעטראָגן די צעשיידונג מיטן קינד. כ'וואָלט זיך גענומען דאָס לעבן, — האָט זי געזאָגט מיט ציטער אין קאָל.

זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט איבער די אַלייען פון פּאַרק. לעאָניד האָט דערציילט וואַליען, ווי אַזוי ער איז אַרײַנגעפאַלן אין פּלען, ווי אַזוי ער איז מאַסקים געווען צו ווערן אַן איבערזעצער. זיי האָבן צוזאַמען זיך דערמאָנט, אַז הײַנט איז דער צווייטער מײַ, אַז פריִער, ביזן קריג, פלעגן זײַן פײַערלעכע אָוונטן, קאַרנאַוואַלן אין דעם דאָזיקן טאָג. ווען ס'האָט גענומען טונקל ווערן, איז דובּראָווסקי אַוועק מיט וואַלענטינען צו איר הויז. ס'איז נאָך געווען ניט זייער שפּעט, און זי האָט אים אײַנגעלאַדן אַרײַנגיין צו איר אין שטוב. די טאָכטערקע איז שוין געשלאָפן. די מוטער האָט געשטעלט טיי. לעאָניד, וואָס איז אָפּגעוווינט געווען פון היימישער געמיטלעכקײַט, איז אָפּגעזעסן אַ האַלבע נאַכט בײַ וואַליען. פון דעמלט האָט ער זיך באַגעגנט מיט איר נאָך צוויי מאָל, און וואָס ווײַטער, זיך אַלץ מער איבערצײַגט, אַז מע קאָן איר פאַרטרויען. ניין, ער האָט זיך ניט געקליבן איר דערציילן, וואָס פאַר אַ מיסיע ער פּילט דאָ אויס אין דײַטשישן טיל, נאָר דערקענט אין איר אַ סאָוועטישע פּאַטריאָטקע, האָט ער באַשלאָסן זי אויסנוצן, ווען עס וועט נייטיק זײַן. איצט, איבערקלײַבנדיק אין זיכּאָרן די באַקענטע, האָט ער ענדגילטיק זיך אָפּגעשטעלט אויף וואַלענטינע קראַווצאָווען. זי וועט ער שיקן צו פּיאַטיאַרקינען. מע דאַרף נאָר קריגן פאַר איר אַ דורכלאָז־שײַן. נאָר דאָס איז קיין פּראָבלעם ניט. אין דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי האָט ער אויסגערעכנט דאָס צו קריגן. און די ידיעס וועט ער דאָ, בײַ איר אין שטוב, אָנשרײַבן... וואַרט נאָר, וואַרט, צי קאָן איך אָבער אָפּשיקן פּיאַטיאַרקינען מיט ידיעס, איידער כ'האָב זיך מיט אים געזען? עפּשער איז ער געקומען אַהער מיט נײַע אָנווײַזונגען פון פּאַטאַפּאָוון? עפּשער בעטן וואַלענטינען, זי זאָל ברענגען דאָס ייִנגל קיין קאַדיִעווקע. אויף אַ טאָג־צוויי קאָן ער זיך אָפּשטעלן בײַ איר. נאָך הײַנט אַפּדערנאַכט דאַרף מען גיין צו וואַלענטינען זיך צונויפריידן וועגן אַלץ.

און אין אָוונט, ווען דובּראָווסקי מיט פּאַטיאָמקינען האָבן געגעסן וועטשערע, איז אין צימער אַרײַנגעקומען מאַקס באַראַג. דער דאָזיקער טשעך האָט זיך זייער וואַרעם באַצויגן צו רונצכײַמערס נײַעם איבערזעצער.

— זעצט זיך צו צו אונדז, — האָט פאַרגעלייגט דעם גאַסט דובּראָווסקי.

— אַ דאַנק. מײַנע פּופּציק גראַם פּאָרטוגאַלישע סאַרדינען האָב איך שוין הײַנט אויפגעגעסן. און הײַנט ווילן מיר זיך נאָך אונטערקרעפטיקן אינעם קאָרפּוס־שטאַב. דאָרט וועט הײַנט זײַן אַ גרויסער זאַקוסאָן, קאַמעראַדשאַפטסאַבענדאָך. אַלע זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן. רונצכײַמער האָט מיך געבעטן אײַך איבערגעבן וועגן דעם.

— און אויב כ'זאָל ניט גיין? — האָט געפרעגט דובּראָווסקי. — ס'הייסט, גיין ווילט זיך, נאָר כ'האָב הײַנט אַ באַגעגעניש מיט אַ דאַמע.

— אײַער דאַמע וועט צוואַרטן ביז מאָרגן. און אַ קאַמעראַדשאַפטסאַבענדאָך קומט פאָר ניט אָפט. איר וועט קיין כאַראָטע ניט האָבן, אויב איר וועט גיין.

און דובּראָווסקי האָט קיין כאַראָטע ניט געהאַט. פאַרקערט, ער איז דאַנקבאַר געווען מאַקס באַראַגן. נאָכן אָוונטברויט אין שטאַב האָט מאַקס אים פאַרשלעפּט צו זײַנעם אַ פרײַנט אַן אַרמיי־אויסשפּירער, צו וועלכן עס האָט זיך פאַרזאַמלט ניט קיין גרויסע קאָמפּאַניע פון דײַטשן און טשעכן. באַם טיש זײַנען געזעסן פרויען. אויף איינער האָט דובּראָווסקי באַזונדערס געלייגט אַכט.

אירע לאַנגע ליכטיקע האָר זײַנען געפאַלן אויף די אַקסל, די בלויע אויגן האָבן געלויכטן און געשפּילט. זי האָט געוווּסט, אַז זי איז שיין און יונג, און דערפאַר הויך געהאַלטן דעם קאָפּ. זי האָט געלאַכט, באַווײַזן די ווײַסע ציין. אַלט געווען איז זי ניט מער ווי אַ יאָר צוויי און

צוואַנציק. אַ קוים מערבאַרע פאַרב האָט זיך אויסגעלייגט אויף די באַקן. דובראָווסקי האָט אינגיכן פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער קליינינקער מאַלצײַט איז אײַנגעאָרדנט צוליב דער בלאָנדינקע. פון אָנפאַנג האָט ער געקלערט, אַז הײַנט איז איר געבוירן־טאָג, נאָר אינגיכן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט אַזוי.

דער אַרמייִשער לייטענאַנט, וואָס איז געזעסן לעבן דובראָווסקין, האָט זיך געווענדט צו איר מיט אַ ביטע:

— סוועטלאַנע, דערציילט אונדז גענויער, ווי־אַזוי איז עס פאָרגעקומען.

— זייער פּראָסט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ זינגעוודיקער שטים, — מײַן פּאַספּאָרט האָט בײַ קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין חשד. איינעם אָן אָוונט האָב איך אין קינאָ זיך באַקענט מיט אַ פּאָדפּאָלקאָווניק. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳האָב זיך אָט ערשט אומגעקערט פון עוואַקואַציע און דערווײַל זיך נאָך ניט אײַנגעאָרדנט אויף קיין אַרבעט. ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט ליבע צו מיר. נאָכן קינאָ־פילם האָט ער מיך אונטערגעפירט, ער האָט זיך אָנגעבעטן אין געסט, און איך האָב אים אַרײַנגעלאָזט צו זיך...

— כאָטש אַ שיינער? — האָט זי איבערגעריסן דער אָבערלייטענאַנט.

סוועטלאַנע האָט אַ הייב געטאָן די אַקסל.

— אַזוי זיך. דערפאַר אָבער האָט ער געאַרבעט אין אַרמיי־שטאַב... דאָס איז געווען שוין זייער שיין... באַנאַכט האָט ער מיר צוגעזאָגט מיך אײַנאָרדענען אין אַ מאַרשעווע אָפּטייל. עמעס, אַהין האָט מען מיך ניט צוגעלאָזט. נאָר לויט זײַן ביטע האָט מען מיך צוגענומען אַלס ציוויל־אָנגעשטעלטע אין טייל פון דער אַרמיי. כ׳האָב דאָרט געאַרבעט צוויי וואָכן...

— און האָסט פאַרגעזעצט זיך באַגעגענען מיט דעם דאָזיקן רוסישן? — האָט אייפערזיכטיק געפרעגט דער זעלבער לייטענאַנט.

— און פאַרוואָס ניט? טאַקע בײַ אים האָב איך זיך דערוווּסט אַ סאַך אינטערעסאַנטע ידיעות. כ׳בין אים מעכאַבעד געווען מיט עטיקאָווע ספּירט און זיך אומגעקערט צוריק...

דובראָווסקי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַלץ האָט אין אים געברענט, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די דײַטשן און די טשעכן זײַנען מעכאַבעד סוועטלאַנען.

דובראָווסקי האָט זיך דערמאָנט אין טאַטיאַנע מיכײַלאָווען — אין דער יונגער סטאַלינגראַדקע, וועלכע האָט אויך אויפן צווייטן פּאַרהער זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן רונצכײַמערן. ווען יענער האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן מיט דער נאַהײַקע, האָט זי אים געוואָרפן אין פּאָנעם אַרײַן די בראָשור „אין די קעלערן פון נ.ק.וו.ד.“.

נאָך דעם האָט מיט ווילדן סאַדיזם זי געמיימעסט דער פעלדפעבעל וואַלטער מיטקע. נאָר טאַטיאַנע האָט טאַקע קיין זאַך ניט אויסגעגעבן, כאָטש געוווּסט האָט זי ביז גאָר ווייניק. מע האָט זי צעשאָסן אין באַגינען, צוזאַמען מיט יענע זיבן „פּאַרדעכטיקע“, וואָס זײַנען פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן וואָקזאַל.

— מיט וואָס זשע זײַט איר באַלוינט געוואָרן? — האָט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אַ פרעג געטאָן דובראָווסקי אויף רוסיש.

— הײַנט האָט אונדזער גענעראַל איבערגעגעבן סוועטלאַנען דעם אָרדען „מיזרעך־אָנגעשטעלטע פונעם צווייטן קלאַס מיט שווערדן“, — האָט אויף אַ געבראָכענעם רוסיש געזאָגט דער אָבערלייטענאַנט.

— וויכטיקער איז דאָס, וואָס דער גענעראַל האָט מיר אונטערגעטראָגן אַ גאַנצע פּושקע מיט פראַנצויזישן ווײַן. דערבײַ האָט ער געזאָגט: „האַרנטע פּאָפּאָווא, איך זאָג אײַך צו פּונקט אַזאַ אָרדען פון ערשטן קלאַס מיט גאָלד, ווען איר וועט זיך אומקערן דאָס צווייטע מאָל“, — האָט זי באַרימעריש דערציילט. אויף רוסיש האָט זי גערעדט אויסגעצייכנט.

דובראָווסקי האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ באָקאַל אין די הענט און, איבערגייענדיק אויף דײַטש, געזאָגט:

— מײַנע הערן, אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אויפהייבן דעם טאָסט פאַר נײַע דערפאָלגן פון אונדזער פּראַכטפולער סוועטלאַנע. פאַרמאָגנדיק אַזאַ אויסערלעכן אויסזען, קאָן מען זיך פיל דערשלאָגן. דעם עמעס געזאָגט, וואָלט איך אַליין זיך אונטערגעגעבן אָט אַזאַ שיינהײַט. אַלזאָ, מײַנע הערן, פאַר נײַע דערפאָלגן, פאַרן אָרדען פון ערשטן קלאַס מיט גאָלד! — ער האָט מיט איין מאָל אויסגעטרונקען דעם באָקאַל און אונטער אַלגעמיינע אַפּלאָדיסמענטן זיך אַוועקגעזעצט אויפן אָרט.

— דו ביסט אַ מאָלאָדטשיק, — האָט געזאָגט מאַקס באָראָג, וואָס איז געזעסן באַנאַנד מיט דובראָווסקין, און אים אַ דריק געטאָן די האַנט, — דו פאַרשטייסט אַלץ אויפן ווונק. דערפאַר סימפּאַטיזיר איך דיך. און אַלעקס איז אַ כאָלוי. דערלויבסט, וועל איך דיך רופן פּראָסט

לעאָניד. מיר וועלן ווערן גוטעפרײַנט. און מיך קאָנסטו רופן באַם נאָמען — מאַקס. — א פאַרשיקערטער, האָט מאַקס באַראַג פאַרגעזעצט צו בעלעבעטשען. דובראָווסקי האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט אופמערקזאַם באַראַגס פּלאַפּלערײַ, און אַליין זיך אײַנגעקוקט אין סוועטלאַנעס געזיכט, געסטאַרעט זיך פאַרגעדענקען אַלע דעטאַלן, קעדיי קאָנען אָנמאָלן פאַר פּאַטאַפּאָוון א ווערטלעכן פּאָרטרעט פון אָט דער שפּיאָנקע.

סאָפּקאָלסאָף איז צו אים דערגאַנגען דער באַטײַט פון מאַקס באַראַגס ווערטער:

— פון אָנפאַנג האָט מען דיך קאָנטראָלירט... מיך האָט מען אויך קאָנטראָלירט. איצט איז אַלץ קלאָר — דו ביסט אַן אייגענער מענטש. איך באַהאַלט קיין שום סודעס ניט פון דיר. מיר זײַנען דאָך ניט קיין אַריער... ריכטיק זאָג איך?

דובראָווסקי האָט דאָך מוירע געהאַט פאַר א פּראָוואָקאַציע. דעריבער האָט ער געענטפערט:

— די דײַטשן זײַנען א גרויסע נאַציע, נאָר אָן אונדז איז זיי שווער אײַנצושטעלן א נײַע אָרדענונג, און מיר דאַרפן זיי העלפן דעריין...

— יאָ, יאָ, דו ביסט גערעכט, לעאָניד. אָן אונדז וועלן זיי זיך ניט באַגיין, און מיר טוען אַלץ, וואָס מיר קענען. נאָר איך וויל וויסן, צי וועלן זיי ווי געהעריק דאָס אָפּשאַצן.

— איך קלער, אַז יאָ. אָט זעסטו דאָך, אַז סוועטלאַנאַ פּאַפּאָווא האָט באַקומען אַן אָרדען פון די מיזרעך־פעלקער, און דערצו נאָך מיט שווערדן...

— דאָס האָט מײַן פרײַנט, דער לייטענאַנט, זיך צוגעסטאַרעט, אַנדערש וואָלט דער גענעראַל זיך אין איר אַפילע ניט דערמאָנט. איך ווייס דאָס זיכער... פאַראַיאָרן איז זי געווען בא אונדז אין גפּפּ, זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א נאָכגיביקער... דערפאַר האָבן מיר זי געשיקט אין אַבווער... און איצט באַקומט זי אָרדענס. אונדז וועט מען אַפילע קיין דאַנק ניט זאָגן. רונצכײַמער וועט, פאַרשטייט זיך, זײַנס באַקומען, נאָר ניט מיר.

— איר זײַט געקומען אַהער אויף א זיצונג, צי וואָס? — האָט אויסגעשריגן פונדערווײַטנס דער אָבערלייטענאַנט צו באַראַגן און דובראָווסקין. — איך לייג פאָר אויסטרינקען פאַר אונדזער פרײַנט פון דער געהיים־פעלד־פּאָליציי. פאַר די, וואָס היטן אונדזערע טילן, וואָס פירן אָן אומדערמידלעכן קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער, קאָמוניסטן, יידן. פאַר אײַך, אונדזערע שלאַכט־כאַווערים.

אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן. ווען מ'האָט אויסגעטרונקען, איז מאַקס באַראַג צוגעגאַנגען צום לייטענאַנט, אים באַדאַנקט פאַר אופמערקזאַמקײַט און וואַקלענדיק זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אויך לעאָניד דובראָווסקי איז צוגעגאַנגען צום לייטענאַנט, א שנעל געטאָן מיט די קנאַפּל און געזאָגט:

— איך בין צופרידן געווען זיך באַקענען מיט דרייסטע אָפּיצערן פון דער גרויסער דײַטשישער אַרמיי, איך בין אויך גליקלעך געווען זען צווישן אײַך א ווירדיקע פאָרשטייערן פונעם נײַעם רוסלאַנד, — ער האָט זיך א נייג געטאָן צו סוועטלאַנען. — א דאַנק פאַר גאַסטפרײַנטלעכקײַט. און איצט איז צײַט זיך געזעגענען.

אָפּן וועג האָט באַראַג ניט אופגעהערט צו שטאַמלען, די צונג האָט זיך בא אים קוים באַוועגט.

— מיר זײַנען דאָך מיט דיר סלאַוויאַנער, — האָט ער געשטאַמלט. — דיך, לעאָניד, האָב איך ליב מער ווי רונצכײַמערן אַליין... ער איז דאָך א דיילדע... איך דאַרף דאָס דיר ניט זאָגן, נאָר איך פאַרטרוי דיר... מיינסט, איך ווייס ניט, וואָס פאַר א מיינונג דו ביסט וועגן אים... מאַקס באַראַג ווייסט אַלץ. דעריבער וואָרן איך דיך, דו זאָלסט ניט גלייבן אַלעקסן. דער דאָזיקער כאַזער האָט זיך שוין געפּאָרעט אין דײַנע זאַכן. איך האָב אַליין געהערט, ווי ער האָט ראַפּאָרטירט וועגן דעם רונצכײַמערן, — מאַקס האָט א כיכיקע געטאָן און אָנגעכאַפּט דובראָווסקין פאַר א האַנט. — דו מיינסט, אַז איך האָב ניט באַמערקט, ווי דו האָסט געגעסן מיט די אויגן אָט די מויד? דו האָסט ניט קיין שלעכטן געשמאַק, זי איז ווירקלעך א שיינע, נאָר דער אָבערלייטענאַנט איז זייער אייפערזיכטיק. זע, זאָלסט ניט באַגיין קיין נאַרישקײַטן. אין קאַדיעווקע זײַנען פאַראַן אַנדערע מיידלעך.

— איך האָב שוין אַן אַנדער דאַמע.

— יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך טאַקע. צוליב איר האָסטו זיך געוואָלט אָפּזאָגן פונעם אָוונט אין שטאַב, און דו וואָלסט געטאָן א נאַרישקײַט. דו דאַרפסט א גוטע געזעלשאַפט. מע דאַרף זײַן אין גוטע באַציִונגען מיט די הערן אָפּיצערן. דאָס קאָן צוניץ קומען...

— ביסט גערעכט, מאַקס. איך בין דיר דאַנקבאַר פאַר א קלוגער אייצע. איך וועל שטענדיק זיך ווענדן צו דיר מיט מײַנע ספּייקעס.

— ביטע, לעאָניד. ווען דו וועסט דאַרפן. אויף מיר קאָנסטו אויסרעכענען.

דובראָווסקי האָט אָפּגעפירט מאקסן אין צימער, געהאָלפן אים אראָפּציִען די שטיוול, און ווי נאָר ער האָט אים באַלייגט אין בעט, אוועק אהיים. ליגנדיק אפן געלעגער, האָט ער געקלערט, אז א צופאַל האָט אים צונויפגעפירט מיט א געפערלעכער פארברעכערן, וואָס קאָן אָנטאָן גרויס שאָדן. ער דאַרף אָנעמען דרינגענדיקע מיטלען וואָס גיכער איבערגעבן פּאַטאַפּאָוון די סימאָנים פון דער דאָזיקער פארעטערן, וואָס קאָן היַינט־מאָרגן איבערגיין די פראָנטליניע. יאָ, מע דאַרף אוועקשיקן וואַלענטינע קראַווצאָוועו אין מאַלאָיוואָנאָווקע צו פּיאַטיאָרקינען!.. ער האָט אָבער זיך דערמאָנט דאָס שיקערע שטאַמלעניש פון מאקסן און ווידער גענומען צווייפלען, צי איז עס ניט קיין נעץ. ניין, גיכער פון אלץ קאָן מען דאָס דערקלערן אזוי, ווי עס זאָגט דאָס פאָלקס־וואָרט: וואָס בא א שיקערן אף דער צונג, איז בא א ניכטערן אף דער לונג. נאַטירלעך, אז מיט מאקסן דאַרף מען זײַן פאָרזיכטיק, נאָר ער איז דאָך א טשעך...

דאָס סאמע וויכטיקסטע איז איצט אוועקשיקן וואַלענטינען צו פּיאַטיאָרקינען. וואָרט נאָר, עפּשער בעטן בא מאקסן, אז ער זאָל קריגן פאר איר אין פּאָליציי א דורכלאָז־שײַן? כ׳וועל אים זאָגן, אז מײַן מיידל האָט מיך געבעטן, זי דאַרף גיין אין דאָרף נאָך פּראָדוקטן. די געפאר איז ניט קיין גרויסע. כ׳וועל זאָגן, אז מיר ווילט זיך ניט באומרויִקן רונצכײַמערן. אויב מאקס וועט קריגן א דורכלאָז־שײַן, איז דאָס שוין עפּעס די ווערט...

אײַנגעשלאָפן איז ער שפּעט. ס׳האָט זיך אים געכאָלעמט, אז ער גליטשט זיך אפן סטאַדיאָן־קאַטאָק, וואָס איז פארגאָסן מיט עלעקטרישער שײַן, און באנאנד מיט אים איז זײַן שולכאַווערטע מאשע. פונעם רעפּראָדוקטאָר גיסט זיך די מעלאָדיע פון א באַקענטער ליד. מאשע האָט זיך צוגעדריקט צו זײַן אקסל און לאכט. ער טוט א קוק איר אין פּאָנעם און דערזעט, אז ס׳איז גאָרניט מאשע, נאָר סוועטלאנא פּאָפּאָווא, זי שלעפּט אים אָפּ אין א זײַט. ווו זשע איז מאשע? ער זוכט זי מיטן בליק, אָבער ארום זײַנען פרעמדע מענטשן, צווישן זיי רונצכײַמער, פּאָטיאָמקין... לעאָניד צווינגט זיך אופעפענען די אויגן. אין פענצטער האָט אָנגעהויבן ארײַנקוקן דער באגינען.

# 8

נאָכן אינדערפריִעדיקן איבערוף איז מאקס באָראָג צוגעגאנגען צו דובראָווסקין.

— איך האָב, דאכט זיך, נעכטן זיך פײַן אָנגעזשליאָקעט? — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק די האנט.

— איך וואָלט עס ניט געזאָגט. אלץ איז געווען אין דער נאָרמע.

— א פײַנע נאָרמע! א דאנק, לעאָניד, וואָס דו האָסט מיך דערשלעפּט צום געלעגער. נו, און דו טראַכסט נאָך אלץ וועגן דער בלאָנדער בעסטיע?

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אז בא מיר איז אן אנדער דאמע.

— יאָ, יאָ, איך געדענק.

— צוליב איר וואָלט איך זיך געדארפט ווענדן צו אײַך מיט א ביטע.

— איך בין גרייט צו טאָן אלץ, וואָס איך וועל קענען.

דובראָווסקי האָט אים געבעטן א דורכלאָז־שײַן קיין מאַלאָיִוואָנאָווקע פאר וואַליען. אים דערקלערט, אז זי וויל גיין אהין קריגן פּראָדוקטן.

— גוט, איך וועל דאָס מאכן פאר דיר מיט פארגעניגן, נאָך הײַנט וועל איך דיר ברענגען א דורכלאָז־שײַן. וואַלענטינא קראַווצאָווא הייסט זי? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— א דאנק דיר מאקס. א גרויסן דאנק.

— וואָס קומט ארויס פון א דאנק? דו באַקען מיך בעסער מיט דײַן פרײַלן. זי האָט געוויס כאַווערטעס. עפּשער וועט איינע צו מיר א שמייכל טאָן.

— גוט, איך וועל מיט איר א שמועס טאָן.

— הער דובראָווסקי, אײַך האָט געבעטן ארײַנקומען דער אונטערשטורעמפיורער רונצכײַמער! — האָט אויסגעשריגן וואַלטער מיטקע, וואָס איז ארויסגעקומען פונעם באַראַק.

— א דאנק. איך לויף! — האָט געענטפערט דובראָווסקי.

באם שעף אין קאבינעט האָט דובראָווסקי באמערקט, אז דער הונט איז דאָרט ניטאָ. רונצכײַמער האָט איבערגעכאַפּט זײַן בליק און א שמייכל געטאָן:

— גאראס פילט הײַנט אויס א באזונדער מין אופגאבע.

הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט א בילערײַ.

— איר הערט? דאָס גיט ער מיר צו וויסן, אַז בא אים איז אַלץ אין אָרדענונג. — דער אונטערשטורעמפיורער האָט זיך צעלאַכט. — ער פילט אַפילו פונדערווײַטנס, ווען מע רעדט וועגן אים.

— פאַר וועלכער שולד האָט איר אים איזאָלירט אין שלאָפצימער?

— אָ, ניין, איך באַשטראָף קיינמאָל ניט גאָראַסן. ער היט אין שלאָפצימער מײַן דאַמע, איך האָב איר פאַרוועירט אופצושטיין.

דובראָווסקי האָט זיך געצוווּנגען אַ שמייכל צו טאָן.

— בלויז אַן עכטער דײַטש קאָן אָפּשאַצן מײַן שטיפערײַ, — האָט ער ערנסט געזאָגט. — אָבער איצט וועגן עפּעס אַנדערש. איך האָב באַפוילן, אַז אַלעקס זאָל אײַך איבערגעבן אונדזערע עטלעכע אַגענטן. איר וועט זיי אופנעמען אין זיבעטן צימער פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי. דער דאָזיקער צימער איז אײַערער. דער שליסל — באַם דזשורנע פּאָליציי. איר פאַרשטייט מינאַסטאַם, אַז די דאָזיקע מענטשן קאָנען זיך ניט באַווײַזן אין גפּפ, דאָס וואָלט געוואָרפן אַף זיי אַ כשאַד. הײַנט צען אַזייגער וועט קומען אַהין דער הער זאַלאָטאַריאָוו. ביז איצט איז ער געווען פאַרבונדן מיט אַלעקסן. איצט גיב איך אים איבער אײַך. ער וווינט אין דאָרף מאַקסימאָוווקע. פאַרשרײַבט זײַנע באַווײַזן, זאָל ער זיך פאַרינטערעסירן מיט דער געשיכטע פון דער וואַסערלייטונג, אויספאָרשן, ווער עס הענגט אַרויס אופרופן.

— אַלץ וועט אויסגעפילט ווערן, הער אונטערשטורעמפיורער!

— יאָ, ס'איז שוין צײַט, איר זאָלט אַליין נעמען שליסן באַקאַנטשאַפט אין קאַדיעווקע. בא אַ געלעגנהײַט דאַרפט איר אַליין ווערבירן אַגענטן.

— כ'האָב אײַך פאַרשטאַנען, הער אונטערשטורעמפיורער.

— אויסגעצייכנט, איר קאָנט גיין.

— איך בעט מיר אַנטשולדיקן, איך וואָלט געוואָלט פאַרפינקטלעכן איין פראַגע.

— ביטע.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, צי האָב איך רעכט, ווען ס'איז נייטיק, שיקן מײַנע באַקאַנטע אין די נאָענטע דערפער, קעדיי אויספאָרשן די אומשטענדן?

— אָן שום צווייפל. מיט די דאָזיקע רעכט באַנוצן זיך אַלע מיטאַרבעטער פון דער געהיים־פעלד־פּאָליציי.

— איך דאַנק אײַך, הער אונטערשטורעמפיורער! מעג איך גיין?

— ווען איר וועט זיך אומקערן פון דער פּאָליציי, קומט אַרײַן צו מיר.

דובראָווסקי האָט אַרויסגעוואָרפן די האַנט פאָרויס און פאַרלאָזט דעם קאַבינעט. אַף צו פאַרברענגען די געבליבענע צײַט האָט ער באַשלאָסן זיך אַראָפּכאַפּן אַפן מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווײַט פון דער רוסישער פּאָליציי.

דובראָווסקי האָט געטראַכט, אַז דער לעצטער שמועס מיט רונצכײַמערן וועט אים שטאַרק פאַרגרינגערן זײַן אַרבעט. וואַלענטינאַ קראַווצאָוון קאָן ער איצט אָן ריזיקע שיקן אין מאַלאָ־וואַנאָווקע. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, וויאַזוי ער וועט זיך באַגעגענען מיט וויקטאָרן, וויאַזוי ער וועט אים אויספרעגן וועגן פּאַטאַפּאָוון... דאָס ערשטע מאָל, זינט ער דינט אין גפּפ, איז אים געווען גרינג אַף דער נעשאָמע.

אַפן מאַרק האָט געקאָכט מיט מענטשן. ער האָט באַמערקט, אַז ווי נאָר ער דערנעענטערט זיך, טרעט מען אים אָפּ דעם וועג און מע קוקט זיך אומרויִק אַרום. אַפן מאַרק האָט מען געביטן, געביטן אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט — שיך אַף מעל, מעל אַף סיגאַרעטן, זייף אַף קאַרטאָפל, העמדער אַף הערינג.

דובראָווסקי האָט זיך שוין געקליבן אוועקגיין, ווען ער האָט אומגעריכט דערזען וואַלענטינאַ קראַווצאָוון, וואָס איז געשטאַנען און זיך געדונגען מיט אַן עלטערער פרוי.

— אַ גוטמאָרגן, — האָט ער געזאָגט, אַנבייגנדיק זיך צו וואַליעס אויער.

פון אומדערוואַרטקײַט האָט יענע אַ ציטער געטאָן, זיך אומגעקוקט און זיך צעלאַכט.

— אוי, איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן. ווי קומט איר אַהער?

— איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל אײַך דאָ באַגעגענען, — האָט דובראָווסקי געשפּאַסט.

— הייסט עס, אַז די געסטאַפּאָ עסט ניט אומזיסט קיין ברויט. אַ סימען, אַז איר ווייסט, ווו איך געפין זיך שטענדיק.

— דאָס איז ניט אינגאַנצן פּינקטלעך. די לעצטע טעג האָב איך אַ סאַך געטראַכט וועגן אײַך. מיך האָט אַהער אַ צי געטאָן, ווײַל איך האָב געטראַכט, אַז דאָ קאָן איך אײַך באַגעגענען... אָבער דאָס איז אַלץ אַ שפּאַס. אויב ריידן ערנסט, דאַרף איך אומבאַדינגט זיך טרעפן מיט אײַך הײַנט אין אָוונט.

— ס'האָט עפּעס פּאַסירט?

— ניין, דערוויַיל ניט. נאָר באַגעגענען זיך דאַרפֿן מיר. כ׳האָב אײַך ניט געזען דרײַ טעג, און איך האָב זיך פֿאַרבענקט נאָך אײַער שטוב.
— איז אין וואָס גייט עס. כ׳בין שטענדיק צופֿרידן זען אײַך. קומט הײַנט צו גיין.
— כ׳וועל אומבאַדינגט קומען, אָרום אַכט. ניט שפּעט?
געזעגנט זיך מיט וואַליען, האָט דובראָווסקי זיך געלאָזט אין פּאָליציי. דער דעזשורנע האָט אים העפֿלעך דערלאַנגט דעם שליסל פֿונעם זיבעטן צימער אויפֿן ערשטן שטאָק.
דאָס איינציקע פֿענצטער אינעם צימער איז געווען פֿאַרגראַטעוועט און פֿאַרהאַנגען מיט אַ פֿאַרגעלטן פֿאַרהענגל. דובראָווסקי האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.
— יאָ, יאָ, גייט אַרײַן!
די טיר האָט זיך עטוואָס פֿאַנאַנדערגעעפֿנט, און עס האָט זיך אַרײַנגערוקט אַ פּליכעוואַטע קאָפּ מיט אַן אָנגעבלאָזן פּאָנעם, אויף וועלכן עס זײַנען פֿלינק אַרומגעלאָפֿן אַ פּאָר קליינינקע אייגעלעך.
— אַנטשולדיקט, הער פּאַטיאָמקין, איך וואָלט געוואָלט מיט אײַך אַ שמועס טאָן.
— ביטע, קומט אַרײַן.
דובראָווסקי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט דער געהיימער אַגענט, צוליב וועלכן רונצכײַמער האָט אים געשיקט אַהער, יענער האָט געקענט אַלעקסן.
דער געקומענער האָט פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בענקל.
— הער פּאַטיאָמקין, מײַנער אַ באַקאַנטער האָט מיר געזאָגט, אַז איר נעמט אויף אָרנטלעכע אָנהענגער פֿונעם נײַעם רעזשים, און איך...
— אַנטשולדיקט, אײַער נאָמען און פֿאַמיליע? — האָט אים איבערגעריסן דובראָווסקי. — ווער זײַט איר?
— איך בין גאַוורילאָ קריוטשקאָוו... וווין דאָ אין קאַדיִעווקע. לערמאָנטאָווסקע, צוועלף, — האָט ער נאָכגיביק אַרויסגעבראַכט.
— וואָס פֿאַרלאַנגט איר, הער קריוטשקאָוו?
— איך, גאָרניט. איך האָב בלויז געוואָלט קומען צו הילף דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפֿט, אויפֿדעקן אַ פּאַרטיזאַנישע באַנדע.
— דאָס איז אינטערעסאַנט, — האָט שוין ווייכער געזאָגט דובראָווסקי, — איך הער אײַך אויפֿמערקזאַם, הער קריוטשקאָוו.
— אין שטאָט אַרודעוועט אַ גאַנצע באַנדע. אָרגאַניזירט האָט זי איינער אַ קאַנאָנענקאָ. זיי האָבן אונטערגעצונדן דעם פֿוטער־זאַוואָד, זיי שיסן אין די דײַטשישע מאַשינעס, און די וואָדאָקאַטשקע האָבן זיי אויך אויפֿגעריסן.
— פֿונוואַנען ווייסט איר דאָס?
— מיר האָט איינע אַ באַקאַנטע דערציילט. זי האָט מיר פֿאַרגעלייגט פֿאַנאַנדערקלעפּן בלעטלעך, זי איז בא זיי אַ מין פֿאַרבינדלערן...
— ווער איז דאָס?
— מײַנע אַ שכנה, לידיִאַ סמערדאָוואַ. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין שול.
— איין מאָמענט, — דובראָווסקי האָט גענומען אַ בלאַנקאַט, פֿאַרשריבן די אָנגערופֿענע פֿאַמיליע, — זעצט פֿאָר, הער קריוטשקאָוו.
— וואָס זאָל איך פֿאַרזעצן?
— דערציילט, וואָס נאָך האָט זי אײַך געזאָגט.
— מער גאָרניט. זי האָט דערציילט, אַז אַלץ האָט אָרגאַניזירט קאַנאָנענקאָ.
— ווער איז ער, אָט דער קאַנאָנענקאָ?
— פֿריִער האָט ער געאַרבעט אין שטאָטקאָם פֿון פּאַרטיי... עפּעס אַ נאַטשאַלניק געווען.
— וווּ וווינט ער?
— ווער קאָן עס וויסן? מינאַסטאַם באַהאַלט ער זיך ערגעץ.
— פֿונוואַנען זשע ווייסט איר, אַז גראָד די דאָזיקע באַנדע האָט אונטערגעצונדן דעם פֿוטער־זאַוואָד?
— ווער דען? קיין אַנדערע איז ניטאָ.
— וואָס מאַכט איר זיך געפּײַגערט?! — איז דובראָווסקי אין קאַס געוואָרן. — אָט ערשט האָט איר געזאָגט, אַז קאַנאָנענקאָס באַנדע האָט אויפֿגעריסן די וואַסערלייטונג, אַז זיי באַשיסן דײַטשישע מאַשינעס, און איצט דרייט איר דעם דאַשעק. וואָס פֿאַר אַ גרונט האָט איר געהאַט דאָס צו זאָגן?

— אנטשולדיקט מיר, הער פּאַטיאָמקין. מיר האָט לידקע סמערדראָווא געזאָגט, אַז כּוץ די בלעטלעך, טוען זיי נאָך אוף א סאך גרויסע זאכן. אָט, האָב איך באשלאָסן, אַז דאָס האָבן זיי אַלץ אופגעטאָן.

— און קאָנאָנענקאָס נאָמען איז אײַך באוווּסט?

— דאָס ווייס איך. גריגאָרי פּיליפּאָוויטש הייסט ער. נאָך האָט מיר לידזיא געזאָגט, אַז די בלעטלעך האָט זי גענומען בא מיכאיל וויסאָטשינען. ער איז בא זיי אויך פון די מאכערס.

— פונוואנען קענט איר מיכאיל וויסאָטשינען?

— אויך זיך געלערנט מיט אים אינײנעם.

— זײַן אדרעס געדענקט איר?

— טשעליוסקין־גאַס, נומער איינס.

דובראָווסקי האָט פארשריבן דעם אדרעס.

— אָט דאָס איז שוין א זאך, — האָט ער ארײַנגעקוקט אין קריוטשקאָווס קליינע אייגע־לעך. — און איצט פארגעדענקט. קיין פּיפּס ניט מער וועגן דער דאָזיקער באנדע. אויב איר וועט נעמען פּלאפּלען, קענט איר זיי דערשרעקן. דעמלט שטעלט איר אין קאָן אײַער קאָפּ. וועגן דעם, אַז איר זײַט געווען דאָ, בא מיר, טאָר קיינער ניט וויסן. פון הײַנטיקן טאָג ווערט איר מײַנער א געהיימער אגענט. איר וועט קומען אהער איבערמאָרגן האלב צען אזייגער. ס׳איז נייטיק דורכפירן א קליינע פאָרמאַליטעט, קעדיי באַזאָרגן אײַך מיט א פּאַיאָק. מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— און איצט גייט. — דובראָווסקי איז אופגעשטאַנען פונעם אָרט און, ניט דערלאַנגענדיק אים די האַנט, גענומען פארן אַקסל און צוגעפירט צו דער טיר. אַף דער שוועל האָט קריוטשקאָוו זיך קימאַט צונויפגעשטויסן מיט א מאַנצבל, וואָס איז געשטאַנען פון יענער זײַט. — קומט ארײַן, איך בעט אײַך, — האָט דובראָווסקי זיך געווענדט צום נײַעם גאַסט.

א הויכער, שווערער און ניט קיין יונגער ווערגעלעץ איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר, קעדיי דורכלאָזן קריוטשקאָוון.

— ביטע, ביטע, קומט ארײַן, הער זאַלאַטאַריאָוו.

דערהערט זײַן פאַמיליע, האָט אַלעקסאַנדער זאַלאַטאַריאָוו שוין זיכערער געמאַכט א שפּאַן אין צימער ארײַן.

— זעצט זיך צו. לאָמיר זײַן באַקאַנט, — האָט געזאָגט דובראָווסקי. — מיך האָט מען באַופטראָגט צו ארבעטן מיט אײַך, אָנשטאָט פּאַטיאָמקינען. לויט דער אָנווײַזונג פונעם שעף, פארנעמט זיך איצט דער הער פּאַטיאָמקין מיט אַנדערע איניאָנים. אַזוי אַז אַף ווײַטער וועט איר זיך באַגעגענען מיט מיר.

— זייער אָנגענעם זיך באַקענען, — האָט מיט א געפאַלענער שטים געזאָגט זאַלאַטאַריאָוו.

— האַקלאַל, לייגט ארויס, וואָס קומט דאָרט פאָר בא אײַך אין מאַקסימאָוועקע?

זאַלאַטאַריאָוו איז אופגעלעבט געוואָרן.

— ס׳איז איצט פעסטגעשטעלט, אַז בא מאַטריאָנא אַלדאַרינא באַהאַלט זיך אויס א רו־סישער סאָלדאַט. זײַן פאַמיליע איז ניט באַוווּסט. אויסער דעם, האָט אָלגא קוזמינא דערציילט, אַז איר כאַוועריטע קראַווצאָווא יעקאַטערינא איז אין א פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אין פּערוואָ־מײַסק. אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זײַנען צוועלף יוגנטלעכע. זיי קלעפּן פאַנאַנדער בלעט־לעך, געשריבענע פון דער האַנט.

— וועלכע בלעטלעך, עפּשער זײַנען דאָס באַפעלן פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט?

— ניין, זיי, די מאַמזיירים, הערן מאָסקווע און פארפּאַסן בלעטלעך...

— די אדרעסן זײַנען באַוווּסט?..

— ווי דען אַנדערש?

— גוט. אָט האָט איר פּאַפּיר, — האָט דובראָווסקי אים דערלאַנגט א ריין זײַטל פון זײַן בלאָקנאָט, — שרײַבט, און אַלץ. ווײַזט אויך אָן די אדרעסן פון מאַטריאָנא אַלדאַרינא און אָלגא קוזמינא.

דובראָווסקי האָט נאָכגעשפּירט, וויאַזוי זאַלאַטאַריאָוו שרײַבט. יענעמס געקנייטשטער שטערן האָט זיך נאָך מער צעקנייטשט. דער אונטערשטער קין האָט זיך אראָפּגעלאָזט. די צונג זײַנע איז ארומגעגאַנגען פון איין זײַט מויל אין דער צווייטער. ער האָט געזען, דובראָווסקי, ווי שווער עס קומט אים אָן דאָס שרײַבעכץ זײַנס. ס׳האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט א נערעק טאָן דעם ווערגעלעץ איבערן טעמפּן קאָפּ, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער געפרעגט:

— עס באַקומט זיך?

זאַלאַטאַריאָוו האָט אָפּגעריסן דעם בליק פונעם פּאַפּיר און א פארגאַפטער געזאָגט:

— איך שרײַב אַלץ, אַלץ ביזן גרונט.

— גוט־גוט, זעצט פאָר, — האָט דובראָווסקי א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז זאַלאַטאַריאָווס באַווײַזן וועט ער דאַרפן איבערגעבן רונצכײַמערן, קיין אַנדער ברייִרע איז ניט געווען. ער האָט אויך געוווּסט, אַז נאָך הײַנט באַנאַכט וועלן אַרויספאָרן מאַ־שינעס קיין פּערוואָמײַסק און קיין מאַקסימאָווקע. מע וועט אַרויסשלעפּן פון די געלעגערס אָלגאַ קוזמינאַ און יעקאַטערינאַ קראַווצאָווא, און אויב זי, יעקאַטערינאַ קראַווצאָווא, וועט אָנרופן אירע כאַווײרים, וועט מען זיי אויך אַרויסשלעפּן פון די וואַרעמע געלעגערס און זיי אוועקפירן אין געהיים־פעלד־פּאָליציי. און אָט דער, וואָס סאָפּעט איבער דעם זײַטל פּאַפּיר, וועט רויִק שלאָפן, און אים וועלן ניט מוטשען קיין שום קאָשמאַרן.

„נישקאָשע, עס וועט אויך שלאָגן די שאָ פאַר דעם דאָזיקן אויסוואָרף. ער וועט באַצאָלן פאַר אַלץ, ער, זאַלאַטאַריאָוו, קריוטשקאָוו... — דערמאָנט זיך אין קריוטשקאָוון, זײַנען אָפּן זינען אויך געקומען לידיאַ סמערדאָוואַ און מיכאַיל ווײַסאַטשין פון דער טשעליוסקין־גאַס. — וואָס טוט מען מיט אים? אויסער מיר, האָט גאַווריל קריוטשקאָוו קיינעם ניט געזאָגט וועגן זיי. נאָך מײַן וואָרענונג וועט ער מוירע האָבן עפענען דאָס מויל. און אויב איך זאָל א ריזיקיר טאָן? עפשער פּרוּוון אויסבאַהאַלטן די דאָזיקע אונטערערדישע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציע? אָבער וויאַזוי? האַרגענען קריוטשקאָוון? ער איז דאָך איצט מײַנער אַן אַגענט. איך קאָן זיך צונויפריידן וועגן א באַגעגעניש ערגעץ אין א פאַרוואָרפן ווינקל און דאָרט מאַכן צו אים א סאָף. סאָפּקאָלסאָף קאָן מען דערנאָך זאָגן, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, ווען כ׳האָב אים פאַרהאַלטן. עפשער האָט מען אים אומיסטן אונטערגעשיקט? דאָס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן. ניין, מע דאַרף ריזיקירן", — האָט ער אומגעריכט פאַר זיך אַליין באַשלאָסן...

— אָט, איך האָב שוין אָנגעצאַראַפּעט, — האָט אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען זאַלאָ־טאַריאָוו.

— גוט. אין נאָמען פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט בין איך אײַך דאַנקבאַר. און איצט סטאַרעט זיך אַרײַנקומען צו אײַערע באַקענטע אין קאַדיעווקע. טוט בא זיי א טאַפּ, עפּ־שער ווייסן זיי עפּעס וועגן דער וואָדאָקאַטשקע. וועגן דער סריפּע. געדענקט, דאָס איז אַן אָפּטראָג פונעם שעף גופא. איבערמאָרגן וועלן מיר זיך באַגעגענען אין דער זעלבער צײַט.

באַגלײַך מיט דובראָווסקין האָט זיך אָפּגעהויבן פונעם אָרט זאַלאַטאַריאָוו. ער האָט זיך געזעגנט און מיט זײַן שווערן גאַנג זיך געלאָזט צו דער טיר. דובראָווסקי האָט אויסגעוואַרט, ביז יענעמס טריט זײַנען פאַרשטילט געוואָרן אינדערווײַטן, און אויך פאַרלאָזט דעם צימער.

איבער דער באַזונטער גאַס זײַנען מיט א גערודער פאַרבײַגעפאָרן דײַטשישע טאַנקען. פון די צעעפנטע ליוקן האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט האַלב־נאַקעטע פיגורן פון די טאַנקיסטן. דובראָווסקי האָט באַמערקט, אַז די טאַנקען באַוועגן זיך ניט צום פראַנט, נאָר אַף מײַרעוו. דעם גאַנצן וועג האָט ער געטראַכט, וויאַזוי צו האַנדלען מיט קריוטשקאָווס באַווײַזן. שוין לעבן די טויערן האָט ער באַשלאָסן הײַנט גאָרניט זאָגן רונצכײַמערן. „אַף יעדן פאַל וועט ער זאָגן, אַז פון אָנפאַנג האָט ער געוואָלט קאָנטראָלירן די פאַקטן. וואָרט נאָר, וואָרט, און פאַר־וואָס זאָל איך ווירקלעך ניט דורכקאָנטראָלירן, לאָמיר זאָגן, אָט דעם ווײַסאַטשינען? טשעליוס־קין־גאַס, נומער אײנס. הײַנט נאָך, נאָך דער באַגעגעניש מיט וואַליען, וועל איך אוועקגיין צו אים, פּרוּוון אויסקלאָרן, וואָס איז דאָס פאַר א פּאַרשוין".

דובראָווסקי איז צוגעגאַנגען צו דער שוועל פונעם פירהויז. ער האָט ניט באַוויזן עפע־נען די טיר, ווי פונעם גאַראַזש איז א צעיושעטער אַרויסגעשפּרונגען פּאַטיאָמקין מיט דער נאַהײַקע אָפּן אַקסל. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א האַרצרײַסנדיקער געשריי פון א פרוי. דערזען דובראָווסקין, האָט אַלעקס אויסגעשריגן:

— וואָס שטייסטו דאָ? קום צו אונדז. בא אונדז איז דאָרט אַן אינטערעסאַנטע באַבע.

— ווער איז?

— א לערערקע. געווען פאַרבונדן מיטן סעקרעטאַר, — האָט אַלעקס געזאָגט און אוועק צוריק אין גאַראַזש.

— וואָס טוען זיי, די אויסוואָרפן? — האָט דובראָווסקי דערהערט מאַרפעס שטים הינטער זײַן פּלייצע.

— וואָס מאַכט אײַער טעכטערל? — האָט ער א פרעג געטאָן.

מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— פון דערשרעק האָט אַנושקע זיך באַהאַלטן אונטערן בעט. בא מיר אַליין ציטערן הענט און פיס. אַזוי קאָן מען דאָך דערהאַרגענען א מענטשן.

— איר האָט זי געזען?

— געזען, ווען מע האָט זי געפירט איבערן הויף. זי איז א היגע, אונדזער לערערקע.

אין דער דאָזיקער מינוט האָט זיך דערטראָגן אַזאַ געשריי, אַז מאַרפאַ האָט פאַרשטאָפּט מיט די פינגער די אויערן און אַנטלאָפן אין שטוב אַרײַן. דובראָווסקי איז איר נאָכגעגאַנגען.

— באַרויִקט זיך, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, — איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, ווו זי איז געלעגן מיטן פּנים פאַרוקט אין אַ קישן.

— גאָט מײַנער, ווען וועט זיך דאָס ענדיקן! — האָט מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט, איבער־זעצנדיק זיך אויף אַ שטול.

דובראָווסקי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— דאָס איז אַלעקס, אַלץ אַלעקס, — האָט מאַרפאַ געמורמלט. — איצט וועט ער מיך ווי־דער צווינגען אָפּוואַשן דאָס בלוט פון זײַן נאַהײַקע.

דובראָווסקי איז צוגעגאַנגען צו איר און אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. זי האָט זיך אָנגע־בויגן און צוגעטוליעט דאָס פאַרווייַנטע פּנים צו זײַן אַקסל. אים האָט זיך פאַרוואָלט זי אָפּ־ווענדן פון די שווערע געדאַנקען.

— מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, — פרעגט ער, — איר האָט מיכאַיִל וויסאָטשינען ניט געקענט?

— אוואַדע קען איך אים, אין אָנהייב פון טשעליוסקין־גאַס וווינט ער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש אָט דער מיכאַיִל?

זי האָט אופגעהויבן צו אים די פאַרווייַנטע אויגן און פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אויף אים.

— גלייבט מיר, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, אַז קיין שלעכטס וועל איך אים ניט טאָן. פאַרקערט, איך ווינטש אים נאָר גוטס. נאָר איך דאַרף אומבאַדינגט וויסן, וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר. דערפאַר טאַקע פרעג איך אײַך וועגן אים.

— גוט, כ׳וועל אײַך דערציילן. איך האָב דאָך געקענט זײַן מוטער אויך. אַ ווילע פרוי געוועזן. אַן אַקטיוויסטקע.

— פאַרוואָס געוועזן?! זי איז אומגעקומען?

— ניין, זי האָט דעמלט געאַרבעט אין שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי. מ׳האָט זי אַרעסטירט אין זיבן־און־דרײַסיקסטן. אַזוי האָט זי זיך טאַקע ניט אומגעקערט. איך געדענק זי גוט. כ׳האָב זיך געכאַווערט מיט איר טאָכטער מאַריאַ. מיט מיכאַיִלס שוועסטער, הייסט עס. די קאַוואַלערן האָבן אונדז אַלץ געפּלאָנטערט — ווער פון אונדז איז מאַרפאַ און ווער מאַריאַ. כ׳בין אָפט געווען בײַ זיי אין שטוב. מיכאַיִל האָט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס ער רעכנט זיך אַ זון פון אַ סוינע. געאַרבעט האָט ער גוט. מיט אַ יאָר דרײַ פאַרן קריג האָט ער פאַרענדיקט אַ טעכניקום, געאַרבעט אַלס עלעקטראָ־שלאָסער אויף דער שאַכטע דרײַ־ביס. און מײַן כאַווערטע מאַריאַ האָט כאַסענע געהאַט פאַר וואַסילי איוואַנאָוון, בײַ אונדז איז געווען אַזאַ, ער האָט גע־אַרבעט אין שטאָטקאָם פון פּאַרטיי, אַ סטאַטנע מאַנצבל. ער איז פאַרבליבן דאָ, נאָר אופטאָן האָט ער גאָרניט באַוויזן, די דײַטשן האָבן אים גלײַך אַרעסטירט.

— זאָגט מיר, מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, און מיכאַיִל וויסאָטשין האָט אים ניט געקענט מאַסערן?

— ניין, וואָס רעדט איר, מיכאַיִל און וואַסילי זײַנען געווען גוטעפרײַנט. דערבײַ נאָך איי־גענע. דער שוועסטערס מאַן. ניין, מיכאַיִל איז ניט אַזאַ מענטש.

— איר האָט אים לאַנג ניט געזען, מיכאַיִלן?

— איצט גיי איך ניט צו זיי. אַזוי, צופעליק אויף דער גאַס באַגעגענען מיר זיך אַמאָל. ער איז באַרויִגעז אויף מיר, וואָס איך אַרבעט בײַ די דײַטשן.

— און אַליין אַרבעט ער ניט?

— ער אַרבעט, אויף דער שאַכטע, און איך בין לעבן די דײַטשן, באַם שטאַב.

— מאַרפאַ איוואַנאָוונאַ, און גאַווריל קריוטשקאָוון קענט איר ניט?

זי האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, אַזאַ קען איך ניט. עפּשער איז ער ניט קיין היגער. בײַ אונדז אין שטאָט קענען מיר איינס דעם אַנדערן.

אין פירהויז האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון גאַראַסן. דאָס האָט באַטײַט, אַז רונצכײַמער האָט זיך אומגעקערט.

— נו, איך וועל גיין, — האָט געזאָגט דובראָווסקי, — אַ גרויסן דאַנק אײַך, מאַרפאַ איוואַ־נאָוונאַ. און פאַר מיכאַיִל וויסאָטשינען האָט קיין יעסורים ניט.

— און אײַך אַ דאַנק פאַר אײַער האַרציקײַט. ווי אַן אייגענעם ברודער האָב איך אײַך אַלץ פאַרטרויט, און פרעגט מיך פאַרוואָס, ווייס איך אַליין ניט. די אויגן זײַנען בײַ אײַך גוטע.

אַרויסגייענדיק פון מאַרפאַ איוואַנאָוונען, האָט דובראָווסקי ענדגילטיק באַשלאָסן אויסבאַ־האַלטן פון רונצכײַמערן די יעדיִעס וועגן דער אונטערערדישער גרופּע.

(סאָף קומט)

*„...באַשװער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ*
*אײן ליד מײנס, באַליץ אײנס...״*

# אויסלענדישע דיכטער צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“

## צאַלעל בליץ

(בוענאָס־אײַרעס)

## א בירָאָבידזשאַנער בריוו

צוואַנציק שורעס פרייד אַף גראָען פּאַק־פּאַפּיר,
ווערטער אײַנפּאַכע, ווי טײַגע־קווייטן.
ציִען זיך די שורעס לויכטנדיקע, ליכטיקע,
ווי צוואַנציק פרישע, פרילינגדיקע בייטן.

ס׳שפּריצט מיט שפּליטערס גליק דאָס שאָרסטיקע פּאַפּיר,
און יעדער הייסער שפּליטער וויל מיר ווײַזן,
ווי ס׳קרײַזט די בלענדנדיקע ווײַטע וואָר
אין ברייטע רעגנבויגנדיקע קרײַזן;

ווי יעדנס הארץ איז אָנגעקוואָלן ווי א קנאָספּ
און יעדנס ברוסט איז — אופגעיוירטע רויערד,
ווי ס׳רײַסן הענט זיך צו דעם ברודערשן פּאַרמעסט
און פון די מוסקולן עס שפּאַרט א יונגער קויעך.

מע גרייט זיך אין דעם ווינטיקן אַפּרעל
צום פרילינגדיקן ברויט־פּאַרזיי אַף בירער פעלדער,
ס׳וועט יעדער זומפּ דאָ דינען און געבוירן ברויט,
און ס׳וועט דער האָניק זיס מאַכן די וועלדער.

העקטאַרן טײַגע וועט מען אָפּשינדן פון בירער פליין,
און ס׳וועלן טראַקטאָרן די רויערד צעקײַען,
פּאַרזייען וועט מען הײַנט א היימישן געוויקס
אין דעם קאָלווירט דעם נײַעם.

פון וואַלד געוואָרן איז אַן אויסגעטרוימטע היים,
פון זומפּ — א פּאַשע־פעלד מיט קימל־קווייטן,
פון אלטער מוירע — יאַגד אַף טיגער און אַף הירש,
און פון אָקטיאַבער — א גאַניידן.

די שווארצערד איז ארומגעזוימט מיט זון און גרינס,
די לופט פּאַרצוויטשערט איז פונעם געפליגל.
א שאָס, — און ס׳פּאַלט אראָפּ א גאָלדענער פּאַזאַן
צו דײַנע פיס, פון הימל.

4*

שוין אופגעוואַכט פון דרימל די כינגאַנער בערג,
עס גלאַנצן אַף דער זון די דורכגעלייגטע רעלסן,
מע וועט די געגנט אויסקליידן אין שטאָל און שטיין, —
פון שוימיקן אַמור ביז די בורייער פעלדזן.

עס גייען שלאַגלערישע, אופגעגליטע טעג,
עס האָדעווען זיך ליכטיקע און זאַטע יאָרן,
דער פרייד־פאַרזיי — ער וואַקסט אין יעדנס האַרץ
צוזאַמען מיטן ווייץ און מיטן קאָרן...

---

עס ציטערט אין מײַן האַנט דאָס ליכטיקע פּאַפּיר,
מיט זון סע שמעקט, מיט רויערד און מיט אײַזן,
עס קרײַזט די בלענדנדיקע ווײַטע וואָר
אין ברייטע רעגנבויגנדיקע קרײַזן...

● ● ●

## כאַ׳ים שוואַרץ

(ניו־יאָרק)

# בריקן פון שאָלעם

זוי ווײַט איז הײַנט
פון וואָלגע־ברעג ביזן האָדסאָן,
פון פּאָטאָמאַק ביז דניעפּער און צוריק?
ס'האָט הארבע צײַט פארוואָרפן פרי׳ערדיקע מאָסן
און איבער טהאָם א צי געטאָן א בריק...

זאָל זײַן,
אז ס'בלאָזט א צוגווינט. קאַלט נאָך איבער יאַמען
און טרייסלט נאָך דעם שאָלעם־מאָנומענט.
ס'איז גוט א שמעטער טאָן די צאַמען
און, האָפנדיק, דערלאַנגען זיך די הענט.

די שווערע פאָרהאַנגען
אָט נעמען זיך פאַנאַנדער
און פרילינגדיקע זון מעקאַבל איז די געסט.
עס קערט זיך אום די שאָלעם־טויב פון וואַנדער
און הייבט אָן בויען איר צעשטערטע נעסט.

זאָל אַף דער ערד
ניט מער א פלייץ געבן קיין מאַבל —
אַף בלומען־בייט, אַף קינדער־וויג;
דאָס האַרץ ניט געבן זאָל קיין צאַפּל
איבער צעשטערטן גליק.

● ● ●

יאָסל גאָלדבערג
(בוענאָס־אײַרעס)

## די נאַכט װײנט

מיט ציטער װיש איך אויס די אויגן פון דער נאַכט,
און זי װײנט...
איר שלוכצן הייבט אויף און צעטראָגט דער װינט,
װי בלעטער פאַרגעלטע אין האַרבסט,
װאָס ליגן אָנגעהויפט אין געװאַלגער אַף טראָטואַרן,
נאָר יעדעס בלאַט איז אַליין,
עלנט, װי פון ברוק דער קאַלטער שטיין.
די נאַכט װײנט —
פאַרװאָס אַזויפיל רישעס װערט אין איר געטאָן?
זי יאָמערט אַף איר גורל אינדערשטיל און אַף אַ קאָל:
פאַרװאָס אַזויפיל גרויל באַהאַלט מען אין איר שויס?
פאַרװאָס אַזויפיל סינע באַדעקט זיך מיט איר הויט?
ס׳קוקט די נאַכט מיט אַ געדריקט געמיט
אַף די גאַסן־פּרויען, װאָס װאַנדערן מיד
און זוכן מענער אין די שאָטנס.
זי קוקט אַף די צעקנייטשטע אַרבעטלאָזע,
װאָס לויפן פון די קאַלטע נאַכטלעגערס
צו אַ פאַרטונקלטער שװעל פון אַ פאַבריק
און װאַרטן, און װאַרטן מיט כמאַרעס אין די אויגן,
און שלינגען דעם רויך, װאָס פּיפּקעט פון די שװאַרצע קוימענס.
די נאַכט װײנט און איז פאַרשעמט,
פאַרװאָס טיף אין איר
ליגן די בויער פון אַ נײַעם טאָג אין פּײַנען פאַרקלעמט,
זיי שטיקן זיך מיט טרערן,
װאָס פאַלן װי טראָפּנס רעגן
אַף די קרומע און געשלענגלטע װעגן.

מיט ציטער װיש איך אויס די אויגן פון דער נאַכט,
איך טרייסט זי מיט װאַרעמער הייסע,
פאַרבאָרגענע אין מײַן צעשטורעמטן געמיט,
װי די פלעמלעך פון אָנגעצונדענע ליכט,
װאָס לעשן זיך פון װינט און װערן ניט פאַרלאָשן.
איך ברענג איר אין אַ פולן הויפן
אַ צעפלאַקערטן קוש פון צװיי פאַרליבטע הערצער,
און כ׳טראָג צו איר ביז פאַרטאָג
אַף מײַנע ברייטע פּלייצעס
װענט, פאַרקלעפּטע מיט פּלאַקאַטן —
זשאַרענדיקע קוילן פון דער פרײַהײַט,
ליכט צו באַלײַכטן דעם מענטשנס װעג.

● ● ●

## סעם ליפּצין

(ניו־יאָרק)

# שענער פון שיין

שיין קאָן זײַן צירונג. ס׳קאָן שיין זײַן א היים.
שיינקײַט — אין שטיינער, אין קיילים פון ליים.

ס׳קאָן שיין זײַן א גאָרטן, שיין די נאטור.
אלץ, וואָס איז שיין, לאָזט אין הארצן א שפור.

נאָר שענער פון אלץ, — און מע מוז עס פארשטיין:
דאָס שענסטע פון שיין — דארף דער מענטש זײַן אליין!

● ● ●

## עליאָהו רײַזמאַן

# שטערן=געזאַנג

שײַנענדיקע שטערן —
שטיינער פליִענדיקע, —
ווען אין פארטונקלונג פון רוים
איר נעמט זיך ווײַזן,
איז א סימען,
אז ערגעץ גייט איר אונטער;
און ווען איך זע אײַך
זומער אין סאָד,
צווישןביימער בליִענדיקע,
ווייס איך, אז נעכטן, קאָן זײַן,
האָט איר ארויסגעבליצט פון שניי
ערגעץ אין א ווײַטן לאנד,
געווען איז אײַער פארפראָסטיקטע שײַן
א שטערנדיקער ווינטער.

שטערן, שטערן —
פליִענדיקע שטיינער, —
פארוואָס איז אײַער ליכט
פון שלאנגען־הויט נאָך קעלטער?
דאָך פון דערהויבנקײַט
איר זײַט דער סימבאָל.

דער מיליארדיקער יאָרנלויף
אין די ציפערן פון אסטראָנאָמען, אָן מאָס און צאָל,
גרייכן קאָנען
צו א הויכקײַט אזא,
וואָס האָט ניט קיין נאָמען.

און עפשער ניט בלויז
שטיינער שײַנענדיקע
זײַט איר, שטערן,
נאָר דאָס טליִענדיקע פײַער
פון ניט אינגאנצן נאָך
אויסגעלאָשענע וועלטן
אין אײַך דערגליט?
ווי וואָלט איך גערן,
איידער אין אײַער בלײַבן טרויער,
אין די טיפן פון כאאָס
אײַך זען;
בעסער אין זיך
פון שטערן ערדישע
א געזאנג פון הימלקײַט הערן.

● ● ●

## ע. קאפלאן

(די ליד איז פארעפנטלעכט אין דער פעריאָדישער
אויסגאבע „אויף דער וואך", ניו־יאָרק)

# אָדע צו מײַן וואָגל=לאַנד

אָ, רוסלאַנד!
מײַן וואָגל־לאַנד פון דער מילכאָמע,
איך האָב קײנמאָל ניט געוווּסט, אַז אײביק בלײַבן בלאָנקען
וועט אף דײַנע וועגן מײַן נעשאָמע
און זוכן וועל איך אף דער וואָר,
צווישן ווירבל־טענץ און פאַלנדיקע זײַלן,
די טריט מײַנע פארבאָטענע;
און אין בריאַנסקער וועלדער — מײַנע ערשטע צוואַנציק יאָר.

איז ווי פאַרגעסן קאָן איך דיך,
נאַוונאַדע היים פון מײַן מאַכשאָווע,
אַז געבליבן בין איך עלנט און אָן איבעריקער מיט מײַן לאָשן,
ווי אַמאָל אַ שטומער צײלעם אף די וועגן פון מילכאָמע?

איך וויל צוריק די שפּורן פון זיקאָרן,
פאַרשניטענע מיט מײַנע פּיס, פּונקט ווי מיט סערפּן, איצט צונויפקלײַבן
מיט אַ לאַמטערנדל פון פאַרטיזאַנישע פאַרטאָגן
און טראָגן זײ אף מײַנע פּלײצעס,
ווי אַ בינטל שטראַלן אפן האַר־האַבאַיִס,
ווי געטראָגן האָב איך צווײַגן צו דער יורטע
פון די לײַדנדיקע אײשישאָקער ייִדן —
אָנצוצינדן פלאַמען פון נעקאָמע.

איך וויל צוריק פאַרטראָגן זיך אף דײַנע פעלדער,
אַ באַוואַקסענער פון ווערבן־אומעט און אין לאַפּטיעס,
אויסגעפלאָכטן פון דעם טרויער, בעטן נאָכאַמאָל
אַ שטיקל ברויט בא דער כאַטע פון אַ פּויער.
אָ, רוסלאַנד — פּאָטערלאַנד פון מײַן נעשאָמע!
ווי פאַרגעסן זאָל איך דײַנע וועגן־שטעגן?
אַז די ווינטן פון קינוירעס ווײנען בא מײַן שטוב צו מיר
אף רוסיש,
און אַ פליגל פון אַ ווינטמיל אין ווײַסרוסלאַנד
קאַדעש זאָגט נאָך מיר אף ייִדיש...

• • •

ארן ווערגעליס

# דיפּצש

ראָמאַן

**אין פיר נאָוועלן מיט אן עפּילאָג**

<u>דריטע נאָוועלע</u>

## די אלטע און די יונגע

1

**ד**ער אעראָפּלאַן האָט זיך דערנעענטערט צו כאבאראָווסק. אנדריי האָט א לײַכטן טאָרקע געטאָן וועגנראָוועוערן, יענער האָט אופגעעפנט די אויגן, באוויײַזנדיק מיט דעם, אז ער שלאָפט ניט.

מיט דרײַצן יאָר צוריק, אין איין־און־פערציקסטן, ווען ער, אנדריי, האָט מיט דער מאמען און מיט סאלקען זיך אוועקגעלאָזט פון ביראָבידזשאן קיין ליובאר, זײַנען זיי ביז מאָסקווע געפאָרן מיט דער באן אכט מעסלעס. איצט פליט ער קיין ביראָבידזשאן, און ס'איז מאמעש א וווּנדער: פון מאָסקווע איז מען ארויסגעפלויגן נעכטן, נאָר דאָ, אין אעראָפּלאַן, האָט זיך דער

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 4, 8, 1974.

טאָג ווי אָפּגעשטעלט. דאָס גאָר שנעלע פליִען אַף מיזרעך, אַנטקעגן דער זון, מאַכט צונישט דעם לויף פון דער צײַט. אין אירקוטסק, בעשאַס דעם אָפּשטעל פונעם אעראָפּלאַן, האָבן די פּאַסאַזשירן איבערגעגעכטיקט אין דער אעראָדראָם־אַכסאַניע, דאָס הייסט — מע איז, ווי עס פירט זיך, געשלאָפן צווישן איין טאָג און דעם צווייטן,— און דאָך איז איצט אין כאַבאַראָווסק דער זעלבער טאָג, וואָס אין מאָסקווע, ווען דער אעראָפּלאַן איז אַרויסגעפלויגן. וועגן דעם רעדט זיך אַנדריי דורך אַף שטומלאָשן מיט קאַטיען, זײַן ווײַב, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרשריבן נאָך אָפן ערשטן קורס פונעם אינסטיטוט, נאָר ס'איז אַלץ קיין צײַט ניט געווען זי אָפּצופירן קיין ביראָבידזשאַן און באַווײַזן זי דעם טאַטן. קאַטיע זיצט בא וועגנגראָוועוערס לינקער זײַט, אַנדריי — בא דער רעכטער. און כאָטש בא קאַטיען אַף די הענט שלאָפט זייער טעכטערל נאַטאַשע, שטערט עס איר ניט צו טאָן אַ באַווײַז אַנדרייען מיטן פינגער אַף די ווײַזערס פונעם האַנט־זייגערל, וואָס איז שוין איבערגעפירט אַף דער כאַבאַראָווסקער צײַט, און דערבײַ אָפּשפּילן מיטן מויל און מיט די הענט אַזאַ סצענע, אַז אַנדריי פאַרשטייט: דער אעראָפּלאַן פליט און פליט, און די צײַט שטייט אַף איין אָרט...

פאַרן אַראָפּנידערן בינדט מען זיך צו מיט רימענס צו די זיץ־ערטער. וועגנגראָוועער טוט עס, ניט אופהייבנדיק די אויגן, אַנדריי מיט קאַטיען הערן אויף בעשאַסמײַסע זיך דורכצורײדן אַף שטומלאָשן.

אַנדריי דערמאָנט זיך, וויִאַזוי ער האָט אָנגעקלונגען אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט וועגנגראָוווערן, און נאָך די ערשטע ווערטער זײַנע, אַז ער האָט באַשטימט צופאָרן מיט די צוויי מיידלעך, ווי ער האָט גערופן קאַטיען און נאַטאַשען, קיין ביראָבידזשאַן, האָט וועגנגראָוועער געזאָגט, אַפילע ניט פאַרטראַכטנדיק זיך:

— באַשטעל אַ בילעט אויך פאַר מיר...

וועגנגראָוועער איז גלײַך אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע און אַליין אויסגעקויפט אַלע אוויאַבילעטן — דרײַ גאַנצע און איין קינדערשן. אַנדרייען האָט ער ניט געלאָזט צאָלן קיין געלט, און ווען יענער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, איז ער מאַסקים געווען אָפּנעמען מיט דער צײַט דעם כויוו — דאַן, ווען די יונגע מישפּאָכע וועט אָנהייבן לעבן פון אַרבעט, ניט פון סטיפּענדיע.

פון דער זײַט האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז וועגנגראָוועערס אומדערוואַרטער באַשלוס זיך אָוועקלאָזן אין אַ רײַזע קיין ביראָבידזשאַן איז געווען אַ קאַפּריז. אינדערעמעסן אָבער זײַנען הינטער דעם באַשלוס געשטאַנען ערנסטע געשעענישן.

ס'איז געווען דאָס טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־פופציקסטע יאָר. וועגנגראָוועער האָט געוווינט אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, אין זײַן אַלטער באָכערישער דירע — אַ קאַבינעט־צימער און אַ קליין קיכל באַם אַרײַנגאַנג. די מילכאָמע האָט ער פאַרענדיקט מיט קימאַט אָנדערהאַלבן יאָר פאַר איר סאָף, נאָר פון די שפּיטאָלן איז ער אַרויס שוין נאָכן זיג, און פון דעמלט אָן, אַן אינוואַליד פון דער ערשטער גרופּע, פלעגט ער טאָג און נאַכט אָפּזיצן באַם שרײַבטיש, און ווען ס'זײַנען דערשינען עטלעכע זײַנע ביכלעך, איז ער באַקאַנט געוואָרן אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט ווי אַ געלערנטער אין הילכעס ייִדישע געשיכטע.

דאָס שוואַכע געזונט, דער טאָגטעגלעכער שטייגער מיט די קאָלערליי קלייניקײַטן פלעגן אים שטאַרק דערקוטשען. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער איז נאָך קיין זיבעציק יאָר ניט אַלט געווען, האָט מען אינעם מויער אַף דער שטילער פאָרשטאָטישער גאַס אים פאַרעכנט צווישן די, וואָס לעבן אַלפּי־נעס, און ווען צו די שכיינעסדיקע דירעס האָט זיך אין מעשעך פון אַ טאָג אָדער צוויי ניט דערטראָגן זײַן הייזעריקער הוסט, פלעגט שוין אַ מאַמע אָפּשיקן איר קינד צו דער טיר זײַנער:

— גיי, טו אַ קלונג... צי לעבט ער נאָך, מאַרק גריגאָריעוויטש...

מאַרק גריגאָריעוויטש פלעגט אָפט איבערכאַזערן פאַר באַקאַנטע, אַז אַף דעם טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־פופציקסטן יאָר האָט ער פון לאַנג אַרויסגעקוקט, ניט דערפאַר, ווײַל נאָך אַ מילכאָמע קומען זיך מענטשן צונויף אַף אַ מין איבערוף, ווער עס איז געבליבן לעבן, צי מע איז גאַנץ, צי ניט,— צוליב דעם האָט געטויגט אויך אַן אַנדער יאָר, אַ נעענטערס צום פינף־און־פערציקסטן,— נאָר ווײַל עס איז אונטערגעקומען די צײַט, ווען ס'דאַרפן זיך, אין העסקעם מיט דער שוווע, צונויפנעמען אין איין אָרט נעכעמיע טשאָרניצער, יודאַלעף און ער, וועגנגראָוועער, שוין דאָס צווייטע מאָל אָן עסטער־ראָכעלען... איצט איז געווען ניט שווער אָפּצורעדן וועגן דער טרעפונג, ווײַל אַלע האָבן געלעבט אַף אַן אָרט: נעכעמיע, ווי פריִער, אין ביראָבידזשאַן, און מיט אים סאַלקע, די דערשלאָגענע נעשאָמע, וואָס איז פונעם אַכזאָריעסדיקן קריג אַרויס לאַכלוטן אַ האָפענונגסלאָזע; יודאַלעף האָט זיך פון די פראָנטן אומגעקערט צוריק קיין קאָמסאָמאָלסק, צו זײַן מישפּאָכע, און אויך דער ייִנגערער טשאָרניצער, פאַלעק, איז געבליבן אַף שטענדיק, ווײַזט אויס, אָפן ווײַטן מיזרעך, געאַרבעט אין אַ כאַבאַראָווסקער רעדאַקציע.

בלויז אַנדריי, דער מיזיניק, האָט זיך פֿונעם פּאַרטיזאַנישן אַטריאַד אַריבערגעקליבן קיין מאָס־קווע. דאָס, וואָס ער איז אָנגעקומען, מיט פּריווילעגיעס, אַפֿן מאַשינבוי־פֿאַקולטעט, האָט ער צו פֿאַרדאַנקען אַן אָפּגעהיטענעם נאָך פֿון דער מילכאָמע רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿונעם גענע־ראַל טשערניאַכאָווסקי, גאַנץ מעגלעך — אַ לעצטן בריוו, וועלכן טשערניאַכאָווסקי האָט אָנגעשריבן קורץ פֿאַר דעם, ווי אַ דײַטשישע קויל האָט אים געטראָפֿן.

ווען אַנדריי מיט זײַן געזינדל און ווענגראָווער האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין אַעראָפּלאַן אַף צו פֿליִען קיין כאַבאַראָווסק, קעדיי פֿון דאָרטן אַריבערפֿאָרן מיט דער באַן קיין בירָאָבידזשאַן, האָט עס ניט אַרויסגערופֿן קיין כידעש בא די, וואָס האָבן געוווּסט דעם סאָד פֿון די טרעפּעניש, וועלכע קומען פֿאַר אַלע עלף יאָר, אָבער ניט יעדן איז געווען באַוווּסט, אַז עס איז פֿאַראַן נאָך איין סיבע, פֿאַרוואָס ווענגראָווער איז אָן שום וואַקלעניש אײַנגעגאַנגען אַף דער נעסיע פּונקט איצט.

די סיבע איז — פֿאַלעק...

פֿאַראַיאָרן ווינטער, נאָך ערעוו סטאַלינס טויט, האָט ווענגראָווער אָנגעשריבן אין צענ־טראַל־קאָמיטעט אַ בריוו וועגן אַן איניען, מיט וועלכן ער, ווענגראָווער, איז געווען באַקאַנט. אין אַ פּאָפּולערן הומאָריסטישן זשורנאַל האָט דורכגעשווינדלט אַ פֿעליעטאָן וועגן דעם זשור־נאַליסט פֿאַלעק טשאַרניצער, וואָס האָט אין סאַמע ברען פֿון דער מילכאָמע, ווען דאָס גאַנצע סאָוועטישע פֿאָלק איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, איבערבערעכנדיק דעם רוקן בא דער פֿאַשיסטי־שער כײַע, זיך דערעדט צו דעם, אַז, קלוימערשט, אין דער סאָוועטישער אַרמיי קעמפֿן פֿאַר־שטייער פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער אַף אויטאָנאָמע יעסוידעס, אָפּגעטיילט לויטן נאַציאָנאַלן סימען. די דאָזיקע שעדלעכע קאָנצעפּציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿון דעם, וואָס פֿאַלעק נעכע־מיעוויטש, זײַענדיק אַ מיטאַרבעטער אין אַ פֿראָנט־צײַטונג, האָט ערגעץ אָפּגעגראָבן אַן אַלטע באַלעגאָלישע בויד (אַוודע די זעלבע, פֿון וועלכער דעם זשורנאַליסטס טאַטע, אין דער פֿאַר־גאַנגענהײַט אַ פֿערד־הענדלער, האָט אין סאָף פֿון די צוואַנציקער יאָרן, שוין בייסן ערשטן פּינפֿיאָר, אויסגעשפּאַנט צום לעצטן מאָל די פֿערד — אָפּגעקויפֿט זיי שפּאָט ביליק בא אַ פֿאַר־פֿראָלעטאַריזירטן באַלעגאָלע און דערנאָך זיי פֿאַרקויפֿט אַן ערשט אופֿגעקומענעם קאָלווירט פֿאַר אַ ספּעקוליאַטיווער פּרײַז), — אָפּגראָבנדיק ערגעץ אָט אַזאַ אַלטע באַלעגאָלישע בויד, האָט דער פֿלינקער זשורנאַליסט זי איבערגעמאַכט מיט איין שמיר מיט דער פֿען אין אַ „ייִדי־שער טאַטשאַנקע”... לויט פֿאַלעק נעכעמיעוויטש טשאַרניצערס שרײַבעכצן אין דער פֿראָנט־פּרעסע האָט זיך באַקומען, אַז ייִדישע סאָלדאַטן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי האָבן מילכאָמע געהאַלטן אויסשליסלעך אַף ייִדישע טאַטשאַנקעס, וועלכע מע האָט פּראָדוצירט בלויז אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט בירָאָבידזשאַן! קעדיי זיך באַוואָרענען פֿון אַ פֿאַרוואָרף, האָט פֿאַלעק נעכעמיעוויטש געגומען אין שוטפֿעס דעם שפּעטער אומגעקומענעם לייטענאַנט יויסעף בומאַגין, אַ העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, וועלכער האָט, ווי מאַטראָסאָוו, פֿאַרשטעלט מיט דער ברוסט די אַמבראַזור פֿון אַ דײַטשישן דאָט. בומאַגין האָט, הייסט עס, אָפּגעזוכט די טאַטשאַנקע אין אַ פֿאַרזומפּיקטן וואַלד און צוריק זי אָפּגעגעבן די ייִדישע סאָלדאַטן פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי...

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרטייִשע אויספֿאָרשונג אַרום דעם פֿעליעטאָן, איז אין פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿון דער כאַבאַראָווסקער רעדאַקציע אָנגעקומען אַ בריוו פֿונעם אויטאָר, וועלכער איז אין הומאָריסטישן זשורנאַל געווען פֿאַרבאַהאַלטן אונטער אַ פּסעוודאָנים, און איצט האָט ער אופֿגעדעקט זײַן עמעסן נאָמען, אַרויסשטעלנדיק אַ באַדינג, אַז פֿון דער רע־דאַקציע זאָל מען דעם נאָמען ניט אַרויסגעבן, קעדיי אויסמײַדן נעקאָמע. אָבער ווען מע האָט אַף איינער פֿון די זיצונגען פֿונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט געבעטן פֿאַלעק טשאַרניצערן, ער זאָל ענטפֿערן אַף דער נײַער באַשולדיקונג, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אינעם בריוו, און פֿאַלעק האָט זיך דערוווּסט, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד, — האָט ער אומגעריכט פֿאַר אַלעמען זיך דערפֿרייט און אָנשטאָט ענטפֿערן לויטן טאָך, אויסגעשריגן מיט אַזאַ קאָל, ווי גלײַך ער וואָלט געווען אַ מאַטראָס, וועלכער האָט דערזען די געגאַרטע ערד:

— דעם פֿעליעטאָן און דעם בריוו האָט געשריבן שאַנאָווסקי, יאַקאָוו גאָווריליאָוויטש! מײַן שווער יאַקאָוו גאָווריליאָוויטש שאַנאָווסקי...

ער האָט אַ מאָדנע שלוקערץ געטאָן און, שטאַרק בלאַס און אָפּהענטיק, אַרויסגעשטאַמלט:

— אָך, מאַכט זיך ניט דערפֿון קיין ווענז... אַן אומגליקלעכער איז ער... געהאַט אַ טאָכ־טער... עסטערקען... איצט ווייסט ער אַליין ניט, וואָס ער טוט...

אינעם בריוו איז געבראַכט געוואָרן נאָך איין אָנשוילעכער באַווײַז, אַז דער זשורנאַליסט טשאַרניצער פֿאַרדינט ניט קיין צוטרוי. אַן ערעך מיט אַ האַלב יאָר פֿאַר דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט זיך געטראָפֿן געהיים מיט פֿלייטים

פון גאַליציע, לויט אַלע סימאָנים ציִעניסטן, און ס׳קאָן זײַן, אַז די דאָזיקע טרעפונג האָט אַ שײַכעס צו דעם, וואָס טשאַרניצערס עלטערע שוועסטער, סאַלקע נעכעמיעוונע, האָט שפּעטער, בייסן קריג, איבערבלײַבנדיק אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, זיך פאַרנומען, צוזאַמען מיט די זעלבע ציִעניסטן, מיט פּראָדוצירן פאַלשע מאַטעריאַלן וועגן ביראָבידזשאַן...

— יאָ, דאָס האָט געשריבן יאַקאָוו גאַווריליאָוויטש שאַנאָווסקי! — האָט איבערגעכאַזערט פּאַלעק. — בלויז ער האָט געוווּסט וועגן די פּלייטים... איך וועל אײַך באַלד דערציילן...

איצט איז דער עניָען געוואָרן גאַנץ אייַנפאַך. ס׳איז געבליבן צונויפירן אויף אָן אָפענעם שמועס ביידע צדאָדים. אַ היפּשע צײַט האָט אָפּגענומען, ביז מע האָט זיך דערוווּסט, אַז שאַנאָווסקי איז שוין ניטאָ אין לאַנד: ער האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ פּרוי, וועלכע שטאַמט פון דער פּוילישער גאַליציע, און איז מיט איר אַהין אַרויסגעפאָרן. ווײַזט אויס, אַז דעם ברייוו קיין כאַבאַראָווסק האָט ער אָפּגעשיקט, האָבנדיק שוין אויף די הענט די וויזעס. ווען די אָרטיקע פּאַרטיי־אינסטאַנצן האָבן באַקומען פון מאָסקווע אַ קאָפּיע פונעם צווייטן ברייוו — פון ווענגראָווערס, — איז דאָס לאַנד שוין געווען דערשיטערט פון סטאַלינס טויט, און די באַהאַנדלונג פון טשאַרניצערס עניָען איז אָפּגעלייגט געוואָרן. פּאַלעק האָט אָבער ניט גערוט, ער האָט געפאָדערט, מע זאָל גיכער אַראָפּנעמען פון אים דעם פלעק, און ס׳איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ ווונטש, אַז דער געוועזענער פּאָליט־קאָמיסאַר, פּאָלקאָווניק אין רעזערוו ווענגראָווער זאָל פּערזענלעך אויפקלערן דעם עניָען פאַרן פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דער כאַבאַראָווסקער רעדאַקציע. צוליב דעם האָט מען געזאָלט קאָמאַנדירן אַ מענטשן אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, נאָר ווענגראָווער האָט איבערגעגעבן, מע זאָל עס ניט טאָן, ווײַל אין דער נאָענטסטער צײַט קלײַבט ער זיך אַלציינס קומען קיין כאַבאַראָווסק.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען עטוואָס מער פון אַ יאָר, זינט ווענגראָווער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם בילבול אויף פּאַלעקן און אָנגעשריבן זײַן ברייוו אין צענטראַל־קאָמיטעט, דעם כאַווער סטאַלין. אין לאַנד זײַנען פאַר דער צײַט פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַליין די געשיכטע וואָלט אויסגעטיילט דעם ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער מילכאָמע צוליב דעם, אַז די מענטשן זאָלן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט די דײַגעס, וואָס אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע ברענגט געווײנלעך מיט זיך, — זיי זאָלן ניט בלויז אויפשטעלן דאָס כאָרעוו געוואָרענע אין דער ווירטשאַפט, נאָר אײַנשטעלן אַ גרינגערן אָטעם אינעם לעבן, אָפּקילן די געמיטער. באַזונדערס פול מיט דראַמאַטישע ענדערונגען איז געווען דאָס לעצטע יאָר, און וואָס מער ווענגראָווער האָט געטראַכט וועגן אָט די ענדערונגען, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז איין זאַך איז אַ קורצער צײַט־מעהאַלעך, — דאַן קאָן זיך אויסדוכטן, אַז עס איז טאַקע אַפּאַנעמעסן פאַראַן אַן אָנגעמאָסטענער ווילן, וואָס איז אַפילע מעסוגל צו פאַרבײַטן מיט זיך די נאַטירלעכע געזעצמעסיקײַטן, — און גאָר עפּעס אַנדערס איז דער היסטאָרישער פּראָצעס, ווו אין אָנזיכט פון די עמעסע געזעצמעסיקײַטן איז דער אָנגעמאָסטענער ווילן געגליכן צום וואַסער אין אַ טעפּל, וואָס שטייט אויף אַ פײַער: עס וועט, זידנדיק, אַזוי לאַנג בולקען, ביז עס וועט זיך אויסוועפּן און ווערן דאַמף...

אין כאַבאַראָווסקער אַעראָפּאָרט האָט קיינער די געסט ניט באַגעגנט. אַנדריי איז מיטן ערשטן רייסאָווע אויטאָבוס אוועקגעפאָרן אין שטאָט און אין אַ פּאָר שאָ אַרום זיך אומגעקערט אינעם פּאָסטלעכן וואַרט־זאַל און דערלאַנגט ווענגראָווערן אַ צעטעלע, וואָס פּאַלעק האָט איבערגעלאָזט באַ אַ שאָכן. אינעם צעטעלע איז געווען מיט שפּרינגענדיקע אײַלנדיקע אויסיִעס געשריבן, אַז פּונקט איצט, ווען ער, פּאַלעק, קלײַבט זיך פאָרן אין אַעראָפּאָרט, האָט מען אים אַרויסגערופן צוליב דעם לעבנס־עניָען, און ער לאָזט זיך אַוועק אין דער פּאַרטיי־קאָמיסיע צוזאַמען מיט אַ וויכטיקן איידעס, וועמען ער האָט אַ סאַך צו פאַרדאַנקען. הײַנט פאַרנאַכט, אויב די זאַך וועט זײַן פאַרענדיקט, וועט מען זיך זען...

דער וועג פון כאַבאַראָווסק קיין ביראָבידזשאַן איז געווען עפּעס אַ באַזונדערס ליכטיקער. פון ביידע זײַטן אײַזנבאַן־אָנשיט האָט צווישן די אַראָפּהענגענדיקע קרוינען פון די ביימער זיך אַרויסגעשלאָגן אַ שיטערער נעפּל, אין וועלכן עס האָבן פריילעך געמינעט זיך זון־פלעקן, ווי באַלויכטענע פון אינעווייניק שטיקער שפּינוועבס. ווענגראָווערן האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוג און די בלישטשענדיקע רעלסן זײַנען אַרײַן אינעם וואַלד אײַנײנעם מיט דעם פרילינג, און דאָס שווינדלען זייערס צווישן די ביימער און קוסטעס איז אַ טייל פון דער אַדליגע, וואָס האָט לויט די געזעצן פון דער נאַטור פאַרכאַפּט דעם קאַנט.

דער נײַ־ינקער וואַגאָן, ערשט פון אַ פּראָגער זאַוואָד, האָט געגלאַנצט מיט פרישער עמאַלפאַרב אויף די ווענט, מיט רויטע טאָרמאָז־הענטלעך און ווײַסע פאָרהענגלעך. די קליינינקע

גאָלדנלאָקיקע נאַטאַשע, אַן אַנגעהאָדעוועטע און צוגעקעמטע, איז אומגעלאָפֿן פֿון טיר צו טיר, צווישן די פּאַסאַזשירן, און, פֿאַלגנדיק דעם ניט גלײַכן גאַנג פֿונעם צוג, שוין דאָס וויפּלטע מאָל זיך ניט־ווילנדיק צעיאָגט איבערן שמאָלן קאָרידאָר, פֿאַלנדיק אָפֿן דיל מיט אַזאַ טראַסק, אַז דאָס האָט געשראָקן די פּאַסאַזשירן. רויִק זײַנען געווען בלויז נאַטאַשעס טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן פֿון פֿאָרויס געוווּסט, מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, און, לויט ווי זיי זײַנען אין די סאַמע געפּערלעכע מאָמענטן געבליבן זיצן אױף זייערע ערטער, האָט מען גע־קאָנט מיינען, אַז זיי זײַנען נאָרוואָס אַליין אַזוי אַרומגעלאָפֿן.

שטייענדיק באַם פֿענצטער פֿון וואַגאָן, האָט ווענגראָוווער זיך געכאַפּט, אַז אַף דעם אײַזנ־באַן־וועג איז אים גאָרנישט ניט באַקאַנט. דאָס, וואָס מע שרײַבט אין די ביכלעך, אַז אַ מענטש, וועלכער קערט זיך אום אַף אַן אַלט אָרט, דערקענט יעדן שטיין, יעדן קוסט, איז ניט מער ווי מעליצע. פֿאַרגעדענקען אַ לענגערע צײַט קאָן מען אַ שטוב, אַ קרענעצע, ביכלאַל אַלץ, וואָס איז איינציק מיטן אויסזען, מיט דער פֿאַרב, מיטן סקריפּ. דער אײַזנבאַן־וועג פֿון כאַבאַראָווסק קיין ביראָבידזשאַן איז דער זעלבער, ווי, לעמאָשל, פֿון ביראָבידזשאַן קיין אָבלוטשיע, אַזוי האָט זיך, אַלנפֿאַלס, געדאַכט ווענגראָווערן, און דאָס האָט אים אַרופֿגעפֿירט אָפֿן געדאַנק, אַז אָט אין טיכאָנקע, אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן — דאָרט וועט ער זיך שוין האַלטן אין איין הוידען אהין און צוריק — פֿון דעם, וואָס ער וועט זען, צו דעם, אין וואָס ער וועט זיך דער־מאָנען, און פֿאַרקערט. כאָטש ער האָט זיך אַליין אַ זידל געטאָן פֿאַר דעם טרוקענעם אונטער־רעכענען און אַרומטראַכטן, ווי־אַזוי און וואָס עס דאַרף פֿילן דאָס האַרץ פֿון אַ מענטשן, ווען ער לעבט נאָכאַמאָל איבער זײַן פֿאַרגאַנגענהײַט, — דאָך האָט ער זיך גלײַכגילטיק פֿונעם פֿענצטער אָפּגעקערט, ניט ווילנדיק מער קוקן גלאַט אַף ביימער און אַף שפּאַלעס.

די גאָלדנלאָקיקע נאַטאַשע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט צווישן דער מאַמען און דעם טאַטן אַף דער אונטערשטער פּאָלקע. ווענגראָוווער האָט פֿון קאָרידאָר באַקוקט דאָס דרײַלינג דורך דער אָפֿענער טיר אין קופּע און, שווער הוסטנדיק, געטראַכט, אַז ווען ער זאָל קומען איצט קיין ביראָבידזשאַן אָן זיי, אייגער אַליין, וואָלט עס געווען גאָר אַן אַנדער קומען, און ס'איז אַ גליק, וואָס ער איז איצט ניט איינזאַם. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז אויך דאָס יונגע געזינדל, פּונקט ווי אָט דער העל־באַלויכטענער צוג מיט די בלישטשענדיקע רעלסן, האָט זיך געיאָוועט אהער איינעם מיטן פֿרילינג, ווי אַ טייל פֿון דער אָדליגע, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט דעם קאַנט. קוקנדיק פֿון אויבן אַראָפּ, האָט ער געזען דרײַ ווייך־בלאָנדע קעפּ. איבער אַנדרייס קײַלעכיק־אונטערגעשוירענעם גענלן, מיט אַ מעשענעם אָפּגלאַנץ, קאָפּ האָט פֿון דעם פֿענצטער זיך געזיפּט אַ ווײַסלעכע שײַן, אין דער צײַט, ווען די זעלבע זון־שײַן האָט זיך איבער קאַטיעס בערעזע־צאָפּ פּונקט ווי צעשאָטן, ווערנדיק פֿאַרוואַנדלט אין אַ בינטל פֿילפֿאַרביקע שפּיל־קעלעך, וואָס האָבן אָדער זיך פֿאַרשטאָכן אין די האָר, אָדער געפֿינקלט אַרום זיי. בלויז נאַ־טאַשעס קעפּעלע מיט די פּרײַ הענגענדיקע גאָלדענע לאָקן איז געווען אין שאָטן, ווײַל עס האָט געגרייכט ניט העכער פֿון דער מאַמעס ברוסט און פֿונעם טאַטנס עלנבויגן.

און אויב שוין יאָ ריידן וועגן דעם, וואָס דער זיקאָרן האָט געקאָנט פֿאַרהיטן אין מעשעך פֿון אַ לאַנגער צײַט, איז עס איצט פֿאַר ווענגראָווערן געווען אָט דער דאָזיקער יונגער דרײַ־לינג. נאַטאַשקע איז אַלט פּונקט אַזויפֿיל, וויפֿל ס'איז אַלט געווען איר טאַטע אַנדריי, ווען ווענגראָוווער האָט אים געזען אין צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר אינעם וויגעלע באַ די טשאָרני־צערס אין שטוב. קאַטיע, אַ שטאַלטנע, אַ שטרענג אָפּגעהיטע — אַלע קנעפּלעך צוגעשפּיליעט, די פֿרוישקײַט גוט צוגעדעקט, — קאַטיע האָט מיט אָט דער אײַנגעהאַלטנקײַט דערמאָנט אין סאַלקען, אויך פֿון יענעם יאָר, ווען ווענגראָוווער האָט זי דאָס לעצטע מאָל געזען באַ די טשאָר־ניצערס אין שטוב. און צולעצט, קוקנדיק אַף אַנדרייען, האָט ווענגראָוווער געפֿילט, אַז דאָס האַרץ הייבט אים אָן צו קלאַפּן ביז ווייטעק, ווי ער וואָלט ווידער דערזען פֿאַר זיך דעם פּאַר־טיזאַנישן פֿאַרבינדלער — אָט דעם געזונטן יאַט מיט דער אָפֿענער ברוסט הינטערן ברייטלעכן לײַנענעם העמדל, — דערזען אים אין טשערניאַכאָווסקיס כאַטע, באַ אַ טיש, אַף וועלכן עס שטייט אַ גראָפֿין מיט גלעזער און עס ליגן פּאַפּקעס און אַ פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטער פּלאַנשעט, און דאָס ייִנגל דערציילט, ווי־אַזוי די דײַטשן האָבן דערשאָסן זײַן מאַמען, עסטער־ראָכעלען, און דערבײַ וויינען זיי ביידע, דער קאָמיסאַר ווענגראָוווער און דאָס ייִנגל אַנדרייקע...

ווענגראָוווער האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך ווידער אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום פֿענצטער פֿונעם וואַגאָן. אַנדריי און קאַטיע, איבערגעשראָקענע, זײַנען צוגעלאָפֿן צו אים:

— מאַרק גריגאָריעוויטש, וואָס איז מיט אײַך?

— ס'איז אײַך ניט גוט?

ער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אין זייער זײַט און, אָנשטאָט צו ענטפֿערן, באַוויזן מיט

דער האַנט אַף די עטלעכע שטיינערנע געבײַדעס, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ דעם פענצטער.

— דאָס איז די סטאַנציע אין,— האָט ער טרוקן א זאָג געטאָן און, אויסהוסטנדיק זיך, צוגעגעבן: — פונדאַנען האָט מען ניט לאַנג צוריק דורכגעלייגט א נײַע אײַזנבאַן־ליניע צו קאָמסאָמאָלסק. מע קאָן אַרײַנפאָרן נאָך יודאַלעפן...

אַנדריי האָט דערווידערט:

— יודאַלעף וואַרט שוין אוודאי אַף אונדז אין ביראָבידזשאַן...

ווענגראָוווער איז אַוועק צו זײַן געלעגער און, ניט אַראָפּנעמענדיק פון זיך גאַרניט פונעם אָנטאָן, זיך צוגעלייגט אַפּרוען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז ס׳איז אים לאַנגווײַליק און ער האָט באַשטימט כאַפּן א דרעמל. אַנדריי אָבער האָט געטראַכט, קוקנדיק אַף זײַן אַקשאָנעסדיק אײַנגעבויגענער פּלייצע, אַז ווייניקער פון אַלץ ציט אים איצט צו רו. פונקט ווי מע זעצט זיך געוויינלעך צו פאַר דעם אַוועקלאָזן זיך אין וועג אַרײַן, אַזוי האָט ווענגראָוווער באַם סאָף פונעם וועג קיין ביראָבידזשאַן זיך צוגעלייגט. און כאָטש אַנדריי האָט געוווּסט, אַז ווענגראָוווער שלאָפט ניט, פאַרקערט — ער שפּירט פּילבאַר נאָך דאָס קלאַפּן פון די רעדער, אַזוי פּילבאַר, אַז די ליפּן זײַנע ציילן אַף יעדן ריטמיש איבערגעכאַזערטן קלאַפּ, — כאָטש אַנדריי האָט געוווּסט, אַז ווענגראָוווער איז וואַך, דאָך האָט ער אים א לײַכטן טאַרקע געטאָן, ווען דער צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן.

אַרויסקוקנדיק דורך דער אָפענער טיר פונעם וואַגאָן, איידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ווענגראָוווער דערזען אַפן פּעראָן יודאַלעפן און לעבן אים א קליינינקן זאַקן, אינגאַנצן א סיוון. אין מויעך באַ ווענגראָווערן האָט דורכגעבליצט א געדאַנק, אַז ווען אָט דער אײַנגעדאַרטער אַלטיטשקער זאָל ניט שטיין דאָ לעבן יודאַלעפן, וואָלט אומעגלעך געווען צו דערקענען אין אים נעכעמיע טשאַרניצערן. איצט האָט זיך אַלץ אַוועקגעשטעלט אַפן באַגעהעריקן אָרט: מע איז, באַרעכהאַשעם, שוין אין ביראָבידזשאַן; נעכעמיע מיט יודאַלעפן באַגעגענען הײַנט, מעגלעך, דעם צווייטן אָדער דעם דריטן צוג פון כאַבאַראָווסק, ווײַל אין דער טעלעגראַמע, וועלכע ווענגראָוווער האָט פון מאָסקווע אָפּגעשיקט קיין ביראָבידזשאַן, איז געווען אָנגעוויזן בלויז דער טאָג, ווען זיי וועלן קומען צו פאָרן.

## 2

די גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַם מאַסיוון גרויסשטאַטישן וואָקזאַל, האָט קיימאַט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער בירע, באַווײַזנדיק עטוואָס פריער צו פאַרקערעווען אַף לינקס און אַריבערגיין אין א צווייטער גאַס, וועלכע האָט זיך פרײַ געצויגן לענגויס דעם פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו און איז ווײַטער אומבאַמערקט אַרויס פון שטאָט — אַף דער פרײַ, אינעם פעלד, ווו ס׳האָט זיך געשלענגלט דער וועג צום קאָלווירטישן יישעוו וואַלדהיים. פאַר די יאָרן, וואָס ווענגראָוווער און אַנדריי זײַנען אין ביראָבידזשאַן ניט געווען, האָט די וואָקזאַל־גאַס זיך שטאַרק געענדערט, כאָטש מע קאָן ניט זאָגן, אַז זי איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע. צו די צווייסטאָקיקע הילצערנע הײַזער פון אַמאָל — דער פּאָטשט און די פּאָר אויסגעצויגענע לענגויס דער גאַס ווינונגס־בלאָקן — האָט מען צוגעבויט נײַע צווייסטאָקיקע, אויך הילצערנע הײַזער, און זיי האָבן, פאַרפולנדיק די פּוסטע ערטער און צונויפשליסנדיק זיך פּאַזע דעם אַספּאַלטירטן טראָטואַר מיט די אַלטע געבײַדעס, געשאַפן דאָס בילד פון אַן אײַנגעפונדעוועטער גאַס, וואָס זי פירט פון וואָקזאַל אין א היפשער שטאָט אַרײַן.

פאַרבײַגייער האָבן אויסגעקערעוועט די קעפּ צו די עטלעכע מענטשן, וועלכע זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט פײַערלעכקײַט, איבערוואַרפנדיק זיך זעלטן מיט קאַרגע ווערטער, געגאַנגען אַזוי פאַרכושט, אַז זיי האָבן פונדערווײַטנס אויסגעזען אָפּגעזונדערט צווישן זיך. אַרויסקומענדיק צום אָרט, ווו צווישן דער וואָקזאַל־גאַס און א צווייטער, וואָס שנײַדט זי איבער, איז פאַרפלאַנצט א סקווער, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און באַקוקט די יונגע ביימלעך און די פרישע געפאַרבטע בענק. ווענגראָוווער האָט א פּרווו געטאָן צו צעשאָקלען איין ביימל, און דערפילנדיק א ווידערשטאַנד אין וואָרצל, האָט ער געזאָגט נעכעמיע טשאַרניצערן:

— אין אָנהייב האָבן מיר אַלע געמיינט, אַז דער גאַנצער קונץ איז — אַרויסטרײַבן די טײַגע, אויסקאָרטשען זי... איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז פון דער טײַגע קאָן מען אויך עפּעס אַרײַנברענגען...

— דו מיינסט דאָס סקווערל? — האָט דער אַלטער געפרעגט, קײַענדיק די אייגענע אָנציינערדיקע יאַסליעס.

— דאָס סקווערל האָט מיך אַנגעשטויסן אַפן געדאַנק. ווײַטער וועלן מיר זען, וואָס ביראָ־בידזשאַן וועט אונדז נאָך זאָגן...

נעכעמיע איז אונטערגעשפּרונגען אַף אַן אָרט, פּונקט ווי ווענגראָווערס ווערטער וואָלטן אים א שמיץ געטאָן:

— ביראָבידזשאַן האָט אונדז געזאָגט אַלץ. מער וועט ביראָבידזשאַן שוין גאָרניט זאָגן...

און אָנשפּאַרנדיק זיך אין שטאַם פונעם ביימל, וואָס ווענגראָווער האָט עס געפּרווווט צע־שאָקלען, האָט ער מיט האַרבקייט אין קאָל א פרעג געטאָן:

— די פראַגע איז, צי מיר וועלן שוין אמאָל עפּעס זאָגן ביראָבידזשאַן.

ווענגראָווער האָט זיך פאַרכידעשט:

— נעכעמיע, דו מיינסט טאַקע אַפּאַנעמעסן, אַז מיר האָבן נאָך ביראָבידזשאַן ניט גע־זאָגט גאָרניט?

— דאָס איז ניט גרינג צו וויסן...

— אויב אַזוי, ווייסטו עפּשער, וואָס מיר דאַרפן נאָך זאָגן ביראָבידזשאַן?

— אָט ביסטו געקומען, ווײסטו אונדז אונטערזאָגן...

אַנדריי האָט א ווונק געטאָן צו יודאַלעפן:

— א פײַנער קאַבאַלעס־פּאָנעם, האַ?

יודאַלעף, וועלכער האָט געטראָגן אַף איין אַקסל נאַטאַשען, האָט מיט איר פיסל א שטי־פערישן קלאַפּ געטאָן נעכעמיען אין ברוסט און אַרויסגערעדט מיט א געמאַכט קעלעכל:

— דיעדושקאַ, פיר אונדז אָפּ פריִער אַהיים, און דערנאָך עס אונדז אויף...

— עס אונדז אויף, האַם־האַם! — האָט זיך צעשריִען נאַטאַשקע. — מאַמע! ווער איז מײַן דיעדושקאַ? דיאַדיע מאַרק, צי אָט דער סטאַריטשאָק?

ס'איז געוואָרן פריילעך און ראַשיק. נעכעמיע האָט איבערגענומען נאַטאַשען צו זיך אַף די הענט און, אַרויספינטלענדיק פון די קראַנקע אויגן א טרער און נאָך א טרער, וואָס דאָס האָט ניט באַטײַט, אַז ער וויינט, נאָר אַז די אויגן זײַנען בא אים קראַנקע, האָט ער זיך צע־רעדט מיט א ניגן:

— דער סטאַ־רי־טשאָק איז עס טאַקע דײַן דיע־דוש־קאַ־אַ־אַ... קיטס־קיץ־קיץ...

דאָס קיצלען איז נאַטאַשען שטאַרק געפעלן געוואָרן, און זי האָט מיטביידע הענט אַרומגעכאַפּט נעכעמיען אַרום האַלדז. קאַטיע האָט איר געהייסן אָפּלאָזן א ביסל, ווײַל זי קאָן נאָך דעם זיידן דערשטיקן. צוביסלעך איז די שיר ניט אויסגעבראָכענע קריגערײַ צווישן ווענ־גראָווערן און נעכעמיען פאַרגעסן געוואָרן, און יודאַלעף, איבערנעמענדיק צוריק צו זיך נאַ־טאַשען, האָט אָוועקגעשפּאַנט, עטוואָס פּאָרויס פון די איבעריקע, איבער דער גאַס, אַהין, ווו זי פאַרקערעוועט צום פּאַרק און ווײַטער — צו דעם הויף בא דער בירע.

דער הויף האָט אויסגעזען אַזוי, ווי אַנדריי און ווענגראָווער האָבן אים פאַרגעדענקט, מער ניט — פון די הײַזער איז אַראָפּ די נײַקייט. מיט נעכעמיע טשאַרניצערס שטוב איז געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט א מענטשן, אין וועמענס לעבן ס'האָט געטראָפן אַן אומדערוואַרטער אײַ־בערבראָך צום שלעכטן: עס זײַנען בא אים אײַנגעפאַלן די אַקסל, דער גלאַנץ אין די אויגן איז צוגעלאָשן געוואָרן און די האָר אַפן קאָפּ זײַנען געוואָרן ענלעך אַף די פעדערן בא א קראַנ־קער טויב... באַזונדערס האָט דער פאַרענדערטער אויסזען פון דער שטוב זיך געוואָרפן אין די אויגן אַנדרייען. אָט ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, איז ער אַרויס פונדאַנען. ער האָט געהאַט א געפיל, ווי גלײַך ער וואָלט זיך אופגעהויבן פונעם פרישן, שמעקעוודיקן גראָז, און וועלנדיק זיך צוריק אוועקלייגן, האָט ער מיטאמאָל דערזען, אַז דאָס גראָז איז פון עפּעס פאַרוועלקט געוואָרן. פון וואָס? פון וואָס האָבן אופגעהערט שמעקן מיט לעבעדיקע זאַפטן די בערוועגעס אין די וועגנט פון נעכעמיעס שטוב? פון דעם, וואָס די שטוב שטייט שוין דאָ, אַפן בערגל לעם דער בירע, א סאַך יאָרן? ניין, ניט נאָר פון דעם. אַף אָט דער שטוב און אַף נעכעמיע טשאַרניצערן וואָלט די צײַט אַזוי גיך קיין שליטע ניט געהאַט, ווען עס זאָל ניט געווען אוועקגיין פון זיי עסטער־ראָכעלע...

פּונקט ווי פילנדיק, אַז וועגן דעם קאָן איצט אַלעמען אײַנפאַלן צו טראַכטן, האָט נעכע־מיע א זאָג געטאָן, גייענדיק מיט זײַנע געסט איבער דער סטעזשקע אין הויף:

— און בא אונדז איז די שטוב הײַנט פול מיט קינדער און מיט ווײַבער. דאַנקען גאָט...

יודאַלעף האָט זיי אונדז אַראָפּגעבראַכט...

— עס וועט פעלן בלויז וואַניע לאָסיעוו, — האָט צוגעגעבן יודאַלעף, — ער באַקומט הײַנט אין כאַבאַראָווסק אַן אָרדען. מײַן אַנטאָנינע האָט פאַרכאַפּט מיט זיך וואַניעס בראָניע. די קינדער אויכעט...

צוקומענדיק שוין צו דער שטוב, האָט יודאלעף זיך אָנגעבויגן צו אַנדרייען און אַרײַנ־געשושקעט אים אין אויער אַרײַן:

— זאָלסט ניט זוכן סאַלקען. זי וועט זיך אַליין יאַווען. פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי, ברודער...— האָט טרויעריק געענטפערט אַנדריי. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען בלאַס. ער האָט געהאַלטן קאַטיען בא דער האַנט, אַזוי פעסט געהאַלטן, אַז זי האָט זיך אַזש אַ קאַרטשע געטאָן:

— ס'טוט ווײַ, אַנדריושע... קוועטש ניט אַזוי.

אַנדריי האָט געפילט, ווי דאָס בלוט רינט אים אָפּ פון אַלע אייווערים. פאַר זײַן לעבן איז אים שוין אויסגעקומען אַרײַנצוגיין אין הײַזער, וואָס האָבן געברענט, און אין אַזעלכע, ווו ער האָט באַדאַרפט אַריבערשפּאַנען איבער ריטשקעס בלוט, אָנשטויסנדיק זיך אָף געשאָכטענע און געהאַנגענע. דאָ אָבער, שטייענדיק בא דער שוועל פון דער שטוב, פונוואַנען ער איז אַרויסגעקומען אָף דער לעבעדיקער וועלט,— שטייענדיק ווידער דאָ נאָך אַזאַ טראַגישן אי־בערײַס, האָט ער ניט געוווּסט אָף זיכער, איז וואָסער געשטאַלט עס וועט פאַר אים זיך באַ־ווײַזן דער אומגליק, וועלכער איז פאַר דער פאַרגאַנגענער צײַט פאַרלאָפן מיט דער שטוב. איבער אורטיילן לויטן אויסזען פונעם טאַטן, האָט די מילכאָמע, צילנדיק אין דער מישפּאָכע טשאַרניצערס, געטראָפן, ווי מע זאָגט, „אין עפּעלע”...

די טיר האָט זיך צעעפנט, און אָף דער שוועל זײַנען אַרויס טאָניע און בראָניע, ביידע באָרוועסע, מיט פאַרשטעקטע קליידלעך. אויסוווּשנדיק אין די פאַרטעכער די נאַסע ביז די עלנבויגנס הענט, האָבן זיי געשטופּט איינע די אַנדערע נענטער צו די געסט.

נעכעמיע האָט אַ וואָרטשע געטאָן:

— לאָזט דורכגיין, אינדיטשקעס...

פון שטוב זײַנען מיטאַמאָל אַרויסגעלאָפן עטלעכע קינדער: צוויי מיידעלעך, דרײַ ייִנגע־לעך, און שפּעטער נאָך איין ייִנגעלע, דאָס קלענסטע. מע האָט גלײַך געקאָנט זען, אַז אַלע זײַנען זיי נאָכמילכאָמע־קינדער, דער אונטערשייד צווישן זיי אין יאָרן איז געווען ניט קיין גרויסער. קיינער פון די נײַ־אָנגעקומענע האָט די קינדער ניט געקענט. די מאַמעס זייערע האָט אַנדריי, און אויך ווענגראָווער, געוווּסט נאָך פון פאַר דעם קריג. יודאלעף און לאָסיעוו האָבן זיי אַנומלטן אַראָפּגעבראַכט פון קאַמסאָמאָלסק, און זיי האָבן אָפּגעלעבט אין בי־ראָבידזשאַן עטלעכע טעג.

נאַטאַשע האָט גענומען זיך נאָכפרעגן בא קאַטיען:

— מאַמע, דאָס זײַנען מײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך?

— איך ווייס ניט,— האָט געענטפערט קאַטיע.— באַלד וועלן מיר זיך באַקאַנען.

יודאלעף האָט זיך דורכגעשטופּט צו דער טיר און גענומען אַרײַנטרײַבן אין שטוב אַרײַן די קינדער.

— זע, קאַטיושע,— האָט ער אויסגעשריגן,— אָט די דרײַ, פון יענער זײַט שוועל, זײַנען וואַניעס, און די דרײַ אָף דער זײַט שוועל — מײַנע. צוזאַמען מיט די צוויי עלטערע האָב איך פינף שטיק... און אָט דאָס איז מײַן טאָניע, און בראָניע איז וואַניעס...

אין שטוב זײַנען די דילן געווען פריש אויסגעוואַשן, די בענקלעך זײַנען נאָך געלעגן אָף די טישן און דאָס איבעריקע מעבל איז געווען צונויפגערוקט. אין איין אויגנבליק האָבן אַלע זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. מע האָט די זאַכן צעשטעלט אָף אָן אָרט, די קינדער האָט מען אוועקגעפירט אין קליינעם צימערל, און אין גרויסן האָבן די דרײַ פרויען גענומען גרייטן צום טיש. מע האָט ניט באַוויזן אויסשפּרייטן דעם טישטעך, ווי אין גרויסן צימער איז אַרײַנ־געלאָפן נאַטאַשע און גענומען שלעפּן צום פענצטער אַנדרייען:

— פּאַפּע, נאָך איין ברודערל... אין הויף... רוף אים אַרײַן!

אַנדריי האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און שנעל פאַרמאַכט די אויגן. ס'האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, און ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. יודאלעף האָט אים אונטער־געכאַפּט אונטער די אָרעמס און אוועקגעזעצט צום טיש. קאַטיע האָט זיך אויך אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער און אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאַנצן לײַב. בראָניע און טאָניע האָבן אוועק־געפירט פאַר די הענטעלעך נאַטאַשען צוריק אין קליינעם צימערל און זיך פאַרנומען דאָרט מיטן קליינוואַרג. נעכעמיע איז אַרויסגעלאָפן אין הויף. בלויז איין ווענגראָווער איז פאַרבליבן זיצן אַזוי ווי ער איז געזעסן, אָפּן דיוואַן, ניט רירנדיק מיט אַן אייווער, אײַנגאַנצן פאַרגלי־ווערט. אַנטקעגן אים איז אָף דער וואַנט געהאַנגען עסטער־ראָכעלעס פאַרגרעסערטע פאָטאָג־ראַפיע, און ס'קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען די סיבע, פאַרוואָס אין אָט דער מינוט האָט דער גאַנצער ווּזן זײַנער זיך אײַנגעצייכנט פּונקט ווי אַרומגעוויקלט מיט פיבערנדיקע נערוון, און די פאַרשוווּנדעריש־אויסשטראַלנדיקע אַרבעט, וועלכע איז בא אַנדערע מענטשן געטאָן געוואָרן

מיט די מוסקולן אפן פּאָנעם, מיט די אויגן און מיט די הענט, איז בא אים געווען פארבאָרגן הינטער דער הויט, ווי די ארבעט פונעם הארצן, פון די לונגען, פון דעם בלוט. פארשטייט זיך, אז פילנדיק אָף זיך דעם קישעף פון עסטער־ראָכעלעס פּאָרטרעט, זיצנדיק בא איר אין שטוב, אָף איר דיוואן, איז ער געווען היפּש אָפּגעווייטערט פון דעם אלץ, וואָס עס קומט געוויינלעך פּאָר, ווען אייגענע מענטשן באגעגענען זיך נאָך א לאנגער און ווייטעקלעכער צעשיידונג. נאָר איינצייטיק מיט דעם איז אים פון דעם דאָזיקן אָרט געווען לייכטער צו אופכאפּן און פארבינדן מיט איין קנופּ אלע איצטיקע איבערלעבונגען בא די טשאָרניצערס, און זיי, די איבערלעבונ־

גען, האָבן אים געקאָסט, קאָן זיין, מערער געזונט, איידער יעדן איינעם פון די ליידנדיקע. ער האָט, ניט אופהייבנדיק זיך פון אָרט, גלייך זיך אָנגעשטויסן, אז אין הויף האָט זיך באוויזן סאלקע, פון וועמענס אויסזען עס איז געפאלן כאלאָשעס אנדריי, אָט דאָס שרעקלאָזע טייגע־יינגל, וואָס איז איצט אָן שום סאָפעק שוין אויסגעיידלט אין דער נאָכמילכאָמע־שטילקייט.

ווי עפּעס אזוינס, וואָס איז זעלבסטפארשטענדלעך, זיינען צו ווענגראָווערן דערגאנגען יודאלעפס אָפּגעהאקטע ווערטער:

— נו, ברודער... ברודערל... נעם אָן די שוועסטער אזא, ווי זי איז... שטארק זיך, אנד־ריושע...

יאָ, עסטער־ראָכעלעס פּאָרטרעט אָף דער קעגניבערדיקער וואנט איז פאר ווענגראָווערן געווען דאָס פענצטערל, דורך וועלכן ער האָט עטוואָס פריער, איידער די איבעריקע געסט, געזען סאלקען סיי דאן, ווען זי האָט זיך באוויזן אין הויף, סיי איצט, בייס עס הערן זיך שוין שווערע טריט אין קאָרידאָרל.

אין צימער איז אריין נעכעמיע מיט סאלקען אָף די הענט. די הענט בא נעכעמיען זיינען געווען האלב אויסגעצויגן פאָרויס פארן קערפּער, ווי דאן, ווען מע רופט צו זיך א קינד, און סאלקע איז אָף זיי פריי געלעגן, ארונטערגענומען אונטער זיך די קני, מיטן פּאָנעם צום טאטנס

ברוסט. אנדריי האָט זיך אופגעשטעלט, א בלאסער און אויסערלעך א בארויִקטער. אלע איבע־ריקע אין צימער זײַנען פארבליבן אף זייערע ערטער. נעכעמיע האָט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ נעענטער צו סאלקען, געזאָגט מיט א מונטער קאָל:

— וואָס האָסטו געדארפט זיך באהאלטן אין סאראַי, נארישע? דײַנע ברידער זײַנען דאָס, זע...

סאלקע האָט זיך אראָפּגעגליטשט אפן דיל און, ניט קוקנדיק אין קיינעמס זײַט, גלײַך ווי דער צימער וואָלט געווען פוסט, זיך א שאר געטאָן צום בופעט, ארויסגענומען פונעם אונ־טערשטן שופלאָד עטלעכע פארביקע שמאטקעלעך און, פאנאנדערוויקלענדיק זיי, ארויס־געררעדט:

— עסטער־ראָכעלע, די פוליע וועט נאָר א פּיק טאָן...

ווענגראָווער איז געזעסן אריַנגערוקט אין די קישעלעך פונעם דיוואן. קאטיע האָט בײדע הענט געהאלטן צוגעדריקט צו די שלייפן, שעפּטשענדיק „גאָספּאָדי... גאָט מײַנער...״ פארגליווערט איז געשטאנען אנדריי, אײַנזויגנדיק זיך מיט די אָפּגעשטעלטע אויגן אין סאל־קען. ער האָט געזען איר פּאָנעם, א צעקנייטשטס, ווי א געבאַקטער עפּל. אין מויל, פון פאָרנט, אונטער דעם לינקן אויג, איז איר פארבליבן איין־איינציקער צאָן, וואָס האָט זיך ארויסגערוקט פון די אײַנגעפאלענע ליפּן, און דאָס האָט זי נאָך מער פארענדערט, אזוי, אז ס'איז געווען גאָר אן אנדער פּאָנעם, ניט סאלקעס. די האָר אפן קאָפּ זײַנען בא איר געווען נידעריק אָפּגע־שוירן, מיט טרעפּ. מע וואָלט איר געקאָנט געבן זעכציק, אפילע זיבעציק יאָר, ווען ניט די פיגור, אן אײַנגעטריקנטע ביז די סאמע ביינער, א פיגור פון א ייִנגעלע, טאקע ווי עס האָט זיך פונוויַטנס אויסגעדוכט נאטאשקען. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אנדרייס אלטע בגאַדימ־לעך — אין די שעוויאָטענע, איצט שוין שטארק אויסגעריבענע אפן געזעסל הייזעלעך, וועלכע ער האָט געטראָגן אין זעקסטן צי אין זיבעטן קלאס, אין זײַנס א וואַרעם לײַבל פון גרויען וואָל, וואָס זי אליין האָט אמאָל אויסגעשטריקט מיט עסטער־ראָכעלעס הילף, און אין די אונ־טערגעשניטענע וואָליקעס, מע פלעגט זיי רופן באַטן, ווײַל אנדריי האָט (ער געדענקט שוין ניט פארוואָס) אראָפּגענומען בא זיי שטיקער וואָילעק פון די כאָליעוועס. די פארענדערונג אין איר אויסזען איז געווען אן אומגלייבלעכע. אָבער אנדריי — דער לײַבלעכער ברודער — איז דאָך געווען בעקויעך צו דערקענען אין אָט דעם אומגליקלעכן געשטאלט סאלקען, בא־זונדערס ווען זי האָט גענומען צונויפלייגן די פארביקע שמאטקעלעך, טוענדיק עס אזוי, ווי אין די לויטערע יאָרן. דאַן פלעגט זי, א שיינע און אײַנגעהאלטענע אין די באוועגונגען, אזוי־אָ זיך צוזעצן צו דעם זעלבן אונטערשטן שופלאָד פונעם בופעט (אויך דעמלט איז דער קליידער־שראנק געשטאנען אין קאָרידאָרל, אין אים פלעגט מען האלטן די טונקעלע האל־באַשע) און, איבערנעמענדיק פון עסטער־ראָכעלעס הענט די אויסגעפּרעסטע האנטעכער, נאָז־טיכלעך, טישטעכלעך, צונויפלייגן זיי אין שופלאָד.

ווען סאלקע האָט גענומען זיך ארויסשארן פונעם צימער, האָט מען זי ניט אָפּגעשטעלט, און זי האָט לעבן קיינעם זיך ניט פארהאלטן. אָפּגעגאנגען א פּאָר טריט צו דער טיר, האָט זי אוועקגעלייגט די שמאטקעלעך אפן דיל און מיט גרויס ערנסט זיך א דריי געטאָן אף איין אָרט, דערנאָך צונויפגעשלאָסן ביידע הענט אפן בויך און אויסגעזונגען מיט א דין קינדערש קעלעכל:

קאלעשי, קאלעשי, ווייַן ניט אזוי,
דער כאַסן וועט דיר שיקן א טעלערל כרייַן,
וועסט זיך באסמארקען ביסל די צייַן...

נעכעמיע האָט א כליפּענדיקן לאָך געטאָן:

— גיי, קינד מײַנס, גיי... שפּיל זיך א ביסל...

אונטערגעקליבן צוריק די שמאטקעלעך פון דיל, איז סאלקע ארויסגעגאַן פון צימער.

— זי געדענקט אלע לידעלעך און די שפּילערײַען, וואָס אמאָל אין דעם שטעטל... — האָט נעכעמיע איבערגעריסן די הענגענדיקע שטילקײַט. — מיט דעם לעבט זי... מיר פאר איר קאָפּ.

דורכן פענצטער האָט זיך געזען, ווי סאלקע איז ארופגעקראָכן אף א קלאָץ לעם סאראַי און זיך געזעצט רײַטנדיק. זי האָט געדריגעט מיט די פיס, ווי מע קיצלט א רײַטפערד באם בויך, געפּאטשט מיט די הענט איבער דער קלאָץ און געשריגן „וויאָ!״, הוידענדיק זיך צום טאקט פון דעם פאָרן. די קינדער אינעם קליינעם צימערל האָבן עס דערזען, און זיי זײַנען מיט א פריילעכן געפילדער ארויס אין הויף, האלטנדיק זיך פריִער ארום בראָניען און טאָניען און דערנאָך שוין אריַנצינדיק זיך אויך צוביסלעך אין דער שפּיל.

יודאלעף האָט צעפּראלט דאָס פענצטער:

— ווײַבלעך! קומט שוין אַרײַן! איר האָט אונדז אינגאַנצן פאַרמאַרעט...
ס׳איז געווען היפּש נאָך האַלבן טאָג. די זון איז געשטאַנען אַ ביסל העכער פונעם פענצ־טער. פון דער בירע האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער און פרישער.

## 3

וועגנגראַווער, אַנדריי און קאַטיע האָבן ביסלעכווײַז זיך באַפרײַט פון דער דערשיטערטקײַט. אַרום טיש אין נעכעמיעס שטוב האָט יעדער אײנער געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן און אין וואָס זיך צו דערמאָנען. אַפילו קאַטיע, וועלכע איז אין דער מישפּאָכע אָן ערשט ניט לאַנג צוגעקומענע, האָט איצט דערפילט קימאַט פיזיש איר פאַרזענלעכן שײַכעס צו די אומגליקן. זי האָט זיך געסטאַרעט אופּצושטעלן אין זיקאָרן דאָס, וואָס אַנדריי פלעגט איר דערציילן וועגן דעם טויט פון זײַן מאַמען און וועגן די יעסורים און לײדן, וועלכע ס׳האָט גענומען אויף זיך סאַלקע. אַנדריי איז טאָמיד באַשטאַנען אויף דעם, אַז קײנער, אײגנטלעך, ווייסט ניט אויף זיכער, וואָס עס איז פאַרלאָפן מיט עסטער־ראָכעלען און מיט איר טאָכטער. קײן לעבנגע־בליבענע אײדעס פון דער עקזעקוציע איבער די ליובאַרער ייִדן זײַנען ניטאָ, און וואָס שײַעך סאַלקען, האָט זי פאַר די צען יאָר, זינט פאַלעק האָט זי אָפּגעזוכט צווישן די אַסירים פון בירקענאַו און צוריקגעבראַכט זי אַהײם, קײן אײן באַדאַכט וואָרט ניט אויסגערעדט. די ווערסיע, אַז עסטער־ראָכעלע איז אין ליובאַר דערשאָסן געוואָרן, האָט געשטאַמט פונעם פּאַרטיזאַנישן וואַלד, ווו מע האָט געוווּסט דאָס אַלגעמײנע בילד פון דער ליובאַרער טראַגע־דיע, פּונקט ווי פון ענלעכע טראַגעדיעס אין אַלע אַנדערע אַרומיקע ייִדישע שטעטלעך, און עסטער־ראָכעלע טשאַרניצערס נאָמען איז דאָרט אופגעשווומען באַזונדער בלויז דערפאַר, ווײַל אין אָטריאַד האָט זיך געפונען איר ייִנגל אַנדריי. אויך ווען ליובאַר איז באַפרײַט גע־וואָרן, האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערוויסן זיך גאָר ווייניק, ווײַל די עטלעכע זײַטיקע אײדעס, וועלכע האָבן געהאַט עפּעס־וואָס צו דערציילן, האָבן די געשעענישן אין טאָג פון דער צע־שיסונג געשילדערט אַזוי, ווי מע האָט זיי געקאָנט זען דורך אַ שפּעלטל אינעם פאַרהאַנגע־נעם פענצטער פון דער שטוב, אָדער פון אַ באַהעלטעניש פּאַזע דעם לעצטן וועג פון די ייִדן.

אין אַ ווייכן יאַנוואַר־טאָג, אין פיר־און־פערציקסטן, נאָך דעם, ווי מע האָט אָפּגעפירט אין הינטערלאַנד דעם שווער פאַרוווּנדעטן קאָמיסאַר וועגנגראַוועריין און טשערניאַכאָווסקיס טײלן האָבן זיך פון די הויכקײַטן פון נײַ־ליובאַר אַ וואָרף געטאָן אין דער נידער, איבערן סלוטש, און אײַנגענומען דאָס פאַרברענטע אַלט־ליובאַר,— האָבן יודאַלעף, פאַלעק און אַנ־דריי זיך אַריבערגעקליבן איבער די סטאַרטשענדיקע פונעם טײַך קלעצער און ברעטער פון די צוויי אופגעריסענע בריקן, וואָס צווישן דער גרויסער און קלײנער ליובאַרער מילן, און, האַלטנדיק גרײט די אויטאָמאַטן צום שיסן, אוועקגעלאָזט זיך אויסצוזוכן צווישן די טליִענ־דיקע רוינען אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

אויף דער ברוקירטער גאַס, וועלכע מע האָט אַמאָל אין שטעטל גערופן דער שליאַך, עטוואָס ווײַטער פונעם ראָג, פונוואַנען אַ קלײן געסעלע פלעגט פירן צו דער שטעטלדיקער קינדער־שול, איז אַלפּי־נעס פאַרבליבן ניט פאַרברענט אַ שטיבל, און דאָרט האָט זיך אָפּגע־פונען אַן אַלטע פויערטע, אינגאַנצן אַ פאַרטויבטע פון דער אַרטילערישער שיסערײַ. אויס־הערנדיק, ווער די סאָלדאַטיש געקלײדטע דרײַ ברידער זײַנען און וואָס זיי ווילן, האָט די אַלטע פויערטע אָנגעהויבן הויך אויף אַ קאָל צו קלאָגן.

— מאַמע, ענטפער אונדז! — האָט אויסגעשריגן פאַלעק.

די אַלטע האָט זיך איבערגעצײלעמט און זיך פאַרנײגט ביז צו דער ערד. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעשפאַרט אין דער וואַנט, לעבן וועלכער זי איז געשטאַנען, און גענומען זיך אײַנ־הערן, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך די שיסערײַ. ס׳זײַנען דורכגעגאַנגען נאָך עטלעכע מינוט, און זי האָט נאָך אַלץ גאָרניש ניט געזאָגט.

— מאַמע, ווו זײַנען די ייִדן פונעם שטעטל? מאַמע, ענטפער! — האָט פאַלעק זי גע־טרייסלט בײַ די אַקסל.

— גיי, סינאָק, אַהין! גיי! — האָט די פויערטע אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון דער שיסערײַ.— אויב דו האָסט געהאַט אין ליובאַר אַ מאַמע, ליגט זי דאָרט...

— ווו דאָרט?

— אפן פּישטשאַן, סינאַק... אין פעלד הינטערן קוסטאַרניק... דאָרט ליגן אַלע ייִדישקעס מיט זייערע קינדער... אין דרײַ גריבער ליגן זיי...

זי האָט נאָכאַמאָל א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט:

— אונדזערע זײַנען שוין ארויס אין פעלד! גייט, סינאָטשקעס, גייט אהין גיכער און שלאָגט זיך, טרײַבט די דײַטשן פונעם פּישטשאַן! זיי זאָלן ניט טאָפּטשען מיט די שטיוול די גריבער!

זי האָט אראָפּגעצויגן פונעם קאָפּ די פאַטשיילע און געמען זיך רײַסן די האָר:

— גייט!... לאָזט ניט טאָפּטשען!.. טרײַבט זיי פון די גריבער!..

יודאלעף, פאלעק און אנדריי זײַנען אוועק צו דער ראַנד־גאַס, ווו עטלעכע טאַנקען T־34 מיט פעכאָטע אף דעם פּאַנצער האָבן זיך געגרייט אטאקירן די דײַטשן. פאלעק האָט אפגיך זיך דורכגעשמועסט מיט דעם לייטענאַנט פון דער פעכאָטע־טייל. יענער האָט צוערשט זיך גענומען זידלען און אפילע דראָען מיטן פּיסטאָלעט, נאָר מיטאמאָל איז ער ווייך געוואָרן:

— נו, קאַראַבקע זיך ארוף, קאַפּיטאַן, מיט דײַנע ברידער. בייזער זיך ניט אף מיר... מע קאָן מיך פאר דעם אָפּגעבן צום טריבונאַל, דו ווייסט עס אליין...

ווען דער שווערער טאַנק איז ארויסגעשפּרונגען צו דער באַזוימטער מיט קוסטעס לאַנקע, אף לינקס פונעם וועג, האָט דער לייטענאַנט אויסגעשריגן:

— דאָ דאַרף עס זײַן! שפּרינגט!

די דרײַ ברידער האָבן זיך אראָפּגעוואָרפן פונעם רעוועדיקן טאַנק אין שניי ארײַן און גלײַך גענומען שיסן. עטלעכע דײַטשן זײַנען ארײַן אין די קוסטעס און פארשוווּנדן געוואָרן, איינער איז געבליבן ליגן, צוקוועטשנדיק מיטן גוף צו דער ערד א נידעריק ביימל. לויפנדיק צווישן די הויך אָנגעשאָטענע, פארפאַראָשעטע מיט שניי בערגלעך, האָט אנדריי געציילט: „איינס... צוויי... דרײַ...”

— דרײַ בערגלעך! — האָט ער אויסגעשריגן צו די ברידער, וועלכע האָבן דורכגעשטעפּט מיט פײַער די קוסטעס.

די שיסערײַ אפן פּישטשאַן האָט זיך גענומען דערווײַטערן. ס'האָבן זיך דורכגעטראָגן נאָך עטלעכע טאַנקען. ווען ניט דער פארשפּעטיקטער דײַטשישער סאָלדאַט, וואָס האָט אין פארצווייפלונג זיך א לאָז געטאָן נאָכצויאָגן זײַנע אָפּטרעטנדיקע כאַווײרים און מיט דעם ווי אומגעקערט צוריק צו די הויך־פארשאָטענע גריבער די מילכאָמע, ווען ניט אָט דער שלימאַזלדיקער דײַטש, וואָלטן די טשאַרניצערס שוין געבליבן זיצן צווישן די בערגלעך, פונקט ווי זייער ביז איצטיק גיין איבער די פראָנט־וועגן וואָלט געהאַט, אכוץ דעם מיין, וועלכן עס האָט אלץ אף א מילכאָמע, אויך א ספּעציעלן מיין — זיך צונויפקומען אפן ליר־בארער פּישטשאַן, אף קיוועור־אָוועס צו דער מאַמען.

ווען דער דײַטשישער סאָלדאַט האָט דערזען פאר זיך דרײַ רוסישע אויטאָמאַטשיקעס, איז ער א פאַל געטאָן מיטן פּאָנעם אין ריינעם שניי, און קעדיי די רוסן זאָלן ניט מיינען, אז ער זוכט אן אָרט אין דער נידער אף צו אויסבאַהאַלטן זיך פון זיי, האָט ער גענומען ארופּוויזן אף איינעם פון די נאָענטע בערגלעך, און דערבײַ האָט ער זיך קינדעריש צעכלי־פּעט. ער האָט ניט געוווּסט, אז גראָד דער ווילן ווי ווײַט מעגלעך צופרידנשטעלן די זיגער וועט אים באַלד אומברענגען. ארופגעקראָכן אפן בערגל, האָט ער אָפּגערוקט פון זיך דעם אויטאָמאַט און געבליבן ליגן, אויסציענדיק איבערן קאָפּ די אָנגעבראָקנעטע רויטע הענט אזוי, עס זאָל זיך באַקומען, אז אויך ליגנדיק האַלט ער הענדע האָך.

ווי א דערצאָרנטער בער האָט זיך אפן דײַטש א וואָרף געטאָן יודאלעף, מיִענדיק זיך מיט אלע קויכעס אים אראָפּצושלײַדערן פונעם בערגל. דער פּאַכעד האָט אָבער צוגעגעבן דעם דײַטש קויכעס, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פארן סטויפּיקל, וואָס עמעצער האָט ארײַנגע־גראָבן ווי א צייכן אף דעם נאָמענלאָזן קייווער.

יודאלעפס געשריי האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן פעלד:

— אראָפּ! הונט!

דערהערנדיק די ייִדישע ווערטער, האָט דער דײַטש אויסגעקרעכצט:

— אָ, יודע...

איצט האָט ער נאָך שטאַרקער זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם בערגל. אנדריי איז צוגעגאַנ־גען נעענטער און געזאָגט מיט א באַרויקטער שטים:

— יודאלעף, טרעט אָפּ אף א ווײַלע.

זעענדיק, אז יודאלעף פארשטייט ניט, וואָס ער וויל פון אים, איז ער צוגעגאַנגען פון דער צווייטער זײַט און אויסגעשאָסן אין דעם דײַטש. יודאלעף, אן אָפּגעשוואַכטער, האָט

זיך צוגעזעצט אין שניי. פאַלעק, וועלכער האָט פונדערווײַטנס נאָכגעשפּירט, וואָס עס טוען זײַנע ברידער, האָט אָנגענומען דעם קערפּער פונעם דײַטש פאַר די פיס און אראָפּגעשלעפּט אים פונעם בערגל...

דערציילנדיק וועגן דעם קאַטיען, פלעגט אנדריי פּילן, ווי די הענט אירע, וועלכע זי האָט געהאַט א טעווע צו האַלטן בײַסן ריידן אין זײַנע הענט, ווערן קאַלט, און זיי ציטערן. קאַטיע האָט געהאַט א ווייך האַרץ, און זי האָט שטאַרק געזשאַלעוועט אַלעמען, אויך דעם דערשאָסענעם דײַטש, וואָס עפּשער איז ער גאָר קיין שלעכטער מענטש ניט געווען.

— אנדריי,— האָט זי געזאָגט שטיל־שטיל, פּונקט ווי זי וואָלט געבעטן מעכילע פאַר א מענטשן.— אנדריי, דער דײַטשישער סאָלדאַט האָט שוין געהאַט אוועקגעלייגט דאָס געווער... נאָך דעם אים הארגענען, קעדיי ס'זאָל גרינגער זײַן אים אראָפּשלעפּן פונעם בערגל...

— יאָ, טײַערע, ביסט גערעכט,— האָט געענטפערט אנדריי.— אז מע טראַכט זיך אריַין, איז עס בעפּיירעש אַזוי... אָבער אונטער די בערגלעך... צוויי טויזנט מאַמעס, קינדערלעך...

קאַטיעס ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— יאָ, טײַערער, יאָ...

זי האָט זיך אָנגעפרעגט בא אנדרייען:

— אויב איר האָט די גריבער געזען מיט די אייגענע אויגן, פאַרוואָס זשע זאָגסטו, אז מע ווייסט ניט אַף זיכער, וואָס עס איז מיט דער מאַמען פאַרלאָפן?

אין דעם, אז עסטער־ראָכעלען האָט מען דערשאָסן, האָט קיינער ניט געצווייפלט. ניט געוווּסט האָט מען אַן אנדער זאַך — ווו איר געביין ליגט. און אָט פאַרוואָס:

אין ליובאַר האָבן די דײַטשן אומגעבראַכט די מאַנצבלען באַזונדער פון די פרויען און קינדער, מיט א וואָך פריִער און אין אַן אנדער אָרט. ווען מע האָט די מאַנצבלען געטריבן דורך נײַ־ליובאַר, פאַרבײַ דעם הויכן ברעג פונעם סלוטש, האָט זיך ארויסגעשלײַכט פון די סאָווערן א פרוי און, צושטייענדיק אומבאַמערקט פאַר די וועכטער צו דער קאַלאָנע, האָט זי גענומען נישטערן אין די רייען, ארויסבאַהאַלטנדיק זיך הינטער די מאַנצבלשע פּלייצעס. די קאַלאָנע איז פּונקט ארויס צו דעם אָרט באַם ארויסגאַנג פון נײַ־ליובאַר, וואָס רופט זיך יוראָווו־קע און ווו עס שטייט אַן אַלטע ווינטמיל. טאַקע ניט ווײַט פון דאָרט זײַנען געווען פאַרגרייט גריבער. די אָרטיקע פּויערים, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער ווינטמיל, האָבן שפּע־טער דערציילט, אז די פרוי איז געקומען פונעם ניט באַוואַכטן לאַגער אין דער אַלטער שטאָט. זי האָט ארײַנגעקוקט אין דער באַהעלטעניש. ווען מע האָט זי געפרעגט, וואָס זי וויל, האָט זי געענטפערט, אז זי זוכט איר זונעלע. ער איז איינעם מיט אנדערע קינדער אריבערגעקראָכן באַנאַכט אַף יענער זײַט פלויט פונעם לאַגער, קעדיי אויסבעטן אין די דערבײַיקע דערפער עפּעס צום עסן און ברענגען עס גאַנצפרי אין לאַגער, נאָר צוריק האָט ער זיך ניט אומגעקערט. די טאָכטער אירע האָבן אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע צוגענומען די געסטאַפּאָווו־צעס. איצט האָט זי ניט וואָס צו פאַרלירן. ווען ס'איז ארויס א קלאַנג, אז מע גרייט זיך אוועק־פירן די מאַנצבלען אַף דער יוראָווקע, האָט זי באַשטימט אָפּוואַרטן די קאַלאָנע,— טאָמער איז איר זונעלע צווישן די מאַנצבלען...

אויסגעהערט די דאָזיקע געשיכטע, האָט קאַטיע אָנגעשטעלט אַף אנדרייען אירע גרויסע, אויסגעקײַלעכיקטע אויגן:

— און דאָס זאָל באַטײַטן, אז די מאַמע איז, מעגלעך, צעשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט די מאַנצבלען... יאָ, אנדריי?

— טײַערע, יאָ...

— און אז ניט אַפן פּישטשאַן ליגט איר געביין, נאָר בא דער ווינטמיל...

— די רעטעניש איז פאַרבליבן א רעטעניש. בייס דער ליובאַרער אָפּעראַציע האָבן די אומשטענדן ניט דערלויבט, מיר זאָלן צוגיין אַפן הויכן ברעג פונעם סלוטש. דער אָנגריף איז פאַרגעזעצט געוואָרן, און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן ליובאַר און זיך צעשיידן: יודאַלעף איז אוועק צוריק אין זײַן טייל, פאַלעקן האָט אָפּגערופן די רעדאַקציע, און איך בין נאָך דער שלאַכט אַפן פּישטשאַן אריבערגעגאַנגען אין וואַלד, ווו מײַן אָטריאַד האָט זיך געגרייט צו א נײַער דיסלאָקאַציע... פאַלעק — ער איז דער איינציקער, וואָס האָט בייסן אָנגריף אַפן שטעטל זיך אָפּגעשטעלט אַף דער יוראָווקע, אָבער דאָס איז געווען עטוואָס פריִער, פאַרן אײַנ־נעמען ליובאַר, און פאַלעק האָט דאַן פאַשעט ניט געוווּסט, אז דאָרט, פונוואַנען ער קוקט צו דעם שטעטל, דאָרט האָט מען צעשאָסן, קאָן זײַן, די מאַמע...

— דו גלייבסט אין דעם... דאָס זונעלע פון דער אומגליקלעכער פרוי דאָס ביסטו...

— באַנאַכט בין איך אריבערגעקראָכן איבערן פלויט פונעם לאַגער, און ווען כ'האָב אָנגע־

קלאַפּט אין דער ערשטער פֿיערשער שטוב, האָט מיר געעפֿנט א באַוואָפֿנטער מענטש. אין שטוב זײַנען געזעסן פּאַרטיזאַנער... שפּעטער האָב איך געפּרוּווט זיך אומקערן אין לאַגער, קעדיי אַרויסראַטעווען אויך די מאַמע, נאָר דער פּלויט און דער הויף זײַנען שוין געווען גוט באַוואַכט. אַזויאַרום בין איך פֿאַרבליבן אין אַטריאַד, סאַלקע — אין געסטאַפּאָ און די מאַמע... די מאַמע איז אָדער אַוועק אַף דער יוראַווקע, אָדער אַפֿן פּישטשאַן...

— גאָט מײַנער... — האָט געשעפּטשעט קאַטיע. — גאַספּאָדי...

אויך הײַנט, אין דער שטוב באַ איר שווער נעכעמיע טשאַרניצער, האָט קאַטיע, האַלטנדיק צוגעדריקט ביידע הענט צו די שליפֿן, געשעפּטשעט „גאַספּאַדי... גאָט מײַנער..." — סײַ פֿון דער־שטוינטקײַט, ווען נאַטאַשקע האָט זיך טויע געווען אין סאַלקען, מײַנענדיק, אַז דאָס איז אירס א ברודערל, און ווען אַנדריי איז פֿון סאַלקעס אויסזען געפֿאַלן כאַלאַשעס, סײַ איצט־אָ, פֿון גרויס כידעש, וואָס די מענטשן אַרום טיש האָבן זיך אַנגעטאָן אַזא גרויסן קויעך און, מאַכנ־דיק אַן אַנשטעל, אַז זיי האָבן פֿאַרגעסן וועגן דעם, וואָס אַקאָרשט איז געשען, זיך געצוווּנגען צו ריידן וועגן עפּעס אַנדערס.

נעכעמיען האָט געצויגן פֿאַרזוכעצן דעם שמועס, וועלכן ער האָט פֿאַרפּירט מיט ווענגראַ־ווערן אינעם סקווערל אַפֿן ראָג פֿון דער וואָקזאַל־גאַס:

— מאַרק! מיין ניט, אַז איך וויל זיך מיט דיר קריגן. נאָר רעדן אָפֿענע רייד וויל איך! אָט ביסטו... ניין, ניט מיט דעם אייגענעם ווילן... פֿון ביראָבידזשאַן ביסטו אַוועק. און איך לעב שוין דאָ, מיט מײַן אייגענעם ווילן, א קײַמעלאָן פֿון...

— א סאַך יאָרן לעבסטו שוין דאָ, נעכעמיע. נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט נו איז וואָס? א פֿערד־הענדלער בין איך געווען, ווייסטו דאָך, א סאַך מיט א ביסעלע, גאַנצע פֿיר־פֿינף יערעלעך! און מע וואַרפֿט עס מיר אויס אדהאיעם. אין ביראָביד־זשאַן, גאָט צו פֿאַרדאַנקען, טעסע איך ברעטער און בערווענעס אין מעשעך פֿון צוויי מיט א האַלבן צענדליק יאָר. העי? עפּעס א שוטקעלע?

— ניט קיין שפּאַס. ווײַט ניט קיין שפּאַס.

— וואָס זשע זאָל דאָס באַטײַטן, מאַרק גריגאָריעוויטש?

— עס באַטײַט, אַז ביראָבידזשאַן פֿאַרמאָגט א שטאַרקן קויעך אין זיך... ניט געקוקט אַף אַלץ, איז עס א לעבעדיקער איניען!

— און איך בין ניט צופֿרידן...

— רעדסט צופֿיל וועגן זיך, נעכעמיע. טו א טראַכט, וואָס פֿאַר א וועג עס האָבן דורכגע־מאַכט די מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעבויט די שטאָט.

— אָבער די איבעריקע דרײַ מיליאָן רוסישע ייִדן האָבן דאָך דאָס זעלבע דורכגעמאַכט ניט אין ביראָבידזשאַן!

— ווײַל אין רוסלאַנד איז אומעטום סאַוועטסקע וולאַסט...

— אויב אַזוי, צוליב וואָס דאַרף מען נאָך האָבן ביראָבידזשאַן אויך?

ווענגראַווער האָט אָפּגעמאָסטן נעכעמיען מיט א קאַלטן בליק:

— ווילסט ניט, עס זאָל זײַן ביראָבידזשאַן, דאַרף מען ניט... ניין, שווײַג א רעגע. שטעל זיך פֿאָר, אַז דו ביסט דער קלאַל ייִדן אינעם לאַנד און איך בין דאָס לאַנד. אַזוי שטעל זיך פֿאָר. איך זאָג דיר: ווילסט האָבן ביראָבידזשאַן? ביראָבידזשאַן איז דיר נייטיק? נאַ! נאַ דיר מיט דער פֿולער האַנט. ביראָבידזשאַן איז פֿאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע... באַקום אַרויס פֿון דעם נוצן, פּונקט ווי עס טוען אַנדערע פֿעלקער. טאָמער אָבער דו דאַרפֿסט ניט, עס גע־פֿעלט דיר צו לעבן אַף אַלע ברייטקײַטן, איז לעב, ווער לאָזט דיך ניט? און נאָך מער: דו ווילסט סײַ ביראָבידזשאַן, סײַ די ברייטקײַטן? מאַכטייסע. טו אַזוי, ווי דו פֿאַרשטייסט. פֿון דער קאָנסטיטוציע וועט דײַן ביראָבידזשאַן ניט אויסגעמעקט ווערן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע א פּעקל סיגאַרעטן און, אָפּרוקנדיק ראַשיק די טעלער פֿון זיך, צוגעגעבן:

— אַבי דו זאָלסט ניט וואָרטשען און ניט מוטשען ווענגראַווערן...

יודאַלעף האָט זיך צעשמייכלט:

— מײַנע צוויי טאַטעס לאָדיען ניט באַם פּלאַנירן דעם ייִדישן גורל...

— דײַנע צוויי טאַטעס, — האָט אונטערגעכאַפּט נעכעמיע, — זײַנען גאַנץ פֿאַרשיידענע מענטשן... איינער האָט זיך גענומען צו באַטראַכטן דעם ייִדישן גורל, זיצנדיק אין א פֿרעמדער אוקראַאינישער שטאָט...

— פֿאַרוואָס איז די שטאָט א פֿרעמדע? איך לעב דאָרט אין אַלגעמיין אַזויפֿיל יאָרן, וויפֿל דו לעבסט אין ביראָבידזשאַן...

— קענסטו דאָך אויך אין ביראָבידזשאַן לעבן...

— אזוי זאָג טאַקע, איך דערמאָן זיך, וויאַזוי דו האָסט אײַנגעלייגט וועלטן, אז יודאלעף זאָל ניט פאָרן קיין קאָמסאָמאָלסק. נעכעמיע, הער אוף דולן א קאָפּ...

ארום טיש האָבן אלע זיך צוגעהערט צום שמועס. קאַטיע און טאָניע זײַנען געזעסן לעם אנדרייען, פון בײדע זײַטן, און ער האָט איבערגעזעצט פאר זיי די רייד אף רוסיש. בראָניע האָט פון מאָל צו מאָל זיך אָנגעפרעגט, וואָס עס באַטײַט א וואָרט. נעענטער צו די צווײ טאַטעס איז געזעסן יודאלעף. צוערשט האָט ער, דאכט זיך, געטראכט ניט אזוי וועגן צעצם סיכסעך, ווי וועגן דעם, אז סאָפּקאָלסאָף זײַנען זיי בײדע אלציינס אופּריכטיק אין זייער לעבן. אזעלכע פארשיידענע, האָבן זיי דורכגעמאכט דעם לאנגן וועג ניט לעטויוועס זיך, ניט צוליבן אייגענעם אינטערעס. יעדערער באזונדער איז געווען און איז פארבליבן אף זײַן אָרט. דער טאַטע מארק לעבט אף א ברייטערן שטעטך און איז פארנומען אין גרעסערע ספערעס, איידער דער טאַטע נעכעמיע. און אָן איינעם פון זיי וואָלט געווען פאלש דאָס גאנצע בילד פונעם עלטערן דאָר...

ווען יודאלעף האָט אָבער גענומען זיך צוהערן צום סיכסעך, זײַנען די געדאנקען בא אים אוועק ווײַטער פון צו פארגלײַכן די צווײ טאַטעס. דאָס וויכטיקסטע איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער, יודאלעף, דער עלטערער מײַסטער אפן מעטאלורגישן זאוואָד אין קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור, און אוואדע אויך זײַנע צווײ ברידער — דער זשורנאליסט פאלעק און דער ייִנגסטער אנדריי, וועלכער וועט איניגיכן שוין זײַן א אינזשעניער, — זיי, די יונגע אין דער מישפּאָכע פון די טשאַרני־יצערס, וואָלטן גאָר, ווײַזט זיך ארויס, קיינמאָל ניט געשטעלט זיך צו פירן א וויקועך ארום אָט די פראגן. פאר זיי איז די זאך קלאָר. פאר זיי איז די דערפאר, און ניט דערפאר, ווײַל די מויכעס זייערע זײַנען בעסער געשליפן, נאָר ווײַל ס׳האָט געפעלט אין זייער לעבן יענע פאָרגעשיכטע, פונוואנען עס נעמען זיך די פראגן בא די עלטערע.

אין דער קינדהײַט האָט יודאלעף נאָך אײַנגעכאפּט א ביסל ייִדיש וויסן, און אלעמאָל, זיצנדיק בא אזא טיש, האָט ער בא זיך אין זיקאָרן ארויסגערופן דאָס, וואָס ער האָט אמאָל געלייענט און געהערט וועגן דעם גאנג פונעם ייִדישן פאָלק איבער די צײַטן. ווײַזט אויס, האָט ער געטראכט, אז עס קומט איצט פאָר, ווי בעשאַס די פריִערדיקע היסטאָרישע ווענדונגען, דער לאנגזאמער בײַט פונעם לאָשן, פון די באשעפטיקונגען, פונעם אויפן פון צוזאמענלעבן בא דעם ייִדישן פאָלק. די טאַטעס כקירען, ווײַל זיי זײַנען אליין אריינגעפאלן אינעם אומבײַט...

נאָך די לעצטע ווערטער, וואָס ווענגראָווער האָט מיט האַרץ א וואָרף געטאָן נעכעמיען, איז געוואָרן שטיל אין צימער. ווענגראָווער האָט אָבער גלײַך זיך פארהוסט, און אזוי שטארק, אז בראָניע האָט אים געבראכט א גלאָז וואסער. בעשאַס אָט דעם איבערײַס אינעם שמועס צווישן די צווײ טאַטעס, האָט יודאלעף א פרעג געטאָן נעכעמיען:

— מיט וואָס ביסטו עס ניט צופרידן, באַטיאַ? מיט ביראָבידזשאָן ביסטו ניט צופרידן?

קײַענדיק א פאסמע פון דער באָרד, וועלכע ער האָט מיט א פינגער אונטערגעשטופּט צו די ליפּן, האָט נעכעמיע געענטפערט:

— ניט צופרידן, זוניו, ניט צופרידן...

— זאָג אונדז אויך, מיר זאָלן וויסן.

נעכעמיע איז אופגעשטאנען פונעם אָרט. ער האָט אָפּגענומען בא ווענגראָווערן דאָס פעקל סיגארעטן, וואָס יענער האָט, הוסטנדיק, אָנגעהויבן צו עפענען, און עס אָפּגעטראָגן צום בופעט. דורכגעשפּאנט זיך א פּאָר מאָל איבערן ענג־געוואָרענעם צימער און ארויסקוקנדיק דורכן פענצטער צו די קינדער, איז ער צוגעגאנגען פון הינטנארום צו אנדרייען און אוועקגע־לייגט בײדע הענט אף קאַטיעס און בראָניעס ווארעמע, אנטבלויזטע העלדזער.

— איך באהאלט גאָרנישט ניט אויס, קינדער מײַנע, — האָט ער געזאָגט אף רוסיש. — פּאָשעט, מיר זעען זיך זעלטן, דעריבער ווייסט איר ניט, וואָס עס עגבערט דעם טאַטן...

— טאַטע, — האָט זיך אָפּגערופן אנדריי, — מיר זײַנען אלע דערוואקסענע מענטשן. דאָרט, ווו מע קאָן שוין ניט מאכן גרינגער, קאָן מען ניט. אָבער זאָג, וואָס עגבערט דיך?

אנדריי האָט א רוק געטאָן קאַטיען און זיך אריבערגעזעצט אף א העלפט פון איר בענקל. טאָניע האָט זיך אויך אָפּגערוקט. דערזען עס, האָט נעכעמיע פארנומען דאָס באפרײַטע אָרט.

— איך וויל ניט פארשטערן דעם יאָמטעוו, — האָט ער זיך פארענטפערט. — עס רעדט פון מיר ארויס...

ער האָט ווידער זיך אײַנגעקוקט אין פענצטער. אין הויף איז געשטאנען א פריידיקער טומל. מע האָט געהערט, ווי סאלקע ווארפט גוירל מיטן קליינוואַרג, ווער עס זאָל אָנהייבן די שפּיל:

— איינס, צווײ, דרײַ, לאָזער, לײַ, אָקן, באָקן, ביינער־שטאָקן, אָנק, באָנק, שטאָנק...

די קינדער האָבן געלאַכט פון די אַרויסגעבראַכטע קלאַנגען, וועלכע זיי האָבן ניט פאַר־שטאַנען. אין זייער קלינגענדיק געלעכטער האָט זיך נידעריק געשפּריצט סאַלקעס גלײַכגילטיק אונטערברומען:

— איינס, צוויי, דרײַ, לאַזער, לײַ, אַקן...

נעכעמיע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט פאַרן קאָפּ:

— אָט, איר הערט? אַזוי ווי די אייניקלעך מײַנע לאַכן, וועט עס רעדט מײַן טאָכטער, אַזוי, ווען איך טײַנע צו אײַך, זע איך אויס ניט באַ די געדאַנקען... נו, איז וואָס? זאָל זײַן, אַז איך לעב בלויז מיט מײַן זיקאָרן... ווי מײַן טאָכטער לעבט מיט איר זיקאָרן... איר מעגט אײַך טראַכטן, וואָס איר ווילט, נאָר עס בענקט זיך מיר נאָך יענער צײַט אין בירָאָבידזשאַן, ווען ס'האָט געטומלט מיט עשעלאָנען... ס'איז געווען אַן אָזעט און אַ קאָמזעט... און ווענגראָווער, מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער, איז אַרומגעגאַנגען ווי דער שטאָט־באַלעבאָס... וואָס — שלעכט? איר זײַנט ניט מאַסקים? צי איר פאַרשטייט ניט, וואָס איך זאָג? לאַזער, לײַ, אַקן, באַקן?

און ער האָט פאַרגעזעצט, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם:

— דערפאַר מוטשע איך דיך, מאַרק. דו האָסט דאָך טאָמיד מיר געגעבן אַן ענטפער אויף מײַנע פראַגן.

ווענגראָווערס קאָל איז פונעם טרוקענעם הוסט געוואָרן הייזעריקער און דומפּער.

— נעכעמיע, — האָט ער מיט מיטגעפיל אַ קוק געטאָן אויף זײַן אַלטן כאַווער. — נעכעמיע, איך פאַרשטיי דיך זייער גוט... און גלייב מיר, אַז איך האָב ניט קיין מינדסטן אינטערעס צו פאַרשווײַגן עפּעס. נאָר, נעכעמיע, וועגן איין זאַך דאַרפן מיר זיך יאָ פאַרשטענדיקן, אַנדערש איז ניטאָ וואָס זיך אַרײַנלאָזן אין פּילפּולים און אין פשאַטלעך...

— זאָג, אַדעראַבע...

— מע מוז אָפּמאַכן, אַז מירן זיך אַראָפּלאָזן פון הימל אויף דער ערד...

— וואָס זשע וועלן מיר דאָרט געפינען, אויף דער ערד?..

— מירן געפינען, אַז אויב ריידן וועגן איבערוואַנדערער, וועגן עשעלאָנען, איז נאָכן קריג, אין די ערשטע יאָרן, געווען די צײַט, ווען ס'האָט זיך געקאָנט, ווי דו זאָגסט, מיט זיי טומלען. יידן האָבן זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע. וויבאַלד מע איז שוין געווען אין וועג, האָט מען געקאָנט זיך אַוועקלאָזן אינעם נײַעם קאַנט...

— פאַרוואָס־זשע איז עס ניט געשען?

— אַך, נעכעמיע... פאַרוואָס האָט עסטער־ראָכעלע אין איין־און־פאַרציקסטן מיטאַמאָל זיך אופגעהויבן פון אָרט און איז אוועקגעפאָרן אין שטעטל? מיר פאַרגעסן צומאָל אין דער פסיכיק פונעם מענטשן...

— נאָך דער מילכאָמע האָט געצויגן די עוואַקוירטע צוריק צו די אַלטע ערטער?

— נעענטער צו די וואָרצלען, וואָס די מילכאָמע האָט אויסגעריסן... נעענטער צו די קוואָ־רים... ס'איז אָבער געווען איבער די קויכעס צו בלײַבן דאָרט אויף שטענדיק. די שטעטלעך האָט מען נאָך פאַרן קריג פאַרלאָזט... איצט האָט מען זיך באַזעצט אין די מאָסקוועס, אין די קיִעווס. דאַנקען גאָט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען מעגלעכקײַטן פאַר יידן פאַראַן אומעטום. באַקום אַ וווינונג, נעם זיך פאַר אַן אַרבעט — און לעב...

— ווילסט מיט דעם זאָגן, אַז פאַר אַן איבערוואַנדערונג קיין בירָאָבידזשאַן איז דורכגע־לאָזט דער מאָמענט...

— איך וויל זאָגן, אַז עס זײַנען געווען צוויי צײַטן, ווען אַ סאַך יידן האָבן געקאָנט זיך אַ לאָז טאָן קיין בירָאָבידזשאַן: ווען מע איז אַרויס פונעם שטעטל — דעמאָלט האָט טאַקע זיך באַוויזן אויף דער וועלט דער ראַיאָן באַם אַמור — און ווען מע האָט זיך אומגעקערט פון עוואַ־קואַציע. אין אַנדערע צײַטן ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער ייִד איז אײַנגעפונדעוועט, לעמאָשל, אויף אַ לעני‍נגראַדער אָדער מינסקער זאַוואָד, אָדער אין אַ קאָלכאָז הינטער כערסאָן, און כידעשן זיך איז ניטאָ וואָס...

— און ס'איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן דעם?

— איך ווייס ניט...

יודאַלעף האָט איבערגעפרעגט, ווענדנדיק זיך צו ווענגראָווערן:

— טאַטע, דו ווייסט טאַקע ניט?

— איך ווייס ניט.

ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט באַלד וועט אַ מיספאַרשטייעניש אומקערן יודאַלעפן און זײַנע צוויי טאַטעס צו יענער אָפּגעפרעמדטקײַט, וואָס די סיבע פון איר האָט געקאָנט פאַרשטיין בלויז אַ נאָענטער מענטש. נעכעמיע און זײַן בכאָר זײַנען אַמאָל ווי געשטאַנען אין וואַרט־

ניש איינער קעגן אנדערן, יעדערער האָט געוואָרט, וואָס דער צווייטער וועט טאָן. נו, און מארק גריגאָריעוויטש וועגנראַווער, ער און זײַן זון האָבן ביכלאַל קיין אָפענע רייד לאַנגע יאָרן צווישן זיך ניט געפֿירט. אלע דרײַ זײַנען זיי אָבער איצט געווען שוין אַנדערע מענטשן...

באַזונדערס האָט זיך געביטן יודאַלעף. די גרויסקערפּערדיקייט, די ווינקלדיקייט זײַנע אין געווען שוין ניט שטאַרק צו באַמערקן, דער קאָפּ האָט אין גאַנג פֿון די יאָרן פּונקט ווי בעסער זיך צוגעפּאַסט צום גאַנצן קערפּער. איצט איז דאָס געווען אַ רויק־אויסגעשטעלטער, שוין צוגעכאַפּטער מיט גראָווקייט קאָפּ. אין יודאַלעפֿס אָנבליק האָט זיך געפֿילט די געמאָסטנקייט פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך שוין אויסגעפֿאָרמירט, און טאַקע אַזוי, ווי ס'האָט אונטערגעזאָגט זײַן נאַטור. באַם ערשטן קוק אויף אים איז ניט שווער געווען צו אָנשטויסן זיך, אַז זײַן פֿאַך איז מײַסטערווען, און אַז ער איז אַ רויקער, אײַנגעשטעלטער מענטש, ניט נאָר ווײַל זײַן טעווע איז אַזאַ, נאָר אויך, און באַזונדערס, ווײַל אַזאַ איז דער אופֿן, וויאַזוי ער לעבט.

ער האָט איצט בעעמעס געהאַט וואָס צו אייצענען די צוויי טאַטעס זײַנע, וועלכע האָבן באַ אָט דער אויסגעטרוימטער און אויסגעמוטשעטער באַגעגעניש, נאָך אַזויפֿיל ליידן, זיך אומגעריכט צעוואָרטלט. די געמאָסטנקייט און געזעצטקייט האָבן אים אָבער געשטערט זיך אוועקשטעלן ייִנגלש קעגן די אַלטע לײַט און זיי אַרײַנזאָגן, ווי אַ זון קאָן.

ער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט, דערזעענדיק אין פֿענצטער, ווי צו די קינדער זײַנען אין הויף צוגעקומען דרײַ מאַנצבלען — פֿאַלעק, וואַניע לאָסיעוו און איינער אַן אומבאַקאַנטער. לאָסיעוו האָט צעגעבן דעם קליינוואַרג צוקערקעס, און ווײַל סאַלקען האָט שוין געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס פֿאַלעק און זי איז געווען אײַנגעגנורעט מיטן פּאָנעם אין זײַן ברוסט, האָט לאָסיעוו איבערגעגעבן איר כיילעק פֿאַלעקן, און יענער האָט יעדע צוקערקע באַזונדער אַרײַנגעלייגט סאַלקען אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

אין שטוב זײַנען אַלע אופּגעשפּרונגען פֿון די ערטער און זיך אוועקגעלאָזט באַגעגענען די דרײַ אָנגעקומענע מאַנצבלען.

## 4

דער הויף באַ דער בירע האָט שוין לאַנג ניט געזען לעם נעכעמיע טשאַרניצערס שטוב אַזויפֿיל מענטשן. אין וואָרעמע אָפּדערנאַכטן פֿירט נעכעמיע געוויינלעך אַרויס אין הויף סאַלקען, זי זאָל זיך שפּילן באַ די קלעצער, און אַליין זעצט ער זיך שאָפּלדיק שטיל אוועק אויף די טרעפּלעך פּונעם גאַנעקל און טוט זיך שאָענוויײַז קיין ריר ניט. די שכיינים אינעם הויף מײַדן אויס צו אים זיך צו דערנענטערן. אויב עמעצער גייט יאָ צו צום גאַנעק און פֿרעגט זיך אָן וועגן זײַן געזונט, ווערט ער אין קאַעס און טוט אַ בורטשע: „געזונט־געשמונט... לאָזט צורו...״ דאַן מאַכן שוין אַלע אין הויף אָן אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן אים מער ניט, און ער מיט סאַלקען בלײַבן אויף זייערע ערטער, פֿאַרוועבטע מיט שטילקייט, ביזוואַנען די פֿינצטערניש שלינגט אײַן אין זיך דאָס בערגל מיט דער שטוב.

איצט האָט דאָס בערגל מיטאַמאָל אופּגעלעבט.

ס'האָט אויסגעזען, ווי גלײַך דער אוילעם אַרום נעכעמיע טשאַרניצערס שטוב וואָלט אין מעשעך פֿון יאָרן געשפּילט אין באַהעלטעניש, און הײַנט האָט ער זיך אַ באַווײַז געטאָן פֿון אַלע זײַטן מיט אַ לעבעדיקן געפֿילדער.

די קינדער און סאַלקע האָבן זיך פֿאַרווײַלט אין יונגן גראָז אַרום די קלעצער, און זייערע קוילעס, כאָטש זיי זײַנען אויף קיין רעגע ניט שטילער געוואָרן, האָבן ניט געשטערט די עלטערע מענטשן צו טאָן די ערנסטע זאַך, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אויף אָט דעם טאָג.

באַזונדערס האָט אין הויף זיך געגומען טומלען, ווען פֿון דער גאַס האָבן זיך באַוויזן די דרײַ מאַנצבלען, און עס זײַנען אַרויס זיי באַגעגענען נעכעמיע מיט די זין און מיט די שניר און אויך דער פֿרעמדער, דער קרענקלעך־סוטולעוואַטער, הויכער מאַן, אין וועלכן דער הויף האָט שוין באַוויזן צו דערקענען דעם אַמאָליקן פֿאַראַנטוואָרטלעכן טוער פֿון געגנט־אויספּירקאָם, וועגנראַווערן, וואָס איז אוועקגעפֿירט געוואָרן פֿון בירעבידזשאַן אין אַכט־און־דרײַסיקסטן יאָר און מער שוין אהער זיך ניט אומגעקערט. פֿון די דרײַ אָנגעקומענע האָט דער הויף געוווּסט אין פּאָנעם פֿאַלעקן — ער איז דאָ אויסגעוואַקסן, און נאָך דער מילכאָמע, זײַענדיק שוין אַ שרײַבער אין די בלעטער, פֿלעגט ער קימאַט יעדן כוידעש אַרײַנפֿאָרן צום טאַטן — און דעם רוס איוואַן לאָסיעוו, וואָס ער זעט אויס ווי יודאַלעפֿס אַ צווילינג־ברודער. אויך ער, איוואַן,

קומט אָפּט אַראָפּ צו נעכעמיע טשאַרניצערן, און ער פירט זיך דערבײַ אוף אזוי וואָכעדיק און זאכלעך, פונקט ווי ער וואָלט טאקע אף אַן עמעסן געווען נעכעמיעס א לײַבלעכער זון.

דער דריטער פון די אָנגעקומענע איז א קליינוווּקסיקער, דארער מאנצבל, מיט א ווײַסן, ווי די פעדערן בא א גאנדז, קאָפּ האָר און מיט א שמאָל, געקארבט פּאָנעם. די אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס זײַנען בא אים שוין אויך גראָוו, עמעס — ווו־ניט־ווו שלאָגט זיך אין זיי דורך אַן אשיק־טונקעלע אָפּשײַן. דער לינקער ארבל פון זײַן כאקי־גימנאסטיאָרקע איז ליידיק און פאַרוקט היינטערן רימען, און מיט די פינגער פון דער רעכטער, דער איינציקער האנט האָט ער, צוגייענדיק צו ווענגראָווערן, זיך א לײַכטן ווויליונגערישן קלאַפּ געטאָן אין שלייף, ווי עס טוען מיליטערלײַט באַם ראַפּאָרטירן, און א הילך געטאָן מיט א שטים, וועלכע פּאַסט פאַר א ריז:

— זדראַווי׳א זשעלאיו, מארקושא ווענגראָווער!

ווענגראָווער איז געבליבן שטיין, ווי מע וואָלט מיט אים געשפּאַסט. ער האָט א שוואַכן שמייכל געטאָן: „נו, יאָ, איך פאַרשטיי...״ צוביסלעך אָבער האָט ער גענומען זיך אײַנקוקן אין דעם באַיאָרטן פאַרשוין, און וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ מער האָט ער איבערגעאָנדערשט מיטן קויעך פונעם זיקאָרן דאָס פּאָנעם, וואָס האָט זיך אָנגעשטעלט אין אים. עס האָט זיך באַקומען אַן אנדער פּאָנעם — פון א מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט.

— זדראַווי׳א זשעלאיו, מארקושא ווענגראָווער! — האָט זיך געטראָגן איבערן הויף דאָס הויכע קאָל.

ווענגראָווער האָט דעם דאַרינקן פאַרשוין דערזען אין זיקאָרן אָן וואָנצעס און מיט א גלאַט, מאָגער פּאָנעם. אויך די האָר אף זײַן קאָפּ זײַנען פון רעגע צו רעגע געוואָרן טונקעלער און אנדערש צוגעקעמט. איצט איז שוין געווען לײַכט אים איבערצוטאָן אין א לאנגער שינעל מיט רויטע פּאַסן אף דער ברוסט איבער ביידע פּאָלעס, אין ברייטנעזיקע, צעריסענע שיך און אין אָבמאָטקעס, אין א שפּיצעכיקער בודיאָנאָווקע. און ווען ווענגראָווער האָט דערצו נאָך אוועקגעזעצט דעם דאַרינקן פאַרשוין אף א פערד און געגעבן אים אין דער האנט ארײַן א שמאָלע שווערד פון קאלטן שטאָל, — דאַן האָט ער זיך אויך דערמאָנט, אז דער קאַפּיטאַן פאַלעק טשאַרניצער האָט אים אמאָל דערציילט. אז ער האָט הינטער ק׳ִיוו, אין פושטשא וואָדיצא, געטראָפן בא יויסעף בומאגינען אין ווזוואָד א באַיאָרטן יעפרייטאָר, וועלכער האָט געדענקט אים, ווענגראָווערן, נאָך פון די בודיאָנאָווישע צײַטן.

— מיטראָכא! — האָט ווענגראָווער אויסגעשריגן. — מיטראָכא די פליג...

מיטראָפאַן גנאטיוק איז אין דער רײַטער־ארמיי געקומען שוין מיט צוויי געאָרגיעס אף דער ברוסט. ער איז געווען טײַוולאָניש דרייסט, און דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך רירעוודיקן קערפּער, און דורכשמוגלענדיק זיך אין א דאָרף צו די ווײַסע, פלעגט ער אזוי שנעל און קונציק זיך ארײַנטאָן אין דעם דאָרטיקן פויערשן שטייגער, אז עס איז אפילע ניט אײַנגעפאלן דער קאָנטער־אויסשפּירונג צו כוישעד זײַן אין עפּעס אָט דעם היימישן כלאָפּעץ. אין עסקאדראָן פלעגט מען אים רופן די פליג פאר זײַן קענען זיך פאַרקלײַבן אהין, וווּהין קיין אנדערער האָט דורכגיין ניט געקאָנט. ווען עס פלעגט זיך מאכן א רויִקע נאכט, האָט מיטראָכא די פליג ליב געהאט צו שלאָפן אין דער אויסגעבעטעטער מיט פרישן היי טאַטשאנקע, שלאָפן מיטן פּאָנעם צו דער פולער לעוואָנע, ארומגענומען מיטן פולעמיאָטשיק מארקושע ווענגראָווער.

דאָס באַווײַזן זיך פון מיטראָפאַן גנאטיוקן אינעם הויף בא דער בירע, אין אַזויפיל יאָרן ארום נאָך די בודיאָנאָווישע מארשן, האָט אויסגעזען ווענגראָווערן ווי עפּעס א וווּנדער שעבעוווּנדער.

— מיטראָכא, ווי קומסטו אהער?

— זנאטשיטסא, איך האָב זיך געכאַפּט אף דער עלטער, אז ס׳וועט ניט שטערן א ביסל זיך אונטערלערנען ייִדיש...

— און צוליב דעם, הייסט עס, ביסטו פאַרפאָרן קיין ביראָבידזשאַן...

— צוליב דעם.

— נאָר אין ביראָבידזשאַן זײַנען דערווײַל פאַראַן ווייניק ייִדן. אָט זעסטו פאַר זיך דאָס גאנצע בילד: פינף ייִדן זײַנען מיר דאָ, ווווינט איינער אף דער אוקראַינע, דער צווייטער אין מאָסקווע, דער דריטער אין קאַמסאָמאָלסק, דער פערטער אין כאַבאַראָווסק, און בלויז איינער פון די פינף לעבט אין ביראָבידזשאַן... וואָס וועסטו אף דעם זאָגן, מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש?.. איך האָב ריכטיק פאַרגעדענקט? אוסטינאָוויטש ביסטו לויטן טאַטן?

— יאָ, מארקושע, דו האָסט א גוטן זיקאָרן.

— וואָס ווען זאָגן אױף אונדזער ייִדיש פּאָלק? האָ, מיטראָכאַ?

— זאָל עס, זנאַטשיטסאַ, לעבן ווו עס וויל...

אופכאַפּנדיק אױף זיך װענגראָװערס שטרענגן בליק, האָט נעכעמיע זיך געגומען אָנפרעגן בא גנאַטיוקן:

— איר זײַנט א רוס, כאַוועך?

— אָן אוקראַיִנער בין איך.

נעכעמיע האָט, ענטפערנדיק זיך אַליין אױף א ניט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, אַרויסגעשטאַמלט:

— רוסן... אוקראַיִנער... ייִדן...

יודאַלעף, וואָס איז געשטאַנען אינעם רעדל צווישן לאַסיעוון און גנאַטיוקן, האָט אַריבער־געוואָרפן זײַנע הענט זיי ביידן איבער די נאַקנס און איבערגעכאַזערט נעכעמיעס ווערטער, נאָר שוין זיכער און הויך אױף א קאָל:

— רוסן, אוקראַיִנער, ייִדן!

— אוך, קלאַפּ ניט אַזוי, מעדוועד! — האָט זיך א קרים געטאָן מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש. ער האָט גוטברודעריש גענומען דוצן נעכעמיען:

— איַי־איַי־איַי, ווייניק דיר די ייִדן, האָסטו, זע איך, אַרײַנגעכאַפּט אין דײַן מישפּאָכע א פּאָר פּראַוואָסלאַוונע באַרישניעס...

— מײַנע צוויי זין האָבן גענומען רוסישע ווײַבלעך...

דאָס רעדל האָט זיך ווי אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דעם גאַנעקל, ווו סוידעסדיק נאָענט איינע צו דער אַנדערער זײַנען געזעסן טאָניע און בראָניע, און מיט זיי קאַטיע, און, שמועסנ־דיק וועגן עפּעס, האָבן זיי ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון די מאַנצבלען, וועלכע האָבן איצט גערעדט וועגן זיי.

— בירגער איוואַן לאַסיעוו, — האָט זיך אָנגערופן יודאַלעף, — און איַיער ווײַב בראָניע איז פון וועלכער נאַציע?

— פון דער ייִדישער, — האָט געענטפערט לאַסיעוו. — פון וועלכער דען?

אַנדריי האָט צעפּירט אין א שפּאַס מיט די הענט:

— הײַנט גיי ווייס, וואָספאַר פּאָלק האָט דאָס אַנדערע אַרײַנגעבראַכט אין הענזעק... רוסישע ווײַבער בא ייִדן... ייִדישע ווײַבער בא רוסן... און אָט רעד איך איצט אױף רוסיש, און דער כאַוועך גנאַטיוק רעדט אױף ייִדיש... טשאָרט זנאַיעט, וואָס עס קומט פאָר...

פונעם גאַנעקל האָט זיך דערהערט קאַטיעס שטים:

— טײַערער, ווען דו זאָלסט געבוירן ווערן אין אַמאָליקן שטעטל, וואָלט דײַן נאָמען געווען ניט אַנדריי...

— נאָר אוורהאַם... — האָט אונטערגעכאַפּט פאַלעק. — און שווער צו זאָגן, וואָס עס איז געוווּנטשענער... די צײַט האָט געפּאַסקנט...

גנאַטיוק האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— גע־פּאַס־קנט... אָט דאָס וואָרט געדענק איך ניט...

— נו, גערעשעט, — האָט פאַרטײַטשט פאַלעק. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און צוגע־געבן: — די צײַט האָט באַשלאָסן... אײַנגעפונען...

— געקומען צו דער דייע, — האָט צוגעגעבן װענגראָװער.

נעכעמיע האָט געייצעט:

— מע קאָן זאָגן גוימער געווען...

עס האָבן זיך אין איין אָטעם צעלאַכט פאַלעק און גנאַטיוק.

— דו געדענקסט, מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש?...

— אױף דער פּאָליאַנע, קאַפּיטאַן, לעם פּושטשאַ וואָדיצאַ...

פאַלעק האָט דערציילט, וויאַזוי אױף יענער פּאָליאַנע האָבן זיי, צוזאַמען מיט יויסעף בומאַגינען, געזוכט ייִדישע ווערטער אױף צו באַצייכענען די טאַטשאַנקע, וועלכע בומאַגינס ווזוואָד האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם זומפּ.

— די זעלבע טאַטשאַנקע, וואָס איבער איר האָט מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש געדאַרפט איצט פאַרן צען טויזנט וויאָרסט און זאָגן איידעס, אַז דאָס איז ניט געווען קיין באַלעגאָלישע בויד, נאָר א מאַטאָנע, וועלכע די בירָאָבידזשאַנצעס האָבן געשיקט דעם פראָנט, און אַז איך האָב ניט געמאַכט פון דער בירָאָבידזשאַנער טאַטשאַנקע קיין נאַציאָנאַל וואָפן פאַר די ייִדן...

װענגראָװער האָט מיט א פאַרוואָרף זיך אָנגערופן צו גנאַטיוקן:

— קומט אויס, מיטראָפאַן, אַז ניט אױף צו אונטערלערנען זיך א ביסל ייִדיש ביסטו אַהער אַראָפּגעקומען, האַ?

— האַ? — האָט איבערגעפרעגט גנאַטיוק, געבנדיק מיט דעם צו פאַרשטיין, אַז מער האָט

ער ניט וואָס צו זאָגן. ער איז אָפּגעגאַנגען צו די פּרויען, וועלכע האָבן פאַרנומען צוויי טרעפּ־לעך פונעם גאַנעקל, און זיך צוגעזעצט אָפּן דריטן, דעם אונטערשטן.

זעענדיק, אַז פּאַלעק גייט אויך אוועק צום גאַנעקל, האָט װענגראַוּוער אים נאָכגעשריגן:

— קאַפּיטאַן טשאַרניצער!

— איך הער אײַך, כאַוּוער קאָמיסאַר...

— צי באַטײַט עס, קאַפּיטאַן, אַז דעם קאָמיסאַרס הילף איז דיר שוין ניט נייטיק?

— איך גלייב, אַז דאָס וועט אײַך דערפרייען... און ס'איז באַזונדערס אָנגענעם, וואָס גראָד דער אַלטער סאָלדאַט גנאַטיוק האָט אויף דער הײַנטיקער זיצונג פון דער פּאַרטיי־קאָמיסיע אוועקגעשטעלט די לעצטע טאָטשקע...

— ווי־אַזוי האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דײַנע צאָרעס?

— געפאָרן צוגאַסט צו בומאַגינס אַלמאָנע און אָפּן וועג, אין כאַבאַראָווסק, פאַרקערעווועט צו מיר... ווען איך האָב אים דערציילט, וואָס מײַן שווער האָט אָנגעשריבן וועגן דער ביראָ־בידזשאַנער טאַטשאַנקע, איז ער גלײַך אוועק אין פּאַרטיי־קאָמיטעט... מאַרק גריגאָריעוויטש, איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, ווי דאַנקבאַר איך בין אײַך, וואָס איר זײַנט איצט געקומען צו פאָרן... פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, מאַרק גריגאָריעוויטש, בין איך אײַך דאַנקבאַר...

— ע, קלייניקײַטן... — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט װענגראַוּוער.

ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט און גענומען קוקן אויף סאַלקען, ווי זי שפּילט זיך מיט די קינדער, ניט באַמערקנדיק, אַז אין הויף זײַנען פאַראַן נאָך מענטשן. פון איר מויל האָבן זיך אַרויסגעריסן זינלאָזע, טויבע אויסגעשרייען — „קיזעלע! מיזעלע! קאַטאַ נאַשו! „ראַדע! מאַראַנע! געשלאָסענע פּאַנע!״ זי האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם פאָדעם, וואָס פאַרבינדט זי מיטן קליינוואַרג, און עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען װענגראַוּוערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע שפּיל און דאָס, וואָס זי רעדט און זינגט און טאַנצט, — דאָס אַלץ איז בלויז אַן אָנשטעל...

ער האָט אונטערגעשטופּט נענטער צו די קלעצער די מאַנצבלען, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אינעם רעדל, און פון דאָרט, פאַרזעצנדיק דעם שמועס, ווײַטער נאָכגעשפּירט מיט אַ שווער געמיט, ווי־אַזוי עס פירט זיך אויף סאַלקע. אינמיטן די רייד האָט ער באַמערקט, אַז דאָס זעלבע טוט נעכעמיע. אַפילו פּאַלעק, וואָס האָט באַם גאַנעק געמיטלעך געשמועסט מיט זײַנע דרײַ שווע־גערנס, — אַפילו ער האָט איצט, ווי פאַרשטעלטערהייט, פונדערווײַטנס, נאָכגעקוקט נאָך סאַלקען.

פאַלעק האָט זיך נאָכאַמאָל באַקאַנט מיט קאַטיען:
— לאָמיך אָפּ דיר אַ גוטן קוק טאָן, יעקאַטערינע. פּאַרוואָס אַנדריושע האָט געגומען דיך, פאַרשטיי איך. נאָר זאָג, איך בעט דיך: וואָס אַזוינס האָסטו געפונען אין אַנדריושען? אַ געלער מאַמזער, און שוין...
ערשט איצט האָט קאַטיע באַמערקט, אַז איר מאַנס ברודער פאַלעק האָט איין אויג, דאָס צווייטע, אַן אַפּנס, זעט ניט. אַנדריי האָט איר אַנומלטן דערציילט, ווי אַזוי פאַלעק האָט, אַרײַנגרײַסנדיק זיך מיט אַ שטורעם־אָטריאַד קיין בירקענאַו, געפונען אין איינעם אַ באַראַק סאַלקען, וועלכע איז שוין געווען ניט בײַ די גדאַנקען און האָט גאַרנישט ניט געדענקט וועגן איר לעבן אין לאַגער, אָבער בײַ אַן אַנדער פרוי, סאַלקעס אַ שכיינע, האָט פאַלעק זיך דער־וווּסט, אַז צווישן די פאַרשפאַרטע אין לאַגער איז אויך געווען סאַלקעס אַ קרויווע, קאָן זײַן אַ ייִנגערע שוועסטער, וועלכע מע האָט גערופן עסטער. זיי פלעגן שלאָפן אויף איין נאַרע. ביז עס האָט געטראָפן, אַז אין באַראַק איז אַמאָל אַרײַן, אין דער באַגלייטונג פון דער וואַך, אַ געוויסער מענטש — פון דער פרײַ, — וועלכער האָט באַקוקט סאַלקען און געפרוווט מיט איר פאַרפירן אַ געשפּרעך, נאָר דאָס האָט זיך איס ניט אײַנגעגעבן, און דורכשמועסנדיק זיך וועגן עפּעס מיט עסטערן, איז ער אַוועק. אין אַ צײַט אַרום האָט ער ווידער זיך באַוויזן אין באַראַק און געזאָגט עסטערן, אַז עס האָט זיך אָפּגעפונען איר קינד, אַ ייִנגעלע, דאַכט זיך, און עסטער איז מיט אים פאַרשוווּנדן. אויסגעהערט די געשיכטע, האָט פאַלעק איבערגעפירט סאַלקען אין זײַן דיוויזיע, אין לאַזאַרעט, און דערנאָך זיך אומגעקערט צוריק קיין בירקענאַו — עפּשער וועט זיך אין אַן אַנדער באַראַק אָפּזוכן עסטערקע. און דאָ האָט אים אונטערגעוואַרט דער אומ־גליק. בײַ דער גאַז־קאַמער האָט אַ פאַרבליבענער עסעסאָווע זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן און געוואָרפן אין די רויטאַרמייער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אַ גראַנאַטע. אַ שפּליטער האָט געטראָפן פאַלעקן אין אויג. ער האָט זיך שפּעטער דערשלאָגן אַ דערלויבעניש, מע זאָל צוזאַמען מיט אים עוואַקויִרן סאַלקען, און, אַרויסרופנדיק פון בירעבידזשאַן דעם טאַטן, האָט ער אין שפּיטאָל זי אים איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט.
דאָס אַלץ האָט קאַטיען אַנומלטן דערציילט אַנדריי. זי האָט אָבער ביז איצט ניט גע־וווּסט, מיט וואָס ס'האָט זיך געענדיקט די געשיכטע: פאַלעק איז בלינד אויף איין אויג. לויט איר איז דאָס לעבן זיך באַגאַנגען מיט פאַלעקן נאָך אַכזאָריעסדיקער, איידער מיט סאַלקען, ווײַל בײַ סאַלקען האָט עס איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגענומען דעם פאַרשטאַנד, און זי האָט מער ניט געקאָנט אָפּשאַצן איר גורל־גוירל. פאַלעק אָבער האָט טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט, אין מעשעך פון יאָרן, געפילט אויף זיך, באַדאַכטערהייט, די לאַסט פון אַלץ, וואָס איז אים אויסגע־פאַלן אומזיסט־אומנישט נאָך דער מילכאָמע.
זי האָט זיך אַנטשלאָסן צו פאַרגעבן אים די סאַמע שווערסטע פראַגע.
— פאַלעק נעכעמיעוויטש...
— רוף מיך באַם נאָמען, שוועסטערקע.
— פאַלעק, איר...
— זאָג מיר דו.
— דו גלייבסט נאָך צו געפינען דײַן ווײַב מיטן קינד?
אין שמועס האָט זיך אַרײַנגעמישט טאַניע:
— יאָ, פאַלעק, דו ווייסט, די דעלעגאַציע פון קאָמסאָמאָלסק פאָרט טאַקע קיין גע־דע־ער, און וואַניען מיט יודאַלעפן האָט מען געהייסן גרייטן זיך אין וועג...
— דאָס איז, קאַטיע, אַן ענטפער אויף דײַן פראַגע, — האָט פאַרטײַטשט פאַלעק. — אָט וועלן וואַניע מיט יודאַלעפן זײַן אין בערלין און נאָכאַמאָל פרוון דאָס מאַזל... מע זאָגט, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ ביוראָ, וואָס זוכט אָפּ פאַרפאַלן־געוואָרענע מענטשן... ביז איצט האָב איך בלויז געשריבן בריוו. וויפל בריוו איך האָב אָנגעשריבן, געדענק איך שוין ניט...
טאַניע האָט אַ שטויס געטאָן בראַניען מיטן עלנבויגן:
— טו אַ קוק, ווי זיי האָבן זיך עס אוועקגעשטעלט, אונדזערע צוויי רײַזנדער... טו אַ קוק...
— אײַ, טאַניע, — האָט געענטפערט בראַניע, — בײַ דיר איז עס גאָר אַ נײַס — רײַזנדער... דו ווייסט דען ניט, אַז איין מאָל האָבן יודאַלעף און וואַניע שוין דורכגעמאַכט דעם וועג קיין בערלין, צופוס?..
— אָט אַן עמעס! — האָט אויסגעשריגן גנאַטיוק. — סושטשאַיאַ פּראַוודאַ!
טאַניע האָט נאָכגעגעבן:
— אַן עמעס... אַן עמעס...
זי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו בראַניען, און יענע האָט איר אָפּגעגעבן אַן עק פונעם וואַרעמען שאַלעכל, וואָס איז געלעגן אויף די אַקסל. ניורענדיק זיך איינע אין דער צוויי־

טער אונטער דעם בעשוטפּעסדיקן שאָלעכל, האָבן זיי מיט פאַרגעניגן געקוקט אָף זייערע מענער. ווײַזט אויס, ס'איז זיי געווען שטאַרק צום האַרצן, וואָס די פּלייצעס בײַ איוואַנען און בײַ יודאַלעפן זײַנען אַזעלכע ברייטע, אַז קעדיי אַ קוק צו טאָן, וואָס עס טוען הינטער זיי די קינדער, דאַרף מען זיך אונטערהייבן פון די טרעפּ און היפּש אָפּפירן דעם קאָפּ אָף לינקס אָדער אָף רעכטס.

בראָניע האָט אַ רוף געטאָן וואַניען:

— קום אַהער, באַווײַז, וואָס פאַר אַן אָרדען מע האָט דיר הײַנט געגעבן...

איידער די אָפּגעגאַנגענע אין אַ זײַט מאַנצבלען האָבן זיך איבערגעקליבן פון די קלעצער צום גאַנעקל, האָט לעבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אָף אַ רעגע סאַלקע און, טוענדיק זיך אַ דריי מיט גרויס ערנסט אָף איין אָרט, אַרויסגערעדט:

— עסטער־ראָכעלע, די פּוליע וועט נאָר אַ פּיק טאָן...

פאַר קיינעם איז סאַלקעס זאָג שוין ניט געווען קיין נײַס, דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אים נאָך ניט געהערט — גנאַטיוק, — האָט שטיל זיך דורכגערעדט מיט פאַלעקן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

איצט האָבן אַלע זיך צונויפגענומען אין איין אָרט. די ווײַבער האָבן אָפּגעטראָטן אַ טרעפּל נעכעמיען און וועגנראָווערן, קאַטיע איז איבערגעגאַנגען צו די מאַנצבלען, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט די פּנעמער צו דער שטוב.

די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק איבער דער בירע, אָף רעכטס פונעם הויף. פּילנדיק, ווײַזט אויס, אַז עס דערנעענטערט זיך דער אָפּדערנאַכט, זײַנען פון די ברעג־קוסטעס אָנגעפלויגן שיטערע וואָלקנדלעך גנוס — אַן איבערבלײַבעכץ פון די אַמאָל אַלמעכטיקע אין אָט דעם קאַנט, זשומענדיקע און בײַסנדיקע קאָמאַרן־מאַכנעס.

מע האָט באַקוקט דעם אָרדען אָף איוואַנס ברוסט — די אָפּצייכענונג פאַר אײַנשפּאָרן מעטאַל אינעם צעך, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט. בראָניע און טאָניע האָבן אָנגעהויבן פאַרופן דעם אוילעם צום טיש, נאָר גנאַטיוק האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: פריִער זאָל מען זיך דורכגיין צו בומאַגינס אַלמאָנע, אָפּגעבן דאָס רעכט דעם העלד. און ווײַל די מיינונגען זײַנען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז מען דערווײַל געבליבן אָף אַן אָרט.

פאַלעק האָט דערציילט, אַז ער שרײַבט פאַר זײַן צײַטונג אַ פאַרצייכענונג וועגן דער גוורע, וואָס יויסעף בומאַגין האָט באַוויזן, ווען אונדזער אַרמיי האָט געשטורעמט איינע פון די לעצטע, פאַרפעסטיקטע מיצאַד די דײַטשן, שטעט — ברעסלאַו. ער וואָלט די פאַרצייכענונג פאַרענדיקט נאָך ביז סאָף וואָך, נאָר הײַנט אינדערפרי, ווען ער האָט זיך געקליבן אָף דער זיצונג פון דער פּאַרטיי־קאָמיסיע, האָט דער רעדאַקטאָר אים געגעבן אַ ייִסראָעלדיקע צײַטונג, און ער מוז אָפּלייגן די פאַרצייכענונג און אָנשרײַבן פריִער אַן אַרטיקל, אַ מין ענטפער איינעם אַן אווטאָר אין דער דאָזיקער צײַטונג, וואָס ער איז, אַגעוו, אַמאָל געווען אַ הי־גער, אַ ביראָבידזשאַנער, און אין צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר איז ער פון ביראָבידזשאַן אַנטלאָפן.

— דו האָסט אים זינען מאַזאָרן? — האָט געפרעגט וועגנראָווער.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איך האָב אין מאָסקווע געלייענט דאָס שמירעכץ זײַנס. ער איז איצט בײַ די ציִעניסטן אַ יאָר־איידעס...

אַנדריי האָט זיך דערמאָנט:

— בעשאַס דער אָפּעראַציע „טונגוסקאַ” האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן אים צו כאַפּן, ווײַל ער האָט אָפּגעשיקט מיט די וואָלאָסאָווצעס אָף אונדזער זײַט פּערפּילאָוון, און אַליין איז ער פאַרבליבן בײַ די דײַטשן...

— יאָ, יאָ. דער זעלבער מאַזאָר. דער שפּעליאָווער דראָנג, וואָס האָט זיך אַמאָל געוואָזגעט אינעם ביראָבידזשאַנער מוזיי... געדרייט אַ קאָפּ סאַלקען...

— ש־ש־ש...

דער סיגנאַל זיך אָפּצוהיטן, אַז סאַלקע זאָל ניט הערן די רייד בײַ דעם גאַנעק, האָט געצוווּנגען אַלעמען אַ זוך צו טאָן זי מיט די אויגן. סאַלקע איז צווישן די קינדער ניט געווען. אַרײַנקוקנדיק אין שטוב דורכן אָפענעם פענצטער, האָט בראָניע געזאָגט:

— סאַלקע איז אין שטוב. מיר זײַנען אַזוי געווען פאַרנומען מיט איוואַנס אָרדען, אַז זי איז אומבאַמערקט דורכגעגאַנגען הינטער אונדזערע פּלייצעס...

גנאַטיוק האָט אָנגעשאָטן אָף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר אַ בערגעלע מאַכאָרקע און אויך געגעבן אַ ביסל וועגנראָווערן אָף דער דלאָניע. בעשאַס גנאַטיוק האָט געדרייט זײַן ציגאַר, האָט וועגנראָווער אָוועקגעלייגט די מאַכאָרקע צווישן דעם גראָבן פינגער און דעם ווײַז־פינגער פון דער

לינקער האַנט און געגנומען מעכײַעדיק שמעקן, ווי מע טוט עס געוויינלעך מיט שמעק־טאַבעק. ער האָט זיך הייזעריק פֿארהוסט, און ווען ס'איז אים געוואָרן גרינגער, האָט ער אַראָפּגע־בלאָזן פֿון דער האַנט די פֿאַרבליבענע קערנדלעך מאַכאָרקע און אַ פֿרעג געטאָן באַ פֿאַלעקן:

— ווּעסט שרײַבן אין אַ וועלכן פּלאַן? אין אַ ברייטן, גלייב איך... וועגן ציִוניזם ווּעסטו שרײַבן?

— מיט מאַזאָרן וועל איך זיך ניט באַנוגענען...

נעכעמיע האָט נײַגעריק אַ קוק געטאָן אַפֿן זון:

— וואָס ווּעסטו שרײַבן וועגן ציִוניזם, פֿאַלעקל?

— טאַטע, איך קאָן זיך ניט באַרימען, אַז וועגן ציִוניזם ווייס איך אַ סאַך. ווען איך בין געבוירן געוואָרן, האָבן די ייִדן באַ אונדז שוין געהאַלטן אין אויספּײַפֿן די ציִוניסטן, און מע האָט זיי פּאַשעט אַרויסגעשטעלט פֿון יענער זײַט טיר...

— נו, איז וואָס נעמסטו זיך שרײַבן, אויב דו ווייסט ניט?

— איך וועל שרײַבן דאָס, וואָס איך ווייס.

נעכעמיעס און פֿאַלעקס רייד האָבן דערמאָנט וועגגראַוווערן אין ענלעכע וויקוחים, וועלכע ער האָט אין דער לעצטער צײַט געפֿירט אין דער היים מיט קאַלעגן היסטאָריקער. אַרופֿלייגנ־דיק פֿאַלעקן די האַנט אַפֿן אַקסל, האָט ער געזאָגט:

— זינט עס איז אויפֿגעקומען די מעדינע ייִסראָעל, איז אומעגלעך זי אויסמײַדן, ווען מע רעדט וועגן ציִוניזם...

באַ נעכעמיען אין די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פֿײַערלעך:

— פֿאַרוואָס זשע, ווען מע רעדט וועגן קאָמוניזם, קאָן מען אויסמײַדן בירָאָבידזשאַן?

— האָסט זיך שוין ווידער אַרופֿגעזעצט אַף דײַן פֿערדל, נעכעמיע! — איז אין קאַעס גע־וואָרן וועגגראַוווער.

— אַן אַנדײַט אַף מײַן סאָציאַלער אָפּשטאַמונג?

— ניין, סע רעדט זיך אַזוי. ווען אַ מענטש האַלט זיך אין איין אומקערן צו זײַנעם אַן אײַנגעגעסענעם געדאַנק, זאָגט מען, אַז ער זעצט זיך אַרוף אַף זײַן פֿערדל...

— דו באַווײַזט מיר, אַז מײַן געדאַנק איז פֿאַסל!

— דײַן געדאַנק איז אינגאַנצן קיין געדאַנק ניט.

— פֿאַרוואָס?

— דער קאָמוניזם בויט אַ נײַעם בינין. אַ הונדערטשטאָקיקן, אַ טויזנטשטאָקיקן... און אין אָט דעם בינין, אין איינעם אַ צימער, לײַכט אַ פֿענצטערל — בירָאָבידזשאַן. דאָס פֿענצ־טערל גייט אַרויס אין דער גרויסער וועלט, און אין דעם פֿענצטערל קוקט די גרויסע וועלט אַרײַן... וועגן ציִוניזם און וועגן ייִסראָעל קאָנסטו דען זאָגן דאָס זעלבע?

אַנדריי האָט איבערגעזעצט וועגגראַוווערס ווערטער פֿאַר לאַסיעון, גנאַטיוקן און פֿאַר די צוויי רוסישע שניר. איוואַן לאַסיעוו האָט אויסגעשריגן:

— גאָלדענע ווערטער, מאַרק גריגאָריעוויטש!

ס'איז אַף אַ רעגע שטיל געוואָרן.

— זעץ פֿאָר, וואַניע. זאָג אַרויס דײַן געדאַנק... — האָט אונטערגעמונטערט איוואַנען יודאַלעף.

— וואָס נאָך זאָגן, אויב ס'איז אַזוי אויך קלאָר... מיר לייענען וועגן ייִזראַיִל אין די צײַטונגען... אויב פֿאַרגלײַכן די אַלטע וועלט מיט אַן אַלט הויז, איז ייִזראַיִל דאָרט אַן אײַנ־געמויערטע נישע... און די ציִוניסטן — פּונקט ווי זיי וואָלטן די נישע אָפּגעדונגען באַ אַ רײַכן פֿעטער, אַזעלכע פֿאַראַנדקעס האָבן זיי דאָרט אײַנגעפֿירט...

— אָט וועגן דעם טאַקע וויל איך שרײַבן, — האָט אונטערגעכאַפּט פֿאַלעק. — אין דער מילכאָמע האָט דער ציִוניזם זיך אַזוי מיִעס באַוויזן, אַז ווען ניט ייִסראָעל, וואָלט ער שוין געלעגן ווײַט אין דער אַדאָמע. דאָס פֿאָלק איז ניט מויכל אַזאַ זינד, ווי מאַכן געשעפֿט מיט זײַנע מערדער...

אין נעכעמיעס קאָל האָט זיך געפֿילט ווייניקער שטײַפֿקײַט, איידער פֿריער:

— וואָס זשע, עס באַקומט זיך, אַז ניט דער ציִוניזם האָט זיך דערשלאָגן, מע זאָל אָפּ־געבן די ייִדן ערעץ־ייִסראָעל, נאָר אַז ייִסראָעל האָט גערעטעוועט דעם ציִוניזם...

— די פֿעלקער פֿון דער וועלט, זיי האָבן דערלויבט צו שאַפֿן די ייִדישע מעדינע אין פּאַלעסטינע! — האָט אויסגערופֿן וועגגראַוווער. — דו פֿאַרשטייסט, נעכעמיע? ס'איז ניט דאָס זעלבע, ווי דאָס, וואָס דו מיינסט. די זעקס מיליאָן זײַנען געשטאַנען פֿאַר די אויגן... די, וואָס זײַנען אײַנגעגאַנגען אַף צו שאַפֿן ייִסראָעל, האָבן וועגן דער קומענדיקער מעדינע גע־טראַכט פֿאַרשיידן. איינע האָבן געהאָפֿט צו זען נאָך אַ פֿענצטערל אינעם נײַעם בינין פֿון

דער וועלט, אנדערע האָבן אפגיך א רוף געטאָן דעם ציִעניזם... און ער, טײַערינקער מײַנער, ער, דער ציִעניזם, האָט דאָ אָפּגעשפּילט א קונציקע שפּיל. קלוימערשט, אין דער מילכאָמע איז ער געווען א צאדיק... ער האָט, קעדיי צו שאפן, לויט זײַן פּראָגראַם, דעם ייִדן־שטאַט, אָפּגעגעבן זיך בעלעוו וועגעפעש דעם קאמף קעגן פאשיזם, און איצט איז ער, הייסט עס, מיט רעכט געקומען אויסצופורעמען ייִסראָעל לויט זײַן פארשטאנד... ער שלעפּט אויך ארויס פון זײַנע אומריינע ארכיוון איינע נאָך דער אנדערער פעלשונגען, וועלכע ער האָט צוגעגרייט פון פריִער. לעמאָשל, די פעלשונג וועגן די באראקן פאר ייִדן אין בירָאָבידזשאן... אגעוו, באוויַיז אונדז, פאלעק, די ייִסראָעלדיקע בלאט, וואָס דײַן רעדאקטאָר האָט דיר געגעבן. די פאָטאָגראפיע מיט סאלקען אינעם זאקסענהאוזענער לאגער איז דאָרט פאראן?

— פארשטייט זיך, פאראן, — האָט געענטפערט פאלעק, דערלאנגענדיק מארק גריגאָריעוויטשן אין דער האנט ארײַן א צײַטונג. — אנדערש וואָלטן די ציִעניסטן ניט אָפּגעדרוקט מאָזאָרס ארטיקל...

אין דער זעלבער רעגע האָט אן אנדער האנט זיך באוויזן פון הינטער ווענגראָווערס פלייצע און ארויסגעריסן בא אים די צײַטונג.

דאָס איז געווען סאלקעס האנט.

די, וואָס זײַנען געשטאנען מיטן פּאָנעם צום גאנעקל, האָבן געזען, ווי סאלקע איז ארויסגעגאנגען פון שטוב — אינגאנצן א פארענדערטע — און זיך פארהאלטן הינטער ווענגראָווערן. זיי זײַנען פון אומגעריכטקײַט פארבליבן שטיין געפלעפט, בייס זי האָט באקוקט דעם הויף און די מענטשן, פונקט ווי זי וואָלט זיי א לאנגע צײַט ניט געזען. פון אירע אויגן האָט זיך אָפּגעטאָן די שלעפעריקײַט, און דאָס האָט איבערגעאנדערשט דאָס פּאָנעם, ווי דאן, ווען מע נעמט ארויס בא א מענטשן די ארײַנגעשטעלטע ציין און ס׳ווערט פון דעם אײַנגעפאלן בא אים דאָס מויל. סאלקעס פּאָנעם האָט נאָך גאָרנישט ניט געוואָלט, נאָר ס׳האָט, דאכט זיך, באקומען די פײַיִקײַט אופצונעמען עפּעס. פון דעם האָט עס זיך נאָך מער געעלטערט. ווען איר בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אין פאלעקן, האָט זי א פיבערדיקן שלונג געטאָן די לופט און מיט די הענט גענומען טאפּן אף זיך דאָס אָנטאָן. מיטאמאָל האָט זי דערזען בא ווענגראָווערן די צעעפנטע צײַטונג און אף איינער פון אירע זײַטן א פאָטאָגראפיע, אף וועלכער עטלעכע אלציינס אָנגעטאָנענע מענטשן, אין ווינטערדיקע היטלען, שטיוול, פעלצלעך, האָבן ארומגערינגלט לעם א באראק א יונגע פרוי. זי — סאלקע! זי האָט ארויסגעריסן בא ווענגראָווערן די צײַטונג און איז אנטלאָפן — ניט צו די קלעצער, ווו ס׳האָבן, ווי פריִער, זיך געשפּילט די קינדער, נאָר אין דער אנטקעגנדיקער זײַט, צו דער בירע.

אין הויף האָבן אלע אין איין אויגנבליק זיך א ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט לויפן נאָך סאלקען. פון די שכײנישע שטיבער זײַנען ארויס דערשראָקענע מענטשן, קינד־און־קייט.

אין דער בירע האָט זיך שטיל געפליעסקעט דער אפדערנאכט. ס׳האָט זיך געדאכט, אז אפן ווײַטערן ברעג טיילט זיך אָפּ עפּעס אייביקס פונעם רוים און טרעט ארײַן אין טײַך, ווי א באָרוועס קינד אין א ריטשקעלע. און ווען אפן ברעג, וועלכער ציט זיך לענגויס דעם הויף, האָט זיך באוויזן, צוערשט איינע אליין, סאלקע, און זי איז אויך ארײַן אין טײַך, ווי א קינד אין א ריטשקעלע, — דאן האָט זיך געדאכט, אז זי און דאָס אייביקע גייען איינס דעם אנדערן אנטקעגן.

די בירע האָט שוין דערלאנגט סאלקען ביזן האלדז, ווען אנדריי איז דער ערשטער פון די לויפנדיקע ארײַן אין וואסער און גענומען זי ארויסשלעפן אפן ברעג. זי האָט נאָכגעגיבן זיך געלאָזט האלטן אונטער די פאכוועס און אליין ניט געמאכט די מינדסטע אָנשטרענגונג — ניט אהין, ניט צוריק. זי האָט געהאלטן צוגעשלאָסן די אויגן, און די פיס אירע, אין וואָליקעס מיט אָפּגעשניטענע כאָליעוועס, האָבן זיך נאָכגעשלעפט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א נאסן שפּור אף דעם צוגעטריקנטן ברעג־זאמד. אין טײַך, אף דעם עטוואָס ראָזלעכן פונעם זונפארגאנג וואסער־פלאך, איז פארבליבן, ווי א ברודנער פלעק, די צעווייקטע צײַטונג, ארום וועלכער ס׳האָבן זיך צונויפגעקליבן פארבליבענע נאָך פונעם קריִע־גאנג פוילע העלצלעך, שטיקלעך אלט בלעך, געלע בלעטער, צעשווענקטע לאטקעס פון פערדישן נאוואָז און אנדערע אָפּפאלעכצן.

אפן ברעג האָט נעכעמיע איבערגענומען סאלקען אף זײַנע הענט. דאָס וואסער איז אראָפּגערונען פון אירע קליידער, און פון דעם איז אויך נעכעמיעס אָנטאָן נאס געוואָרן.

פונקט ווי סאלקע, האָט אויך נעכעמיע געציטערט מיטן גאנצן לײַב. ווען ער האָט געשטעלט דעם ערשטן טראָט צום הויף, האָט זי א פּרווו געטאָן זיך אראָפּגליטשן צוריק אין טײַך ארײַן, נאָר ער האָט זי געהאלטן פעסט צוגעדריקט צו זיך. דאן האָט זי גענומען צאפּ־

לען און אָפּשלאָגן זיך פונעם טאטן, ביז ער האָט זיך איינגאנצן ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס און, זעענדיק, אז ארום זיי איז פארשלאָסן דער מענטשן־קרײַז, האָט ער זי אוועקגעשטעלט מיט די פיס אף דער ערד.

סאלקע האָט זיך אָנמעכטיק ארומגעקוקט, ווי א פארמוטשעט און פארטריבן כײַעלע. ס'האָט זי ווידער באהערשט דער גלײַכגילט, און עס האָט זיך געדוכט, אז די קינדערשע זאָרגלאָזיקײַט קערט זיך אום צו איר. אָט וועט זי זיך א דריי טאָן מיט גרויס ערנסט אף איין אָרט און ארויסרעדן: „עסטער־ראָכעלע, די פוליע וועט נאָר א פיק טאָן"... ווען זי האָט אָבער אופגעהויבן דעם קאָפּ צו די שטייענדיקע ארום איר און גענומען אויסווישן מיט די נאסע דלאָניעס דאָס אָנגעווייקטע אלטע פּאָנעם, איז אלעמען קלאָר געוואָרן, אז זאָגן וועט זי איצט עפּעס אנדערש.

— פאלעק, — האָט זי שוואך, אָבער מיט א שטײַפער אנטשלאָסנקײַט ארויסגעשטאמלט, — נעם מיך און טראָג מיך אוועק... אזוי ווי דאָרטן...

פאלעק האָט זיך צעוויינט און גענומען אף זיך סאלקען. קאטיע, וועלכע איז געשטאנען דערנעבן, האלטנדיקביידע הענט צוגעדריקט צו די שלייפן, האָט באמערקט, אז די טרערן בא פאלעקן רינען פון ביידע אויגן — פונעם לעבעדיקן און פונעם טויטן. סאלקע האָט ארומגעכאפּט פאלעקן ארום האלדז און זיך צוגעטוליעט צו זײַן ברוסט. די מענטשן ארום זיי זײַנען געשטאנען דערשיטערטע. איינע האָבן געיאָמערט אף א קאָל, אנדערע, אפילו וועגנראָוווער און גנאטיוק, האָבן, אָפּקערעווענדיק זיך, געווישט די נאס געוואָרענע אויגן.

די לעצטע זײַנען פון דער בירע אוועק צום הויף יודאלעף, אנדריי און איוואן. זיי האָבן ווי נאָכגעטראָגן סאלקען עפּעס פונעם טײַך — אזוי זײַנען זיי געגאנגען, צוזאמענגעשלאָסן די אקסל.

אין שטוב האָבן די ווײַבער איבערגעטאָן סאלקען אין טרוקענע קליידער און אויסגעבעט איר אף עסטער־ראָכעלעס דיוואן. לעם איר האָט זיך צוגעזעצט בלויז איינער פון דער גאנצער מישפּאָכע — דער טאטע.

ווען זי האָט זיך אײַנגעווארעמט אינעם בעטגעוואנט, האָבן אלע געמיינט, אז זי שלאָפט שוין. נאָר מיטאמאָל האָט זי זיך אופגעזעצט, און פונעם מויל האָט איר א שפּאר געטאָן א קנויל פארבאקן בלוט.

אין א פערטל שאָ ארום איז זי געשטאָרבן.

# ווי פרילינג־וואסערן

## פון קאָסמאָס ביז דײַן טיר

ס'איז אלץ אין דער נאטור
געבויט אף גלײַכגעוויכט,
אף שאָטן און אף שײַן,
אף פינצטערניש און ליכט.
מיט מענטשן אויך אזוי:
נאָך צארעס קומט די פרייד,
נאָך שנייען בליט דאָס פעלד,
און די נעשאָמע קוועלט.
ערשט נעכטן — שניי און פראָסט,
סע פארעט שוין די ערד.
איר הערט? איר הערט? איר הערט?
די זון איז אײַך באשערט!
די אויגן לעבן אוף,
די פיס באקומען קראפט,
און עפעס מאָנט און רופט,
דו ביסט פארליבט, פארגאפט.
דײַן האנט איז ווי א בלום,
זי לויכט אינמיטן נאכט,
ווײַל אלץ אין דעם ארום
איז צוועקמעסיק פארטראכט.
דײַן שמאָלע צארטע האנט
קאָן טאָן אין לעבן אלץ —
ארומנעמען מײַן האלדז
און מויערן א וואנט,
און שנײַדן ווייץ אין פעלד,
און שפילן אף קלאוויר.
אך, ווי ס'איז קלוג די וועלט
פון קאָסמאָס ביז דײַן טיר.

## עס גייט אוועק דאָס אײַז

פונקט ווי דער טײַך, וואָס ווארפט אראָפּ דאָס אײַז,
מײַן ברוינע הויט באפרײַט זיך פונעם ווינטער.
איך פיל דאָס בלוט, איך ווייס פון דעם די פרײַז,
פון קינדווײַז בין איך ניט געווען קיין בלינדע.
אין מײַן זיקאָרן ווי אן אויצער איך פארהיט
די קינדער־יאָרן און די בלויקײַט פון געמיט,
מײַן אָנהייב־יוגנט מיט איר ערשטער ליד.

עס ווערט מיר קלאָר, אַז עפּעס איז אוועק,
און אומקערן אפּסניי קאָנסט אַלץ, אַכוץ דײַן יוגנט,
אַכוץ דעם רייץ, וואָס כ'האָב אַמאָל פאַרמאָגט,
וואָס האָט אָף מײַנע ליפּן דאָן געטאָגט!
ס'איז זומער איצט. עס צוויטען רויטע מאָנען
און זיי דערמאָנען אַלץ מיר, אַלץ דערמאָנען.
עס שווימען וואָלקנדלעך, ווי שוואַנען, גרינג און ווײַס,
שוין לאַנג אוועק דאָס איז, דאָס שווערע איז.

## איך, די נארישע

אָט דאָס־אַ ריטשקעלע דערמאָנט דײַן קאָל.
ס'איז געווען אין נאָענטן אַמאָל.
מיט אָט דער וואַסער איז אוועק די צײַט.
אָך, ווי נאָענט ביסטו און ווי ווײַט!

ס'האָט געדוכט זיך, דו ביסט גוט — אַ טויב.
ניט באַמערקט גאָר — דו ביסט פּאַשעט טויב.
עס דערגייט צו דיר ניט מײַן געשריי,
דו ביסט קעלטער פונעם קאַלטן שניי.

ס'כאַלעמט זיך קיין זאַך דיר אין די נעכט.
שטענדיק דוכט דיר, אַז דו ביסט גערעכט.
און איך, די נארישע, שפּרייט אויס פאַר דיר די הענט.
און מײַן געדאַנק איז נאָר צו דיר געווענדט.

## אין קרײַז פון רײַפקײַט

איעדער צײַט פון יאָר האָט אירע פאַרבן,
איר טאַם, איר ריח, איר אייגענע מוזיק.
איך גיי אין פעלד אַרום צעווישן גאַרבן
און טרינק די הימל־טיף — ס'איז אויך אַ גליק!
דײַן האַרץ וועט יונג זײַן ביזן לעצטן אָטעם,
ווײַל רײַנע לופט איז טײַערער פון ווײַן,
און זאָל אַנטרינען פונעם טויט דער שאָטן,
ווײַל ביסט אין קרײַז פון רײַפקײַט ערשט אַרײַן!

## עס קומט צו שפּעט אַמאָל

עס קומט צו שפּעט אַמאָל
אַ מאַבל פון געפילן.
ס'פליט אויף דאָס האַרץ —
אַ זומערדיקער פויגל.
ווי ברויזנדיקער ווײַן,
די ליפּן שפּילן,
און כ'קאָן שוין דאָן
ניט צומאַכן די אויגן.

ס'איז ניט געצוימט מײַן האַרץ
מיט שווערע פּענטעס.
ווי פרילינג־וואַסערן,
וואָס רײַסן אַלע צוימען,
פליט אויף מײַן האַרץ —
מײַן זומערדיקער פויגל —
און טראָגט מיך, ווי אַ שטערן,
אין די רוימען.

אַט דעמלט, ווײַט פון יעדער קער,
מיט ליבע די זון נעוויִיש
צינדט זיך אין די אויגן,

איך טו א פיר
מיט מײַנע גרינגע וויִעס,
מײַן הארץ פליט אוף —
מײַן זומערדיקער פויגל.

## אין דיר אליין געווענדט

קען זיך פרייען!
ארום דיר — די שיינקײַט.
ערד און הימל,
בלומען אינעם וואלד.

קען זיך פרייען
פונעם טיפן הארצן,
ווען א רעגן גייט,
א דונער שאלט!

שטעל די דלאָניעס אונטער,
ערשטע טראָפּנס פאלן!

טראָג זיי, ווי די בעכער —
פול מיט ווײַן.
קען זיך פרייען!
זעסט, ווי טויזנט שטראלן
צינדן אָן די טראָפּנדלעך
מיט שײַן.

קען זיך פרייען!
האָסט צוויי שארפע אויגן,
פלינקע פיס און צוויי געניטע הענט,
פריי זיך, ווי אין לײַכטן פלי דער פויגל, —
ס'איז די פרייד אין דיר אליין געווענדט.

מוישע אלטמאן

# זקנישע נאָטיצן

1

## מזל טוב

כאווער לייענער, איך לאַד דיך אײַן צו ווערן מיר א שותף. זעסט, פאר גרויס פרייד שרײַב איך מזל טוב און שותף מיטן אלטן אויסלייג. בישקאָשע, עס וועט דערפון קיינעם כאָלילע גאָרנישט שאטן. וואָס איז די סימכע, פרעגסטו? אָט הער.

איך גיי אנומלט ארויס פון מײַן דירע און לאָז מיך צו מײַן איינציקן אָפּרו־אָרט פאר די לעצטע יאָרן, צום סקווער ארום סאָבאָר. און פלוצעם אינמיטן וועג לויפט אָן אף מיר א פרוי. און דאפקע נאָך ניט קיין אלטע, עס הייסט, ניט גאָר יונגע, אזוי פון די הויכע פערציקער אָדער אָנהייב פופציקער, נאָר א קרעפטיקע, א שטאלטנע, א פרויענצימער. זי פאלט שיר ניט ארויף אף מיר, טוט מיך א נעם קרעפטיק פאר דער האנט און מעלדעט:

— עס קומט מיר א מאזלטאָוו... כ׳האָב כאַ־סענע געהאט!

און ווײַזט מיר מיט א ווונק פון די אויגן צום טראָטואר, ווו צוויי מענער שטייען און שמועסן. זי איז זיכער, ווײַזט אויס, אז איך קען יענעם, דעם שוטעף צום מאזלטאָוו. און איך, צו מײַן גרויסער בושע און פארדראָס, קען איך זיך ניט דערמאָנען, ניט ווער זי איז, ניט וועלכער פון די צוויי איז דער באַגליקטער. איך דערקען ניט קיין איינעם פון זיי... וואָס טוט מען? באלד וועט ער, דער באגליקטער, ענדיקן זײַן שמועס, צוקומען צו אונדז, און — עס וועט זיך ארויס־ווײַזן, אז איך דערקען ניט קיינעם פון זיי. זייער ניט אָנגענעם. וואָס טוט מען? האָב איך א קורצן ייִשעוו מיט זיך, גיב איר אָפּ א גרויסן ברייטן מאזלטאָוו, ווינטש איר אָן פון אלעם גוטן, דריק איר ווארעם די האנט און מאך א פלייטע. א ברײַרע האָב איך געהאט?

וואָס זשע וויל איך פון דיר, כאווער לייענער? איך וויל דיך פאר א שוטעף צום מאזלטאָוו, און צו די אלע גוטע ווינטשעוואניעס, וואָס כ׳האָב איר געווונטשן. זאָג, כאווער, עס זאָל זיי מע־קויעם ווערן דאָס גאנצע גוטס, וואָס כ׳האָב זיי אָנגעווונטשן... זאָג, כאווער: אָמיין.

2

## א געשיכטע מיט א ייִדישער קאַץ

מוז איך אָנהייבן מיט היסנאצלעס, דאָס הייסט: זיך פארענטפערן פארן לייענער. א געשיכטע מיט א ייִדישער קאַץ קאָן ניט זײַן קיין פריי־לעכע. צו וואָס זשע דארף מען זי? ווינציק טרויער פאראן? וועל איך פארענטפערן: די גע־שיכטע צו דער קאַץ גייט מיט א פריילעכן וועג. א וועג מיט פעטש און טרערן.

וווּנדערט זיך דער לייענער: פעטש און טרערן און — פריילעך? איך וועל נאָך צוגעבן, אז א טייל פון די פעטש האָב איך אליין ארײַנגע־כאפט, נאָר געוויינט האָט אן אנדערער, דער, וואָס האָט געגעבן די פעטש. און דאָס צווייטע מאָל האָט פעטש שוין ארײַנגעכאפט אן אנדע־רער און געוויינט האָט ווידער דער, וואָס האָט געגעבן די פעטש, און אויסגעוויינט זיך האָט ער פאר מיר. און דאָך, אזוי איז דאָס דערמאָנען זיך פריילעך.

עס איז א געשיכטע פון צוריק מיט א פינף און זעכציק צי קארגע זיבעציק יאָר. שוין גע־האט פארגעסן. נאָר צוריק מיט עטלעכע יאָר לייען איך אן ארטיקל פון מײַן (הײַנט ווײַט אָפּגעשיידטן) לעבנס־כאווער יאנקעוו. אין דעם ארטיקל טרעף איך אן אָרט, ווו דער אווטאָר רעדט וועגן א פײַנעם קלאנג און גלײַכט צו: „ווי דער קלאנג פון א גוט דערלאנגטן פאטש״. איבערגעלייענט, האָב איך מיך צעלאכט...

דער לייענער פאַרשטייט שוין אַליין, אַז דער אויטאָר פון יענעם ציטירטן אַרטיקל און דער אויטאָר פון די צוויי מאָל ציטירטע פּעטש איז איינע און די זעלבע פּערזאָן. מיר קאָנען זיך צוריק אומקערן צו דערציילן.

די כאַווערשאַפט צווישן אונדז — דעם, וואָס דערציילט, און דעם ווײַט־אָפּגעשיידטן — איז אַ כאַווערשאַפט פון אַ לאַנג לעבן. אַזאַ כאַווערשאַפט באַשטייט אי פון צײַטן פון גרויסער פרײַנטשאַפט און אויך פון שווערע רויגעזן. און די מײַסע מיט די פּעטש פאַלט גראָד אויס אויף אַ צײַט פון טיפער פרײַנטשאַפט. טשיקאַווע?

שווער זיך פאָרצושטעלן צוויי אַזוי פאַרשידענע מענטשן, ווי די צוויי כאַווײרים. פאַרשידן אין כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, נייגונגען. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס פונעם טיפישן כאָסיד. איך — פון אַ קאַלטן ליטוואַק. און עפּשער דערפאַר האָט עס אי געצויגן איינעם צום אַנדערן, אי אָפּגעשטויסן. איך האָב פאַרמאָגט אַ באַזונדערע נייגונג צו פיזישער טאַט. באַ גינסטיקע באַדינגונגען וואָלט פון מיר געווען אַרויס אַ גוטער טעכניקער. איך פלעג זוכן שטענדיק עפּעס צו טאָן: פאַריכטן דעם פאַרקאַן, צעהאַקן האָלץ. עס איז געווען עפּשער אַ רעאַקציע קעגן די אָפּגערויבטע פרי־ייִנגליאָרן, וואָס זײַנען באַ מיר אָפּגענומען געוואָרן צו שטודירן טאַלמוד...

שוין גאָר אין די עלטערע יאָרן האָט זיך מײַן כאַווער־רויגעז־כאַווער דערמאָנט און מיר געשריבן אין אַ בריוו: „האָסט דאָך פרי׳ער פאַר גאָרדאָנען געפּריידיקט דעם מאָראַלישן כיווו אויף פיזישער אַרבעט״ (י.־ל. גאָרדאָן איז דער גרינדער פון דער באַוועגונג, וואָס איר דעוויז איז געווען: פיזישע אַרבעט). שוין אין עלטער פון דרײַצן־פערצן יאָר האָב איך צווישן מײַנע כאַווײרים דערקלערט: גענוג געווען „עם־הספר״, דאָס פאָלק פון בוך. איך לאָז צו דעם קאָווּעד אַנדערע. עס איז צײַט, מיר זאָלן ווערן עם המעשה והעבודה, דאָס פאָלק פון טאַט און מי!

צו דעם אַלעמען פאַרמאָגט פון נאַטור שאַרפע פייִקײַטן, געווען אַ פלײַסיקער לייענער. און ניט סטאַם געלייענט, נאָר אַנאַליזירט. און אַ האַרבער דיספּוטאַנט.

די כאַווערשאַפט מיט יאַנקעווען איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין שטאָט האָט מען די צוויי נעמען צונויפגעגאָסן און אונדז גערופן: „מויש־יאַקל״... (דער נאָמען יאַקאָוו־יאַנקעוו איז געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער פון יאָקל).

טרעפט זיך איינמאָל, איך שטיי באַ אונדז אויפן הויף, פאַריכט דעם פאַרקאַן. יאָקל קומט אָן. עס ווערט אַ שמועס. וועגן וואָס? גיי געדענק. ס׳אַ מײַסע פון אַ מינע זיבעציק יאָר צוריק. און פּלוצעם — עס פליִען פּעטש: מײַן צווייטע העלפט גיט מיר פּעטש. איך בלײַב שטיין איבעראַשט: וואָס הייסט דאָס? אָבער באַלד זע איך, ווי „מײַנער״ שטייט שוין אָנגעשפּאַרט אין פאַרקאַן און וויינט, כליפּעט. און באַלד כאַפּט ער מיך אַרום און נעמט קושן. קושט אויס די פּעטש...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל פאַר אונדזער לאַנגער לעבן־כאַווער־רויגעז־כאַווערשאַפט. פּעטש האָט ער נאָך געגעבן, אָבער אַנדערע. נאָך איין מאָל אַזאַ פאַל, ווען ער האָט דערלאַנגט אַ מענטשן פּעטש אין אַ געזעלשאַפט, האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט אונדזער ביידנס זייער אַ קלוגן כאַווער, האָט יענער מיר געזאָגט: „וואָס פאַרשטייט איר ניט? עס איז אַ זאַך פון טעמפּעראַמענט און אַ כיסאָרן פון כאַראַקטער. ער קען ניט גוויווער זײַן דעם טעמפּעראַמענט. יאַנקעוו מוז האָבן אָן עפּעס אָדער אָן עמעץ, פאַר וואָס אָדער פאַר וועמען ער זאָל עמעצן געבן פּעטש. איז ניט מעגלעך צו געבן פּעטש, פאַרבײַט ער עס מיט שטרענגע רייד... ס׳איז אַזאַ שוואַכקײַט, און מע מוז עס אַזוי באַטראַכטן״.

אַוועק עטלעכע יאָר נאָך „מײַנע״ פּעטש. מיר זײַנען שוין גרויסע באָכערים, אַט־אַט דאַרף מען גיין צום פּריזיוו. זומער. ווידער בין איך באַ אונדז אויפן הויף, צעהאַק עטלעכע דרענגלעך האָלץ אויף שפּענער. יאַנקעוו איז דאָ. און באַלד באַם אַרײַנקומען שפּאַרט ער זיך אָן אין פאַרקאַן און נעמט כליפּען:

— כ׳האָב געשלאָג־אָ־גן יע־כי׳עלן...

עס ווערט מיר, ווי זאָגט מען עס, אַ לאָך אין האַרצן. מ׳האָט באַדאַרפט זײַן געזונט און פריש און מעשוגע אויף צו שלאָגן אַזאַ טײַערן כאַווער, ווי יעכי׳עלן. ער, יעכי׳על, איז ניט געווען קיין נעבעכדיק ייִנגל. אַ קרעפּטיקער באָכער, אָבער ניט קיין פּעטש־געבער. אַ וויצלינג. ליב געהאַט צו דערציילן אַ פײַנעם וויץ. און ביכלאַל אַ גאָלדענער כאַווער. נאָר ניט דאָס אַליין. יעכי׳עלס עלטערן־שטוב, זײַנע עלטערן. דער פאָטער, דער עלטסטער מאַסקיל אין שטאָט, און ניט אַ מאַסקיל אַ באַטלען, נאָר אַ וועלט־מענטש, פײַן אָנגעלייענט. אין דער שטוב פלעגן מיר, דאָס יונגוואַרג, דער צווייטער דאָר ייִדישע אינטעליגענציע, זיך צונויפקומען, שיין פאַרברענגען. קורץ, אַ סקאַנדאַל. איך פרעג: ווו? ווען? פאַר וואָס? כליפּעט יאַנקעוו און זאָגט:

— מיר זײַנען געגאַנגען אײנײנעם מיט עסטערן... האָט ער געזאָגט...

איך הער שוין ניט ווײַטער. גענוג געווען צו דערמאָנען עסטערן. איינע פון די סימפּאַטישסטע מיידלעך פון אונדזער קרײַז. אַ מויד אַ כאַכאָמע. איך לאָז אים שטיין און כליפּען און אַנטלויף צו יעכי׳עלן אַהיים מיט דער הינטערגאַס.

כאָווער לייענער, אַט־אַט קומען מיר צו דער געשיכטע מיט דער קאַץ...

פון אונדזער הויף צו יעכיִעלס עלטערן־שטוב האָט מען באַדאַרפט לויפן באַרג־אַראָפּ, ווײַל דער טייל פון דער גאַס, אַף וועלכער איך מיט יאַנקעוון זײַנען אויסגעוואַקסן, איז געווען אין דער הייך, מעשופּע, דער טייל פון דער גאַס האָט געהאַט אַ נאָמען: די ציגײַנערשע גאַס. אָפּגעטיילט פון דעם איבעריקן טייל, אַף וועלכן ס'האָט זיך געפונען יאַנקעווס עלטערן־שטוב און וואָס האָט ניט געהאַט קיין נאָמען; אָפּגעטיילט „מײַן" ציגײַנערשע גאַס האָבן צוויי ליקן. איינער רעכטס, האָט געפירט צו דער גרויסער שול, צום גרויסן בעסמעדרעש, צו דער סטרעלעצקער קלויז, און אַנטקעגן — אַ ליק, וואָס האָט געפירט לינקס, אין באָד אַרײַן.

איך לויף באַרג־אַראָפּ צום טײַכל, וואָס צעטיילט אונדזער ליפּקאַן אַף צוויי טיילן — „פון דער זײַט בריק" און „פון יענער זײַט בריק". אַריבער די קלאַדקע, און — באַרג־אַרויף צו יעכיִעלס עלטערן־שטוב, וואָס איז שוין געשטאַנען אין דער הייך איבער דער גרוב, אין וועלכער ס'איז געלעגן אונדזער שטאָט־צענטער. אַ באַזונדערע שטוב, אָן שכיינים, מיט אַ גרויסן גאָרטן. שוין לויפנדיק פאַרבײַ דעם פּלויט, וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם גאָרטן, האָב איך דערזען אַ היפּשן אוילעם אין הויף. איך קום אַרײַן אין הויף — אַ יאַריד, מ'האָט זיך דערוווּסט פונעם אינצידענט, און סע ראַשט זיך. מ'האָט מיך דערזען, איז דער ראַש געוואָרן גרעסער. אייניקע לאַכן. ס'איז אַ ספּעקטאַקל. צווישן אוילעם — יאַנקעווס עלטערער ברודער, אַ יונג אַ גוואַר, נאָר אין כאַראַקטער דער הייפּעך פון יאַנקעוון. ווי זאָגט מען אין אַלט־ייִדיש־העברעיִש — אַ לבֿ־טובֿ (לעוו־טאָוו). נאָר ער לאַכט. אופהייבן די האַנט אַף אַ מענטשן? כאָלילע! איינער אַ באָכער טוט אַ זאָג, אַז ער מוז אָנפּאַטשן מוישען (מיך, הייסט עס), מיר אָפּצאָלן פאַר יעכיִעלן. זאָגט שוין יאַנקעווס ברודער ערנסט: אַנו, פּרוּווט אופהייבן אַ האַנט אַף מוישען!.. ווּ איז יעכיִעל? יעכיִעל איז אין גאָרטן, מיט אַ מאַטיגע, ער יעט אויס די בוריאַנעס, דער ראַש גייט אים ניט אָן. איך שטיי דעזאָריענטירט. אין דעם קומט אַרויס פון דער אַלטער שטוב יעכיִעלס פאָטער.

אַ ביסל טאָפּאָגראַפיע. עס זײַנען געווען דאָרטן צוויי שטיבער. די אַלטע שטוב, אַ יערושעדיקע, מיסטאַם פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. צוויי קליינע צימערן מיט אַ קיך. דאָרט האָט מען געקאָכט, געגעסן. דאָרט האָט געוווינט „די באָבע", יעכיִעלס באָבע, נאָר מיר אַלע, וואָס פלעגן אַרײַנקומען, האָבן זי אויך גערופן באָבע. די אַלטע שטוב איז געשטאַנען אַף דעם העכערן טייל פונעם הויף. אויך געווען די נײַע שטוב, דרײַ צימערן פײַנע. דאָרט האָט געוווינט דער ייִנגערער דאָר, יעכיִעלס עלטערן, יעכיִעל און זײַנע ברידער. דאָרט פלעגן אײַנשטיין געסט. און ניט איינמאָל פלעגט אונדזערער איינער זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקן און בלײַבן נעכטיקן.

ווי העכער געזאָגט, עס קומט אַרויס פון דער אַלטער שטוב יעכיִעלס פאָטער, בלײַבט שטיין פאַר דער טיר, באַטראַכט שמייכלענדיק דעם אוילעם און דערזעט מיך.

מיך דערזען, טוט ער מיך אַ רוף צו זיך מיט אַ פינגער. איך גיי צו. און דאָ דערוויסן מיר זיך אַ טשיקאַווע זאַך, וואָס איז טאַקע יענעם טאָג פאָרגעקומען מיט דער קאַץ. שטעלן מיר עס אויף, ווערדליק דער זיקאָרן האָט די געשיכטע פאַרהיט, וואָס דערציילט האָט מיר דער אַלטער מאַסקיל.

— מוישעלע, פאַר דיר האָב איך עפּעס וויכטיקערס, איידער דער קאָנפליקט יאַנקל־יעכיִעל. קום אַרײַן... אונדזער קאַץ האָסטו מיסטאַם געקענט. אונדזער הונט קענסטו אויכעט. די קאַץ האָט געוווינט מיט דער באָבען אין שטוב. דער הונט אין זײַן קאַליבע אַפן הויף. זיי האָבן צווישן זיך געלעבט גאַנץ פרײַנטלעך. די באָבע פלעגט זיי געבן עסן פון איין טעלער. שאָלעם... אַ מוסטער פון גוט־שכיינעשאַפט. די קאַץ איז געלעגן געוואָרן. געהאַט קעצעלעך. די באָבע האָט אוועקגעלייגט אַ ווייך ווערעטקעלע אין קאָרידאָר פאַר דער קימפּעטאָרן און אירע קעצעלעך. מע טראָגט איר צו עסן, אַלצדינג אין אָרדענונג. און הײַנט האָט די קאַץ געמאַכט ערגעץ אַ שפּאַציר, די קעצעלעך ליגן אַליין. די באָבע איז פאַרנומען אין שטוב, פון די יונגע איז קיינער נישטאָ. איז געקומען דער הונט, עס זײַנען אים, ווײַזט אויס, געפעלן געוואָרן די באַשעפענישן, און האָט זיי אופגעפרעסן ביז איינעם, געלאָזט נאָר די סקעלעטלעך. שפּעטער דערהערט די באָבע אין שטוב, ווי די קאַץ מיורקעט עפּעס ניט ווי געוויינלעך. גייט זי אַרויס און זעט: די קאַץ שמעקט אַרום אירע קינדערלעך און מיוקעט, אַז סע רײַסט באַם האַרצן. די באָבע דערציילט, ווי די קאַץ איז צו צו איר און גענומען אַף איר קאָל קלאָגן, אַז ס'האָט איר, דער באָבען, געכאַפּט דאָס האַרץ. וואָס קאָן זי טאָן? זי ברענגט איר אַרויס עפּעס אַ נאַש, ווייל זי באַרויִקן. ווייסעך וואָס. די קאַץ טוט אַפילע ניט קיין שמעק. און פּלוצעם זעט די באָבע: די קאַץ איז אַרויף אַף דעם לייטער און אַזוי שנעל אַפן בוידעם. די באָבע דערהערט, ווי ס'האָט אין דרויסן עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן. זי גייט אַרויס אין דרויסן, דערזעט זי ליגן די קאַץ אַ צענעריקטע. זי האָט זיך דורכן ליוק פונעם בוידעם אַראָפּגעוואָרפן אין הויף אַרײַן, געפאַלן אַף די

שטיינער און זיך דערהארגעט. אינדערוויַיל האָבן מיר אָנגעהויבן קומען אהיים. יעכיעל איז אויך געקומען פון זיַין שפּאַציר. ער דערציילט ניט א וואָרט וועגן זיַין טרעפעניש און וועגן דעם קאָנפליקט. מע שטייט און מע קוקט אָף דער זעלבסטמערדערן. רופט זיך אָן יעכיעל: „איך וועל זיי ברענגען צו קווורע אין איין גרוב אין גאָרטן". און אזוי געטאָן... וואָס זשע זאָגסטו, מוישעלע? איך פרעג דיך: דאַרף מען באשטראָפן דעם הונט? און מענטשן זיַינען דען בעסער?.. און וואָס איז מילכאָמע?

איך האָב גאָרניט געענטפערט. איבערגעלאָזט דעם גאַנצן יאַריד אַפן הויף מיט דעם קאָנ־פליקט יאַקל־יעכיעל. אהיים בין איך געגאַנגען פאַמעלעך. ניט געלאָפן.

איז שוין קיינער פון די דערמאָנטע מער אָף דער וועלט נישטאָ. איך געבליבן דער לעצטער. און די פראַגע פונעם אלטן מאסקיל: „זאָל מען באַשטראָפן דעם הונט?" — האָט מיט דער ציַיט געקראָגן א שאַרפערן זין. וואָס איז דער דאָזי־קער הונט, דערצו א הינטל, ווי אין א ייִדישער שטוב. און ער איז שוין מיסטאָם א יאָר זעכ־ציק אָף דער עמעסער וועלט. וואָס איז ער אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס מיר, מענטשן, האָבן געהאַט ארום זיך אין לעבן?

האָב איך די געשיכטע ארויסבאַפריַיט פון זי־קאָרן. איך שעם זיך צו זאָגן, נאָר מוז עס זאָגן: — זאָל עס זיַין אָן אָנדענק וועגן דער מאַמע־קאַץ, דער ייִדישער קאַץ.

3

## צווישן „דו" און „איר"

דער שריַיבער יוסעף ראבין פרעגט מיך אין א בריוו, צי מיר זיַינען אָף „דו" צי אָף „איר". ער געדענקט נישט. האָב איך, דער אין יאָרן עלטערער, געלאַכט. וואָס פאַר א באַדיַיטונג קאָן עס האָבן בא מענטשן, וועלכע פאָרן שוין אָף די הויכע ציגן? אָבער שטייט א וויַילע. אונד־זער הײַנטיקן לייענער איז דאָס אלטע ווערטל אָדער וואָרט־שפּיל מיסטאָם ניט באַקאַנט. עס שטאַמט פון יענע צײַטן, ווען מע פלעגט שרײַבן: פער־ציג, פופ־ציג, און אזוי וויַיטער. הײַנט שרײַבט מען פער־ציק (מיט א קוף) און אזוי וויַיטער. דעמלט פלעגן אמאָל ווערטל־ליבהאָבער זיך ווערטלען: אז מע כאַפּט זיך ארויף אָף די הויכע „ציגן", פופציג, זעכציג, זי־בעציג. איך מיט יוסעף ראבינען פאָרן שוין אָף די הויכע, איך א ביסל העכער, ער וועט אָניאָגן.

די פראַגע האָט אויך א וועק געטאָן דעם זי־קאָרן, און עס איז מיר אָף א פּאָר מינוט גע־וואָרן פריילעך. א קליינינקיַיט, איך בין ייִנגער געוואָרן מיט א קנאַפּע אכט און זעכציק יאָר!..

אכט און זעכציק יאָר... ווו זיַינען זיי אהינ־געקומען? אָט ערשט נעכטן איז עס, דאַכט זיך, געווען. איך בין שוין צו מאַזל אויך מיט א היטל מיט א הערב. א הערב פון א טשאַסטנע גימ־נאַזיע, אָבער דאָך א הערב. קאָניקולן. כ'דאַרף אהיימפאָרן פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק אין מײַן בעסאַראַבער היימשטאָט ליפקאַן. די הויפּט־שטאָט פון פּאָדאָליען האָט נאָך נישט קיין באַן. אז מע דאַרף ערגעץ פאָרן וויַיט מיטן באַן, מוז מען פאָרן מיט פערד ביז קיין לאַרגע (אין בעסאַראַביע), א סטאַנציע פאַר ליפקאַן. בין איך זיך מעיאַשעוו, אָנשטאָט צו פאָרן מיט פערד קיין לאַרגע, וועל איך פאָרן קיין זוואַניץ (זשוואַניץ), א שטעטל באַם דניעסטער, זיך אריבערשיפן קיין כאָטין. דאָרטן האָב איך קרוי־וים פון מיַין מאַמעס מישפּאָכע. פון כאָטין קיין ליפקאַן גייען יעדן טאָג באַלעגאָלעס. ס'איז אויך א פינף און דריַיסיק קילאָמעטער. אָבער דער הויפּט־מאָטיוו פון דער ריַיזע איז — זוואַ־ניץ. כ'האָב געדענקט, אז ווען מיַין מאַמע מיט איר עלטערער שוועסטער פלעגן ריידן וועגן זייער ייִכעס, פלעגט פּאָדאָליע זיַין זייער שטאָלץ, זייער ייִכעס־אָרט פון דער באָבעס צאַד. און די כראָניק פון דעם ייִכעס האָט גע־פירט א זוואַניצער קרויווע כיַיע־צעסל... די באָ־בע האָט שוין דעמלט ניט געלעבט, אויך ניט מיַין מאַמע, וועלכע כ'האָב פאַרלוירן פונקט ערעוו אָנהייבן לייגן טפילן. און איך האָב זי שטאַרק ליב געהאַט... וויל איך אראָפּפאָרן קיין זוואַניץ, איך וויל אליין הערן, אין וואָס באַ־שטייט דער שיר ניט לעגענדארער ייִכעס.

אראָפּגעקומען מיט מיַין רענצל אָף דער פּיאַ־קער־בערזע, טרעף איך א זוואַניצער פּיאַקערל. ער האָט געבראַכט פאַרשוינען קיין קאַמענעץ און וואַרט אָף פאַרשוינען צוריק. ער האָט אָבער נאָר איין פאַרשוין, א זוואַניצער ייִדענע. מיט מיר איז צוויי, ער קאָן פאָרן. מיך — דעם הויפּט־פאַרשוין מיטן גימנאַזיסטישן היטל מיטן הערב — באַזעצט ער אויבנאָן, די ייִדענע אנט־קעגן... מיר פאָרן. ניט געיַילט, ניטאָ וואָס צו איַילן זיך.

מיַין וויזאַווי־ייִדענע באַטראַכט מיך נײַגעריק. עפּעס קום איך איר אויס פרעמד, און זי ווענדט זיך צו מיר:

— איר זענט ניט קיין זוואַניצער...

איך באַשטעטיק.

— פונוואַנען זענט איר?

— פון ליפקאָן.

— פאָרט איר אַהיים. וואָס זשע פאָרט איר קיין זוואַניץ?

— איך וויל מיך באַקאַנען מיט מײַן מאַמעס מישפּאָכע.

— וועמען האָט איר אין זוואַניץ פון אײַער מאַמעס מישפּאָכע?

— דאָרט וווינט מײַן מאַמעס אַ פּלעמעניצע, אַ כאַטינער, נאָר זי וווינט אין זוואַניץ. און איך ווייס פון אַ קרויווע, כײַע־צעסל.

דערהערט דעם נאָמען כײַע־צעסל, האָט די ייִדענע, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צײַט אײַנגעבויגן, זיך געטאָן אַ גלײַך אויס און פרעגט:

— וויאַזוי הייסט אײַער מאַמע?

— מײַן מאַמע איז געשטאָרבן צוריק מיט פיר יאָר. זי האָט געהייסן פרומע.

— פרומע?.. און ווי האָט געהייסן די באָבע?

— די באָבע האָט געהייסן הינדע.

דאָ האָט זיך די ייִדענע שוין אינגאַנצן אויסגעגלײַכט און מאַכט צו מיר:

— ביסט, הייסט עס, הינדע פּיטיעס אַן אייניקל? דו ווייסט, ווער דײַן באָבע איז געווען?

דאָס איז געזאָגט געוואָרן שאַרף, מיט טאַקיפעס... דער איבערגאַנג פון „איר" אַף „דו" איז מיר אויסגעקומען קאָמיש. דער „איר" אויסן מויל פון אַ ייִדענע, וואָס האָט מיר געקאָנט אָנקערן אַ באָבע, איז מיר געווען פריקרע. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז צוליב דעם הערב אַף מײַן גימנאַזיסטישן היטל. כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער, דעם הערב. אָבער אַז איך בין הינדע פּיטיעס אַן אייניקל, בין איך שוין אַ נאָענטער, אַן אייגענער, דאָ קומט שוין דער „דו". אינדערווײַל האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מײַן באָבע האָט אויך געהאַט אַ מאַמע, פּיטיע.

און אַז מיר האַלטן שוין אַזוי ווײַט, עפּשער וועסטו, כאַווער לייענער, מיר צוליב טאָן און דערלאָזן מיט מיר אינײנעם, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאַניידן. און אויב ער איז פאַראַן, איז דאָרטן מײַן באָבע, אַ וווּנדערלעכע מײַסעס־דערציילערין, אַ קישעף האָט געשטעקט אין איר דערציילן. און זי דערציילט דאָרטן מײַסעלעך די אומגעבראַכטע ייִדישע קינדערלעך. אײַ... נאָר גענוג. דו מוזט, כאַווער לייענער, אָפּאָטעמען. עס איז שווער? מיר איז אויך ניט גרינג. לאָמיר אָטעמען אינײנעם.

4

## אַף די וועגן פון ייִדישן לאָשן

די פּאָלעמיק צווישן פרײַנט עליע פאַלקאָוויטש און כאַווער זאַבאַרע אין שײַכעס מיט דער שפּראַך אין כאַווער זאַבאַרעס ראָמאַן „דער טאָג איז נאָך גרויס" איז פאַר מיר — און מיסטאָם בין איך ניט דער אייניציקער — געווען זייער אינטערעסאַנט. דער גוירל פון ייִדישן לאָשן איז לאַנג פאַרבונדן מיטן גוירל פון ייִדישן פאָלק. מיטן פאַרטיליקן די גרעסטע מערהײַט פון ייִדישן פאָלק, ווײַל די אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן (לויט מײַן כעזשבן מערער) זײַנען געווען דער רוקנביין פונעם פאָלק, האָט מען אויך דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דעם לאָשן, אַף וועלכן די מערהײַט האָט זיך אויסגעלעבט.

און דעריבער מוז די פראַגע וועגן אָט דעם פאָלקס־לאָשן שטיין שאַרף פאַרן שרײַבער, וועלכער שרײַבט און שאַפט אַף דער שפּראַך. עס איז אַ פראַגע פון גרויס אַכרײַעס.

דאָס ייִדישע לאָשן האָט זיך, ווי באַוווּסט, געבילדעט אַפן גרונט פון אַ דײַטשישן דיאַלעקט, אָפנעמענדיק און זיך צונויפגיסנדיק מיט העברעיִשע עלעמענטן און שפּעטער אויך מיט סלאַווישע און אַנדערע, אָפּהענגיק פונעם אַרום, ווו ייִדישע מאַסן האָבן געלעבט. אָבער דאָס אָפנעמען נײַע פרעמדע עלעמענטן מוז געמאַכט ווערן זייער פאָרזיכטיק, מיט גרויס געשמאַק. די צאָל ייִדיש־לייענער איז הײַנט מערער ווי די צאָל ייִדיש־ריידנדיקע. די ייִדיש־ריידנדיקע לערנען הײַנט די שפּראַך פונעם לייענען, די געשריבענע שפּראַך. פאַלט אַ כויוו אַפן שרײַבער צו זײַן זייער געוואָרנט, ניט צו מאַכן פון דער, מע מעג זאָגן, מיט בלוט און ליידן אויסגעפורעמטער שפּראַך אַ זשאַרגאָן... מע מוז פאַרמאָגן שפּראַך־געפיל באַם אַרײַנפירן נײַע ווערטער און באַגריפן. דאָס הייסט ניט, אַז מע דאַרף אינגאַנצן אויסמײַדן, אַשטייגער, העברעיִזמען, באַזונדערס אַזעלכע, וועלכע זײַנען שוין געווען באַנוצט אין דער לעבעדיקער שפּראַך און געוואָרן אַרכאַיִזמען, ווי עס פּאַסירט אין אַלע שפּראַכן; אָדער ווערטער און באַגריפן, גענומענע פון אַנדערע שפּראַכן. מע דאַרף עס אָבער טאָן זייער באַטראַכט און וויסן ווו און ווען און וואָס צו באַנוצן.

איך וועל מיר דערלויבן צו ברענגען צוויי בײַשפּילן פון אייגענער דערפאַרונג. ערשטער בײַשפּיל. אין אַן אַרטיקל „אינטימע נאָטיצן" אין שײַכעס מיט דער היסטאָרישער לענין־דאַטע, האָב איך געשריבן, אַז כ'האָב אַ שוואַכקײַט צו ענגעלסן צוליב זײַן סטיל. דאָס וואָרט „סטיל" איז דאָרט אַפן אָרט. דער באַגריף „סטיל" נעמט פיל אַרום און שליסט אויך אײַן מײַן קאַוואָנע, אָבער פריִער האָב איך געצווייפלט, ווײַל אַן אַנדער וואָרט האָט פּרעטענדירט. דאָס וואָרט איז אין מײַנע יונגע יאָרן געווען באַוווּסט יעדן גראַמאָטנעם ייִדן און אויך ווילקענעוודיקע ייִדענעס. דאָס וואָרט — האַסבאָרע (אין העברעיִש הסברה). געוואָלט שרײַבן, אַז איך באַ־

וונדער בא ענגעלסן זײַן טאַלאַנט פון האסבאָרע. האסבאָרע, און דערפון דעם אויסדרוק „מאסביר זײַן אַן איניען" (העבּרעיִש: מסביר) קאָן מען פאַרטײַטשן: פּאָפּוליאַריזירן, מאַכן פאַרשטענדלעך, קלאָר. עס איז אָבער מער. אין האסבאָרע איז אויך אײַנגעשלאָסן דער עלעמענט פון לאָגיק און איבערצײַגעוודיקײַט. פאַראַן אויך אין דעם באַגריף אַן אָנדײַטונג אָף אויסברייטערן און פאַרטיפן. האסבאָרע איז שוין טאַלאַנט!

אָבער איך בין געווען אין א ספק (צווייפל), צי וועט דער מערהײַט הײַנטיקע לייענער זײַן באַוווּסט דאָס וואָרט און זײַן גאַנצער ברייטער טײַטש, און ניט נאָר דעם לייענער, נאָר אויך דער מערהײַט פון מײַנע ייִנגערע קאָלעגן. עס זאָל ניט באַטראַכט ווערן, ווי עפּעס א שפּילן זיך מיט העבּרעיִשע ווערטער, אָט בין איך א לאַמדן!.. און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער האסבאָרע און געשטעלט — סטיל. עס טוט מיר ניט באַנק. עס טוט מיר נאָר ווײ, וואָס אַזעלכע אַמאָל באַם פאָלק באַוווּסטע ווערטער, וועלכע האָבן נאָך רײַכער געמאַכט דעם געדאַנק, זײַנען פאַרגעסן.

צווייטער בײַשפּיל. שוין פון גאָר אַן אַנדערער נאַטור. דאָ טוט מיר באַנק, פאַרוואָס אַן אויסדרוק איז ניט אַרײַנגענומען געוואָרן אין לעבעדיקן שפּראַך־אויצער און מעמיילע אין דער ליטעראַטור. דער אויסדרוק פאַרפאָלגט מיך דורך א גאַנצן לעבן. עס איז א געשיכטע פון קאָרעוו צו אַכציק יאָר.

אין מײַנע קליין־ייִנגל־יאָרן האָב איך געהאַט א שוואַכקײַט זיך צו דראַפּען דאָרטן, ווו עס זײַנען געזעסן אַלטע ייִדן. באַזונדערס פלעג איך דערקוטשען די עטלעכע זקיינים, וועלכע פלעגן זיצן בא דער וואַנט פון דער הרובע אין דער סטרעלעצקער קלויז, ווו מײַן טאַטע האָט געדאַוונט. פון די זקיינים זײַנען מיר צוויי פאַרבליבן אין זיקאָרן. איינער האָט געהייסן בערל לייבושעס און דער צווייטער, גאָר א טיפער זאָקן, אידל נאַפּטאָלעס.

צו אידל נאַפּטאָלעס, געדענק איך, פלעגן אַמאָל קומען ציטעריקע מאַמעס פאַרקויפן א זונדעלע, אָפּיציִעל האָט עס געהייסן: א צאַפּיקל. אויב א מיידעלע, האָט עס געהייסן א ציגעלע. ער האָט געהאַט א כאַזאָקע, אַז בא אים האָט זיך קיינמאָל ניט געפעלט ניט קיין קינד, ניט קיין אייניקל. באַם פאַרקויף פלעגט די ייִדענע ברענגען א פלעשל בראַנפן אָדער א פלאַש ווײַן, און דער קויפער פלעגט אַרויסשלעפן פון קעשענע א גריוונע און באַצאָלן פאַרן צאַפּיקל אָדער פאַרן ציגעלע.

און איך פלעג מיך דראַפּען אָף דער באַנק, פאַר א נויט אָפן טיש. בערל לייבושעס איז געווען א בייזער. האָט ער איינמאָל אָף מיר שטאַרק אָנגעשריגן. אידל נאַפּטאָלעס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זײַן סייפער, א שמייכל געטאָן, באַרויִקט זײַן שאָכן און א זאָג געטאָן:

— מע דאַרף אים לערנען מאָרעס...

דער אויסדרוק איז מיר אַרײַן אין קאָפּ, דאָרט פאַרבליבן און געמאָנט זײַן פּיירעש. אין עטלעכע יאָר אַרום בין איך אַרײַן טיף אין דער געמאָרע, און אָט קומען מיר איבער אַן אויסדרוק: „קיבל עליו מרות" (קיבל אָלאָוו מאָרוס). וויִאַזוי מיר האָבן דעמאָלט מיטן רעבן פאַרטײַטשט, געדענק איך ניט. הײַנט וואָלט איך געטײַטשט: גענומען איבער זיך עמעצנס אויטאָריטעט, אָדער: גענומען אָף זיך דיסציפּלין. הייסט עס, אָט דאָס מיינט דער פּאָסעק. עס קומט מיר אָבער ניט גוט אויס מיטן אַרויסזאָג. פונעם אַלטן האָב איך געהערט: „מאָרעס" מיט א שאַרפן ליטווישן „אָ" (ווי אין רוסיש אָדער לאַטײַן די „אָ") און אין דער געמאָרע האָט דער רעבע מיט אונדז דאָס וואָרט „מרות" אַרויסגעזאָגט אָף בעסאַראַבער דיִאַלעקט „מורעס"... עפּעס קלינגט דאָ נישט.

אָף א צײַט פאַרגעסן. נאָך עטלעכע יאָר פאַרבײַ. אויס געמאָרע, בין שוין אַרײַן טיף אין גימנאַזיִאַל־קורס. לערן לאַטײַן. איך דערוויס זיך פון ציצעראָנס גוואַלד־געשריי: אָ טעמפּאָראַ, אָ מאָרעס! O tempora! O mores! (אָ צײַט! אָ זיטן!). דאָס מיינט דער פּאָסעק! אָבער ווי קומט דער לאַטײַנישער מאָרעס צום זאָקן אידל נאַפּטאָלעס אין דער סטרעלעצער קלויז, אין ליפּקאַן?

פאַרגאַנגען נאָך א פּאָר יאָר. איך בין א לערער אין א שטעטל אין מיטל־בעסאַראַביע. איך גרייט ייִדישע כעוורע צו פּאָסטופּען. כ'גיב אָן אוראָק אויך אין א שטוב, ווו ס'איז א באַלעבאַטישע ווײַנשענק. און איינמאָל הער איך, ווי דער באַלעבאָס פון שענק טוט א זאָג אינמיטן א שמועס מיט עמעצן: „מע דאַרף אים לערנען מאָרעס". פרעג איך: „וואָס איז דאָס? ווי קומט עס צו אײַך?" דערקלערט ער מיר: בײַשכיינעס מיטן ייִדישן ייִשעוו איז פאַראַן א שוואַבישע קאָלאָניע. דער פּאָמעשטשיק, וואָס האָט אָף זײַן ערד באַזעצט די ייִדן, האָט אויך באַזעצט א צאָל שוואַבן. די שוואַבן קומען אָפט אין באַציִונגען מיט די ייִדן און אויך אויסטרינקען א שטאָף ווײַן. האָט ער פון זיי געכאַפּט דעם אויסדרוק.

בלײַב איך שוין ווידער דעזאָריִענטירט און פאַרגעס. גייט אוועק עטלעכע צענדליק יאָרן. ערגעץ אָנהייב פופציקער יאָרן קומט מיר צו די הענט א ווערק פונעם באַוווּסטן דײַטשישן אַנטיפאַשיסטישן שרײַבער ווילי ברעדעל; און באַגעגן דאָרט, באַנאַנד מיט אונדזער היימישן „שלימאַזל", אויך דעם אויסדרוק „לערנען מאָרעס". אָבער דיִאַלעקטאַל. אַן אַלטע פרוי רעדט

און באַנוצט די אויסדרוקן. דערמאָן איך זיך אינעם זאָקן אידל נאַפּטאָלעס. קער זיך די דײַטשקע ניט אָן מיט יענעם, לאָמיר זאָגן א מעכוטענעסטע?.. און פאַרגעס ווידער. ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר, לייענענדיק א ליד פון מײַן, הײַנט ווײַט אָפּגעשיידטן, כאַווער יאַנקעוו שטערנבערג, אין וועלכן דער פּאָעט זאָגט שאַרף אַרײַן די ייִדישע שרײַבער פון אויסלאַנד, וועלכע האָבן זיך באַקערט צו גאָט (דער פּאָעט רופט זיי: „גאָטיסטן״), און דערמאָנט זיי דעם געבאָט פון די צען געבאָטן: לא תשא שם יהוה אלוהיך לשוא (זאָלסט ניט אַרויסזאָגן דעם נאָמען פון יעהאָוואָ דײַן גאָט צום פאַלשן) איז מיר אַרויסגעשוווּמען יענער אויסדרוק, איך האָב מיך צעלאַכט, און אין געדאַנק געזאָגט: יאַנקעוו! דו לערנסט מאָרעס!..

דאָס מאָל האָב איך שוין געעפנט א בוך פון אַלט־דײַטש און געפונען: „לערנען מאָרעס״. דער אויסדרוק איז אין פּופצנטן יאָרהונדערט אַרײַן פון לאַטײַן אין דײַטש, אָבער געוואָרן אַן אַרכאַיִזם, ווערט נאָר געניצט דיִאַלעקטאַל.

טוט מיר באַנק, וואָס דער־אָ אויסדרוק איז ניט אַרײַן אויך אין ייִדישן פאָלקס־לאָשן און פון דאָרטן אין דער ליטעראַטור. עמעס, פאַראַן דער אויסדרוק „לערנען דערעכערעץ״, עס איז נאָענט, אָבער ניט אינגאַנצן דאָס זעלבע. „לערנען מאָרעס״ — דערזע איך פאַר מיר א בייזן רעבן מיט א טײַטל און מיט א קאַנטשיק...

לאָמיר זיך אומקערן צו כאַווער זאַבאַרעס ווערק און צו דער פּאָלעמיק פון כאַווער פאַלקאָוויטש, ריכטיקער, זײַנע טײַנעס צום אווטאָר.

איך דערקלער מיר כאַווער זאַבאַרעס ווענדן זיך צוריק אַף אַזאַ ווײַטן מעהאַלעך אין געשיכטע מיט דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון א ייִדישן שרײַבער נאָך די שווערע געשעענישן, וואָס די צווייטע וועלט־מילכאָמע האָט באַזונדערס אונדז, אונדזער פאָלק, געבראַכט. אַלצדינג, וואָס איז געוועזן פאַר די געשעענישן, מוז באַטראַכט ווערן ווי פאַרגאַנגענהײַט. און אויב פאַרגאַנגענהײַט, פאַרוואָס ניט נעמען א ווײַטע, גאָר אינטערעסאַנטע, ווו מע קאָן אויך שעפּן א ביסל טרייסט, א ביסל זיכערקײַט אין קיִעם... עס איז דער צוועלפטער יאָרהונדערט, עס איז נאָך ווײַט פאַר ייִדיש־לאָשן. איז נאַטירלעך, לויט מײַן מיינונג און לויט מײַן קוק, אַז דער העברעיִשער אָדער, ריכטיקער, דער לאָשנקוידעש־עלעמענט זאָל דאָ פאַרנעמען א וויכטיק אָרט. שוין דער טיטל פונעם ווערק זאָגט עס אונדז „דער טאָג איז נאָך גרויס״... עס איז א ציטאַט פון כומעש, פון פּאַרשע „ויצא״. יאַנקעוו אַנטלויפט פאַר זײַן ברודער אייסעוו. ער קומט צו א ברונעם, טרעפט דאָרטן זיצן פּאַסטעכער. כידעשט ער זיך און פרעגט: עוד היום גדול! דאָס הייסט: ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג, טרינקט אָן אײַערע טשערעדעס, און גייט פּאַשען...

דער ציטאַט אַלס טיטל פונעם ווערק איז געוויס גענומען מיט א באַשטימטער קאַוואָנע, ווי מיר האָבן העכער געזאָגט.

און דערמיט דערקלערט זיך אויך די גרויסע צאָל העברעיִזמען. איך וועל מיך דאָ אָפּשטעלן אַף איין וואָרט: תחבולות. פאָרמעל איז פאַלקאָוויטש גערעכט מיט זײַנע באַמערקונגען. אָבער איך פאַרשטיי אויך דעם אווטאָר. דאָס וואָרט תחבולות איז ניט סטאַם מיטלען, נאָר פאַרמאָגט אין זיך די עלעמענטן פון ערמה (אָרמע, כיטרעסט) און רישעס.

* * *

שטעלן מיר דאָ א פּונקט. עס קאָן אונדז ווײַט פאַרפירן.

און אין פענצטערל פון מײַן ניט־יונגן קאָפּ קלאַפּן זיך אַנדערע פאַרצייכענונגען, מאָנען זייער (א העברעיִזם!), זייער תיקון (טיקן).

# מאָטל טאַלאַלאיעווסקי

# געקניפּט און געבונדן

ראָמאַן

## 6. אומדערוואַרטע באַגעגעניש

דער מאָנטאַזש פון די נײַע דרײַ קוילן־קאָמבײַנען, וועלכע מע האָט צוגעשיקט פאַר דער שאַכטע „ניצאָכן", האָט בײַ יעגאָר דובאָוון צוגענומען דעם שלאָף. אים איז געווען אַ ווייטעק און אַ ביזאָיען: וואָס הייסט, אַ מענטש מיט העכערער בילדונג, אַ מענטש, וואָס ווייסט די נײַע טעכניק בעסער ווי זיך אַליין, זאָל זיך ניט קאָנען ספּראַווען מיט דער גאַנץ איינפאַכער קאָנ־סטרוקציע פונעם קאָמבײַן!

— וואָס ביסטו אַזוי דערשלאָגן?! — האָט אים נאַדיע געפרעגט. — דו ביסט דאָך ניט מע־כויעוו וויסן מערער פונעם אינזשעניער, וואָס פאַרנעמט זיך ספּעציעל מיטן מאָנטאַזש...

— מעכויעוו — ניט מעכויעוו... — דובאָוו האָט ווידער אַרויסבאַקומען זײַנע אַלטע העפטן מיט די צייכענונגען, פאַרטיפט זיך אין די קאָנספּעקטן, ווידער און ווידער איבערגעבלעטערט זײַן דיפּלאָם־פּראָיעקט, וואָס האָט, אייגנטלעך, ניט געהאַט קיין שום שײַכעס צו דער נײַער קאָנסטרוקציע פונעם באַרג־קאָמבײַן. ער האָט געמיינט, עפּשער וועט דאָס אים צוניץ קומען, עפּשער אונטערזאָגן, וואָס ער האָט צו טאָן, קעדיי אויסמײַדן דעם ביזאָיען פאַר זײַנע געהילפן און פאַרן אינזשעניער.

בלעטערנדיק דעם דיפּלאָם, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָפן קאַפּיטל, געווידמעט דער פּראָ־בלעם פון דער עלעקטראָ־אויסשטאַטונג פונעם באַצירק. גראָד דאָ, אַף דער שאַכטע „ניצאָכן", איז אים אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט אַזאַ באַצירק. ווען ער איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ גרויסער שאַכטע, ווען מע פאָדערט ניט פון אים אויספילן די אַלץ שטײַגנדיקע פּלע־נער, וואָלט דובאָוו אַליין טאָגטעגלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער לאַווע, זיך געשטעלט צום קאָמבײַן... און עפּשער דאַכט זיך עס אים, אַז אַלץ איז אַזוי פּראָסט און פּאָשעט.

באַזונדערס האָט יעגאָרן ניט געלאָזט צורו די נאַכלעסיקע באַציִונג פון אייניקע שאַכטיאָרן צו דער עלעקטראָ־לייטונג. ווער־ווער, נאָר דובאָוו האָט גוט געוווּסט, ווי פאָרזיכטיק מע מוז זײַן מיט דער עלעקטראָ־אויסשטאַטונג אונטער דער ערד, וואָס פאַר אַ געפאַר עס לויערט איבער יעדן איינעם, ווער עס באַציט זיך לײַכטזיניק צום עלעקטראָ־שטראָם, וואָס פליסט, ווי דאָס בלוט, אין די שוואַרצע אָדערן פונעם אונטערערדישן קאַבעל.

די נײַע קאָמבײַנען, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַ זייער קאָמפּליצירטע עלעקטראָ־אויס־שטאַטונג, האָבן געפאָדערט באַזונדערע אַכטונג. די מינדסטע נאַכלעסיקײַט, דער קלענסטער בלויז ווערט אין אַזעלכע פאַלן באַשטראָפט מיט איין קורצן וואָרט: טויט. וועגן דעם האָט

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11, 1974.

יעגאָר דובאָוו אויף יעדן שריט און טריט געוואָרנט אַלע די, וואָס האָבן זיך גענומען איינשטעלן די נײַע מאַשינעס, און די, וועלכע וועלן אַרבעטן אויף זיי.

פֿון די מאַשין האָט ליב ניכטערע הענט, — האָט דובאָוו שטענדיק געוואָרנט.

— הענט קאָנען דען זײַן שיקער? — האָבן זיך געוויצלט די כעוורע.

— שיקער קאָנען זײַן די, וועלכע פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן „פּעטערל מאַזל"... און דער פּעטער מאַזל איז ניט גאָר קיין פֿײַנער קאַרעוו.

א גאַנצע וואָך האָט קאָסטיע מיט זײַנע כעוורע, ווי אויך דער אינזשעניער פֿון דאָניעצק, זיך ניט צוגערירט צום ביטערן טראָפּן. דאָס האָט בעפּייערעש געפּרייט דעם שעף פֿון דער שאַכטע „ניצאָכן". נאַדיע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער ליכטיקער מינוט, ווען איר יעגאָר וועט קומען אַהיים און מיטיילן, אַז די קאָמבײַנען אַרבעטן שוין. זי האָט געהאָפֿט, אַז נאָך דעם וועט ער א ביסל פֿריילעכער ווערן און בא זיי אין שטוב וועט ווידער זײַן ווי געוויינט, פֿול מיט געמיטלעכקײַט, מיט פֿרייד, מיט ליבע. נאָר הײַנט איז יעגאָר געקומען נאָך א מער אויפֿגעבראַכטער.

— וואָס האָט שוין ווידער געטראָפֿן, יעגאָר?

— דערווײַל נאָך גאָרניט.

— און וואָס דאַרף באַטײַטן דער „דערווײַל"?

— דו ווייסט דאָך גאָרניט!

— וואָס, צום בײַשפּיל?

נאַדיע האָט דערלאַנגט די וועטשערע, זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען וואַרטן אויף זײַן ענטפֿער.

— דו וועסט א מיליאָנערשע, — האָט ער זיך אומגעריכט צעשמייכלט.

— איך ווער ערשט? — האָט אים נאַדיע געענטפֿערט. — איך בין שוין לאַנג א מיליאָ־נערשע!

— הייסט עס, ווייסטו שוין?!

— דו פֿרעגסט נאָך! שוין באַלד צוויי יאָר, אַז איך ווייס דאָס!

— דו רעדסט דאָס ערנסט?

— אַזאַ מאַן, ווי דו, ווערט בא הײַנטיקע צײַטן אָפּגעשאַצט ניט ווייניקער פֿון הונדערט מיליאָן!

— א גרויסן דאַנק דיר פֿאַר אַזאַ הויכער אָפּשאַצונג, נאָר אויב ערנסט, איז זײַ וויסן, אַז הײַנט איז אין קאָמבינאַט אָנגעקומען אַן אָפֿיציעלע מיטיילונג, אַז איינער דײַנער א קאַ־רעוו, וועלכער וווינט אין קאַנאַדע, אַגעוו, איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו האָסט אַזאַ קאָרעוו, איז אָט, אָט דער קאָרעוו דײַנער האָט איבערגעלאָזט פֿונדײַנעטוועגן א היפּשע יערושע...

— פֿונמײַנעטוועגן?.. א קאָרעוו?..

— יאָ! פֿונדײַנעטוועגן! און אַז די באַוווּסטע יורידישע קאָנטאָר „בלעקסאָן און זון" זוכט דיך איבער דער גאַנצער וועלט, קעדיי איבערגעבן דיר די יערושע אויף א געזעצלעכן אויפֿן.

— אויף א געזעצלעכן אויפֿן? — האָט נאַדיע זיך שיר ניט צעלאַכט.

— „בלעקסאָן און זון" — די באַוווּסטע יורידישע קאָנטאָר פֿאַרנעמט זיך ניט מיט קיין שפּאַסן. זיי, אויב זיי זוכן שוין...

— דו לאַכסט?! — איז שוין נאַדיע געוואָרן ערנסט.

— א פֿײַנער געלעכטער! — האָט יעגאָר אָפּגערוקט דעם טעלער. — מע האָט מיר הײַנט געקלונגען פֿונעם קאָמבינאַט... „ווי קומט עס צו דיר אַזאַ רײַך ווײַב, יעגאָר?!" — האָט מיך געפֿרעגט דער נאַטשאַלניק.

— וואָס זשע האָסטו אים געענטפֿערט, אויב דאָס איז ניט קיין שפּאַס?

— ניט וויכטיק, וואָס איך האָב אים געענטפֿערט, וויכטיקער איז אַצינד, וואָס טוט מען מיט דער יערושע?

— מיט וועלכער יערושע? הער מיך אויף שרעקן.

— איך שרעק דיך ניט. איך זאָג דיר דעם ריינעם עמעס.

איצט האָט שוין נאַדיע פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין שפּאַס — יעגאָר האַלט ניט פֿון אַזעלכע שפּיצלעך. דערצו נאָך אַצינד, ווען די קאָמבײַנען האָבן אים אַזוי פֿאַרקלאָפּט דעם קאָפּ. זי האָט זיך צוגערוקט צו אים און אַרופֿגעלייגט איר פּולבלעכע האַנט אויף זײַן אַקסל:

— אויב דאָס איז ניט קיין שפּאַס, ניט קיין מיספֿאַרשטייעניש, יעגאָר, וועלן מיר זיך יאַקאַס געבן אַן אייצע!

נאַדיע איז ניט געוועזן פֿון די, וועלכע זײַנען עמעצן מעקאַנע געוועזן אויף רײַכקײַט.

אפילו ווען ס'איז איר אויסגעקומען זײַן בא יענעם און ניט האָבן קיין אייגענעם גראָשן בא דער נעשאָמע, האָט זי אויך ניט געצויגן זיך צו רײַכקײַט.

נאַדיע האָט גוט דערפילט דעם טאַם פון נויט. זי האָט אָבער אויך פאַרגעדענקט דעם טאַטנס א גלײַכװערטל: „ווייניקער מיט א ביסן, אבי ריין דער געוויסן!".

עס איז בא איר צו אָפט געווען „ווייניקער מיט א ביסן"... ווען זי איז געווען א דינסט, האָט זי בלויז געטראַכט, ווי ווערט מען פּאַטער פון דער אונטערטעניקײַט, פון מוזן צופּאַסן זיך צו דעם באַלעבאָס, נויסעכיין זײַן בא אים, ער זאָל זי ניט אַרויסטרײַבן אַף דער גאַס.

זי איז בלויז מעקאַנע געווען דעם, ווער עס האָט פאַרמאָגט א רײַכע ביבליאָטעק. זי וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי דער באַלעבאָס האָט אַף איר זיך צעשריגן, ווען זי האָט אָן זײַן דערלויבעניש גענומען א בוך פונעם שראַנק, וואָס איז פול־געפּאַקט געווען מיט אלטע ספאָרים, און, זיצנדיק לעבן דעם אײַנגעשלאָפענעם קינד, איינדערשטיל געלייענט. „איך וועל דאָך אים ניט קאַליע מאַכן", — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַרן באַלעבאָס. „ס'איז ניט פאַר דײַן קאָפּ געשריבן געוואָרן! — האָט ער אַרויסגעריסן דעם בוך פון אירע הענט. — און פאַרגעס ניט, ווער דו ביסט!"

אלעמאָל, ווען זי נעמט אָן אלטן בוך אין די הענט, דערמאָנט זי זיך אין יענעם סייפער און דאָס גוואַלדעווען פונעם באַלעבאָס.

די יעדיִע, אַז זי איז פּלוצעם רײַך געוואָרן, האָט נאַדיען ניט זייער דערפרייט. יעגאָר האָט איר דערציילט, ווי דער שעף פונעם קוילן־קאָמבינאַט האָט אים א פרעג געטאָן:

— ווער איז ער, דער פאַרשטאָרבענער קאָרעוו?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — האָט יעגאָר אָפּגעענטפערט. — זי האָט מיר וועגן אים ניט דערציילט.

אייגנטלעך, האָט זי ניט געהאַט וואָס צו דערציילן, ווײַל איר טאַטע האָט קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגן אים, דעם ווײַטן קאָרעוו, וואָס איז גלײַך נאָך דער ערשטער וועלט־מיל־כאָמע אַנטלאָפן פון קעשענעוו, זיך גאַנץ גוט אָנגעבידעוועט אין דער ווײַטער קאַנאַדע, ביז ער האָט געפונען עפּעס א רײַכע קאַלע, אַף צוואַנציק יאָר עלטער פון אים, און ער איז אומגעריכט געוואָרן א מיליאָנער. וועגן אָט דעם האָט נאַדיע און יעגאָר זיך דערוווּסט ערשט נאָכדעם, ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיטן פאַרשטייער פון דער יורידישער קאַנטאָר פון „בלעקסאָן און זון". בא זיי איז די גאַנצע לעבנס־געשיכטע געווען געגוי פאַרשריבן פון אלעף ביז טאָף.

די ערשטע האָט וועגן דער גרויסער ירושע זיך דערוווּסט טאַסיע קאָסטיוקאָווא, דובאָווס געוועזענע קאַלע, וועלכע האָט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג ניט אויפגעהערט זיך אינטערעסירן מיט אלץ, וואָס האָט צו אים א שײַכעס. ווען מע לאָזט זי, וואָלט זי באַשריבן זײַן לעבן א סאַך ברייטער און טיפער, ווי ער אליין וואָלט דאָס געקאָנט טאָן. אלץ, פון וואָס דובאָוו האָט לאַנג שוין פאַרגעסן, האָט טאַסיע געוווּסט און געדענקט. ווי זשע קאָן זי פאַרבײַגיין אַזאַ וויכטיקע נײַס?! וועגן דער גרויסער ירושע האָט טאַסיע דערציילט יעדן, וועמען זי האָט נאָר באַגעגנט.

— איר האָט שוין געהערט? מיר האָבן איצט אָן אייגענעם מיליאָנשטשיק!

— עס רעדט זיך אַזוי! דער מיליאָן איז דאָך דערווײַל אין אויסלאַנדיש.

— בא הײַנטיקע צײַטן איז דאָס שוין ניט אַזוי ווײַט!

— וועט זי, הייסט עס, מוזן פליִען אַזש קיין קאַנאַדע?

— נאָך אַזאַ קאַפּיטאַל איז קעדײַ צו פליִען אַף דער לעוואָנע!

— וואָס זשע, וועט ער זי באַגלייטן אַזש קיין קאַנאַדע?! — האָט מען געפרעגט בא טאַסיען, פונקט ווי זי, טאַסיע, דאַרף וויסן, ווי מע פירט זיך אוף אין אַזעלכע פאַלן.

— אַף איר איז צו גלייבן! — האָט טאַסיע געטרייסלט מיט די געפּאַרבעטע האָר. — אַזאַ ווײַבעלע וועט זיכער אים מיטנעמען מיט זיך. שאַכטעס זײַנען דאָרט פאַראַן ניט ווייניקער, ווי בא אונדז. מע וועט זיך דאָרט קויפן א שאַכטע און מע וועט אָנהייבן שעפּן גאָלד — וואָגאַ־נעסווײַז!

טאַסיעס פּלאַפּלערײַ איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז יעגאָר האָט געמוזט זי אַרויסרופן אין קאָנטאָר און קאַטעגאָריש פאַרלייגן, זי זאָל אופהערן טרײַבן רעכילעס וועגן אים און זײַן פרוי. טאַסיע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און איז געקומען צו דובאָוון אין זײַן קאַבינעט.

— אָ, דאָס איז שוין געווען גאָר אָן אנדערער באַזוך!

בא זײַן נידעריקן, אָבער זייער פעסטן דעמבענעם טיש איז איצט געזעסן ניט קיין דער־שלאָגענע, אומגליקלעכע פרוי, וואָס האָט זיך מיט גרויס מאַטערניש אומגעקערט אהיים און איז גרייט געווען אָקערן מיט דער נאָז די ערד. דעמלט, בא דער ערשטער באַגעגעניש, האָט

אין איר געטליִעט א פונק פון ביטאָכן — יעגאָר דובאָוו וועט זיך באַטראַכטן, אין אים וועט זיך דערוועקן דאָס אַמאָליקע, זײַן ערשטע ליבע. אזא געפּיל, האָט טאַסיע געטראַכט, ווערט ניט אזוי גיך אויסגעלאָשן... נאָר טאַסיע האָט א טאָעס געהאַט — אלע אירע „פונקען” האָבן זיך אויסגעלאָשן, כוץ איין פונק, דער פונק פון נעקאָמע.

איצט האָט טאַסיע פאַרלאַנגט נאָר איינס — נעמען נעקאָמע.

אז די אַלטע ליבע זאָל ווידער אופוואַכן, האָט זי שוין ניט וואָס צו וואַרטן. די שוואַרצ־כיינעוודיקע האָט אים אזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אז וועגן א צווייטער — ניט נאָר אזא, ווי זי, טאַסיע, א צעקאַליעטשעטע, א דערנידעריקטע — איז ניטאָ וואָס צו ריידן. נאָר ווי וואָלט זי עס גליקלעך געווען, ווען זי דערלעבט א שטיקעלע נעקאָמע!

„גוואַלד, גוואַלד,— האָט טאַסיע געהאַלטן אין איין טראַכטן,— פאַרוואָס איז די וועלט אזוי באַשאַפן, וואָס איינעם שיקט גאָט צו אי שיינקײַט, אי כאָכמע, אי בילדונג, אי אַן אויסגע־שפּילטן מאַן, און צו דעם אַלעמען — א מיליאָן ירושע, א גאַנצן מיליאָן! און א צווייטן — פונקט פאַרקערט.” טאַסיע קאַסטיוקאָווא האָט דאָך אויך קרוויוים! און טאַקע אין אויסלאַנד אויך! קאַרג זײַנען נאָכגעלאָפן די פאַשיסטן, ווען מע האָט זיי אַרויסגעטריבן פון אוקראַיִנע? נאָר כוץ קאָפּווייטעק, קאָן זי פון זיי ניט דערוואַרטן.

יענץ מאָל, ווען זי איז געקומען צו דובאָוון אין קאַבינעט, האָט ער איר קאַטעגאָריש געמאָלדן, אז דאָס איז די לעצטע באַגעגעניש זייערע!

„די לעצטע באַגעגעניש קומט פאָר נאָר אָפּן צווינטער,— האָט טאַסיע דעמלט א טראַכט געטאָן,— און ביז מע לעבט, מע אָטעמט און מע זעט די ליכטיקע וועלט, קאָן מען ניט וויסן...”

איצט האָט זי דובאָוו גערופן צו זיך — נאָך דער „לעצטער באַגעגעניש”... דאָס רעדעלע האָט זיך, זעט אויס, א דריי געטאָן ניט אזוי, ווי ער, דובאָוו, האָט געמיינט.

טאַסיע איז אַרײַנגעקומען צו יעגאָר סעמיאָנאָוויטשן אין קאַבינעט פונקט אין דער רעגע, ווען ער האָט, אָן אופגעבראַכטער, זיך דורכגעוווערטלט מיטן אינזשעניער פון דאָניעצק. איבער וואָס זיי האָבן זיך געקריגט, האָט טאַסיע, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט, זי האָט זיך בלויז דערמאָנט יענעם אָוונט, ווען דער גאַסט פון דאָניעצק האָט מיט איר געטאַנצט א טאַנגאָ און אַרײַנגעקוקט אינעם טיפן אויסשניט פון איר קלייד. אָ, טאַסיע איז נאָך גענוג יאָדערדיק און שלאַנק, דער רוער זאָל דאָס נעמען! זי קאָן נאָך געפעלן!

דובאָוו האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן שטול און איז אַרויסגעגאַנגען טאַסיען אנטקעגן.

— מיר וועלן מאַכן א קורצע פּאַוזע,— האָט ער געזאָגט צום אינזשעניער,— טוט דער־ווײַל נאָכאַמאָל א קוק אַרײַן אין די פאַרפּלאָנטערטע צייכענונגען. איך וועל זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן.

דער אינזשעניער האָט זיך א נייג געטאָן צו טאַסיען, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער, און איז אַרויסגעגאַנגען.

— ביטע, — האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש קוים אויסגעשטאַמלט.

— א דאַנק,— האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך האָב ניט געקלערט, אז מיר וועט ווען־עס־איז אויסקומען פירן א געשפּרעך מיט אײַך.

— מעגסט מיר זאָגן „דו”.

— אז מיר וועט אויסקומען דיר זאָגן מוסער. אָדער נאָך מער — דיך בעטן, זאָלסט אזוי גוט זײַן און מיר טאָן א געלעגנהײַט...

— אזוי קליין און נישטיק בין איך אין דײַנע אויגן?

— אין מײַנע אויגן ביסטו איינמאָל פאַר אַלעמאָל אזא, ווי דו ביסט, ווי דו האָסט פאַרדינט: ניט ערגער און ניט בעסער.

— וואָס עפּעס אזוי?! — האָט טאַסיע אַף אים כוצפּעדיק א קוק געטאָן, ווי אַמאָל, אין יענע ווײַטע יאָרן.— מענטשן בײַטן זיך, מענטשן ענדערן זיך. אזוי, דאַכט זיך, שטייט געשריבן אין די קלוגע ביכער.

זי האָט אַרויסבאַקומען א פּודעלע סיגאַרעטן און פאַררייכערט, דערבײַ געלאָזט אזא קונציק פינגערל רויך, ווי זי וואָלט זיך פאַר אים באַרימט מיט איר קונסט צו רייכערן עלעגאַנט און געשיקט. ס'הייסט: קוק, קוק און האָב האַנאָע פון מײַן רייכערן.

— צו מיר זײַנען דערגאַנגען די רעכילעס, דאָס פּלאַפּלערײַ...

— רעכילעס?! — האָט זי אַף אים אופגעהויבן אירע עטוואָס צוגעלאָשענע אויגן.— פאַקטן!

— עס האַנדלט זיך וועגן דער ירושע, וואָס מײַן פרוי האָט באַקומען.

— צו געזונט זאָל איר זײַן! — האָט זי גנייוויש א שמייכל געטאָן.— ווער עס פאַרגינט איר ניט, זאָל אַליין קיינמאָל קיין ירושע ניט באַקומען.

— מיך אינטערעסירט ניט, צי דו פאַרגינסט איר יאָ צי ניט.

— האָסט אָבער געוווּסט, ווען זיך אויסקלײַבן,— האָט טאַסיע אַרויסגערעדט מיט איראָניע און מיט כוצפּע.

— איז אָט, מײַן טײַערע.

— אַזוי גאָר — „מײַן טײַערע"? — האָט זי ווידער אופגעהויבן אָף אים אירע דורכגעטריבענע אויגן.

— וועגן דעם, ווען איך האָב זיך אויסגעקליבן, האָבן מיר שוין לאַנג אָפּגערעדט.

— איך געדענק. וואָס זשע, איך האָב פאַרגעסן?!

— איך האָב זי אויסגעקליבן און האָב קיין כאַראָטע ניט! וואָסי שײַעך איר יערושע, און אַז איך, קלוימערשט, קלײַב זיך אַריבערפאָרן קיין קאַנאַדע און אַנדערע נאַרישקײַטן, וואָס דײַן לאַנגע צונג פּלאַפּלט, וואָלט איך דיך בעטן... זאָלסט מאַכן אַ סאָף דערצו.

— צוליב דעם האָסטו מיך, הייסט עס, אַרויסגערופן?

— אײַנגעלאַדן.

— סאַראַ נאַפּקעמינע! און איך האָב געמיינט...

— מיך אינטערעסירט ניט, וואָס דו האָסט געמיינט,— האָט דובאָוו איבערגעשלאָגן.

— כ'האָב שוין געמיינט, אַז דו ווילסט זיך מיט מיר איבערבעטן.

— אַזוי גאָר?! דו זאָלסט זיך דערטראַכטן צו אַזאַ נאַרישקײַט!

— די צײַט איז קליגער פון אונדז,— האָט טאַסיע טיפער זיך פאַרצויגן מיטן בלויען טאַבעק־רויך.

יעגאָר האָט זיך אָנגעצאַפּט אַ גלאָז זעלצערוואַסער פונעם גרויסן סיפאָן, וואָס שטייט בא זײַן טיש. די גאַזירטע וואַסער, וואָס איז פאַר אים ווי אַ רעפוּע, איז ניט אימשטאַנד געווען אַראָפּנעמען די ביטערניש, וואָס האָט אים די גאַנצע צײַט געבראָטן, זינט טאַסיע איז אַרײַנגעקומען.

זיצנדיק באַם טיש, האָט טאַסיע פאַרלייגט אַ פוס אָף אַ פוס, ווי זי וואָלט אומיסטן אַרויסגעשטעלט פאַר אים אירע רונדע קני. אַמאָל זײַנען זיי יעגאָרן געפעלן געווען.

שטייענדיק באַם פענצטער, האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש ניט ווילנדיק באַטראַכט זײַן געוועזענע געליבטע. ניין, ניט אַזאַ פלעגט זי אים קומען צו כאָלעם. ניט וועגן אַזאַ האָט ער געטרוימט אַמאָל, ווען ער האָט געמיינט, אַז קיין שענערע און קיין בעסערע פון איר איז ניטאָ אָף דער גאָרער וועלט.

— און ביכלאַל וואָלט בעסער געווען, ווען דו וואָלסט ווייניקער זיך וואַרפן אין די אויגן,— האָט יעגאָר געזאָגט גאַנץ אַנטשיידן,— אַ סאַך גלײַכער.

— יעדערער האָט זיך זײַן אייגענעם וועג אין לעבן. דעריקער איז, ווי איך פאַרשטיי מיט מײַן קורצן סייכל, ניט פאַרקירצן איינער דעם אַנדערן די יאָרן!

— ווען פאַרקירץ איך דען?

— אַראָנטשיקן, צום בײַשפּיל. ער איז דאָך גאָר אַ קינד אין פאַרגלײַך מיט דיר.

— אָט דאָ, זעסטו, ביסטו גערעכט — אַ קינד! אַ קעלבל!

— און ס'איז ניט זײַן שולד, וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין מיר.

— ווי אין אַ מאַמע צי עפּשער גאָר ווי אין אַ באָבע?

— אַזוי אַלט בין איך געוואָרן אין דײַנע אויגן? דײַנע, די שוואַרצביינעוודיקע, איז, פאַרשטייט זיך, יינגער...

— לאָז זי צורו, טאַסיאַ! טשעפּע זי ניט!

זייער ניט גאָר פרײַנטלעכן געשפּרעך האָט פלוצעם איבערגעריסן קאָסטיע רודענקאָ. ער איז אַרײַנגעלאָפן אַ צעפּאַליעטער און אופגעבראַכטער.

— זאָל דאָס ברענען אָפן ליכטיקן פײַער, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש! — האָט קאָסטיע אויסגעשריגן.

— וואָס איז געשען?

— הארגעט מיך, נאָר איך זאָג זיך אָפּ פון אַזאַ אַרבעט!

קאָסטיע האָט אַראָפּגעריסן פון זיך דעם שאַכטיאָרישן העלם און אַ שלײַדער געטאָן אָפן טעפּיכל, מיט וועלכן עס איז פאַרשפּרייט געווען דער דיל. אַזוינס האָט זיך קאָסטיע רודענקאָ קיינמאָל ניט דערלויבט. אויב אָט דער יונגער קוילנגרעבער איז אַזוי אופגעבראַכט, האָט זיך, זעט אויס, געטראָפן עפּעס ערנסטס.

דערפרעגן זיך בא קאָסטיען אין טאַסיעס אָנוועזנהײַט וואָלט געווען אָן אומזין, ווײַל אין אַ מינוט אַרום וועט וועגן דעם וויסן דער גאַנצער יישעוו.

יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט אוועקגעלייגט זײַן ברייטע האַנט אַף קאָסטיעס אַקסל און אופגעהויבן די אויגן צו טאַסיען:

— כ'מיין, דערמיט וועלן מיר פאַרענדיקן אונדזער געשפּרעך.

טאַסיע האָט פאַרלאָשן איר סיגאַרעט, א פיר געטאָן מיטן שאַרפן אַקסל:

— ניט איך האָב דעם געשפּרעך פאַרפירט... כאָווער נאַטשאַלניק, און ניט איך האָב אײַך צו זיך אײַנגעלאַדן. אָט אַזוי! — און איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט.

פריִער האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש גאָר ניט באַמערקט, זי זאָל זיך אַזוי וויגן און זאָל אַרויסשטעלן אירע ברייט געוואָרענע קליבעס.

— זעץ זיך און דערציייל, — האָט דובאָוו דערלאַנגט קאָסטיען א שטול, — אָבער אָן היסטע־ריקעס. וואָס איז געשען?

קאָסטיע האָט ניט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן. ער איז געווען אַזוי אופגעבראַכט, אַז עס האָט בא אים אָפּגענומען דאָס לאָשן. שוין וויפל טעג, אַז מע האַרעוועט בא די נײַע קאָמבײַנען, אַלץ איז שוין, דאַכט זיך, גוט און גרייט געווען, דאַרף זיך דיר טרעפן אַזאַ אָנשיקעניש: צוויי יונגע שאַכטיאָרן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער שאַכטע טויט־שיקערע. די מאָטאָרן זײַנען איבערגעברענט געוואָרן, און די נײַע קאָמבײַנען שטייען.

— ווער זשע האָט זיך אַזוי אויסגעפּײַנט?

— אָט דאָס איז דאָך די מײַסע! מײַסטרענקאָ.

— אַראָנטשיק?

— ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן אַף אים? אַזאַ שטילער, אַזאַ ווילער.

— אַף אים איז ניט צו גלייבן!

— כ'וואָלט אויך ניט געגלייבט, ווען כ'וואָלט אַליין ניט געווען דערבײַ.

יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט אָנגערוקט דאָס היטל, אַרופגעוואָרפן אַף זיך דעם לעדערנעם מאַנטל און איז שמײַדיק אַרויס פונעם קאַבינעט.

דער עסעריקער ווינט האָט אים געוואָלגערט פון די פיס. אַף וועמען איר ווילט, וואָלט ער געקאָנט גלייבן, נאָר אַז דער געוועזענער אַרטילעריסט זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין דער לאַווע אין אַזאַ צושטאַנד?

יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט ניט געוווסט וועגן דעם, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען צווישן אַראָנטשיקן מיט טאַסיע קאָסטיוקאָווען. נאָך א קורצן געשפּרעך איז טאַסיע, א באַליידיקטע און א דערשיטערטע, אײַנע אַליין אוועק פונעם רעסטאָראַן, און ער, דער „כאָסן", האָט זיך אָנגעטרונקען און דערצו נאָך מיטגענומען מיט זיך א פלעשל קאָניאַק, וועלכן ער האָט הײַנט גאַנצפרי צוזאַמען מיט זײַנע צוויי גוטעברידער אויסגעטרונקען. זיי האָבן אים, פאַרשטייט זיך, זייער מיטגעפילט אין זײַן בראָך...

ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, נאָר דער אומגליק מיט די קאָמבײַנען איז געשען. מע האָט געמוזט דרינגענד אַרויספאָדערן דרײַ נײַע מאָטאָרן און צוויי גאַנצע נאַלאַדטשיקעס פונעם דאָניעצקער באַרג־אינסטיטוט, זיי זאָלן פאַריכטן אַלץ, וואָס די שיקערע כעוורע האָבן אוועק־געפּאַטערט.

דער אומגעריכטער קלאַפּ, וואָס טאַסיע האָט געכאַפּט, האָט זי אַזוי דערשיטערט, אַז אין אײנעם א שנייַיקן פרימאָרגן האָט זי זיך אופגעהויבן און איז אוועקגעפאָרן צו איר מומע, צו דער אַלטער וואַרוואַרע קאָסטיוקאָווע, דער געוועזענער קאַרטנטרעפערן, וואָס איז אַף דער עלטער געוואָרן א שפּולניצע אַף דער ווטשעראַשניער זאָקן־פאַבריק.

קיינער האָט דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט געוווסט וועגן אירע איבערלעבונגען, אַפילע די מומע האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן בא איר פלעמעניצע, זי זאָל דערציילן, וואָס איז גע־שען.

— ווען איך האָב דײַן פיגור, נעשאָמע מײַנע, און דײַן ליכטיק פּאָנעם, האַרץ מײַנס, און טאַקע דײַן גאָלדענעם קאָפּ אַף די אַקסל, וואָלטן צו מײַנע פיס געפאַלן, כ'וועל ניט זאָגן קיין סאַך — א טוץ כאָסאַנים!

— דו שעצסט מיך איבער, מומעניו.

— דו ביסט דאָך ווי א בליִענדיקע אַקאַציע, זאָל איך אַזוי לעבן!

— ווי אַן אַקאַציע — מעגלעך... נאָר שוין אַן אָפּגעבליטע...

— אָט וועל איך א וואַרף טאָן אַף מײַנע קאָרטן, וועלן מיר זען, וואָס עס דערוואַרט דיך, נעשאָמע מײַנע.

וואַרוואַרע האָט אַרויסבאַקומען איר טעשל פאַרשמאָלצעווע קאָרטן, זיי געשיקט צע־לייגט און אָנגעהויבן שיטן.

זי האָט קימאַט ווי געטראָפּן, אַז בא טאַסיען איז אָנגעזאָלעט אַפּן האַרצן, און אַז שולדיק איז אין דעם ניט איין מאַלעך, נאָר צוויי און עפּשער טאַקע דרײַ.

— מאַלאָכים??!

— שלאָג ניט איבער! יאָ, מאַלאָכים. דרײַ. איינער אַ יונגיטשקער, אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן. און נאָך צוויי מאַלאָכים, וואָס זײַנען עלטערע. איינער פון זיי איז שוין אַפילע אַ גראָ־ווער, און דער צווייטער — אַ ברונעט, אַ מאַזיק, דער שוואַרציאַר זאָל אים נעמען!

— אַ ברונעט, זאָגסטו? נו, נו, לאָמיר ווײַטער הערן!

— שלאָג ניט איבער, מײַן טײַערע, און כאַפּ בעסער אַליין אַ קוק אָף די קאָרטן, דושעניו, די קאָרטן לײַגן ניט.

טאַסיע האָט מיט אַן איראָנישן שמייכל געקוקט אָף דער מומען. זי איז ניט פון די, וועל־כע גלייבן אין אַזעלכע נאַרישקײַטן, נאָר אויב די מומע ווארוואַרע טײַנעט, אַז אָף איר, טאַסי־עס, לעבנסוועג האָבן זיך געטראָפּן דרײַ, האָט זי גראָד קיין טאָעס ניט. טאַקע דרײַ! דובאָוו — דער שיינער און קלוגער יעגאָר סעמיאָנאָוויטש, וואָס איז אוועק אָף דער מילכאָמע, און זי, טאַסיע, איז געבליבן דאָ אין דאָרף. מע האָט זי עטלעכע מאָל געפּרוווט אַרויספירן קיין דײַ־טשלאַנד, נאָר זי האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן, ביז אין איינעם אַ שוואַרצן פרימאָרגן האָט מען זי געפּאַקט און געבראַכט צום שעף פון דער פּאָליציי. און דער אָבערלייטענאַנט האָט איר אָנגע־טאָן אַ בירקע אַפּן האַלדז און זי אַרײַנגעשריבן אין די צעטלען פון די, וועלכע האָבן זיך קלוימערשט פרײַוויליק געבעטן, מע זאָל זיי געבן די מעגלעכקײַט זיך באַהעפטן צו דער קולטור פון דער מעכטיקער מעדינע — דײַטשלאַנד.

גערעטעוועט האָט זי אַ באַכער פון איר אייגענעם דאָרף. דמיטראָ ווערניהאָראַ האָט מען אים גערופן. ער האָט געדינט אין דער פּאָליציי. דער אָבערלייטענאַנט קורט גאָלדבלוט האָט אים צוליב געטאָן. מע האָט פון איר אַראָפּגענומען די בירקע און זי אויסגעמעקט פון די צעטלען. דערפאַר אָבער איז זי געוואָרן דמיטראָס ווײַב. מע האָט געפּראַוועט אַ שטילע כאַסענע. טאַסיע איז אײַנגיכן טראַגעדיק געוואָרן — מע האָט געשמועסט, אַז פרויען מיט קליינע קינדער וועט מען לאָזן אין דער היים.

גאָר אײַנגיכן איז די לאַגע אַפּן פראָנט געוואָרן אַזאַ, אַז ווערניהאָראַ האָט זיך געמוזט איבערפּעקלען ווײַטער, אָף מײַרעוו, צוזאַמען מיט זײַנע באַלעבאַטים, בעראָש מיטן פאַר־ביסענעם קורט גאָלדבלוטן. דמיטראָ האָט פאַרויסגעזען, אַז מיט אַ שוואַנגערער פרוי וועט אים זײַן אַ סאַך שווערער, האָט ער געצוווּנגען טאַסיען, זי זאָל זיך באַפרײַען פונעם קינד, קאָל־זמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט. טאַסיע האָט קיין אַנדער ברײרע ניט געהאַט.

„עפּשער איז דאָס גאָר בעסער, — האָט טאַסיע געטראַכט. — ווען יעגאָר וועט זיך אומקערן, וועט ער זי כאָטש ניט טרעפן מיט קיין קינד אָף די הענט...“

אַזוי זײַנען זיי זיך צונויפגעגאַנגען, די צוויי מאַלאָכים, אָף ווארוואַרעס ברייטער האַנט: יעגאָר דובאָוו און דמיטראָ ווערניהאָראַ... און דער דריטער? ווער איז דער דריטער?

נאָר ווי האָט די מומע געקאָנט וויסן וועגן דעם דריטן, אַז די געשיכטע מיט אים איז פאָרגעקומען ערשט ניט לאַנג?

טאַסיע זיצט בא דער מומען און רעדט זיך אויס דאָס ביטערע האַרץ. ווטשעראַשניע איז אַ שטיל שטעטל. דאָ, מיינט זי, וועט זי אַ ביסל זיך אָפּרוען און עפּשער טאַקע פּרוון פאַר־געסן אין איר אומגליק — אײנעם דריטן מאַלעך, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן!

— דער הימל, נעשאָמע מײַנע, איז נאָך ניט בא דר׳ערד, — טרייסט זי די מומע. — איך וועל דיך דאָ באַקענען מיט איינעם אַ מענטשן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געוואָרן אַן אַלמען. אָ, דאָס איז זייער אַ פײַנער מענטש. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט, וועט איר זײַן אַ גוטע פּאָר. דאָס וועט זײַן דײַן פּערטער מאַלעך. און עפּשער טאַקע דער מאַזלדיקסטער!

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ווארוואַרע באַקאַנט איר פּלעמעניצע מיטן פּאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דער זאָקן־פאַבריק — עפראַיִם איסאַקאָוויטש רויכמאַן.

טאַסיע איז עפראַיִמען גלײַך געפעלן געוואָרן. טאַקע וועגן אַזאַ האָט ער געטרוימט דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט פאַרשפּאָרט זיך לאַנג אויספּײַנען פאַר איר, זיך באַרימען מיט זײַנע צוויי דיפּלאָמען, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זײַן לעדערנער טעקע. אין דער טעקע האָט ער געטראָגן, און באַזונדערס אָפּגעהיט, אויך די געגנטלעכע צײַטונג, ווו מיט אַ רויטן בלײַער איז געווען אָפּגעצייכנט איינע אַ פאַרצייכענונג, אין וועלכער עס איז דערמאָנט גע־וועגן זײַן נאָמען. צו גוטן, פאַרשטייט זיך.

— אַ געוויינלעכע ראַציאָנאַליזאַציע, — האָט ער דערקלערט גאַנץ באַשיידן. — מיט מײַנע קענטעניש, ווען מע לאָזט מיך נאָר...

— און ווער זשע לאָזט אײַך ניט?

— פאַראַן אַ סאַך ניט־פאַרגינערס! ווען מע לאָזט מיך, וואָלט איך באַוויזן, אַף וואָס רויכמאַן איז פייַיק!

— און עפשער טרײַבט איר איבער, ליבער עפראַיִם איסאַקאָוויטש? — האָט טאַסיע זיך אָנגערופן מיט איר שמייכעלע, וואָס האָט אַזוי פאַרקישעפט רויכמאַנען.

— באַ אונדז אין דער פּראָווינץ איז אַזוי: באַמערקט מען נאַר, אַז דו ביסט פייַיקער פון אַ צווייטן, שנײַדט מען דיר גלײַך אונטער די פליגל, זאָלסט זיך, כאַלילע, ניט אופהייבן העכער פון די, וועלכע פירן מיט דיר אָן. אָט נעמט, צום בײַשפּיל, דעם דירעקטאָר אונדזערן...

און עפראַיִם האָט מיט גרויס היץ אויסגעמאָלט אבראַם באָריסאָוויטשן, דעם דירעקטאָר פון דער זאָקן־פאַבריק, וואָס כוץ זײַנע פאַרדינסטן אַלס פּראַנטאָוויק, האָט ער גאָרניט. נאַר אַ מאַזל פון אַ מענטשן...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן דירעקטאָר, האָט רויכמאַן זיך גענומען פאַרן יונגן מײַסטער עליע קירשטיין, וואָס קריכט מאַמעש פון דער הויט אַף אונטערײַסן זײַן אווטאָריטעט.

— וואָס האָט ער צו אײַך? — האָט אים טאַסיע געפרעגט, גלײַך דאָס וואָלט שוין אָנגע־רירט אירע אייגענע אינטערעסן.

— אַ נימעסער יונגערמאַנטשיק, פון די פריש־געבאַקענע. אַלץ גייט אים אָן, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן אייגענע פאַבריק, זײַן טאַטנס יערושע!

דערציילט האָט ער איר וועגן דעם אַלעמען, קעדיי זי זאָל פאַרשטיין, ווי שווער עס איז אים, עפראַיִמען, אָט דאָ, אין דער פּראָווינץ... טאַסיע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איין זאַך, דערהאַרגעט מיך, קאָן איך ניט פאַרשטיין.

— אַשטייגער, וואָס?

— דאַכט זיך, ביידע זײַנט איר ייִדן. וואָס זאָג איך: ביידע, אַלע דרײַ! און איר זײַנט איינער דעם אַנדערן אַזעלכע סאָנים.

— ייִדן, זאָגט איר? אַמאָל זײַנען געווען ייִדן, און איצט...

— איצט זײַנט איר ווייניקער, איך ווייס, נאַר איינער דעם צווייטן האַלט איר דאָך אונטער, אַזוי פירט זיך באַ אײַך!

עפראַיִם איסאַקאָוויטש האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין — צי לויבט זי אים, צי זי וויל אים דערמיט אַ שטאָך טאָן.

— אייגנטלעך, וואָס איז דער אונטערשייד — ייִד צי ניט־ייִד? דעריקער איז — פרײַנטשאַפט! ווען איר ווייסט, ווי מיר פעלט איצט אָן עמעסער פרײַנט...

דער כוידעש איז דורכגעפלויגן אַזוי גיך, אַז טאַסיע האָט גאָרניט באַמערקט, ווי די צײַט איז אוועק. נאַר אָנשטאָט זיך אומקערן אַף דאָנבאַס האָט זי באַשטימט צוזאַמען מיט עפראַיִם איסאַקאָוויטשן פאָרן קיין קיסלאָוואָדסק — אין דער גאָלדענער שטאָט, ווו מענטשן געפינען אָפּט זייער גליק.

אָפן קיסלאָוואָדסקער וואָקזאַל האָט מען דעם פּאָרל פאַרגעלייגט אַ ווויל צימערל, ניט ווײַט פון דער וואַסער־גאַלעריי, און טאַסיע האָט אין אַ גוטער שאָ באַגליקט דעם אופגעריכטן אַלמען מיטן גאַנצן פלאַם פון איר פלוצעם צעבליטער נעשאָמע. ביידע זײַנען צופרידן געווען, ווי עס טרעפט, ווען צוויי בענקענדיקע הערצער באַגעגענען זיך, סאָפּקאָלסאָף, נאָך אַ לאַנגער צעשיי־דונג.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען אין קיסלאָוואָדסק איז אויסגעפאַלן אַ געדיכטער שניי, האָט דאָס נײַע פּאָרפאָלק באַשטימט זיך פאַרווײַלן אין אַ סאַנאַטאָריע, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער וואַסער־גאַלעריי. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגן דאָ פאַרקומען טענץ. אַ יונגער באַיאַניסט, וואָס איז אַף דער מילכאָמע בלינד געוואָרן אַף ביידע אויגן און האָט איצט גע־טראָגן גרויסע שוואַרצע ברילן, האָט געשפּילט די נײַסטע טענץ. אין קלוב איז געווען טומלדיק און פריילעך. די באַזוכער האָבן געטאַנצט מיט פאַרגעניגן.

ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. מע איז שוין מיד געוואָרן פון די טאַנגאָס און פאָקסטראָטן. דער מידער באַיאַניסט איז געזעסן אַף זײַן בענקל און האָט איבערגעקליבן די קליינע קנעפּע־לעך פונעם באַיאַן. און אָט איז צו אים צוגעגאַנגען איינער פון די קוראָרטניקעס, אים עפּעס אײַנגערוימט אין אויער. דער מוזיקאַנט האָט דערלאַנגט אַ „פּאָליעטשקע".

דער טעמפּעראַמענטפולער טאַנץ איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז לעכאַטכילע האָט זיך אַף אים קיינער ניט אָנגערופן. נאַר אָט איז טאַסיע אַרויסגעגאַנגען מיט איר עפראַיִמען אונטער דער האַנט און גלײַך גענומען באַווײַזן, וואָס אין דער „פּאָליעטשקע" שטעקט.

דער באַיאַניסט, וואָס האָט, אייגנטלעך, ניט געוווּסט, פאַר וועמען ער שפּילט, האָט דער־פילט, אַז אײנעם לאָקאַל קומט פאַר עפּעס אומגעוויינלעכס, און האָט מיט יעדן נײַעם אַקאָרד אַלץ שפּאַנענדיקער געמאַכט דעם טאַנץ.

עפֿראַים איסאַקאָוויטש האָט ניט געוואָלט אָפּשטײן פֿון זײַן יונגער פרוי, נאָר דער קאָפּ האָט זיך אים פּלוצעם פאַרדרייט, און ער איז אומגעפאַלן אַף די הענט פֿון אַ פרוי, וואָס איז געזעסן ניט ווײַט פֿון דער טיר.

דאָס איז געווען נאַדיע אַלפערין, וואָס איז ערשט נעכטן געקומען אַהער מיט איר מאַן.

— אַנטשולדיקט, — האָט רויכמאַן זיך אופגעהויבן.

— נישקאָשע, עס טרעפט זיך... — האָט נאַדיע אים באַפרײַט איר שטול.

די פּלוצעמדיקע באַגעגעניש מיט טאַסיען האָט נאַדיען איבעראַשט.

— עפּשער אַרויסרופן אַ דאָקטער? — האָט זי געפרעגט, אַ באַאומרויִקטע.

— אַ דאַנק, מע דאַרף ניט...

— אַזאַ טאַנץ קאָן אַמאָל קאָסטן טײַער...

— האָט קיין יעסורים ניט! — האָט זיך אָנגערופן טאַסיע. — אַזוינס קאָן זיך טרעפן מיט יעדן איינעם. ער איז נאָך גאַנץ קרעפטיק, מײַן מאַן.

דער באַיאַניסט האָט דערקלערט, אַז דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע „פּאַליעטשקע". „שאַכ־טיאָראַטשקע" רופט מען זי אין דאָנבאַס.

— די פּאַליעטשקע האָט אַמאָל געשפּילט מײַן קאָמאַנדיר. אויך אַ דאָנבאַסאָוועץ, בײַ אים פלעגט זי זיך באַקומען נאָך ברענענדיקער.

— פאַרעד ניט די ציין!

— דערלאַנג בעסער אַ „באַסטאָן"!

און דאָ איז געשען אַזוינס, אַף וועלכן קיינער האָט ניט דערוואַרט.

צום באַיאַניסט איז צוגעגאַנגען יעגאָר סעמיאָנאָוויטש. ער האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און זי פעסט אַ דריק געטאָן.

— אַ דאַנק דיר פאַר דײַן שפּילן, און נאָך אַ גרעסערן דאַנק פאַר דײַן ליכטיקן זיקאָרן, יאַשקע!

— עס קאָן ניט זײַן! כאַווער קאָמבאַט! עס קאָן ניט זײַן!

— יאַשקע, טײַערער! — יעגאָר האָט אַרומגענומען דעם באַיאַניסט.

— אײַער קאָל האָב איך גלײַך דערקענט, כאַווער דובאָוו. נאָר ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אין צען יאָר אַרום... יאָ! טאַקע פּונקט צען יאָר. צען יאָר, זינט מע האָט מיר אויס־געבערענט די אויגן און איך האָב אײַך פאַרלוירן, כאַוועה קאָמבאַט.

— דו — מיך, און איך — דיך און נאָך אַ סאַך אַזוינע, ווי דו, יאַשקע.

— איך דערמאָן אײַך אָפּט, כאַוועה קאָמבאַט, אײַך און אײַער באַיאַן — אַ פײַנער אינ־סטרומענט געווען, ניט אַזאַ, ווי אָט די אַלטע באַנדורע. אָט נעמט און טוט אַ פּרוּוו!

יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט גענומען דעם באַיאַן, זיך אוועקגעזעצט לעבן זײַן פראָנט־כאַוועה, דעם סערזשאַנט יאַקאָוו קאָטליאַר, וואָס איז אַמאָל דערצויגן געוואָרן אינעם בערדי־טשעווער קינדערהיים, געווען אַ יאַט אַ ברען און האָט דערנאָך זייער אויסגענומען בײַ די פראָנטאָוויקעס מיט זײַנע אַדעסער לידעלעך.

איצט איז יאַשקע קאָטליאַר אַ באַיאַניסט, וואָס באַדינט צוויי סאַנאַטאָריעס. ווי נאָר ער האָט אַ פרײַע מינוט, דערציילט ער וועגן דער מילכאָמע און וועגן זײַן דרייסטן קאָמבאַט דובאָוון.

יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט גענומען יאַשקעס באַיאַן, אַ פּיר געטאָן מיט די אַ ביסל שוין פאַרגליווערטע פינגער איבער די קלאַווישן, און עס איז געבוירן געוואָרן אַ גאַנץ בוי־לעטע מעלאָדיע פֿון אַלטמאָדישן וואַלס: „נאַ סאָפּקאַך מאַנטשזשוריִ".

— און עפּעס נײַערס קאָנט איר ניט? — האָט עמעצער אויסגעשריגן.

— ער קאָן! ער קאָן! — האָט יאַשקע זיך אָנגערופן, אויסווישנדיק מיט אַ גרין טיכעלע די אויסגעברענטע אויגן.

יעגאָר האָט אַלץ האַסטיקער געשפּילט דעם אַמאָליקן וואַלס, וואָס אים האָבן אַזוי ליב געהאַט די אײַנוווינער פֿון זײַן שאַכטיאָרישן יישעוו. אויך טאַסיען האָט דער וואַלס דערמאָנט אין גאָר אַנדערע צײַטן.

דער אוילעם טאַנצט און ווייסט ניט, אַז דאָס שפּילט פאַר זיי דער געוועזענער קוילנגרער־בער, וואָס איז איצט געוואָרן דער אָנפירער פֿון דער גרעסטער מוסטער־שאַכטע „ניצאָכן". בלויז איינער, וואָס זיצט בײַ דער זײַט און ווישט די טרערנדיקע אויגן מיטן גרינעם טיכעלע,

זעט פאר זיך יעגאָרן אינעם קיטעל מיטן גוואַרדייִשן צייכן אויף דער ברוסט און מיט זײַן ערשטער מעדאַל „פאר גוואַגטקײַט".

„שפּיל, קאָמבאַט! שפּיל נאָך עפּעס — ניט פאר זיי, פאר מיר שפּיל, פאר מיר, דײַן סער־זשאַנט, שפּיל, ווי אַמאָל, אין אונדזער שווערן מילכאָמע־לעבן",— ווילט זיך יאַשקען אויס־שרײַען. איצט קאָן ער אים, דעם קאָמבאַט, זען בלויז מיטן הארצן... אים, דובאָוון, און די גאַנצע וועלט, וואָס איז אין איינעם א ליכטיקן פרימאָרגן פלוצעם פינצטער געוואָרן.

# 7. פארשיידענע פרויען – פארשיידן מאַזל

אָנהייב מאַרט האָט אַלגע באַקומען א בריוו פון קיסלאָוואָדסק. לויטן קסאַוו האָט זי גלײַך דערקענט, אַז דאָס שרײַבט איר כאַווערטע נאַדיע. נאָר ווי קומט זי אינמיטן ווינטער קיין קאַווקאַז? כאָטש, אַז מע וויל צוריק, איז מאַרט שוין טאַקע דער אָנהייב פון פרילינג, באַזונ־דערס אויף קאַווקאַז. מיט גרויס אומגעדולד האָט אַלגע אופגעמאַכט דעם קאָנווערט און גלײַך גענומען לייענען:

„טײַערע אַלינקעו! ווי דו שטויסט זיך אָן, בין איך איצט אין קיסלאָוואָדסק. יעגאָר האָט זיך אַזוי אָנגעמאַטערט, ביז ער האָט אײַנגעשטעלט די נײַע מאַשינעס, אַז די דאָקטוירים האָבן אים מיט גוואַלד אַרויסגעשטופּט זיך א ביסל אָפּרוען און אונטערהיילן זיך. איך בין אויך ניט מיט אַלעמען. צום סאָף טאָג ווער איך אַזוי אויסגעשעפּט, אַזוי מיד, אַז ווען איך קום אַהיים, ווער איך גלײַך אַנשלאָפן. אין שלאָף פּלאָנטערן זיך אין מײַן נאַרישן קאָפּ פארשיי־דענע כאַלוימעס. און דעריקער, איינער און דער זעלבער כאָלעם, וואָס פארשאַפט מיר פיל ווייטעקן. איך מיין, דו שטויסט זיך אָן, אין וואָס עס גייט? איך וויל א קינד! וואָס איז דאָס לעבן פון א פרוי, אויב זי האָט ניט קיין קינדער?

אין קיסלאָוואָדסק האָבן מיר באַשטימט זיך ווענדן צו איינעם א באַרימטן פּראָפעסאָר. ער האָט אונדז זייער פײַן אופגענומען, אויסגעהערט, באַטראַכט — מיט איין וואָרט, די אונ־טערשטע שורע: „האָט ניט קיין פאַריבל איינער אויפן אַנדערן — איר זײַנט ניט שולדיק אין אײַערע צאָרעס. קיין אייגענע קינדער וועט איר ניט האָבן. איר זײַנט ניט די איינציקע אויף דער וועלט. וואָס זשע טוט מען? טוט ווי איך האָב געטאָן: נעמט אײַך א קינד פון א קינדערהיים. איר וועט קיין כאַראָטע ניט האָבן, פאָלגט מיך!" און שטעל זיך פאָר, מײַן טײַערע, מיר האָבן באַשטימט פאָלגן זײַן אייצע".

דאָס, וואָס נאַדיע וועט סאָפּקאָלסאָף אופהערן באַקלאָגן איר פינצטער מאַזל, האָט זייער דערפרייט אַלגען. ווער נאָך, ווי זי, ווייסט, וויפל גליק עס ברענגט מיט זיך דאָס קליינע נע־פּעשל. „פארשיידענע פרויען — פארשיידן מאַזל", — האָט אַמאָל געהאַט געזאָגט די אַלטע ביבלִיאָטעקערן, נאָר איין מאַזל איז בא זיי אַן אַלגעמיינס — קינדער!

שפּעט אין אָוונט האָט מען אַלגען געבראַכט א טעלעגראַם, אַז זי ווערט אַרויסגערופן אויף א געגנטלעכער באַראַטונג פון ביבליִאָטעק־פאַרוואַלטערס.

דעם עמעס געזאָגט, האָט אַלגע ניט זייער געהאַלטן פון קיין באַראַטונגען, נאָר איר האָט זיך געוואָלט א ביסל דורכלופטערן. עליע האָט אופגענומען די טעלעגראַם ווי נאָך א באַווײַז, אַז זײַן אַלגע איז כאַשעוו און באַוווּסט אין דער געגנט.

— און דו האָסט זיך ערשט נעכטן באַקלאָגט אויף דײַן גוירל, — האָט ער זי אָרומגענומען.
— עס הייבט זיך ניט אָן! — האָט זי געפּרוווט דערווידערן.

— מײַן מאַמע האָט ליב זאָגן: „איך בין א מייוון אויף א טשאַד". מיר האָבן זיך מיט דיר געביטן מיט די יאָצרעס — איך האָב זיך פאַרליבט אין וואָטשעראַשניע, און דו — פאַרקערט. איך זע דען ניט, ווי דו ביסט לעצטנס ניט צופרידן מיט דײַן אַרבעט.
— ניט מיט דער אַרבעט, עלינקע, מיט זיך בין איך ניט צופרידן.

אַלגע האָט פאַרזיכטיק אַראָפּגענומען זײַנע ברילן. אַזוי פלעגט זי אַלעמאָל טאָן, קעדיי די אויגן זײַנע זאָלן זיך א ביסל אָפּרוען פון די גלעזלעך. אַלגע האָט אים דערלאַנגט די וועטשע־רע. אַלץ געטאָן, ווי געוויינלעך, רויִק, ניט געײַלט. זי האָט אויך זיך ניט געכאַפּט דערפרעגן, וויאַזוי איז דורך די פארזאַמלונג, אויף וועלכער מע האָט עליען איבערגעפּירט פון די קאַנדי־דאַטן אין מיטגלידער פון פּאַרטיי.

ער, זעט אויס, האָט ניט געוואָלט באַרימען זיך מיט דעם, ווי מע האָט אים געלויבט, ווי דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק האָט, באַגריסנדיק אים, צווישן אַנדערן געזאָגט:

— אַלס יונגן קאָמוניסט, וועט איצט דעם כאַווער קירשטיין, איליאַ מיראָנאָוויטשן, אויסקומען זיך נאָך מער אָנשטרענגען. זײַן אַ קאָמוניסט איז ניט נאָר אַ קאָווּעד, דאָס איז אַ דאָפּלטע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. באַזונדערס איצט, ווען דער פּאַרטיי־קאָמיטעט רעקאָמענדירט דעם כאַווער קירשטיין אויף דער שטעלע פון מײַן פאַרטרעטער.

— און רויכמאַן? — האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ שטים.

— דעם כאַווער רויכמאַן, אויב ער וועט, פאַרשטייט זיך, מאַסקים זײַן, וועלן מיר אַריבערפירן אויף אַן אַנדער שטעלע.

פאַר אַלגען איז דאָס געווען אַן אומדערוואַרטע נײַעס.

צי וועט ער זיך באַרעכטיקן, איר עליע, אַלס פאַרטרעטער? איין זאַך איז אָנשרײַבן אַן אַרטיקל, אויפדעקן יענעמס פעלערן און בלויזן, און גאָר עפּעס אַנדערש איז נעמען אויף זיך, אויף די יונגע פּלייצעס אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

— ווען זשע דאַרפסטו פאָרן אויף דער באַראַטונג? — האָט עליע נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די טעלעגראַם.

— דעם צוואַנציקסטן.

דאָס קינד האָט זיך פּלוצעם צעכליפּעט, און ביידע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום וויגעלע.

— וואָס ווילסטו און וואָס גייט דיר אָפּ? — האָט עליע אַ פרעג געטאָן באַם קינד, פּונקט ווי דאָס פּיצל וואָלט אים געקאָנט געבן אַן ענטפער.

אַלגע האָט דערלאַנגט דעם קינד אַ קליין פלעשעלע מיט געזאָטענע וואַסער.

— טרינק, מײַן טײַערער, טרינק, מײַן זונעלע, און שלאָף.

מע האָט אויסגעלאָשן די שײַן און זיך אויך געלייגט שלאָפן.

— אינטערעסאַנט, וואָס וואָלט רויכמאַן געזאָגט, ווען ער וואָלט בײַזײַן אויף דער פאַרזאַמלונג? — האָט אַלגע פּלוצעם אַ פרעג געטאָן.

— רויכמאַן? — האָט עליע איבערגעפרעגט. — און וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען מע גיט דיר אַ וואָרט?

— איך וואָלט געזאָגט, אַז כ׳האָב אין דיר קיין טאָעס ניט געהאַט.

— ווען?

— ווען כ׳האָב דיך אויסגעקליבן, — האָט אַלגע אַרופגעלייגט איר וואַרעמע האַנט אויף זײַן ביינערדיקער פּלייצע און האָט אים הייס אַ קוש געטאָן.

באַ דער שײַן פון דער לעוואָנע ווערן געוויינלעכע ווערטער באַזונדערס ליב און האַרציק. איר האָט זיך פּלוצעם פאַרגלוסט ריידן מיטן מאַן, ווי זי רעדט מיט איר זון, ווען זי באָדט אים אין דער ברייטער הילצערנער מולטער און פּילט דערבײַ דעם מינדסטן ציטער פון זײַן צאַרט קערפּערל.

עליע... איר מאַן עליע... צי האָט זי געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דער באַלעבאָסטעס זון, וואָס האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַמאָל אַזוי קינדעריש־נאַיוו, זאָל ווערן אַזוי ערנסט, אַזוי כאָשעוו באַ לײַטן און באַליבט צווישן הונדערטער מענטשן?

אַלגע איז אַנשלאָפן געוואָרן, און עליע האָט נאָך לאַנג געקוקט אויף איר, רויק, ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען אַ סטודענטקע מיטן גאָלדענעם קראַנץ האָר אויפן קאָפּ.

שפּעט באַנאַכט האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַ דערשראָקענע איז אַלגע אַראָפּ פונעם געלעגער און אַ קוק געטאָן אין פענצטער. זי האָט גלײַך דערקענט איר מאַמע. אַ פאַרשנייטע, איז זי געשטאַנען מיט אַ היפּשן טשעמאָדאַן אין די הענט, אײַנגעוויקלט אין איר אַלטער שאַל, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך פון דער עוואַקואַציע. די געקווייטלטע שאַל האָט אַלעמאָל דערמאָנט אַלגען אין איר שווערער קינדערהײַט, אין דעם נימעסן „פעטער" מיט די גאָלדענע ציין, וואָס האָט געשענקט די שאַל דער מאַדאַם וועליטשקאָ.

אַלגע האָט אַרײַנגעלאָזט דעם גאַסט אין שטוב אַרײַן, אײַנגעשלאָסן די שײַן, נאָר ניט פאַרגעסן פאַרהענגען דאָס בעטעלע — די שײַן זאָל ניט שנײַדן דעם קינד אין די אויגן. אַזאַ, ווי זי איז אַראָפּ פונעם געלעגער, אין איין העמד, האָט זיך אַלגע געוואָרפן דער מאַמען אויפן האַלדז. און כאָטש זי איז ניט געווען פון די, וואָס צעוויינען זיך באַ דער מינדסטער געלעגנהײַט, האָט זי דאָך געלאָזט אַ טרער. דאָס איז געווען ניט קיין אויסדרוק פון הייסער ליבע צו דער מאַמען אָדער פון בענקשאַפט נאָך איר. די מאַמע האָט איר געגנוג אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, נאָר עפּעס האָט זיך דאָך אין איר דערוועקט.

— שאַ, שאַ, באַרויִק זיך, — האָט מאַדאַם וועליטשקאָ זיך געפּרוּווט באַפרייַען פון אַלגעס ווארעמע און ציטערדיקע הענט.

— וואָס איז געשען, וואָס אזוי אומגעריכט?

— קענסט ניט דייַן טאַטעטשקע?! — האָט די מאַמע פאַרקרימט דאָס פּאָנעם.

— וואָס זשע, פונדעסטוועגן?

— ער איז אָף דער עלטער מעשוגע געוואָרן, דייַן טאַטע!

— אזוי סטאַם, פון דער הוילער הויט, ווערט מען מעשוגע?

— נישקאָשע, ער וועט נאָך כאַראָטע האָבן! וועסט שוין האָבן אַ סימען!

זי האָט אראָפּגענומען פון זיך די שאַל, אראָפּגעצויגן פון די גראָבלעכע פיס די פוישטן — אויך אַ מאַטאָנע פונעם „פעטער" מיט די גאָלדענע ציין — און פאַרשאַרט די האָר, וואָס האָבן געשמעקט מיט פראָסט און שטאַרקע פאַרפומען. אָט דער גערוך איז אַלגען דערווידער, זינט זי געדענקט זיך. ער האָט נאָך מערער, ווי די שאַל און די פוישטן, דערמאָנט אינעם „פעטער" מיט זייַן גנייווישן שמייכעלע.

עליע האָט זיך אויך אופגעכאַפּט. אָן די ברילן, אַ פאַרשלאָפענער, האָט ער געהאַט אַ לעפּישן אויסזען. די שוויגער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט איר גיכן און געניטן קוק פון אַ פּרוי, וואָס איז געוווינט אָפּשאַצן אַ מאַנצבל לויט זייַן זיצן, לויט זייַן שטיין, לויט זייַן דערוואַכן פונעם שלאָף.

— האָב קיין פאַריבל ניט, טייַערער איידעם מייַנער, נאָר ווי די וועלט זאָגט, אַז מע האָט ליב דאָס ווייַב, האָט מען שוין בעמיילע ליב אויך די שוויגער.

— אַז די וועלט זאָגט, איז זי מינעסטאַמע גערעכט.

מאַדאַם וועליטשקאָ איז צו אים צוגעגאַנגען, אים ארומגענומען און געשענקט אַ קאַלטן קוש.

— איך מיין, אַז דו וועסט מיך ניט ארויסטרייַבן? — אַ געמאַכטער שמייכל האָט באַשייַנט איר מיד פּאָנעם.

— פאַרקערט! — האָט עליע זיך ארויסגעכאַפּט מיט זייַן ענטפער. — איר האָט געטאָן, ווי אַ כאַכאָמע: אַלגע דאַרף מאָרגן אָף עטלעכע טעג ארויספאָרן אין דער געגנט, וועט כאָטש זייַן אָף וועמען איבערלאָזן דאָס אייניקל אייַערס.

— הייסט עס, אָף עטלעכע טעג. און ווען איך פּרווו אריבערפאָרן צו דיר אָף שטענדיק?

— וואָס זשע איז בא אייַך, פונדעסטוועגן, פאָרגעקומען? — האָט אַלגע ניט געקאָנט זיך באַרויִקן.

— ער האָט זיך אייַנגעקלאַפּט אין קאָפּ, דער טאַטעטשקע דייַנער, אַז איך מוז זיך אייַנאָרדענען אָף ארבעט. דו הערסט: אָף דער עלטער זאָל איך ווערן אַ פאַרדינערן.

אַלגע האָט נאָך אַ ביסל זיך דורכגעשמועסט מיט דער מאַמען, איר אויסגעבעט אָפן קאַנאַפּקעלע און האָט אויסגעלאָשן די שייַן.

אַלץ דאָס גוטע, וועגן וואָס זיי, זי מיט עליען, האָבן גערעדט אין אָוונט, האָט מיטאַמאָל ניט געסטייַעט. אַלגע האָט זיך געצוווּנגען אנשלאָפן ווערן, נאָר ניט געקאָנט. אַלע געדאַנקען, וואָס זי האָט צונויפגעקליבן אָף דער ארויסטרעטן אָף דער באַראַטונג, האָבן איר איצט אויסגעזען קליינלעך און ניט אינטערעסאַנט. די מאַמע אירע האָט גלייַך פאַרשטעלט מיט זיך דאָס נייַע און דאָס פריידיקע, וואָס עס איז געבוירן געוואָרן אין וואָטשראַשניע פאַר דער צייַט, זינט אַלגע איז געוואָרן די פאַרוואַלטערן פון דער ביבליאָטעק.

גאַנצפרי איז עליע ניט קיין אויסגעשלאָפענער אוועק אָף דער ארבעט, און אַלגע האָט זיך געזעצט גרייטן צו דער באַראַטונג.

גייענדיק צו דער פאַבריק, האָט עליע געמיינט, אַז דער קאָפּ וועט בא אים צעשפּאָלטן ווערן. ער האָט זיך פּאָשעט ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז אַלגע, זייַן אַלגע, זאָל האָבן אזאַ מאַמע... ניט אומזיסט האָט אַלגע זי ניט ליב. דער וועג האָט זיך אים געדאַכט ביז גאָר אַ לאַנגער. נאָר ווען ער איז אריינגעגאַנגען אינעם קאָנווייער־צעך און זיך אייַנגעשלאָסן אינעם רווישנדיקן ארבעטס־ריטם, איז אים מיטאַמאָל גרינגער געוואָרן.

זינט ער געדענקט זיך, עליע, נאָך קינדווייז, ווען ער פלעגט גאַנצענע טעג אָפּשטיין לעבן אלטן שמיד און מעקאַנע זייַן אָף זייַנע גאָלדענע הענט, נאָך דעמלט איז אים ליב געווען צו זען, ווי עס ווערט געבוירן אַ זאַך, אַ ווערק, וואָס עס האָבן באַשאַפן מענטשלעכע הענט. פּרוּווט אים פרעגן, פאַרוואָס געפעלט אים אזוי די ארבעט, וועט ער אייַך ניט קענען דערקלערן, נאָר עס געפעלט! אָן דעם איז דער מענטש קיין מענטש ניט!

אָט זייַנען זיך שוין צונויפגעפאָרן די מיידלעך פון די ארומיקע דערפער און פאַרנומען זייערע ערטער בא די מאַשינעס.

עליע איז נאָך ניט קיין פאַרטרעטער פון דירעקטאָר, נאָר ער טראָגט שוין אָף זיך אַכרײַ־עס פון א העכערן גראַד. ער זעט שוין אַלע בלויזן, ניט ווי א געוויינלעכער מײַסטער. אוודאי איז אין דער פאַבריק נאָך ניט אַלץ אין אָרדענונג. נאָר אז מע וועט זיך נעמען ווי געהעריק, אַלע צוזאַמען!..

דער באַנאַכטיקער געשפּרעך מיט דער שוויגער האָט אים אויך ניט געלאָזט צורו. ער האָט זייער געוואָלט וויסן, וואָס טוט דאָרטן איצט זײַן אָלגע.

מענטשן זאָגן, אַז נאָענטע פרײַנט טראַכטן אָפט וועגן איינעם און דעם זעלבן, אפילו ווען מע איז ווײַט איינער פונעם אַנדערן. עליע האָט דאָ, אָף דער פאַבריק, געטראַכט וועגן אָלגען, און זי, אָלגע, באַ זיך אינעם צימערל האָט געטראַכט וועגן אים. איר איז געווען א ביזאָיען פאַר דער מאַמען, פאַר אירע טײַנעס צום טאַטן, וועלכער איז, פאַרשטייט זיך, גערעכט.

צו דעם אַלעמען איז אָלגען פּאַשעט געווען א ווייטעק, וואָס הייסט אַן אייגענע מאַמע איז אַזוי גלײַכגילטיק צו איר איין־און־איינציק אייניקל!

עפּשער האָט די מאַמע פּאַשעט נעקאָמע גענומען אין איר דערפאַר, וואָס זי האָט וועגן דער מאַמעס געגנג דערציילט דעם אָפּגענאַרטן טאַטן, ווען אַנדריי וואָליטשקאָ האָט זיך אומגעקערט אהיים פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

דער גאַנצפרי איז דאַפּקע געווען א מעכײַעדיקער. די בלוילעכע וואָלקנדלעך האָבן זיך ווי געבוצקעט איינס מיטן אַנדערן, און דער הימל, האָט זיך געדאַכט, איז ווי א נײַ־געבוירע־נער. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין אַלע דרײַ פענצטער פונעם צימער, און דער טיש, דאָס בע־טעלע, דער פּריפּעטשיק פונעם דאָרפישן אויוון האָבן געשײַנט מיט זייער ציכטיקייט.

אָלגע זיצט לעבן טיש און פאַרשרײַבט עפּעס. אין שטוב איז שטיל, קוים וואָס מע הערט, ווי עס אָטעמט דאָס קינד אין וויגעלע און ווי דער וואַנט־זייגער מעסט אָפּ א ווײַל נאָך א ווײַל...

מאַדאַם וואָליטשקאָ דערפרעגט זיך ניט באַ דער טאָכטער, ווי לעבט זיך איר מיט איר עליען. וועדליק ער איז אַרויס פון שטוב גאַנצפרי א פאַרדײַגעטער, אַן אַנגעדראָדלטער, איז ניט צו זען, אַז ער איז אין איר פאַרליבט. די מאַמע פרעגט ניט באַ דער טאָכטער, צי זי האָט ניט כאַראָטע. ווען האָט זי געקאָנט פרעגן, אַז אָלגע איז אַזוי פאַרכאַפּט מיט איר ביבלִיאָטעק און מיט געזעלשאַפטלעכע איניאַנים. אָט זײַנען צו איר אַרײַנגעקומען צוויי שכיינעס, וועלכע בעטן, אַז זי, אָלגע, זאָל אַלס דעפּוטאַט זיך אַרײַנמישן אין זייער איניען. ווער דען, אויב ניט אָלגע אַנדרייעווונע?

אָלגע לייגט אָפּ אין א זײַט אירע העפטן, קעמט צו די צעשויבערטע האָר, וואַרפט אָף זיך אַרוף איר אַלט פאַלטעלע, פאַרשלייערט זיך מיטן וואַרעמען שאַלעכל און גייט פון שטוב.

— וואָלסט כאָטש צוגעפאַרבט די ליפּן! — רופט זיך אָן די מאַמע. — ביסט דאָך אַזוי גרין!

— איך פאַרב זיך ניט, מאַמע.

— טוסטו בעפּייערעש א נאַרישקײַט! א פרוי דאַרף שטענדיק געדענקען...

אָלגע האָט שוין ניט געהערט, וואָס א פרוי דאַרף געדענקען, און איז אוועק.

נאָר אָט האָט זיך דאָס אייניקל אופגעכאַפּט פון שלאָף און זיך שטאַרק צעכליפּעט.

— כ׳בין, ווײַזט אויס, ניט צוגעפּאַסט צו זײַן א באָבע, — האָט זי געזאָגט צו עליען, ווען יענער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין שטוב אָף מיטיק.

— פּאַסט מען זיך צו! — האָט גוטמוטיק א שמייכל געטאָן דער איידעם, וועלכער האָט שוין געפּיילעלט באַ זיך ניט פאַרזעצן דעם וויכוח מיט דער שוויגער.

— צוליב וואָס זיך צופּאַסן? קעדיי צו ווערן אָף דער עלטער א דינסט? נאָר דאָס פעלט מיר! אויב עס פעלט אײַך אַזוי א געטרײַע באָבע אין שטוב, איז שרײַבט אײַך אויס די מעכו־טענעסטע. איך וועל דאָ איבערזײַן עטלעכע טעג, און מיר פאָרן ווײַטער — עס זײַנען פאַראַנען מענטשן, וואָס פאַרשטייען מיך מער, ווי מײַן אייגענע טאָכטער...

אָף מאָרגן איז אָלגע אוועקגעפאָרן אָף דער באַראַטונג, און מאַדאַם וואָליטשקאָ איז גע־בליבן מיטן אייניקל און מיטן איידעם.

יענער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט א וואַרעם רעגנדל. ס׳האָט, ווי אומיסטן, אויסגעוואַשן די טאַפּליעס, דורך וועלכע אָלגעס מאַמע האָט זיך געסטאַרעט דערזען דאָס שטעטל מיט די אײַנוווינער. מיט אייניקע פון זיי איז זי אַמאָל באַקאַנט געווען, נאָר די מערהײַט האָט זי שוין פאַרגעסן. פאַר דער צײַט איז זי געוואָרן א גרויסשטאָטישע און האָט זיך געהאַלטן מיט צען קעפּ העכער פון זיי, די אָפּגעשטאַנענע, קליינשטעטלדיקע אײַנוווינער. איין זאַך האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס איז איר טאָכטער ניט ענלעך אָף איר, און פאַרוואָס איז איר איידעם, דאַכט זיך א מענטש מיט א קאָפּ אָף די אַקסל, פּלוצעם אַזוי אײַנגעזונקען געוואָרן אין אָט דעם וואָטשעראַשניע?

אין א טאָג ארום האָט זיך קיין ווטשעראשניע אראָפּגעכאַפּט מארינע שעווטשוק און איז, ווי דער שטייגער איז, גלײַך פאַרפאָרן צו אָלגען. זי איז ארײַנגעקומען אין שטוב מיט א ברייטן גוטמאָרגן און מיט א קליין קריגעלע סמעטענע. זי האָט ליב געהאַט קומען מיט א מאַטאָנע, ניט ווײַל דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט זיך, כאָלילע, גענייטיקט. אזוי איז זי געווינט, די אלטע, און ווענען האָט זי דאָ נאָך, כוץ אָלגען און עליען?

— איז, הייסט עס, די באַלעבאָסטע ניטאָ, און דאָס קינד האָט מען אײַך פאַרטרויט, — האָט זי געזאָגט, באַטראַכטנדיק די שטאָטישע מאַדאַם.

— עס רעדט זיך אזוי: פאַרטרויט! אונטערגעוואָרפן מיר אָט דעם קלאַפּעט און גיי מאַך עפּעס...

— נו, דערויף זײַנט איר דאָך א באָבע, אייגן בלוט! — מארינע האָט גענומען דאָס ייִנגעלע אף די הענט, ווי זי וואָלט איר גאַנץ לעבן געניאַנטשעט קינדער.

— בלוט־שמוט! — האָט מאַדאַם וועליטשקאָ א פּכעקע געטאָן, ווי מע וואָלט זי באַליי־דיקט. — איך האַלט ניט פון קיין אייניקלעך.

— ס'קאָן ניט זײַן! — האָט מארינע אף איר בייז א קוק געטאָן. — א פרוי דאַרף ליב האָבן קינדער. אָט האָב איך ניט, צום בײַשפּיל, קיין אייגענע אייניקלעך. גאָט האָט מיך געשטראָפט. נו, האָב איך גענומען אף מײַן קאָפּ עטלעכע צענדליק פרעמדע. אָט דאָס בין איך טאַקע גע־קומען אהער זיך אויסטאַרען פאַר זיי א פּיאַנינאָ.

— נאָר א פּיאַנינאָ פעלט זיי!

— און פאַרוואָס טאַקע ניט?! מע האָט אונדז צוגעשיקט א נײַע לערערן, וואָס קאָן זייער פײַן שפּילן, איז זאָל זי זיי לערנען.

— מער גייט אײַך ניט אָפּ, נאָר שפּילן?!

— וואָס זשע, זיי זײַנען, כאָלילע, ערגער פון די שטאָטישע קינדער?

לאַנג פאַרברענגען מיט דער מאַדאַם, וואָס האַלט זיך צו גרויס און מיינט, אז זי איז קליגער פון דער וועלט, האָט מארינע ניט געהאַט קיין כיישעק. זי, די גרויסשטאָטישע, האָט, אגעוו, ניט ארויסגעוויזן קיין באַזונדערע גאַסטפרײַנטלעכקײַט צו דער אלטער פויערטע, איז מארינע אינגיכן אוועק.

זי איז געגאַנגען מיט דער שטילער שטעטלדיקער גאַס און האָט ניט געקאָנט זיך באַרויִקן: ווי דערוועגט זיך א פרוי אזוי ריידן וועגן קינדער! עפּעס ניט קיין פרוי — א ווירעדאָק! עס האָט זיך איר פלוצעם דערמאָנט איר אומגעקומענער מאַן, וועלכער פלעגט זי טרייסטן אין א נויט, ווען ס'איז ניט געווען וואָס צו געבן די קינדער אין מויל ארײַן:

„אָט וועלן מיר א ביסעלע אויסגלײַכן די פּלייצעס... די זין וועלן זיך שטעלן אף די פיס... מיר וועלן גאָר ניט באַמערקן, ווי מיר וועלן ווערן דיד אי באָבאַ... די זין און די שניר וועלן אונדז שלעפּן דער צו זיך, און דער צו זיך, און מיר וועלן זיי אָפּטאָן אף טער־קיש: מיר וועלן באַ זיי צונעמען די אייניקלעך, און אין שטוב באַ אונדז וועט שטענדיק זײַן טומלדיק און פריילעך".

מיט דעם בינטל זיכרוינעס איז מארינע געקומען אין אויספּירקאָם. דאָ פילט זי זיך שטענ־דיק מײַסע באַלעבאָסטע — עפּעס איז זי דאָך א דעפּוטאַטקע!

אין ראַיויספּירקאָם האָט מען איר גאָרנישט ניט צוגעזאָגט. דערווײַל זײַנען קיין אינסטרו־מענטן ניטאָ אפילו פאַר דער מוזיקאַלער שול, וואָס וועט אָנהייבן ארבעטן אין ווטשעראשניע אין אָנהייב נײַעם לערניאָר. איז מארינע אוועק אין דער רעדאַקציע צו איר באַקאַנטן רעדאַק־טאָר סטעפּאַניוק מיט אַן אָנקלאָגע אף די פאַרקויפער, וואָס האַנדלען צו אַלטמאַדיש — מע פּרוווט זיך אפילו ניט טרייסטן מיט א צוזאָג...

אין רעדאַקציע האָט זיך אָבער מארינע דערוווּסט, אז סטעפּאַניוקן האָט מען ארויסגערופן אין געגנט. איר אָנקלאָגע האָט מען אויסגעהערט און צוגעזאָגט פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע.

אָלגע האָט זיך באַגעגנט מיטן רעדאַקטאָר אינעם פּאַיע פונעם געגנטלעכן טעאַטער, וווּהין מע האָט אײַנגעלאַדן אף א פאַרשטעלונג אַלע אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג.

סטעפּאַניוק איז געווען ניט אליין. אים האָט געפירט אונטער דער האַנט א שלאַנקע מיטל־ווּקסיקע פרוי, אף אירע אַקסל איז געהאַנגען א גרויסער פאָטאָ־אַפּאַראַט, אזא, ווי עס טראָגן געוויינלעך פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענטן. אויסגעטיילט האָט זי זיך מיט דער גראָוּוער פאַסמע האָר. דאָס באַשיידענע בלויע קלייד מיטן קלאָר־ווײַסן קעלנערל האָט זייער געפּאַסט צו דעם באַ־גײַסטערטן און לעבעדיקן פּאָנעם. מיט אירע בלווילעכע ליכטיקע אויגן האָט זי אַלעמאָל ארײַנ־געקוקט סטעפּאַניוקן אין פּאָנעם ארײַן.

אַלגע האָט זיך געסטאַרעט ניט שטערן זייער געשפּרעך. זי איז געשטאַנען מיט נאַדיען לעבן א קאַלאָנע, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם געצאַצקעטן באַלקאָן. נאַדיע האָט זיך שוין אומגעקערט פון קוראָרט — א פרישע, אָן אָפּגערוטע, און איז גלײַך געקומען אַף דער באַראַ־טונג. דאָ האָט זי געדאַרפט אַרויסטרעטן מיט א פאַרטראָג וועגן די פאָרמען פון מאַסן־אַרבעט מיטן לייענער.

נאַדיע האָט געהאַט וואָס צו דערציילן! זי וויל זיך נאָר האַלטן און אײַלע מיט אַלגען: צי זאָל זי גלײַך גײן אין אַטאַקע אַף די אינספּעקטאָרס, וואָס קומען מיט זייערע צוגעטראַכטע, אָפּגעריסענע פונעם לעבן, פּלענער, צי קוידעמקאָל אָנמאָלן א בילד פון זייער מאַסן־לייענער?

פּלוצעם האָט אַלגע זי אָנגעכאַפּט בא דער האַנט:

— אָט איז ער!

— ווער?

— סטעפּאַניוק!

— דײַן רעדאַקטאָר?

— וואָס עפּעס מײַנער? — איז אַלגע פּלוצעם בלייך געוואָרן.

— דו זעסט דען ניט, ווי א צווייטע פירט אים בא דער האַנט?

— אונטער דער האַנט, — האָט זי נאַדיע פאַריכט.

דעם צווייטן קרײַז אַרום דער פּאַיע האָט שוין ער, סטעפּאַניוק, געפירט זײַן מיטגייערן און האָט איר, זעט אויס, דערציילט עפּעס גאָר וויכטיקס.

— זע נאָר, ווי ער איז אופגעלעבט, — האָט אַלגע שטיל באַמערקט, — גאָר ניט דער סטעפּאַניוק!

— וואָס הייסט, ניט דער?

— ער איז מיטאַמאָל ייִנגער געוואָרן.

— באַקען מיך מיט אים, — האָט נאַדיע פּלוצעם פאַרגעלייגט אַלגען.

— צוליב וואָס?

— סטאַם אַזוי! מיר ווילט זיך וויסן, וואָס דאָס איז פאַר א מענטש.

— פאָלג מיך, נאַדינקע, מע דאַרף ניט! איך וויל ניט און דאַרף ניט מיט אים זיך באַ־געגענען.

נאָר ווי אַף צולאָכעס, האָט סטעפּאַניוק באַמערקט אַלגען און איז צוזאַמען מיט זײַן מיט־גייערן צוגעגאַנגען צו איר.

— זײַט באַקאַנט. מײַן אַלטער פרײַנט — ראָזעטשקע.

— ראָזאַ דאַווידאָוונאַ, — האָט די פרוי מיטן פּאַטאַ־אַפּאַראַט פאַריכט דעם רעדאַקטאָר און אויסגעשטרעקט איר לינקע האַנט, מאַכמעס די רעכטע האָט איר פאַרביטן א פּראָטעז אין א לעדערנער הענטשקע.

„נו, קלאָר, — האָט אַלגע א טראַכט געטאָן, — „אַלטער פרײַנט" קאָן הייסן זײַן פראָנט־כאַווערטע. און ער האָט דאָך אַנטוויקלט א גאַנצע טעאָריע, מיט וועלכער ער האָט זיך גע־פּרוווט פאַרענטפערן זײַן איינזאַמקײַט".

— איר געדענקט דעם פּאַטאַ־קאָרעספּאָנדענט פּימע ספּעקטאָר, וועלכער האָט אײַך אַמאָל באַרימט געמאַכט צוזאַמען מיט אײַער ראָזע סאַלאָמאַנאָוונע?

— אַוודע געדענק איך!

— אָט דאָס איז זײַן הויכגעשעצטע פרוי — ראָזעטשקע.

— ראָזאַ דאַווידאָוונאַ, — האָט ראָזע ווידער פאַריכט סטעפּאַניוקן. — ראָזאַ דאַווידאָוונאַ, אויך א פּאַטאַ־קאָרעספּאָנדענט.

— און דאָס איז מײַן כאַווערטע נאַדיע אַלפּערינאַ... צי עפּשער שוין איצט דובאָווואַ? — האָט אַלגע מיט א שמייכל א קוק געטאָן אַף נאַדיען.

— פון דער שאַכטע „ניצאָכן"? — האָט זיך ראָזע מיטאַמאָל דערפרייט. — זייער אָנגענעם. איך דאַרף אײַך טאַקע.

— מיך?!

— יאָ, אײַך! אויב איר זײַנט ווירקלעך פון דער שאַכטע „ניצאָכן".

— איר האָט קיין טאָעס ניט. פון דער שאַכטע „ניצאָכן"! — האָט נאַדיע געזאָגט, דאָס מאָל שוין מיט שטאָלץ.

„איז זי, הייסט עס, ניט מער, ווי זײַנע א באַקאַנטע, אָט די פרוי מיטן שוואַרצן פּראָטעז און מיט דער גראָוער פּאַסמע האָר", — האָט אַלגע א טראַכט געטאָן און, ווי איר וואָלט גרינ־גער געוואָרן אַפן האַרצן, אַרומגענומען נאַדיען. אייגנטלעך, וואָס איז איר דער כײַלעק?

און ראַזע דאַווידאָווגע האָט שוין אָנגעצילט איר פֿאָטאָ־אַפּאַראַט אויף נאַדיען.

— איך בעט אײַך, שטרענגט אײַך ניט אָן, רעדט מיט אײַער כאַווערטע, ווי איר וואָלט גאָר ניט וויסן, אַז מע פֿאָטאָגראַפֿירט אײַך.

זי האָט אַ פּאָר מאָל אַ קלאַצע געטאָן מיט דער לינקער האַנט, קונציק אונטערהאַלטנדיק דעם אַפּאַראַט מיטן פּראַטעז. דערנאָך פֿאָטאָגראַפֿירט ביידע כאַווערטעס און נאָך פּאַרגע־לייגט זיי אָפּפֿאָטאָגראַפֿירן צוזאַמען מיט סטעפּאַניוקן. נאָר דער רעדאַקטאָר האָט זיך אָפּגע־זאָגט:

— דער אָביעקטיוו וועט ניט אויסהאַלטן... מיר וועלן דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערשמאָל.

עס האָט זיך צעהילכט דאָס צווייטע גלעקל אַזוי הילכיק און אַזוי קאַטעגאָריש, אַז דאָס, וואָס סטעפּאַניוק האָט געוואָלט נאָך זאָגן, האָט מען שוין ניט געקאָנט הערן. געמיינט האָט ער אַוודאי, אַז מע דאַרף ניט, אַז אַזאַ אומשולדיקע פֿאָטאָגראַפֿיע זאָל פֿאַרשאַפֿן יעסורים אַלגעס מאַן. סטעפּאַניוק האָט שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט, אַז עליע איז כוישעד אַלגען אין ווייס־איך־וואָס. עפּשער וואָלט קעדײַ געווען מיט אים זיך דורכשמועסן וועגן זײַן נאַרישער אײַפֿערזיכטיקײַט? ווי טוט מען דאָס אָבער?

נאָך דער פֿאָרשטעלונג אין טעאַטער איז מען צוזאַמען געגאַנגען אין האָטעל, געגעסן וועטשערע. ראַזע דאַווידאָווגע האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן איר פּימקע ספּעקטאָר, וועלכער איז אַזוי באַפֿרײַנדעט געווען מיט סטעפּאַניוקן אויפֿן פֿראָנט.

— אָט ווער עס איז געווען אונדזער שאַדכן! — האָט זי אַרופֿגעלייגט איר פּראַטעז אויף סטעפּאַניוקס אַקסל. — דעם עמעס גערעדט, איז מיר דער „שאַדכן" מערער געפֿעלן געווען פֿונעם „כאָסן". ער זאָל נאָר געווען אַ ווונק טאָן, וואָלט איך זיך געלאָזט נאָך אים מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן.

— נאָר איר האָט כאַסענע געהאַט, און ער איז געבליבן אַן אַלטער באָכער.

— אַזוי איז, זעט אויס, באַשערט געווען.

— „איך וועל זײַן אַ שלעכטער מאַן, — האָט סטעפּאַניוק מיר אײַנגערעדט, — און ספּעק־טאָר איז גראָד דער, וואָס וועט דיך באַגליקן"

אָפּנעם, אַז ראַזע דאַווידאָווגע זײַנען זייער צום האַרצן געווען אירע זיכרוינעס.

— עפּשער האָב איך אַ טאָעס געהאַט? — האָט געפֿרעגט סטעפּאַניוק.

— פֿאַרקערט! ווען ניט פּימקע ספּעקטאָר, וואָלט איך שוין צען יאָר געווען אויף יענער־וועלט. דאָס האָט ער דאָך מיך אַרויסגעטראָגן פֿונעם פֿײַער, ווען מע האָט מיך פֿאַרווונדעט... כאַסענע געהאַט האָבן מיר שוין שפּעטער, ווען מע האָט באַ מיר אַראָפּגענומען די האַנט...

נאַדיע האָט געקוקט אויף ראַזע דאַווידאָווגען, און איר האָט זיך אויסגעמאָלט דאָס ברענענ־דיקע פֿעלד און דער דרייסטער באָכער מיטן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט, וואָס האָט געפּויזעט איבערן צערודערטן סטעפּ און געשלעפּט אויף זיך דעם פֿאַרווונדעטן סערזשאַנט.

מע האָט קוים דערלעבט דעם מאָרגנדיקן גאַנצפֿרי, און אָלגע מיט נאַדיען זײַנען אַוועק אין דער גרינער פֿאַרשטאָט, וווּ אין עטלעכע איינשטאָקיקע געבײַדעס האָט זיך נאָך דער מילכאָמע אײַנגעאָרדנט דער קינדערהיים אויפֿן נאָמען פֿון נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ.

דער האַיאָריקער ווינטער האָט דאָ אַלץ פֿאַרשאָטן מיט שניי. אַ געדיכטער רויך האָט זיך געצויגן פֿון די קוימענס. נאַדיע האָט פֿאַרזיכטיק אויפֿגעעפֿנט די שווערע דעמבענע טיר, וואָס פֿירט צום פֿאַרוואַלטער, צו דער פֿאַרדײַגעטער יונגער פֿרוי, וואָס האָט גענומען אויף זיך דעם שווערן אָל צו זײַן אַ מאַמע פֿון העכער צוויי הונדערט יעסוימים.

דער יונגער פֿאַרוואַלטערן פֿונעם קינדערהיים איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט אַזוינע פֿרויען, וועלכע האָבן באַשטימט נעמען אויף זיך די אַכרײַעס פֿון דער־ציִען אַ פֿרעמד קינד. ניט יעדערן האָט מען דאָס געקאָנט פֿאַרטרויען. נאָר ווען נאַדיע האָט איר דערציילט, ווער זי איז און ווער איז איר מאַן, פֿאַרזיכערט, אַז דעם קינד וועט אין דור־באָוס פֿאַמיליע זײַן בעסער ווי אינעם קינדערהיים, האָט זי דערלויבט די געסט אַרײַנגיין אין איינעם פֿון די צימערן, ווו דאָס קליינוואַרג האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די נידעריקע טישלעך טרינקען טיי.

די כעווורע האָבן זיך פֿאַרמאָסטן, ווער וועט גיכער אויסטרינקען די טיי און אָפּטראָגן די גלאָז צום ברייטן טיש, וואָס שטייט לעבן דעם קיך־פֿענצטער. נאַדיע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איינעם אַ קליינינטשקן כעווורעמאַן, באַ וועלכן די אויגן זײַנען געווען עטוואָס אומעטיק. ער האָט גיך אויסגעטרונקען זײַן טיי, פֿאַרביסן מיט אַ פּלעצעלע און פֿײַערלעך געמאָלדן:

— שוין!

ניט געכאַפּט האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם בענקעלע און מיט נײַגער זיך אָפּגע־שטעלט לעבן די צוויי אומבאַקענטע מומעס.

— ווי רופט מען דיך, ייִנגעלע?

— קאָסטיק, — האָט ער געענטפערט.

— און וויפל ביסטו אַלט?

— נעכטן בין איך אַלט געוואָרן פיר יאָר.

— און מיט וועמען כאַווערסטו זיך דאָ? — האָט נאַדיע געפרעגט.

— קיינער וויל זיך מיט מיר ניט כאַווערן.

— אַזאַ שלעכטער ביסטו? — האָט אָלגע זיך אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך.

— איך בין, זאָגן זיי, צו אַ קליינינטשקער. און וואָס בין איך שולדיק, וואָס איך בין אַהער אַזוי שפּעט געקומען?! אָט וועל איך אויסוואַקסן, וועל איך אויך ווערן ווי זיי.

— אומבאַדינגט! און עפּשער נאָך גרעסער פון זיי!

— אַזוי זאָגט אויך די מומע מירע אַדאַמאָוונע.

מירע אַדאַמאָוונע — דאָס איז טאַקע די פּאַרוואַלטערן אַליין. זי איז דאָ דער גרעסטער אויטאָריטעט. ווען זי קומט נאָר אַרײַן אינעם גרויסן צימער, טוען אַלע קינדער זיך אַ לאָז צו איר.

— מע שלאָגט דיך ניט, כ׳מיין די כעווריע, וואָס זײַנען גרעסער פון דיר? — האָט אָלגע ערנסט אַ פרעג געטאָן בײַ קאָסטיקן.

— זאָלן זיי נאָר אַ פּרווו טאָן!

— וואָס זשע, דו האָסט פאַר זיי קיין מוירע ניט? — האָט זיך נאַדיע אָנגערופן.

— און צוליב וואָס איז בײַ אונדז מירע אַדאַמאָוונע?! און טאַקע איך אַליין? איר זעט, סאַראַ הענט איך האָב? טוט אַ פּרווו, טוט אַ פּרווו. — און קאָסטיק פאַרקאַטשעט אַן אַרבל און באַווײַזט, סאַראַ מוסקולן ער האָט.

נאַדיען איז דאָס ייִנגעלע געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך דערפרעגט בײַ מירע אַדאַמאָוונען, וואָס איז געשען מיט זײַנע עלטערן און וואָס פאַראַ פּאַפּירן דאַרף זי צושטעלן, קעדיי נעמען דאָס קינד צו זיך.

אין אָוונט האָט נאַדיע אָנגעקלונגען אַהיים און אַרויסגערופן דעם מאַן. צוריק זײַנען זיי שוין געפאָרן אינדרײַען — דובאָוו, נאַדיע און זייער קינד — קאָסטיק. דאָס ייִנגעלע איז געזעסן אײַנגעקוקטע אין דובאָווס פּעלץ און האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— מירע אַדאַמאָוונע וועט אויך צו אונדז קומען?

— אומבאַדינגט! — האָט אים פאַרזיכערט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש. — און אויב ניט, וועסטו צו איר צופאָרן. איך וועל דיך אויסלערנען זיצן בײַם רודער.

קאָסטיק האָט דערויף ניט געענטפערט. אַלץ איז דאָך פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט.

צו נאַכט־צו האָט גענומען אַ גוט פראָסטל. די קאַליוזשעס זײַנען פאַרפרוירן געוואָרן, און דאָס דינע אײַז האָט געפּלאַצט אונטער די רעדער פון דער מאַשין. אײַנגעוויגט פונעם שנעלן פאָרן, איז דאָס קינד אײַנגעשלאָפן געוואָרן. נאַדיע האָט אינדערשטיל געשלונגען אַ טרער. דובאָוו האָט איצט מיט אַ באַזונדערער אופמערקזאַמקײַט זיך אײַנגעקוקט אינעם וועג, זיך אײַנגעהערט אינעם רויש פונעם מאָטאָר, ס׳זאָל זיך ניט טרעפן אין וועג עפּעס אומדערוואַרטס.

דובאָווס מאַשין איז פאַרבײַגעפאָרן קאָסטיע רודענקאָס שטוב, אין וועלכער, ניט קוקנדיק אַף דער שפּעטער צײַט, האָט זיך געלויכטן. קאָסטיע האָט זיך גאָר ניט געריכט, אַז אינעם ייִשעוו וועט זיך פּלוצעם באַווײַזן אַ קליין קאָסטיקל, וועלכער וועט באַגליקן זײַנע בעסטע פרײַנט — נאַדיען און דובאָוון.

די יונגע לעוואָנע איז געהאַנגען איבער דער שאַכטע און אַרײַנגעקוקט אין אַלע פענצטער פונעם ייִשעוו. דער הויכער טעריקאָן האָט געאָטעמט, ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, און בלויז לעבע רויכעלעך האָבן, ווי שטיקער נעפּל, זיך געצויגן צו דער לעוואָנע. קאַטיע האָט שוין דאָס דריטע מאָל געבעטן איר מאַן:

— עפּשער וואָלסט שוין געווען גענוג, קאָסטיע? גיי שוין שלאָפן!

דאָס מאָל האָט ער זי געפאָלגט, דער אײַנגעשפּאַרטער קוילנגרעבער, וואָס וועט אומבאַ־דינגט ווערן אַ באַרג־אינזשעניער, ווי שווער עס זאָל אים ניט זײַן אי אַרבעטן, אי לערנען זיך. שוין זשע פאַרשטייט זי ניט, זײַן כאַכאַמע, אַז באַהערשן די סודעס פון מאַטעמאַטיק איז אַ באַזונדערער פאַרגעניגן? אָט וועט זיך אומקערן יעגאָר סעמיאָנאָוויטש, וועט אים ליב זײַן צו באַרימען זיך פאַר זײַן שעף, אַז ניט אומזיסט לייגט ער אַף אים אַזויפיל האָפענונג.

## 8. די סריפּע

עפֿראַיִם רויכמאַן, צוזאַמען מיט טאַסיען, האָבן זיך אומגעקערט קיין וווטשראַשניע. זי איז געווען זיכער, אַז קיינער קען זי דאָ ניט, און דאָס איז גראָדע גוט. איר איז ניט צום האַרצן יעדעס מאָל דערמאָנען זיך אין איר פֿאַרגאַנגענהייט. קיין גוטע דערינערונגען זײַנען בײַ טאַסיען ניט געווען. איז זי גליקלעך, וואָס עפֿראַיִם רויכמאַן דערפֿרעגט זיך ניט בײַ איר וועגן איר לעבן. זי געפֿעלט אים אַזאַ, ווי זי איז איצט, און דאָס איז דער עיקר!

נאָר די ערד, זאָגט מען, איז קײַלעכיק, און דער שוואַרצער שטורעמווינט פֿון דער מיל־כאָמע האָט אַזוי צעזייט און צעשפּרייט טויזנטער מישפּאָכעס, אַז טאַסיע האָט זיך ניט פֿאַר־כידעשט, ווען זי האָט דאָ אומגעריכט זיך באַגעגנט מיט אַלגעס מאַמע — מיט דער מאַדאַם וועליטשקאָ — מיטן אייניקל אויף די הענט.

— ווי קומט איר אין אַט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל?

— און וואָס פֿאַר אַ שוואַרציאַר האָט אײַך אַהער אַראָפּגעבראַכט? — האָט טאַסיע זי באַ־טראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— זעט איר דאָך! אַז גאָט וויל, נעמט ער און וואַרפֿט מיר אונטער אַן אייניקל.

לאַנג צו ריידן מיט טאַסיען האָט די מאַדאַם וועליטשקאָ ניט געהאַט קיין צײַט, ווײַל כאָטש דעם אייניקל האָט איר די טאָכטער איבערגעלאָזט עליען — דעם שיינעם איידעם אירן, פֿאַר וועלכן זי האָט נאָך געדאַרפֿט צוגרייטן מיטיק. אַזוי איז ער בײַ איר צוגעווינט, בײַ דער טאָכטער! זי מעג שוין אַ קוק טאָן אויף איר איידעם — אַ פֿאַרזעעניש אין ברילן! אַזוי האָט די מאַדאַם וועליטשקאָ אים געקרוינט נאָך דעם, ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן איר און איר באַציִונג צו אַלגעס טאַטן — אַנדריי וועליטשקאָ.

באַזונדערס איז זי אויף אים אופֿגעבראַכט פֿאַר זײַן שטעלונג צו אירע קעץ. אַ מענטש האָט זיי אין לעבן ניט געזען און זאָגט אַרויס זײַן מיינונג, גלײַך ווי זיי זאָלן זײַן בײַ אים אויף קעסט.

בײַ מאַדאַם וועליטשקאָ זײַנען געווען סאַכאַקל נײַן קעץ. זי האָט געקאָכט פֿאַר זיי, גע־באָדן אַלע טאָג און געראַמט נאָך זיי עטלעכע מאָל אין טאָג.

איין קאַץ האָט איר מאַן, אַנדריי וועליטשקאָ, נאָך געקאָנט פֿאַרלײַדן, אָבער נײַן — בע־שום־אופֿן ניט! האָט ער איר געשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער ער, אָדער די קעץ! אַנדריי האָט געדראָעט, אַז ער וועט זיי אָפּסאַמען. האָט זי זיי אײַנציקווײַז אַריבערגעטראָגן צו אירער אַן אַלטער באַקאַנטער. זאָגט אָט דער עליע, אַז די קעץ גייען אים ביכלאַל ניט אָן!

טאַסיען גייען די קעץ אויך ניט אָן. זי וואָלט בעסער געוואָלט וויסן וועגן אירע באַציִונגען מיטן „פּעטער״, וועלכער איז אירער אַ ווײַטער קאָרעוו. נאָר טאַסיע וועט אַליין ניט פֿרעגן, וואָס מאַכט ער עפּעס, יענער „פּעטער״... זי האָט בלויז געוואָלט פֿעסטשטעלן, בײַ וועמען האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, ווער איז זי דאָ, איר טאָכטער, און ווער איז ער — איר איידעם.

— אָ, מײַן איידעם איז איצט אַרײַן אין די פֿעדערן!

— אַשטייגער?

— ער איז איצט דער פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאַבריק־דירעקטאָר.

— אַנשטאָט מײַן מאַן?

— איר האָט דאָ אַ מאַן?!

— רויכמאַן! דאָס האָט דאָך ער, אײַער איידעם, געמאַכט אַזוי, מע זאָל אים, רויכמאַנען, אַראָפּנעמען, און אים, אײַער טײַערן איידעם, שטעלן אויף זײַן אָרט.

— אָך, אַזוי גאָר?! רויכמאַן! כ׳האָב גאָר ניט געוווּסט. זײַנט איר שוין לאַנג מאַן־און־ווײַב?

— אָ, שוין אַ כוידעש. אַט דאָס זײַנען מיר געקומען פֿון קוראַרט.

— און ווי קומסטו צו אים?

— מײַן מומע האָט מיך פֿאַרשאַדכנט, וואַרוואַרע קאַסטיוקאָווע, עפּשער האָט איר גע־הערט?

מאַדאַם וועליטשקאָ האָט דערווײַל ניט געהערט וועגן איר מומען און ניט איבעריק דאָס פֿאַרלאַנגט. גלײַך ווי די טאָכטער אירע וועט קומען פֿון דער באַראַטונג, וועט מאַדאַם וועליטשקאָ נעמען די פֿיס אויף די פּלייצעס און זיך לאָזן אַהין, וווּ די אויגן וועלן זי פֿירן. קיין דינסט בײַ איר איידעם, דעם כאָכעם אין די ברילן, וועט זי ניט זײַן.

אַ האַרץ, זאָגט מען, פֿילט אַ האַרץ. עליע האָט געוווּסט, אַז די שוויגער האַלט ניט פֿון אים, אַז זי בלאָזט זיך, איז ער אויך אויף מיטיק ניט געקומען אַהיים.

געוועזן דערצו נאָך א סיבה. רויכמאַן האָט אים איבערגעגעבן די איניאַנים און האָט זיך זייער געפֿילט. פֿאַרבליבן אין וואָטשעראַשניע האָט ער ניט געוואָלט. מיט אזא ווייַב, ווי טאַסיע קאָסטיוקאָווא, מיט די צוויי דיפּלאָמען אין קעשענע און מיטן צייַטונג־אויסשניט, ווו מע שרייַבט וועגן אים אַזוינס, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זייַן, וועט ער אַף דאָנבאַס אויך ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

עליע האָט רויכמאַנען ניט פֿאַרשאַפֿט קיין איבעריקע שוועריקייטן, אַלץ איז געגאַנגען גיך, לויטן באַשטימטן סיידער. אין א צוויי־דרייַ טעג אַרום וואָלט רויכמאַן צוזאַמען מיט זייַן טאַסיען געהאַט די מעגלעכקייט אַרויספֿאָרן. דאַרף זיך אָבער טרעפֿן אַן אומגליק: האַלב צוועלף באַנאַכט האָט איבערן פֿאַרשלאָפֿענעם שטעטל זיך צעהילכט א האַרצרייַסנדיקער געקלאַנג.

וואָטשעראַשניע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אין די שווידערלעכע סרייפֿעס, וואָס פֿלעגן אויסברעכן אין די מילכאָמע־טעג, איז פּלוצעם באַשייַנט געוואָרן מיט א גרויסן פֿלאַם. גוואַלדיקע העלע צונגען האָבן זיך געריסן צום באַנאַכטיקן הימל.

די פֿייַערלעשער־קאָמאַנדע, וואָס האָט א יאָג געטאָן איבער די פֿאַרשלאָפֿענע גאַסן פֿונעם שטעטל, האָט זיך געלאָזט צו דער זאָקן־פֿאַבריק.

עליע האָט דערהערט דעם געקלאַנג שוין דאַן, ווען דאָס פֿייַער האָט זיך אָנגעהויבן אַריבערוואַרפֿן צום סקלאַד מיט דער פֿאַרטיקער פּראָדוקציע. דער אַלטער וועכטער האָט זיך געהאַלטן באַם האַרצן. ער האָט זיך אַזוי פֿאַרלוירן, אַז ער האָט ניט געוווּסט וווּהין זיך וואַרפֿן מיטן ליידיקן עמער.

עליע האָט זיך מיטאַמאָל א וואָרף געטאָן צום סקלאַד. א שטיקנדיקער רויך האָט אים א זעץ געטאָן אין פּאָנעם.

— וווּהין קריכסטו, אויוואָרבאַטלי?! — האָט עליע דערהערט עמעצנס אַן אופֿגעבראַכטע שטים. — וועסט דאָך אומקומען, שלימאַזל!

צוביסלעכווייַז זייַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די איבערגעשראָקענע שכיינים. עליע האָט זיי קימאַט ווי ניט געזען דורך די פֿאַרנעפּלטע ברילן. אינעם מויערל, ווו עס געפֿינט זיך די פֿאַבריק־פֿאַרוואַלטונג, איז געוועזן פֿינצטער. פֿונעם גרויסן קאָנווייער־צעך, פֿונעם שפּול־צעך האָט מען ניט געקאָנט דערוואַרטן קיין שום הילף. די צווייטע סמענע האָט מיט א שאָ צוריק פֿאַרענדיקט די אַרבעט, און די מיידלעך זייַנען זיך צעפֿאָרן איבער די אַרומיקע דערפֿער.

ס'איז געוועזן שאַבעס, און אַבראַם באָריסאָוויטש, וועלכער פֿלעגט געווייִנלעך ביז שפּעטער נאַכט פֿאַרהאַלטן זיך אַף דער פֿאַבריק, איז הייַנט פֿרי אַוועק אַהיים. אַרויסרופֿן אים האָט זיך קיינער ניט דערטראַכט.

איינע פֿון די ערשטע איז געקומען צו לויפֿן וואַרוואַרא קאָסטיוקאָווא, וועלכע האָט געוווינט ניט ווייַט פֿון דער פֿאַבריק.

— ווו זשע זייַנען די מענטשן?! — האָט זי געשריגן, ברעכנדיק די פֿינגער.

— וועלכע מענטשן? — האָט זי איבערגעקרימט דער אַלטער וועכטער, וועלכער איז נאָך ניט געקומען צו־זיך.

די פֿייַערלעשער־קאָמאַנדע האָט צעוויקלט דעם לאַנגן שלאַנג און האָט קוידעמקאָל געפּרוּווט איינשטילן דאָס פֿייַער אינעם סקלאַד, די סרייפֿע זאָל זיך ניט צעשפּרייטן אַף די שכיינעסדיקע הייַזער. עליע האָט זיך געראַנגלט מיטן פֿייַער אַרום דער געבייַדע, ווו עס געפֿינען זיך עטלעכע טויזנט פּעקלעך מיט פֿאַרטיקע זאָקן.

ערשט אייערנעכטן האָט אים רויכמאַן זיי איבערגעגעבן לויטן אַקט. הייַנט פֿילט ער שוין די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר יעדער פּאָדעם.

פּלוצעם האָט דער אוילעם דערזען עליען מיטן רויטן פֿייַערלעשער־באַלאָן אין די הענט. עליע איז שוין געוועזן אַפֿן צווייטן שטאָק, פֿונוואַנען עס האָט אַמשטאַרקסטן געזעצט דאָס פֿייַער.

— ער איז מעשוגע!

— וועסט דאָך אומקומען, קירשטיין!

— איליושא, איליושא! — האָט געשריגן וואַרוואַרא קאָסטיוקאָווא מיט אזא קאָל, גלייַך עס וואָלט געדראָאָט א געפֿאַר איר א זון.

דאָס פֿייַער האָט אַלץ ניט געוואָלט זיך איינשטילן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז וואָס מער מע גיסט וואַסער, אַלץ גרעסער ווערט דער פֿלאַם. אָט האָט עליע באַמערקט, ווי פֿון א קליין פֿענצטערל אַפֿן ערשטן שטאָק האָט זיך אַרויסגעריסן א נייַער פֿלאַם. אַראָפּלאָזן זיך מיט די טרעפּ איז שוין אומעגלעך געוועזן. לאַנג טראַכטן איז אויך ניט געוועזן וועגן. מיטן פֿייַערלעשער־באַלאָן אין די הענט איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פֿענצטער פֿונעם צווייטן שטאָק און, ווי

א געניטער פײַערלעשער, גענומען צעשיסן דאָס פײַער מיט דער פֿינענדיקער פליסיקײַט.

ערשט איצט האָט עליע באמערקט דעם דירעקטאָר אבראם באָריסאָוויטשן, וואָס איז שוין געשטאנען צווישן דער פײַערלעשער־קאָמאנדע און אָפּגעגעבן פארשיידענע פאראָרדענונגען.

דאָס פײַער האָט גענומען ביסלעכווײַז אָפּטרעטן.

פון די צעעפנטע טירן, וואָס זײַנען ביז דער לעצטער מינוט געווען פאריגלט, האָט מען גענומען ארויסוואַרפן קאסטנס מיט סכוירע. ארום דעם פאבריק־הויף האָט זיך שוין צונויפגעַנומען א היפשער אוילעם. ענדלעך איז געקומען צו לויפן אויך דער געוועזענער באלעבאָס פונעם גוטס, רויכמאן, מיט זײַן ווײַב טאסיע.

— וואָס זאָגסטו אף אונדזער אומגליק? — האָט זי באגעגנט די צעפּאליעטע מומע אירע.— כ׳וואָלט נאָר א באלן געוועז וויסן, פאר וועלכע זינד קומט עס אונדז?

די פליסיקײַט אינעם פײַערלעשער האָט זיך געענדיקט, און עליע האָט אים א שלײַדער געטאָן אין א זײַט. וואָס האָט ער איצט געקאָנט טאָן מיט די הוילע הענט?! דאָס פײַער האָט געדראָעט זיך אריבערכאַפּן אף דער שכײנעסדיקער געבײַדע.

אבראם באָריסאָוויטש צוזאמען מיטן אף טויט איבערגעשראָקענעם וועכטער האָבן פארגעסן, אז זיי זײַנען ביידע ניט קיין גרויסע גיבוירים, זיי האָבן געשלעפּט די קאסטנס פונעם סקלאד, און באנאנד מיט זיי האָבן אויך אנדערע, עלטערע און ייִנגערע, געטאָן וואָס מעגלעך.

מע איז אזוי געווען פארטאָן מיטן ראטעווען די פאבריק, אז עס איז ניט געווען ווען א טראכט טאָן: ווער איז שולדיק אין דעם גרויסן העזעק?

שולדיק אין דעם איז גראָד געווען דער, ווער עס האָט פארגעסן באזאָרגן די זיכערקײַט פון דער עלעקטראָלייטונג, דער אזויגערופענער טעכנאָרוק, וועלכן עס האָט א געווויסע צײַט פארביטן עפראַיִם רויכמאן.

עליע האָט אים דאפקע ניט איין מאָל געוואָרנט:

— מע מוז פארבײַטן די דראָטן!

האָט אים רויכמאן געענטפערט:

— וואָס שרעקט איר די געגנדז?

עליע איז, פארשטייט זיך, באגאנגען א פעלער, וואָס ער האָט זיך ניט געווענדט צום דירעקטאָר. נאָר סאָפּקאָלסאָף איז ער דאן געווען ניט מער ווי א „נאלאדטשיק״, ווי א מײַסטער, וואָס איז פאראנטוואָרטלעך פאר זײַן באצירק. און איצט? איצט האָט די קורץ־פאר־

שליסונג און דער בייזער פונק געטראָפֿן אין א פאַק טרוקענע פּאַדעם, וואָס האָט גלייך אופֿ־געפֿלאַמט.

אינעם געראַנגל מיטן פֿייער האָט עליע גאָר ניט באַמערקט, ווי איין פּאָלע פון זיין רעקל האָט זיך אָנגעצונדן. נאָך א רעגעלע וואָלט ער אליין אָנהייבן ברענען.

די ערשטע האָט דאָס באַמערקט ווארווארע. זי האָט זיך א לאָז געטאָן און זיך ארופגע־וואלגערט אף אים מיט איר שווערן קערפּער. עליע האָט ניט גלייך פארשטאנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ערשט נאָך דעם, ווי זי האָט געגומען כליפענדיק שרייען: „מעשוגענער! כאָסער־דייעניק! ביסט דאָך א טאַטע פון א קליין קינד!..״ — האָט עליע אָנגעהויבן פארשטיין, אין וואָס פאַר א געפאַר ער איז געווען.

ווארווארע האָט באַוויזן אָפּראַטעווען עליען פון דער סאַקאָנע, זי האָט אָבער אים ניט געקאָנט אָפּשטעלן, ניט איינשטילן. מיט די צווי אָפּגעבריטע הענט האָט ער געפּאַקט א שווערן אייזערנעם קריוק און געגומען אָפּרייסן די באַלקנס, וואָס האָבן געקאָנט יעדע רעגע אראָפּ־פאַלן און אָנטאָן נאָך א גרעסערן העזעק. עס וואָלט אלץ נאָך געווען ניט אזוי שרעקלעך, ווען עליע זאָל אינמיטנדערינען ניט פארלירן די ברילן. אָן זיי איז ער געווען אויס מענטש. אָט אזא — אָן אָפּגעברענטן און קימאַט א בלינדן, האָט אים דערזען דער דירעקטאָר.

— כאַווער קירשטיין! אילִיושאַ!

עליע האָט אים קוים דערקענט. נאָר וואָס האָט ער אים געקאָנט זאָגן, דעם דירעקטאָר? זיך פאַרענטפערן? דער רויך און דער פאַרדראָס האָבן אים געוואָרגן און ער האָט ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין וואָרט. אבראַם באַריסאָוויטש האָט דערפילט זיין צושטאַנד און האָט גע־נומען אים באַרויִקן:

— איר זיינט ניט שולדיק, לאַכלוטן ניט שולדיק, איליא מיראָנאָוויטש!

— אבראַם באַריסאָוויטש... אבראַם באַריסאָוויטש! איך האָב געוואָרנט. איך האָב פאָרויס־געזען...

— וועגן דעם אלעמען שפּעטער, שפּעטער! — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט און קאַטעגאָ־ריש באַפוילן אָפּפירן אים אין שפּיטאָל.

— ניין, ניין! — האָט עליע זיך געבעטן. — אהיים, נאָר אהיים!

...ווען אָלגע האָט זיך אומגעקערט פון דער באַראַטונג, האָט זי שוין געטראָפן איר מאַן אין בעט. לעבן אים איז געזעסן דער הויפּט־דאָקטער פונעם ראַיאָנישן שפּיטאָל. מאַדאַם ווע־ליטשקאָ האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. זי האָט זיך געבראָכן די פינגער און גע־האַלטן אין איין טייַנען:

— אז קיין קאָפּ אף די פּלייצעס האָט עס ניט, אז קיין סייכל אין קאָפּ איז אויך ניטאָ...

— וואָס רעדסטו, מאַמע?! וואָס האָסטו צו אים?

— ווארפן זיך אין פֿייער! ריזיקירן מיטן אייגענעם לעבן!

אָלגע איז געזעסן לעבן עליעס געלעגער. ריידן מיט אים האָט מען ניט געקאָנט. ער איז געלעגן אין א גרויסער היץ און אפילע ניט דערקענט די אייגענע.

— וואָס שווייגט איר, דאָקטער? — האָט אָלגע געטשייעט צום כירורג.

— ער איז בא אייך א מאַזלדיקער. איצט איז שוין אלץ אין אָרדענונג.

אָלגע האָט זיך צעוויינט.

— איך בין אייך אָרעוו, אז אלץ וועט זיין גוט, — האָט דער דאָקטער זי געטרייסט. — מע דאַרף אים נאָר ניט טשעפּען, ניט מינטערן, ניט וויינען און ניט שרעקן. די נייטיקע איניעק־ציע האָב איך אים אליין געמאַכט.

ווען דער דירעקטאָר צוזאַמען מיטן פאַרטאָרג זיינען געקומען אים מעוואַקער־כוילע זיין, האָט זיי דער דאָקטער ארויסגעשטעלט אין קיך.

— וואָס ווייניקער איר וועט אים באַומרויִקן, אלץ גיכער וועט ער קומען צו־זיך. ניט געפערלעך, ניט געפערלעך — דאָס זאָג איך אייך גאַנץ פעסט.

דער אלטער וועכטער, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן געטראָגן ברילן, האָט פארשטאַנען, ווי שווער עס איז עליען אָן זיי. גראָד ער, דער אלטער, האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אף עליעס ברילן — זיי זיינען געלעגן הארט בא דער וואַנט פונעם קאָנווייער־צעך. דער אלטער האָט זיי געכאַפּט, ווי א גרויס געווינס, און איז גלייך אוועקגעלאָפן צו עליען.

— און וואָס האָט איר זיך אהער ארייַנגעשטעלט אינמיטנדערינען? — האָט אף אים זיך צעשריגן דער דאָקטער.

— די ברילן... איר זעט?

אָלגע האָט זיי אויסגעווישט, אוועקגעלייגט אפן טישעלע לעבן עליעס צוקאָפּנס און ווידער זיך צעוויינט.

איצט איז אַלץ געוווּנדט געוואָרן אין דעם, צי וועט עליעס האַרץ אויסהאַלטן די גרויסע ווייטעקן. די היגע דאָקטוירים האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דייגע, צי זאָל מען אים איבערלאָזן אין וואָטשעראַשניע, צי אָפּפירן אין געגנטלעכן שפּיטאָל.

עליע האָט ניט געוווּסט, אַז אָלגע האָט אַרויסגערופן זײַן מאַמען. און ווען ער האָט זי פּלוצעם דערזען לעבן בעט, האָט ער געמיינט, אַז דאָס כאָלעמט זיך אים אָדער אַז דאָס איז פון היץ.

— ווי קומסטו אַהער, מאַמע? — און עליע האָט זיך אַ ציִ געטאָן צו די ברילן.

— ווי פילסטו זיך, זינו?

— נישקאָשע, מאַמע, נישקאָשע.

— דער פּראָפעסאָר זאָגט, אַז אַלץ איז געוווּנדט אין דיר.

— איך פאַרשטיי, מאַמע, איך פאַרשטיי.

— מע דאַרף דאָס איבערקומען, זינו...

— מע וועט זיך סטאַרען, מאַמע,—האָט ער קוים אַ שמייכל געטאָן.

— דײַן טאַטע, דיר צו לענגערע יאָר, האָט אויך ליב געהאַט דאָס ווערטל: מע וועט זיך סטאַרען...

— אָבער ניט פאַרלירן דערבײַ דעם קאָפּ! — האָט זיך אַרײַנגעמישט מאַדאַם וועליטשקאָ.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך אַרײַנגעשטעלט מאַרינע שעווטשוק. זי האָט געבראַכט אַ לעבעדיקע הון, אַ טעפּעלע האָניק און אַ פרישן צענדליק אייער.

— איך ווייס, איך ווייס וועגן אַלץ, — האָט זי גלײַך געמאָלדן. — דערקוויקט אים דאָס האַרץ... די הון איז ניט קיין פעטע, און האָניק איז דאָך הונדערט פּראָצענט געזונט!

וויפל אָלגע האָט זיך ניט באַמיט דערוויַיזן מאַרינען, אַז די סריפע איז אַ צופעליקער אומגליק, אַז קיינער איז אין דעם ניט שולדיק, האָט מאַרינע בעשום-אופן ניט געוואָלט מיט איר מאַסקים זײַן.

— פון זיך אַליין ווערט גאָרניט, — האָט זי געטײַנעט. — עמעצער, פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן, האָט דאָ צוגעלייגט די האַנט...

די פּראָקוראַטור האָט זיך גענומען אויספאָרשן די סיבעס פון דער סרייפע. עפראַים רויכמאַן, וואָס האָט שוין געהאַט אַ בילעט אין קעשענע, האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג ניט אַרויספאָרן פונעם שטעטל, ביז ער וועט ניט באַקומען קיין אָפיציעלע דערלויבעניש.

מאַדאַם וועליטשקאָ איז איינעם אַ פאַרנאַכט נעלעם געוואָרן.

— אַז וועסט האָבן אַ פרײַע מינוט, שרײַב מיר אָן, — האָט זי געזאָגט אָלגען באַם געזעגענען זיך. — אַז מע וויל צוריק, האָב איך כּוח דיר קיינעם ניט...

אָלגע האָט איר דערויף ניט געענטפערט.

## 9. באַ דער מוטערס קייווער

נאָך דעם, ווי אַראָן מײַסטערענקאָ האָט זיך ניט גאָר אויסגעפײַנט בײַסן אײַנשטעלן די נײַע קאָמבײַנען, און קאָסטיע האָט שוין אַפילו געצווייפלט, צי דאַרף ער אים פאַרטיידיקן פאַר דובאָוון, און נאָך דעם, ווי טאָסיע איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן געוואָרן, איז די שטימונג באַ אַראָנען געווען זייער אַ געדריקטע. ער האָט ניט געקאָנט געפינען זיך קיין אָרט.

אין יענע טעג האָט אַראָנטשיק באַקומען אַ בריוו פון סאָבאָליוועקע. דעם נאָמען סאָבאָליוועקע האָט ער פאַרגעסן, ווי ער האָט פאַרגעסן אַ סאַך נעמען פון קלענערע און גרעסערע שטעט און שטעטלעך, ווו אים איז אויסגעקומען צו זײַן פאַר זײַנע צוואַנציק קנאַפּע יאָר.

דעם בריוו האָבן אים אָנגעשריבן צוויי פּיאָנערן, לויטן באַשלוס פון דער מאַכנע, וואָס האָט מיט גרויסע שווערקײַטן פעסטגעשטעלט, ווו ער, זייער זעמליאַק, געפינט זיך. לויטן באַשלוס פון דער מאַכנע, ווערט דער כאַווער אַ. מײַסטערענקאָ אײַנגעלאַדן קיין סאָבאָליוועקע, ווו דעם אַכטן מאַרט וועט מען שטעלן אַ דענקמאָל די, וועלכע זײַנען אומגעקומען בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע...

„אויב איר, כאַווער מײַסטערענקאָ, האָט ניט פאַרגעסן וועגן דער פרוי, וועלכע איז זיך מאַקריוו געווען פאַר אײַך און אַרײַנגעפאַלן אין די פאַשיסטישע לאַפּעס, וועט איר זיכער קומען קיין סאָבאָליוועקע און צוזאַמען מיט אונדז באַערן איר ליכטיקן נאָמען. מיר וואַרטן אַף אײַך, טײַערער כאַווער און ברודער...”

דעם בריוו האָט אַראַנטשיק עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און האָט באַשטימט אים באַווײַזן דער ביבליאָטעקערן נאַדיע. צו איר האָט ער איצט געהאַט אַ באַזונדערן צוטרוי.

— זייער אַ טײַערער בריוו, — האָט נאַדיע געזאָגט.

— וואָס זשע אײַלעט איר מיר?

— פֿאָרן!

— מע וועט מיך דען אָפּלאָזן?

— אומבאַדינגט!

— איר קענט ניט אונדזער דובאָוון!

— איך קען אים ניט? איך קען אים שוין דאַפֿקע גוט. ער איז ניט אַזוי שטרענג, ווי דו מיינסט. איך וועל מיט אים איבעררײַדן.

יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט ניט געקאָנט אָפּזאָגן זײַן פּרוּי, און כאָטש דער שלימאַזלדיקער „כאָסן" האָט געזינדיקט באַם אײַנשטעלן די נײַע מאַשינעס און האָט געזאָלט באַשטראָפֿט ווערן, האָט דובאָוו פֿאַרשטאַנען, אַז די אײַנלאַדונג איז ביז גאָר אַ וויכטיקע, און האָט אים געגעבן אורלויב אויף אַ גאַנצער וואָך.

אַראַנטשיק איז געזעסן אין וואַגאָן און געפּרווּט זיך פֿאָרשטעלן, וויאַזוי וועט פֿאָרקומען די באַגעגעניש מיט זײַנע אייגענע און נאָענטע, ווײַל אייגענער און נעענטער פֿון קאַטערינאַ מײַסטרענקאָס קינדער האָט ער דאָך איצט ניט געהאַט אויף דער גאָרער וועלט. ער האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זײַן, וואָס ביז איצט האָט ער זיך אַליין ניט דערטראַכט באַזוכן סאַבאַליווקע. ווי האָט ער געקאָנט פֿאַרגעסן אין דעם?!

אַראַנטשיק האָט בעפֿיירעש קלוג געטאָן, וואָס ער האָט טעלעגראַפֿיש מיטגעטיילט, ווען און מיט וועלכן צוג ער וועט קומען.

דעמלט, אין איין־און־פֿערציקסטן יאָר, איז סאַבאַליווקע געווען אַ פֿאַרוואָרפֿן דאָרף און קיין צוגן פֿלעגן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אַפֿילו אויף קיין רגע. איצט האָט מען דאָ אויסגעבויט אַ נײַע שאַכטע, לעבן וועלכער עס שטעלט זיך אָפּ דער צוג אויף אַ גאַנצער מינוט. און וויפֿל דאַרף מען דען, קעדיי אַראָפּשפּרינגען? באַזונדערס ווען דו ווייסט, אַז מע וואַרט אויף דיר.

אויפֿן ליבן גאַסט האָט מען טאַקע געוואַרט, ווי אויף אַן עמעסן העלד, כאָטש קיין שום העלדישע טאַטן האָט ער נאָך ניט באַוויזן צו אויפֿטאָן... ס'איז נאָך גוט, וואָס די קינדער, וועלכע האָבן אים אײַנגעלאַדן, ווייסן ניט וועגן זײַן שענדלעכער אויפֿירונג אויף דער שאַכטע.

די פּיאָנערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, זיכער, אַז דאָס איז ער, אַז זיי האָבן זיך טאַקע זייערס דערשלאָגן!

— אַנטשולדיקט, — האָט זיך צו אים אָנגערופֿן דער סאַמע קלענסטער, נאָר, זעט אויס, דער סאַמע דרייסטער צווישן זיי, אין אַ גרויסן קאַרטוז מיט אַ רויטן דאַשעק. — איר זײַנט קאַטערינאַ מײַסטרענקאָס זון?

— איך! — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ. — האָסט מיך דערקענט?

— איר זײַנט זייער ענלעך, זייער! — האָט זיך אָנגערופֿן אַ דין, וווּקסיק מיידעלע אין אַ וואָלענער פֿאַטשיילע. — אײַך איז גרינג צו דערקענען.

— קומט, קומט, כאָווער מײַסטרענקאָ! אין שול וואַרט שוין אויף אײַך די גאַנצע מאַכנע. צוויי כעווערלײַט האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּערן, ווער פֿון זיי וועט העלפֿן טראָגן דעם טשעמאָדאַן, אין וועלכן דער גאַסט האָט געבראַכט מאַטאָנעס פֿאַר די פּיאָנערן. אַ דריטער האָט אויסגעכאַפּט באַ אַראַנטשיקן דאָס גרויסע בילד, וואָס מײַסטרענקאָ האָט געבראַכט אַלס מאַטאָנע דער סאַבאַליווקער שול.

דאָס האָט נאַדיע אַלפֿערין אײַנגערעדט דאַדיקן, ער זאָל אָפּגעבן דער שול זײַן בילד, זײַן באַליבט ווערק, איבער וועלכן ער האָט אַ סאַך צײַט געאַרבעט.

וואָס דאָס איז פֿאַר אַ בילד, האָבן די כעווערע ניט געוווּסט, נאָר אויב דער גאַסט האָט עס געבראַכט, איז עס, ווײַזט אויס, זייער אַ גוט בילד.

אַראַנטשיק איז געגאַנגען, אַרומגערינגלט מיט זײַנע נײַע פֿרײַנט. דער וועג איז אים געווען אומבאַקאַנט, כאָטש מיט דעם זעלבן וועג האָט מען צוריק מיט דרײַצן יאָר אים געפֿירט צו דער טעפּלושקע, אין וועלכער עס זײַנען שוין געווען צונויפֿגענומען אַ סאַך אַזוינע, ווי ער, אויף אַרויספֿירן זיי דער רויער ווייסט וווהין.

אינעם בוך, וואָס נאַדיע האָט אים לעצטנס געגעבן לייענען, האָט אַראַנטשיק זיך אָנגעשטויסן אויף אַזוינע ווערטער: „דאָרט, ווו ליבע — דאָרט איז צוטרוי!"

די ווערטער האָט אַמאָל געזאָגט פֿעליקס דזערזשינסקי. ליבע און צוטרוי... צוויי וווּנדערלעכע ווערטער. ווי אָפֿט האָבן אים, אַראַנטשיקן, געפֿעלט אָט די צוויי באַגריפֿן. איצט, גייענ־

דיק מיט די קינדער, האָט ער זיי באַשײמפּערלעך דערפּילט און איז גליקלעך געווען, וואָס דער צוטרוי צו אים איז ניט פון איין מענטשן — פון א גאַנצער מאַכנע! נאָך האָבן זיך אים פאַרגעדענקט די ווערטער פון איינעם א בוך, וואָס אים האָט אָנגעשריבן א שרײַבער, טאַקע וועגן דעם דאָניעצקער קאַנט: „פאַר ליבע זײַנען נייטיק אי שווערע אויספרווון אינעם לעבן, אי לעבעדיקע דערינערונגען וועגן דעם, ווי זי, די ליבע, האָט זיך אָנגעהויבן"... אַראַנטשיק געדענקט ניט גענוי, ווי זײַן ליבע צום דאָרף סאַבאַליווקע האָט זיך אָנגעהויבן. דער אָנהייב איז געווען ביז גאָר א שרעקלעכער. אינעם זיקאָרן זײַנען אופגעשווומען בילדער פון יענער גרויזאַמער צײַט. אָט דערמאָנט ער זיך אין איינער א פרוי, וואָס טוליעט אים צו זיך און כאַזערט איבער בלויז איין וואָרט: „מאַיעו! מאַיעו!"...

דערנאָך האָט זי אים געלערנט, וואָס ער דאַרף זאָגן, ווען מע וועט אים פרעגן, ווער ער איז, און אַז ער דאַרף אומבאַדינגט זי אָנרופן מאַמע...

— פאַרשטייסט, סינאָטשקו, איצט בין איך דײַן מאַמע, פאַרשטייסט?

— יאָ, איך פאַרשטיי. נאָר איך פאַרשטיי ניט...

— וואָס פאַרשטייסטו ניט, סינאָטשקו?

— מײַן מאַמע איז דאָך גאָר אַן אַנדערע.

— איצט בין איך דײַן מאַמע!

— און ווו איז יענע... מײַנע?

— ווער ווייסט ווו?.. סטאַרע זיך פאַרגעדענקען, אַז אַלע קינדער, וואָס לעבן דאָ אין שטוב, זײַנען דײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך.

די ברידערלעך און שוועסטערלעך — זייערע נעמען געדענקט ער שוין ניט — פלעגן זיך טיילן מיט אים מיט די גרינע עפּעלעך און באַרעלעך, וואָס זיי פלעגן אָנרײַסן באַם גאַלעך אין סאַד. געשמאַקע עפּעלעך! שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אינעם פאַשיסטישן קינדער־לאַגער, פלעגן זיי אים קומען צו חלום, די ברידערלעך און שוועסטערלעך, וואָס זײַנען אַזוי ענלעך געווען אויף דער בלוי־אויגיקער קאַטערינע.

איצט פילט ער זיך שולדיק פאַר זײַן סאַבאַליווקע. פאַרוואָס האָט ער זיך ניט אַראָפּגע־כאַפּט אהער כאָטש אויף א פּאָר טעג? פאַרגעסן? און זיי האָבן אים ניט פאַרגעסן. געזוכט און געפונען!

אין שול האָט אים באַגעגנט א שלאַנקע פרוי, מיט א גרויסן קובלעך אויפן קאָפּ און מיט א פּאָר אויגן, פונקט ווי בא קאַטערינען.

— מײַסטרענקאָ, — האָט זי צו אים אויסגעשטרעקט איר שטײַפע, קרעפטיקע האַנט. — אײַער עלטערע שוועסטער. אויב איר האָט מיך ניט פאַרגעסן, נאַטאַלקע.

— נאַטאַלקע... נאַטאַלקע... יאָ, יאָ, געווען אַזאַ שוועסטער בא מיר, געווען!

ס'איז אים איצט בעפּיירעש א ביזאָיען, וואָס ער האָט אין איר פאַרגעסן, אין דער שוועס־טער, וואָס איז געווען העכער און שטאַרקער פון אים. זי פלעגט אים פאַרטיידיקן און אָפּהיטן.

— איר האָט זיך שטאַרק געענדערט פון יענער צײַט אָן.

— איר אויך.

— וויפל צײַט האָבן מיר זיך ניט געזען? מע קאָן זאָגן — א גאַנץ לעבן.

— דרײַ לעבנס! — האָט אַראַנטשיק איר דערווידערט.

דאָס איז געווען ניט קיין צופעליקער ענטפער. ווען עמעצער פרווט איבערכאַזערן צוזאַ־מען מיט אים אַלץ, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וואָלט אים קיין דרײַ לעבנס אויך ניט געסטײַעט. אייגנטלעך, דערוואַרט ניט נאַטאַלקע פון אים קיין באַ־ריכט. אין איר אייגענעם זיקאָרן האָט זיך, זעט אויס, בעסער ווי אין זײַנעם, אײַנגעקאַרבט דער אומקום פון איר מאַמע.

— איר ווייסט גאָר ניט, ווי גוט איר האָט געטאָן, וואָס איר זײַנט געקומען. דאָס איז זייער וויכטיק פאַר אונדזערע סאַבאַליווקער קינדער.

— פריִער פאַר אַלץ איז דאָס וויכטיק פאַר מיר אַליין! — האָט ער שטיל געזאָגט.

אַראַנטשיק האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס בילד, וואָס דאַדיק קאָמאַראָוו האָט אים מיטגע־געבן.

נאַטאַלקע האָט שווײַגנדיק באַטראַכט די מאַטאָנע. און כאָטש דער קינסטלער האָט ניט אין זינען געהאַט די קאָנקרעטע פרוי פון סאַבאַליווקע, וועלכע האָט מאַקריוו געווען איר לעבן צוליב א פרעמד קינד, האָט נאַטאַלקע מיט פולער רעכט געקאָנט טראַכטן, אַז אויפן בילד איז איר מאַמע — קאַטערינע, אַז דאָס איז איר געווידמעט דאָס ווערק. מיט קליינע אויסיִעלעך באַם סאַמע ראַנד, איז מיט ווײַסער פאַרב געווען אָנגעשריבן: „בא דער מוטערס קייווער".

אפן בילד האָט דאָדיק איבערגעגעבן דעם מאָמענט, ווען א יונגער רויטאַרמייער, וואָס האָט זיך אומגעקערט אהיים, באַזוכט דאָס הייליקע אָרט און פאַרנייגט זיך לעבן דעם פּראָסטן דענקמאָל, וואָס דער שנײ און דער רעגן האָט אים שיר ניט אומגעוואַלגערט. דער דענקמאָל טיילט זיך אויס פון צווישן א סאַך אַנדערע מיטן קליינעם בינטעלע פרישע בלומען, וואָס דער זון האָט ערשט אַנידערגעלייגט לעבן אים.

קווייטן אַף איר קייווער,
קווייטן אַף דעם שנײ...
אוי, עס ווייסט ניט קיינער,
ווי מײַן הארץ טוט וויי...—

האָט נאַטאַלקע פּלוצעם זיך דערמאָנט אין אָן אָנהייב פון א ליד, וואָס זי האָט ערשט ניט לאַנג געלייענט אין א זשורנאַל.

— ווער איז ער, דער קינסטלער, וואָס האָט געשאַפן דאָס בילד?

— דערוווּיל נאָך אַן אומבאַוווּסטער. פון אונדזער שאַכטע.

— ווי קומט צו אים אַזא טיפער געפיל? — האָט נאַטאַלקע געפרעגט, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פונעם בילד.

— ער האָט אויך אָנגעווירן זײַן מאַמע...

די פּײַערלעכע עפענונג פונעם דענקמאָל איז באַשטימט געווען אַף מאָרגן. און הײַנט האָט אים די לערערן נאַטאַלקע אײַנגעלאַדן צו זיך — עפּעס זײַנען זיי דאָך א ברודער און א שוועסטער!

ביז שפּעטער נאכט האָט מען דערמאָנט יענעם גרויזאַמען הארבסט.

אייגנטלעך, דערמאָנט האָט זי, נאַטאַלקע. אַראַנטשיק האָט געשוויגן. געבענטשט איז די אייגנשאַפט פונעם מענטשן צו פאַרגעסן דאָס שווערע און פּײַנלעכע, וואָס עס קומט אויס איבערלעבן. אַזוי זאָגט אַראַנטשיק. נאַטאַלקע איז ניט מאַסקים. געדענקען דאַרף מען! אומ־באַדינגט! נאָר דאָס דאַרף ניט פאַרשטעלן דאָס גוטע, וואָס איז געטאָן געוואָרן אַף צו פאַר־גרינגערן דאָס לעבן — אי דײַנס, אי יענעמס.

באַם פּירעקיקן הויכן טיש, וואָס איז לעקאָוועד אים געווען פאַרשפּרייט מיט א ווײַסן טיש־טעך, האָט נאַטאַלקע דערמאָנט אַראַנטשיקן, ווי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען.

אַף אַלע פראַגן, וואָס דער עסעסאָוועץ האָט אים געפרעגט, האָט דאָס רויטע ייִנגעלע, וואָס איז אַזוי ענלעך געווען אַף די איבעריקע קאַטערינעס קינדער, געענטפערט פּונקט אַזוי, ווי קאַטערינע האָט אים געלערנט. דער פּליכעוואַטער מערדער האָט דאַפקע געשמייכלט, צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און איבערגעכאַזערט: „אַך, זאָ!״. און פּלוצעם איז ער אופגעשפּרונגען, מיט א דינעם שטעקעלע א שנײַד געטאָן אים איבער די פּיס און, קוויטשענדיק, אויסגעשריגן:

— פאַרפּליוכטער יודע!

— וואָס רעדט איר, פּאַן אָפיצער?! — האָט זיך קאַטערינע געכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— שײַזע! — האָט דער פּליכעוואַטער א שמיץ געטאָן מיט דעם זעלבן שטעקעלע איבער קאַטערינעס פּאָנעם.

קאַטערינע האָט זיך געשווירן, אַז דאָס איז איר קינד. דער פּאַן אָפיצער זעט דען ניט? אַלע אין איר געראָטן. און די אויגן! אירע אויגן!

וואָס ווײַטער איז געשען, האָט אַראַנטשיק בלויז געקאָנט זיך פאַרשטעלן, ווײַל מע האָט אים צוגענומען און ער האָט שוין ניט געזען, ווי מע האָט קאַטערינען פאַרשפּאַרט אין א שטאַל, אָפּגעהאַלטן זי דאָרט א גאַנצן מעסלעס און דערנאָך צונויפגעטריבן אַלע סאָבאָליוור־קער אײַנוווינער, זיי זאָלן זען, וואָס מע טוט מיט די, וועלכע פּרווון אָפּנארן דעם פּיורער.

ס'איז געווען סאָף טאָג. די האַרבסטיקע זון האָט זיך ברייט צעגאָסן און פאַרוואַנדלט דעם מײַרעוודיקן טייל הימל אין א פּײַערדיקער אָזערע.

אַפן סאָבאָליווקער פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען דער איינציקער לאַמטערן, וואָס פּלעגט באַלײַכטן דעם וועג צו דעם קאָלווירטישן הויף, האָט מען צוגעפּעסטיקט א גראָבן שטריק. איידער דער מערדער האָט אַרופגעוואָרפן דעם שלייף אַף קאַטערינעס האַלדז, האָט זי אופ־געהויבן דעם קאָפּ און א געשריי געטאָן:

— דעם עמעס וועט איר ניט דערשטיקן!

ביז די הענקער האָבן זיך געפּאָרעט מיט דער טליע, האָט זי נאָך באַוויזן אויסרופן:

— איר טוט אַזוי, ווײַל איר ווייסט ניט, וואָס מאָרגן וועט זײַן, און איך ווייס! איך ווייס! מאָרגן...

8*

זי האָט ניט באַוויזן צו זאָגן, וואָס מאָרגן וועט זײַן.

דאָס דיקטענע ברעטעלע אויף איר ברוסט האָט זיך אַ וויג געטאָן, און דער אָנשריפט „פּאַרטיזאַן”, האָט זיך געדאַכט, וועט באַלד אַראָפּפאַלן.

די פּאַס, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען די פּאַרוואָרטײַלטע פרוי, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אונטער אירע פיס, און דער שלייף האָט זיך פאַרצויגן אויף איר האַלדז.

אַ גאַנצע וואָך האָט די קאָמענדאַטור ניט דערלויבט ברענגען צו קוורע קאַטערינען. אַ גאַנצע וואָך האָט מען ניט פאַרלאָשן דעם לאַמטערן, וואָס איז געהאַנגען איבער איר קאָפּ. זאָל יעדער פאַרבײַגייער אפילע באַנאַכט זען און פאַרגעדענקען. אין אַ וואָך אַרום האָט די פּאַרטיזאַנישע מאַכנע פאַרניכטעט דעם פליכעוואַטן קאָמענדאַנט מיט זײַנע פינף באַשיצער און געבראַכט קאַטערינען צו קוורע.

אַראָנטשיק האָט מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם אויסגעהערט די טרויעריקע געשיכטע. ער האָט ניט וויניק געלייענט וועגן אַזוינע און ענלעכע אַכזאָריעסן, נאָר דער אומקום פון קאַטערינען האָט אים אַזוי דערשיטערט, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. טרערן האָבן אים געוואָרגן, פּונקט ווי מע וואָלט אים אַליין אָנגעטאָן דעם שטריק אויפן האַלדז.

— אָט אַזוי, ברודער מײַנער, זײַנען מיר פאַריאָסעמט געוואָרן — אַלע מיטאַמאָל.

— און ווּ זײַנען איצט מײַנע איבעריקע ברידער און שוועסטער? — האָט ער אויפגעהויבן אויף איר זײַנע פאַרטרערטע אויגן.

— ליאָניע און סטעפּאַן זײַנען געבליבן אין דער אַרמיי. ליאָניע איז שוין אַ לייטענאַנט. אָקסאַנע האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַן אַזערבײַדזשאַנער. וווינט אין באַקו. וואַסילינקע לערנט זיך אין קיִעוו. זי וועט בײַ אונדז זײַן אַ זינגערן. געדענקסט, ווי זי פלעגט זינגען?

— לעמײַ זאָל איך זאָגן אַ ליגן, כ׳געדענק דאָפּקע ניט.

— און די קלענסטע פאַרענדיקט הײַאָר דעם טעכניקום צוזאַמען מיט איר כאָסן.

— אַ פײַנער כאָסן בײַ איר?

— זייער אַ פײַנער! אַ שטילער, אַ באַשיידענער. ערגער איז דאָס, וואָס ער וווינט נאָך ביז הײַנט ניט, צו וואָס זיך נעמען. ווען זײַן טאַטע וואָלט ניט אומגעקומען אויפן פראָנט, וואָלט ער אים זיכער אונטערגעזאָגט.

— איך וועל אים אונטערזאָגן!

— וואָס, צום בײַשפּיל?

— איך וועל אים נעמען צו זיך!

— וווּהין?!

— אויף מײַן שאַכטע.

— דו האָסט שוין אַן אייגענע שאַכטע?

— נאָך אַ מין שאַכטע! וואָלסט זי געמעגט אָנקוקן!

אַ מידער פון וועג, אַ צערודערטער פון די באַגעגעניש מיט די קינדער און מיט דער שלאַנקער און שיינער שוועסטער זײַנער, איז דער גאַסט דערנאָך אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט. און כאָטש ס׳איז געווען מאַרט, האָט אין דרויסן ווידער געדרייט דאָס סאָפּוויִנטערדיקע שנייעלע, נאָר אויפן טישעלע לעבן אַראָנטשיקס געלעגער האָבן זיך צעבליט צוויי וואַזאָנעס מיט העלבלויע בלימעלעך, וואָס בליִען בלויז איין מאָל אין דרײַ יאָר. אַזוי זאָגט נאַטאַלקע. און גראַדע הײַנט האָבן זיי זיך צעבליט.

מיטן פאַרטאָגיקן אויטאָבוס איז קיין סאָבאָליווקע אָנגעקומען אויך די אומדערמידלעכע ראַזע דאַווידאָוונע. מע האָט זי קאָמאַנדירט פאָטאָגראַפירן די וויכטיקע געשעענישן — דאָס אײַנשטעלן אַ דענקמאָל די אומשטערבלעכע מאַרטירער פונעם פּאַרטיזאַנישן דאָרף סאָבאָליווקע.

אין אַ וואָך אַרום, ווען דאָדיק האָט איבערגעלייענט דעם רעפּאָרטאַזש און דערזען אין צײַטונג זײַן בילד, האָט ער זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט אים געפרעגט וואַליע.

דאָדיק האָט פאַרשאַרט די לאַנגע האָר, וואָס זײַנען אים די גאַנצע צײַט געקראָכן אין די אויגן.

— מע לויבט מײַן בילד, וואַלינקע. און אויב גוט אַ טראַכט טאָן, בין איך דאָס ניט ווערט.

— וואָס רעדסטו, טײַערער?

— איך האָב דאָך אויך ערגעץ הייליקע קוואָרים. פאַרוואָס זשע האָב איך זיי ניט אָפּגעזוכט?

— דו ווייסט דען, ווּ מע האָט זיי געבראַכט צו קוורע?

— איך מוז וויסן, וואַלינקע. קינדער טאָרן ניט פאַרגעסן זייערע עלטערן.

און נאָך איין א וואָך ארום האָט דאַדיק באַקומען א בריוו פון זײַן פרײַנט און לערער, דעם קינסטלער גאַרבונאָוו. דער אלטער מײַסטער האָט געלויבט דאָס בילד, וואָס די צײַטונג האָט אָפּגעדרוקט. „עס נעמט באַם הארצן סײַ דער סוזשעט פונעם בילד, סײַ די געלונגענע קאָמפּאָזיציע. איר האָט אופגעטאָן א וויכטיקע ארבעט, דאַדיק! צום באַדויערן, זײַנען נאָך פאַראַן יאָרשים, וואָס פאַרגעסן צו גיך דעם נעכטיקן טאָג. און פאַרגעסן איז א פאַרברעכן. איך בין צופרידן, וואָס אין אײַער הארצן לעבט דאָס געשטאַלט פון אײַער מאמע..."

דאַדיק האָט באַוויזן דעם בריוו נאַדיען. דאָס האָט זי דאָך אים אײַנגערעדט שענקען דאָס בילד דער סאָבאָליוווקער שול.

דאַדיק האָט פאַרשפּאָרט פרעגן בא נאַדיען, צי זי האָט שוין געזען די צײַטונג מיטן רעפּאַרטאַזש פון סאָבאָליווקע. אוודאי האָט זי געזען און איז געווען צופרידן. ניט יעדער בילד האָט די זכיה אָפּגעדרוקט צו ווערן.

— איצט וואָלסטו באַדאַרפט אָנמאָלן נאָך א בילד, וואָס זאָל הייסן „מוטערשאַפט".

— „די גליקלעכע מוטערשאַפט" — ווילסטו זאָגן?

— פאַרשטייט זיך! איך מיין, אז קיין גרעסערער און שענערער געפיל פון מוטערשאַפט איז ניטאָ אף דער וועלט!

— נו, און פאָטערשאַפט? — האָט ער א ווונק געטאָן צו נאַדיען.

אין קאָפּ האָט זיך שוין געזומען אויסמאָלן דער סוזשעט פון זײַן נײַ ווערק. קיין שום אויסערגעוויינלעכס. א קינד אין א מולטער, און איבערן קינד — א מאמע. צעשויבערטע האָר, א ווארעמער שמייכל און שײַנענדיקע אויגן... אויגן, וואָס זעען פאר זיך ניט נאָר דאָס קליי־נע נעפּעשל, נאָר דעם מאָרגעדיקן מענטשן — איר האָפענונג...

עס האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר, און צוזאַמען מיט דער פרישער לופט האָט אין שטוב זיך ארײַנגעריסן יעגאָר סעמיאָנאָוויטשעס קאָל:

— ווערסט אים נאָך פאַרקילן, דעם גוואַרדייעץ! — האָט ער נאַדיען געוואָרנט.

דאַדיק האָט זיך אופגעהויבן און, ווי א זעלנער, זיך אויסגעגלײַכט פאר זײַן קאָמאַנדיר.

— זיץ, זיץ, ברודערקע! ביסט געקומען זיך באַרימען?

— וואָס זשע, איר האָט שוין אויך געזען?!

— געזען און געקליבן נאַכעס. ניט יעדער שאַכטע האָט אזא קינסטלער! נו, און דו, קאָזעק, — האָט ער זיך געווענדט צו קאָסטיקן, — ווי פילסטו זיך?

— זאָל די מאמע זאָגן.

זינט דאָס קינד געפינט זיך בא די דובאָווס, איז דער גרעסטער אווטאָריטעט בא אים די מאמע. פונקט ווי אינעם קינדערהיים איז די קליגסטע אף גאָר דער וועלט געווען מירע אדאַמאָוונע.

— נו, איז עפּשער וועלן מיר לעקאָוועד אזא דערפאָלג אויסטרינקען?

נאַדיע האָט ארײַנגעטראָגן א פול קריגל מילך. דאָס קאָכט זי איצט אלע אָוונט פאר אירע מאַנצבלען — יעגאָרן און קאָסטיקן.

באַם טיש האָט דובאָוו פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— איך האָב אויך אמאָל געהאַט א מאמע. שענק אויך מיר א בילד.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש! גיט מיר א קליין בילדל פון אײַער מאמע, וועל איך מאַכן אזא, ווי איר ווילט.

— און ווו זאָל איך דיר נעמען איר פאָטאָ? מײַן מאמע האָט זיך קיינמאָל ניט פאָטאָגראַ־פירט. דעם עמעס גערעדט, האָב איך שוין גאָר פאַרגעסן, ווי זי האָט אויסגעזען, מײַן מאמע.

— פאַרגעסן?! ווי קאָן מען דאָס פאַרגעסן, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש?!

— וויפל בין איך דען אלט געווען, ווען זי האָט געלעבט?

דאַדיק האָט זיך פאַרטראַכט.

— מאָלט זי מיר כאָטש אויס, ווי זי האָט אויסגעזען, אײַער מאמע.

— זי האָט אויסגעזען... ווי אלע מאמעס האָבן אויסגעזען אין יענער צײַט.

— גוט! כ'וועל א טראַכט טאָן, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש. עפּשער וועט דאָס זײַן א בילד ניט אינגאַנצן ענלעך אף אײַער מאמען, נאָר וואָס וועט אומבאַדינגט דערמאָנען אין איר.

זייער געשפּרעך האָט איבערגעריסן קאַטיע — נאַדיעס געהילף. זי איז געקומען צו די דובאָווס מיט גאָר אן איידעלער פראַגע.

— וואָס ביסטו הײַנט אזוי דערשלאָגן? — האָט נאַדיע געפרעגט.

— איר ווייסט דען ניט?! מיר מוזן זיך צעשיידן מיט מײַן קאָסטיען אף גאַנצע דריט־האַלבן יאָר.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? — האָט דובאָוו געפרעגט.
— אײַער קאָסטיע!
— וואָס עפּעס — מײַנער?
— ווײַל איצט איז ער מער אײַערער, ווי מײַנער...
— רעד צו דער זאַך, קאַטיע. וואָס איז בײַ אײַך געשען? — האָט נאַדיע געפּרוּווט זי באַרויִקן.
— ס'איז אים שווער, זאָגט ער, אַרבעטן און לערנען זיך.
— און דו מיינסט, אַז דאָס איז גרינג? אַזאַ בריגאַדע אָפּן קאָפּ, אַזאַ פּלאַן, הײַנט די אָנלאָדונגען, און כּוץ אַלעמען — אַ מיטגליד פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט.
— דאָס אַלץ פאַרשטיי איך, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש, נאָר פאַרוואָס ווילט איר ניט פאַרשטיין, ווי שווער עס וועט מיר זײַן — אַליין מיטן פּיצל קינד.
הײַנט איז שווער געווען צו דערקענען קאַטיען. די פאַרשטיינדיקע צעשיידונג מיט קאָסטיען האָט איר אויסגעזען, ווי אַ קאַטאַסטראָפע.
ווי גוט איז איר געווען מיט איר קאָסטיען, דעם געווײַנלעכן שאַכטיאָר, מיט אַלע זײַנע, צומאָל לײַכטזיניקע געוואוינהייטן, וואָס האָבן אים דאָפּקע געפּאַסט — איר טײַערן באָכער מיטן ווייצענעם טשוב און קליינע אייגעלעך. זי איז גליקלעך געווען, וואָס זי האָט געהאַט די רעכט זיך רופן — די פרוי פונעם קוילנגרעבער רודענקאָ. יאָ, איר איז גוט געווען, און דאָס האָט זיך אויך געפילט אין איר אַרבעט אין דער ביבליאָטעק. נאָר אַצינד, ווען קאָסטיע האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זיך מוזן אַריבערפירן קיין דאָניעצק, איז איר אַלץ ניט ליב געוואָרן. דאָס האָט נאַדיע גלײַך דערזען אויף איר פּנים.
קאַטיען איז אַ ביזאַיען צו דערציילן, אַז קאָסטיע האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן באַציִען צו איר ניט אַזוי, ווי פריִער. פאַרן קינד געפינען זיך נאָך בײַ אים עטלעכע וואַרעמע ווערטער, אַ קוש, יענע מאַנצבלשע צאַרטקייט, וואָס האָט אַ באַזונדערן כּיין. צו קאַטיען באַציט ער זיך ווי צו אַ פרוי, מיט וועלכער אַלץ איז שוין אויסגעקלאָרט, מיט וועלכער אַלץ איז שוין אויסגערעדט... אַ פאַרדײַגעטער און אַ פאַרטיפטער אין זײַנע שאַכטע־איניאָנים און אין די לערנביכער, אַ קליינינקײַט — דער צווייטער קורס פון באַרג־אינסטיטוט! — האָט ער גאָר ניט באַמערקט, ווי זײַן פרוי וואַרט פון אים אַ קוש, אַ וואַרעם וואָרט, ווי זי לעכצט מאַמעש, ער זאָל זי אַרומנעמען.
קאַטיע איז פרײַ געווען פונעם העסלעכן געפּיל פון אייפערזיכט. פאַר דער גאַנצער צײַט איז געווען בלויז איין פאַל, ווען אַ צווייטע האָט זיך געשטעלט צווישן זיי. דאָס איז געווען, ווען דעם פאַרטאָרג דאַווידענקאָס טאָכטער איז געקומען צוגאַסט צום טאַטן און האָט זיך אין איינעם אַ שיינעם אָוונט גענומען שאַרן צו קאָסטיען. דאָס איז געווען אַ מין נעקאָמע אין איר מאַן, מיט וועמען זי האָט זיך צעקריגט. געקומען פונעם קולטור־פּאַלאַץ, האָט קאָסטיע דערציילט וועגן דער באַגעגעניש מיט ניורען:
— זי האָט מיר אונטערגעשטעלט איר שמעקנדיקע באַק, איך זאָל זי אַ קוש טאָן.
— האָסטו איר צוליב געטאָן? — האָט קאַטיע מיט אַ געמאַכטן גלײַכגילט אַ פרעג געטאָן.
— אָן אַנדער ברייִרע האָב איך געהאַט?
— און נאָך עפּעס האָט זי פון דיר ניט געפאָדערט?
— איך האָב איר געגעבן אַן אייצע: וויי־ניקער זיך פאַרהאַלטן דאָ און וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן אַהיים, קיין דאָניעצק.
קאַטיע האָט אים קיינמאָל ניט דערמאָנט אין דער געשיכטע. נאָר איצט, ווען עס שטייט אים פאָר אַריבערפאָרן קיין דאָניעצק אויף קנאַפּע דרײַ יאָר, האָט זי זיך פּלוצעם דערמאָנט. זי לעבט איצט אין אַ באַזונדערער דירע, די ניורע... ווער ווייסט, עפּשער וועט זי זיך ווידער צעווערטלען מיט איר מאַן און אונטערשטעלן קאָסטיען איר „שמעקנדיקע" באַק.
אינמיטנדערינען האָט קאַטיע זיך צעוויינט. איר האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז קאָסטיע האָט זי קיינמאָל ניט ליב געהאַט, אַז ער האָט כאַסענע געהאַט מיט איר פּאַשעט, ווי אַ נעקאָמע אין נאַדיען, וועלכע האָט אים פאַרביטן אויף יעגאָר סעמיאָנאָוויטשן. איבער דעם, אפּאָנעם, האָט זי געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:
— וואָס וועט זײַן מיטן קינד? וואָס וועט זײַן מיטן קינד?
— האָסט מוירע, ער זאָל זיך דאָרט ניט געפינען קיין צווייטע? — האָט דובאָוו אַ שפּאַס געטאָן.
— דאָס איז אָן אומזין! — האָט אויסגעפּאַליעט דאַדיק, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן לעבן טיש און ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון נאַדיען.

— איצט איז אזא צײַט, דאַדיק! איצט העגנגען זיך וויַבלעך אפּן האלדז, באַזונדערס אַף אזא, ווי מײַן קאַסטיע.

גראַד בא די ווערטער האָט זיך געעפנט די טיר און אף דער שוועל האָט זיך באַוויזן קאַסטיע רודענקאַ. קוים זיך באַגריסט, איז ער גלײַך צו צו קאַטיען:

— אף וועמען האָסטו איבערגעלאָזט דאָס קינד?!

— כ׳האָב עס אַרײַנגעטראָגן צו דער שכיינע. מע מוז עס אָנהייבן צוגעוווינען צוביס־לעכוויַז. אָט וועסטו אוועקפאָרן, וועט מיר אויסקומען דאָס איבערלאָזן איינע אליין. אָן אַנ־דער ברײרע וועל איך האָבן?

זי האָט זיך קוים איַנגעהאַלטן, קעדיי זיך ניט צעוויינען. זי האָט געוווּסט, אז א פאַרוויינ־טע האָט זי זייער א קלאָגעוודיקן אויסזען.

אַנומלטן, ליגנדיק אף זייער ניט ברייטער קאַנאַפּע און הערנדיק ראַכמאַנינאָווס א קאָנ־צערט, האָט איר קאַסטיע א זאָג געטאָן:

— הערסטו, קליינינקע, וואָס מיר איז געקומען אפּן זינען?

— וואָס, אַשטייגער?

— עס וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען מיר האָבן נאָך א קינד.

— מאַסקים! — האָט זי זיך אויסגעקערעוועט צו אים מיטן פּאָנעם. — אָבער מיט איין טנײַ...

— וואָס פאַר א טנײַ?

— דו זאָלסט אים געבאָרן!

— דאָס קאָן איך אף זיך ניט נעמען. נאָר ווּדליק איך פאַרשטיי, וואָלט ניט שלעכט געווען, ווען אונדזער נאַדיושע וואָלט האָבן א ברודערל.

קאַטיע האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן, אז איר קאַסטיע, וואָס טרוימט וועגן א צווייט קינד, איז גרייט איבערלאָזן זי איינע אליין מיט נאַדיושען.

— ביסטו, הייסט עס, ניט צופרידן, — האָט דובאָוו זי אָנגענומען העכער דעם עלנבויגן, — ביסט, ווי איך זע, באַרויגעז אף קאַסטיען און אף מיר?

— און ווי פאַרשטייט איר, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש? — האָט זי אף אים א קוק געטאָן מיט א בייזן קוק.

אָ, ווען ער ווייסט, דער קלוגער נאַטשאַלניק, אז קאַטיע איז ווידער פאַרגאַנגען אין טראַגן, וואָלט ער עפּשער אַנדערש זיך באַצויגן צו קאַסטיעס אַריבערפאָרן קיין דאָניעצק. נאָר ווי דערציילט מען עס אים?

קאַסטיע איז געזעסן א שוויַגנדיקער, גלײַך ניט אים מיינט מען. ער אליין איז אויך געווען אין א פאַרלעגנהײַט: דאָס ערשטע מאָל קומט אים אויס צעפּלאָנטערן אזא קניפּל. האָט ער געוואַרט, וואָס וועט זאָגן דער קלוגער יעגאָר דובאָוו.

נאַדיע האָט דערלאַנגט צום טיש אירע באַרימטע לימענע־פּלעצעלעך, וואָס צעשיטן זיך מאַמעש אין מויל. מיטאַמאָל איז אין צימער שטיל געוואָרן, דעריבער האָט אַלעמען אַזוי א גרילץ געטאָן אין די אויערן, ווען עס האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. יעגאָר סעמיאָנאָ־וויטש האָט אָראָפּגענומען דאָס טרײַבל.

— יאָ, דובאָוו! א דאַנק. און ווי שטעלט איר זיך פאָר? פאַרשטייט זיך! מיר האָבן גוט באַ־טראַכט די פראַגע. אָט וועל איך איר איבערגעבן דאָס טרײַבל, — און ער האָט א רוף געטאָן נאַדיען צום טעלעפאָן.

— א דאַנק, — האָט זי זיך אָנגערופן און ווי פאַרנייגט פאַר עמעצן, — איך בין ניט ענלעך אף מײַן טאַטן, וואָס האָט מוירע פאַר זײַן אייגענעם שאָטן... פון אזא יערושע זאָגט מען זיך ניט אָפּ! נו, געוויס. מיר האָבן באַשטימט באַקומען די יערושע און גלײַך זי איבערגעבן אונד־זער יישעוו. יאָ, אונדזער דאַרעם־יישעוו. פאַר דעם געלט וועלן מיר אויסבויען א נײַע געבײַ־דע פאַרן קינדערגאָרטן. מיר האָבן זיי דאָ גענוג, און זײַן וועט נאָך מער! וואָס עפּעס נאָר שאַכטיאָרן?! עס וועלן בא אונדז וואַקסן אויך ביבליאָטעקערס, לערער און אינזשעניערן.

דער, וואָס האָט געקלונגען פון ווייס־איך־ווו, האָט עפּעס געהאַלטן אין איין אײַנטײַנען, נאָר נאַדיע האָט אים געדולדיק אויסגעהערט און צום סאָף אָפּגעענטפערט:

— ווי נאָר עס וועט נייטיק זײַן מײַן אונטערשריפט, וועל איך צופאָרן. זײַט אויך גע־זונט און באַקומט אויך אזא פײַנע יערושע.

אַלע, וואָס האָבן געהערט איר געשפּרעך, האָבן באַגלײַך מיט איר פרײַער אָפּגעעטעמט.

— שווער צו זײַן א גוויר! — האָט זי זיך צעשמייכלט. — נאָר, דאַנקען גאָט, מיט איין פראַגע האָבן מיר זיך יאַקאָס ספּראַוועט. אָפּגעקומען. איצט דערלויבט מיר זאָגן מײַן מיינונג וועגן נאָך איין פראַגע.

— לאָמיר הערן! — האָט דובאָוו אָפּגערוקט זײַן גלאָז טיי.

— לויט מײַן מיינונג, דאַרף קאַסטיע אומבאַדינגט פאַרזעצן דאָס לערנען אין דאַניעצק.

— און איך? און מיר?!

— ווער איז דער מיר? — האָט דובאָוו שוין באַרויגעז א פרעג געטאָן.

— איך און מײַנע קינדער!

— נאַדיושען וועלן מיר אײַנאָרדענען.

— און מיטן צווייטן וואָס וועל איך טאָן? ווי וועל איך עס איינע אליין שטעלן אַף די פיס?

זי האָט געוואָלט זאָגן די דובאָווס, אַז זיי ווייסן דאָך ניט, וואָס הייסט א זויגקינד, וואָס הייסט הונדערט מאָל א טאָג בײַטן די פעלישקעס, זיי האָבן ניט געוווּסט פון קיין שלאָפלאָזע נעכט, פון מאָזלען און פאָקן. נאָר זי האָט דאָס ניט ארויסגעבראַכט פון מויל, זי זאָל זיי, כאַ־לילע, ניט באַליידיקן.

וועגן דעם, אַז קאַטיע וואַרט אַף א צווייט קינד, האָט נאַדיע ביז איצט ניט געוווּסט. נאָר פאַרפירן וועגן דעם א געשפּרעך האָט זי אויך ניט געוואָלט. קאַטיען איז, זעט אויס, ניט גרינג געווען צו מעלדן דערפון הײַנט, ווען קיינער, כוץ איר, ווייסט נאָך ניט די נײַס.

— שאַט, איך האָב א פּלאַן, — האָט נאַדיע זיך אָנגערופן, — ביז אונדזער קאַסטיק וועט אונטערוואַקסן, קאָנען מיר זיך באַגיין אָן א באַזונדערן צימער פאַר אים.

— פאַרשטייט זיך! — האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש זי אונטערגעהאַלטן.

— פאַר אריבער צו אונדז, וועסט אונדז ניט ענג מאַכן. אויך אונדז וועט זײַן פרייילעכער. און די קינדער וועלן וואַקסן צוזאַמען.

— מיר וועלן אָפּזוכן אָן אַלטיטשקע, און זי וועט נאָכקוקן נאָך זיי...

רודענקאָ האָט געקוקט אַף זײַן ווײַב, און כאָטש זי האָט אים די לעצטע פאָר וואָכן פאַר־שאַפט געגוג יעסורים מיט איר ניט וועלן פאַרשטיין, ווי וויכטיק עס איז פאַר אים פאַרענדיקן די בילדונג, איז ער אין איר אַפּדאַסנײַ פאַרליבט געוואָרן. איז זי, הייסט עס, שוואַנגער? וועט ער, הייסט עס, האָבן נאָך א קינד? פאַרוואָס זשע האָט זי אים וועגן דעם גאָרנישט ניט געזאָגט?!! אויב אַזוי, איז זי דאָך געראַכט, אויב זי וויל אים ניט אָפּלאָזן. ער געדענקט דאָך גוט, ווי זיי האָבן זיך אָנגעמאַטערט, ווען דאָס קליינע איז געבוירן געוואָרן.

קאַסטיע האָט געקוקט אַף קאַטיען מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן, אַז נאַדיע, וואָס האָט צופעליק איבערגעכאַפּט זײַן בליק, האָט איר אָנגעהויבן מעקאַנע זײַן.

— וואָלט איך כאָטש געהאַט א מאַמע, צי א מומע, אָדער א באָבעצי, — האָט קאַטיע שטיל, מיט מיטלײַד געדעדט צו זיך אליין.

— ווייסטו וואָס, קליינע, — האָט פּלוצעם זיך אופגעהויבן קאַסטיע, — איך וועל דיך מיטנעמען מיט זיך, קיין דאַניעצק; דאָרטן זײַנען אויך פאַראַן ביבליאָטעקן. וועסט ניט זיצן אָן אַרבעט!

— ווער וועט זי אָפּלאָזן? — האָט נאַדיע אופגעהויבן אַף קאַסטיען אירע שיינע אויגן. — קיין קליגערס האָסטו ניט געקאָנט צוטראַכטן?

ווען די געסט זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און דובאָוו האָט געהאָלפן נאַדיען צוראַמען פונעם טיש, האָט זיך פּלוצעם פונעם שכײַנעסדיקן צימער דערהערט א געוויין. ביידע האָבן זיך א לאָז געטאָן צום קינד.

— וואָס האָט געטראָפן?

קאַסטיק האָט געריבן די פאַרוויינטע אויגן. מע האָט קוים געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער רעדט.

— עפּשער האָט זיך דיר עפּעס געכאָלעמט?

— ס'האָט זיך מיר גאָרניט געכאָלעמט. נאָר איך וועל סײַוויסײַ אין ערגעץ ניט פאָרן.

— ווער הייסט דיר דען פאָרן?

— מירע אַדאַמאָוונע.

— וואָס רעדסטו, קינד!

— זי איז דען ניט געקומען נאָך מיר?

מע האָט אים קוים אײַנגערעדט, אַז אַלץ וועט זײַן, ווי ער אליין וויל, און ער איז א גליקלעכער אנשלאָפן געוואָרן. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז נאַדיע מיט דובאָוון געזעסן באַם טיש. נאַדיע האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ אַפּן ווײַטן מיזרעך וואַקסט אירס א שווע־סטערל, וואָס האָט צוויי טאַטעס.

— פאַרוואָס אינטערעסירסטו זיך ניט מיט איר? — האָט דובאָוו פאַרגעוואָרפן נאַדיען. — זי איז דאָך דײַן שוועסטער.

נאַדיע האָט אים דערויף ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אוודע איז ער געראַכט, איר

יעגאָר. ס'איז זייער ניט פֿײַן פֿון איר זײַט, וואָס זי איז אַזוי אָפּגעפֿרעמדט געוואָרן פֿונעם שוועסטערל און פֿונעם טאַטן. פֿאַרענטפֿערן זיך, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס זי איז שטאַרק פֿאַרנומען, האָט זי ניט געוואָגט. דובאָוו האָט אויך געשוויגן, כאָטש נאַדיע האָט געפֿילט, אַז ער האָט איר געזאָגט ניט אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. ערשט אַ ביסל שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפֿן, האָט זי זיך דערוווּסט דעם סאָד.

— דו ווייסט, נאַדיע, איך האָב הײַנט באַקומען אַ בריוו...

— וואָס פֿאַר אַ בריוו? עפּשער ווידער וועגן עפּעס אַ ירושע?

— אַ בריוו פֿון דײַן טאַטן.

— צו דיר?!

— צו מיר. דערצו מיט אַ באַקאַשע דיר דעם בריוו ניט באַווײַזן. און אויב עס איז מיר ניט שווער, אים געבן אַן אייצע.

— ווו זשע איז דער בריוו? — האָט נאַדיע זיך דערשראָקן.

אינעם בריוו איז קיין שום שרעקלעכס ניט געווען. דער אַלטער אַלפֿעריִן, וועלכער האָט ניט ליב געהאַט דערקוטשען זײַן טאָכטער, האָט אויך דאָס מאָל ניט באַשריבן, ווי ער לעבט און וואָס ער טוט. אַף דער טאָכטערס הילף האָט ער ניט געוואַרט, ווײַל ער האָט געדענקט, אַז אויך ער האָט איר ווייניק מיטגעהאָלפֿן, ווען זי איז געווען אַ סטודענטקע. די צווייטע פֿרוי זײַנע איז געשטאַנען, ווי אַ וואַנט צווישן זיי, און אָפּגעפֿרעמדט אײנעם פֿונעם צווייטן. דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט אין איר בלויז דעמלט, ווען ער האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט זײַן פֿראַנטאָוויטשקע. ער איז געקומען צו נאַדיען, ווען זי האָט נאָך ניט כאַסענע געהאַט, און אויך מיט אַ באַקאַשע — זי זאָל אים געבן אַן אייצע...

נאַדיע האַלט דעם בריוו אין די הענט, און ס'איז איר אי אַ ווייטיק, אי אַ ביזאַיען, וואָס דער אייגענער טאַטע שרײַבט ניט איר, זײַן טאָכטער, נאָר יעגאָרן. זי הייבט זיך אױף פֿונעם געלעגער און גייט צום טיש, איבער וועלכן עס הענגט אַ גרויסער לאָמפּ.

„כאַשעווער און ניט זייער באַקאַנטער איידעם מײַנער, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש! — לייענט נאַדיע דעם טאַטנס אַלטמאָדישן קסאָוו מיט די פֿאַרשיידענע דריידלעך. — זאָל אײַך ניט כידעשן, וואָס איך שרײַב דעם בריוו אײַך און ניט מײַן טאָכטער. דאָס איז, ווי איר וועט ווײַטער זען, אַ מאַנצבלשער געשעפֿרעך. איין מאַנצבל, מיין איך, קאָן בעסער פֿאַרשטיין אַ צווייטן.

איך ווייס ניט, צי מײַן נאַדיע האָט אײַך דערציילט וועגן מײַן ביטער מאַזל. דעם עמעס גערעדט, האָט זי מער געהאַלטן פֿון איר מאַמען. מיך האָט זי ניט איבעריק ליב געהאַט. ריכ־טיקער וואָלט געווען, ווען איך זאָג: ניט מאַזל, נאָר שלימאַזל... ווײַל וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאַזל, אַז אַ מענטש האָט פֿאַר זײַן לעבן געהאַט צוויי ווײַבער און צוויי קינדער און אַף דער עלטער האָט ער קיינעם ניט. דאָס דריטע מאָל כאַסענע האָבן האָב איך שוין ניט געוואָלט. האָב איך מיר געלעבט, ווי זאָל איך אײַך אײַך באַשרײַבן? געלעבט מיט דערמאָנונגען. מיר האָט בע־פֿייִרעש אָפּגעגליקט: ביידע מײַנע פֿרויען — אי נאַדיעס מאַמע, די גאָר פֿײַנע פּיאַניסטקע, אי די צווייטע, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט אין די שרעקלעכע מילכאָמע־צײַטן, — זײַנען געווען ציכטיקע נעשאָמעס, און זוכן זיך אַ דריטע האָט שוין ניט געהאַט קיין זין.

מיט איין וואָרט, די צווייטע איז מיט מײַן טעכטערל אַריבערגעפֿאָרן צו איר ערשטן מאַן, וואָס האָט זי, ווי מע זאָגט, אונטער דער ערד געפֿונען. דאָס קליינע מיידעלע האָב איך זייער ליב געהאַט, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? זי איז דאָרט, און איך בין דאָ. מע האָט מיר דאָפּקע געצייצט, איך זאָל אויך אַריבערפֿאָרן אַהין, — פֿאָרט נעענטער צום קינד און טאָקע צו וועראָניקען, וועלכע איך האָב ניט אויפֿגעהערט ליב צו האָבן. איך האָב די אייצע אָפּגעוואָרפֿן! איך פֿלעג באַקומען זייער זעלטן אַ בריוו. דאָס מיידעלע האָט ניט געוווּסט, אַז יענער, דער שטיפֿטאַטע, איז איר קיין טאַטע ניט. מיילע! זאָל זי זיך וואַקסן געזונטערהייט... נאָר אָט האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז וועראָניקעס מאַן איז אומגעקומען אין אַן אַוטאָמאָביל־קאַטאַסטראָ־פֿע... וועראָניקע איז געוואָרן אַן אַלמאָנע מיט דרײַ קינדער — אירע צוויי און מײַן מיידעלע... וואָס זשע הייבט מען אָן צו טאָן?! זײַט אַ כאָכעם און גיט מיר אַן אייצע. איך שרײַב אײַך און באַגיס זיך מיט טרערן. דאָס גאַנצע לעבן קומט מיר אויס פֿרעגן באַ לײַטן אַן אייצע. באַ מיר פֿרעגט קיינער ניט. דאָס צווייטע מאָל כאַסענע האָבן מיט וועראָניקען? צונעמען צו זיך מײַן קינד? — ווער וועט עס מיר אָפּגעבן?! נאָר עפּעס בין איך דאָך אַ טאַטע. וואָס זשע טוט מען, גוואַלד, וואָס טוט מען?!"

נאַדיע האָט קוים דערלייענט דעם בריוו ביזן סאָף. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף איר מאַן און שטיל געפֿרעגט:

— וואָס זשע וועסטו אים געבן פֿאַר אַן אייצע?

— איך וועל זיך פֿאַרלאָזן אַף דיר. דו וועסט אַליין אָנשרײַבן.

## 10. מיט ריינעם געוויסן

זיבן וואָכן האָט געדויערט דער גערานגל פאַר עליע קירשטיינס לעבן.

פון קיִעוו האָט זײַן מאַמע צוגעשיקט מעדיקאַמענטן, וואָס האָבן אופגעטאָן ווונדער. דער רעדאַקטאָר סטעפּאַניוק האָט יעדן טאָג באַזוכט דעם כּוילע. אַלגע האָט ניט געוווּסט, ווי צו באַדאַנקען די פאַבריק־מיידלעך, וואָס האָבן געגעבן זייער בלוט עליען.

אַלגע האָט אים גאַנצע שאָען פאַרגעלייענט פּאַרקאַפּנדיקע דערציילונגען, געלייענט, ביז זי האָט באַמערקט, אַז זײַנע קורצזיכטיקע אויגן הייבן זיך אָן צוזויפקלעפּן.

די פּראָקוראַטור איז געקומען צום אויספיר, אַז רויכמאַן איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סרײַפע. ער האָט טאַקע דערלאָזט אַ געוויסע נאַכלעסיקײַט, נאָר פון אַ קורצער פאַרשלי־סונג קאָן מען ניט זײַן פאַרסטראַכירט, באַזונדערס אין אַזאַ אַלטער געבײַדע.

רויכמאַן צוזאַמען מיט טאַסיען זײַנען געקומען זיך געזעגענען מיט עליען. איצט האָט ער אים שוין גערופן איליא מיראָנאָוויטש. ער האָט אים פון גאַנצן האַרצן געווונטשן וואָס גיכער זיך שטעלן אַף די פיס, פאַרגעסן אין די נאַרישע קליינע סיכסוכים, וואָס פלעגן אַמאָל פאָר־קומען צווישן זיי. זיי זײַנען דאָך ביידע געווען איבערגעגעבן דער פאַבריק.

— יעדערער אַף זײַן אויפן, — האָט עליע באַמערקט.

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך! יעדערער האָט דאָך זײַן פילאָסאָפיע. און אַז מײַן פּי־לאָסאָפיע איז אַ ריכטיקע, קאָן אײַך זאָגן מײַן טײַערע פרוי, וואָס האָט אויך ניט ווייניק פאַר־זוכט אין לעבן.

— מיר האָבן אַלע פאַרזוכט, — האָט עליע אָפּגעענטפערט.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך!

רויכמאַן האָט ערשט געקליבן זיך פאַנאַנדערוויקלען זײַן פילאָסאָפיע, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז אַ מענטש לעבט איין מאָל, אַז ער דאַרף זאָרגן אין דער ערשטער ריי פאַר זיך. און אַז אויב אַלע וועלן זײַן גוט באַזאָרגט, וועט ניט זײַן קיין קינע, און אויב עס וועט ניט זײַן קיין קינע...

אַלגע מיט דער שוויגער, וואָס זײַנען געזעסן אין קיך, האָבן זיך קוים אײַנגעהאַלטן, זיי זאָלן זיך ניט אַרײַנמישן. און ווען רויכמאַן האָט אָנגעהויבן פאַרופן זיך אַף דער געשיכטע אליין, האָט ראָכל טאַקע ניט אויסגעהאַלטן.

— איר וועט מיר מוחל זײַן. איך האָב ניט די ערע אײַך צו קענען, נאָר דאָס, וואָס איר זאָגט...

זיי וואָלטן געווען אַפּאַנעמעסן זיך צעקריגט, ווען עס זאָלן ניט געווען אָנקומען קיין בײַע, מער אָנגעלייגטע געסט. צו דער שטוב איז צוגעפאָרן אַ מאַשין, און גלײַך, מיט אַ ראָש האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט נאַדיע, יעגאָר מיט זייער קאָסטיקן. ווייניקער פאַר אַלץ האָט יעגאָר געריכט זיך באַגעגענען דאָ טאַסיען.

אַלגע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאַדיען אַפן האַלדז און זיך צעוויינט. פאַר נאַדיען איז דאָס געווען אַ נײַס. דאָס איז ניט געווען אַלגעס טעווע. נאָר אַלגע איז פּאַשעט געווען גערירט דערפון, וואָס נאַדיע האָט זיך געלאָזט אין אַזאַ ווײַטן וועג, קעדיי אַ ביסל טרייסטן זי אָדער העלפן, מיט וואָס עס וועט נייטיק זײַן.

ראָכל האָט גלײַך דערקענט אַלגעס שיינע כּאַווערטע. זי פלעגט אַמאָל אַרײַנקומען צו זיי אין שטוב, ווען איר שנור איז נאָך געווען אַ סטודענטקע.

— און דאָס איז אײַער בעניאָכידל? — האָט זי אַ פרעג געטאָן בײַ נאַדיען. — און ווי רופט מען דיך, ייִנגעלע?

— קאָסטיק.

— טו זיך אויס, קאָסטיק, און פיל זיך, ווי בײַ זיך אין דער היים!

טאַסיע און רויכמאַן האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען דאָ איבעריק, זײַנען זיי שטילער־הייט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

מאַרינע שעווטשוק, וועלכע האָט זיך אומגעקערט פון עפּעס אַ באַראַטונג, האָט אויך, ווי דער שטייגער איז, זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אירע פרײַנט. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן, מיט וואָס פאַרא מענטשן זי האָט זיך דאָרט באַגעגנט, און ווי גליקלעך זי איז, וואָס מע לאָזט זי ניט צורו, וואָס מע לאָזט זי ניט פילן איר עלטער.

— איינער, אַ לעניגראַדער געלערנטער, האָט זיך ניט געשעמט זאָגן, אַז ער לערנט זיך בײַ אונדז. אָן אײַך, האָט ער געזאָגט, זײַנען מיר גאָרניט ווערט!

— עס רעדט זיך אַזוי, — האָט עליע געפּרוווט צאַמען איר באַרימערײַ.

— דו — שוויַג! הער, וואָס עלטערע ריידן!

און מארינע האָט דערציילט, ווי צוויי יונגע, קענטיק זייער געלערנטע פרויען האָבן פארשריבן וואָרט בא וואָרט, וואָס מארינע האָט גערעדט פון דער בינע.

— דערנאָך האָבן זיי מיך אריַינגעפירט אין א זיַיטיק צימערל און מיר געגעבן, איך זאָל דאָס אלץ איבערלייענען און אונטערשריַיבן.

— וואָס זשע האָט איר זיי דאָרט אזוינס געזאָגט? — האָט זיך דערפרעגט בא איר יעגאָר סעמיאָנאָוויטש.

— איך האָב זיי געזאָגט, זיי זאָלן אופהערן קוקן אף אונדז, די ברויטגעבער און פיציכט־לער, ווי אף אזוינע, וואָס ווייסן נאָר איינס — זיך גריבלען אין דער ערד, ווי אמאָל אונדזערע זיידעס און באָבעס. מיַין קאָלווירט, האָב איך זיי געזאָגט, איז איין גרויסע פאבריק, און מיַינע דאָרפסליַיט ווילן, מע זאָל אף זיי קוקן, ווי אף ארבעטער, צי ווי אף די שאכטיאָרן, צום ביַישפּיל.

— ווער לאָזט דען איַיך ניט? — האָט דובאָוו געזאָגט.

ראָכל האָט גענומען גרייטן צום טיש, און נאדיע האָט זיך מיטאמאָל דערמאָנט אין דער געמיטלעכער דירע דאָרט, אף דער גרינער גאס.

— יאָ, אָלינקע, — האָט זיך מארינע ווידער אָנגערופן. — שיר ניט פארגעסן! געדענקסט איענעם גראָבן פּעמפּיק מיט די טיפע קאלאָשן און מיטן אויסגעקראָכענעם בערשטעלע, מיט וועלכן ער האָט פארקעמט די וואָנצעס? מיר האָבן זיך מיט אים באגעגנט אינעם צוג, ווען דו ביסט געפאָרן זיך לערנען, געדענקסט?

— אזא פארשוין פארגעסט זיך ניט!

— איז שטעל זיך פאָר, כ׳האָב אים ווידער באגעגנט!

— און ווידער אין צוג?

— אינעם בופעט פונעם טעאטער. ער איז דאָרט א שטיקל פארוואלטער. ווי דעמלט, האָט פון אים געשמעקט מיט ביליקן אָדעקאָלאָן און קנאָבל. דאָס, זאָגט ער, איז צוליבן געזונט.

ווען מע האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט דער בריווטרעגער געבראַכט אָלגען א בריוו. דער געוועזענער דירעקטאָר פון זייער טעכניקום, וואָס איז איצט פארטרעטער פון דירעקטאָר פון דעם קולטור־אינסטיטוט, האָט געשריבן, אז די אָנפירונג פון אינסטיטוט קליַיבט זיך שטעלן די פראגע וועגן אריבערפירן זי, אָלגען, אינעם פיליאַל פון אינסטיטוט, וואָס ווערט געשאפן אין דאָנבאס. זאָל זי וואָס גיכער ענטפערן, צי איז זי מאסקים.

— וואָס זשע וועט איר אים ענטפערן? — האָט דובאָוו געפרעגט און האָט א קוק געטאָן אף זיַין נאדיען, ווי איינער זאָגט: כ׳מיין, וואָס וואָלסטו געענטפערט, ווען מע לייגט דיר פאָר פארלאָזן אונדזער יישעוו?

— אזוי מיטאמאָל זאָל איך איַיך ענטפערן, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש? נאָר אויב איר ווילט, וועל איך איַיך זאָגן: איך וועל זיך אָפזאָגן. כ׳מיין, אז איַיער נאדיע וואָלט אויך אזוי געענט־פערט. מיר האָבן זיך קוים געשטעלט אף די פיס, מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן אונדזער וועג.

— לאָמיך דיך א קוש טאָן, אָלינקע! — האָט נאדיע זי ארומגענומען. — איך וואָלט אויך אזוי געענטפערט. איך וועל אויך מיַין יישעוו ניט פארביַיטן אף קיין שום פיליאַלן.

עליע, וועמען דער דאָקטער האָט שוין דערלויבט אף עטלעכע מינוט אראָפגיין פונעם בעט, איז פאָרזיכטיק צוגעגאנגען צום טיש. קיין טרינקער איז ער ניט געווען, נאָר היַינט האָט זיך אים געוואָלט אופהייבן א טאָסט.

— ליבע געסט! לאָמיר אויסטרינקען פאר איַיער געזונט און פאר אונדזער אלעמענס מאזל.

אין די פענצטער האָט אריַינגעקוקט דער ליכטיקער טאָג, ווי ער וואָלט אויך געוואָלט זיך צוזעצן צום טיש, ווו עס האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע אלטע און גוטע פריַינט...

# פון אייביקער יוגנט

## א ליד וועגן א דרייסטער שוואלב

פון שטרויעלעך, פון בלאָטע און פון ליים
האָט זיך א שוועלבעלע געמאכט א היים.

געלייגט פיר אייעלעך, פיר ווײַסינקע, ווי שניי,
זיך שטילערהייט אוועקגעזעצט אַף זיי.

עס זיצט די שוואלב. א גאנצע וואָך גייט דורך,
די אייעלעך זי וואַרעמט מיט איר פוך.

ביז איינמאָל אינדערפרי — א שאל, א גליק, א פרייד,
עס רודערט זיך דאָרט עפּעס שטילערהייט.

א שאר, א פּיק, דערנאָך א לײַכטער שטויס:
„מיר ווילן אַף דער שיינער וועלט ארויס!”

און טאקע גיך און טאקע באלד האָט יעדער איי
צעטראסקעט און צעשפּאָלטן זיך אַף צוויי.

עס קוועלט די שוואלב און גריסט די ליבע געסט,
זי פלאַטערט אום, זי שוועבט ארום איר נעסט.

זיי ציטערן, האלב־נאקעטע און הויל,
זי פאָיעט זיי מיט טראָפּנס פון איר מויל.

זי מאכט ארום די שוועלבעלעך א קרײַז,
זי פליט געשווינד אין פעלד אַוועק נאָך שפּײַז.

טאָג־אײַן אזוי, טאָג־אויס — אין שווערער מי,
זיך שפּעט געלייגט און אופגעשטאנען פרי.

און דעמלט, ווען דער אומגליק איז געשען,
איז פונקט די שוואלב אין ווײַטן פעלד געווען.

פון צאָפן האָט א בלאָז געטאָן א ווינט,
און כמארעס טראָגן זיך און יאָגן זיך געשווינד.

עס טיאָכקעט בא דעם שוועלבעלע דאָס הארץ,
די זון פארשטעלט, עס ווערט דער הימל שווארץ.

א זעץ א דונער גיט, א שווערער בראָך. א קראָך.
עס גיט א בליץ א בליאסק, א שניט דעם שינדל־דאַך.

מיט פונקען טליִעט ער, ער שטעקט שוין אין דער הויך
א רויטן צונג ארויס, א שווארצן קנויל מיט רויך.

---

פון דער שעפערישער ירושע.

דער הימל טרייסלט זיך — ער שפּאַלט זיך אַף דער האַלב,
מיט שפּײַז אין מויל דערשראָקן פליט די שוואַלב.

עס פלאַמט דער דאַך. אַ רויך. אַ פײַערדיקער יאַם.
זי לאָזט די שפּײַז אַרויס. זי וואַרפט זיך אינעם פלאַם.

אַ כאַפּ אַ שוועלבעלע. עס בריט. די היץ איז גרויס.
זי פליט מיט דעם פון הייסן פלאַם אַרויס.

אַ שוועב צום בוים, אַף צווײַגן מאָסטעט אײַן.
און פליט אַפּסנײַ אין רויטן פלאַם אַרײַן.

צוריק צום דאַך, צום נעסט צו דעם צעשטערטן
עס אײַלט די שוואַלב נאָך שוועלבעלע נאָך פערטן.

אין רויכן נישטערט זי, לעם דאַך, לעם ברייטער טיר,
עס סמאַלען זיך די פעדערלעך אַף איר.

אַ פלי צום בוים, זי טראָגט איר קינד אין מויל,
עס ברענט, עס גליט אַ פײַערדיקע קויל.

אַ פלי אַרויף, אַ פלי אַראָפּ — די פליגלען פלאַמען,
עס ליגן שוועלבעלעך — זיי וואַרטן אַף דער מאַמען.

אַ שטעק די שנעבעלעך, און קוים דערוואַרט זיך, קוים.
אַ רויטע קויל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן לעם בוים.

אַי קויל, אַי אַש אַ ביסל, האַלב אַף האַלב —
אָט וואָס עס איז געבליבן פון דער שוואַלב.

---

## סטעפּאַן אָלײניק

(אוקראַיִנישער דיכטער)

# עס לעבט זײַן מוטיקע ליד

(פון דער פאָרעדע צו שמועל העלמאָנדס לידער־זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין אוקראַיִניש)

דער טאַלאַנטפולער ייִדישער דיכטער שמועל העלמאָנד איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט ניט קיין גרינגן וועג. פון די פריִע יוגנט־יאָרן זײַנען אַף זײַן גורל אויסגעפאַלן קאָלערליי שווערײַקײַטן. בײַקומען זיי איז געווען אימשטאַנד אַ מענטש, וועלכער איז פאַרליבט אין לעבן. און אויב אַנדערע פלעגן, דערמאָנענדיק דאָס איבערגעלעבטע, שווער אַ זיפץ טאָן, האָט שמועל העלמאָנד גערעדט וועגן דעם מיט צאַרטער וואַרעמקײַט.

איך האָב געקענט דעם דיכטער פערזענלעך, ניט איין מאָל זיך געטראָפן מיט אים. וועגן איינער אַזאַ באַגעגעניש וויל איך דאָ דערציילן.

אין 1937, אין אַ וואַרעמען זומער־אָפּדערנאַכט זײַנען מיר געזעסן אין אָדעס, אין סקווערל אַף אַ באַנק, געקוקט אַף דעם האַפן, וואָס האָט געפינקלט מיט עלעקטרישע פײַערלעך, געלייענט לידער, זיך דערמאָנט אין די ערטער, ווו מיר זײַנען געוואַקסן.

— און איך בין פון וואָלאָדאַרסק־וואָלינסק, אַ שטעטעלע אין זשיטאָמירער געגנט, — האָט געזאָגט מײַן פרײַנט און אָנגעהויבן דערמאָנען די וועגן און שטעגן, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען אין לעבן, אין דער ליטעראַטור.

האַרבסט 1923. שמועל, אַ זעכצניאָריק באָכערל, אַ זון פון אַן אַרבעטער אַף אַ פאַטעקע־זאַוואָד, פאַרענדיקט די שול און טרוימט ווײַטער פאָרזעצן די לער. אין יענער צײַט זײַנען טויזנטער יונגע אַרבעטער און פויערים אָנגעקומען אין די אַרבפאַקן. מיט טאָרבעלעך איבער די אַקסל זײַנען זיי געגאַנגען איבער סטעפּישע וועגן קיין קיִעוו, אָדעס, צופוס זיך דערקליבן צו דעם ווײַטן כאַרקאָוו, ניט האָבנדיק אָפּט אַף קיין אײַזנבאַן־בילעט.

אין איינעם אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן, ווען פון דעם פּאָליעסער הימל זײַנען די בושלען אָפּגעפּלויגן אין די וואַרעמע מעקוימעס, האָט דער קינפטיקער דיכטער פאַרלאָזט דעם טאַטנס שטוב און אַוועק קיין אָדעס. ער אָרדנט זיך אײַן אין אַ יוגנט־הויז, ווו עס האָבן דעמלט געלעבט און זיך געלערנט קינדער פון אָרעמע עלטערן און יעסוימים.

באַקומען די נייטיקע צוגרייטונג, איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן טעכניקום, און אין צוויי יאָר אַרום האַלט ער אויס די עקזאַמענעס און ווערט אַ סטודענט פונעם ליטעראַריש־לינגוויסטישן פאַקולטעט אין מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

זײַן טרוים צו באַקומען בילדונג איז מעקוײַעם געוואָרן. אין 1930 פאַרענדיקט ער דעם אינסטיטוט און ווערט אַ לערער פון שפּראַך און ליטעראַטור אין דער טשערקאַסער פראָפּטעכשול. אין יענער צײַט הייבט ער אָן שרײַבן לידער.

## נעכט

איך האָב ליב דײַנע נעכט, אוקראַיִנע.
א געדיכטע, א גאָלדענע זיפּ,
שיט דײַן הימל מיט שטערן מיט דינע.
דײַנע זײַדענע נעכט האָב איך ליב.

צי אליין שפּאַן איך אום, צי אינצווייען,
צי איך מורמל אין זיך, צי איך שווײַג —
נאָר איך פיל, ווי אין דײַנע אלייען
זיך טוליעט א צווײַג צו א צווײַג.

דו פילסט אָן מיט קלאנגען מײַן אויער,
מיט פארב מײַן שווארצאפּל ווערט רײַך,
מיט דעם סקריפּ פון א גרינבלעכן טויער,
מיט דעם צאפּל פון פיש אינעם טײַך.

און גאנצפרי, ווי א פישער א בלאסער,
א מידער פון גרויסן געפאנג, —
איך שפּאַן מיט מײַן נעץ מיט מײַן נאסער,
וואָס ווארפט זיך מיט פרישן געזאנג.

## פארטאָג

דו זעצסט זיך אוף און זאָגסט פארטראכט:
— דער טאָג איז קליגער פון דער נאכט!
איך לאָז אראָפּ מײַן אויג פארשעמט:
— דײַן קאָפּ, מײַן טויב, איז ניט פארקעמט.

פארהענג די שויב, טו אָן דײַן קלייד,
פארגיב מיר איצט פאר מײַנע רייד,
פאר מײַנע הענט, וואָס האָבן שפּעט
א גאנצע נאכט דיך צארט געגלעט.

און כאָטש א שטראַל גיט שארף א בליץ
דורך דינעם פאָרהענגל פון ציץ,
ער דרייט א זײַלעכל פון שטויב,
פון שויב צום דיל, פון דיל צום שויב, —

איז טוט מיר זייער הארציק באנק
דער זיסער פײַנלעכער געטראנק,
דער בלינדער מורמל פון די נעכט,
כאָטש דו ביסט טויזנט מאָל גערעכט.

---

פארענדיקט די דינסט אין דער רויטער ארמיי און זיך דעמאָביליזירט אלס אָפיצער פון רעזערוו, ארבעט שמועל העלמאָנד עטלעכע יאָר אין דער פּרעסע.

— און איצט בין איך ווידער א לערער, פארוואלטער מיטן לערנטייל אין א מיטלשול. זעסט, וויפל העפטן איך טראָג?.. — ער רעדט וועגן דעם מיט באגײַסטערונג און צארטקײַט.

הערנדיק אָט דאָס אלץ, האָב איך פארשטאנען, אז שמועל העלמאָנד איז געוואָרן א דיכטער דערפאר, ווײַל ער האָט שוין פון דער פריסטער יוגנט טיף פארשטאנען דאָס לעבן און עס ליב געקראָגן.

ער איז געווען אן אָפּטימיסט, א ראָמאנטיקער, געהאט וואָס צו דערציילן.

אין די פארמילכאָמע־יאָרן האָט ער אָפּט זיך געדרוקט אין דער פעריִאָדישער פּרעסע, ארויסגעלאָזט דרײַ לידער־זאמלונגען. ברייט איז די טעמאטיק פון זײַן פּאָעזיע. ער באזינגט די שיינקײַט און דעם הערויִזם פונעם מענטשנס מי, די יונגקײַט און דעם פּאנאנדערבלי פונעם סאָוועטנלאנד, די טרײַשאפט צום היימלאנד.

די דאָזיקע טרײַשאפט, דער סאָוועטישער פּאטריִאָטיזם, האָט באזונדערס זיך אנטפּלעקט באם דיכטער, ווען אין דער גרויזאמער נאכט פונעם 22־טן יוני 1941 האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט ווײַב און קינד און איז אוועק „דעם דונער און ווינט אנטקעגן...״

אין אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר איז העלמאָנד אומגעקומען אפן שלאכטפעלד, באשיצנדיק די פרײַהײַט, די ערע און די אומאָפּהענגיקײַט פון אונדזער ליב היימלאנד. ער איז דעמלט אלט געווען 33 יאָר.

ווען מיר לייענען איצט זײַנע לידער, דערשפּירן מיר מיט א באזונדערער קראפט, וואָס פאר א באגאבטער און אייגנארטיקער דיכטער ער איז געווען. זײַן ליריק, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט בירגערלעכן פּאטאָס, קלינגט פריש און אָריגינעל. אין שמועל העלמאָנדס פערזאָן האָבן מיר פארמאָגט א באדאכטן וואָרט־מײַסטער, וועלכער האָט שפּאָרעוודיק, פיליגראניש־פּינקטלעך אויסגעדריקט זײַנע געפילן. יעדע שורע זײַנע איז ווי אויסגעטאָקט.

וועגן שמועל העלמאָנדס מײַסטערשאפט, שעפערישן אייגנארט און פּאָעטישער קראפט וועלן נאָך זאָגן זייער וואָרט די ליטעראטור־קריטיקער. איך האָב מיט אָט דער נאָטיץ געוואָלט בלויז דערציילן וועגן דעם, אז ער איז געווען אזא מענטש, וועלכער האָט אלע זײַנע קויכעס אָפּגעגעבן דעם פאָלק.

דער דיכטער האָט געלעבט ניט לאנג, אָבער יעדער טאָג פון זײַן קורץ לעבן איז געווען פרוכטבאר, אָנגעזעטיקט מיט שעפערישער מי. אין מעשעך פונעם טאָג פלעגט ער באווײַזן אי דורכפירן לימודים אין דער שול, אי אָנפירן מיטן ליטעראַרישן קרײַז אף איינעם פון די אָדעסער זאוואָדן, אי שרײַבן לידער, און פארנאכט פלעגט ער „מיליטעריש־פּינקטלעך״ קומען אף די שטאָטישע שרײַבער־פארזאמלונגען.

אין איינער פון זײַנע פריִע לידער, געווידמעט דעם אָנדענק פון אָשער שווארצמאנען — דעם דיכטער־רויטארמייער, וועלכער איז געפאלן מיט א העלדן־טויט אין בירגערקריג, — האָט שמועל העלמאָנד געשריבן:

און ווען דער דיכטער שטארבט, — וואָס בלײַבט?
וואָס בלײַבט נאָך אים פאר מענטשן איבער? —
די אייביקײַט דעם טויט פארטרײַבט,
די הייסע ליד שפּאנט אים אריבער.

שמועל העלמאָנד איז אומגעקומען ווי א דיכטער א סאָלדאט. איז זאָל זײַן ליד, וואָס אָטעמט מיט מוטיקײַט און עכטער מענטשלעכער ווארעמקײַט, קלינגען לאנג אין אונדזער ליטעראטור.

## אינצווייען

עס טראָגט זיך דער שליטן אין וויכער פון שנייען,
עס בלאַנדזשען די פערד, און מיר פאָרן אינצווייען.

זאָל שיטן דער שניי, זאָל ער שיטן און שיטן.
זאָל אייביק זיך טראָגן דער האסטיקער שליטן.

מיך אַרט ניט, אויב איצט, אינעם ווינטער־באַגינען,
וועט ער אין געווירבל זײַן וועג ניט געפינען.

און עפשער וועט זי אינעם יאָג פון מעסלעסן,
די עלטער, אין פלאַמיקער יוגנט פאַרגעסן.

אז ווער ס׳וועט ארויס אינעם סטעפּ אין פאַרשנייטן,
זאָל הייבן די האַנט און זאָל זאָגן א צווייטן:

אָט טראָגט זיך אַף שנייִיקע סטעפּעס אינמיטן
פון אייביקער יוגנט דער האַסטיקער שליטן.

## ווינטער

הײַנט איז ווינטער אין לאַנד!
אין דעם ליכטיקן לאַנד איז הײַנט ווינטער!
הייב זשע אופּעט דײַן האַנט;
זאָל געבענטשט זײַן דאָס לאַנד!
זאָל געבענטשט זײַן די קראַפט,
וועלכע טרײַבט, וועלכע שאַפט,
מיט געוויש, מיט גערודערן,
אָט דאָס ברויזיקע בלוט,
אָט דאָס בלוט אין די אָדערן.

טרײַב זשע גיכער די פערד
און דעריאָג מײַן געשריי
אף דער האַסטיקער ערד.
אין דער וויוגע פון שניי,
אין דעם שנייִיקן קאַנט
אָט־אָ הילכט, אָט פאַרשווינדט ער.
הײַנט איז ווינטער אין לאַנד,
אין דעם ליכטיקן לאַנד איז הײַנט ווינטער!

## צו א פרײַנט

די נאַכט איז ווײַס. א שטורעמווינט.
ער שמיצט מיט שניי, די לאָדן ברעכט ער.
קום אָן צו מיר, דו ברענג אצינד
דײַן האַרציק וואָרט און דײַן געלעכטער.

דו ברענג דײַן פרײַנטלעכקייט אהער,
דײַן מונטערקייט אין שאָט פון שנייען.
זײַן וואך א נאַכט איז זייער שווער,
ווי גרינג איז זײַן א נאַכט אינצווייען.

## טרוים

פון קינדווײַז, פון העט־ווײַטע צײַטן,
פון ברייטן, אומענדלעכן רוים
פינקלט און רופט אין די ווײַטן
מײַן שיינער, מײַן האַרציקער טרוים.

מיט שטויבן, מיט מידקײַט באַלאַסטעט
א וואַנדערער בלאָנקעט אליין,
דערזעט ער: א פײַערל בליאַסקעט,
אזוי ווערט אים גרינגער צו גיין.

## ביראָבידזשאַנער מאָטיוון

ליובע וואַסערמאַן

# מעדיצינישע שוועסטער

### סאָניע

דאָס אַלץ האָב איך זיך דערמאָנט באַנאַכט, ווען מע האָט אינעם געגנטלעכן שפּיטאָל געבראַכט די קראַנקע פּרוי טאַיִסיע דאָלגאָווא. בא איר איז געווען א געפערלעכער האַרצפּעלער, א זעלטענער צופאַל אין דער מעדיצין. ביז די דאָקטוירים טעפּלאָכאָווא און אַנדערע האָבן זי באַטראַכט, געשטעלט דעם דיִאַגנאָז, איז אַף דעזשורסטווע געקומען די מעדשוועסטער גוראַלניק.

וועגן איר האָב איך פיל געהערט. די קראַנקע האָבן גערעדט, אַז דאָס איז די גוטסקייַט אַליין. דער מילדער שמייכל, וואָס שייַנט שטענדיק אַראָפּ פון אירע ליפּן, דאָס פריילעכע געמיט איִרס, די טרייסטנדיקע אויגן העלפן דעם כוילע גיכער געזונט ווערן. איך האָב נאָכגעקוקט, ווי די שוועסטער האָט זיך לייַכט באַוועגט, ווי זי האָט אַפן ווונק פאַרשטאַנען די פאַראָרדענונגען פון די דאָקטוירים, מיט וויפל צאַרטקייַט זי האָט געטאָן איר זאַך, ניט אָפּגעטראָטן פון א קראַנקער, ביז יענע איז ניט געקומען צו־זיך. די גאַנצע צייַט, וואָס איך האָב נאָכגעקוקט נאָך דער שוועסטער, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב זי שוין אַמאָל ערגעץ געטראָפן. נאָר ווו, בא וועלכע אומשטענדן, האָב איך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. נאָר ווען זי האָט אַף מיר אויפגעהויבן אירע טונקעלע אויגן און פון זיי האָט א בלענד געטאָן מיט בלוילעכער שייַן, האָב איך אויסגערופן:

— סאָניע!

זי האָט מיך אָנגעקוקט:

— פונוואַנען קענט איר מיך?

— די אָזערע מיט די לאָטאָסן געדענקסטו?

אַרום אירע פּוכקע ליפּן האָט זיך געלייגט א שמייכל:

— אַזעלכע בלומען קאָן מען דען פאַרגעסן?

מיט לאַנגע יאָרן צוריק בין איך געווען אין א קאָמאַנדירונג אַפן טונגוסקער געהילץ־זאַוואָד אינעם ייִשעוו ניקאָלייַעווקע.

די אָרטיקע אייַנוווינער האָבן מיר געזאָגט:

— איר ווילט זען אַן עמעסע שיינקייַט? שטייט, זייַט מויכל, אוף פאַרטאָג און כאַפּט א קוק אַף אונדזער אָזערע...

וועגן דער דאָזיקער אָזערע האָב איך פיל געהערט. איך האָב געוווּסט, אַז אַף איר וואַקסן לאָטאָסן... דאָס איז א וווּנדערלעכע בלום, וואָס וואַקסט בלויז אין פיר ערטער אַפן ערדקייַלעך. די אינדיִאַנער האָבן די דאָזיקע בלום פאַרהייליקט. דער קלאַסיקער פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אַנאַטאָל פראַנס האָט זייַן באַרימטע שיינהייַט „טאַיִס" פאַרגלייַכט מיט דער לאָטאָס־בלום. וועגן דעם לאָטאָס ווערן דערציילט טויזנטער לעגענדעס. בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואַקסט ער נאָר אין איין אָרט — בא דער וואָלגע. איז מיר טאַקע געווען שטאַרק טשיקאַווע מיט די אייגענע אויגן זען, ווי־אַזוי בא אונדז אַפן ווייַטן מיזרעך מיט זייַנע האַרבע ווינטערדיקע פרעסט קענען זומער בליִען לאָטאָסן...

ווען איך בין נאָענט צוגעקומען צו דער אָזערע, בין איך נישטוימעם געוואָרן. בלומען, ווי בורשטינענע בעכערס, שטייען אַף הויכע דינע שטענגלעך, ווי וואַסער־ליליעס. גרינע בלעטער, ווי שירעמלעך די גרייס. אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון בילדן זיי א שלאַל פון פאַרבן, אַן עמעסן רעגנבויגן. זיי עפענען פּאַמעלעך זייערע מייַלעכלעך, און עס דאַכט זיך, אַז יעדע בלום באַזונדער פינקלט מיט אַן אַנדער קאָליר...

פּלוצעם האָט די פאַרטאָגיקע שטילקייַט איבערגעריסן א שאָרך. איך האָב זיך אומגעקוקט. אַפן ברעג איז געשטאַנען א מיידעלע פון א יאָר פינף־זעקס. זי האָט מיט די פויסטלעך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און דער־

בײַ צעעפּנט די ליפּן. ווען זי האָט אופגעהויבן אף מיר אירע אויגן, האָט, דאכט זיך, א פלייץ געטאָן פון זיי מיט בלויע פונקען, פונקט ווי פון די לאָטאָסן אינעם הײַנטיקן פרימאָרגן.

— ווי?אזוי רופט מען דיך, מיידעלע?

זי האָט מיט נײַגער א קוק געטאָן אף מיר, ווי זי וואָלט זיך מעיאשעוו זײַן, צי לוינט איר ענטפערן, און דערנאָך, ווי א גרויסע, זייער פּאָשעט געזאָגט:

— סאָניע.

— און ווו וווינסטו?

— אָן, דאָרט,— האָט זי אָנגעוויזן אף די הײַזער פונעם קאָלווירט.

— און וואָס טוסטו דאָ אזוי פריִ?

— מײַן מאמע איז אוועק צו דער ארבעט, און איך גיי אין קינדער־גאָרטן.

— איז וואָס זשע שטייסטו דאָ?

— איך וויל זען, ווי?אזוי זיי וועלן טרינקען...

— ווער וועט טרינקען? — האָב איך זיך פאַר־וווּנדערט.

— אָט זיי, די פייגעלעך.

און ווירקלעך, אף דער אָזערע האָבן איצט באַלעבאַטעוועט פייגעלעך. פאַרשיידענע פיי־געלעך. זיי זײַנען ארומגעשפּרונגען איבער די לאָטאָסן און פון זייערע צעעפּנטע מײַלעכלעך געטרונקען דעם טוי. דאָס איז געווען אזא פּרעכטיק בילד, אז ביז איצט, שוין אין אזוי־פיל יאָרן ארום, פאַרקלעמט מיר אזש דאָס האַרץ, ווען עס קומט אוף פאַר די אויגן יענץ בילד.

— סאָניע,— האָב איך זי געבעטן,— דערצייל וועגן זיך.

— איצט ניט, שפּעטער,— האָט זי א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

ווען די געפּערלעך־קראַנקע טאַזיִע לעאָ־נידאָוונע איז שוין געשלאָפן און אין די פּאַלאַ־טעס איז געוואָרן שטיל, איז סאָניע ארויס אין קאָרידאָר.

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. סאָניעס אויגן זײַנען געווען רויטלעך און פאַרשמע־לערט. און אָט וואָס איך האָב זיך דעמלט דער־וווּסט.

זי איז געבוירן געוואָרן אין 1931, פּונקט אין דעם זעלבן יאָר, ווען עס בליִען די לאָטאָסן (זיי בליִען איין מאָל אין דרײַ יאָר). די אָרטי־קע אײַנוווינער האָבן געזאָגט:

— וועסט זײַן א מאַזלדיקע, סאָניע, ס'וועט דיר גליקן אין ליבע...

אָבער אין לעבן, האַלט זי, האָט זיך באַ איר באַקומען פאַרקערט. צוערשט האָט זי גע־מיינט, אז ביכלאל איז דער הימל געפאַלן אף דער ערד.

— פאַרוואָס?

— ווען איך האָב פאַרענדיקט די שול און אַלע האָבן גערעדט וועגן פּראָפעסיעס — ווער ס'האָט געוואָלט ווערן א מעכאַניקער, ווער אַן אַרטיסט, ווער אַן אינזשעניער,— האָב איך אויך געזאָגט: אויב זיך לערנען ווײַטער, איז בלויז אף א דאָקטער, ווײַל וואָס קאָן זײַן שע־נער און בעסער, ווי העלפן מענטשן, שטילן זייערע ווייטעקן?

אָבער אין מעדיצינישן אינסטיטוט איז זי ניט אָנגעקומען — ס'איז געווען א גרויסער קאָנקורס. אירע כאַוועריטעס האָבן אָנגעגעבן די דאָקומענטן אינעם כאַבאַראָווסקער אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן — האָט זי נאָכ־געטאָן זייער בײַשפּיל. נאָר אין א יאָר ארום האָט זי פאַרשטאַנען, אז קיין פּעדאַגאָג וועט זיך פון איר ניט באַקומען. האָט זי געוואָרפן דעם אינסטיטוט און איז אָנגעקומען אין דער ביראָבידזשאַנער מעדיצינישער שול. דער מײַן איז געווען: אויב ניט זײַן קיין דאָקטער, איז כאָטש א מעדשוועסטער. און א פעלדשער איז דאָך אויך ניט דער לעצטער אין דער מעדיצין. עפּשער דערפאַר טאַקע האָט איר ניט גע־גליקט אין ליבע? יענער באָכער, וועלכער האָט געכאַפּט אף איר אַן אויג נאָך אף דער שול־באַנק, האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין:

— וואָס הייסט וואַרפן אַן אינסטיטוט און אָנקומען אין א טעכניקום? ניין, אזא קאָן ער ניט ליב האָבן...

סאָניע שמייכלט. זי ארבעט דאָ אינעם שפּי־טאָל שוין לאַנגע יאָרן. קיין דאָקטער איז זי ניט געוואָרן. זי האָט כאַסענע געהאַט, עס וואַקסט באַ איר א שיין טעכטערל אַליטשקע.

— אַלע זאָגן, אז זי איז זייער ענלעך אף מיר...

— און דער מאַן? — פרעג איך זי.— ער האָט ניט קיין טײַנעס, וואָס איר ווערט דאָ פאַרפאַלן טאָג און נאַכט?

— סאָניע לאַכט:

— אַן אַנדער ברײרע האָט ער?

איך פרעג סאָניען, צי געדענקט זי איר געבורט־אָרט.

— אַוודע, איך קום אַהין אָפט. נאָר איצט בליִען שוין ניט די לאָטאָסן...

פון פאַלאַטע הערט זיך א קרעכץ. ס'האָט זיך אופגעכאַפּט א קראַנקע. סאָניע לויפט גיך אוועק. די קראַנקע עפנט די אויגן, איבער איר בעט וואַכט די שוועסטער. דורכן שפּיטאָל־פענצטער באַווײַזן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער אופגייענדיקער זון.

— גוטמאָרגן, שוועסטער!

סאָניעס אויגן לויכטן. זי איז גליקלעך, וואָס זי האָט נאָך איין מענטשן געהאָלפן זיך אומ־קערן צום לעבן...

# ק א ט י ע

קאטיע יורטשענקאָ, אויך א מעדיצין־שוועסטער, איז סאָניעס א כאַווערטע, כאָטש קאטיע איז מיט א יאָר צען עלטער פון איר. א פּיריאָריק קינד האָבן זי די עלטערן געבראַכט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אינעם באָבריכינער סאָווירט. קאטיעס פאָטער האָט געאַרבעט אַלס גרינסציכטלער און פעלד־בריגאַדיר. קאטיע מיט אירע שוועסטער און ברידערלעך, פיר זײַנען זיי געווען בא טאַטע־מאַמע, האָבן געלעבט גליקלעך, נאָר ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק: די מאַמע איז פּלוצעם געשטאָרבן. דער פאָטער איז געבליבן מיט פיר קליינע קינדער אַף די הענט. וואָס זשע האָט ער געקאָנט טאָן? און קאטיע האָט באַקומען א שטיפמוטער... דערציילן וועגן אירע קינדער־יאָרן וויל קאטיע ניט. זי זאָגט מיר:

— די זיבניאָריקע שול האָב איך פאַרענדיקט. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

— און דערנאָך?

ס'איז געווען פונקט אין די מילכאָמע־יאָרן. פאַרשטייט זיך, ס'איז געווען שווער, זייער שווער! ניט ווייניק איז אויסגעקומען הונגערן, זיך לערנען אין א ניט געהייצטן קלאַס. נאָר קאטיע איז געווען אַן אַקטיוויסטקע, זי האָט אָנגעפירט מיט דער סאַנדרוזשינע פון שול, געטרוימט ווערן א מעדיצינישע שוועסטער און אוועק אַפן פראָנט.

פונקט אין יענעם יאָר, ווען קאטיע האָט געענדיקט די זיבניאָריקע שול, זײַנען אין איר דאָרף, קיין בירושקע, אַראָפּגעקומען אַף א דרינגענדער אָפּעראַציע דאָקטוירים פונעם געגנטלעכן שפּיטאָל. קאטיע האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומדרייען אַרום זיי. וואָס האָט זי געוואָלט? זיי זאָלן איר העלפן אָנקומען אין דער בירָאָבידזשאַנער מעדיצינישער שול. די דאָקטוירים איז געפעלן געוואָרן דאָס לעבעדיקע מיידעלע מיטן פאַריסענעם קײַלעכיקן נעזל. און שוין מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז די פערצניאָריקע קאטיע געוואָרן א סטודענטקע.

ווען קאטיע האָט אָנגעהויבן גיין אַף פּראַקטישער אַרבעט אינעם שפּיטאָל, האָבן די דאָקטוירים באַמערקט, אַז זי פאַרמאָגט א גוט האַרץ, זייער אַקוראַטע הענט, דעריקער, זי קען זייער גוט אַרומגיין אַרום א קראַנקן, און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע.

נאָכן פאַרענדיקן די מעדיצינישע שול איז זי געקומען צוריק אינעם אייגענעם סאָווירט. אָבער איין זאַך איז אַרבעטן אונטער דער אָנפירונג פון דערפאַרענע דאָקטוירים אין שפּיטאָל, און א צווייטע זאַך — פאַרוואַלטן זעלבשטענדיק מיטן מעדפּונקט אינעם ווײַטן דאָרף: אַליין אויסשרײַבן רעפּועס, אַליין שטעלן א דיִאַגנאָז, אַלץ אַליין, ווײַל קיין דאָקטוירים, מיט וועמען זיך אײַנצוראַטן, זײַנען דעמלט נאָענט ניט געווען. און דאָך האָט דאָס יונגע מיידל, וועמען מע האָט שוין דאַן ניט גערופן קאטיע, נאָר מיט דערעכערעץ — יעקאַטערינא סטעפּאַנאָוונא, זיך ספּראַוועט מיט איר שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן איניען. מענטשן פלעגן צו איר קומען אויך פון די אַרומיקע קאָלווירטן.

אַזוי יאָר נאָך יאָר. א געוויינלעכע טאָגטעגלעכע אַרבעט. עמעס, איין פאַל אין איר פּראַקטיק האָט זיך אײַנגעקריצט אַפן גאַנצן לעבן. מע האָט זי אַרויסגערופן צו א געווינערן, וועלכע מע האָט ניט באַוויזן אָפּפירן אין שפּיטאָל. דאָס קינד איז געגאַנגען ניט נאָרמאַל, ס'איז געווען אַן ערשטלינג. קאטיע האָט זיך פאַרלוירן. זי האָט אָנגעקלונגען אין געגנטלעכן שפּיטאָל. דער הויפּט־דאָקטער איז דאַן געווען יאַקאָוו אַראָנאָוויטש מיצנהענדלער. זי האָט אים דערציילט, אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— וואָס ציטערט אַזוי בא דיר די שטים, קאטיע? פריילעכער, מוטיקער, איך וועל דיר העלפן, — האָט זי געהערט אין טרײַבל.

דער דאָקטער האָט איר געגעבן די נייטיקע אָנווײַזונגען. זי האָט אַלץ געטאָן אַזוי, ווי ער האָט געהייסן. שפּעטער האָבן די טעלעפאָןדראָטן געטראָגן די פריילעכע בסורע:

— יאַקאָוו אַראָנאָוויטש, א ייִנגל, א שיינס, א זשוואַווער באָכערעץ. די מוטער פילט זיך אויך גוט!

איצט איז יעקאַטערינא סטעפּאַנאָוונא די הויפּט־שוועסטער אינעם טעראַפּעווטישן אָפּטייל פון געגנטלעכן שפּיטאָל.

אָט שטייט זי אײַנגעבויגן איבערן בעט פון א יונגן באָכער. ער איז טאַקע פונעם זעלבן סאָווירט, פונוואַנען זי איז אַהער געקומען. ער איז אין א שווערן צושטאַנד.

דער דאָקטער אַנאַ איוואַנאָוונאַ טעפּלאָכאָוואַ האָט איר געייצעט:

— פרעגט בא אים נאָכאַנאַנד: „ווי?אַזוי רופט מען דיך? דערמאָן זיך דײַן נאָמען, דײַן פאַמיליע". דאָס איז זייער וויכטיק אין אַזעלכע פאַלן.

קאטיע האָט דעם קראַנקן געמאַכט א בלוט־איבערגיסונג און געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— ווי רופט מען דיך? ווי?אַזוי הייסטו? זאָג, איך בעט דיך, דײַן פאַמיליע?

און אָט באַמערקט קאטיע, ווי די ליפּן באַם קראַנקן באַוועגן זיך. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז

ער קומט צום באוווסטזײַן, ער וויל עפּעס זאָגן. זיך ווידער אָנגעבויגן איבער זײַן בעט, האָט זי דערהערט, ווי ער שעפּטשעט שטיל:

— קלעפּיקאָוו, קלעפּיקאָוו רופט מען מיך,— האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט.

ס'איז געווען יענע שאָ, ווען אין שפּיטאָל הערשט אן אבסאָליוטע שטילקייט, די כאלאָים רוען אָפּ. נאָר פון פריידיקער איבעראשונג האָט יעקאטערינא סטעפּאנאָוונא איווער געווען דעם קלאל און אויסגערופן אף א קאָל:

— איר הערט — מע רופט אים קלעפּיקאָוו, קלעפּיקאָוו רופט מען אים, ער וועט לעבן!

און איבער אלע פּאלאטעס, איבערן גאנצן שפּיטאָל-קאָרפּוס האָט געקלונגען דער שוועס-טערס שטים:

— מע רופט אים קלעפּיקאָוו, ער וועט לעבן!..

---

## הערשל ראבינקאָוו

# א לעבן, אָפּגעגעבן דער יוגנט

מיר זײַנען געגאנגען אף דער לערער-קאָנפע-רענץ, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין דעם שטאָטישן קולטור-פּאלאץ. אווגוסט — סענטיא-בער איז די בעסטע צײַט פונעם ביראָבידזשא-נער זומער און פרײַזיקן הארבסט. די הויכע הימלען נעמען זיך ערשט בלויען מיט א גע-דיכטער הייסער בלויקײַט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אָנהייבן פונסנײַ א לאנג זומער-לעבן. ס'טוט, עמעס, יאָ א בלאָז א קילבלעך ווינטל, נאָר ניט אף לאנג. סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש גלוסקין האָט זיך אף א ווײַלע אָפּגעשטעלט בא די גאזאָנען ארום דעם לענין-דענקמאָל. איך האָב געמיינט, ער וויל באטראכטן די בלומען. ווי איך ווייס, איז ער זייערער א ליבהאָבער און שעצער. ער האָט אָבער א קוק געטאָן אף דער דרײַשטאָקיקער געבײַדע פון דער ביראָ-בידזשאנער מיטלשול נומער 2, וואָס איז שוין געשטאנען א באנײַטע, אָן אָפּגעפּארבטע, גרייט צום נײַעם לערניאָר.

— אָט אָ-דאָ האָבן מיר מיט דיר אָנגעהויבן „קנעלן“ — געדענקסט?

וויפל מאָל זײַנען מיר מיט סאָלאָמאָן אבראַ-מאָוויטש פאר די קנאפּע פיר צענדליק יאָר דורכגעגאנגען פארבײַ אונדזער ערשטער שול און ניט געטראכט וועגן איר. אָבער אז א מענטש ווערט אלט זעכציק יאָר, הייבט ער אָן ניט-ווילנדיק אונטערצופירן סאכאקלען מיט זיך אליין און איז גרייט יעדעס מאָל זיך ארײַנ-לאָזן אין זיכרוינעס וועגן דעם פארגאנגענעם.

— געדענקסט!..

יאָ, איך געדענק, ווי מיט אכט און דרײַסיק יאָר צוריק, טאקע אין אווגוסט, איז מיט איי-נעם אן איבערוואנדערער-עשעלאָן ארויפּגע-קומען קיין ביראָבידזשאן א שווארצכיינעוודיק און שווארצוויגיק באָכערל אין א טונקל-גרינער וועלוועטענער בלוזע. דאָס איז געווען דער לערער פון פיזיק שאָלעם גלוסקי. צוזאמען מיט אים האָט מען אף די גאסן פון דער דעמלט יונגער שטאָט געקענט זען זײַן פרוי, קימאט א מיידעלע — אויך א לערערן. איצט איז זי, ציליע איסאקאָוונע דוואָרקינא, ברייט באוווסט אין ביראָבידזשאן, אין דער ייִדישער אווטאָ-נאָמער געגנט און אויך אין קאנט אלס פאר-דינסטפולער בילדונגס-טוער און געזעלשאפט-לעכער מענטש, א פערסאָנעלער פּענסיאָנער.

מע דארף זאָגן, אז דער דעמלטיקער ביראָ-בידזשאן האָט באגעגנט יונגע ספּעציאליסטן ווײַט ניט אזוי, ווי ער נעמט זיי אויף אצינד. די ערשטע פאָר טעג איז שאָלעמען און זײַן פרוי אויסגעקומען איבערזײַן אין איינעם פון די הילצערנע באראקעס פון דעם איבערוואנ-דערער-פּונקט, וואָס איז פון אלע זײַטן באלא-גערט געווען מיט טיפע זומפּן.

אָ, יענע „בארימטע“ זומפּן, וואָס זײַנען פאר-בליבן אין זיקאָרן פון אונדזער דאָר!

גאָר איינגיכן איז איינער פון די „נאטשאל-ניקעס“ פונעם איבערוואנדערער-פּונקט, א בראוו-אויסגעפּראוועט מענטשל אין בלויע

קאָמאנדירסקע גאליפע, געקומען און געהייסן מיטן הארבן וואָרט באפרײַען דעם באראק. און איך ווייס ניט, צי האָט מען אף אים געקענט שטארק פאריבל האָבן: יעדן טאָג פלעגן דעמלט אָנקומען עשעלאָנען מיט נײַע איבערוואנדערער, וועלכע מע האָט געמוזט באזאָרגן מיט א נאכטלעגער כאָטש אף די ערשטע טעג, ביז זיי וועלן זיך אײַנאָרדענען...

נאָר ניט געקוקט אף דעם און אף נאָך א היפש ביסל דעמלטיקע שטייגער־שווערקײַטן, האָט באם יונגן פאָרל פון די אויגן ארויסגעקוקט (מיר האָבן עס אלע געזען) א געפיל פון גרויס גליק, פון גרויס פרייד מיטן לעבן ביכלאל, אי מיט דעם פרעכטיקן ווײַטמיזרעכדיקן קאנט, וואָס וועט ווערן זייער היים.

ניט געקוקט אף זײַן יונגן עלטער, איז שאָלעם גלוסקין אין לערערײַ שוין געווען ניט קיין אָנפאנגער, אָדער ווי ער זאָגט, ניט גאָר קיין הינקענדיקער שנײַדער. נאָך א סטודענט פונעם סמאָלענסקער לערער־אינסטיטוט, האָט ער גאנצע צוויי יאָר אונטעריכט פיזיק און מאטעמאטיק אף די צוגרייטונגס־קורסן באם דאָרטיקן ייִדישן פעדאגאָגישן טעכניקום, ווו צווישן זײַנע צוהערער איז אויך געווען דער איצט פארדינסטפולער לערער פון רספסר, דער לאנגיאָריקער דירעקטאָר פון דער וואלדהיימער שול אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט ייִצכאָק פרישקאָלניק. און דעריבער טאקע, ווען אנדערע יונגע לערער, וואָס זײַנען מיט אים אין איין צײַט אָנגעקומען ארבעטן אין דער ייִדישער שול נומער 2, האָבן „געטאפט א וואנט“,— האָט ער, סאָלאָמאָן גלוסקין, זיך געפילט זיכער, אפילע זיכערער פון אייניקע עלטערע לערער מיט מער דערפארונג.

ארבעטן אין יענער שול דעמלט איז געווען די ערשטע צײַט ניט פון די לײַכטע זאכן: די געבײַדע איז נאָך געווען ניט אינגאנצן פארטיק. קיין שײַן האָט מען נאָך ניט באוויזן דורכפירן, און יעדער לערער, וואָס האָט געארבעט אין צווייטן אומבײַט, האָט געמוזט נעמען מיט זיך אין קלאס א סטעארין־ליכטל. איז שטעלט אײַך פאָר: א פארזונקענער אין פינצטערניש פינפטער צי א זעקסטער קלאס. עטלעכע און דרײַסיק ווײַסעכעוורעניקעס. אן איין־און־איינציק ליכטל, וואָס באלויכט קוים די קאטעדרע און די פיגור פונעם לערער. אין אזא אומגעבונג האָט שוין גאָט אליין געהייסן די כעוורעלײַט זיך אָנטאָן ווילטיק און איבערקערן די וועלט. בא סאָלאָמאָן גלוסקינען זײַנען אָבער די לימודים אף פיזיק אויך אין יענע באדינגונגען דורכגעגאנגען רויִק און עפעקטיוו. פיזיק!

אָט א־דעם וויסנשאפטס־געביט האָט סאָלאָמאָן גלוסקין אויסגעקליבן באוווסטזיניק, שוין זײַענדיק א סטודענט פון סמאָלענסקער ייִדישן פעדטעכניקום. א לערער איז ער אָבער געוואָרן, האלט ער, דורך א גליקלעכן צופאל.

ער איז געווען דער מיזיניק און דאָס פינפטע קינד אין דער פאמיליע פון אן אָרעמפויער אווראָם גלוסקין, וועמעס עטלעכע דורות האָבן געוווינט אין דעם פאָלעסיער ווײַסרוסישן דאָרף קוריטשי. צוזאמען מיט די ווײַסרוסישע קינדער פון דאָרף האָט דאָס ייִנגל פון קליינווײַז אויף זיך פארנומען מיט פארשיידענע טועכצן, וואָס זײַנען פארבונדן מיט ערדארבעט. באזונדערס איז אים געווען צום הארצן פירן זומער די פערד אף נאכט־פאשע; ליגן אין די נעכט אפן גראָז און קוקן פארגאפט, ווי פון הימל גיבן זיך א ריס אָפ שטערן און פאלן ארײַן אין דער פינצטערער געדיכטעניש פונעם נאָענטן וואלד, וואָס גייט אזש ביז פעטריקאָווער שליאך.

עס איז א סוואָרע, אז שאָלעם האָט אין יענער צײַט געפרווט שרײַבן לידער אף ייִדיש און אף ווײַסרוסיש. נאָר דאָס איז א סאָד. וועגן אָט א־דעם פראט אין זײַן ביִאָגראפיע האָבן מיר זיך דערוווּסט אומדערווארט אף איינעם אן ארויסלאָז־אָוונט אין דער שול, ווען סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש האָט באגריסט די שילער פונעם צענטן קלאס מיט אן אייגענער ליד. די שילער האָבן לאנג אפלאָדירט און געשריִען:

— סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש, זײַט איר דאָך א ליריקער אויך!

איצט באשטייט דאָס געזינד פון דעם אלטן אווראָם גלוסקין, וועמען די דײַטשישע פאשיסטן האָבן אומגעבראכט טאקע אין קוריטשי, פון צוויי זין בוכהאלטערס, צוויי זין לערער פון פיזיק און א טאָכטער אן אינזשעניער־מעטאלורג, וועלכע ארבעט אין לענינגראד. סאָלאָמאָן אבראמאָוויטשעס טאָכטער אניע איז אן אינזשעניער־כימיקער; דער זון פימע — א קאנדידאט פון פיזיק־מאטעמאטישע וויסנשאפטן, א מיטארבעטער פון א וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט אין נאָוואָסיבירסקער אקאדעם־שטעטל.

דעמלט אָבער האָט מען נאָך אין דער מישפאָכע ניט געהאט קיין האסאָגע וועגן אזעלכע פראָפעסיעס, און שאָלעם האָט, פונקט ווי זײַנע עלטערע ברידער, געטרוימט וועגן עפעס א מעלאָכע, א פאך אין האנט. און אים האָט טאקע אויסערגעווײנלעך אָפגעגאָלטן: אין יענע צײַטן פון ארבעטסלאָזיקײַט איז אים געלונגען אָנקומען פאר א לערן־ייִנגל צו א שלאָסער אין פעטריקאָוו! נאטירלעך, איז עס דאָס ערשטע יאָר געווען ניט מיט דער פײַל און ניט מיט די צוואנגען, נאָר מיט דער ציג און מיט דעם באלעבאָס׳ קינד. ניט אזוי גיך האָט דער קוסטאר צוגעלאָזט צום פאך דאָס לערן־ייִנגל.

דער פּראָפּאַריין האָט זיך אָבער דערקליבן אויך צו אָט דעם באַלעבאָס, וועלכער האָט געטײַנעט, אַז דאָס ייִנגל איז זײַנער אַ לײַבלעכער פּלעמעניק, וועלכן ער האָדעוועט!— ניט געלאָזט אים עקספּלואַטירן. שאָלעם ווערט אַ קאָמיוגיסט. אַ באָכערל מיט אַ פלינקן קאָפּ און מיט אַ פּאָר גוטע הענט, האָט ער, ניט געקוקט אַף דער קאַרגער און ניטפּאַרגינערישער לער, באַוויזן צו באַהערשן אַף אַזויפיל דעם שלאָסערײַ־פאַך, אַז ער האָט שוין געקענט זײַן שטעטל באַשטיין און קריגן אַרבעט אויך ערגעץ אַנדערש. אָבער דאָ איז פּאָרגעקומען אַזוינס, וואָס האָט אַף אַן אַנטשיידענעם אויפן אַ קער געטאָן זײַן גורל אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אים, דעם זעכצניאָריקן שלאָסער־יונג, אַרויסגערופן אין פּעטריקאָווער ראַיקאָם פון קאָמיוג און אים געמאָלדן, אַז מע קאָמאַנדירט אים פּאָרן זיך לערנען אין סמאָלענסקער פּעדטעכניקום פּאַר אַ לערער!

שאָלעם, וועלכער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טרוים אַוועקפּאָרן קיין מינסק צי האָמעל, אָנקומען אַרבעטן אַף אַן עמעסן זאַוואָד אָדער אַף אַ פאַבריק, האָט פון טיפן האַרצן אויסגעשריִען:

— וואָס בין איך פאַר אַ סטודענט! איך האָב דרײַ מיט אַ האַלבן קלאַס פון אַ דאָרפישער שול. איך וויל זײַן אַ שלאָסער!

אין ראַיקאָם האָט מען אים געענטפערט:

— מע דאַרף, גוטערברודער, פאַרשטייסט, מע דאַרף האָבן לערער.

אָ, אָט אָ־דער „מע דאַרף"! וויפל מאָל איז סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטשן אויסגעקומען שפּעטער אין פאַרלויף פון זײַן לעבן אים צו הערן!

עס איז געווען שוין אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך זײַן קומען קיין בירא־בידזשאַן. צו יענער צײַט האָט ער שוין באַוויזן היִנטערויִגיק צו פאַרענדיקן דעם פיזמאַט־פאַקולטעט פונעם בלאַגאָוועשטשענסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און איז שוין געווען אַ לערער מיט אַ סטאַזש און מיט אַן אויטאָריטעט, האָט מען אים אַרויסגערופן אין געגנטבילד און אים פאָרגעלייגט זײַן אַ פאַרוואַלטער מיטן לערן־טייל אין דער שול נומער 2, ווו ער האָט געאַרבעט: מע דאַרף! שפּעטער האָט מען אים פאָרגעלייגט ווערן דירעקטאָר פון דער דעמלטיקער גרעסטער מיטלשול אין שטאָט בירא־בידזשאַן. מע דאַרף! און נאָך אין עטלעכע יאָר אַרום האָט מען אים ווידער אַרויסגערופן אין געגנטבילד און אין געגנטקאָם פון פּאַרטיי און געמאָלדן, אַז הע׳יויס ער איז באַוווּסט אין שטאָט ווי אַ קוואַליפיצירטער און אויטאָריטעטער לערער, לייגט מען אים פאָר זײַן עלטסטער אינספּעקטאָר פון געגנטבילד...

מע דאַרף!

— גוואַלד, כאַוויירים,— האָט סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש אײַנגעטײַנעט,— לאָזט מיך זיך פאַרנעמען מיט דעם, וואָס איך דאַרף זיך פאַרנעמען — לערנען קינדער פיזיק און מאַטעמאַטיק!

אַלס ענטפער האָט ער אָבער, ווי שטענדיק, געהערט: מע דאַרף! אין די שולן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט געדענקען נאָך אַ סאַך לערער, וואָס זײַנען שוין איצט אַליין פאַרדינסטפולע, דעם אינספּעקטאָר סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטשעס באַזוכן. דאָס איז געווען ניט סטאַם קאָנטראָל איבער דעם, ווי־אַזוי עס ווערט אויסגעפילט די מעלוכישע פּראָגראַם, איבערן לערן־פּראָצעס, נאָר אַלעמאָל אויך קוואַליפיצירטע מעטאָדישע הילף, פּאָפּוליאַריזירונג פון עפּעס אַ פּעדאַגאָגישער און מעטאָדישער נײַס.

ענדלעך, האָבן זיך די בילדונגס־אָרגאַנען פּאָרט איבערצײַגט, אַז סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטשעס עמעסער באַרוף איז לערערישע אַרבעט מיט שילער אין קלאַס, און די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט ער אָפּגעאַרבעט אין דער בירא־בידזשאַנער מיטלשול נומער 1 אַלס לערער פון פיזיק און אַסטראָנאָמיע.

— אָט אָ־די צוואַנציק יאָר,— זאָגט ער,— האָב איך בעפּיירעש גוט אָפּגעלעבט, גוט און רויִק געאַרבעט.

וועגן דעם, אַז „גוט", בין איך מאַסקים, אָבער וועגן דעם, אַז „רויִק" — צווייפל איך, ווײַל אין מעשעך פון אָט אָ־די יאָרן איז ער אויך געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַן אָנפירער מיט אַן אַגיט־קאָלעקטיוו, אַ סאַך מאָל אויסגעוויילט געווען אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער שול. געווען אַ לעקטאָר, אַ פּאָרזיצער פון דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער סעקציע פון דער געגנטלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט „קענטעניש", אַ מיטגליד פון שטאָטקאָם און געגנטקאָם פון פּאַרטיי, און דאָס אַלץ האָט דאָך געפּאָדערט צײַט און ענערגיע.

אָט אָ־די אַלע יאָרן האָט ער געפירט די אַרויסלאָז־קלאַסן, און עס איז ניט געווען קיימאַט קיין פאַל, אַז זײַנער אַ שילער זאָל זיך דורכוואַלגערן אַף פיזיק בייס די אַרײַנטריטעקזאַמענעס אין אַ טעכנישער הויכשול. „5" און „4" זײַנען זייערע געוויינלעכע אָפּשאַצונגען.

ווי־אַזוי דערגרייכט ער דאָס? אַזעלכע פראַגן פאַרגיבן אים יונגע לערער, וועלכע שטעלן די ערשטע טריט אַפן שווערן פּעדאַגאָגישן וועג, פיל דערפאַרענע אינספּעקטאָרן, מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די לערער, זשורנאַליסטן.

סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש ענטפערט אף דעם געלאסן, ווי זײַן שטייגער: „אמאָל, — זאָגט ער, — האָט א גוטער לערער געהייסן דער, וואָס „צעקײַט און לייגט ארײַן אין מויל”. איך האלט ניט פון אזא מעטאָד. קוידעמאָקל זע איך, אז דער שילער זאָל ניט זוברעווען מעכאַניש די געזעצן פון פיזיק, ניט נעמען קיין פארטיקע, ניט באנוגענען זיך בלויז מיטן לערנבוך. איך שטרעב אים אויסלערנען דענקען, אליין זיך דערגרונטעווען און פארשטיין, וואָס הייסט פיזיק”.

העלפן באהערשן די יעדיעס, העלפן — אָבער ניט געבן דעם שילער קיין גרייטע קענטענישן — אזא איז סאָלאָמאָן אבראמאָוויטשעס גרונט־מעטאָד.

פארנעמען טאקע זײַנע שילער די ערשטע ערטער אף די פיזיק־מאטעמאטישע אָלימפּיאַדעס אין ביראָבידזשאן, אין דער קאנטישער שטאָט און אויך אף די אלפארבאנדישע אָלימפּיאדעס פון יונגע פיזיקער אין מאָסקווע און נאָוואָסיבירסק!

פאראן בא סאָלאָמאָן אבראמאָוויטשן א פינקעסל, ווו עס זײַנען פארשריבן זײַנע געוועזענע שילער — זייערע פאמיליעס, נעמען, כאראקטעריסטיקעס, פּראָפעסיעס, וווין־ערטער, ווי אויך פּיליאָריקע באָבאכטונגען איבער דער פאָרמירונג פון זייער פערזענלעכקײַט — א היפּש צעטל. אין אים קאָן מען זען די פאמיליעס: סאמאָילאָוויטש — א דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאפטן אין סווערדלאָווסק; יאמפּאָלסקי — א דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאפטן אין טאָמסק; מעלאמעד און שפּיטקאָ — קאנדידאטן פון טעכנישע וויסנשאפטן אין כאבאראָווסק; קלעבאנאָוו — א קאנדידאט פון מעדיצינישע וויסנשאפטן אין כאבאראָווסק און א סאך אנדערע; צענדליקער דאָקטוירים. די מערהײַט לערער און אינזשעניערן אין שטאָט און אין דער געגנט זײַנען געוועזענע שילער זײַנע.

הונדערטער און הונדערטער פּאָפּולערע לעקציעס האָט ער דורכגעלייענט פאר די ארבעטנדיקע פון ביראָבידזשאן און דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט וועגן דער הײַנטצײַטיקער אנטוויקלונג פון דער פיזיק, וועגן די דערגרייכונגען אין דער וויסנשאפט און טעכניק, וועגן קאָסמאָס, וועגן קאָמוניסטישער דערציִונג. עס איז קעדײַ צו זען אים אף א זומערדיקן אגיטפּלאץ ערגעץ אין אן עק שטאָט בײַס זײַנער א לעקציע אָדער א שמועס. די צוהערער — מענטשן פון פארשיידענעם קולטור־ניוואָ פארשיטן אים מאמעש מיט פראגן.

קעדיי קומען יעדן מאָל מיט עפּעס נײַס און אינטערעסאנטס צו זײַנע צוהערער, צו זײַנע שילער, וואָס זײַנען אליין אויך צוגעוווינט זײַן אין קורס פון די וויסנשאפטלעכע נײַסן, דארף מען זײַן באוואָפנט מיט דער פרישסטער אינפאָרמאציע אין א ריי וויסנשאפטס־געביטן. מע דארף שטענדיק ארבעטן איבער זיך. און דאָס טוט טאקע סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש מיט גרויס פלײַס דאָס גאנצע לערערישע לעבן זײַנס.

פארענדיקט דעם פילאָסאָפישן פאקולטעט פונעם אָוונט־אוניווערסיטעט פון מארקסיזם־לעניניזם, זעצט ער פאָר צו ארבעטן איבער פראגן פון מארקסיסטיש־לענינישער טעאָריע, איבער פראגן פון די נײַסטע דערגרייכונגען אפן געביט פון פיזיק און איבער דער מעטאָדיק פון אונטעריכטן זי. אף די יערלעכע זאָנאלע פעדאגאָגישע לעזונגען ווערן זײַנע פאָרטראָגן זייער הויך אָפּגעשאצט.

פאר די דערפאָלגן אין געביט פון דערציִונג און אקטיווער געזעלשאפטלעכער ארבעט איז סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש באלוינט געוואָרן מיטן צייכן „אויסגעצייכנטלער פון דער פאָלקס־בילדונג”, און אין יאָר 1967 איז אים צוגעייגנט געוואָרן דער בעקאָוועדיקער טיטל „פארדינסט־פולער לערער פון רספסר”.

אף דער אווגוסט־בעראטונג פון די לערער האָט מען אים הארציק באגריסט מיטן זעכציקסטן געבורטסטאָג, באדאנקט פאר זײַן פיליאָריקער איבערגעגעבענער ארבעט אין שול. סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש האָט פונעם פּרעזידיום געקוקט אפן זאל, ווו א היפּשער טייל פארזאמלטע זײַנען געוועזענע שילער זײַנע.

— ווײַזט אויס, — האָט ער מיר נאָכדעם געזאָגט, — אז פונדעסטוועגן האָב איך אָפּגעלעבט אזוי, ווי איך האָב געדארפט אָפּלעבן, און געטאָן האָב איך דאָס, וואָס איך האָב געדארפט טאָן. עמעס, געקאָנט אופטאָן א סאך מער!

א יונגער לערער פון פיזיק, זײַנער א געוועזענער שילער, האָט זיך צו אים געווענדט:

— נו, סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש, איצט, הייסט עס, אף פארדינטן אָפּרו?

סאָלאָמאָן אבראמאָוויטש האָט אומגעריכט יונג א גלאנץ געטאָן מיט די אויגן:

— ע, טאטעלע, ניין! געדענקסט דאָך בלאָקס שורעס „פּאָקאָי נאם טאָלקאָ סניטסיא”... איצט דארף מען זיך נעמען גרייטן צום נײַעם לערנ־יאָר. עס ווארט אף מיר א נײַער צענטער קלאס!

■

ראָמאַן שויכעט

# דער דריטער קאָמבײַן

מאָטל סלאַווין, א הויכער זאָקן קאָרעוו צו שיווים, איז געשטאַנען פאַר די מיטגלידער פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, ווי א פאַרשולדיקטער. די אקסל — ברייטע און נאָך גאַנץ קרעפטיקע, אַראָפּגעלאָזטע. דאָס אַלטע פּידזשאַקל, וואָס איז שוין לאַנג, ווײַזט אויס גלײַך נאָך דער מילכאָמע, איבערגעניצעוועט געוואָרן פון א סאָלדאַטישער שינעל, האָט זיך ווי באַרויגעז געהאָרבעט. אין זײַנע גרויסע הענט האָט דער אַלטער געקנייטשט די קעפּקע, און מיט א שולדיק־האַכנאָעדיקן בליק אַראָפּגעקוקט צו די אייגענע פיס.

און זיי, די מיטגלידער פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, האָבן זיך בעשאַסמײַסע פאַרנומען מיט זייערע איניאָנים און אַף אים זיך אפילע ניט אומגעקוקט, פּונקט ווי קיין שום מאָטל סלאַווין זאָל דאָ אין קאַבינעט ניט זײַן.

מיט איין האַנט האָט דער פאָרזיצער פון קאָלווירט יעפים פּאָליאַק פאַרשטעלט די אויגן און מיט די פינגער פון דער אַנדער האַנט געפּויקט איבערן טיש. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער הערט אינגאַנצן ניט דאָס, וואָס דער בריגאַדיר פּיאָטער דראַגונאָוו דערציילט. נאָר ווען יענער האָט פאַרענדיקט, האָט פּאָליאַק זיך האַסטיק א רוק געטאָן מיטן בענקל צום טיש און קאַטעגאָריש געזאָגט:

— איז טאַקע דו, פּיאָטער, הייב אָן דער ערשטער. די קאָמבײַנען, זע, זאָל מען נאָך הײַנט אַרויספירן אין פעלד! אויב די סאָיע וועט זיך גוט דרעשן, וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט אַלע בריגאַדעס.

דער פאָרזיצער האָט לײַכט א קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן טיש, ווי צולייגנדיק א שטעמפּל צום אָנגענומענעם באַשלוס, און די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין.

ווען אין קאַבינעט איז קיינער ניט געבליבן, כוץ דעם אַלטן סלאַווינען, וואָס איז אַלץ געשטאַנען אין דער זעלבער האַכנאָעדיקער פּאָזע, איז דער פאָרזיצער צוגעגאַנגען צו אים.

— נו, וואָס שטייסטו? — האָט ער געפרעגט.— כ׳האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, אַז ניט. וואָס זשע וואַרטסטו?

— אָבער... — האָט א שטאַמל געטאָן סלאַווין.

— וואָס „אָבער", — האָט אים איבערגעשלאָגן פּאָליאַק, — פּענסיע האָט מען דיר געגעבן? געגעבן! מיט קאָוועד אַרויסבאַגלייט? וואָס דאַרפסטו נאָך?

— אױ־װאַ, א פּענסיע! — האָט מיט ביטל זיך אָנגערופן סלאַווין.

— וואָס הייסט — „אוי־וואַ"? — דעם פאָרזיצערס בליק איז געוואָרן שטעכיק. — א קליינע פּענסיע?

— ווער זאָגט דען — א קליינע?

— איז וואָס זשע?

— אַז איך דאַרף ניט קיין פּענסיע! אַרבעטן וויל איך. איך וויל נאָך אַרבעטן. פאַרשטייסט?

פּאָליאַק האָט באַטראַכט דעם אַלטן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער זאָל אים זען צום ערשטן מאָל, און געזאָגט:

— עפּשער זאָל איך דיך אַוועקזעצן אַף א „סיביריאַק"? צי גאָר אַף א „בעלאַרוס"? און וועגן דעם וואַלידאָל, וואָס דו טראָגסט אין קעשענע, מיינסטו, ווייסט מען ניט? און דאָס, וואָס די הענט ציטערן, איז אויך בלאָטע?

פּאָליאַק האָט באַמערקט דעם ווייטעקלעכן בליק באַם אַלטן און פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָלט ער ניט באַדאַרפט זאָגן. האָט ער שוין עטוואָס ווייכער צו אים א זאָג געטאָן:

— נאָר אויב דיר זיצט זיך ניט אין שטוב, גיי פאַר א סטאָראָזש. ווילסטו — בא אונדז אין סקלאַד. אויב ניט — אין מאַגאַזין. כ׳וועל א רעד טאָן מיטן פאַרוואַלטער פון סעלפּאָ...

מאָטל סלאַווין האָט געמאַכט א צוויי טריט אַף צוריק און שווער זיך אָנגעוואַלגערט מיטן רוקן אינעם בײַשטידל. די אויגן, וואָס ווערן שוין קענטלעך אויסגעוועפּט, האָבן באַליידיקט זיך צונויפגעצויגן, דאָס געקנייטשטע פּאָנעם האָט אָנגעהויבן באַדעקן א גרויער ערד־קאָליר.

— א דאַנק דיר, פאָרזיצער, א גרויסן דאַנק... א סטאָראָזש, זאָגסטו? א שיינע פּאָדיאַקע.— ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז, האָט ער טיף אָנגערוקט די קעפּקע און אָן איין וואָרט אַרויס פון קאַבינעט.

דאָס ערשטע, וואָס דער פאָרזיצער האָט געוואָלט טאָן, איז אַרויסלויפן נאָכן אַלטן, עפּעס זאָגן אים. נאָר ער איז פאַרבליבן אַפן אָרט און מיט פאַרדראָס א טראַכט געטאָן: אַזא אַלטער...

דײַנס אָפּגעאַרבעט, זיץ און רו... איז ניין! א
„סיביריאַק" גיב אים!

אהיים איז מאָטל סלאַווין געגאַנגען ניט מיט דער דאָרפישער גאַס, נאָר מיטן שטאַרק פאַרבוריאַנעוועטן ברעג פונעם אמור. דאָ האָט ער זיך צוגעזעצט אַף אַן אַלטער קלאָץ, אַף האַלב אַן אַרײַנגעוואַקסענער אינעם זאַמדיקן ברעג. סטאַרענדיק זיך ניט צו הערן דאָס גלײַכמעסיקע הודען פון די מאָטאָרן, וואָס האָט זיך אַהער דערטראָגן פונעם קאָלווירטישן מאַשינהויף, ווו מע האָט צום לעצטן מאָל פאַרן אָנהייב פונעם סאַיע־שניט אויסגעפּרוּווט די קאָמבײַנען, האָט דער אַלטער אָנגעשטעלט דעם בליק אַף די מוטנע־גרינע כוואַליעס, וועלכע האָבן פויל געגלעט די גלאַנצנדיקע שטיינדלעך.

דאַכט זיך, גאָר ניט לאַנג, דאַכט זיך, אָט ערשט איז עס געווען...— האָט סלאַווין, קוקנדיק אַף די אָנלויפנדיקע און אָפּפלייצנדיקע כוואַליעס, געטראַכט.— עטלעכע צענדליק געזונטע יונגען — איבערוואַנדערער, האָבן מיר זיך אויסגעזעצט, ווי דעסאַנטניקעס, אַף אָט דעם ברעג. און אָט זײַנען שוין פאַרפלויגן — א ווערטעלע אויסצורײדן — פערציק יאָר!

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן דאַן אָנגעהויבן. פון אַלע געקומענע איבערוואַנדערער האָט בלויז ער און נאָכעם פריידין, אויך א געוועזענער קאָלאָניסט, פאַרשטאַנען אין הילכעס ערדאַרבעט. די אַנדערע האָבן גאַרניט געקענט — ניט אײַנשפּאַנען א פערד, ניט אויסמעלקן א בעהיימע. נאָר מיט דער צײַט האָט מען זיך אויסגעלערנט. די היגע טוישווים האָבן א סאַך געהאָלפן, און כעוורע זײַנען געוואָרן אי בויער, אי ערדאַרבעטער, אי מעכאַניזאַטאָרס. ער אַליין, מאָטל סלאַווין, האָט גענומען אַרבעטן אַף א טראַקטאָר, אַף א קאָמבײַן. און דערנאָך האָט ער אָן א שיר כעוורע אויסגעלערנט די מעלאָכעס!

א ביטער געפיל איז צוגעטראָטן צום האַרצן: און פּימקע פּאָליאַק איז ניט געווען בא אים אַמאָל קיין שטורוואַלנע? און איצט... איצט, ווען ער איז געוואָרן פּאַרזיצער, שיקט ער אים, מאָטל סלאַווינען, פּאַר א סטאָראָזש.

ער האָט א קוק געטאָן אַף זײַנע הענט, גרויסע, ברוינע, מיט פאַרהאַרטעוועטע מאָזאָליעס... זיי האָבן בעעמעס א ביסל געציטערט. ער האָט זיי אוועקגעלייגט אַף די קני, נאָר סײַווי ציטערן זיי. איז עפּשער פּאָליאַק גערעכט? יאָרן, יאָרן... וואָס האָבן זיי מיט אים אָפּגעטאָן, מיט מאָטל סלאַווינען? איז וואָס — אויס אַרבעטער? און אויב אַזוי, הייסט עס, אויס מענטש?

ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב, איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. אין קיך האָט זיך געהייצט די פּליטע, עס האָט געשמעקט מיט זשאַר פון ברעזענע שײַטלעך, מיט גוט צעקאָכטע קאַרטאָפל.

די באָבע זלאַטע, מאָטלס פרוי, א פּאַרפאַליעטע בא דער פּליטע, האָט זיך אָנגערופן מיט האַרץ:

— כ'וואָלט א באַלן זײַן וויסן, ווו טראָגט עס דיך גאַנצע טעג אַרום?

דער אַלטער האָט ניט געענטפערט. שווײַגנדיק אַראָפּגענומען די קעפּקע, אויסגעטאָן דאָס פּידזשאַקל און זיך צוגעזעצט צום טיש. די באָבע זלאַטע האָט געוווּסט, אַז איר מאַן איז בעטעווע א שווײַגער, נאָר דאָס מאָל, האָט זי געפילט, שטעקט אין זײַן שווײַגן עפּעס ניט קיין גוטס. האָט זי מער וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט. זי האָט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש און שווײַגנדיק גענומען קוקן אַפן מאַן. און קוקנדיק אַזוי, האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר אַזוווי זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן אים דערויף, האָט זי ווײַטער געשוויגן. און ער איז איר דאַנקבאַר געווען אי פאַר דעם, וואָס זי פאַרשטייט, אי פאַר דעם, וואָס זי שווײַגט, נאָר אַף א קאָל וועט ער דאָך עס איר ניט זאָגן — דאָס איז ניט זײַן טעווע,— האָט ער אויך געשוויגן.

אַפן אַנדערן טאָג איז מאָטל סלאַווין שוין קאַיאָר געווען אין פעלד. צו די קאָמבײַנען זײַנען איינער נאָכן אַנדערן צוגעפאָרן סאַמאָסוואַלן, און פון די בונקערס האָט מיט א געדיכטן שטראָם זיך געשאָטן אין זיי די סאַיע. פאַרקליבן זיך אין א סאַמאָסוואַל, האָט דער אַלטער מיט א ברייטער הילצערנער לאָפּעטע פאַנאַנדערגעשאַרט די סאַיע. ער האָט עס געטאָן פלינק און געשיקט, געסטאַרעט זיך פאַרכאַפּן מיט דער לאָפּעטע וואָס מער גאָלדיקע בעבלעך, גלײַכמעסיק פאַנאַנדערגעשפּרייט און פאַרפילט מיט זיי אַלע ווינקעלעך פונעם קוזאָוו. דערנאָך האָט ער נאָך געהאָלפן דעם שאָפער פאַרדעקן די מאַשין מיט א ברעזענט. אַזוי איין סאַמאָסוואַל, א צווייטן, א דריטן...

עס איז שוין געווען נאָענט צו מיטיק־צײַט, ווען צו די קאָמבײַנען איז צוגעפאָרן דעם פּאַרזיצערס „גאַזיק". פון דאָרט איז אַרויס יעפים דאַווידאָוויטש, זיך געלאָזט צום בריגאַדיר, נאָר פלוצעם באַמערקט אַף איינעם פון די סאַמאָסוואַלן סלאַווינען.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער מיט כידעש א פרעג געטאָן.

יענער האָט ניט באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, ווי דער פּאַרזיצער האָט זיך צעשרײַען:

— איך האָב דאָך דיר קלאָר געזאָגט, אַז...— און, ניט פאַרענדיקט, זיך א קער געטאָן צום בריגאַדיר: — פּיאָטער גאַווריליאָוויטש! פאַרוואָס האָסטו אים צוגעלאָזט צו דער אַרבעט? און

טאָמער וועט עפּעס געשען? ווער וועט זײַן דער שולדיקער? דו?

מאָטל איז אראָפּגעקראָכן פון דער מאַשין און געבליבן שטיין מיט דער הילצערנער לאָפּעטע אין די הענט.

סיאָמקע נעמיראָווסקי, א יונגער שאָפער פון „סעלכאָזטעכניקא", האָט אָן עפן געטאָן דאָס טירל פון זײַן סאמאָסוואל און זיך אָנגערופן:

— זעסט, מע האָט דיר געזאָגט: „נעם שוין מער ניט די לאָפּעטע". האָסטו ניט געפאָלגט...

די דאָזיקע ווערטער, כאָטש געזאָגט געוואָרן זײַנען זיי אין א גוטמוטיקן טאָן, האָבן סלאָווינען אינגאנצן פריטשמעליעט. נאָר דער פּאָרזיצער האָט אין סלאָווינען גלײַך פארגעסן און זיך א נעם געטאָן צו די קאָמבײַנערס:

— וואָס זשע, כעוורע, ס'איז שוין מיטיקצײַט, און איר מאכט ערשט דעם פערטן קרײַז. אזוי וועלן מיר ווײַט ניט אוועק.

דער בריגאדיר איז צוגעגאנגען צו סלאָווינען. ער האָט אים גאָרניט געזאָגט, נאָר לײַכט א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, ווי איינער רעדט: „נעם זיך ווייניקער צום הארצן". סלאָווין האָט אויך אָן איין וואָרט א קוק געטאָן אויפן בריגאדיר, און זײַן בליק איז געוואָרן א קאָפּעלע פריילעכער.

דער פּאָרזיצער האָט שוין געעפנט דאָס טירל, גרייט זיך ארײַנזעצן אין „גאזיק", קעדיי פּאָרן אין א צווייטער בריגאדע, נאָר מיטאמאָל איז ער געבליבן שטיין. ער האָט זיך דערמאָנט אין סלאָווינען: פון אגמעסנפעש קאָן באם אלטן גיכער אָנהייבן וויי טאָן דאָס הארץ ווי פון א טאָג ארבעט...

פּאָליאק האָט זיך דערמאָנט, ווי ער, פימקע, א שנעק נאָך, איז געווען בא אים, בא מאָטל סלאווינען, שטורוואלנע. און אים איז מיטאמאָל קלאָר געוואָרן א פּאָשעטע זאך: מאָטל סלאווין קאָן אָן קיין ארבעט ניט לעבן. צונעמען די ארבעט הייסט — צונעמען בא אים דאָס לעבן. און ער, פּאָליאק, וואָלט געווען דער שולדיקער. אָט צו וואָס מע קאָן דערגיין!

סלאָווין איז נאָך אלץ געשטאנען מיט דער לאָפּעטע אין דער האנט.

— ווארף אוועק די לאָפּעטע, — האָט פּאָליאק געזאָגט.

— וואָס זשע, ווילסט מיר אפילו קיין לאָפּעטע שוין אויך ניט געטרויען?

— גיי שטעל זיך אויפן דריטן קאָמבײַן. דאָרט ארבעט גענקע, ער איז נאָך א יונגער, ניט קיין דערפארענער, וועסטו אים העלפן.

— אויפן קאָמבײַן? — האָט איבערגעפרעגט סלאָווין.

— יאָ.

מיט א ליכטיק געוואָרענעם בליק האָט סלאָווין א קוק געטאָן אויפן פּאָרזיצער. ער האָט פריילעך אָפּגעוואָרפן די לאָפּעטע און מיט א שנעלן, מיטאמאָל ייִנגער געוואָרענעם טראָט אוועק צום קאָמבײַן.

דער פּאָרזיצער האָט אים נאָכגעקוקט מיט א שמייכל.

■

# דרײַ לידער

## עס מורמלט דאָס טײַכל

עס מורמלט דאָס טײַכל און וועקט דעם באַגינען,
מיט אָפענע אויגן גייט אוף שוין די זון.
און ס'שמעקט דאָ מיט פרייד פון געבאָרן און גרינען,
און כ'פיל, ווי אין מיר גיסט דער פרילינג זיך אָן.

איך הער, ווי עס רעדט יעדעס ביימל און בלימל,
ווי ס'וואָלט אין זיי קלאַפּן א לעבעדיק האַרץ.
און טיף אינעם ראַזעווען לײַב פונעם הימל
עס טראָגט זיך אף פליגל דער וואַרעמער מאַרט.

## באַם טײַך

א שטילער פאַרמילכאָמעדיקער זומער.
כ'האָב מיטן שאָכנס טעכטערל שפּאַצירט.
זי האָט מיך פאַר א האַנט גענומען
און ווי א קינד צום טײַך אוועקגעפירט.

איך פיל נאָך איצט די צאַרטקייט פון איר האַנט.
אין טײַך עס האָבן אירע אויגן זיך געטונקען.
די ווייכע וואַרעמקייט פון ווײַסן זאַמד
אונטער די טריט עס האָט געקלונגען.

ס'האָט זיך געקרייצט איר ליכטנדיקער בליק
מיט שטראַלנדיקן זון־גאָלד פון דער שקיע.
און ס'האָט זיך שטיל און טרוימעריש געוויגט
א העלע ליכטיקייט אף אירע שוואַרצע וויִעס.

כ'געדענק, ווי גרויס עס איז געווען מײַן פרייד.
א ליכטיקע זי איז פאַר מיר געשטאַנען.
ס'איז לופטיק־דין געווען דאָס ווײַסע קלייד,
און הייליק איז איר נאָמען מיר דערמאַנען.

איז וועער זשע וועט מיר זאָגן, ווו זי איז?
איך פרעג זיך נאָך בא דעם פאַרטאָג צעבליטן,
בא גרינענדיקער צווײַג, באַם טײַך, וואָס פליסט,
באַם פרילינגדיקן זונען־שטראַל צעגליטן.

איך זיץ לעם טײַך, ס'דערמאַנט זיך יענער טאָג.
דעם פאַרמילכאָמעדיקן זומער קאָן איך ניט
פאַרגעסן.
דעם העלן בליק אין האַרץ מײַנעם איך טראָג,
איך קוש דעם זאַמד, ווו מיר זײַנען געזעסן.

## שמעקט די פרילינג־זון

שמעקט די פרילינג־זון מיט קימל,
אַלץ אַרום איז אומגעריכט.
שוועבט א פויגל אינעם הימל,
טראָגט אף זײַנע פליגל ליכט.

פון דעם אומדערוואַרטן וווּנדער
אין דעם שווימענדיקן טאָג
מײַן נעשאָמע א באַזונטע
טוט זיך אין דער הייך א טראָג

צו דעם הימל ציכטיק־קלאָרן,
זינגענדיק אזוי.
כ'וואָלט א פויגל אויך געוואָרן
אין באַזונטן בלוי.

## לעבעדיקע גרוסן

יאַקאָוו רובענטשיק

# שענער פון די שענסטע טרוימען

נִיט לאַנג צוריק, בעשאַס דער פּײַערונג פונעם 50־טן יאָרטאָג פון ווײַסרוסלענדישן קאָמיוג, האָבן זיך אין מינסק פאַרזאַמלט פיל וועטעראַנען־קאָמסאָמאָלצעס. געווען זײַנען צווישן די געסט אַנדריי דרעמטשוק — דער געוועזענער סעקרעטאַר פון טשערווענער שטאָטקאָם פון קאָמיוג, איצט אַ קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין לוואָוו; ניקאָלײַ אָדינעץ — אַמאָל איז ער געווען דער סעקרעטאַר פונעם ערשטן אין ווײַסרוסלאַנד דאָרפישן קאָמיוג־קעמערל, דער־נאָך דער פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון דאָרפישער יוגנט באַם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם ווײַסרוסלענדישן קאָמיוג, איצט אויך אַ קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן; דער געוועזענער סעקרעטאַר פונעם מינסקער שטאָט־קאָם פון קאָמיוג מיכאַיל שיימאַן, איצט אַ דאָק־טאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, וועמענס ווערק זײַנען באַוווּסט ניט בלויז באַ אונדז אין לאַנד.

און ווי עס טרעפט בייס אַזעלכע באַגעג־נישן, זײַנען אַוועק דערינערונגען — אָן אַ סאָף און אָן אַן עק...

אין אַ צײַט אַרום האָט די רעדאַקציע פון דער מינסקער יוגנטלעכער צײַטונג „טשער־וואָנאַ זמענאַ" אײַנגעלאַדן אויף איר האַלבהונ־דערטיאָריקן יוביליי אירע ערשטע רעדאַקטאָרן, מיטאַרבעטער, יונקאָרן. נאָך דעם פּײַערלעכן אָוונט האָבן די געסט זיך באַגעגנט אין אַ היי־מישער סוויווע, באַ אַ גלעזל טיי אין דער היים באַם פּאָרפּאָלק אַקסענצעוו.

אין דער געמיטלעכער דירע אויף דער אוליאַ־נאָוו־גאַס איז מען געזעסן באַ געדעקטע טישן — און נאָכאַמאָל זײַנען אַוועק דערמאָנונ־גען.

דער באַוווּסטער סאָוועטישער שרײַבער לאַ־זאַר לאַגין (זײַן בוך „דער אַלטיטשקער כאָ־טאַביטש" איז ביז גאָר פּאָפּולער, באַזונדערס באַ די יונגע לייענער) האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון מאָסקווע, וווּ עס לעבן איצט אַ סאַך אַלטע פרײַנט אונדזערע. פון מאָסקווע איז גע־קומען אויפן יאַמטעוו אויך סאָניע פּרײַ — אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן אַן אָנפירנדיקער טוער אין צענטראַל־קאָמיטעט פונעם ווײַסרוסלענדישן קאָמיוג. ווען איר באַגעגנט זיך מיט סאָניע פּרײַ איצט, פילט איר, אַז אויף קיין האָר האָט זיך ניט געמינערט איר יוגנטלעכע ענערגיע. אין שווערע לעבנס־אומשטענדן האָט זי, שוין אַ באַיאָרטע פרוי, פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע און אַלס קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנ־שאַפטן אין מעשעך פון פיל יאָרן געלייענט לעקציעס אין דעם מאָסקווער אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן.

— נו, צו די כאַוויירים פון צענטער קאָנען מיר זיך אַוודע ניט פאַרגלײַכן, — האָט אין אַ שפּאַס געזאָגט דער באַלעבאָס פון דער דירע. — אָבער אויך מיר האָבן זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע. ווער האָט, לעמאָשל, געקאָנט טראַכטן, אַז איך, אַ פּאָשעט אַרבעטער־ייִנגל, זאָל פאַרענדיקן אַ פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און זײַן אין מעשעך פון העכער דרײַסיק יאָר אויף אָנפירנדיקער אַרבעט אין דער שפּײַז־אינ־דוסטריע פון אונדזער רעפּובליק?

— און דו, פאַרוואָס שווײַגסטו? — האָט עמע־צער אַ פרעג געטאָן באָריס לוואָוויטש אָלי־קערן, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט, בייס אַנדערע האָבן גערעדט, בלויז צוגעשמייכלט.

מ'האָט געוווּסט, אַז באָריס אָליקער האָט דאַפקע וואָס צו דערציילן. פון דער פריִער קינדהײַט אַ שיק־ייִנגל אין אַ מאַנופאַקטור־קלייט, האָט ער בייסן בירגערקריג זיך אָנגע־שלאָסן אין דער מינסקער אונטערערד. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער פאַרענדיקט אַן אַרבפאַק, דערנאָך אַ מעדיצינישן אינסטיטוט, געאַרבעט אַלס כירורג און איז אין די דרײַסי־קער יאָרן אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן פּאָסטן פון שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָלקסקאָמיסאַר פאַר געזונט־פאַרהיטונג פון דער ווײַסרוסלענ־דישער רעפּובליק.

— פאַרוואָס שווײַגסטו, זאָג עפּעס וועגן זיך! — האָבן מיר געפּאָדערט באַ אָליקערן.

באַריס לוואָוויטש האָט דערציילט אין אַ שפּאַס:

— פון מײַן ביאָגראַפיע האָב איך פאַר־געדענקט, וויאַזוי מע האָט מיר געשענקט טפילין ניט צו באַרמיצווע, נאָך אַף אַ יאָר פריִער. ניין, ניט איבער עפּעס אַ להאָטע — מע האָט גענומען אין אכט, אַז איך בין אַ יאָסעם. און נאָך געדענק איך, אַז אין שול האָט מען מיך פאַר־בעטן אַפן באַלעמער מיט די ווערטער: „יאַמויד האַכאָסן דויוו בען רעב יעהו־דע־לייב"...

און ווי עס פירט זיך, האָט זיך אָנגע־הויבן די סעודרע: „און דו געדענקסט?..", „האָסט ניט פאַרגעסן?".

— געדענקסט, ווי די מאָזירער דעלע־גאַציע אַפן ערשטן צוזאַמענפאָר פונעם קאָמיוג איז אָנשטאָט מינסק פאַרפאָרן קיין... קאָראָסטען און דערנאָך זיך גע־מוזט דערקלײַבן אין וואַגאָנען, מיט וועלכע מע האָט אָפּגעשיקט טאַטשאַנקעס אַפן פראָנט?

— געדענקסט, ווי מיר פלעגן טראָגן אַף די פּלייצעס בלעכענע בידאָנעס מיט קעראָסין, ווײַל אין די דערפער איז ניט געווען מיט וואָס צו באַלײַכטן די קלובן?

— געדענקסט, ווי אינעם רעסטאָראַן „אייראָפּע" האָבן אָפיציאַנטן מיט באַ־קענבאַרדן און אין פראַקן אונדז דער־לאַנגט יויך פון וואָבלע, און מיר האָבן געטרוימט, אַז נאָכן בירגערקריג וועלן מיר עסן אַלע טאָג קאָטלעטן?

מיר האָבן דערמאָנט די כאַווײרים, וועלכע האָבן ניט דערלעבט צו זײַן מיט אונדז אינאיינעם. די זעכצן־זיבעצניאָריקע גאַטאָווסקי, גאָרשמאַן, גאָרעליק, דוואָ־רעצקי, לישאַנסקי, ראַטנער, שאַפּיראָ זײַנען אומגעקומען אין 1919 באַם פאַר־טיידיקן מינסק פון די פּוילישע לעגיאָ־נערן. דרײַצן יונגע פּאַרטיזאַנער פון סלוצק האָבן די ווײַספּאָליאַקן דערשאָסן אין 1920 אין אָקופּירטן מינסק. דער עלטסטער פון די יאַטן, פּיאָטער סטע־פאַנאָוו, שטייענדיק באַ דער אָפענער גרוב, האָט אויסגערופן: „זאָל לעבן די וועלט־רעוואָליוציע!", און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט: „זאָל לעבן דער קאָמו־ניזם!".

מיר האָבן דערמאָנט פיניע זאָלאָטינען. ווען די ווײַספּאָליאַקן האָבן אים גע־פירט שיסן, האָט ער, געזעגענענדיק זיך מיט זײַן פרוי, איר געזאָגט: „וויין ניט, טײַערע, דערצייל אונדזער טעכ־טערל"... מיר האָבן דערמאָנט גראַסים פייגינען, וואָס איז אומגעקומען אַפן אײַז פונעם פינער אײַנגוס בייסן שטורעם פון קראָנשטאַדט...

און נאָך האָבן מיר גערעדט וועגן יענע, וועלכע זײַנען ביז איצט טעטיק



מינסק. 1974

אין פאַרשיידענע געביטן פון אונדזער טאָגטעגלעכן לעבן — וועגן געוויינלעכע מענטשן מיט ניט קיין געוויינלעכן גורל.

מיטן פאָלקס־קינסטלער פון פסר, דעם סקולפּטאָר זאַיר אזגור האָב איך זיך באַגעגנט בא אים אין אַטעליע.

— אפן גאַנצן לעבן האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַזאַ צופאַל, — דערציילט זאַיר איסאַקאָוויטש. — איינמאָל האָב איך, א קינד פון אָרעמען פויער, און יוגאַן, דעם וואַלד־אופזעערס אייניקל, זיך פאַרקליבן טיף אינעם וואַלד, וואָס האָט געהערט דעם באַלעגוף פיליפּ טשאַסטני. אַזוי ווי מיר גייען, זעען מיר אַלטע דעמבבענע פּניאָקעס — ניט קיין פּניאָקעס, נאָר מענטשלעכע פּנעמער. יעדער פּניאָק האָט זיך זײַן טנוע.

די פּניאָקעס, ווערט מאָלע־רעציכע, טראַכט אויס א בילבל אף יוגאַנען, מע מישפּעט אים, און ער ווערט פאַרשיקט קיין סיביר.

אזגור האָט זיך אף א ווײַלע פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— אָט דער עפּיזאָד, מיין איך, האָט געהאַט א געוויסע ווירקונג אף מײַן שפּעטערישן גורל...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער קומענדיקער סקולפּטאָר געאַרבעט אלס געהילף באם טעפּער פיליפּ פּאָטאַפּענקאָ. באַנאַכט האָט ער געהאָלפן מאַכן טעפּ און באַטאָג געקלעפּט קאָלערליי שפּילעכלעך — פײַפעלעך, הענדעלעך, ענטעלעך, ציגעלעך.

צום טעפּער אין וואַרשטאַט פלעגט אַרײַנגיין דער יונגער מאָלער ריאַבושקין, יעהודע פּענס שילער. עס זײַנען אים געפעלן געווען זאַיר'ס

דער סקולפּטאָר ז. אזגור אין זײַן אַטעליע

און די אויגן בא אַלעמען זײַנען בייזע, ווי בא כײַעס. בלויז בא איינעם פון די הילצערנע געשטאַלטן שײַנען די אויגן מיט מענטשלעכער מילדקײַט. „וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?" — פרעג איך בא מײַן כאַווער. זאָגט ער מיר, אַז דאָס איז זײַן זיידעס אַרבעט — יוגאַן איז געווען אַן עמעסער פאָלקס־סקולפּטאָר, און אין די בייזע מענטשן, וואָס ער האָט אויסגעשניטן פון די פּניאָקעס, האָט ער פאַרקערפּערט דעם פּאָרעצס קרויווים און געסט. אין אָט יענעם מיט דער לאַנגער באָרד און מילדע אויגן איז ניט שווער צו דערקענען דעם פּאָרטרעט פון זײַן פּאָטער... איינמאָל קומט צו פאָרן דער פּאָרעץ, דערזעט

פײַפעלעך און ביכלאַל אַלץ, וואָס דער באָכער האָט געקלעפּט. אַדאַנק ריאַבושקינען איז זאַיר אָנגעקומען זיך לערנען צו פּענען. אין מעשעך פון א האַלבן יאָר האָט דער מײַסטער מיט אים אַזוי ענערגיש געקנעלט, אַז מע האָט אים אָן עקזאַמענעס אָנגענומען אין דעם וויטעבסקער קונסט־טעכניקום. אָבער אַזוי־ווי דאָס ייִנגל איז דעמלט אַלט געווען אינגאַנצן 12 יאָר און האָט ניט געהאַט קיין אַלגעמיינע בילדונג, האָט מען אים פאַררעכנט פאַר א סטודענט באַדינגלעך מיטן טנײַ, אַז אין פּראָצעס פון דער לער וועט ער אָפּגעבן די עקזאַמענעס און באַקומען מיטעלע בילדונג, שוין זײַענדיק א סטודענט.

צורעשט האָט זאַיִר זיך געלערנט בא יעהודע פענען, דערנאָך — בא שלוימע יודאָווינען. דעם קונסט־טעכניקום האָט ער פאַרענדיקט אין 1926 און איז אָנגעקומען אין דער לענינגראַדער קונסט־אקאַדעמיע. אפן גאַנצן לעבן האָבן אים זיך פאַרגעדענקט די רײַזעס איבער אוקראַיִנע, גרוזיע און אַזערבײַדזשאַן, וועלכע ער האָט פאָרגענומען אין 1930, נאָכן פאַרענדיקן די אקאַדעמיע. א באַרײַכערטער מיט לעבנס־מאַטעריאַל, קערט ער זיך אום קיין מינסק און גיט זיך אָפּ דער באַליבטער קונסט.

זאַיִר אַזגור באַצירט מיט זײַנע סקולפּטורן דאָס רעגירונג־הויז פון דער הויפּטשטאָט פון ווײַסרוסלאַנד, שאַפט א ריי אויסגעצייכנטע פּאָרטרעטן.

דעם 27 יון 1941, אונטערן געקנאַל פון פאַשיסטישע באָמבעס, ווען מינסק ליגט שוין אין כורוועס, גייט אַזגור אַוועק פון דער ברענענדיקער שטאָט. איצט גיט ער זיך אײַנגאַנצן אָפּ דעם קאַמף קעגן סוינע, קלעפּט פּאָרטרעטן פון די העלדן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. אַף דער אויסשטעלונג אינעם הויז פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע עפנט זיך אין מאָסקווע אינעם שווערן 1942, עקספּאָנירט ער 8 אַרבעטן, און מע מישפּעט אים צו א דיפּלאָם פון דער ערשטער שטופע.

נאָכן קריג קערט ער זיך אום קיין מינסק. מיט נײַע קויכעס נעמט ער זיך פאַר דער אַרבעט. איינע פון זײַנע וויכטיקסטע שאַפונגען איז דער סקולפּטור־פּאָרטרעט פונעם פאָלקס־פּאָעט יאַקוב קאָלאַס. דעם דיכטער קלעפּט ער אפן פאָן פון א סימבאָלישער קאָמפּאָזיציע: קאָלאַס זיצט אַף א פעלדז און קוקט זיך אײַן אין דער ווײַט, ווי ער וואָלט געזען די פּרעכטיקע צוקונפט פון זײַן היימלאַנד. אליין דאָס אָרט, ווו עס ווערט אַוועקגעשטעלט דער דאָזיקער סקולפּטור־פּאָרטרעט, איז סימבאָליש: דאָ, אַף דער געוועזענער קאָמאַראָווקע, אַף די טרויעריק־באַרימטע מינסקער בלאָטעס, האָבן זיך אופגעהויבן פּרעכטיקע געבײַדעס פון צענטראַלע אַנשטאַלטן און אַמטשאַפטן, און אליין דער פּלאַץ, וועלכער טראָגט איצט דעם נאָמען פונעם פאָלקס־דיכטער, איז א מאָנומענט לעקאָוועד די גרויסע ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אינעם לעבן פונעם ווײַסרוסישן, אופגעריכטן דורך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, פאָלק. און ווי שטאָלץ דאַרף זײַן דער קינסטלער, וואָס יעדער איינער, וועלכער גייט פאַרבײַ אָט דעם דענקמאָל אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, פאַרנייגט דעם קאָפּ פאַר זײַן ווערק.

וויפל סקולפּטור־פּאָרטרעטן האָט ער געשאַפן? ניט ווייניקער פון 700! ווען מע וואָלט זיי איצט צונויפגענומען אין איין אָרט, וואָלט זיך באַקומען א גאַנצע גאַלעריי פון אַרבעטער, פּויערים, מעלוכע־טוער, שרײַבער, געלערנטע. זאַיִר אַזגור האָט, צווישן אַנדערע, אויסגעקלעפּט א ריי ביוסטן פון ייִדישע ליטעראַטן — זײַנע פרײַנט: איזי כאַריק, מוישע טייף, הירש בעריאָזקין, אַרן ווערגעליס. עס זײַנען באַוווּסט אַזגורס פּאָרטרעטן פון יעהודע האַלייוּוי, איבן עזרא, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, סערוואַנטעס, פּושקין. אָפט ווענדט זיך דער סקולפּטאָר צו געשטאַלטן העלדישע, צו מענטשן, וועמענס לעבן איז א לעגענדע. אַזאַ, לעמאָשל, איז דער פּאָרטרעט פון דער רעוואָליוציאָנערקע און פּאַרטיזאַנערן ווערא כאָרוזשאַ.

דאָס היימלאַנד שאַצט הויך אַזגורס שווערע און איידעלע מי. דאָס אמאָליקע לערן־ייִנגל באַם אָרעמען טעפּער פיליפּ פּאָטאַפּענקאָ איז הײַנט א פאָלקס־קינסטלער פון סאָוועטנפאַרבאַנד און פון ווײַסרוסלאַנד, א מיטגליד פון דער קונסט־אקאַדעמיע פון פססר, א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון ווײַסרוסלאַנד; ער איז דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם שאָלעם־קאָמיטעט און דער פאָרזיצער פונעם שאָלעם־פאָנד פון דער רעפּובליק, א קאַוואַלער פון 5 אָרדענס.

זאַיִר אַזגור איז א גרויסער פרײַנט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, אין וועלכן ער איז ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן אַלס ליטעראַטאָר און אויך מיט רעפּראָדוקציעס פון זײַנע סקולפּטור־אַרבעטן. ווען מיר שמועסן, דערמאָנט ער עטלעכע מאָל, וואָס פאַר א בעקאָוועדיק אָרט אין די ווײַסרוסישע פאַרלאַגן עס פאַרנעמען ווערק פון ייִדישע שרײַבער. פאַר די לעצטע יאָרן זײַנען דערשינען זאַמלונגען פון לידער און פּאָעמעס פון איזי כאַריק און מוישע קולבאַק, ווי אויך קולבאַקס ראָמאַן „זעלמעניאַנער“. דער ווײַסרוסישער לייענער האָט באַקומען אײַזיק פּלאַטנערס ביכער „אין אייגענעם לאַנד“, „דאָס פריילעכע נאָדעלע“, „דער מאַגאַזין פון ליאַלקעס“ און אַנד., לידער־זאַמלונגען פון אַרן יודעלסאָן און העניעך שוועדיק. ס'איז צוגעגרייט צום דרוק א בוך הומאָריסטישע דערציילונגען פון עליע קאַהאַן.

שפּעריש אַקטיוו איז דער מינסקער ייִדישער שרײַבער הירש רעלעס. זײַנע ביכער „אַף ענגע פּאַרטעס“ און „נאָטיצן פון מײַן קאָלעגע“ זײַנען דערשינען אינעם רעפּובליקאַנישן ביכער־פאַרלאַג. א פּעדאַגאָג מיט א דרײַסיקיאָריקער דערפאַרונג, האָט ער אין זײַנע נאָטיצן דערציילט וועגן די פּראָבלעמען, וועלכע רעגן סײַ די לערער און סײַ די שילער. פאַראַיאָרן האָט רעלעס אַרויסגעלאָזט נאָך צוויי ביכער — „פרײַנט און באַקאַנטע“ און „בא זיך אין דער היים“. אין פאַרלאַג ליגט זײַן נײַער בוך „איבער שווערע שוועלן“.

רעלעסן זיצט זיך קיינמאָל ניט אין דער היים. ער פאָרט אַרום איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד, און זײַנע אײַנדרוקן גיבן אים מאַטעריאַל פאַר דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, לידער. אַף רוסיש זײַנען דערשינען רעלעסעס רײַזע־בילדער „דער אָפּהילך פון צײַטן“ און „אַף דער ווײַסרוסלענדישער ערד“, און אָט ליגט שוין אַף זײַן שרײַבטיש א נײַער בוך פאַרצייכענונגען.

דאָ ניט לאַנג צוריק קלינג איך אים אָן:

— וואָס הערט זיך?

— איך פאָר אוועק, — ענטפערט ער.

לאָזט זיך אויס, אַז צוזאַמען מיט די ווײַסרוסישע שרײַבער מיכאַיִל סטרעלצאָוו און זאַכאַר בערילאָ קלײַבט ער זיך באַגעגענען מיט די אַרבעטנדיקע פֿונעם אָסיפּאָוויטשער ראַיאָן. דאָס מאָל איז די רײַזע געווען געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג זינט דער באַפֿרײַונג פֿון ווײַסרוסלאַנד פֿון די היטלערישע אָקופּאַנטן. און ווען ער קערט זיך אום, דערציילט ער, ווי אינטערעסאַנט עס זײַנען דורכגעגאַנגען די באַגעגענישן מיט די אַרבעטער אַף די אונטערנעמונגען, מיט די קאָלווירטניקעס אין די דערפֿער, מיט די קינדער אין די פּיאָנער־לאַגערן. אָבער לאַנג פֿאַרהאַלט ער זיך ניט אין מינסק. אָט פֿאָרט ער שוין קיין באָריסאָוו — אַף די אָרטיקע אונטערנעמונגען לייענט ער פֿאַרן אַרבעטער־אוילעם זײַנע לידער צוזאַמען מיטן ווײַסרוסישן דיכטער קאַזימיר קאַמיישאַ...

מינסק פֿאַרגעסט ניט די יִידישע שרײַבער פֿון די צוואַנציקער, דרײַסיקער, פֿערציקער יאָרן, די שרײַבער, וועלכע זײַנען געפֿאַלן אַף די פֿראָנטן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. צווישן אַנדערע, וועמענס נעמען זײַנען אויסגעקריצט אַפֿן מעמאָריִאַל־טאָוול „זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט פֿונעם פֿראָנט", אין שרײַבער־הויז, זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס פֿאַרשריבן הענעך שוועדיק, רוווע רייזין, עליע קאַהאַן, לייב טאַלאַלײַ, שימען לעלטשוק.

אָט ליגט פֿאַר אונדז דער בוך „ביִאָגראַפֿיעס פֿון שרײַבער פֿון ווײַסרוסלאַנד", וועלכער איז ניט לאַנג צוריק אַרויס פֿון דרוק. צווישן אַנדערע געפֿינען מיר דאָ גענויע יעדיִעס וועגן 16 אָנגעזעענע יִידישע שרײַבער. אין דער פּאָפּולאַריזאַציע פֿון די ווערק פֿון די יִידישע שרײַבער פֿון ווײַסרוסלאַנד האָט פֿיל אויפֿגעטאָן דער אָנגעזעענער קריטיקער הירש בעריאָזקין. זײַנע אַרײַנפֿיר־אַרטיקלען צו די ווערק פֿון איזי כאַריק, מוישע קולבאַק, אײַזיק פּלאַטנער, הענעך שוועדיק, וועלכע זײַנען דערשינען אין מינסק, לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס.

מינסק האָט ניט ווייניק פֿאַרערער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". צווישן די געטרײַע לייענער, וואָס באַקומען דעם זשורנאַל פֿונעם ערשטן נומער אָן, זײַנען מיר באַקאַנט דער שלאָסער־אינסטרומענטאַלשטשיק נ. האָזענפֿוד, דער קינסטלער ל. ראַן, די זשורנאַליסטן וו. אָסינאָווסקי און ב. בליאַכער, דער לערער כ. קאָגאַן און פֿיל אַנדערע.

וועגן דעם קינסטלער לייזער ראַן וויל איך דאָ אינקורצן דערציילן. איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים אינעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד, אַף דער אויסשטעלונג פֿון זײַנע וויכטיקסטע ווערק. דאָס איז געווען די איין־און־דרײַסיקסטע אויסשטעלונג פֿונעם באַוווּסטן קינסטלער. ווערק פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקער טעמאַטיק זײַנען דאָ געווען עקספּאָנירט, ווערק, געווידמעט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, לענינען, אונדזער הײַנטצײַטיקײַט. באַזונדערס האָבן אויסגענומען באַם אוילעם „די מישפּאָכע אוליאַנאָוו", „יעדיִעס פֿון פּעטראָגראַד", „מינסק בויט זיך", „שטאָלגיסער", די גאַלעריי פּאָרטרעטן פֿון כאָשעווע מענטשן.

א גאַנצע סעריע אָפּאָרטן שפּיגלט אָפּ די גרוילן פֿון מינסקער געטאָ: „דער דיכטער", „דאָס יִינגל הינטער שטעכדראָט", „מע וואַרט", „די מוטער מיטן אייפּעלע", „די מאַדאָנע פֿון געטאָ". אָט איז דער אָפּאָרט „פֿייגעלעך": אַפֿן פֿאָדערשטן פּלאַן — קראָען אינעם שטויב אַפֿן פּלאַץ, ווײַטער — אַ קינד לעבן זײַן דערשאָסענער מוטער. דאָס אייפּעלע שפּאַרט זיך אָן מיט די הענטעלעך אין דער מוטערס גוף, קוקט מיט נײַגער אַף די פֿייגל, ניט וויסנדיק, אַז די מאַמע איז טויט...

איך קוק ניט אַפֿן קינסטלער. איך האָב מוירע זיך טרעפֿן מיט זײַנע אויגן: ראַנס פֿרוי און זײַנע דרײַ קינדער זײַנען אויך אומגעקומען אין געטאָ...

ראַן אַרבעט איצט איבער אַ סעריע פּאָרטרעטן פֿון יִידישע שרײַבער: כאַריק, קולבאַק, פּעפֿער, קוויטקאָ, בערגעלסאָן, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, מענדעלע מויכער־ספֿאָרים. ער וויל פֿאַרווירקלעכן זײַן פֿאַרטראַכט אַף אַן אָריגינעלן אויפֿן: אין נוסעך פֿון גראַפֿישער קאָמפּאָזיציע — שוואַרץ מיט גאָלדענער פֿאַרב און באַרעמלט מיט יִידישן פֿאָלקס־אָרנאַמענט.

איך וויים וועגן דינאַסטיעס שוסטערס, מוליערס, בעקערס. נאָר וועגן אַ דינאַסטיע צימבאַליסטן בא יִידן האָב איך ביז איצט ניט געהערט. איז אָט נאַט אײַך: דער טאַטע, צוויי זײַנע זין און אַן אייניקל — אַלע צימבאַליסטן! און איך דערמאָן זיך, ווי אַדאַם מיצקעוויטש האָט אין זײַן פּאָעמע „פּאַן טאַדעוש" אַרויסגעפֿירט איינעם פֿון זײַנע העלדן — יאַנקל צימבאַליסט:

..און שטאָלץ דעם צימבל נאָגט ער,
די הענט אַ הייב אַראָפּ — מיט ביידע
שטעקלעך שלאָגט ער,
מע שטוינט. עס פֿלייצן אַלע סטרונעס —
קלאַנגען העלע,
ווי ס'וואָלט צעהילכט זיך אַן אַנטשאַרישע
קאַפּעלע
פֿון פּײַפֿלעך, פּײַקעלעך...

שמעלקין דער עלטערער — כאָנע יאָסלס — איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל ווילקאָמיר, קאָוונער גובערניע. זײַן טאַטע, אַ פֿידלער, האָט געשפּילט אַף כאַסענעס, און צוויי מאָל אין וואָך — אין קינאָ. אין אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע איז די מישפּאָכע אַריבערגעפֿאָרן קיין מאָהיליאָוו. כאָנע האָט נאָך אין דער קינדהײַט ליב באַקומען די צימבאַלעס און אָנגעהויבן שפּילן אַף אָט דעם אינסטרומענט אין נײַניאָריקן עלטער. זײַן לערער איז געווען אַ צימבאַליסט, וועלכן מע האָט אין שטעטל גערופֿן „שלוימע די אַלמאָנע". פֿאַרוואָס „די אַלמאָנע" — זאָל מען אַזוי וויסן פֿון בייז. שלוימע דעם צימבאַליסט פֿלעגן די פּריצים פֿאַרבעטן

ניקאָלײַ שמעלקין

אַף כאַסענעס און אַף אופּנאַמעס — אַפילע זייערע קאַרעטעס נאָך אים געשיקט. כאָנען האָט ער גענומען מיט זיך פאַר א באַהעלפער, און דער יאַט פלעגט זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן, ווײַל מע האָט געקאָנט שוין פאַרדינען עפּעס מיט דער אייגענער מי.

אין מינסק האָט שמעלקין דער עלטערער זיך באַזעצט אין 1927, נאָך דער דינסט אין דער רויטער אַרמיי. זיך אָנגעהויבן לערנען אין מוזיקאַלישן טעכניקום, נאָר אים ניט פאַרענדיקט — מע האָט געדאַרפט האָדעווען די מישפּאָכע — און אין מעשעך פון פיל יאָרן געשפּילט צוזאַמען מיט די באַרימטע מוזיקאַנטן נאָוויצקי און זשינאָוויטש. אויך אין די מילכאָמע־יאָרן האָבן געקלונגען שמעלקינס צימבאַלן. אין באַשטאַנד פון אַרטיסטן־בריגאַדעס פון ווײַסרוסלאַנד פלעגט ער אַרויסטרעטן אַפן פראָנט, שפּילן אין די מיליטער־טיילן און פאַר די פּאַרטיזאַנער אינעם הינטערלאַנד.

איינער פון די פּראָפעסאָרן פון דער ווײַסרוסלענדישער קאָנסערוואַטאָריע, יעווגעני גלאַדקאָוו, האָט געזאָגט וועגן שמעלקינען, אַז „ער פאַרמאָגט אַן עמעסן טאַלאַנט פון אַן אימפּראָוויזאַטאָר... אין זײַן שפּילן פילט זיך א פּראָפעסיאָנעלע לאָגיק פון אַנטוויקלען די געשטאַלטן, א קלאָרער פאַרשטאַנד פון די טעמבערמעגלעכקײַטן פונעם אינסטרומענט". „אַזעלכע מײַסטערס, — האָט געשריבן דאָ ניט לאַנג וועגן כאָנע שמעלקינען די רעפּובליקאַנישע צײַטונג „ליטעראַטורא אי מאַסטאַצטוואַ", — לאָזן איבער א שטאַרקן אײַנדרוק אין דער נעשאָמע פון די צוהערער, א שפּור אין דער געשיכטע פון דער מוזיקאַלער קולטור פונעם פאָלק".

אָט אַזאַ איז דער וועג פונעם קאָמוניסט, דעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון ווײַסרוסלאַנד, דעם פּערסאָנעלן פּענסיאָנער כאָנע שמעלקינען, וועמענס צימבאַלן מע האָט געהערט אין מעשעך פון העכער 60 יאָר.

כ'האָב זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, אָפּגעזעגענען זיך מיטן מוזיקאַנט — האָט ער מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן, ביז איך וועל זיך ניט באַקאַנען מיט זײַן וווינונג. יאָ, א דירע — אַף אַלע מײַנע פרײַנט געזאָגט געוואָרן, מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. די ווענט זײַנען באַצירט מיט פּאָרטרעטן און אַפישן, אַף וועלכע ס'זײַנען אָנגערופן די נעמען פון כאָנע שמעלקינס זין. איך באַטראַכט די אַפישן, און כאָנע זינגט דערווײַל:

א געזינד זאַלבעאַכט,
און בעטן נאָר צוויי,
עס קומט אָן די נאַכט —
ווו שלאָפן דאַן זיי?..

דערנאָך דערוויס איך זיך, אַז שמעלקינס עלטערער זון — ניקאָלײַ — האָט אויך פאַרבונדן זײַן לעבן מיט מוזיק. און איך מוז גלײַך אָפּמערקן — אויסשליסנדיק יענע שרעקלעכע יאָרן, ווען ער איז געווען אין געטאָ. ניקאָלײַען האָט דעמלט געראַטעוועט, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, די מעדיצינישע שוועסטער נינע מוראַשקאָ. ניקאָלײַס עלטערן האָבן זיך געפונען ניט אין מינסק און ניט באַוויזן אַרויספירן די קינדער. דרײַ ייִנגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך האָט ניקאָלײַ טאַקע איבערגעלאָזט אין געטאָ...

קעדיי זיך פאַרפולקומען אין מוזיק, האָט ניקאָלײַ אין די קומענדיקע יאָרן שוין ניט באַדאַרפט זיך ווענדן נאָך הילף צו „שלוימע דער אַלמאָנע". ער האָט זיך געלערנט באַ די בעסטע פּעדאַגאָגן און פּראָפעסאָרן פון דער רעפּובליקאַנישער מוזיקאַלער שול, דערנאָך אין מוזיקאַלן טעכניקום און אין דער קאָנסערוואַטאָריע. אַן אויסגעצייכנטער אַרטיסט, אַרבעט ער שוין פון לאַנג אַף דער פּראָפעסיאָנעלער בינע. לעכאַטכילע פלעגט ער אַרויסטרעטן אין באַשטאַנד פון עסטראַדע־קאָלעקטיוון פון דער פילהאַרמאָניע, און איצט זײַנען זײַנע צימבאַלעס א סאָלאָ־אינסטרומענט. ניקאָלײַ שמעלקין איז אויסגעווען אין אַלע רעפּובליקן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ער האָט גאַסטראָלירט איבער פּוילן, אונגאַרן, שווייצאַריע, דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אַרויסגעטראָטן אַף דער אַלוועלטלעכער אויסשטעלונג אין בריסעל — און אומעטום מיט גרויס דערפאָלג.

צימבאַלן האָט מען אַמאָל געהאַלטן פאַר א „מוזשיצקע" אינסטרומענט, אַף וועלכן מע קאָן שפּילן א „ליאַוואָניכע" און אַנדערע פאָלקס־מעלאָדיעס. איצט ווערן אַף צימבאַלן אויסגעפּילט ווערק פון דער מוזיקאַלער וועלט־קלאַסיק. ניקאָלײַ שמעלקין טרעט אַרויס מיט קאָנצערט־לעקציעס אַף די אונטערנעמונגען און אין די קאָלווירטן. א לאַורעאַט פון אַלפאַרבאַנדישע און צווישנפעלקערלעכע קאָנקורסן, איז ער פאַרליבט אין זײַן אינסטרומענט.

פאַראַן באַ כאָנע שמעלקינען נאָך א זון — דער ייִנגערער, מאַרק. דער טאַטע האָט אויך

פון אים געגנוג נאַכעס. נאָך גאָר פרי, בײַס מאַרק האָט זיך געלערנט אין דער מוזיקאַלער שול, האָבן זיך אַנטפּלעקט זײַנע היפּשע מוזיקאַלישע פֿײִקייטן. אויפן רעפּובליקאַנישן קאָנקורס פון צימבאַליסטן האָט ער באַקומען דעם טיטל „לאַר־רעאַט פון ווײַסרוסלאַנד”. צו 17 יאָר האָט ער אין קיִעוו, אויפן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַר־טיסטן, פאַרדינט דעם טיטל „אַרטיסט פון דער ערשטער קאַטעגאָריע”. איצט אַרבעט ער אין דער ווײַסרוסלענדישער פילהאַרמאָניע און איז שוין געווען אויף גאַסטראָלן אין מאָלדאַוויע, סאַ־כאַלין, אוקראַיִנע, אויך אין דער דײַטשי־שער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און אין אונ־גאַרן.

בלײַבט נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן כאַ־נע שמעלקינס אייניקל וולאַדימיר, ניקאָלײַס זון. ניין, די מישפּאָכע האָט ער ניט פאַרשעמט. געיאַרשנט פונעם זיידן און פון דעם טאַטן די ליבע צו מוזיק. וולאַדימיר האָט פאַרענדיקט די 11־יאָריקע מוזיקאַלע שול לויטן קלאַס פון צימ־באַלן, און ער לערנט זיך איצט אויפן ערשטן קורס פון דער קאָנסערוואַטאָריע לויטן קלאַס... ווי מיינט איר? אַוודאי, לויטן קלאַס פון צימ־באַלן!

אַז מע זאָגט — אַ דינאַסטיע...

וויבאַלד עס גייט אַ רייד וועגן מוזיק, וויל איך דערציילן וועגן אַ כאַסענע.

די כאַסענע איז פאָרגעקומען אין אַ מאָדער־נעם רעסטאָראַן. געפּראַוועט האָט מען זי מיט אַ ברייטער האַנט, לעבעדיק און פריילעך, בײַ רײַך באַדעקטע טישן. באַזונדערס האָבן אויס־געגומען די געשמאַקע טייגלעך, געפילטע פיש און ווײַנען לויט אייגענע רעצעפּטן.

כאַסן־קאַלע זײַנען געווען טאַמאַרע און אַר־קאַדי — איר מעגט מיר גלייבן אויפן וואָרט, מאָ־לעטאַמעדיקע יונגע מענטשן. ביידע האָבן זיי פאַרענדיקט אויף „אויסגעצייכנט” היוכשולן: אַר־קאַדי — דעם ענערגאָ־פאַקולטעט פונעם מינ־סקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט (ער אַרבעט אַלס אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר אויף אַ זאַוואָד), טאַמאַרע — דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט (איצט איז זי אַן אינזשעניער אין „בעלפּראָמ־בוד”). זיי בויען פאַר זיך אַ קאָאָפּעראַטיווע דירע, וווהין זיי וועלן אינגיכן זיך אַרײַנקלײַבן, און האָבן אָפּגעלייגט געלט אויף אַ טײַערן מעבל־גאַרניטור. ביידע זײַנען זיי קאָמיוגיסטן און נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

געסט האָט געקלעקט, דעפּעשן זײַנען אָנגע־קומען פון אַלע עקן לאַנד. דאָס יונגע פּאָרל איז געווען גליקלעך. נאָך גליקלעכער האָבן זיך געפילט די עלטערן: אַרקאַדיס טאַטע יורי פײַנ־שטיין, אַ הויפּט־אינזשעניער־ענערגעטיק, די מאַמע בראָניע, אַ האַמליער לערערן מיט אַ 32־יאָריקן סטאַזש, טאַמאַרעס טאַטע נאַום צײַ־טלין, אַן עלטערער בוי־אינזשעניער, די מאַמע, אויך אַ בוי־אינזשעניער. און אַוודאי איבער־גליקלעך איז געווען די 72־יאָריקע סאָרע, אַר־קאַדיס באָבע, אַ געוועזענע לערערן. ווען מע האָט איר געגעבן דאָס וואָרט, האָט זי געזאָגט:

— איך ווינטש דיר, אַליק, זאָלסט זײַן אַ גוטער מאַן און טאַטע. האָב ליב דײַן אַרבעט און האָב דערעכערעץ צו דײַנע כאַווײרים. און אײַך, ליבע געסט, פאַרבעט איך אויף טאַמאַרעס און אַליקס זילבערנער און גאָלדענער כאַסענעס!

דעם אויבנאָן אויף דער כאַסענע האָט פאַרנו־מען דער מוזיקאַלישער אַנסאַמבל בעראָש מיט יורי לאַמבראָזאַ. דער אָדעסיט יורי איז געווען דער איניציִאַטאָר פון אַלע טאָסטן און לעכאַיִמס. דער אַנסאַמבל האָט געשפּילט ייִדישע, רוסישע, ווײַסרוסישע, אוקראַיִנישע מעלאָדיעס. ייִדן און ניט־ייִדן האָבן אונטערגעזונגען, ווען די מוזי־קאַנטן האָבן אויסגעפילט „לאָמיר אַלע אינײַ־נעם, אינײַנעם”, „יאָשקע פאָרט אַוועק”. אויך די טענץ האָבן זיך איבערגעפלאָכטן — אַ שער מיט אַ „ליאַוואָניכאַ”, אַ האָפּאַק מיט אַ „באַרי־ניאַ”.

אויף רוסיש וואָלט מען געדאַרפט ענדיקן אַזוי: „אי יאַ טאַם ביל, מיאָד־פּיוואָ פּיל...” („און איך בין דאָרט געווען, געטרונקען מאַשקע”). זאָג איך אויף ייִדיש:

— מיט מאַזל־בראָכע זאָלט איר לעבן!

און נאָך אַ באַגעגעניש — מיטן פּראָפעסאָר הילער מאַרקאָוויטש ליוושיץ — אין זײַן דירע אויף דער לענין־גאַס. ביז דער רעוואָליוציע האָט די גאַס געהייסן „גובערנאַטאָרסקע”. דאָ איז געשטאַנען די איינציקע אין מינסק פינפשטאָקי־קע געבײַדע — דער האָטעל „יעוורָאָפּאַ”, וועל־כער האָט געהערט מוישע פּאָליאַקן. צוזאַמען מיט אַנדערע, האָבן אים געבויט מײַן טאַטע אײַ־טשע־הירש און דער עלטערער ברודער יאָשקע.

די גובערנאַטאָרסקע, כאָטש מע האָט זי גע־האַלטן פאַרן צענטער פון דער שטאָט, איז גע־ווען זייער אַ שמאָלע און ענגע. איצט זעט אויס די לענין־גאַס גאָר אַנדערש — אַ מעכײַע צו קוקן. אַ ברייטע, געראַמע, מיט רייען פיל־שטאָקיקע הײַזער, און אינמיטן ציט זיך אַ דורכויסיקער בולוואַר.

— יאָ, איך געדענק, וויִאַזוי מינסק האָט אויס־געזען אַמאָל, — זאָגט דער פּראָפעסאָר הילער מאַרקאָוויטש ליוושיץ, — און די גובערנאַטאָרס־קע געדענק איך, האַגאַם קיין מינסק האָב איך זיך אַריבערגעקליבן ערשט אין 1928, פון פּאַ־ראַגאַנאָוואָ, אַ קילאָמעטער 18 פון אָסיפּאָ־וויטשי...

אַ געוויינלעכע ביִאָגראַפיע פאַרמאָגט אָט דער מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אַ פּראָסטן שטעטלשן באָכער ביז אַן אָנגעזעענעם גע־לערנטן. דער פּראָפעסאָר ליוושיץ אונטעריכט אין רעפּובליקאַנישן אוניווערסיטעט געשיכטע פון אַלטערטום און מיטלאַלטער. די דאָקטאָר־דיסערטאַציע, וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט אין 1960, איז געווען געווידמעט דעם קלאַסן־קאַמף אין יעהודע, דעם אויפשטאַנד פון באַר־קאָכבאַ און די קומראַנישע קסאַוויאַדן.

— וואָס איז די הויפּט־אידיי פון אײַער דיסערטאציע? — פרעג איך בא אים.

— די הויפּט־אידיי איז געריכטעט קעגן די בורזשואזע היסטאָריקער, וועלכע איגנאָרירן דעם קלאסן־קאמף אין דער אלטערטימלעכער יעהודע און באמיִען זיך צו באווײַזן, אז דאָס ייִדישע פאָלק איז פון שטענדיק געווען קלוימערשט אן איינהײַטלעכע סאָציִאלע מאסע, וווּ קיין קלאסן־ווידערשפּרוכן זײַנען ניט בענימצע. אף קאָנקרעטע בײַשפּילן דערווײַז איך, אז דער באפרײַונגס־קאמף פון די ייִדן קעגן די רוימער האָט זיך איבערגעפלאָכטן מיטן קלאסן־קאמף אינעם פאָלק גופא.

אין מעשעך פון די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן האָט פּראָפעסאָר הילער ליווּשיץ פארעפנטלעכט בא 100 וויסנשאפטלעכע ארבעטן, דערונטער 12 ביכער און בראָשורן. צווישן זיי קאָן מען אָנרופן: „רעליגיע אמאָל און הײַנט“, „די אנטשטייונג פון קריסטנטום אין שײַן פון די קסאוור־יאַדן פון יאם־האמעלאך“, „היסטאָריִאָגראפיע פון דער ביבל און פון פריִיקן קריסטנטום“, „פרײַדענקערישקײַט און אטעיִזם אין אלטערטום און אין מיטלאלטער“. איצט ווערט געגרייט צום דרוק אינעם פארלאג „וויסשאיא שקאָלא“ זײַן מאָנאָגראפיע „פרײַדענקערישקײַט און מאטעריִאליסטישע פילאָסאָפיע אין מײַרעוו־אייראָפּע (ערשטע העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט)“.

עס כידעשט די אויסערגעוויינלעכע ארבעטספייִקײַט פון אָט דעם אומרויִקן מענטשן. אכוץ דעם, וואָס ער שרײַבט וויסנשאפטלעכע מאָנאָגראפיעס, ביכער, לייענט ער נאָך לעקציעס, קאָנסולטירט יונגע דיסערטאנטן, איז א מיטגליד פונעם רעדאקציִאָנעלן ראט פון דער ווײַסרוסישער ענציקלאָפּעדיע און נאָך, און נאָך!

באם פארענדיקן אונדזער געשפּרעך קומט צו רייד וועגן דער אנטיסאָוועטישער פּראָפּאגאנדע פון די ציִעניסטן, וועלכע טײַנען, אז בא אונדז אין לאנד גיט מען ניט קיין וועג די ייִדן אין דער וויסנשאפט.

— וואָס זאָל איך זאָגן אף דעם? — איז אופגעבראכט הילער מארקאָוויטש. — נעמט, אשטייגער, אונדזער אוניווערסיטעט. צוזאמען מיט געלערנטע פון אנדערע נאציִאָנאליטעטן ארבעטן דאָ דער דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאפטן מיכאִיל יעפימאָוויטש שקליאר און זײַן ברודער, דער דאָקטאָר פון געאָגראפישע וויסנשאפטן אבראם יעפימאָוויטש, די דאָקטאָרס פון וויסנשאפטן לעוו מיכײַלאָוויטש שניירסאָן, גריגאָרי אראָנאָוויטש לעווין, גריגאָרי מארקאָוויטש טרוכנאָוו און א סאך אנדערע געלערנטע. אָדער טוט א קוק אף מײַן מישפּאָכע. מײַן זון מארק איז א מיטארבעטער אינעם אינסטיטוט פון פיזיק, דער איידעם פּינכעס ראָזענטאל — אינעם אינסטיטוט פון טעכנישער קיבערנעטיק...

עס ווילט זיך מיר פארענדיקן די דאָזיקע נאָטיצן מיט די לעצטע מינסקער נײַס. דאָ ניט לאנג איז געשאפן געוואָרן אין אונדזער הויפּטשטאָט נאָך איין הויכשול — אן אינסטיטוט פון קולטור. דאָס איז שוין די דרײַצנטע הויכשול אין מינסק, וווּ ביז דער רעוואָליוציע איז ניט געווען אפילע קיין איינע.

און הערט נאָך. אין מינסק בויט זיך א מעטראָפּאָליטען! אין צוזאמענהאנג דערמיט דערמאָנט זיך מיר אן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאסירט מיט א האלבן יאָרהונדערט צוריק. אין אפּרעל 1924 איז פאָרגעקומען דער זעקסטער אויסעראָרדנטלעכער צוזאמענפאָר פון די סאָוועטן פון דער ווײַסרוסלענדישער רעפּובליק. איך בין אויך געווען צווישן די דעלעגאטן. אפן צוזאמענפאָר איז בײַגעווען מיכאִיל איוואנאָוויטש קאלינין. בײַס די דעבאטן האָט דער דעלעגאט פונעם מינסקער פאָוויט אטראשקעוויטש זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער:

— מיר בעטן אײַך זייער, מיכאִיל איוואנאָוויטש, העלפט אונדז פארוואנדלען אונדזער הויפּטשטאָט אין אזא שטאָט, ווי מאָסקווע — מיט פילשטאָקיקע הײַזער, מיט טראמווײַען און אווטאָבוסן...

מע האָט דעמלט געקאָנט זיך פארגינען טרוימען וועגן טראמווײַען און אווטאָבוסן. און איצט — א מעטראָפּאָליטען!

יאָ, אונדזער סאָוועטישע ווירקלעכקײַט איז שענער פון די שענסטע טרוימען...

יעשועליובאָמירסקי

# עכטע שעפערישקײַט

נאָך אין די קינדער־יאָרן האָט סאָניע ביניק ליב געהאַט זינגען. איר מוטער איטע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט קולטיווירן קווייטן, פלעגט איר פאַרטרויען זיי צו באַגיסן, און בײַם דער אַרבעט פלעגט סאָניע זינגען. אָפטמאָל האָבן זיך בײַ דער שטוב אָפּגעשטעלט מענטשן, וועלכע זײַנען געווען פאַרכאַפּט פונעם געזאַנג.

פאַרבײַ דעם הויז, ווו סאָניע האָט געזונגען, איז אַמאָל אויסגעקומען דורכגיין דעם אָנפירער פונעם בערדיטשעווער כאָר (די ביניקס האָבן געוווינט אין בערדיטשעוו). דערהערט דאָס געזאַנג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דערנאָך אײַנגעטײַנעט אַזוי לאַנג מיטן פאָטער, דעם רימער (זאָטלמאַכער) מאָניש, ביז ער האָט בײַ אים געפּועלט, אַז סאָניע זאָל אײַנגעשלאָסן ווערן אינעם שטאָט־כאָר, מיט וועלכן ער פירט אָן.

בײַ די אַרויסטרעטונגען פונעם כאָר פלעגט מען דאָס מיידעלע אוועקשטעלן אויף אַ טאַבור־רעט,— אַלע איבעריקע כאָריסטן זײַנען געווען דערוואַקסענע.

אין יאָר 1931 פאָרט די פאַמיליע ביניק אַריבער קיין מאָסקווע. דאָ ווערט סאָניע אַ שילערין פון אַ ייִדישער שול, וואָס בײַ אַ קינדער־היים. אין סאָף 1932 ענדיקט זי די דאָזיקע שול. זי איז שוין אַלט דרײַצן יאָר. די עלטערן טראַכטן וועגן טאָכלעס. זיי ווערן געוואָרע, אַז ס׳איז מעגלעך אײַנאָרדענען סאָניען אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „דער עמעס״— זיך לערנען דרוקן אויף אַ מאַשינקע. סאָניע איז צופרידן: זי וועט קריגן די מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך מיט ייִדישע שרײַבער. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און אָט שטייען בײַ איר טישל פּערעץ מאַרקיש, שמואל האַלקין, און זי דרוקט זייערע לידער, פּאָעמעס.

אינגיכן ווערט זי אַרײַנגעצויגן אין דער קאָכיקער אַטמאָספער פונעם מאָסקווער ייִדישן קלוב „קאָמוניסט״. זי טרעט אַרײַן אין זעלבסטטעטיקן דראַמקרײַז. די עלעמענטאַרע קענטענישן אין פראַט פון אַקטיאָרישער מײַסטער־שאַפט קריגט זי בײַ די אָנפירער פון אָט דעם קרײַז. טכילעס — בײַם פאַרדינסטפולן אַקטיאָר שטיימאַן, דערנאָך — בײַם יונגן אַרטיסט כאַים געלפאַנד. אייניצײַטיק האָט זי געזונגען אין כאָר.

אינגיכן האָט מען אַלס רעזשיסער פונעם דראַמאַטישן קרײַז אײַנגעלאַדן אווראַם אײַזנבערגן, וועלכער איז ביז דעמלט געווען אַן אַקטיאָר אינעם ווײַסרוסלענדישן מעלוכישן ייִדישן טעאַטער. אײַזנבערג האָט פאַרפּלאַנצט אין די הערצער פון זײַנע טאַלמידים ליבע און איבערגעגעבנקײַט צו דער סצענע (דער יונגער רעזשי־מײַסטער איז העלדיש געפאַלן אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע).

סאָניע ביניק האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ דראַמאַטישע אַקטריסע. איינמאָל באַגעגנט זי אין קלוב „קאָמוניסט״ דעם זעלבן אָנפירער פונעם בערדיטשעווער ייִדישן כאָר, וועלכער האָט איר געגעבן דעם ערשטן שטויס צו דער בינע. ער איז געקומען זיך דערוויסן, וואָס עס האָט פאַסירט מיט סאָניעטשקע ביניק, אויף וועלכער ער האָט געלייגט אַזעלכע האָפענונגען. ווען סאָניע האָט אים מעגאַלע־סאָד געווען, אַז זי טרוימט ווערן אַ דראַמאַטישע אַקטריסע, טוט ער אַ זאָג מיט פאַרדראָס:

— גאַזלענטע! וואָס טוסטו? ביסט פון זינען אַראָפּ! פאַרמאָגסט אַזאַ שטים! נעמסט דעם בריליאַנט און שלײַדערסט אים אין טײַך אַרײַן!

אינגיכן איז ביניק געוואָרן אַ שילערין פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטראַלן טעכניקום.

פאַראַן מענטשן, וואָס, אַרבעטנדיק אויף אַ געוויסן געביט, ווערן זיי אַזוי פאַרכושט, אַז זיי זײַנען גרייט מאַקריוו זײַן מיט אַלץ צוליב זייער באַרוף. עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען מיט סאָניע ביניק, ווען זי האָט געגומען זיך דערגרונטעווען צו די סודעס פון אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט, פאַרמאָגנדיק אַזעלכע לערער, ווי מיכאָעלס, זוסקין, ראַטבאַום, אַזאַרך. זי האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די לימודים אינעם טעאַטראַלן טעכניקום — זייער אָפט האָט זי באַזוכט די ספּעקטאַקלען פון די מאָסקווער

מוסטערהאפטע טעאטערן: דאָס איז געווען איר צווייטע שול.

פארנאכט זיצט זי ערגעץ אָף די טרעפּ פונעם באלקאָן אינעם מכאט צי אין וואכטאנגאָוו־טעאטער, זי זיצט אָף אן אונטערגעשפּרייטער צײַטונג און איז גליקלעך, וואָס זי האָט די זכיה צו געניסן פון דער שפּיל פון די באַרימטע מאָסקווער שוישפּילער. זי איז געווען פארקאָכט אין די אָנגעזעענע אקטיאָרן און אקטריסעס פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער. איר איז געווען קארג צו באאָבאכטן, ווי זיי שפּילן אין דעם אָדער יענעם ספּעקטאקל. האָט זיך געענדיקט דער ספּעקטאקל — פלעגט זי ארויס פון דער טעאטער־געבײַדע און אין הויף זיך פארטײַען און ווארטן: אָט וועלן באלד דורכגיין אָדער מיכאָעלס, אָדער זוסקין, אָדער ראָטבאום, אָדער ראָם, — וועט זי ווידעראמאָל האנאָע האָבן, זעענדיק די מעכאשעפים אָן גרים, אָן טעאטראלן מאסקאראד...

ווען מיר דענקען וועגן דעם אָדער יענעם קינסטלער, שווימט בא אונדז ארויס די פראגע, וויאזוי עס איז בא אים אנטשטאנען דאָס סצעניש גשטאלט, וואָס ער שפּילט. אויב איר זאָלט פרעגן וועגן דעם די ארטיסטן גופע, וועט איינער אײַך ענטפערן, אז ער האָט, זוכנדיק כאראקטעריסטישע שטריכן פאר זײַן פּערסאָנאזש, פּלוצעם דערהערט אן אינטאָנאציע פון א ווילד־פרעמדן מענטשן, און דאפקע אָט די אינטאָנאציע האָט אים געדינט ווי א מין שליסל צום געזוכטן געשטאלט; א צווייטער וועט אײַך דערציילן, אז בא אים אין זיקאָרן האָט אופגעטויכט א מענטש, וועמען ער האָט אין זײַנע קינדער־יאָרן באגעגנט.

אז מע פרעגט בא סאָניע ביניק, וויאזוי ווערט בא איר געבאָרן א סצעניש געשטאלט, ענטפערט זי: „ניט אלע מאָל זוך איך א פּראָטאָטיפּ צווישן די ארומיקע. אָפט העלפט מיר בלויז מײַן אינטויציע. אויב אָף דער ערשטער רעפּעטיציע פארכאפּט מיך ניט עמאָציאָנעל דאָס געשטאלט, וואָס איך באדארף שאפן, איז שלעכט. איך פארלאָז זיך אָף מײַן פאנטאזיע. עס טרעפט ניט זעלטן, אז דאָס געשטאלט ווערט געבוירן פּלוצעם...“

שפּירנדיק איר גרייטקײַט מיט לײַב און לעבן זיך אָפּגעבן די שטרעבונגען און איבערלעבונגען פון די געשטאלטן, וואָס עס שטייט איר פאָר צו פארקערפּערן אָף דער בינע, האָבן די אָרגאניזאטאָרן פון די ספּעקטאקלען איר פארטרויט שפּילן פאראנטוואָרטלעכע ראָלן. אינגיכן נאָך דעם, ווי זי האָט פארענדיקט די טעאטראלע שול און איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער טרופּע פונעם מאָסקווער „גאָסעט“, איז געוואָרן קלאָר, אז דאָס וואקסט א באגאבטע אקטריסע.

אווראָם גאָלדפאדען האָט לויט דער טראדיציע פון זײַנע פאָרגייער, די מאסקילים, געמאָלט מיט העלע פארבן, וואָס פארכאפּן דאָס אויג, די געבילדעטע פּערסאָנאזשן פון זײַנע פּיעסן (מארקוסן אין דער „קישעפמאכערן“, מאקסן אין „צוויי קונילעמלעך“). מענטשן פונעם האמוין (האָצמאכן אין דער „קישעפמאכערן“, קאלמען דעם שאדכן אין „צוויי קונילעמלעך“) האָט ער געשילדערט אין אן איבערגעטריבן קאָמישער באלויכטונג. די אמאָליקע אקטיאָרן פלעגן זיי דערלאנגען ווי א מין פּוריםשפּילערישן מאָנדריש. אזוינס איז אויך פאָרגעקומען מיט זײַנע פּרויען־געשטאלטן.

אין „צוויי קונילעמלעך“ האָט די דאָזיקע גאָלדפאדענישע טענדענץ זיך אנטפּלעקט אינעם קאָנטראסט צווישן כאנעלען (קאראָלינע) און ליבעלען (קאלמען דעם שאדכנס טאָכטער). כאנעלע איז א געבילדעטע — זשאלעוועט גאָלדפאדען ניט קיין העלע פארבן, קעדיי זי זאָל פון טכילעס אָן געווינען דעם צושויערס מיטגעפיל. אָבער אז ער נעמט (אין דער רעשימע פון די פּערזאָנען) לאקאָניש כאראקטעריזירן ליבעלען, טוט ער א זאָג איין האָרט: בעהיימעוואטע.

אין טאָך איז די געשיקטקײַט פון כאנעלען אין דער פּיעסע עפּשער איבערגעטריבן — עס גלייבט זיך קוים, אז א זיבעצניאָריק מיידל זאָל אזוי זיך מאסקירן, ווי כאנעלע, און אָפּנארן איר טאטן רעב פּינכעסלען.

ווען סאָניע ביניק האָט געארבעט איבער דער דאָזיקער ראָל, האָט זי מינאסטאם זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז כאנעלע איז אזא דורכגעטריבענער מאזיק, אזא דרייקאָפּ. ביניק איז אליין געווען קימאט אין דעם זעלבן עלטער. דער אקטריסע איז, ווארשײַנלעך, זייער געפעלן געווען די שפּיל אין באהעלטערלעך, האָט זי כאנעלען געשענקט די לעבנסלוסטיקײַט, די שפּילעוודיקײַט, וואָס זי גופע האָט אין אירע

ס. ביניק — עמיליאַ, א. קאָגאַן — פערנאַנדאָ
(„שפּאַניער")

זיבעצן יאָר פאַרמאָגט. אַזויאַרום, האָט זי סטי־
כייִש אימפּעטפול זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער
שפּיל, מאַכמעס זי האָט אין אָט דער פאַר־
דרייעניש, אין אָט דעם פּלאָנטער זיך דערפילט,
ווי א פיש אין וואַסער. און די מאָסקווער פּע־
ריאָדישע פּרעסע האָט איר שפּיל פּאָזיטיוו
אָפּגעשאַצט. אָט וואָס עס האָט געשריבן א
מאָסקווער רעצענזענט וועגן ביניקס כאַנעלע
אין דער צײַטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ"
אינעם יאָר 1940: „אַזאַ מין אומיטלבאַרקײַט
האָט ס. ביניק אַרויסגעוויזן אין דער כאַנעלע־
ראָל, אַזאַ נאַיִווקײַט און שפּילעוודיקײַט, אַז
ס'איז געוואָרן קלאָר: די יונגע אַקטריסע האָט
אויסגעצייכנט באַהערשט דעם וואָדעוויל־זשאַ־
נער".

זייער מעגלעך, אַז שפּילנדיק ביילקען אין
שאָלעם־אַליכעמס „צוויי הונדערט טויזנט"
שוין אינעם איצטיקן קאָלעקטיוו, וועמענס אָנ־
פירער איז געווען ביניאָמין שווארצער, האָט
ביניק דערשפּירט דעם זעלבן קוועקזילבער, ווי
דעמלט, ווען זי האָט געשפּילט כאַנעלען. דאָ
איז דאָך אויך געווען קימאַט די זעלבע שפּיל
אין באַהעלטערלעך, וואָס אין „צוויי קונילעמ־
לעך". דאָ דרייט מען אויך א קאָפּ מיט כאַסאַ־
נים... אָט האָסטו דיר א סאָלאָמאָנטשיק, דעם
בענאַק פונעם גוויר פײַן, וואָס פאַר אים וויל
מען זי פאַרשלייערן, און אָט זײַנען פאַר איר
די קאַפּאָרע איר טאַטנס שנײַדער־געזעלן —
מאָטל און קאָפּל, ביידע עמעסע „אַמכאָ" —
נאַש בראַט. פאַרוואָס זאָל זי צו קאָפּלען, נע־
בעך, זיך אויסדרייען מיטן רוקן? פאַרוואָס קומט
עס אים? האָסטו דיר ווידער א שפּיל אין באַ־
העלטערלעך... אָבער ביילקע איז פּונקט אַזוי
האָפּערדיק, ווי כאַנעלע, און נאָך מער, ווי כאַ־
נעלע, איז זי גרייט צו ריזיקירן...

אָט די געשיקטקײַט און האַמצאָעדיקײַט,
וואָס ביניק האָט אַרויסגעוויזן אין איר כאַנע־
לע, אָט די האָפּערדיקײַט און דרייסטקײַט, וואָס
האָבן אַזוי שעמערירנדיק זיך דורכגעריסן אין
איר ביילקע, האָט זי אונדז דערלאַנגט אין
פריידעלען, אין דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע —
„די קאַפּריזנע קאַלע". איר זשוואַוועקײַט, איר
בראַוזנדיקע קונדייסישע סטיכיי האָבן דאָ באַ־
זונדערס זיך צעשפּילט, און ס'איז נאַטירלעך:
אין אָט דעם ספּעקטאַקל האָט זי געוווּנען דאָס
גרויסע געווינס: א קליינינקײַט? קאַפּצנזאָן (אים
האָט געשפּילט זוסקין) איז דאָך פאַרליבט אין
איר. די שמאַד־שטיק, וואָס ווערן דאָ געלאָזט
אין גאַנג, זײַנען דאָך א בעשוטפּעדיקע אַקציע
פון קאַפּצנזאָן־זוסקין און פריידעלע־ביניק...
סאַראַ גלענצנדיקער דועט!

א נײַ זײַטל האָט אין סאָניע ביניקס שעפע־
רישער ביאָגראַפיע זיך געעפנט, ווען זי האָט
געשפּילט מירעלען אין דער „קישעפמאַכערן".

די אַקטריסע האָט ריכטיק באַנומען, אַז דאָס
טראַגישע, וואָס עס פּאַסירט אין מירעלעס
גוירל, איז ניט פאַרטיפט און אַז ליריק איז
מירעלעס לייטמאָטיוו.

ביניק האָט מיט כיישעק זיך גענומען שפּילן
מירעלען עפּשער דערפאַר, ווײַל דאָ איז געווען
א מעגלעכקײַט דורך מוזיק, דורך געזאַנג אויס־
דריקן דער יעסוימעס שטימונגען. די אַקטריסע
האָט רירנד דערלאַנגט דעם צושוויער דאָס גע־
שטאַלט. ביכלאַל איז מירעלע פאַר סאָניע ביניק
א וויכטיקער עטאַפּ, מאַכמעס די דאָזיקע ראָל
איז אין א געוויסער מאָס געווען א מין טראַמ־
פּלין צו די טראַגישע געשטאַלטן, וואָס שפּע־
טער איז דער אַקטריסע אויסגעקומען צו שפּילן.

אין האָדלען („טעוויע דער מילכיקער") האָט
סאָניע ביניק דערשפּירט דעם אומרו פון דער
נײַער צײַט, די גרייטקײַט צו מעסירעס־נעפעש.
די אַקטריסע האָט אין האָדלען געשעצט די
אַנטשיידנקײַט צו פאַרבינדן איר גוירל מיט א
מענטשן, וועלכער האָט מוטיק זיך געלאָזט דעם
רעוואָליוציאָנערן שטורעם אַנטקעגן. האָדל
פאַרלאָזט אַזאַ געמיטלעך ווינקעלע, ווי דאָס
הויז פון טאַטע־מאַמע, — ס'איז דאָך א גוואַל־
דיקער איבערבראָך אין לעבן! און האַגאָם
האָדל איז גליקלעך, וואָס פאַר איר האָבן זיך
געעפנט גראַנדיאָזע ראַכוועסן, וועלכע בלויז
די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג איז אימשטאַנד
געווען צו אַנטפּלעקן פאַר מיליאָנען מענטשן,
האַגאָם האָדל איז גליקלעך, וואָס זי גרייט זיך
בויען א נײַ לעבן, דאָך הויערט איבער אָט
דעם געשטאַלט א טראַגישער אָפּגלאַנץ...

צוריקשמועסנדיק, באַדאַרף פון אַזעלכע
יוגנטלעכע, ווי האָדל און פערטשיק, ווייען מיט
גרויסער פרייד. א קליינינקײַט? די רעוואָליוציע
האָט זיי א טראָג געטאָן אין אַזעלכע ראָמאַנ־



ס. ביניק — כאַנעלע; קרייטשמאַן — דער עמעסער קונילעמל („צוויי קונילעמלעך”)

טישע הייכן... אָבער דער אַקטריסע האָט אַן אינערלעכער כוש אונטערגעזאָגט: „מײַן האָדלס מעלאָדיע מוז דאָך זײַן אין אײַנקלאַנג מיט די טראַגישע טענער, וואָס דאָמינירן אין דער טעוויע־עפּאָפּיי”. אין אַזאַ אינטערפּרעטאַציע האָט איר קאָכיקער טעמפּעראַמענט געהאָלפן זיך דערשלאָגן צו אַ שטאַרקער אופווירקונג אַף די צושויער. ביניקס שפּיל אין דער ראָל פון האָדל האָט באַזונדערס אופגערודערט, ווען איר פּאַרטניאָר איז געווען אַראָן קאָגאַן, וועלכער האָט געשפּילט פּערטשיקן. אַראָן קאָגאַן האָט פּערטשיקן געזען ווי זייער אַ באַשיידענעם און צוריקגעהאַלטענעם יונגנמאַן. דער אַקטיאָר האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, ווי פאַראַנטוואָרטלעך עס איז זײַן אופגאַבע, און זיך ניט געיאָגט נאָך ביליקע עפעקטן. האָט דער קאָנטראַסט צווישן האָדלס פּאַטעטיק און פּערטשיקס געצוימטקײַט געשאַפן די געווונטשענע האַרמאָניע...

אין דער גאַלעריי געשטאַלטן, וואָס ביניק האָט געשאַפן אַף דער בינע פונעם איצטיקן דראַמקאָלעקטיוו, זײַנען שוין געווען אַזעלכע, וואָס אַף זייער לעבנס־וועג פלעגן אויסוואַקסן היפּשע שוועריקײַטן. איז דאָך האָדלען אויסגעקומען איבערלעבן גרויסע אַנגסטן, ווען איר האָט געדראָעט זיך אַראָפּגליטשן אין דער „שמאַלצגרוב” פון לייזער־וואָלף דעם קאַצעוו... פינצטער איז געוואָרן די וועלט פאַר מירעלען, ווען די באָבע יאַכנע האָט זי אַף אַ שווינדלערישן אויפן אַ שלײַדער געטאָן קיין סטאַמבול.

אָבער אַזאַ עכט־טראַגיש געשטאַלט, ווי עמיליאַ אין לערמאָנטאָווס טראַגעדיע „שפּאַניער”, איז פאַר סאָניע ביניק געווען דער גרעסטער אויספּרוּוו. די נאַיִווקײַט פון עמיליאַ איז פאַר דער אַקטריסע קיין נײַס ניט געווען. עמיליאַ האָט געגלייבט איר שטיפמוטער דאָנאַ־מאַריאַ, פונקט ווי מירעלע — איר שטיפמוטער, דער מאַרשאַס כאַסיע... און אָט דער גלויבן אין דער אופריכטיקײַט פון די סאַמע נאָענטע האָט גוירעם געווען אײנעם און דעם זעלבן רעזולטאַט. אָבער אָט די ניסיוינעס, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אַפן גוירל פון עמיליאַ, איז ניט צו פאַרגלײַכן מיט די פּײַנלעכע מאָמענטן פון האָדלס און מירעלעס לעבנס־וועג. עמיליאַ פאַלט אַרײַן אין די לאַפּעס פונעם יעזויִט סאַריני.

אַ רײַכע גאַמע עמאָציאָנעלע אופּבּרויזן דערלאַנגט אונדז די אַקטריסע אין אָט דער טראַגעדיע. טכילעס, ווען עמיליאַ איז זיכער, אַז סאַריני האָט זי געראַטעוועט פון די באַנדיטישע נעגל, דריקן אירע אויגן אויס דאַנקבאַרקײַט. עטלעכע סעקונדעס, ניט מער. אָבער גלײַך מעלדעט סאַריני, אַז עמיליאַ באַדאַרף בא אים פאַרבלײַבן אַף אַ לענגערער צײַט — עמיליאַ איז אומגעהייער פאַרכידעשט, האַגאַם אין אירע אויגן שטראַלט נאָך אַ האָפענונג, אַז סאַריני וועט זי מענטשלעך באַהאַנדלען. טייקעף ווערט איר אָבער קלאָר, אַז זי איז געפאַנגען אין אַ נעץ, און אַ מאַרעשכוירע באַדעקט איר פּאָנעם.

אָט די גאַמע פאַרשיידנאַרטיקע געפילן ווערט דורך דער אַקטריסע אַרויסגעבראַכט דורך אַ שווערן אָטעמצוג, דורכן גלאַנץ פון די אויגן און דורך איר צוגעדריקטער שטים.

עס זײַנען פאַראַן מאָמענטן, ווען די אַקטריסע דריקט אויס די איבערלעבונגען פון איר פּערסאָנאַזש אַף גאָר אַן אַנדער אויפן. אין דער סצענע, ווען עס דערגייט צו איר דער קלאַנג וועגן פאַרנאַנדאָס קלוימערשטן אומקום, באַווײַזט זי זיך אַף דער בינע אין אַ שוואַרצן קלייד, אין אַ שוואַרצער וווּאַל. אַלץ, וואָס עס

טוט זיך ארום איר, גייט איר ניט אָן. זי איז אינגאנצן אין זיך פארטיפט.

די שילדערונג פון דער אקטריסע ווערט בוילעטער, ווען עס קלאָרט זיך אויס, אז איר גרויסער בראָך איז א בעשוטפעסדיקער מיט איר געליבטנס, מיט פערנאנדאָס טראגעדיע: זי איז דער זעלבער קאָרבן פון סארינינס אינטריגעס, וואָס פערנאנדאָ. דאָך רעאגירן זיי פארשיידן אף די גרויסע פלאָגן, וואָס זיי ביידן איז באשערט אויסצושטיין. אויב עמיליִא איז אָפט מער פאסיוו, ווי אקטיוו, ווײַזט פערנאנדאָ אלעמאָל זיך ארויס ווי אן עכטער קעמפער. אים האָט מיט א מערקווירדיקער עקספרעסיע געשפילט אראָן קאָגאן ביז דער לעצטער שאָ פון זײַן לעבן. אראָן קאָגאן האָט פארמאָגט אלץ, וואָס עס פאָדערט זיך, ווען מע נעמט שפילן אזא געשטאלט, ווי פערנאנדאָ: א קרעפטיקע פיגור, אויסדריקלעכע אויגן, א מעכטיקע שטים — אלץ, וואָס עס פאסט פאר א העראָיִש געשטאלט. אין די פאטעטישע מאָמענטן פון אראָן קאָגאנס שפיל האָט זיך געדאכט — ער וועט צעשמעטערן אלץ, וואָס עס פארצוימט אים דעם וועג. די שפיל פון אזא פארטניאָר פלעגט צוגעבן נאָך מער איבערצײַגעוודיקײַט און כיין דער עמיליִא־געשטאלט, וואָס סאָניע ביניק האָט מיט אזא ליבשאפט געמאָלט.

יאָ, עמיליִא איז געווען זייער אן ערנסטער פרוּוו פאר דער אקטריסע אינעם טראגעדיע־זשאנער. דאָס איז געווען א מין צוגרייטונגס־עטאפ און אקומולירונג פון ענערגיע, וואָס עס האָט דער דאָזיקער אקטריסע זיך געפאָדערט ערעוו איר צוטרעטן צו דער ארבעט איבער דער ראָל פון עטין אין יאקאָוו גאָרדינס פיעסע „קרייצער־סאָנאטע" (אָדער „פון יענער זײַט אָקעאן").

עטי האָט פארלאָרן דאָס טײַערסטע אין לעבן: איר געליבטער איז באגאנגען זעלבסטמאָרד, מאכמעס זײַנע קרויווים האָבן אים געשטערט פארבינדן מיט איר זײַן גורל. נאָטירלעך, אז עטי לעבט עס פײַנלעך איבער. דאָך ווײַזט זי ניט ארויס קיין ווידערשטאנד איר פאָטער, וועלכער זוכט פאר איר אָפ אן אנדער לעבנס־באגלייטער, דעם מוזיקאנט גרעגואר, א באגאבטער פידלער, וועלכער טויג אָבער ניט פאר א טאטן איר קליינינקן זון אלבערטן, וואָס איז בא איר געבוירן געוואָרן נאָכן טויט פונעם געליבטן. גרעגואר האָט דאָס קינד פײַנט. אפילע דער זיידע פרידלענדער (עטיס פאָטער) באציט זיך צום קינד קאלט, דער טאטע פון אָט דעם קינד איז דאָך א „גוי"...

די אקטריסע האָט ריכטיק זיך מעשאער געווען, אז איר עטי באדארף דאָס אלץ איבערלעבן אין זיך, פארבאָרגן. עטיס טראגישקײַט לייענען מיר מער אין ביניקס אויגן, ווי אין אירע באוועגונגען, ווי אין די זשעסטן. די צוריקגעהאלטנקײַט ווירקט שטארקער, ווי יאָמערלעכע געשרייען. אפילע ווען זי טרעפט די שוועסטער ציליען און דעם מאן גרעגוארן, בעשאס זיי קושן זיך, דערשפירט איר בלויז גאליקע איראָניע אין אירע אינטאָנאציעס, אינעם גלאנץ פון אירע אויגן. און ווען מיר דערמאָנען זיך, אז ביניק פארמאָגט א שטורמישן טעמפעראמענט, כידעשן מיר זיך, ווי בעריעש זי באהערשט אזא סטיכיע.

אין דער זעלבער צײַט שווימט אוף די פראגע: עטי האָט דאָך שוין פון לאנג דערשמעקט, אז איר שוועסטער ציליע האָט גרעגוארן פארפירט, און ער איז געוואָרן ווי א מין שפילעכל אין איר אינטריגע־האנדלונג... פארוואָס זשע דולדעט זי אזוינס? עטי איז דאָך ניט קיין כאראקטערלאָזע לעמעשקע...

דער דראמאטורג גיט אונדז אָנדײַטונגען, וואָס דארפן ארײַנטראָגן א קלאָרקײַט אין עטיס האנדלונג. עטי טראָגט געדולדיק איבער דעם שווערן יאָך פון איר ביטערן גורל, מאכמעס זי וויל ניט פארשאפן קיין איבעריקן אגמעס־נעפעש איר פאָטער, איר קינד. פאראן נאָך איין וויכטיקע סיבע: זי וויל ניט פארלירן גרעגוארן... טאקע דעם גרעגוארן, וועלכער מוטשעט זי אזוי. ס'איז פאראן אין אָט דער פיעסע א מאָמענט, ווען עטי זאָגט שטיל דער ניאניע נאטאשען: „ווען ער (גרעגואר) שפילט, איז בא אים גאָר אן אנדער פאָנעם... און דעמלט פארגעס איך אלץ!".

שטורמיש רײַסט זיך ארויס איר צאָרן און דערשיטערט דעם צושויער בלויז אין דער פינאלער סצענע, ווען זי דערשיסט ציליען. אָט דאָ טוט גוואלדיק א בושעווע איר טעמפעראמענט.

באדארף די אקטריסע זיך דורכדרינגען מיט אזעלכע פארשיידנארטיקע שטימונגען, באדארף מען געפינען א שלאל פארבן, ניואנסן... און אויב זי האָט אין אזעלכע קאָמפליצירטע סיטואציעס דעמאָנסטרירט א באשטימטן געפיל פון מאָס (לויטן באוווּסטן אפאָריזם — „דער גרעסטער ניצאָכן איז דער ניצאָכן איבער זיך אליין"), איז טאקע אָט די ראָל ביניקס א דערגרייכונג.

אן אקטריסע, וועלכע האָט דערפאָלגרײַך געשפילט אין ספעקטאקלען פון פארשיידענע זשאנרען, איז אָפט צופרידן, אויב מע לייגט איר פאָר, נאָך איר פארענדיקן אן ארבעט אין א טראגעדיע אָדער אין א דראמע, שפילן א ראָל אין א ספעקטאקל פון א לײַכטערן זשאנער.

פאניטשקעס ראָל אין שאָלעם־אלייכעמס איינאקטער „מענטשן" האָבן א סאך ייִדישע אקטריסעס גערן געשפילט. סאָניע ביניק איז ניט קיין אויסנאם אין דעם פראט.

דער אקטריסע, וועלכע שפילט סאָניטשקען (די געוועזענע פאָקאָיאָווע בא מאדאם גאָלד), קומט אויס באלאנסירן די גאנצע צײַט, וואָס מיר זעען זי אף דער בינע. דאָס איז דערפאר, וואָס זי איז טראגיקאָמיש. טיף אין הארצן בא פאניטשקען הערט ניט אוף צו נאָגן דער ווייטעק, וואָס זי איז געוואָרן א העפקער־מויד און וואָס באלעבאטים, מעיוכאָסים באטראכטן זי ווי א געפאלענעם נעפעש, וועלכער פארדינט

אין דער ראָל פון האָדל („טעוויע דער מילכיקער״)

בלויז פאַראַכטונג. און אָט דעם ווייטעק דער־לאַנגט ביניק דעם צושויער מיט א היפּשער עקספּרעסיע.

אָבער אין וואָס פאַר א קלאָגעדיקער לאַגע א מענטש זאָל ניט אַרײַנפאַלן, מוז ער זיך געפינען עפּעס א שטיקל טרייסט — אַנדערש איז אוממעגלעך עקזיסטירן. בראַווירט פאַניטשקע מיט די פיר צימערן, וואָס אירע „כאַסאַנים״ האָבן זי מיט זיי באַשטאַט... איר דאַכט זיך, אַז זי האָט אפילע מיט וואָס צו שטאָלצירן: אַדעראַבע — זאָלן אירע כאַווערטעס פּרוּוון אַזוי בעריעש באַפּוצן זייער מײַנעלאָשן מיט פראַנצויזישע ווערטער, ווי זי, פאַניטשקע. און דער־ריקער — פאַראַן מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט בלוט פאַרגיסן, אבי געווינען איר ליבע. יאָ, יאָ — צוויי סטודענטן האָבן שוין ריזיקירט מיטן לעבן און טאַקע זיך א לאָז געטאָן שיסן איינער אינעם צווייטן, און צוליב וועמען קומט עס פאַר אָט דער גערانגל? צוליב פאַניטשקען!

וואָס זשע זאָל איך אין מײַן פאַניטשקען אַק־צענטירן? — האָט ביניק געטראַכט. — דאָס טראַ־גישע צי דאָס קאָמישע? צוריקשמועסנדיק, איז אין דער דאָזיקער פּיעסע (און בעמיילע — אי־נעם ספּעקטאַקל) אַזוי אויך פאַראַן גענוג טראַ־גישע מאָטיוון... אויב אַזוי, איז זאָלן א טאַנץ טאָן זון־וועוריקלעך אַף אָט דעם כוישעכדיקן פּאָן, און זאָל א שמייכל זיך צעגיסן איבער די פּענעמער פון די צושויער! און עס טוט טאַקע באַ דער אַקטריסע א שעמעריר די סטיכיע פּר־נעם קאָמישן. זי טוט א זאָג אַזוי שעלמיש, אַזוי ווויליונגעריש: „אַלע אָפיצערן — פּאָלקאָווני־קעס, גענעראַלן — ווייסן נאָר איין פאַניא יעפּי־מאָוונאַ — אי באַסטאַ!״ גופע אָט דער „אי באַ־סטאַ״ גיט דער ראָל צו פיל כיין. דער צושויער קריגט אויך פאַרגעניגן פון דער פראַנצויזישער פּלאַפּלערײַ, וואָס די אַקטריסע דערלאַנגט אַזוי גלענצנד! ער באַווײַזט אפילע ניט זיך אָפּגעבן א דינווּעכעזשבן, אַז בעשאַסמײַסע ווערט אין הינטערגרונט אַראָפּגעשטויסן דאָס טראַגישע, וואָס עס שטורעמט באַ פאַניטשקען אין האַרצן...

איך האָב אין אָט דער אָפּהאַנדלונג געמאַכט א קורצן איבערזיכט פון סאָניע ביניקס שפּיל אין ספּעקטאַקלען פון פאַרשיידענע זשאַנרען: אין טראַגעדיעס, דראַמעס, קאָמעדיעס, וואָדע־ווילן. מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז אין די אויבן באַהאַנדלטע ראָלן האָט די אַקטריסע אימפּעטפול און געוויסנהאַפט אַרויסגעוויזן אַן אַכרײַעס־געפיל און עכטע שעפערישקײַט. דער די־אַפּאַזאָן פון אירע שעפערישע מעגלעכקײַטן איז אַזוי ברייט, אַז אויך אַפן סאַטירע־געביט פאַרמאָגט זי באַשטימטע דערגרייכונגען.

שפּילנדיק העניר־עטע שוואַלב אינעם שאָלעם־אַלייכעם־ספּעקטאַקל „בלאָנדזנדע שטערן״, האָט ביניק טרעפלעך, איבערצײַגנדיק געמאָלט דעם פּאָרטרעט פון אָט דער קאַריערסיסטקע. אָנגע־הויבן האָט העניר־עטע איר „קאַריערע״ אַלס א דינסט־מויד אין א וואַנדערנדיקער ייִדישער טרופּע, און עס האָט איר געקלעקט ענערגיע און טקיפעס זיך צושאַרן צו לעאָ ראַפאַלעסקאָ און ווערן זײַנע א לײַבלעכע קרוויווע.

מיט א מין זיכערקײַט מאָלט סאָניע ביניק העניר־עטעס אימפּולסיווקײַט, און ווי טרעפלעך זײַנען די פאַרבן, וואָס די אַקטריסע האָט גע־פונען, קעדיי צו דעמאַסקירן די אופגעקומענע אוואַנטיוריסטקע!

טעמפּעראַמענטפול און פאַרבנרײַך איז אויך די שפּיל פון סאָניע ביניק אין דער ראָל פון כאַנע־לייע אין שאָלעם־אַלייכעמס איינאַקטער „א דאָקטער״. מיר דערזעען א פּלוינעסטע פון אַן אופגעקומענעם גוויר, וואָס מאַכט כיינד־לעך, קריכט פון דער הויט, באַמי־ענדיק זיך פיגורירן ווי א סאַלאָן־מאַדאַם, אַרײַנשמוגלען זיך אין ייִכעס. די אַקטריסע האָט דאָס סימכע־דריידל באַפּוצט מיט קאָמישער גראַצי־עזקײַט. מיט איר אופגעבלאָזענער האָפערדיקײַט רופט זי אַרויס אינעם צושויער־זאַל א שמייכל. זי שיל־דערט איר כאַנע־לייען אין דער מאַניר פון לײַכטער סאַטירע.

און נאָך איין אַרטיסטישע אייגנשאַפט, וואָס סאָניע ביניק פאַרמאָגט, — זי איז אַן עכטע עסטראַדע־קינסטלערן: איר קלינגעוודיקע שטים, איר דײַטלעכע דיקציע גיבן איר די מעגלעכ־קײַט מיט דערפאָלג אַרויסצוטרעטן אַף דער עסטראַדע: זינגען לידער, קינסטלעריש פאָר־לעזן (רעציטירן) די ווערק פון דיכטער און פּראָזאי־קער.

ס׳איז צו גלייבן, אַז דער אַקטריסע סאָניע ביניק שטייען פאָר אין דער צוקונפט נײַע דער־גרייכונגען און דערפאָלגן.

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל

## נאָטע לוריע

# אומפאַרגעסלעכע טעג

דער פרעכטיקער קאַלאָנען־זאַל פונעם מאָסקווער פאַריינען־הויז איז באַגאָסן מיט דער איינגענעם־פיַיערלעכער שיַין פון די אָנצאָליק שימערירנדיקע ליוסטרעס. אין קאַלאָנען־זאַל איז יאָמטעווריק. דאָ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די וועטעראַנען פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — דעלעגאַטן פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר, די אָנגעזעענסטע וואָרט־מײַסטערס פון אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן פונעם ראַטנלאַנד, שריפטשטעלער פון די סאָציאַליסטישע לענדער, פון אַזיע און אַפריקע, פון אייראָפּע, פון צאָפן־ און לאַטיַין־אַמעריקע, פאָרשטייער פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער הויפטשטאָט.

באַם פרעזידיום־טיש — ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, לעאָניד לעאָנאָוו, וואַלענטין קאַטײַעוו, אַנא קאַראַוואַיעוואַ, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, אָלעס גאָנטשאַר, אַלעקסיי סורקאָוו, ראַסול גאַמזאַטאָוו, מאַריעטא שאַגיניאַן.

דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַריין געאָרגי מאַרקאָוו עפנט דעם פײַערלעכן פלענום, געווידמעט דעם פערציקסטן יאָרטאָג פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. געווידמעט דעם פערציקסטן יאָרטאָג!

פערציק יאָר זײַנען אַדורך פון יענע אומפאַרגעסלעכע, היסטאָרישע טעג, ווען אָט דאָ, אינעם זעלבן שימערירנדיקן קאַלאָנען־זאַל, איז אונטער דער אָנפירונג פונעם פאָטריאַרך פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור מאַקסים גאָרקי פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר.

זײַענדיק אַ סטודענט פון דער יידישער אָפּטיילונג באַם 2־טן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, האָב איך העכער פינף יאָר געלעבט אין אַ צוזאַמענווױנונג פונקט אַנטקעגן דעם פאַריינען־הויז, געווען אין קאַלאָנען־זאַל אויף ליטעראַרישע אָוונטן, געהערט דאָרט אַרויסטרעטן וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין, אַלעקסאַנדער פאַדייעוון, אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקין, ווסעוואָלאָד איוואַנאָוון, איליאַ סעלווינסקין, לעאָניד לעאָנאָוון, סעמיאָן קירסאַנאָוון...

אין יענע טעג פון 1929 האָב איך געשריבן די ערשטע קאַפּיטלען פון מײַן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט". צי האָט דעמלט מיר גאָר געקאָנט קומען אַפן געדאַנק, אַז סאַכאַקל אין פיר יאָר אַרום וועל איך האָבן די זכיה צו זײַן אַ דעלעגאַט אַף דעם אויסערגעוויינלעכן היסטאָרישן גאָרקי־צוזאַמענפאָר. און איך וועל אפילע אַרויסטרעטן אַף דער ביז גאָר בעקאָוועדיקער שרײַבערישער טריבונע.

געוווינט האָב איך דעמלט, אין 1934 יאָר, אין אָדעס. אין מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס" איז שוין געהאַט דערשינען די צווייטע אויפלאַגע פונעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופט". דער ראָמאַן איז שוין אויך געווען איבערגעזעצט און אָפּגעדרוקט אַף אוקראַיִניש אין זשורנאַל „ראַדיאַנסקאַ ליטעראַטורא", ס'האָבן זיך געגרייט באַזונדערע אויסגאַבעס אַף אוקראַיִניש אין קיִעוו און אַף רוסיש אין מאָסקווער פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור".

צווישן די 45 שרײַבער, וועלכע דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער אַף אוקראַיִנע האָט אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַטן אַפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר, זײַנען געווען די גרונטלייגער פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער ליטעראַטור פּאַווּלאָ טיטשינא, מאַקסים רילסקי, וולאַדימיר סאָסיורא, מיקאָלאַ באַזשאַן, אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק, לעאָניד פּערוואָמײַסקי, די באַוווסטע יידישע שרײַבער דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, הירש אָרלאַנד, מייער אַלבערטאָן, אוראָם וועוויאָרקע און אויך דער אויטאָר פון אָט די שורעס.

די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָבן אַפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פאָרגעשטעלט נאָך זיבעצן יידישע שרײַבער: דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מאַרקיש, אַרן קושניראָוו, מוישע ליטוואַקאָוו, יעכעזקל דאָברושין, שמועל גאָדינער,

יִצחאָק נוסינאָוו, עזראָ פיניִנבערג, יויסעף ראַבין, אלעקסאנדער כאשין (פון מאָסקווע), איזי כאריק, מוישע קולבאק, יאשע בראָנשטיין, זעליק אקסעלראָד, זיסקינד לעוו, כאצקל דונעץ (פון ווײַסרוסלאנד), שמועל ברעגמאן (פון קאווקאז).

בא יעדן פון אונדז איז געוועזן א געהויבענע שטימונג. באקומענדיק די מאנדאטן אינעם צימער פונעם אָרגקאָמיטעט, האָבן מיר זיך געהאט דערוווּסט, אז דער ערשטער מאנדאט איז אויסגעשריבן אלעקסיי מאקסימאָוויטש גאָרקין. פון דעם זײַנען אונדזערע מאנדאטן, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט, אזוי צו זאָגן, א פאָרזעצונג פון גאָרקיס, געוואָרן בא יעדן פון אונדז נאָך כאָשעווער, טײַערער.

17 אווגוסט. 6 אזייגער פארנאכט. דער קאָלאָנען־זאל איז יאָמטעוודיק באפוצט מיט לאָזונגען, פאָנען, מיט די פאָרטרעטן פון די קלאסיקער פון דער רוסישער און וועלט־ליטעראטור. שעקספיר, גאָגאָל, היינע, מאָליער, נעקראסאָוו, באלזאק, טאָלסטאָי, געטע, טשעכאָוו קוקן אראָפ פון צווישן די בלענדנדיקע מירמלנע קאָלאָנען צום איבערגעפולטן זאל. עס קלינגען הילכיק פארשיידענע שפראכן. 591 דעלעגאטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די ליטעראטורן פון 52 פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, פארנעמען זייערע ערטער.

פאר די דעלעגאטן פון אוקראַיִנע זײַנען אויסגעטיילט די ערשטע דרײַ רייען פון רעכטס. צי קאָן נאָך זײַן בעסער? נאָענט צו דער בינע. נאָענט צו גאָרקין. די מערהײַט שרײַבער, וועלכע פארפולן דעם העל־באלויכטענעם זאל, זע איך צום ערשטן מאָל. אָבער מיט פיל פון זיי בין איך שוין פון לאנג באקאנט לויט זייערע ווערק. מיט באזונדערן נײַגער קוק איך זיך אײַן אינעם יונגן, נײַן־און־צוואנציקיאָריקן, שוין ברייט באוווּסטן מיכאַיִל שאָלאָכאָוון, און איך זיקאָרן לעבן אוף די גלענצנדיקע זײַטלעך פונעם „שטילן דאָן" און פון „אופגעאקערטע רויערד".

עס גייט פארבײַ אלעקסאנדער סעראפימאָוויטש, און פאר די אויגן וואקסן אויס די העלדן פון „אײַזערנעם שטראָם".

און אָט דערזע איך פאר זיך אלעקסאנדער פאדייעוון און באנאנד מיט אים, דוכט מיר, זײַן לעווינסאָנען פון „צעקלאפט".

און אָט איז איסאק באבעל. ער שמייכלט פון אונטער די גלאנציקע ברילן, און ס'דערמאָנט זיך מיר זײַן „רײַטער־ארמיי".

און אָט איז ארײַן אין זאל דער האָמער פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט — דער דאגעסטאנער אשוג סוליימאן סטאלסקי, און באנאנד מיט אים דער קאזאכישער אקין — דזשאמבול.

וויפל באליבטע שרײַבער! אלעקסיי טאָלסטאָי, קאָנסטאנטין פעדין, פיאָדאָר גלאדקאָוו, מיכאַיִל קאָלצאָוו, ווערא אינבער, מיכאַיִל סוועטלאָוו, פיאָדאָר פאנפיאָראָוו, אלעקסאנדער בעזימענסקי, יורי אָלעשא, נאָוויקאָוו־פריבאָי, יאנקאָ קופאלא, קאָרניי טשוקאָווסקי, מיכאַיִל זאָשטשענקאָ, יורי ליבעדינסקי, לידיִא סייפולינא, דעמיאן בעדני, באָריס פאסטערנאק, וויאטשעסלאוו שישקאָוו, אָלגא פאָרש, קאָנסטאנטין פאוסטאָווסקי...

אף דער בינע באווײַזט זיך מאקסים גאָרקי. א הויכער, א דארער, עטוואָס אָנגעבויגן דעם רוקן. שמייכלענדיק גוטמוטיק איבער די גרויסארטיק־שיינע וואָנצעס, גייט ער מיט פאמעלעכע טריט צום פרעזידיום־טיש. אלע הייבן זיך אוף פון די ערטער. עס הילכן אפלאָדיסמענטן. כוואליעס פון טיפער ליבע טראָגן זיך פונעם איבערגעפולטן זאל צום גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

נאָך אין די יִונגלשע יאָרן מײַנע האָט דער גרויסער יִדישער פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אלייכעם פארזייט אין מײַן הארצן די טיפסטע אכטונג און גרויסע ליבע צו גאָרקין. פון טעוויע דעם מילכיקערס טאָכטער, פון כאווען, האָב איך דעמלט זיך דערוווּסט, אז „גאָרקי איז קימאט דער ערשטער מענטש אף דער וועלט, אז ער איז א בארימטער שרײַבער און דערצו א טײַערער, א זעלטענער, ערלעכער מענטש, שטאמט פון פראָסטן שטאנד..."

אזוי האָט געשריבן שאָלעם־אלייכעם אין 1906 יאָר, אינעם יאָר, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. און אָט זע איך אים פאר זיך, דעם הערשער פון די מויכעס, די פארקערפערונג פון גײַסטיקער שיינקײַט, דעם וווּנדערלעכן נאָבעלן מענטשן. עס שווימען פאר מיר אוף אין אָט די מינוטן די פרעכטיקע געשטאלטן פון גאָרקיס ווערק. איך זע אים, אלעקסיי מאקסימאָוויטשן, אָט באנאנד מיט לענינען, אָט באנאנד מיט לעוו טאָלסטאָיען, אָט מיט קאָראָלענקאָן, מיט טשעכאָוון...

איך הער זײַן ברוסטיק קאָל, וואָס דערמאָנט אין דער וואָלגע־ברייטקײַט, און אין די אויערן קלינגען די מונטערע און דרייסטע לידער פונעם סאָקאָל און בורעוועסטניק...

— מיט שטאָלץ און פרייד, — זאָגט גאָרקי, — עפן איך אוף דעם ערשטן אין דער וועלט־געשיכטע צוזאמענפאָר פון די ליטעראטן פונעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן... ס'איז א צוזאמענפאָר פון דער סאמע יִונגסטער, סאמע אידייִישער, סאמע פאָרגעשריטענער ליטעראטור אין דער מענטשלעכער געשיכטע...

אין פרעזידיום פונעם צוזאמענפאָר ווערן אויסגעקליבן סעראפימאָוויטש, שאָלאָכאָוו, פאָגאָדין, ערענבורג, פאדייעוו, איוואנאָוו, שאגיניאן, פעפער אא. אין סעקרעטאריאט — אסייעוו, מארשאק, מארקיש... אין דער מאנדאט־קאָמיסיע — קאָלאס, כאריק, ווישניעווסקי...

דער פרעזידיום־מיטגליד — דער אוקראַיִנישער שרײַבער איוואן מיקיטענקאָ מעלדעט:

— א וואָרט פאר א פאָרטראָג וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור האָט אלעקסיי מאקסימאָוויטש גאָרקי.

עטוואָס אײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, זשמורעט גאָרקי די אויגן און קערט אָפּ אומצופרידן דאָס געזיכט פון די פּילצאָליקע אַקשאָנעסדיקע פאָטאָ־ און קינאָ־רעפּאָרטיאָרן, וועלכע האָבן ארומגערינגלט די טריבונע.

ענדלעך הייבט ער אָן זײַן פּאָרטראַג. ער מאכט א ברייטן און טיפן איבערזיכט פון דער וועלט־ליטעראטור, פון דער רוסישער קלאסיק, באזונדערס פיל אופמערקזאמקײַט שענקט ער די אופגאבן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. „אונדזער ליטעראטור דאַרף שילדערן דאָס נײַע לעבן און אירע העלדן, די העלדן, וועלכע עס האָט געבוירן די רעוואָלוציע און די גרויסע איבערשטאַלטונג פון אונדזער לאַנד אויף סאָציאַליסטישע יעסודעס...״

קימאַט צוויי שעה האָט געדויערט דער פּאָרטראַג. עטוואָס א מידער, פאַרלאָזט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש די טריבונע און ווישט זיך מיט א טיכעלע דעם שטערן.

די ערשטע זיצונג איז פאַרענדיקט. מיר גייען ארויס אין אָוונטיק־בלוילעכן דרויסן. ס'איז שוין שפּעטלעך. און ארום דעם פאַריינען־הויז איז פול און פול מיט מענטשן. מענער און פרויען. יונגע און עלטערע. טויזנטער פאַרערער גאָרן זען זייערע באַליבטע שרײַבער.

אין זייערע ארויסטרעטונגען האָבן די דעלעגאַטן אין איין קאָל אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן באַדײַט פון שאַפן דעם פאַריין פון סאָוועטישע שרײַבער, וואָס עס מאַכט א סאָף צו די פאַרשיידענע גרופּירונגען און פאַרייניקט אַלע סאָוועטישע נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן אין איין מעכטיקן אָטריאַד, וועמעס שעפערישער מעטאָד עס איז דער סאָציִאַליסטישער רעאַליזם. עס זײַנען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן פון ליטעראַרישער מײַסטערשאַפט. מע האָט גערעדט וועגן פאַרשיידענע סטילן און מאַנירן, וועלכע דער מעטאָד פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם באַגרענעצט לאַכלוטן ניט אינעם שאַפן. פיל אופמערקזאַמקײַט איז געשענקט געוואָרן די נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן, דערין אויך דער יידישער. וועגן איר האָט גערעדט דאָוויד בערגעלסאָן, איזי כאַריק, איציק פעפער, יאַשע בראָנשטיין, כאַצקל דונעץ, אויך איך.

אין זײַן אינטערעסאַנטער רעדע האָט דער גרויסער וואָרט־מײַסטער דאָוויד בערגעלסאָן אויף קאָנקרעטע בײַשפּילן פון דער יידישער ליטעראַטור באַהאַנדלט פראַגן פון קאָמפּאָזיציע, פּילפּלאַנעוודיקייט פון א קינסטלעריש ווערק.

איציק פעפער האָט דערציילט וועגן דעם אינטערעס, וואָס די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור רופט ארויס באַם לייענער אין אויסלאַנד, וועגן דער דערציִונגס־ווערט פון אונדזער ליטעראַטור.

איזי כאַריק האָט ברייט באַהאַנדלט די פּראַגע פון שאַפן טיף־אידייִשע ווערק, אין וועלכע עס זאָל מיט דער פולער קראַפט זיך פילן דער אָטעם פון אונדזער צײַט.

יאַשע בראָנשטיין האָט געווידמעט זײַן וואָרט דעם גרויסן באַדײַט פון דער אייניקײַט פון אונדזער סאָוועטישער פילשפּראַכיקער ליטעראַטור. כאַצקל דונעץ האָט באַרירט פראַגן פון דער דראַמאַטורגיע. איך האָב אין מײַן ארויסטרעטונג דערציילט וועגן דער שאַפונג פון דער טאַלאַנטפולער פאַלאַנגע יונגע יידישע סאָוועטישע שרײַבער.

וועגן די דערגרייכונגען פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט אויך גערעדט דער פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פאַריין פון אוקראַיִנע איוואַן קוליק. ער האָט געגעבן א הויכע אָפּשאַצונג די פּראָזע־ווערק פון דעם ניסטער, אַלבערטאָן, אָרלאַנד אא., דער דיכטונג פון איציק פעפער, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, כאַנע לעווינע, מוישע כאַשטשעוואַצקי, כאַיִם גילדין.

דער פאָרזיצער פונעם שרײַבער־פאַריין פון ווײַסרוסלאַנד האָט באַנאַנד מיט די בעסטע ווערק פון די ווײַסרוסישע שרײַבער אָנגערופן קולבאַקס „זעלמעניאַנער״, כאַריקס „קײַלעכדיקע וואָכן״ און „פון פּאָליוס צו פּאָליוס״, דאָלגאָפּאָלסקיס „זײַד״, זיסקינד לעווס „אופשטאַנד פון שניטער״, קאַצאָוויטשעס בוך נאָוועלן; ער האָט גערעדט וועגן שעפערישן וווּקס פון זעליק אַקסעלראָד, מוישע טייף, מענדל ליפשיץ, הערשל קאַמענעצקי... אויך אַנדערע דעלעגאַטן האָבן אָפּגעמערקט די דערגרייכונגען פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אפן צוזאַמענפאָר — ער האָט געדויערט זעכצן טעג — זײַנען ארויסגעטראָטן פיל דעלעגאַטן. עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין א זײַט, האָט גאָרקי זייער אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די רעדנער. און ארויסטרעטונגען זײַנען געווען זייער אינטערעסאַנטע, באַזונדערס אַלעקסיי טאָלסטאָיס, איליאַ ערענבורגס, יורי אָלעשאַס, סאַמויִל מאַרשאַקס, מיכאַיִל קאָלצאָווס. ביז איצט האָבן זיך פאַרגעדענקט לעאָניד לעאָנאָווס ווערטער, אַז אונדזער ליטעראַטור דאַרף באַווײַזן אירע מיטצײַטלער, די נײַע מאָראַל פון די סאָוועטישע מענטשן; לעאָניד סאָבאָלעווס זאָג, אַז דאָס לאַנד האָט געגעבן דעם שרײַבער אַלע רעכט און אָפּגענומען בא אים נאָר איינס — דאָס רעכט צו שרײַבן שלעכט; באַבעלס וויץ, אַז „מיט דעם, וואָס מע האָט בא אונדז צוגענומען דאָס רעכט צו שרײַבן שלעכט, האָט מען בא אונדז צוגענומען, דאַרף מען זאָגן, ניט ווייניק. מיט דער דאָזיקער פּריווילעגיע האָבן מיר צו אָפט זיך באַנוצט...״

אין די ארויסטרעטונגען האָבן די דעלעגאַטן אָפט דערמאָנט גאָרקין. דערמאָנט מיט טיפסטער אַכטונג, מיט גרויסער ליבע. הערנדיק אָט די לויב־ווערטער, האָט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש זיך געכמורעט, בייזלעך אונטערגעהוסט, אומצופרידן געקוקט אין א זײַט איבער די ברילן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און גענומען א וואָרט בעשאַס די דעבאַטן.

— כאַשעווע כאַוויירים, — האָט ער זיך גע־

ווענדט צו די דעלעגאַטן, — מיר דוכט, אַז צו אַפּט ווערט דאָ דערמאָנט דער נאָמען גאָרקי מיט אַ צוגאָב פֿון אויסמעסטנדיקע עפּיטעטן: גרויסער, הויכער, לאַנגער אאַוו. — אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט אָט די ווערטער מיט אַזויפֿיל איראָניע, אַז דער פֿול־געפּאַקטער זאַל איז פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון אַ געלעכטער. און ער האָט פֿאַרגעזעצט: — צי מיינט איר ניט, אַז צופֿיל אונטערשטרײַכנדיק און אויפֿהייבנדיק איינע און די זעלבע פֿיגור, פֿאַרטונקלען מיר דערמיט דעם וווּקס און די באַדײַטונג פֿון אַנדערע? גלייבט מיר: איך קאָקעטיר ניט, שפּיל ניט אין אַניוועס. מיך צווינגען ריידן אַף אָט דער טעמע סיבעס וויכטיקע. אויסדריקנדיק זיך פֿיגוראַל, זײַנען מיר אַלע דאָ, ניט געקוקט אַפֿן גרויסן אונטערשייד אין די יאָרן, קינדער פֿון איין און דער זעלבער זייער יונגער מוטער — דער אַלפֿאַרבאַנדישער ליטעראַטור...

קורץ איז געווען גאָרקיס וואָרט, אָבער אַרויסגעזאָגט האָט ער זייער וויכטיקע געדאַנקען.

— זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז איך בין ניט גענייגט צו פּראָפּאַגאַנדירן אַן „אוראַווונילאָווקע"... איך האָב אָבער מוירע, אַז דאָס צופֿיל פֿאַרלויבן אייניקע איז מעסוגל אַרויסרופֿן בײַ אַנדערע אַ געפֿיל און אַ שטימונג, וועלכע איז שעדלעך פֿאַר אונדזער געמיינזאַמער זאַך, פֿאַרן נאָרמאַלן וווּקס פֿון אונדזער ליטעראַטור... די פּאַרטיי און די רעגירונג נעמען בײַ אונדז צו דאָס רעכט צו קאָמאַנדעווען איינער מיטן אַנדערן, געבנדיק אונדז דאָס רעכט לערנען איינער דעם אַנדערן. לערנען — באַטײַט קעגנזײַטיק טיילן זיך מיט דער דערפֿאַרונג. בלויז דאָס. בלויז דאָס און ניט מער, ווי דאָס, — האָט מיט אַ באַזונדער קראַפֿט אונטערגעשטראָכן אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש.

אין איינעם אַ טאָג, בעשאַס אַ גרעסערער האַפּסאָקע אין דער אַרבעט פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, האָט גאָרקי אײַנגעלאַדן צו זיך אַף דער דאַטשע אַ גרופּע שרײַבער פֿון די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, צווישן זיי איציק פֿעפֿערן. פֿון דער דאָזיקער באַגעגעניש, וועלכע האָט געדויערט היפּשע עטלעכע שאָ, האָט פֿעפֿער זיך אומגעקערט מיט זייער אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט דערציילט, אַז גאָרקי האָט געהאַט מיט אים אַ שמועס וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, געגנוי זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט וועגן די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס אַף אוקראַיִנע, וועגן די נײַע איבערוואַנדערישע ייִשוווים אַף די זאַפּאָראָזשיער און כערסאָנער סטעפּעס, ווי אויך וועגן די קינסטלערישע ווערק, אין וועלכע ס'איז געשילדערט דאָס לעבן פֿון די ייִדישע קאָלווירטניקעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז דערמאָנט געוואָרן מײַן ראָמאַן „דער סטעפּ רופֿט".

ס'איז איבעריק צו זאָגן, ווי גליקלעך איך האָב זיך דערפֿילט פֿון דעם!

מיט אינטערעסאַנטע, אינהאַלטספֿולע רעדעס זײַנען אַפֿן צוזאַמענפֿאָר אַרויסגעטראָטן די אויסלענדישע שרײַבער מאַרטין אַנדערסען־נעקסע, זשאַן־רישאַר בלאָק, דער באַרימטער שאַכטיאָר ניקיטאַ איזאָטאָוו, אָטאָ יוליעוויטש שמידט. עס האָבן באַגריסט דעם צוזאַמענפֿאָר פֿאָרשטייער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, פֿון דעם קאָלווירטישן פּויערטום, פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון דער יוגנט. אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש איז גערירט געווען פֿון זייערע האַרציקע ווערטער. באַזונדערס האָבן אים גערירט מיט זייער באַגריסונג די פּיאָנערן. ווען די שטאַלטנע כעוורע אין רויטע האַלדזטוכן — די אויטאָרן פֿונעם בוך „די באַזע פֿון די קורנאָסע" — האָבן אונטערגעטראָגן גאָרקין אַ בוקעט בלומען, האָבן אין זײַנע מילדע אויגן, פֿון וועלכע עס האָט אַרויסגעלויכטן אומענדלעכע מענטשלעכע גוטסקײַט, זיך באַוויזן טרערן. ער האָט אַרומגענומען די פּיאָנערן, געדריקט זיי צום האַרצן. די בלומען האָט ער איבערגעגעבן קאַטערינאַ פּעשקאָווען, וועלכע איז באַנאַנד מיט נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ און מאַריִאַ איליניטשנאַ אוליאַנאָוואַ געזעסן אין דער לאָזשע.

אַף דער שלוס־זיצונג פֿאַרסאַכאַקלט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש די אַרבעט פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, וועלכער האָט באַוויזן די פֿולע אייניקײַט פֿון דער סאָוועטישער פֿילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

ריידנדיק וועגן דעם, אַז ניט די גרייס פֿון אַ פֿאָלק לויט דער צאָל ווירקט אַף דער קוואַליטעט פֿון זײַנע טאַלאַנטן, זאָגט גאָרקי: „בײַ ייִדן איז ניט לאַנג געשטאָרבן דער קימאַט גענײַאַלער דיכטער ביאַליק און ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטפֿולער סאַטיריקער און הומאָריסט שאָלעם־אַליכעם..."

גאָרקיס זייער פֿרײַנטלעכע באַציִונג צו די בעסטע שעפֿער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור איז מיר שוין לאַנג באַוווּסט. איצט הער איך עס מאַמעש פֿון זײַן מויל. דאָס איז מיר באַזונדערס טײַער.

פֿאַרענדיקנדיק זײַן וואָרט, האָט גאָרקי זיך געווענדט מיט אַ רוף — לערנען זיך, אַרבעטן, אַכטן און שעצן איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי עס שעצן איינער דעם אַנדערן סאָלדאַטן אַפֿן שלאַכטפֿעלד, ניט פֿאַטערן קיין קויכעס אַף קעמפֿן איינס מיטן אַנדערן איבער קלייניקײַטן אין אַ צײַט, ווען די געשיכטע רופֿט אונדז צום אומבאַראַכמאָנעסדיקן קאַמף מיט דער אַלטער וועלט...

לויט דער אײַנלאַדונג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַריין פֿון פֿססר בין איך ווידער אינעם קאָלאָנען־זאַל, איצט אַפֿן פֿײַערלעכן פּלענום, געווידמעט דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר. אָט דאָ אינעם היסטאָרישן זאַל האָבן פֿאַר מיר מיט דער פֿולסטער בוילעטקײַט אויפֿגעלעבט יענע וווּנדערלעכע טעג, וועל־

כע האָבן זיך פאַרקריצט אַף אייביק אין זיי־קאָרן.

איך בין דעמלט אלט געווען 28 יאָר. דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן איז געווען אומגע־פער אין זעלבן עלטער: שאָלאָכאָוו און קאָר־נייטשוק — צו 29 יאָר, און ביידע שוין באַרימ־טע שרײַבער; טוואַרדאָווסקי איז אלט געווען 24 יאָר, פערוואָמײַסקי — 26, בראָווקאַ — 29, באַזשאַן — 30, פאַדייעוו — 33, פעפער — 34, סורקאָוו — 35, טיכאָנאָוו — 38, מאַרקיש — 39.

פיל דעלעגאַטן פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר זײַנען, צום גרויסן באַדויערן, שוין ניטאָ צווישן אונדז. געווען 591, פאַרבליבן 114. געעלטערטע, נאָר ווי פריִער שעפעריש אַקטי־ווע. סאַרא פרייד איז זיך באַגעגענען אָט דאָ, אין פערציק יאָר ארום, מיט די אַלטע פרײַנט. און מיט די נײַע. פאַר די דורכגעגאַנגענע פיר צענדליק יאָר איז די אַלפאַרבאַנדישע פיל־שפּראַכיקע ליטעראַטור באַרײַכערט געוואָרן מיט פיל טאַלאַנטפולע פּראָזאַיִקער, פּאָעטן, דראַמאַטורגן, אָטשערקיסטן, קריטיקער. בעשאַס דעם ערשטן צוזאַמענפאָר האָבן 52 פעלקער באַ אונדז אין לאַנד געהאַט ליטעראַטורן אַף זייער מוטערשפּראַך. באַ הײַנטיקן טאָג שאַפן 7607 מיטגלידער פונעם שרײַבער־פאַריין אַף 75 שפּראַכן פון די פעלקער פונעם ראַטנפאַר־באַנד.

די יידישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אַפן פײַערלעכן פלענום פאָרגעשטעלט א היפּשע גרופּע אָנגעזעענע שרײַבער.

עס גייט דער פײַערלעכער פלענום. דער זאַל איז איבערגעפּולט. יעדער איינער, וואָס געפינט זיך דאָ, האָט באַרײַכערט און שטרעבט אַף ווײַ־טער צו באַרײַכערן אונדזער סאָוועטישע לי־טעראַטור מיט נײַע ווערק, וועלכע זאָלן דינען דעם פאָלק, דעם לאַנד.

וועגן דעם האָבן פון דער הויכער טריבונע גערעדט די שעפער פון אלע ברידערלעכע לי־טעראַטורן. עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן די קאָלאָסאַלע היסטאָרישע באַדײַטונג פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר אין קאָנ־סאָלידירן און אַנטוויקלען די פילשפּראַכיקע סאָוועטישע ליטעראַטורן פון די פעלקער פו־נעם ראַטנפאַרבאַנד, אין שאַפן א געזונטע שע־פערישע אַטמאָספער, וואָס איז געוואָרן א סטי־מול פאַר נײַע ליטעראַרישע דערגרייכונגען. די רעדנער האָבן, אָנרופנדיק א שלאַל פון נײַע טאַלאַנטפולע ווערק, אָפּגעמערקט דעם גרויסן פּרוכטבאַרן וועג, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט פאַר די פערציק יאָר.

אַפן פלענום זײַנען פיל מאָל איבערגעכאַ־זערט געוואָרן גאָרקיס ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט אַפן צוזאַמענפאָר, אַז דער הויפּט־העלד פון אונדזערע ווערק דאַרף זײַן דער אַרבעטס־מענטש. דאָס איז געוואָרן דער דע־וויז פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אונדזע־רע שעפער זעצן פאָר גאָרקיס טראַדיציע און דרינגען אַלץ טיפער אַרײַן אינעם לעבן פונעם פאָלק, סטאַרען זיך קינסטלעריש אַלזײַטיק, עמעסדיק, איבערצײַגעוודיק שילדערן דעם העלד פון אונדזער צײַט — דעם בויער, דעם שעפער.

---

# כראָניק

„דערפאַר האָב איך ליב אָט די ערד...״

„...אָפּט טראַכט איך וועגן דעם, אַז מיר, סאָוועטישע יידן, זײַנען דער ערשטער דאָר, וועלכער פאַר־מאָגט א היימלאַנד. ווײַזט אויס, דערפאַר האָב איך ליב אָט די ערד אַזוי, ווי מע ליבט מיט דער ערשטער ליבע...״

דאָס האָט געשריבן אין איינעם פון זײַנע לעצטע בריוו פון פראָנט צו זײַנעם א כאַווער דער לייט־נאַנט פונעם 1339־טן שיסער־פּאָלק פון דער 318־טער שיסער־דיוויזיע, דער דיכטער פּאַוועל קאַגאַן.

דער בריוו איז אָנגעשריבן בעשאַס די היסטאָרישע שלאַכטן פאַר באַ־שיצן דאָס סאָוועטישע היימלאַנד, אין יול 1942, ווען פּאַוועל קאַגאַן איז אלט געוואָרן 24 יאָר, צוויי כאַדאָשים פאַר זײַן העלדישן טויט.

וועגן פּאַוועל קאַגאַנען, דעם אַוו־טאָר פון דער ברייט באַוווּסטער ליד „בריגאַנטינאַ״, האָט לעאָניד איליטש ברעזשניעוו דערמאָנט אין סענטיאַבער 1974, בייס די פײַער־רונגען אין נאָוואָראָסיִיסק: „מיט זייער קעמפעריש, לײַדנשאַפט־לעכן וואָרט האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע די שרײַבער און זשור־נאַליסטן סערגיי באָרזענקאָ, פּאַ־וועל קאַגאַן, אַנאַטאָלי לונאַטשאַר־סקי און א סאַך אַנדערע״.

דער אויסצוג פון פּאַוועל קאַ־גאַנס בריוו, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט, איז פאַרעפנטלעכט אין דער לידער־זאַמלונג „טאָג פון פּאָעזיע — 1974״, וועלכע איז דאָ ניט לאַנג דערשינען אינעם פאַר־לאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״.

אין דער זעלבער זאַמלונג, וואָס איז געווידמעט דעם 30־טן יאָר־טאָג זינט דעם גרויסן זיג איבערן פאַשיזם, איז אויך פאָרגעשטעלט מיט א ליד מאָטל גרוביאַן (איבער־זעצונג — ספּאַרטאַק קוליקאָוו).

■ ■ ■

## מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער

לעאָנעל דאדיאני

# דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל און די ציִעניסטיש-„סאָציאַליסטישע" פארטייען

כאָשעווע רעדאקציע! אין דער בורזשואזער פרעסע קאָן מען אָפט זיך אָנשטויסן אָף א באהויפּטונג, אז די ציִעניסטישע פארטייען אין יִסראָעל, כאָטש זיי טרעטן ארויס מיט פארשיידענע, אָפן ערשטן קוק, פּראָגראמען, זײַנען קימאט אלע סאָציאַליסטישע.

איז דייער ווינטשנסווערט, אז „סאָוועטיש היימלאנד" זאָל באלײַכטן די דאָזיקע פראגע, אופקלערנדיק באזונדערס דעם כאראקטער פון דער מיטארבעט פון די ציִעניסטן מיטן סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאל.

כאנע קרוגערמאן, סאמארקאנד.

שוין אין סאָף פונעם XIX און אין אָנהייב פונעם XX יה. האָט א טייל ציִעניסטישע לידערס אָנגעהויבן פריידיקן, אז דעם ציִעניזם דארף מען „פארייניקן" מיטן סאָציאַליזם און מארקסיזם. דער ציל איז געווען א פּאָשעטער: פארברייטערן אזויארום די באזע פון דער ציִעניסטישער באוועגונג, באגרענעצן דעם אָנטייל פון די ארבעטנדיקע יִדן אינעם רעוואָליוציאָנערן קאמף, פארפעסטיקן און פארטיפערן צווישן זיי די איליוזיע, אז מיטן שאפן א יִדישע מעלוכע (און די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע האָט אזא מעלוכע געמאָלט אלס עפּעס אן „אלגעמיין-נאציאָנאלע" אָרגאניזאציע, וואָס שטייט העכער פון קלאסן און קלאסנקאמף) וועט געפנט ווערן פאר זיי דער איינציקער וועג אויסגעלייזט צו ווערן פון דער רעכטלאָזיקײַט, אונטערדריקונג און עקספּלואטאציע. טאקע אין יענער צײַט זײַנען אין רוסלאנד, פּאלעסטינע, פשא, עסטרײַך-אונגארן און אין אייניקע אנדערע לענדער געבוירן געוואָרן קאָלערליי ציִעניסטיש-„סאָציאַליסטישע" פּארטייען און גרופּעס.

אָנרופנדיק זיך „סאָציאַליסטן", ארויסגעבנדיק זיך אלס פארטיידיקער פון די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאריאט, האָבן די לינקע ציִעניסטישע לידערס געוואָלט קוידעמקאָל פּארמאסקירן דעם עמעסן קלאסן-טאָך פונעם ציִעניזם, וואָס איז אויך הײַנט, ווי שטענדיק, בלויז די נאציאָנאליסטישע, שאָוויניסטישע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון דער יִדישער גרויס-בורזשואזיע. כאָץ דעם, האָבן זיי געוואָלט געווינען פארבינדעטע צווישן דער ארבעטער-באוועגונג און צווישן די טוער פון די פּראָפּאריינען פון אייראָפּע און אמעריקע, צווישן די סאָציאַל-דעמאָקראטישע פּארטייען און טוער פונעם II אינטערנאציאָנאל.

ביז דער ערשטער וועלט-מילכאָמע האָט די אינטערנאציאָנאלע סאָציאַל-דעמאָקראטיע באטראכט דעם ציִעניזם, דערונטער אויך די ציִעניסטיש-„סאָציאַליסטישע" שיטעס זײַנע, אלס א בורזשואז-נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק, וועלכע האָבן קיין שום שײַכעס ניט צום מארקסיזם און זײַנען פײַנטלעך צו אים.

קעגן די ציִעניסטישע פּסעוודאָסאָציאַליסטן (ווי קעגן יעטווידע אנדערע נאציאָנאליסטן, רעוויזיאָניסטן און אָפּאָרטוניסטן) זײַנען קאָנסעקווענט און אנטשיידן ארויסגעטראָטן די

פעסטע איסקראָוועס, דערנאָך די באָלשעוויקעס, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט וו. אי. לענין. וואָס אָנבאלאנגט די אנדערע פּארטייען פונעם II אינטערנאציִאָנאל, האָט בא אייניקע פון זיי, יעדנפאלס בא די לידערס, זיך אָפּט געלאָזט מערקן א מער־ווייניקער טאָלעראנטע באציִונג צו די ציִעניסטן־„סאָציִאליסטן". פונדעסטוועגן האָט די אינטערנאציִאָנאלע סאָציִאליסטישע ביוראָ עטלעכע מאָל אָפּגעוואָרפן די באקאָשעס פון די ציִעניסטיש־„סאָציִאליסטישע" פּארטייען, מע זאָל זיי אָנעמען אין צווייטן אינטערנאציִאָנאל[1].

נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָבן די סאָציִאל־דעמאָקראטישע לידערס אין פיל לענדער און די מערהײַט אָנפירער פונעם סאָציִאליסטישן ארבעטער־אינטערנאציִאָנאל אָנגעהויבן אקטיוו אונטערהאלטן די ציִעניסטישע גרונט־דאָגמעס (וועגן א וועלט־ייִדנטום, וועגן דעם, אז דער אנטיסעמיטיזם איז אייניק, אז שאפן א ייִדישע „נאציִאָנאלע היים", דערנאָך אויך א ייִדישע מעלוכע אין פּאלעסטינע איז, קלוימערשט, דער איינציק מעגלעכער וועג צו לייזן די „ייִדן־פראגע", אאוו.) און אויך די ציִעניסטישע קאָלאָניזאציע פון דער „ערד פון די אָוועס". די לידערס פונעם סאָציִאליסטישן ארבעטער־אינטערנאציִאָנאל, וועלכע האָבן מיט ביטל (און אפילע פײַנטלעך) זיך באצויגן צו דער נאציִאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג פון די אראבער, האָבן מיט א ברייטער האנט געשטיצט די ציִעניסטישע סאָציִאל־שאָוויניסטישע און סאָציִאל־רעפאָרמיסטישע פּאלעסטינער פּארטיי „אכדוט האאוואָדא" (געוועזענע פּאָעלע־ציִעניסטישע פּארטיי) און דורך איר פּראקטיש — די גאנצע ציִעניסטישע באוועגונג.

דער קורס, וועלכן די לידערס פונעם סאָציִאליסטישן ארבעטער־אינטערנאציִאָנאל האָבן גענומען, — דערשלאָגן זיך די אנערקענונג פונעם ציִעניסטישן „סאָציִאליזם", — איז ניט געווען קיין צופעליקער, ער האָט געצויגן זײַן יעניקע פון דער אידעאָלאָגיע און סטראטעגיע פון דער אָנפירונג פון דער אינטערנאציִאָנאלער סאָציִאל־דעמאָקראטיע אינעם פּעריִאָד צווישן די צוויי וועלט־מילכאָמעס.

דער ענגער בונד צווישן דער רעכטער סאָציִאל־דעמאָקראטיע און די סאָציִאל־ציִעניסטן איז אופגעקומען אף דער באזע פונעם סאָציִאל־רעפאָרמיזם, סאָציִאל־נאציִאָנאליזם, אנטיקאָמוניזם און אנטיסאָוועטיזם. נאָך דעם, ווי אין מײַ 1948 איז פּראָקלאמירט געוואָרן ייִסראָעל, האָבן די סאָציִאל־דעמאָקראטישע פּארטייען, אלס קלאל, פולשטענדיק אונטערגעהאלטן קימאט אלע אקציעס פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון דער מעלוכע און פאקטיש אויך די אָנפירער פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם. אין 1956, לעמאָשל, האָט די מערהײַט לידערס פונעם סאָציִאליסטישן אינטערנאציִאָנאל אפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן קעגן דעם, וואָס ייִסראָעל באטייליקט זיך אין דער אגרעסיע פון ענגלאנד און פראנקרײַך קעגן עגיפּעט. די אגרעסיע פון ייִסראָעל קעגן די שכייניש אראבישע מעלוכעס אין 1967 — די „זעקסטאָגיקע מילכאָמע" — האָבן די אָנפירנדיקע קרײַזן פונעם סאָציִאליסטישן אינטערנאציִאָנאל פּראָקלאמירט אלס גערעכטיקע „שוץ־מילכאָמע". א סאך סאָציִאל־דעמאָקראטישע טוער האָבן פאקטיש ניט געלייגט קיין אכט דערויף, וואָס די אראבישע באפעלקערונג פון ייִסראָעל לעבט אין באדינגונגען פון ווילקירלעכער דיסקרימינאציע, מע האָט ניט געהערט פון זיי קיין קריטיש וואָרט קעגן דעם ציִעניסטישן שאָוויניזם, קעגן דעם מיליטאריזם, וואָס האלט אין איין וואקסן אין ייִסראָעל, קעגן דעם פאקטישן קורס צו ארומשנײַדן און מאכן אלץ באגרענעצטער און פּוסטער די בורזשואזע דעמאָקראטיע.

נאָך מער: אין די ארויסטרעטונגען פון א טייל לידערס פונעם סאָציִאליסטישן אינטערנאציִאָנאל און פון דער מערהײַט פּארטייען, וועלכע גייען אין אים ארײַן, איז ייִסראָעל ביז דער לעצטער צײַט אפּישירט געוואָרן אלס „סאמע דעמאָקראטישע", „האלב־סאָציִאליסטישע" און אפילע „גאנץ־סאָציִאליסטישע" מעלוכע.

דער באוווּסטער טעאָרעטיקער פון דער סאָציִאל־דעמאָקראטיע יוליוס בראונטאל, וואָס איז אין 1949—1956 געווען גענעראל־סעקרעטאר פונעם סאָציִאליסטישן אינטערנאציִאָנאל, האָט אין 1971 געשריבן: „דער סאָציִאליזם אין ייִסראָעל איז א זעלטענער היסטאָרישער פענאָמען. מעדינאס ייִסראָעל איז געשאפן געוואָרן לויט דער איניציִאטיוו פון די סאָציִאליסטן. די סאָציִאליסטן רעגירן אין דער דאָזיקער מעדינע פונעם ערשטן טאָג אָן פון איר אופקום און זיי האָבן פארווירקלעכט אין דער פּראקטיק די סאָציִאליסטישע אידייען אין די עקאָנאָמישע, סאָציִאלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס".

אין דער סאָציִאל־דעמאָקראטישער אפּאָלאָגעטיק פון ייִסראָעל האָבן אין מעשעך פון פיל יאָרן געשפּילט א באזונדערע ראָליע אזעלכע אינסטיטוציעס, ווי די קיבוצים[1], דער היסטאדרוט, וועלכע זײַנען דערקלערט געוואָרן אלס „יעסאָד פונעם סאָציִאליזם", אלס „סאָציִאליסטישע אינדזלען" אָדער אלס „באזע, וואָס זיכערט די אנטוויקלונג אין דער ריכטונג פונעם

[1] גענויער וועגן דעם זע וו. אי. לענין, פולע זאמלונג פון די ווערק, 5־טע אויסגאבע, ב. 17, ז. 265—267.

[1] דאָ איז אמפּלאץ צו געבן אן אופקלערונג וועגן דעם טײַטש פון קיבוץ.

„קיבוץ" — דאָס איז א לאנדווירטשאפטלעכער ייִשעוו פון א קאָאָפּעראטיוון כאראקטער. דער באגריף פערזענלעך אייגנטום פון די מיטגלידער פונעם קיבוץ איז כאל נאָר אף כפייצים פון פערזענלעכן געברויך. די קיבוצים זײַנען אינגאנצן אָפּהענגיק פון די קאפּיטאליסטישע בענק, פון די שפּאָרקאסעס און פּריוואטע פירמעס, וועלכע עקספּלואטירן סײַ די קיבוצים, אלס אָרגאניזאציעס, סײַ די קיבוצניקעס. די לעצטע יאָרן באנוצן זיך די קיבוצים אלץ מער מיט לוין־ארבעט, אָנעמענדיק אלס לוין־ארבעטער אראבער און באקומענדיק אזויארום ביליקע ארבעטסקראפט.

סאָציאַליזם". מע האָט אַ סאַך געשריבן, אַז אין ייִסראָעל עקזיסטירט קלוימערשט „עגאַליטאַריזם"[1]. די לידערס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן ניט אויפגעהערט צו טײַנען, אַז ייִסראָעל איז אַ „סאָציאַלאָגישע לאַבאָראַטאָריע", אַ „מוסטער" פאַר די עקאָנאָמיש שוואַך אַנטוויקלטע לענדער פון אַפריקע און אַזיע, אויך פון לאַטײַן־אַמעריקע.

אין דער פאַרגאַנגענהײַט האָבן באַזונדערע רעכט־סאָציאַליסטישע לידערס אין אַזיע אויך אַרײַנגעטראָגן זייער כיילעק אינעם לויבן און רימען ייִסראָעל. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער געוועזענער פאַרזיצער פון דער פאָלקס־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אינדיע דזש. ב. קריפּאַלאַני געזאָגט אין 1957, אַז אין ייִסראָעל האָט ער „געזען מער סאָציאַלע און עקאָנאָמישע גלײַכהײַט איידער ערגעץ אַנדערש אין מיזרעך־אָדער מײַרעוו־אייראָפּע". „ייִסראָעל גיט אַזוי־אַרום, — האָט ווײַטער געזאָגט אָט דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, — אַ גרויסע לעקציע, באַזונדערס פאַר די שוואַך אַנטוויקלטע לענדער פון אַזיע און אַפריקע".

די פּאַרטיי מאַפּאַי, וועלכע הייסט איצט מאַי („אַרבעטס־פּאַרטיי פון ייִסראָעל"), שפּילט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ וויכטיקע ראָליע. מאַי, פּונקט ווי די „אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג", רעכנט זיך צווישן די גרינדער פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

נאָכן II קאָנגרעס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (אין אָקטיאַבער 1952) פאַרנעמט מאַפּאַי — מאַי אַ שטענדיק אָרט אין דער ביוראָ פונעם אינטערנאַציאָנאַל. די פאָרשטייער פון ייִסראָעל זײַנען פאַרטראָטן אויך אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־ראַט און פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט.

מאַפּאַי איז געווען זייער אַקטיוו בײַם שאַפֿן אין יאַנוואַר 1953, אויפן קאָנגרעס אין ראַנגון, די אַזיאַטישע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ, הגם דער פאָרשטייער פון מאַפּאַי האָט אין איר קיין אָנפירנדיקן פּאָסט אָפיציעל ניט פאַרנומען. דער אינדישער זשורנאַליסט און דיפּלאָמאַט ג. כ. דזשאָנסאָן, וואָס האָט דורך אייגענע באַאָבאַכטונגען און פאָרשונגען זיך באַקאַנט מיט דער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל און פונעם צווישנפעלקערלעכן ציוניזם, ווײַזט אָן, אַז אויב ייִסראָעל האָט אין משך פון עטלעכע יאָר געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָליע אין דער אַזיאַטישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז דאָס אַ דאַנק דעם, וואָס די ייִסראָעל־פּאַרטייען פאַרמאָגן גרעסערע פינאַנציעלע רעסורסן, איידער די אַנדערע פּאַרטייען, וועלכע זײַנען מיטגלידער פון דער אַזיאַטישער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ. „די פּאָליטישע דיווידענדן, וועלכע ייִסראָעל האָט באַקומען אין דער פאָרם פון פּאָליטישע קאָנטאַקטן מיט פאַרשיידענע אַזיאַטישע לענדער, — שרײַבט ווײַטער ג. כ. דזשאָנסאָן, — האָבן היפּש באַרעכטיקט די דאָזיקע הוציאָס".

די זעלבע פּאָליטיק פון אַ „מעקלער" און פון אַ „טראָיאַנישן פערד" האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל דורכגעפירט (מיט דער הילף פון היסטאַדרוט און מאַפּאַי — מאַי) אויך אין אַ סאַך לענדער פון אַפריקע און לאַטײַן־אַמעריקע.

אין טאָך גענומען איז מאַפּאַי געווען דער אָנפאַרטרויטער פאָרשטייער פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין דער אַזיאַטישער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ און האָט מיט דער הילף פון די רעכטע סאָציאַליסטן פון יאַפּאַניע און מאַלײַזיע געפּרוּווט (עמעס, אָן דערפאָלג) דערשלאָגן זיך דערצו, אַז אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער אַסאָציִירטער אָרגאַניזאַציע זאָלן אָנמיטלבאַר אײַנגעשלאָסן ווערן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אַז די אַזיאַטישע לענדער זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער פּאָליטיק פון נייטראַליזם.

אַף וויפל די אַזיאַטישע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ האָט צוליב אַ ריי סיבעס שוין אינמיטן פון די 60־ער יאָרן פאַקטיש ניט עקזיסטירט, האָט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל געשאַפן אין פעברואַל — מאַרט 1970 אַ ביוראָ פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַזיע און פון די לענדער פונעם שטילן אָקעאַן. די רעזידענץ פון דער ביוראָ האָט זיך געפונען אין סינגאַפּור. אויסער מאַי זײַנען אין דער ביוראָ אַרײַן פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: די לייבאָר־פּאַרטיי פון נײַ־זעלאַנד, די פּאַרטיי פון פאָלקס־אַקציעס (סינגאַפּור), די אויסטראַלישע לייבאָר־פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון דעמאָקראַטישע אַקציעס (מאַלײַזיע), די פּאַרטיי פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם (די רעכטע סאָציאַליסטן פון יאַפּאַניע), די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אינדיע, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון יאַפּאַניע און די פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון דאָרעם־קאָרייע.

אין דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ פון די פּאַרטייען — ביוראָ־מיטגלידער — האָט אין מײַ 1972 אין סינגאַפּור גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אַ דעלעגאַציע פון מאַי, בעראָש מיטן מיטגליד פונעם צק פון דער פּאַרטיי, פּאָליציי־מיניסטער ש. הילעל (דעם אויסוואַל פון אָט דער קאַנדידאַטור איז אין אַ געוויסער מאָס צו דערקלערן, ווײַזט אויס, דערמיט, וואָס ש. הילעל איז אַן אָפּשטאַמיקער פון איראַק, אַ „מיזרעך־ייִד").

אַף דער זיצונג פון דער ביוראָ אין 1972 איז אָנגענומען געוואָרן די „דעקלאַראַציע וועגן דער פּאָליטיק", ווו די ביוראָ־מיטגלידער האָבן באַשטעטיקט זייער טרײַהײַט צום „דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם". די ביוראָ האָט געענדערט איר נאָמען, אָנרופנדיק זיך „אַזיאַטיש־שטילאָקעאַנישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע". פאָרזיצער איז געוואָרן דער לידער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי פון נײַ־זעלאַנד, פּרעמיער־מיניסטער נאָר־

[1] אַ קליין־בורזשואַזע רעאַקציאָנערע טעאָריע, וואָס פּריידיקט דאָס אויסגלײַכן אייגנטום אַף דער באַזע פון אינדיווידועלער ווירטשאַפט.

מאַן קירק, וויצע־פּאַרזיצער — צווי אַרמאַר, דירעקטאָר פון דער אייראָפּעיִשער ביוראָ פון מאַי.

אַזויאַרום האָט מאַי אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אַקטיווקייט אינעם פאַרווירקלעכן די פּאָליטיק פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין די לענדער פון דער דריטער וועלט, קוידעמקאָל אין אַפריקע און אַזיע. די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל האָבן דערבײַ אויך געשטרעבט צו פאַרפעסטיקן זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאָזיציעס אין אַ ריי אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע לענדער.

די „סאָציאַליסטישע“ לידערס פון ייִסראָעל האָבן סיסטעמאַטיש אָפּגעשטאַט וויזיטן אין פיל פון די דאָזיקע מעלוכעס, אָרגאַניזירט באַגעגענישן, סעמינאַרן, קורסן, קאָלאָקוויומס פאַר די פּראָפּאַריינישע, פּאַרטייִשע, יוגנטלעכע טוער, פאַר די פרויען־אַקטיוויסטקעס, טוער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אין דער צוגרייטונג פון קאַדרען האָט די אָנפירונג פון דער צווישנפעלקערלעכער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן אַפריקאַניש־אַזיאַטישן אינסטיטוט פון אויספאָרשונגען אין געביט פון אַרבעט און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג (דער אינסטיטוט איז געשאַפן געוואָרן אין 1960 אַף דער באַזע פונעם „אַרבעטער־קאָלעדזש“ פון היסטאַדרוט אין תּעל־אָוויוו און באַ דער פינאַנציעלער שטיצע פון די אַמעריקאַנער געלע פּראָפּאַריינען, אויך פונעם כּײַפער צווישנפעלקערלעכן לערן־צענטער פאַר פרויען פון די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער). צום 1971 יאָר האָבן בלויז די קורסן באַם אַפריקאַניש־אַזיאַטישן אינסטיטוט פאַרענדיקט 2500 מענטשן פון 85 לענדער. די לידערס פון ייִסראָעל האָבן געהאָפט, אַז די דאָזיקע מענטשן וועלן מיטהעלפן צו פאַרווירקלעכן די פּלענער פון ייִסראָעל אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער און פּראָפּאַגאַנדירן דעם „לעבנס־אַרט פון ייִסראָעל“.

אין מײַ 1967 איז באַם צענטראַלן לערן־אַנשטאַלט פון דער פּאַרטיי מאַפּאַי—מאַי „בייט בערל“ (דאָס „בערל־הויז“, אָנגערופן לעקאָוועד דעם אָנגעזעענעם טוער פונעם ציוניסטישן „סאָציאַליזם“ בערל קאַצנעלסאָן) געעפנט געוואָרן דער אַזוי־גערופענער צענטער פון הײַנטצײַטיקן סאָציאַליסטישן געדאַנק. די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן צענטער — „שטודירן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער הײַנטצײַטיקער צווישנפעלקערלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און די פאָרמען פון אָנווענדן די אַנטשפּרעכיקע פּראָגראַמען און מעטאָדן פון דער טעטיקייט אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער“. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם דאָזיקן צענטער האַלטן פאַר איינעם פון זײַנע גרונט־צילן „פאַרפירן אַ דיאַלאָג וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק מיט יענע פּאַרטייען פון אַפריקע און אַזיע, וועלכע גייען ניט אַרײַן אינעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און האַלטן זיך ניט אַלס סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָבער זיי ווילן אויסנוצן אין דער פּראַקטיק די גרונט־פּרינציפּן פונעם סאָציאַליזם“. דער טוער פון דער מאַי־פּאַרטיי מ. בען־צווי האָט גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז די „דערגרייכונגען“ פון ייִסראָעל מאַכן די מעדינע פאַר אַן „אידעאַל אָרט אַף צו שטודירן די סאָציאַליסטישע טעאָריע אַף קאָנקרעטע בײַשפּילן“.

סימפּטאָמאַטיש איז דער פאַקט, וואָס גראָד אין כּײַפע איז (אין אַפּרעל 1960) פאָרגעקומען די פאַרברייטערטע סעסיע פונעם ראַט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכער עס האָבן גענומען אַן אָנטייל פאָרשטייער פון דער אַזיאַטישער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ און עס זײַנען באַטראַכט געוואָרן די פראַגן וועגן דער טעטיקייט פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין די לענדער פון דער דריטער וועלט. מיט איינער פון די גרונט־רעדעס, געווידמעט די פּראָבלעמען פון אַפריקע, איז אַף דער סעסיע אַרויסגעטראָטן דער דעמאָלטיקער אויסערן־מיניסטער און שפּעטער פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל, איינער פון די לידערס פון מאַפּאַי — מאַי גאָלדע מעיִר.

די סעסיע אין כּײַפע (אַגעוו, איז דאָס געווען די ערשטע און ביז פעברואַר 1973 די איינציקע זיצונג פונעם ראַט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן ניט אין אייראָפּע) האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט די רעפאָרמיסטיש־נעאָקאָלאָניאַליסטישע סטראַטעגיע און פּראָגראַם פון דער טעטיקייט פון דער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין די אַפריקאַניש־אַזיאַטישע מעלוכעס און האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט די ראָליע פון מאַפּאַי אַלס איינע פון די וויכטיקסטע שלאָג־קרעפטן פונעם אַזויגערופענעם „דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם“ אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער. די לידערס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן געשטעלט די דאָזיקע אויפגאַבע גראָד פאַר מאַפּאַי, ווײַל די אָנפירונג פון מאַפּאַי האָט זיי איבערצײַגט, אַז ייִסראָעל איז אַ יונגע מעלוכע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיטן אַרעאַל פון קאַמף קעגן די קאָלאָניזאַטאָרן, פאַר אומאָפּהענגיקייט, און בויט מיט דערפאָלג די „דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט“.

די כּײַפער סעסיע פונעם ראַט פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אויך געמאַכט אַ פּרווו צו אויפהייבן אַף קאָלערליי אויפאַנים דעם פּרעסטיזש פון מאַפּאַי אין די אויגן פון די דעלעגאַציעס און געסט פון די לענדער פון אַפריקע און אַזיע, קעדיי געבן דער דאָזיקער פּאַרטיי די מעגלעכקייט (פּאַראַלעל מיט דער ציוניסטישער און אַנטיאַראַבישער טעטיקייט, פּאַראַלעל מיט די מאָסמיטלען צו פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון ייִסראָעל) צו פאַרברייטערן איר אַנטיסאָוועטישע און אַנטיקאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אַף די דאָזיקע קאָנטינענטן.

אַ היפּשע אַקטיווקייט ווײַזט אַרויס מאַפּאַי — מאַי אין די לענדער פון לאַטײַן־אַמעריקע, וווּ זי נוצט אויך אויס די קאַנאַלן פונעם סאָציאַ־

ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַף צו פֿאַרפֿעסטיקן אירע פּאָזיציעס אין די קרײַזן פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און נאָענטע צו זיי פּאַרטייען, שטעלט אײַן פֿאַרבינדונגען מיט זיי, קעדיי פֿאַרשטאַרקן די אַלגעמיינע פּאָזיציעס פֿון ייִסראָעל און פֿונעם ציִעניזם אַפֿן לאַטײַן־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט.

אין 1962, לעמאָשל, האָט די ביוראָ פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל צעשיקט איבער 14 לענדער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע א מיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי מענטשן, איינער פֿון זיי — א פֿאַרשטייער פֿון מאַפּאַי. זומער 1972 האָט מאַפּאַי צוזאַמען מיטן מײַרעוו־דײַטשישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „עבערט־פֿאָנד" אָרגאַניזירט א ספּעציעלן סעמינאַר פֿאַר די פּאַרטייען, וועלכע גייען אַרײַן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער פֿאַר די נאָענטע צו אים לאַטײַן־אַמעריקאַנישע פּאָליטישע פּאַרטייען. די אָנטיילנעמער פֿונעם סעמינאַר האָבן, ווי עס האָט געשריבן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם ביולעטען פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל „סאָושעליסט אפערז" אַלאַן דעי, שטודירט די „דערפֿאַרונג פֿון ייִסראָעל אינעם לייזן די אַנטוויקלונגס־פּראָבלעמען".

אָבער די אַקטיוויקײַט פֿון מאַפּאַי — מאַי (און פֿון דער גאַנצער „צווישנפֿעלקערלעכער ציִעניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג") לויט דער ליניע פֿונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט די פּראָבלעמען פֿון דער דריטער וועלט. ביז ניט לאַנג צוריק זײַנען קימאַט אין יעדן נומער פֿונעם ביולעטען פֿון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל „סאָושעליסט אינטערנעשנל אינפֿאָרמיישן" (פֿון 1972 — „סאָושעליסט אפערז") געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען פֿון די טוער פֿונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (פֿון ייִסראָעל און אַנדערע לענדער), וועלכע האָבן פּראָפּאַגאַנדירט, באַרעכטיקט און געלויבט די פּאָליטיק פֿון דער ייִסראָעל־רעגירונג און פֿון דער אָנפֿירונג פֿון מאַפּאַי — מאַי. די ציִעניסטיש־„סאָציאַליסטישע" טוער טרעטן אָפּט אַרויס אַף די שפּאַלטן פֿון דער דאָזיקער אויסגאַבע מיט אַרטיקלען וועגן פֿאַרשיידענע „טעאָרעטישע" און אַלגעמיין־פּאָליטישע פֿראַגן.

אַפֿן XII קאָנגרעס פֿונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין ווין (יון 1972) איז ג. מעיִר איינמוטיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס איינער פֿון די אַכט שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פּאָרזיצער פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (פּאָרזיצער איז געווען דער עסטרײַכישער רעכטער סאָציאַל־דעמאָקראַט ברונאָ פּיטערמאַן).

אויסער מאַי איז א פֿולבארעכטיקטער מיטגליד פֿונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל די „אַלוועלטלעכע ציִעניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג" (געוועזענער „וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון סאָציאַליסטן־ציִעניסטן", נאָך פֿריִער „וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון ציִעניסטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען"). אַף די לעצטע וואַלן אין דער קנעסעט (אין דעקאָבער 1973) האָבן פֿאַר דער פּאַרטיי מאַי, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן אין א בלאָק מיט דער ציִעניסטישער לינקסאָציאַליסטישער פּאַרטיי מאַפּאַם („פֿאַרייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי"), געשטימט 621.183 וויילער, דה. זי האָט באַקומען 38,8 פּראָצ. פֿון דער אַלגעמיינער צאָל וויילער[1]. אין דער מײַרעוודיקער, דערונטער אויך אין דער ציִעניסטישער, פּרעסע פֿיגורירט אָפּט דער נאָמען „ייִכוד אַלאָמי" („וועלט־פֿאַרבאַנד"). אין איר איצטיקן אויסזען עקזיסטירט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פֿון אויגוסט 1932, אָבער אויפֿגעקומען איז זי, ווי די אָנפֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע באַהויפּטן, אין 1907, ווען אין האַאַג איז געשאַפֿן געוואָרן דער אַזויגערופֿענער וועלט־פֿאַרבאַנד „פּאָאַלע־ציִאָן". לויט די פּובליקאַציעס פֿונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואַקסט די צאָל מיטגלידער פֿון דער „אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג", באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן. אין 1959 — 1961 האָט זי געהאַט 100 טויזנט מיטגלידער, אין 1969—350 טויזנט. ווען די דרײַ ציִעניסטישע „אַרבעטער"־פּאַרטייען פֿון ייִסראָעל האָבן זיך פֿאַרייניקט (אין יאַנוואַר 1968), איז אַף דער קאָנפֿערענץ אין ירושאַלאַיִם פֿאָרגעקומען די פֿאַרייניקונג פֿון די סאָציאַל־ציִעניסטישע אויסלענדישע פּאַרטייען. די שטאַבקוואַרטיר פֿון דער „באַוועגונג" געפֿינט זיך אין ירושאַלאַיִם, איר גענעראַל־סעקרעטאַר איצחאָק קאָרן איז א מיטגליד פֿון צק פֿון דער פּאַרטיי מאַי, אויך א מיטגליד פֿון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — פֿון דער ייִדישער אַגענץ.

די פּאַרטיי מאַי ווערט אָפֿיציעל באַטראַכט מיצאַד דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און די פּאַרטייען, וועלכע גייען אין אים אַרײַן, אַלס גרונט־קערן פֿון „ייִכוד־אַלאָמי". אין דער באַגריסונג, וועלכע די ביוראָ פֿונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט געשיקט דער קאָנפֿערענץ פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע (אין 1955), איז געזאָגט געוואָרן: „פֿון אונדזער פֿיליאַריקער דערפֿאַרונג ווייסן מיר אויך, אַז איר, די ציִעניסטן־סאָציאַליסטן, זײַט הייסע אינטערנאַציאָנאַליסטן, דערפֿאַר ווײַל איר זײַט — ציִעניסטן. איר שענקט שטענדיק פֿיל קויכעס דער אויפֿגאַבע פֿון קאָנטאַקטירן אײַערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען מיט די פּרינציפּן פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. איר האָט טרײַ און איבערגעגעבן זיך באַטייליקט אינעם אויפֿלעבן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין האַמבורג אין 1923 און אין זײַן אַרבעט נאָכן אויפֿשטעלן אים אין 1951".

דער ציטירטער טעקסט באַווײַזט אָן איבעריק מאָל, אַז די „באַוועגונג" איז א נעץ פֿיליאַלן פֿון דער ייִסראָעל־פּאַרטיי מאַי (פֿריִער מאַפּאַי)

[1] דאָס איז די קלענסטע צאָל שטימען, וואָס די פּאַרטייען מאַפּאַי—מאַי און מאַפּאַם האָבן באַקומען אין מעשעך פֿון דער עקזיסטענץ פֿון מעדינאַס ייִסראָעל. פֿון דעם איז צו זען, ווי שטאַרק אומצופֿרידן עס זײַנען די ברייטע באַפֿעלקערונגס־מאַסן פֿונעם לאַנד מיט דער פּאָליטיק פֿון די רעגירנדיקע קרײַזן.

און דינט אַלס געווער און אַלס אַגענטור פֿון אָט דער פּאַרטיי אין אַ ריי לענדער; דער ציטירטער טעקסט דעמאָנסטרירט אויך די מער ווי גינסטיקע באַצי:ונג פֿון די לידערס פֿונעם סאָצי:אַליסטישן אינטערנאַצי:אָנאַל צום צי:וניסטישן „סאָצי:אַליזם" און צום צי:וניזם ביכלל.

אין דער „אַלוועלטלעכער צי:וניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג" גייען איצט אַרײַן פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿירן זייער טעטיקייט ניט בלויז אין יי:סראָעל, נאָר אויך אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, קאַנאַדע, דאָרעם־אַפֿריקאַנישער רעפּובליק, פֿראַנקרײַך, אַרגענטינע, בראַזיליע, אַוסטראַליע, בעלגיע, האָלאַנד, עסטרײַך, אורוגווײַ, מעקסיקע, ווענעסועלע, קאָלומביע, פּערו, איטאַליע, דענעמאַרק, שווייץ, איראַן, טשילי.

דער סאַמע פֿילצאָליקער און אײַנפֿלוסרײַכער פֿילי:אַל פֿון דער „באַוועגונג" געפֿינט זיך איצט אין פּשאַ, ווו אין די ראַמען פֿונעם „צי:וניסטישן אַרבעטער־אַליאַנס" זײַנען פֿאַרייניקט פֿינף צי:וניסטישע „אַרבעטער"־אָרגאַניזאַציעס: די פּאַרטיי „פּאָאַלע־צי:אָן", די „ליגע צו שטיצן דעם האָרעפּאַשנעם יי:סראָעל", „פּיאָניר ווימען" („פּרויען־פּי:אָנערן"), „יי:כוד האַבאָנים" — דער בויער־פֿאַרבאַנד (אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע), „דער צי:וניסטישער פֿאַרבאַנד פֿונעם אַרבעטער־אָרדען", וועלכער ציילט אָן מער פֿון 100 טויזנט מיטגלידער. די צי:וניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון פּשאַ זײַנען אָפֿן ענגסטן אויפֿן פֿאַרבונדן מיט די אַמעריקאַנער געלע פּראָפֿאַרײַנען, מיט דער סאָצי:אַליסטישער פּאַרטיי פֿון פּשאַ[1] און מיטן „בונד", וועלכע פֿאַרנעמען אינעם סאָצי:אַליסטישן אינטערנאַצי:אָנאַל דעם רעכטן פֿלאַנג. צווישן די קעגנער פֿון אַנטשפּאַנונג אין די צווישנפֿעלקערלעכע באַצי:ונגען, פֿון אײַנשטעלן קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדענישן צווישן פּססר און פּשאַ איז אַמערסטן אַקטיוו דער בלאָק פֿון די צי:וניסטן מיט דעם רעכטן פֿליגל פֿון דער סאָצי:אַל־דעמאָקראַטיע.

די פּאַרטיי „פּאָאַלע־צי:אָן" אין ענגלאַנד איז פֿון 1916 יאָר אָן אַן אַסאָצי:ירטער מיטגליד פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי. אַ סך לידערס פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי זײַנען סיסטעמאַטיש אַרויסגעטראָטן און טרעטן אויך איצט אַרויס פֿון צי:וניסטישע און פּראָצי:וניסטישע פּאָזיציעס. „כאָטש איך האָב געהאַט מײַנע כלוקעדייעס מיט די אָנהענגער פֿון יי:סראָעל, — האָט געזאָגט איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי פֿון גרויס־בריטאַניע ריטשאַרד קראָסמען, — האָב איך אָט די כלוקעדייעס שטענדיק אויסגעדריקט ווי אַן אַבסאָליוטער צי:וניסט".

דער שטאַרקסטער אין לאַטײַן־אַמעריקע פֿילי:אַל פֿון דער „אַלוועלטלעכער צי:וניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג" געפֿינט זיך אין אַרגענטינע, ווו עס פֿונקצי:אָנירן פֿיר „צי:וניסטיש־סאָצי:אַליסטישע" אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער אַרגענטינער סאָצי:אַליסטישער באַוועגונג.

אין אַוסטראַליע האָט די צי:וניסטישע „סאָצי:אַליסטישע" פּאַרטיי ענגע קאָנטאַקטן מיט דער לייבאָר־פּאַרטיי. אין פֿראַנקרײַך האָבן די „אַרבעטער־צי:וניסטן", ווי עס ווערט געזאָגט אינעם אַרטיקל, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אויגוסט 1964 אינעם ביולעטען „סאָרשעליסט אינטערנעשנל אינפֿאָרמיישן", די „שטאַרקסטע גרופּע אין דער אָרטיקער צי:וניסטישער באַוועגונג". אין עסטרײַך פֿאַרנעמען די צי:וניסטן־„סאָצי:אַליסטן" אויך אײַנפֿלוסרײַכע פּאָזיציעס. אין ווין האָבן זיי די סאַמע באַדײַטנדיקע גרופּע אין דער יי:דישער קעהילע. אין קאַנאַדע אַרבעטן די סאָצי:אַל־צי:וניסטן אַקטיוו אין דער „נײַער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי".

די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גייען אַרײַן אין דער „באַוועגונג", פֿירן סיסטעמאַטיש אַן אַקטיווע טעטיקײַט אין די אינטערעסן פֿון די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון יי:סראָעל און פֿונעם צווישנפֿעלקערלעכן צי:וניזם, און דאָס הייסט — אין די אינטערעסן פֿונעם אימפּעריאַליזם.

קעדיי אַקטיוויזירן איר צי:וניסטישע טעטיקײַט אונטערן פֿאַלשן פֿלאַג פֿון „סאָצי:אַליזם", האָט די אָנפֿירונג פֿון דער „באַוועגונג" אינמיטן פֿון די 60־ער יאָרן געשאַפֿן אַן אינסטיטוט וועגן די פֿראַגן פֿון בילדונג, וואָס זאָל גרייטן אַקטיוויסטן און אינסטרוקטאָרן פֿאַר דער אַרבעט סײַ אין דער „באַוועגונג" גופֿע, סײַ אין די יי:דישע קעהילעס פֿון גאָר דער וועלט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענדערונגען אין דער וועלט, באַזונדערס אינעם ראַיאָן פֿונעם נאָענטן מיזרעך, אויך אין רעזולטאַט פֿון באַשטימטע פּראָצעסן, וועלכע קומען פֿאָר אינעווייניק אין דער צווישנפֿעלקערלעכער סאָצי:אַל־דעמאָקראַטיע, האָט אין דער לעצטער צײַט זיך אָנגעמערקט אין די אָנפֿירנדיקע קרײַזן פֿון אַ ריי סאָצי:אַליסטישע פּאַרטייען אַ געוויסער קער אינעם אָפּשאַצן דעם יי:סראָעל־אַראַבישן קאָנפֿליקט. דאָס האָט זיך געלאָזט פֿילן, לעמאָשל, אין דער אָפּשטימונג אינעם זיכערהײַט־ראַט און אַף דער גענעראַלער אַסאַמבליי פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס באַם באַטראַכטן די רעזאָליוציע וועגן דער לאַגע אַפֿן נאָענטן מיזרעך. אין דער אָפּשטימונג האָבן אָנטיילגענומען פֿאָרשטייער פֿון מעלוכעס, ווו בײַ דער מאַכט שטייען סאָצי:אַל־דעמאָקראַטישע אָדער קאָאַליציע־רעגירונגען (מיטן אָנטייל פֿון סאָצי:אַל־דעמאָקראַטן). דאָס האָט זיך געלאָזט פֿילן אויך אין די דאָקומענטן, וועלכע זײַנען אָנגענומען געוואָרן אַף אויטאָריטעטע באַראַטונגען פֿון פֿאָרשטייער פֿון די לענדער, וואָס זײַנען אָנטיילנעמער אינעם אַלגעמיינעם מאַרק, אין די דערקלערונגען פֿון אַ סך אָנגעזעענע לידערס פֿון די סאָצי:אַליסטישע פּאַרטייען.

אַ געוויסע איבערראַשונג פֿונעם טאָך און פֿון

[1] נאָך איר לעצטן צוזאַמענפֿאָר, פֿאָרגעקומען אין יאַנוואַר 1973, הייסט זי „סאָצי:אַל־דעמאָקראַטן פֿון פּשאַ".

די סיבעס פונעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך האָט זיך געלאָזט פילן אף דער באַראַטונג פון די לידערס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל דעם 11 נאָיאַבער 1973 אין לאָנדאָן. ניט געקוקט אף אלע באַמיִונגען פון גאָלדע מעיִר און פון אירע אקטיווע אָנהענגער, האָט אין רעזולטאט פונעם ווידערשטאנד פון אייניקע אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג ניט אייַנגעגעבן זיך אויסצואַרבעטן א געמיינזאַמען דאָקומענט, וועלכן די רעגירונג פון יִסראָעל און די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי מאַי וואָלטן געקאָנט אויסנוצן אין זייערע אינטערעסן. דער וויזיט פון א גרופּע לידערס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, בעראָש מיטן פאָרזיצער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון עסטרייַך, קאַנצלער פון דער עסטרייַכישער רעפּובליק ברונאָ קרייַסקי קיין עגיפּעט, סיריע און יִסראָעל (אין מארט 1974) האָט באַוויזן, ערשטנס, אַז באַשטימטע קרייַזן אין דער אָנפירונג פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אָנגעהויבן לייגן מער אכט אף די פּראָבלעמען פונעם נאָענטן מיזרעך און, צווייטנס, אַז עס באַווייַזן זיך אין זייער צוגאַנג צו די דאָזיקע פּראָבלעמען נייַע אספּעקטן, וועלכע זייַנען שוין פריִ פון דער פריִערדיקער איינזייַטיקייַט.

אין די רייען פון דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואַקסט דער פאַרשטאַנד, אַז א יושערדיקע פרידלעכע אייַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך איז מעגלעך בלויז אפן סמאַך פון די רעזאָליוציעס פונעם זיכערהייַט־ראַט נומ. 242 און נומ. 338 און אַז אַז עס איז נייטיק באַפרידיקן די געזעצלעכע רעכט פונעם אַראַבישן פאָלק פון פּאַלעסטינע.

דער אופקום פון א ריי פּאָזיטיווע מאָמענטן אין דער פּאָליטיק פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אפן נאָענטן מיזרעך רעדט נאָך ניט וועגן דעם, אַז דער אריבערגאַנג אין דער דאָזיקער פראַגע אף א מער רעאַלער פּאָזיציע, וועלכע אַנטשפּרעכט דעם גייַסט פון דער צייַט, קומט פאָר גלאַט, אָן זיגזאַגן און צוריקגענג. עס זייַנען נאָך ניט אויסגעלעבט געוואָרן די אַנטיוויסנשאַפטלעכע אָפּשאַצונגען פון די ציִעניסטישע דאָגמעס און פון דער פּראַקטיק פונעם ציִעניזם, באַ וועלכע עס האָבן לאַנגע יאָרצענדליקער זיך געהאַלטן א סאך סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לידערס.

איין זאך איז אָבער קלאָר: די פילאָסיפיקאַטאָרן פון דעם טיפּ „ציִעניסטן־סאָציאַליסטן" ווערן אַלץ מער און מער איזאָלירט אין דער צווישנפעלקערלעכער עפנטלעכער מיינונג.

## ביראָבידזשאַנער נייַעס

### א געזעלשאַפט פון ליבהאָבער פונעם בוך

אין ביראָבידזשאַן איז פאָרגעקומען די געגנטלעכע גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער אַלפאַרבאַנדישער פרייַוויליקער געזעלשאַפט פון ליבהאָבער פונעם בוך.

די קאָנפערענץ האָט געשאַפן א געגנטלעכע אָפּטיילונג פון דער אַלרוסלענדישער געזעלשאַפט פון ליבהאָבער פון דעם בוך, אף וועלכער עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א פאַרוואַלטונג און א רעווידיר־קאָמיסיע און דעלעגאַטן אף דער קאַנטישער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער געזעלשאַפט.

אין דער געגנט פונקציאָנירן איצט 188 ביבליאָטעקן מיט אַן אַלגעמיינעם ביכער־פאָנד פון 1 מיליאָן 682 טויזנט בענדער. מער פון 128 טויזנט אייַנוווינער פון די שטעט, אַרבעטער־יִשובים און דערפער זייַנען באַשטענדיקע לייענער פון די ביבליאָטעקן. הונדערטער ליבהאָבער פונעם בוך פאַרמאָגן פערזענלעכע ביבליאָטעקן.

### דער מיליאָניקער באַזוכער

מער פון א האַלבן יאָרהונדערט איז דורכגעגאַן זינט דער לעגענדאַרער וואָלאָטשייַעווקער שלאַכט, נאָר קיינמאָל וועט ניט פאַרוועלקט ווערן אין זיקאָרן פונעם פאָלק דער העראָיִשער העלדנטאַט פון די שלאַכטלייַט פון דער רעוואָליר־ציאָנערער פּאַרטיזאַנער־ארמיי, וועלכע האָט אין די יאָרן פונעם בירגער־קריג אָפּגעהאַלטן דעם היסטאָרישן זיג איבער די סאָנים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

צום דענקמאָל פון די געפאַלענע העלדן, אף דער סאָפּקע יונקאַראַן, גייען אָן אופהער מענטשן פונעם קאַנטישן צענטער כאַבאַראָווסק, פון ביראָבידזשאַן, קאָמסאָמאָלסק, וולאַדיוואָסטאָק און פון אַנדערע שטעט און דערפער.

לעצטנס איז אין מוזיי אף דער סאָפּקע פאַרעגיסטרירט געוואָרן דער מיליאָניקער באַזוכער.

## בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

# מענטשלעכע און קינסטלערישע געפאלנקײַט

דער נאָמען דזשיגאַן איז באַקאַנט דעם ייִדישן אוילעם נאָך פון יענע צײַטן, ווען מע פלעגט אין איין אָטעם, מיטאַמאָל אַ זאָג טאָן דעם צווילינג־נאָמען — דזשיגאַן און שומאַכער. דאָס איז געווען אַ הומאָרפול קינסטלעריש פּאָרל. דער ברייטער ייִדישער אוילעם פון אומעטום האָט אָנגעקוואָלן פון זיי. אַלע שאַפונגען פון יענעם רײַכן פּעריאָד זייערן זײַנען גענומען געוואָרן פונעם לעבן.

דאָס איז אָבער געווען אַמאָל. דאָס איז, קענטיק, אָפּגעשטאָרבן צוזאַמען מיט שומאַכערס טויט.

מיט פאַרדרוס האָט עס דערזען דער אוילעם פון מאָנטעווידעאָ אין טעאַטער „סאָליס".

דער אָנזאָג, אַז עס קומט צו אונדז גאַסטראָלירן דזשיגאַן מיט נאָך אַן אַרטיסטן־פּאָרל איז גוט אויפגענומען געוואָרן פון די מאָנטעווידעער ייִדן. דער טעאַטער „סאָליס" איז אָנגעפולט געוואָרן, ניט געקוקט אויף די שוין צו שטאַרק הויכע פּרײַזן. זיבן טויזנט פּעזעס פאַר אַן אָרט אין פּאַרטער און דרײַ טויזנט פּעזעס אין גאַליאָרקע ווײַזט אָן אויף דעם קאָמערציעלן כאַראַקטער פון דעם טעאַטער.

אָבער ניט דאָס אינטערעסירט אונדז, פּונקט ווי אַ סאַך אַנדערע צושויער, וועלכע האָבן גוטווילי ק געבראַכט דעם קאָרבן פון עטלעכע טויזנט פּעזעס. מע האָט געגלייבט צו טרעפן דעם אַמאָליקן דזשיגאַן פון די צײַטן דזשיגאַן־שומאַכער.

אָבער ווי אַנטוישט איז דער בעסערער טעאַטער־אוילעם געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז פון דעם אַמאָליקן פאָלקסטימלעכן קינסטלערישן גלאַנץ איז קיין זייכער ניט געבליבן. אָנשטאָט דעם האָט דזשיגאַן גאָר מעכאַבעד געווען דעם מאָנטעווידעער אוילעם מיט באַנאַלע וויצן „פאַר פאַרווײַלונג". „זיי האָבן דאָך גוט באַצאָלט", — האָט דזשיגאַן אַליין אין אַ וויץ אַ זאָג געטאָן.

אָבער זאָל קיינער ניט טראַכטן, אַז דזשיגאַן איז געקומען מיט אַן „ערנסטער פּראָגראַם".

די „ערנסטע פּראָגראַם" דזשיגאַנס, טאַקע אָן הומאָר און אָן געשמאַק, וועלכע האָט פאַרנומען די מערסטע צײַט פון דער פאָרשטעלונג, איז געווען אַף אַן אַנטיסאָוועטישער פּראָגראַם.

אויב פאַר דעם דזשיגאַן־טעאַטער איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע דורכצופירן פון דער בינע די שליכעס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג צו פאַרשפּרייטן דעם אַנטיסאָוועטיזם, באַליידיקן די סאָוועטישע פעלקער — מוזן מיר מודיע זײַן, אַז ער האָט אָט די שליכעס אויסגעפּילט.

מיר ברענגען ניט קיין „מוסטערן" פון די געשאָטענע „פּערל" בלויז דערפאַר, ווײַל מיר פילן גרויס דערעכערעץ פאַר אונדזערע לייענער און הויכן רעספּעקט פאַרן ייִדישן געדרוקטן וואָרט.

דאָס איז געווען אַ ריין ציִוניסטישע פּראָגראַם, אויסגערעכנט אַף אַרויסרופן בא די צושויער סינע צום ראַטנפאַרבאַנד, צו דער סאָציאַליסטישער וועלט.

צום לויב פון אַ סאַך מאָנטעווידעער ייִדן, האָבן מיר געקאָנט הערן בייסן איבערײַס קאָמענטאַרן: „דאָס איז ניט קיין טעאַטער", „ס'איז אַ כאַרפּע. ניטאָ הײַנט פאַר זיי (פאַר די ציִוניסטן) קיין קונסט, קיין טעאַטער, קיין דערעכערעץ פאַר גײַסטיקע שאַפונגען", „פון איין כאָסערדייעדיקער לײַדנשאַפט זײַנען זיי הײַנט קרענקלעך פאַרכאַפּט — פון אַנטיסאָוועטיזם, דאָס איז דאָך מעשוגאַס".

מיר ווילן צו דעם בלויז צוגעבן: אַזאַ קאָנצערט ווײַזט אָן מיט דער גאַנצער בוילעטקײַט אַף דער אידעאָלאָגישער יערידע פון דער ציִוניסטישער באַוועגונג. ער ווײַזט אויך אָן אַף דער מענטשלעכער און קינסטלערישער געפאַלנקײַט פון אַרטיסטן, וועלכע נעמען אַף זיך אַן אומדאַנקבאַרע, טרויעריקע אויפגאַבע דורכצופירן די העסלעכע פּאָליטישע שליכעס פון אַנטיסאָוועטיזם, פון זייער סינע צו מענטשן און פעלקער.

דער ייִדישער טעאַטער, מיינען מיר, איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַנדערע אויפגאַבעס, מיט אַנדערע, העכערע גײַסטיקע און קינסטלערישע צילן.

**א. ג ײ ע ר**

(„אונדזער פרײַנט", מאָנטעווידעאָ)

## קינסטלער
## יִיסאָסכאָר־בער ריבאַק

א מיידל מיט זאנגען

דאָס פאסטעכל

דער וואסערפירער

קלעזמער

א פאָרטרעט פון א מיידל

מאטאָנעס דער קאלע

דער קאָפּ פון א וואסערפירער

מעכוטענעסטע

# נאָך דער באַגעגעניש מיט מאָסקווע

מארק שאגאל וווינט אפן מיטללענדישן ברעגלאנד פון פראנקרײַך, אינעם אלטערטימלעכן שטעטל סען־פּאָל־דע־וואנס. פונעם שטעטל ביזן יאם איז א צוויי־דרײַ צענדליק קילאָמעטער. דעריבער, ווײַזט אויס, ווערט איר דאָ ניט טרעפן קיין רײַכע טוריסטן, וועלכע ציִען זיך צו די גאָלדענע פּליאַזשן און פּעשנעבעלע האָטעלן, קאזינאָ און רעסטאָראַנען אין ניצע, קאַן, מאָנטע־קאַרלאָ. וואָס איז שײַך סען־פּאָל, איז עס א שטעטל א האָרעפּאַשניק. פון קאדמונים לעבן דאָ ארבעטס־מענטשן — ווײַנטרויבנציכטלער, ווײַנמאכער. דאָ זײַנען פאראן פראַכטפולע פּרוכטסעדער און בלומען־פּלאַנטאַציעס. נאָר סען־פּאָל גופא מיט זײַנע שמאָלינקע געסלעך און קליינינקע געמיטלעכע פּלעצער איז אויסערגעוויינלעך מאָלעריש, פונקט אזוי, אגעוו, ווי די שכײַנישע שטעטלעך מיט זייערע געסעלעך און פּלעצער, פונוואַנען ס'איז צו זען די שפּיצן פון די פראנצויזישע אַלפּן. די קינסטלער פילן זיך דאָ באַזונדערס גוט. ניט אומזיסט האָבן אין אָט די ערטער אין פארשיידענע צײַטן געלעבט רענואר, מאַטיס, לעזשע, פּיקאַסאָ.

שאגאלס ווײַס הויז, געדעקט מיט טשערעפּיצע, שטייט קימאַט באַם ארויספאָר פון סען־פּאָל אין א געדיכטן פּאַרק. אָפּזוכן אָט דאָס הויז אָן דער הילף פון די היגע טוישעווים וואָלט געווען, ווײַזט אויס, ניט לײַכט. אין סען־פּאָל קען מען דעם „מעטר שאַגאַל" זייער גוט.

דער קינסטלער באַגעגנט אונדז אין זײַן געראַמען, ליכטיקן קאַבינעט, אין וועלכן דאָס פענצטער פאַרנעמט שיִער ניט א האַלבע וואַנט און גייט ארויס אין סאָד. דער בליק בײַ שאגאלן איז א שאַרפער און דורכדרינגלעכער, א פריילעכער און, וואָלט איך זאָגן, א שטיפערישער. די באַוועגונגען — לײַכטע און האַסטיקע. ס'איז פּאָשעט ניט צו גלייבן, אז ער איז אַלט זיבן און אכציק. איבעריקנס, ער אליין זאָגט, אז ער האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו ציילן זײַנע יאָרן.

דעם גאַסט פון מאָסקווע איז שאגאל מקבל־פּנים זייער האַרציק. די פאַראַיאָריקע רײַזע קיין סאָוועטנפארבאַנד, לויט דער אײַנלאַדונג פונעם קולטור־מיניסטעריום פון פּסס"ר, האָט געמאַכט אויף אים אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק. ער שמייכלט צאַרט, דערמאָנענדיק זיך די שפּאַצירן איבער מאָסקווע, די יעלן בײַ דער קרעמל־וואַנט, די שטענדיק פרישע בוקעטן פון לאַנדיש אין די צימערן פונעם מאָסקווער האָטעל. אַן עכטן פאַרגעניגן האָט אים פאַרשאַפט דער באַזוך אין דער טרעטיאַקאָווקע און אין רוסישן מוזיי, וווּ ער האָט לאַנג ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון אנדריי רובליאָווס, לעוויטאַנס, ווורובעלס, באָריסאָוו־מוסאַטאָווס לײַוונטן.

האַגאַם שאגאל לעבט פון 1923 אין פראנקרײַך און זײַנע ווערק זײַנען געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פראנצויזישער מאָלערישער קולטור, איז ער מיט די וואָרצלען זײַנע פאַרבונדן מיט רוסלאַנד. און אין דעם, ווי באַגײַסטערט ער רעדט וועגן דעם היימלאַנד, פילט זיך, אז אים זײַנען טײַער די ווײַטע דערינערונגען. אָט האָט אים אויך אין לענינגראַד דער זיקאָרן ניט אונטערגעפירט — גלײַך געבראַכט צו דער געוועזענער שול פון דער „געזעלשאַפט פאַר מיטווירקן די קונסטן". איצט געפינט זיך דאָ די לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם קינסטלער־פאַרבאַנד. אהער איז ער, א שעמעוודיקער שילער, געקומען מיט העכער זעכציק יאָר צוריק. און אויך הײַנט, ווי ס'וואָלטן ניט געווען אָט די זעכציק יאָר, איז ער מיט דעם זעלבן נעשאָמע־ציטער געשטאַנען לעבן דעם קאַבינעט פון דעם דעמאָלטיקן שול־דירעקטאָר ניקאָלײַ רעריך.

מארק שאגאל און מײַע פליסעצקאיא

אָבער דעם שטאַרקסטן און טיפסטן אײַנדרוק האָבן אויף שאגאלן געמאַכט די באַגעגענישן מיט די סאָוועטישע מענטשן. ער האָט וועגן דעם געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" פאַר זײַן אָוועקפאָרן פון מאָסקווע. און הײַנט האָט ער דאָס ווידער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. דעם אַלטן קינסטלער זײַנען געווען צום האַרצן די ווונדערלעכע לעבנסלוסטיקייט פון די סאָוועטישע מענטשן, זייער ענערגיע, זייער מיזאַמקײַט, זייער דאָרשטיקער אינטערעס צו קונסט. דער באַרימטער פראנצויזישער קינסטלער ענגר האָט אַמאָל געשריבן: אויב עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו מאָלן מיט א בלײַער, דאַרף מען מאָלן מיט די אויגן. און שאגאל האָט בעשאַס זײַן באַזוך געמאָלט מיט די אויגן אומאויפהערלעך. ער האָט פאַרגעדענקט א סאַך געשטאַלטן, פיל מענטשן — אין די טעאַטערן, אין מוזייען, אויף די גאַסן, בײַ די מאָסקווער און לענינגראַדער פרײַנט.

אונדזער שמועס גייט, נאַטירלעך, אריבער צו שפּעטערישע פּראַגן — צו די ווערק, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפן פאַר דער לעצטער צײַט.

וואלענטינע גריגאָריעוונע, שאגאלס פרוי, דערציילט, אז אין אטעליע קומט ער אכט אזייגער אינדערפרי און ארבעט דאָרט מיט יוגנטלעכן ברען, אמאָל ביז שפּעט אין אָוונט.

— וואָס זאָל מען טאָן, — זאָגט, ווי פארענטפערנדיק זיך, דער קינסטלער, — ס׳ווילט זיך נאָך א ביסל אַן ארבעט טאָן. דאָס איז מײַן כיסאָרן.

און אפן ארבעטס־טיש זײַנען בא אים איצט אילוסטראציעס צו האָמערס „אָדיסייע“ (ניט ווייניקער, ווי פופציק) און צו אראגאָנס ציקל פּאָעמעס, א מאָזאַיִק פארן שטאָט־פּלאַץ אין טשיקאגאָ און זעקס וויטראזשן פארן ריימסער קאטעדראל.

מיקויעך דעם באַרוף פון א קינסטלער זאָגט שאגאל:

— קוקנדיק אף א בילד, קאָן איך שטענדיק זאָגן וועגן זײַן אווטאָר: אָט דער האָט כאסענע געהאט צוליב נאדן, און אָט יענער האָט טאקע אומייגננוציק ליב די קונסט. א מענטשן, וועלכער איז פארליבט אין זײַן ווײַב, גיבן אויס די אויגן, און א קינסטלער — די קאָמפּאָזיציע פונעם בילד, דער געפיל פון ראכוועס, די פארבן, די ליניע, וואָס ער האָט דורכגעפירט אפן לײַוונט, און דאָס, וויַאזוי ער האָט זי דורכגעפירט. אַן עכטן געפיל וועסטו ניט אויסבאהאלטן. שײַעך צו זאָגן — כאסענע האָבן דארף מען צוליב ליבע, און ניט צוליב נאדן, אויב דער קינסטלער איז ניט קיין סוינע זיך אליין און וויל ניט פאטערן זײַן טאלאנט.

אין ארבעטס־צימער בא שאגאלן, איבער זײַן שרײַבטיש, הענגט א גרויסער לײַוונט אין ווייכע רויטלעכע טאָנען. די פּאנאָראם פון א שטאָט. א דורכוויסיקע אָנהויפונג פון ווענט און דעכער. אין רעכטן ווינקל פונעם בילד שטרעקט א מענטש אויס דער שטאָט א בוקעט בלומען. אינעם לינקן ווינקל פארנייגט זיך איבער די דעכער א באָרוועס ייִנגל. ער האלט אין דער האנט א פּאליטרע און פּענדזלען. ס׳קאָן זײַן, איך האָב ניט פּינקטלעך אויסגעטײַטשט שאגאלס פּארטראכט, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס שיקט דער קינסטלער א גרוס זײַן לײַבלעכן וויטעבסק. דאָ איז ער געבוירן געווארן און אויסגעוואקסן. וויטעבסק מאָלט ער שטענדיק. און, ווידעראמאָל, אויב נאָר איך כאַפּ ריכטיק אוף די אידיי, פּארקערפּערט די דריטע פיגור מיטן גאָלדענעם אָרעאָל ארום קאָפּ אין דער טיפעניש פונעם בילד — דעם סימבאָל פון רום, באגײַסטערונג, שאפונג. און דאָס אלץ איז פארבונדן באם קינסטלער מיט זײַן געבורט־שטאָט.

שאגאל דערציילט:

— יונגע קינסטלער ברענגען אמאָל צו מיר זייערע ארבעטן. זיי מיינען, אז כ׳וועל זיך דערפרייען, געפינענדיק אין די בילדער א נאָכמאכעניש נאָך מײַנע בילדער, עפּעס ענלעכס אף מיר. אָבער ס׳איז ניט אזוי. וואָס פאר א זין האָט בלינדע נאָכקרימעניש? מע קאָן ספּריטנע קאָפּירן אויסערלעכע מאנירן. נאָר יעדער קינסטלער פארמאָגט עפּעס אייגנס, אַן אויסגעכאָלעמטס, אזעלכס, וואָס ער אליין האָט אויסגעווייטעקט, און שוין דערפאר אליין קאָן מען עס ניט איבערכאזערן — אָט דאָס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, אייגנטלעך, די נעשאָמע פון שאפונג. וויַאזוי זשע קען דער נאָכקרימער אויסדריקן דאָס, וואָס ער האָט ניט איבערגעלעבט, ניט געזען, ניט געוווּסט? פאר מיר איז דאָס טײַערסטע, מײַן אייגנס, מײַן ליבע — מײַן וויטעבסק. ווילנדיק — ניט־ווילנדיק, נאָר אין געדאנק טראָג איך זיך שטענדיק ארייַבער אף דער צווייטער פּאָקראָווסקע־גאס — אזוי האָט זי אמאָל געהייסן, — אין הויז, ווו כ׳האָב פארבראכט מײַן קינדהײַט. אפילע די פערספּעקטיוו פון מײַנע בילדער זע איך ביז איצט פון די פענצטער פון מײַן טאטנס הויז. אין דעם איז, ווײַזט אויס, מײַן גליק און מײַן אומגליק. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אײַך, צי קאָן מען דאָס נאָכמאכן? איך האָב זיך מײַנע פארבן, מײַן בלוט, און מע דארף ניט פּרוּוון דאָס שאפן קינסטלעך, אף א כימישן אויפן...

געזעגענענדיק זיך, קערט זיך שאגאל נאָכאמאָל אום צו די מאָסקווער און לענינגראדער אײַנדרוקן, דערמאָנט מיט דאנקבארקײַט דעם קאבאָלעס־פּאָנעם, וואָס מע האָט אים ארויסגעוויזן.

**ב. גאלאנאָוו**

(„ליטעראטורנאיא גאזעטא“)

יויסעף ברעגמאַן

# וועגן דעם קינסטלער יִסאָסכאָר־בער ריבאַק

י. ריבאַק. פּאָרטרעט פון יויסעף ברעגמאַן (1926)

יִסאָסכאָר־בער ריבאַק איז יונג אוועק פון דער וועלט, און עס גלייבט זיך ניט פּאָשעט, אַז אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעלעבט אינאַנצן 38 יאָר, האָט באַוויזן צו שאַפן אַזויפיל גלענצנדיקע קונסט־ווערק, וועלכע זײַנען אַרײַן אינעם אויצער פון אונדזער קולטור.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1897 אין יעליסאַוועטגראַד (איצטיקער קיראָוואָגראַד) און אָנגעהויבן מאָלן שוין פון די קינדער־יאָרן. די עלטערן האָבן ניט זייער באַוויליקט דאָס, וואָס דער יִנגערער זון איז פאַרכאַפּט מיט מאָלערײַ, אָבער טראָץ זייער ווילן קומט ער צו דרײַצן יאָר אָן זיך לערנען אַף די אַרטיקע מאָלערישע אָוונט־קורסן, ווו ער באַהערשט גלײַכצײַטיק אויך דעם פאַך פון אַ פאַרבער. דערנאָך לערנט ער זיך אין דער קִיעווער קונסט־שול (1911—1914).

אָט אַזוי הייבט זיך אָן ריבאַקס זעלבשטענדיקער קינסטלערישער וועג. ער קומט מיט זײַן ציקל „יִדישע טיפּן פון אוקראַיִנע“, מיט די ערשטע בילדער פונעם „שטעטל“־ציקל („די גאַס“, „קלעזמער“, „דער וואַסערפירער“). ביידע ציקלען זײַנען באַווירקט דורכן עקספּרעסיָאָניזם. ריבאַק זאָגט זיך אָפּ — ניט אָן דער ווירקונג פון שאַגאַלס קונסט — פון נאַטוראַליסטישע מעטאָדן, לייגנדיק דעם טראָפּ אַף קאָמפּאָזיציע.

די קִיעווער קונסט־שול גיט דעם יונגן מאָלער אַ מעגלעכקײַט זיך באַקאַנען מיט דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קונסט־וועלט. באַזונדערס האָט ער אין דעם צו פאַרדאַנקען אַלעקסאַנדרע עקסטער, אַ צענטראַלע פיגור אין דער דעמאָלטיקער קִיעווער מאָלער־סוויווע. ריבאַק זעצט פאָר זײַן אַרבעט איבערן ציקל „שטעטל“ — בילדער און צייכענונגען.

אין 1918 שאַפט ריבאַק זײַן אַקוואַרעלן־ציקל „פּאָגראָם“ — אַן אָפּקלאַנג אַף די גרויזאַמע דעניקיִנישע און פּעטליוריסטע רעציכעס. אין דעם זעלבן יאָר עקספּאָנירט ער אַף דער מאָסקווער אויסשטעלונג פון קינסטלער־יִדן זײַנע בילדער „לעגענדעס פון באַוואַדניקעס“ און „שאַבעס־מאַלקע“.

דאָס פרײַע לעבן, וואָס קומט אויף נאָכן זיג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן איבערן צאַריזם, באַגײַסטערט דעם קינסטלער אַף נײַער שעפערישקײַט. אין דער קונסט־סעקציע פון דער קִיעווער „קולטור־ליגע“ אונטעריכט ער מיט באַזונדערער ליבע די יעסוידעס פון מאָלערײַ פאַר באַגאַבטע קינדער, אַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר, שאַפט אַ ריי פּלאַקאַטן, נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין אויספורעמען רעוואָליוציאָנערע יאָמטוווים — גאַסן־מאַניפעסטאַציעס אין קִיעוו און אין מאָסקווע. מע פאַרטרויט אים אָנפירן מיטן קאָמיטעט פון דער ערשטער יִדישער קונסט־אויסשטעלונג אין קִיעוו (סקולפּטור, גראַפיק און צייכענונג), וועלכע עס אָרגאַניזירט די „קולטור־ליגע“.

אין 1921 פאָרט ריבאַק אַריבער קיין בערלין, ווו ער פאַרברענגט קאַרגע דרײַ יאָר. די בערלינער אומגעבונג איז ניט שטאַרק גינסטיק פאַר זײַן שעפערישער אַרבעט. אינעם מישמאַש פון קונסט־ריכטונגען, וואָס הערשט דאָרט, געפינט ער ניט קיין אייגענעם וועג. אַ געוויסע צײַט ווערט ער פאַרכאַפּט מיט דער קוביסטישער ריכטונג. אָנשטאָט די פריִערדיקע לעבעדיקע, האַגאַם אָפּט דעפאָרמירטע געשטאַלטן הייבן זיך אָן בײַ אים באַווײַזן אַבסטראַקציעס — פיגורן און פאָרטרעטן, וועלכע באַשטייען פון קאָמבינאַציעס פון געאָמעטרישע און סטערעאָמעטרישע ליניעס. די מער באַדײַטנדיקע פון זיי זײַנען „שטיל לעבן מיטן אַלעפבייס“ (1921), „שטיל לעבן מיטן זילבערנעם באָקאַל“ (1922), „פּאָרטרעט פון פּערל ק.“ (1923).

קיין אויסדריקלעך אייגענעם סטיל געפינט ער ניט אויך בײַם אילוסטרירן אַ ריי קינדער־ביכלעך (מײַסעלעך און לידער) פאַרן סאָוועטישן מעלוכע־פאַרלאַג און פאַרן בערלינער פאַרלאַג „שוועלן“, אַפילע ניט בײַם אילוסטרירן פאַרן „יִדישן ליטעראַרישן פאַרלאַג“ ל. קוויטקאָס גרעסערע לידער־זאַמלונג „גרין גראָז“, דערשינען אין בערלין אין 1922.

אין אָט די יאָרן ווערן אָרגאַניזירט ריבאַקס עטלעכע אויסשטעלונגען, נאָר אַ סאַכאַקל פון זײַן אַרבעט מאַכט ער אין סאָף 1923, עקספּאָנירנדיק 9 צייכענונגען פונעם ציקל „יִדישע טיפּן פון אוקראַיִנע“, 19 בילדער און צייכענונגען פונעם ציקל „שטעטל“, 11 אַקוואַרעלן פונעם „פּאָגראָם“־ציקל, 8 פּאָרטרעטן און נאָך אייניקע ווערק — צוזאַמען 71 בילדער, אַקוואַרעלן און צייכענונגען, ווי אויך אַ היפּש ביסל צייכענונגען פאַר קינדער. אין 1923 איז אַרויס פון דרוק ריבאַקס גרונט־ווערק — אַ גרויסער אַלבאָם „מײַן כאָרעווער היים אַ געדעכעניש — שטעטל“. אין אָנהייב 1924 דערשײַנט אויך זײַן צווייטער גרויספאָרמאַטיקער אַלבאָם, וועלכער אַנטהאַלט 12 אָריגינאַל־ליטאָגראַפיעס, אין גרונט געצייכנטע נאָך אין 1915, אין סאַמע אָנהייב פון זײַן קינסטלערישער טעטיקײַט.

י. ריבאַק. פרישטיק אין פעלד

די דאָזיקע צוויי מאָנומענטאַלע אַלבאָם־זאַמלונגען שטעלן בעליסאָפּעק מיט זיך פאָר א גלענצנדיקן דענקמאָל דעם אָפּגעשטאָרבענעם ייִדישן געטאָ־שטעטל, אַנטפּלעקן די אייגנאַרטיקע כאַראַקטעריסטיש־טיפּישע געשטאַלטן פון די שטעטלשע ייִדן פון אונדזער נאָענטן אָוואַר. עס ווערט געשילדערט אין זיי דאָס אויסגעמאַטערטע לעבן פון די טכום־ייִדן, זייער פאַרוואָרלאָזטער שטייגער, די ביטערע פּאַרנאָסעס, און אײַנצײַטיק — די דווירעסדיק אָנגעזאַמלטע גײַסטיקע און מאָראַלישע ווערטן.

צעטומלט אין ווירבל פון די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע, פאַר אים נײַע, קונסט־שטרעבונגען, האָט ריבאַק פאַרזוכט דעם טאַם פון קוביסטישן סטיל, זיך א ביסל אָנגעשטעקט מיט אַבסטראַקטע פּרוּוון, צוגערירט זיך אויך צום קאָנסטרוקטיוויזם און סופּרעמאַטיזם. ער פילט זיך ניט שטאַרק היימיש אין קיין איינער פון אָט די ריכטונגען, געפינט ניט אין זײַן בערלינער אומגעבונג קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס, און ער כאַפּט זיך אָן פאַר א באַקומענעם פון אַ־מינסק פאָרשלאָג קינסטלעריש אויסצופורעמען איינעם דאָרטיקן ייִדישן מעלוכע־טעאַטער די שטעלונג פון פּערעצעס „אין פּאָליש אף דער קייט״.

קומענדיק אין סאָוועטישן ווײַסרוסלאַנד, דערפילט זיך ריבאַק אין זײַן אַלטער היימישער סוויווע. מיט אַמאָליקן ברען שאַפט ער אין אַן עקספּרעסיאָניסטישער אופאַסונג, עטוואָס פאַרפײַנערט מיט קאָנסטרוקטיוויסטישע עלעמענטן, א מאָנומענטאַלן מאַקעט פון אַן איזאָלירטן פון דער אַרומיקער וועלט ייִדישן שטעטל מיט א בעסמעדרעש אינמיטן, צו וועלכן עס פירן אַלע געסעלעך. הויקערדיקע פיגורן, מעשונעדיקע קליידונג, אָפּשטויסנדיקע געזיכט־מאַסקעס, מיט וועלכע דער קינסטלער האָט אויסגעפּוצט די שטעטלשע רעדלפירער, האָט אין א היפּשער מאָס צוגעשפּילט צו פאַרשאַרפן דעם קאָנפליקט מיט זיי מיצאַד די אָרעמע שיכטן, צו צעפלאַקערן דעם אויסגעבראָכענעם קעגן זיי בונט — דעם רוקנביין פון פּערעצעס פּיעסע.

שפּעטער נעמט ריבאַק אף זיך די קינסטלערישע אויספורעמונג פון צוויי שטעלונגען אין דער ערשטבאַשאַפענער כאַרקאָווער ייִדישער טעאַטער־סטודיע (שפּעטערדיקער כאַרקאָווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער) — „פּורים־שפּיל״ אין 3 אַקטן און „אין ברען״ — א רעוואָליוציאָנערע כראָניק. פון די צוויי שטעלונגען האָט זיך ריבאַקן באַזונדערס אײַנגעגעבן די ערשטע, וועלכע איז לעכאַטכילע פאַרטראַכט געוואָרן אַלס א פריילעכער ייִדישער „באַלאַגאַן״, געבויט אף פּרימיטיוון פאָלקלאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבט אין גאַנג פון פילהונדערטיאָריקן פאָלקסטימלעכן אויסנוצן די טעמע פון דער פּורים־שפּיל. די רעזשי (ע. לויטער) און דער קינסטלער האָבן אַרײַנגעטראָגן אין ספּעקטאַקל א שלאַל פריילעכע באַוועגונג, פאַרב, וויץ, כויזעק. ריבאַקס מאַסקעס, זײַנע קאָסטיומען (דעם לויפערס שעלראָש־היטל, פּורים־הוטן אף די קעפּ, בײַכער, וואָס הענגען אַראָפּ, האָרבאַטע רוקנס, דאַמען־פּאַנטאַלאָנען אין געמיש מיט לאַפּסערדאַקן און אַפילע טאַלייסים) העלפן צו שאַפן א לוסטיקן, פאַרביקן קאַרנאַוואַל.

לויט דער באַשטעלונג פונעם פאַרלאַג „קניגאָספּילקאַ״ און פון דעם מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע, שאַפט ריבאַק אילוסטראַציעס פאַר א ריי קינדערביכער, דערונטער פאַר לייב קוויטקאָס לידער־זאַמלונגען „קאַרל און עזראָ״, „מע שליסט אויס דער פאַר״, „רינג אין רינג״ און אַנד.

דער קינסטלער באַשליסט פאַרווירקלעכן זײַן טרוים — מאַכן א רײַזע אין די ייִדישע קאָלאָניעס אין דאָרעם־אוקראַיִנע און קרים. וועגן דעם שרײַבט ער אין פאָרוואָרט צו דעם שפּעטער־דערשינענעם אַלבאָם:

„אָפט פלעגן מיר מײַנע פרײַנט זאָגן: „אָט גיט א פאָר, טאַקע איר, ריבאַק, וואָס איר קענט נאָך דעם אײַנגעהויקערטן, קליינשטעטלדיקן, בלאַסן ייִדן, דעם הענדלער, מעקלער, סויפערל, לאָזט זיך אַראָפּ אַהין, אין די כערסאָנער סטעפּעס, ווו ייִדן האָבן דערפילט די ערד, און איר וועט פאַרגעסן די הויקערס און בלאַסע פּענעמער, איר וועט זען א נײַעם, געזונטן, שטאָלצן ייִדן״. עס האָט זיך מיר טכילעס טאַקע ניט געגלייבט אין די ניסים, וואָס איך האָב געהערט דערציילן, עס האָט זיך מיר געגלוסט אַליין, מיט מײַנע אייגענע אויגן, זען, מיט מײַנע הענט מאַמעש א טאַפּ טאָן אָט דעם נײַעם ייִדן, דעם פּויער, וואָס גייט מיט געזאַנג אין פעלד און האָט פאַרגעסן אין זײַן מיסכער און קלייטל. איך בין אַוועק אין די

סטעפעס, אף די ייִדישע פעלדער. צוויי כאדאָשים בין איך ארומגעפאָרן איבער די נײַע ייִדישע דערפער אין כערסאָנער און, טיילווײַז, קרימער קרײַז. איך האָב געלעבט מיטן ייִדישן פויער, געטיילט מיט אים זײַן געלעגער, געגעסן זײַן קארטאָפל מיט ברויט, צוגעקוקט, ווי ער לעבט און ארבעט,— און דער ווונדער, וואָס איז פאר די עטלעכע יאָר געשען, איז פאר מיר ניסגאלע געוואָרן".

באגײַסטערט פון זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן, דערפילט דער קינסטלער א פעסטן באָדן אונטער די פיס. ער וויל וואָס מעגלעך גיכער מאכן א סאָף צו זײַנע פרעמדלענדישע זוכענישן, ליקווידירן זײַנע דאָרטיקע איניאָנים. אין די הארבסט־כאדאָשים פון 1926 אין ער צוליב דעם שוין אין פאריזש, ווו ער איז פארטאָן אינעם אונטערפירן א קינסטלערישן סאכאקל פון זײַן רײַזע איבער די ייִדישע קאָלאָניעס. און נאָך פארן סאָף יאָר גיט ער איבער אין דרוק א ברייט פארטראכטע בילדער־זאמלונג „אף די ייִדישע פעלדער פון אוקראַינע". זי שליסט אײַן אויסגעפילטע אין ציכטיקן רעאליסטישן סטיל 21 צייכענונגען, צווישן זיי „דער פרישטיק אין פעלד", „דאָס פאסטעכל", „מיטן טראקטאָר אין פעלד", „א ייִדישער הויף אין קרים", „די קיך אונטערן הימל", „צוריק פון פעלד", „א מיידל מיט זאנגען", „אין שניטצײַט". די צייכענונגען גיבן א פילזײַטיק בילד פון נעם לעבן און פון דער ארבעט פון דעם נײַ־אופגעקומענעם ייִדישן האָרעפּאשניק. ליכטיקע פּענעמער, פאראָרעוועטע הענט, אויסגעגלײַכטע רוקנס — דער הייפעך צו ריבאקס פריִערדיקע פארומערטע, אײַנגעהויקערטע שטעטלשע פערסאָנאזשן.

„ס'איז שווער דער ערשטער פּרוּוו", — האָט רײַבאק אָנגעשריבן אף דעם נומערירטן עקזעמפּליאר (נום. 181) פון אָט דעם לעצטן אלבאָם, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אין אָנהייב נאָיאבער 1927 פון פאריזש. געוויס, גלייב איך, האָט ער דערמיט געהאט בעדייע צו געבן אן אָנצוהערעניש, אז ער האָט ניט פארלאָרן די האָפענונג מאכן אף דעם געביט נאָך ווײַטערע פּרוּוון.

דערווײַל אָבער הייבט ער אָן ערעוו דעם געטרוימטן צוריקער אין ראטנפארבאנד גרייטן א רעטראָספּעקטיווע אויסשטעלונג, אין איינער פון די פאריזשער קונסט־גאלערייען, פון זײַנע ארבעטן אף פארשיידענע עטאפּן; ער שטרעבט צו באווײַזן, אז זײַן שפּעערישער וועג האָט אים געפירט פון קרענקלעך־אָנגעשפּאנטן עקספּרעסיאָניזם צו לעבנסלוסטיקע מאזשאָר־מאָלערישע פארבן.

אָבער דער פאריזשער קונסט־טומל פארכאפּט אים ווידער. אין „הארבסט־סאלאָן 1927" שטעלט ער ארויס אן אויסגעשפּראָכן פּסיכאָלאָגיש־עקספּרעסיאָניסטיש, עמעס דאָס מאָל א פארביק, בילד „דער בלינדער בעטלער", און גלײַך נאָכדעם באווײַזן זיך נײַע בילדער — „געגנדז", „דער שויכעט" אא., אויסגעהאלטענע אין דער אימפּרעסיאָניסטישער מאניר. מיר האָבן, צום באדויערן, גאָר קנאפּע ידיִעס וועגן זײַן ווײַטערדיקן לעבנס־וועג. זײַן טרוים וועגן צוריקערן זיך אין סאָוועטנפארבאנד האָט זיך, אפּאָנעם, אויסגעוועפּט אין די שווערע אומשטענדן פון זײַן פּערזענלעך לעבן. אָפּגעשטאנען פונעם קוואל, וואָס האָט געשפּײַזט זײַן שעפּערישקײַט, ניט געפונען אין די אויסלאנדס וועלכן־ניט־איז אנדערן אָנהאלט, ווערט ער אָן די אייגענע טעמע, בלײַבט, ווי מע זאָגט, בא א פּוסטן טיש.

פאר מײַנע אויגן ליגן צוויי קאטאלאָגן פון ריבאקס אויסשטעלונגען אין פאריזש אין 1928: אף איינער, אין יאנוואר, האָט ער אויסגעשטעלט 28 ווערק, עס ווערן אָנגערופן ניט זייערע טיטלען, נאָר די נומערן — נײַן אלטע צייכענונגען פון יאָרן 1917, 1918, און נײַנצן נײַע צייכענונגען און אקווארעלן פון 1926, 1927; אף דער צווייטער אויסשטעלונג, אין אָקטיאבער, אין דער „גאלעריי פון הײַנטצײַטיקער קונסט", האָט ער עקספּאָנירט 30 בילדער און צייכענונגען, זייערע טיטלען זײַנען אָנגעגעבן, זיי זאָגן אָבער איידעס, אז דער קינסטלער האָט ניט מער קיין אייגענע טעמע: פּייזאזשן, עפּיזאָדישער טיפּאזש פון מענטשן, פון באלעכאִים, און צופעליק, אפּאָנעם, האָבן פארבלאָנדזשעט אהער איינער אָדער צוויי מאָטיוון פונעם „שטעטל"־ציקל. איך קאָן דאָ ניט אָפּשאצן די קינסטלערישע ווערט פון אָט די אלע זאכן, אָבער ס'איז ניט מעגלעך צו פארשווײַגן דעם געפיל, אז אף דעם אלעמען ליגט א שטעמפּל פון א יוירעד, פון א גרויסן קינסטלער מיט גרויסע אויסזיכטן, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסן פון זײַן היימישער ערד, פון זײַן היימישן ארום און איז פארמישפּעט געוואָרן צו איבערלעבן א שעפּערישן שטילשטאנד.

נאָכן 1928 ווייסן מיר פון ריבאקן גאָרניט. די לעצטע יאָרן איז ער געווען שטארק קראנק. אין דעקאבער 1935 איז ער געשטאָרבן.

## פאַרשיידנס

### א גוטהאַרציקע טשערעפּאַכע

אָף א סעמינאַר וועגן ראַטעווען מענטשן אין אָפענעם יאַם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט אילאָילאָ, איז דער פיליפינישער לייטענאַנט מאַנאַ אַרויסגעטראָטן מיט זייער אַן אינטערעסאַנטער מיטיילונג.

די פּאַטרול־שיף, אָף וועלכער ס׳האָט געדינט דער לייטענאַנט, איז געשיקט געוואָרן אָף צו זוכן די יאַם־לײַט און פּאַסאַזשירן פונעם מאָטאָבאָט „אַלאָכאַ״, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן און דערטרונקען געוואָרן אינעם ראַיאָן פון זאַמבאָאַנג. אין 48 שאָ אַרום נאָך דעם, ווי די שיף איז דערטרונקען געוואָרן, האָט מען פון דער פּאַטרול־שיף דערזען א מענטשן, וואָס איז, ווי ס׳האָט צוערשט זיך אַלעמען געדוכט, געזעסן אָף א גרויס נאַפּט־פּעסל. ווען די שיף האָט זיך דערנעענטערט צום אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע, האָבן די יאַם־לײַט דערזען, אַז די פרוי, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, זיצט אָפן פּאַנצער פון א גיגאַנטישער יאַם־טשערעפּאַכע.

די פרוי האָט דערציילט, אַז די טשערעפּאַכע איז צוגעשוווּמען צו איר אײַנגיכן נאָכן אומקום פונעם מאָטאָבאָט און האָט זי אונטערגעהאַלטן אָפן וואַסער, ביז ס׳איז אָנגעקומען הילף. „איך וואָלט געהאַלטן די געשיכטע פאַר אַן אומגלייבלעכער, ווען איך זאָל אַליין ניט געווען זען מיט די אייגענע אויגן און דער גאַנצער עקיפּאַזש פון אונדזער פּאַטרול־שיף וואָלט ניט געווען קיין איידעס דערפון״, — האָט געמאָלדן דער לייטענאַנט מאַנאַ.

---

### א פאַמיליען־עקספּעדיציע

די גרענעצלער אָף א קובינישן קאַטיער זײַנען געווען אין פאַרלעגנהײַט, ווען אין אָפענעם יאַם האָט זיך באַוויזן א קליינינק זעגלשיפל אונטערן דרײַקאָליריקן בולגאַרישן פלאַג. אָבער אײַנגיכן האָט זיך די שטוינונג צעזייט, און אין די אָרעמס פון די טעמפּעראַמענטפולע קובינער איז ארײַנגעפאַלן דאָס פאָרפאָלק פּאַפּאַזאָווס, וואָס האָט לויט דער וויסנשאַפטלעכער פּראָגראַם „פּלאַנקטאָן״ דורכגעמאַכט א טראַנסאָקעאַנישן מאַרשרוט גיבראַלטאַר — קאַנאַדער אינדזלען — קובא.

דאָנטשאָ און יוליאַ פּאַפּאַזאָווס, יונגע געלערנטע פון וואַרנא, האָבן דורכגעפירט פּסיכאָפיזיאָלאָגישע פאָרשונגען אָף אַן אַקטועלער טעמע: צי קאָנען בלײַבן לעבן מענטשן, וואָס האָבן פון אַן אונטערגעגאַנגענער שיף זיך געראַטעוועט אָף א קליין רעטונג־שיפל און באַקומען אין מעשעך פון א לאַנגער צײַט א האַלבע נאָרמע וואַסער און שפּײַזן זיך דעריקערשט מיט פּלאַנקטאָן?

א סקרופּולעזע מעדיצינישע אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז דעם עקזאַמען אָף לעבנספייִקײַט האָט דער פאַמיליען־עקיפּאַזש, וואָס איז „גרינגער״ געוואָרן פאַר צוויי כאָדאָשים אָף 26 קילאָגראַם, פונדעסטוועגן מיט דערפאָלג אויסגעהאַלטן.

---

### געווידמעט אַלעקסאַנדער בלאָקן

מיט הונדערט יאָר צוריק, האַרבסט 1874 יאָר, האָט דער געלערנטער־באָטאַניקער א. נ. בעקעטאָוו לויט דער אייצע פון זײַן פרײַנט ד. אי. מענדעלייעוו זיך אײַנגעשאַפן הינטער מאָסקווע א ניט־גרויסע דאַטשע שאַכמאַטאָוואָ. „פאַר א גראָשן האָט מען געקויפט א גאַניידן־ווינקל ניט ווײַט פון מאָסקווע״, — האָט אין א צײַט אַרום דערציילט בעקעטאָווס אייניקל — אַלעקסאַנדער בלאָק. ער פלעגט קומען אַהער אַלע יאָר אין מעשעך קימאַט פון זײַן גאַנץ לעבן — פון 1881 ביז 1916 יאָר. אין די דאָזיקע ערטער האָט דער דיכטער געשעפּט באַגײַסטערונג פאַר א סאַך זײַנע לידער וועגן היימלאַנד.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אָנהייב אויגוסט 1970 יאָר, איז אין שאַכמאַטאָוואָ פאָרגעקומען דער ערשטער יאָמטעוו פון פּאָעזיע. אָט די יאָמטויווים זײַנען שוין געוואָרן טראַדיציאָנעלע. די מאָסקווער אײַנוווינער האָבן ליב באַקומען די מאָלערישע ערטער, ווו ס׳האָט געלעבט בלאָק.

עס זײַנען געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט אָף פאַרייביקן דעם אָנדענק פונעם גרויסן רוסישן פּאָעט אָף דער ערד, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט. אין סאָלנעטשנאָגאָרסק, בא דער שול אָף בלאָקס נאָמען, איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א בראָנזענער ביוסט פונעם דיכטער. אין טאַראַקאַנאָוואָ, לעבן שאַכמאַטאָוואָ, איז אָף זײַן נאָמען געשאַפן א ביבליאָטעק, ווו עס פונקציאָנירט א באַשטענדיקע אויסשטעלונג וועגן דעם דיכטערס לעבן און שאַפונג. די אויסשטעלונג האָט צוגעגרייט דער מעלוכישער ליטעראַטור־מוזיי. איבער דער ביבליאָטעק האַלט שעפטום די מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע. אָף דער אויסשטעלונג האָט זיך האַיאָר געעפנט נאָך איין אָפּטייל — „דעם דיכטערס קינדהײַט און יוגנט״. די ביבליאָטעק האָט צוגעגרייט סטענדן מיט נײַע ביכער.

דער באַוווּסטער פּאָעט פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי שרײַבט: „די פּאָעטישע באַגעגענישן אין שאַכמאַטאָוואָ דינען דער נאָבעלער זאַך פון מאָראַלישער דערציִונג פון די סאָוועטישע מענטשן, זיי דערהייבן דעם געפיל פון פּאַטריאָטישן שטאָלץ בא אונדזערע מיטצײַטלער״.

## דער יאם — א „פּאָטשטאַליאָן"

וואָס ווייסן מיר וועגן דער פלעשלעך־פּאָטשט? אַן ענטפער אויף אָט דער פראגע גיט די קאָלעקציע אויסשניטן פון צייטונגען און זשורנאלן, וועלכע עס האָט צונויפגעזאמלט דער מורמאנסקער זשורנאליסט וולאדימיר זשדאנאָוו.

די געשיכטע פון דער פלעשלעך־פּאָטשט גייט אוועק אין דער ווייטער פארגאנגענהייט. ס׳איז באוווּסט, אז קאָלומבוסעס קאראוועלן זיינען אריינגעפאלן אין א שרעקלעכן שטאָרם. דער גרויסער רייזנדער האָט דאַן איבערגעשריבן די סאמע וויכטיקע זייטלעך פונעם שיף־זשורנאל, פארכאסמעט זיי אין א פעסעלע און אריינגעוואָרפן עס אין יאם. אָט דעם „בריוו" האָט מען געפונען בלויז אין 359 יאָר ארום.

מיט דער יאם־פּאָטשט נוצן זיך ביז הייַנטיקן טאָג די איינוווינער פון די אינדאָנעזישע אינדזלען כאדילא און פּאַלאַן. די אינדזל־איינוווינער טרויען ניט איבעריקס אָן דעם דאמפער, וואָס ברענגט די פּאָטשט איין מאָל אין וואָך, און שיקן זייערע בריוו מיט די כוואליעס. די שטרעמונג, וואָס צירקולירט צווישן די אינדזלען, טראָגט אריבער די פלעשלעך צום ברעג שטענדיק אין איין און דעם זעלבן אָרט פונקט אין א מעסלעס ארום.

## אפן „פּאָלאָנעז" ארום דער וועלט

יעדערער, ווער עס האָט באזוכט די פוילישע אויסשטעלונג „30 יאָר סאָציאַליסטיש פוילן", האָט זיך מיסטאָם ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט בא דער יאכטע „פּאָלאָנעז". זי שטייט איצט אויף דער יאבאָשע. ס׳איז אָבער ניט שווער פאָרצושטעלן זיך די שטורעמס און אנדערע ניסיוינעס, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען אויסצושטיין דעם געוואגטן יאם־רייזנדער, וועלכער האָט אויף אָט דער יאכטע איינער אליין דורכגעמאכט א רייזע ארום דער וועלט.

דעם 21 דעקאבער 1972 יאָר האָט קשישטאָף באראנאָווסקי, אַן אינזשעניער לויט דער בילדונג און א זשורנאליסט לויט דער פּראָפעסיע, א ספּאָרטסמען מיט א 20־יאָריקן סטאזש, פארלאָזט דעם פּאָרט שטשעצין. ער האָט זיך אומגעקערט אהער אין 13 כאדאָשים ארום. פאר אָט דער צייט האָט דער יאם־רייזנדער געהאט אינגאנצן פיר סטאנציעס און האָט ארומגעקרייזט די וועלט לויט דער שווערסטער טראסע, דורכשווימענדיק די סאמע גרויזאמע לאנדפאסן — „די גוטע האָפענונג", „לעוויק" און „גאָרן".

„ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער כמורער ביין־האשמאָשעס אפן אויסערגעוויינלעך צעבושעוועטן יאם. איך פּרווו זיך אליין איינרעדן, אז דאָס אלץ איז נאָרמאל, נאָר אין דער זעלבער צייט זאָג איך צו זיך: אזעלכע כוואליעס וועסטו ניט זען ניט אין באלטישן, ניט אין צאָפנדיקן יאם... אינטערעסאנט צו וויסן, ווען וועט „פּאָלאָנעז" צעשמעטערט ווערן פון די דאָזיקע קלעפּ?"

אָט די שורעס זיינען גענומען פון די רעפּאָרטאזשן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער צייטונג „טריבונא לודו", ווו באראנאָווסקי ארבעט. שפּעטער זיינען זיי ארויסגעגעבן געוואָרן אין א באזונדער בוך „אפן „פּאָלאָנעז" ארום דער וועלט".

ניט לאנג צוריק האָבן די פוילישע לייענער זיך באקאנט מיטן בוך „דער וועג אויף גאָרן", אין וועלכן דער זשורנאליסט באראנאָווסקי דערציילט וועגן דעם, וואָס ס׳איז אויסגעקומען זען, פילן און איבערלעבן דעם יאם־רייזנדער באראנאָווסקין.

יע. פראלניקאָווא („וועטשערניאיא מאָסקווא")

---

## האָליוווּד אָן פאנפארן

מיט פופציק יאָר צוריק האָבן די גרינדער פון דער קינאָ־סטודיע מ. ג. מ. („מעטראָ־גאָלדווין־מייער") — איינעם פון די גיגאנטן פון דער האָליוווּדער אימפּעריע — ניט געקאָנט אפילע דערלאָזן דעם געדאנק, אז איר פופציקיאָריקער יובילײ וועט זיך פארוואנדלען בלויז אין א נעבעכדיקער דערמאָנונג וועגן איר אַמאָליקער מעכטיקייט. דער קינאָ־פעסטיוואל אין וואשינגטאָן לעקאָוועד דעם יובילײאר, אויף וועלכן מ׳האָט באוויזן 90 אלטע פילמען, איז גיכער פון אלץ א גאָב דער פארגאנגענהייט.

די האנדלס־מארקע מיטן ברומענדיקן לייב פלעגט זיך אמאָל באווייזן אויף הונדערטער קינאָ־לענטעס, וואָס זיינען אראָפּ פונעם קאָנווייער פון „מ. ג. מ".

זינט איר אנטשטייונג אין 1924 יאָר האָט די סטודיע „מ. ג. מ." דורכגעמאכט א ריי ציקלען פון אופשווונג און יערידעס, וואָס זיינען טיפּיש פאר דער אמעריקאנער קינאָ־אינדוסטריע.

מע האָט געפּאטערט מיליאָנען דאָלארן, מע האָט צוגעצויגן די פּאָפּולערסטע קינאָ־שטערן, פען־מייסטערס און ווירטואָזן פון דער קינאָ־טעכניק. און פונדעסטוועגן זיינען די פילמען געווען ניט מער ווי א בלייכע, פּאראַדירטע אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן. ס׳האָבן זיך געענדערט די געשמאקן פונעם צושויער, דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף דער רענטאבלקייט פון דער קאָמפּאניע, און די קאָנקורענץ האָט געצוווּנגען צו גיין אויף נייע ניט געהערטע הויצאָעס.

דאָס 1969־טע פינאנץ־יאָר האָט די „מ. ג. מ." פארענדיקט מיט א דעפיציט פון 35.366 טויזנט דאָלארן און איז אריבערגעגאנגען צו איינעם פון די קיניגן פון קאזינאָס אין לאס־וועגאס קערק קערקאָריאן. דער 20־מיליאָניקער קרעדיט פונעם טעכאסער באנק און דער 50־מיליאָניקער — פונעם מייַרעוור־דייטשישן זיכערן אים דעם פולן קאָנטראָל איבער דער „פאבריק פון מיראזשן". דאָס אויספארקויפן די קאָלאָסאלע טעריטאָריע פון דער „מ. ג. מ." האָט געדעקט די האלוואָעס. דאָס פארקויפן אויף די אאוקציאָנען דעם רעקוויזיט פון די צוויי טויזנט פילמען, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן פארן האלבן יאָרהונדערט, האָט אריינגעבראכט אייניקע דיווידענדן, נאָר ניט אופגעשטעלט די רעפּוטאציע און די געשעפטלעכע אקטיווקייט פון דער קאָמפּאניע. זי האָט זיך אריינגעלאָזט אינעם ביזנעס מיט האָטעלן, און פארן עקראן שטעלט זי צו אלס סימבאָלישע דערמאָנונג וועגן איר אָנגעהעריקייט צו דער קינאָ־אינדוסטריע בלויז זעקס פילמען א יאָר.

א. ארטאמאָנאָוו („איזוועסטיא")

# דער דאָרן, וואָס ברענט און קאָן ניט פאַרברענט ווערן

דער אלטגריכישער פילאָסאָף פּראָטאַגאָר (געלעבט אין די יאָרן 481—411 ביז אונדזער צײַטרעכענונג) האָט איינס פון זײַנע ווערק אָנגעהויבן מיט אזא פראַזע: „צי איז פאַראַן א גאָט אַף דער וועלט אָדער ניט, ווייס איך ניט״. די פרומאַקעס און דער קלער זײַנען געוואָרן אופגעטראָגן אַף אזעלכע אַפּיקאָרסישע רייד, און דער פילאָסאָף האָט געמוזט אַנטלויפן פון לאַנד. זײַנע ווערק אָבער זײַנען פאַרבליבן, און אין א ספּעציעלן דעקרעט איז באַפוילן געוואָרן צו פאַרברענען זיי.

מיט יאָרן שפּעטער האָט דער רוימישער אימפעראַטאָר אווגוסט געהייסן פאַרברענען אַלע ביכער וועגן אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע.

א שײַטער פון ברענענדיקע ביכער האָט געפלאַקערט באַ די פאַלאַץ־טויערן פונעם אימפעראַטאָר נעראָן, אין הימל זײַנען געפלויגן פונקען פון די סאַטירישע ווערק, אין וועלכע דער אימפעראַטאָר איז אויסגעלאַכט געוואָרן.

אפילע דער גרויסער האָמער האָט ניט אויסגעמיטן דעם שײַטער. דער אימפעראַטאָר קאַליגולא האָט פאַרבאָטן די עפּישע פּאָעמע „אָדיסייע״ און פאַרברענט אַלע אירע אָפּגעדרוקטע עקזעמפּליאַרן.

אין XIV יה. האָט די רוימישע קוריע געגרינדעט א הייליקן טריבונאַל, וואָס פלעגט פאַרורטיילן צום פאַרברענען די „שעדלעכע״ ביכער. א ביסל פריִער איז געגרינדעט געוואָרן א הייליקער טריבונאַל אויך פאַר מענטשן — די טרויעריק באַרימטע שפּאַנישע אינקוויזיציע.

לאָמיר דאָ באַמערקן, אַז דער ייִדישער קלער איז ניט אָפּגעשטאַנען פונעם קאַטוילישן. אין XIII יה. האָבן די ראַבאָנים פון דער שטאָט מאָנפּעליע (דאָרעם־פראַנקרײַך) געשריבן צו די „הייליקע״ אינקוויזיטאָרן: „איר שיקט אַף די שײַטערס אײַערע אַפּיקאָרסים. מיר וואָלטן אײַך געזאָגט א דאַנק, ווען איר העלפט אונדז מאַכן א סאָף אויך צו אונדזערע אַפּיקאָרסים. די ייִדישע פילאָסאָפישע ביכער ברענגען גרויס שאָדן אויך דעם קריסטנטום״... די אינקוויזיטאָרן האָבן זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן; זיי האָבן מיט כיישעק אָנגענומען די אײַנלאַדונג פון די ראַבאָנים; אין 1223 זײַנען אַפן מאָנפּעליערער מאַרק־פּלאַץ געפלויגן אין שײַטער די ווערק פון די ייִדישע דענקער. באַ דער „צערעמאָניע״ זײַנען בײַגעווען די קאַטוילישע אינקוויזיטאָרן און די ייִדישע ראַבאָנים. אין XVII יה. האָבן די אַמסטערדאַמער ראַבאָנים דאָס זעלבע געטאָן מיט די ווערק פון די פילאָסאָפן אוריִעל אַקאָסטאַ און באָרוך שפּינאָזע.

אין מיטלאַלטער איז דער בעסטער אַרגומענט אין די דיסקוסיעס צווישן דעם קלער און די פילאָסאָפן געווען — דער שײַטער. אַפן שײַטער האָבן געברענט די בעסטע ווערק און זייערע אַוטאָרן. אין אייניקע מײַרעוו־לענדער לעבט די דאָזיקע פינצטערע טראַדיציע אויך אין אונדזער צײַט.

אין שפּאַניע זײַנען פאַרבאָטן די ווערק פון קאַנט און געטע, שאָו און רעמאַרק. אין אירלאַנד האָט א צענזאָרן־קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פונעם דובלינער בישאָף פאַרבאָטן צו לייענען די ווערק פון סטעפאַן צווייג, טאָמאַס מאַן, לויִס סינקלער. צענזאָרן זײַנען ניט מעכויִעוו צו דערקלערן די סיבע פונעם פאַרבאָט.

אין דער דאָרעם־אַפריקאַנישער רעפּובליק איז אַפן שטרענגסטן אויפן פאַרבאָטן צו לייענען די ווערק פון טאָלסטאָי, זאָליאַ, גאָרקי, מאָפּאַסאַן, העמינגוויי — 600 ווערק. אין אָנהייב פון 1966 איז אין דער זעלבער רעפּובליק פאַרעפנטלעכט געוואָרן א רעשימע פון 11.220 פאַרבאָטענע ביכער.

די געשיכטע וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די שוידערלעכע געשעענישן פונעם 10 מײַ 1933 אין בערלין. פון אַלע ביכער־קראָמען, ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן האָט מען צוגענומען די ביכער, וועלכע זײַנען געווען אָפּגעמערקט אין א ספּעציִעלער רעשימע מיט געבעלסעס אונטערשריפט, — די ווערק פון מאַרקס, ענגעלס, לענין, ליבקנעכט, בעבעל, היינע, גאָרקי, ברעכט, מאַיאַקאָווסקי.

דער דײַטשישער שרײַבער סטעפאַן היים האָט, באַשרײַבנדיק די געשעענישן פון 10 מײַ 1933 אין בערלין, צוגעגעבן די היסטאָרישע ווערטער: „דער פאַרברענטער מאַרקס האָט באַזיגט דעם אונטערצינדער היטלער. דאָס פּראָגרעסיווע וואָרט האָט אָפּגעהאַלטן א זיג איבער דער ברומערײַ פון כײַעס, די זיטלעכקײַט איבערן באַרבאַריזם, דער שאָלעם איבער מילכאָמע...״

אין פעווראַל 1935 איז אַלבערט איינשטיין, וועלכער איז אַנטלאָפן פונעם היטלערישן דײַטשלאַנד, געווען פאָרזיצער אַף דער עפענונג פון א ניטגעוויינלעכער ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק איז קאָמפּלעקטירט געוואָרן פון ביכער, וואָס זײַנען פאַרברענט געוואָרן אינעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד.

די מענטשהײַט שטייט שוין אַף דער שוועל פונעם XXI יה., אָבער די שײַטערס פון דער פאַשיסטישער אינקוויזיציע הערן ניט אוף צו ברענען. דאָס מאָל אין טשילי. אין דער ווענעסועלער צײַטונג „נאַסיאָנאַל״ איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון העסוס ראָסאַס מאַרקאָנאָ אונטערן קעפּל „דער רעקוויִעם נאָך פאַרברענטע ביכער״. דער אַווטאָר שרײַבט: „פּינאָטשעט און זײַן קנופּיע האָבן באַפוילן צו פאַרברענען און אַליין אָנגעפירט מיטן עפנטלעכן פאַרברענען ביכער לויטן היטלערישן נוסעך. קעדיי אויסוואָרצלען „די מאַרקסיסטישע פּעסט״ אין טשילי.

אין די פלאַמען זײַנען אין די פאַרגאַנגענע צײַטן אומגעקומען און עס קומען אום ביז איצט פיל ביכער, וועלכע פאַרייביקן די שענסטע מענטשלעכע געדאַנקען. די שאָדנס זײַנען גוואַלדיקע — ניט ווייניק אוניקאַלע ווערק פון די גרעסטע מענטשלעכע דענקער זײַנען ענדגילטיק פאַרלוירן געגאַנגען פאַר די קומענדיקע דוירעס. אָבער צו דער מעמשאָלע פונעם פאַשיסטישן אַשמעדײַ נעמט א סאָף. זײַנע אייזל־פיס מיט די קאָפּיטעס ווערן אַלץ נאַקעטער, די פרײַהײַטליבנדיקע מענטשן דערקענען זיי. און דער פרײַהײַט־ווילן פון די פעלקער — דאָס איז א דאָרן, וואָס ברענט און קאָן ניט פאַרברענט ווערן.

י. גינעווסקי

■ ■ ■

# שרײַבער און ווערק
## נאטיצן אפן קאלענדאר

מיט 80 יאָר צוריק איז אין אאול קאָוקי־זערענג, טעדזשענער ראיאָן פון טורקמעניע, געבוירן געוואָרן דער טורקמענישער סאָוועטישער שרײַבער, העלד פון סאָציִאליסטישער מי בערדי קערבאבאיעוו.

ב. קערבאבאיעוו איז איינער פון די גרונטלייגער פון דער טורקמענישער סאָוועטישער ליטעראטור. דרוקן האָט ער זיך אָנגעהויבן אין 1923. אין דער געשיכטע פון דער טורקמענישער ליטעראטור האָבן געלאָזן א קענטיקן שפור זײַנע ווערק „די פרויען־וועלט" (1927), „די פארשקלאפטע" (1928), אין וועלכע ער באווײַזט דעם ביטערן גוירל פון דער טורקמענישער פרוי ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די פּאָעמע „אמו־דאריא" (1931) איז געווידמעט דער סאָציִאליסטישער בויונג. אינעם היסטאָרישן ראָמאן „דער אנטשיידנדיקער טראָט" ווערט באוויזן דער אָנטייל פון דעם ארבעטנדיקן טורקמענישן פאָלק אין דער סאָציִאליסטישער רעוואָליוציע, זײַן פרײַנטשאפט מיטן רוסישן פאָלק.

אין די מילכאָמע־יאָרן האָט ב. קערבאבאיעוו אָנגעשריבן די פיעסע „דער זון פונעם היימלאנד" (1941), די דערציילונג „קורבאן דורדי" (1942), די פּאָעמע „אײַלאר" (1943), די דראמע אין לידער „מאכטומקולי", אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דאָס געשטאלט פונעם גרעסטן טורקמענישן דיכטער, און אנד.

אין דער דערציילונג „אײַסאָלטאן פונעם לאנד פון ווײַסן גאָלד" (1951) איז ארויסגעפירט דאָס געשטאלט פון א טורקמענישער קאָלווירטניצע. אין 1957 איז דערשינען ב. קערבאבאיעווס ראָמאן „נעביט־דאג" — וועגן דעם לעבן פון די טורקמענישע נאפט־ארבעטער. ער איז דער אווטאָר פון דער קינדער־פּאָעמע „אפן קישעפדיקן בערגל" (1952).

ב. קערבאבאיעוו האָט איבערגעזעצט אף טורקמעניש ל. טאָלסטאָיס ווערק „כאדזשי־מוראט", „אנא קארענינא", א. גריבאָיעדאָווס „צאָרעס פון סייכל", מ. גאָרקיס „די מוטער", „מ. שאָלאָכאָווס „אופגעאקערטע רויערד", פיל לידער פון א. פושקין, אי. קרילאָוו, מוסא דזשאליל און אנד.

געשטאָרבן איז בערדי קערבאבאיעוו דעם 23 יול 1974.

הײַנטיקן כוידעש ווערט 95 יאָר, זינט אין קיִעוו איז געבוירן געוואָרן דער באוווּסטער פובליציסט און פעליעטאָניסט פון „פראוודא" דאָוויד זאסלאווסקי.

די ליטערארישע טעטיקײַט האָט ד. זאסלאווסקי אָנגעהויבן אין 1904. אין די צוואנציקער יאָרן איז ער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע פעליעטאָניסטן אין „פראוודא". זײַנע פעליעטאָנען אף צווישנפעלקערלעכע און אינערלעכע טעמעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פּאָליטישער שארפקײַט, מיטן ברייטן איבערבליק איבער די היסטאָרישע געשעענישן.

ד. זאסלאווסקי איז דער אווטאָר פון ארײַנפיר־ארטיקלען צו א ריי בענדער פון דער פולער זאמלונג פון סאלטיקאָוו־שטשעדרינס ווערק: „די צווישנפעלקערלעכע בורזשואזיע אין שטשעדרינס סאטירע" (ב. 14, לענינגראד, 1936), „שטשעדרין אין קאמף קעגן דער קאָנטררעוואָליוציע" (ב. 15, מאָסקווע, 1940) און אנד.

אין א בוכפאָרם זײַנען דערשינען ד. זאסלאווסקיס ווערק „גאריבאלדי" (פארלאג „די וועלט", 1906); „פארשוועכטע רייניקײַטן" (א פאמפלעט קעגן די ראבאָנים, איבערגעזעצט אין ייִדיש דורך מאקס ווײַנרײַך. פעטערבורג, 1917); „ג. וו. פלעכאנאָוו" (פעטראָגראד־מאָסקווע, 1923); „דער ריטער פון דער שווארצער מייע וו. שולגין" (קיִעוו, 1925), „דער בירגערקריג אין די פארייניקטע שטאטן פון צאָפן־אמעריקע" (לענינגראד, 1926); „עטיודן צו דער געשיכטע פון די צאָפן־אמעריקאנער פארייניקטע שטאטן אין XVIII—XIX יה." (מאָסקווע, 1931); „סאלטיקאָוו־שטשעדרין" (מאָסקווע, 1939); „אין די ווענט פונעם פילאָסאָפישן קלײַזל" — פעליעטאָנען פאר די יאָרן 1953—1954 (מאָסקווע, 1954) און אנד.

א ריי ווערק פון ד. זאסלאווסקי זײַנען ביז דער רעוואָליוציע און אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן דערשינען אויך אין א ייִדישער איבערזעצונג.

דאָוויד זאסלאווסקי איז געשטאָרבן דעם 28 מארט 1965 אין מאָסקווע.

# איינמאָל אין א מיטוואָך

ווערטער פון אַרן ווערגעליס

מוזיק פון דינאָווי קאָמפּאַנייעץ



איינמאָל אין א מיטוואָך,
איינמאָל אין א מיטוואָך, —
איין מאָל מעגסטו דאָך קומען,
איין מאָל ברענגען מיר בלומען,
ייִנגעלע דו מײַנס,
ייִנגעלע דו פײַנס, —
אדעראבע: וואָס דיר צוזאָגן?
זאָג מיר, וואָס דיר פעלט,
כ׳ווייס דען, וואָס געפעלט,
ייִנגעלע דו מײַנס,
ייִנגעלע דו פײַנס.

איינמאָל אין א מיטוואָך,
איינמאָל אין א מיטוואָך, —
איין מאָל מעגסטו דאָך לויפן
מיר א רינגל צו קויפן,
ייִנגעלע דו מײַנס,
ייִנגעלע דו פײַנס, —
אדעראבע: וואָס דיר צוזאָגן?
זאָג מיר, וואָס דיר פעלט,
כ׳ווייס דען, וואָס געפעלט,
ייִנגעלע דו מײַנס,
ייִנגעלע דו פײַנס.

איינמאָל אין א מיטוואָך,
איינמאָל אין א מיטוואָך, —
איין מאָל מעג דיר געפעלן,
אונדזער כופע צו שטעלן,
ייִנגעלע דו מײַנס,
ייִנגעלע דו פײַנס, —
אדעראבע: וואָס דיר צוזאָגן?
זאָג מיר, וואָס דיר פעלט,
כ׳ווייס דען, וואָס געפעלט,
ייִנגעלע דו מײַנס,
ייִנגעלע דו פײַנס.

---

## מענדל גאָלדמאַן

אפן 77־טן יאָר פון זײַן לעבן איז אין טאשקענט פון א הארץ־אטאקע געשטאָרבן דער ייִדישער דיכטער מענדל גאָלדמאַן.

געבוירן אין ביאַליסטאָק, האָט גאָלדמאַן דעביוטירט מיט דער ליד „נאָכן אָרן" אין דער אַרטיקער ייִדישער פּראָגרעסיווער צײַטונג „דאָס נײַע לעבן", וועמענס מיטארבעטער ער איז געווען אין מעשעך פון א לאנגער צײַט. זינט דעמלט האָט ער סיסטעמאַטיש זיך געדרוקט אין דער ביאַליסטאָקער, לאָדזשער, װארשעװער ייִדישער פּרעסע.

ווען די היטלערישע כאיאַלעס האָבן אָקופּירט פּוילן, האָט גאָלדמאַן זיך עוואַקויִרט קיין סאָוועטנפארבאנד, ווו ער האָט זיך אָפּ שטענדיק באזעצט אין דער הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן.

אין מענדל גאָלדמאַנס לידער און פּאָעמעס קומען צום אויסדרוק די געפילן פון ליבע און דאנקבארקייט צו זײַן נײַעם פּאַטערלאַנד, ווי אויך דער סינע־געפיל צו די פאשיסטישע מערדער. אזא איז דער הויפּט־מאָטיוו פון זײַן זאמלבוך „היימווי", וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

מענדל גאָלדמאַן איז געווען באוווּסט אויך ווי אן איבערזעצער. ער האָט איבערגעדיכטעט פון אוזבעקיש גאפור גוליאַמס בארימטע פּאָעמע „איך בין א ייִד", פון רוסיש — פראַגמענטן פון יעווטושענקאָס „בראטסקער העס", א ריי לידער פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון און אנד.

דעם דיכטערס ווערק האָבן זיך געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", „ביראָבידזשאַנער שטערן" און אין א ריי אויסלענדישע פּראָגרעסיווע ייִדישע אויסגאבעס. דאָ ניט לאנג האָט אונדזער זשורנאַל פארעפנטלעכט זײַן פּארצייכענונג, געווידמעט דער הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן, א פּארצייכענונג, וועלכע רופט זיך איבער מיט זײַן פּאָעמע וועגן טאשקענט און וועלכע פארענדיקט זיך מיט די שורעס: „דיר צו דאנקען, דיך צו לויבן, היים מײַן..."

# אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן יאָר 1974

## ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען

מ. אלטמאַן. זקיינישע נאָטיצן. נומ. 10, ז. 101; נומ. 12, ז. 95.

ש. גאָרדאָן. מעכילע (דערציילונג). איליוסטרירט פון ג. פאַפאַנדאָפולאָ. נומ. 8, ז. 47.

ש. גאָרשמאַן. כאַנעס שאָף און רינדער (דערציילונג. דריטער טייל). נומ. 10, ז. 67.

ט. גען. לאַנג און קורץ, ווי דאָס לעבן (אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג). נומ. 6, ז. 109; נומ. 7, ז. 97.

ה. דאָבין. דער ערשטער פרווו (דערציילונג). נומ. 6, ז. 80.

אי. דרוקער. געזעגן און געהערט. נומ. 10, ז. 116.

ב. האַלפּערן. דריי דערציילונגען. איליוסטרירט פון ע. מאַסטבוים. נומ. 2, ז. 96.

הענריך האָפמאַן. דער איבערזעצער פון געסטאַפּאָ (דאָקומענטאַלע דערציילונג). נומ. 12, ז. 3.

ל. וואַסערמאַן. מעדיצינישע שוועסטער (פאַרצייכענונג). נומ. 12, ז. 139.

מ. טאַלאַלאַיעווסקי. געקניפּט און געבונדן (ראָמאַן). איליוסטרירט פון ג. קראַווצאָוו. נומ. 11, ז. 53; נומ. 12, ז. 102.

ד. כאַראַל. לירישע העפטן. נומ. 5, ז. 124.

א. ליזען. פינף נאָוועלן. נומ. 11, ז. 44.

נאָטע לוריע. אומפאַרגעסלעכע טעג (נאָטיצן פון א דעלעגאַט פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־צוזאַמענפאָר). נומ. 12, ז. 164.

ה. פאָליאַנקער. שטאַרקער פון אייזן (ראָמאַן). איליוסטרירט פון ג. קראַווצאָוו. נומ. 8, ז. 96; נומ. 9, ז. 47; נומ. 10, ז. 3.

י. פאַליקמאַן. פייער און אַש. ראָמאַן (צווייטער טייל). איליוסטרירט פון ג. קראַווצאָוו. נומ. 5, ז. 64; נומ. 6, ז. 8; נומ. 7, ז. 26.

א. פינקעלשטיין. פונעם סאָלדאַטישן בלאָקנאָט (נאָוועלן). נומ. 5, ז. 138.

א. קאַהאַן. שאָלעם־אַלייכעם (ראָמאַן). איליוסטרירט פון ה. איינגער. נומ. 1, ז. 21; נומ.2, ז. 15; נומ. 3, ז. 7.

ע. קאַנצעדיק. א מאַמע (נאָוועלע). נומ. 5, ז. 134.

מ. קאָבריאַנסקי. שאַ־שטיל (קורצער ראָמאַן). איליוסטרירט פון ג. קראַווצאָוו. נומ. 1, ז. 58.

ה. ראַבינקאָוו. מיליע (דערציילונג). נומ. 11, ז. 21; א לעבן, אָפּגעגעבן דער יוגנט (פאַרצייכענונג). נומ. 12, ז. 142.

מ. ראַזומני. נאָוועלעטן. נומ. 9, ז. 103.

ר. רובין. אין א האַרבסטיקן טאָג (דערציילונג). נומ. 9, ז. 3.

י. ריוועס. א שטיין איז געפאַלן (אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג). נומ. 2, ז. 91.

ר. שויכעט. דער דריטער קאַמביין (פאַרצייכענונג). נומ. 12, ז. 146.

אין שפּיגל פון דער רוסישער סאָוועטישער פּרעסע (פאַרצייכענונגען וועגן יידן). צונויפגעשטעלט ש. גאָרדאָן. נומ. 1, ז. 115.

פונעם ליטעראַטור־אויצער. אייזיק־מייער דיק. די בעהאָלע (דערציילונג). אויסצוגן פון ש. ניגערס פאָרוואָרט צו א.־מ. דיקס אויסדערוויילטע ווערק. נומ. 3, ז. 94; מאַני לייב. לידער. אריינפיר פון איציק מאַנגער: „מאַני לייב דער ליריקער". נומ. 8, ז. 133.

ווערק פון אונדזערע לייענער. א. זייטשיק (אָרענבורג). ניט דאָס בין איך אויסן (מאָנאָלאָג). נומ. 3, ז. 79; ז. מינקין (דאָנעצק). רייזע־נאָטיצן פון א געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער (פאַרצייכענונג). נומ. 3, ז. 82; מ. מאַנדעל (טשערנאָוויץ). צוליב שאָלעם־באַיס. נומ. 10, ז. 92.

אונדזערע מיטצייטלער. נאָטע לוריע. יאַם און הימל, הימל און יאַם. נומ. 7, ז. 3.

## לידער, פּאָעמעס

175־טער געבורטסטאָג פון א. ס. פושקין (נומ. 6, זז. 3, 181 און 186). די לידער „דאָרף", „דער נאַכט־זעפיר", „נאַכט" אא. אין דער איבערזעצונג פון ד. האָפשטיין. מיטיילונג פון ז. בעלקין אונטערן קעפּל „דער גרויסער הומאַניסט און פעלקער־פריינט"; א. פינקעלשטיין. א. ס. פושקינס ווערק, דערשינענע אין יידיש.

י. איצקאָוו. דער זייגער. נומ. 9, ז. 46.

ר. באַליאַסנע. איך טרינק פון הימל־טיף. נומ. 2, ז. 108; א האַרץ דאַרף גלייבן. נומ. 5, ז. 144; דער נאָמען — מענטש. נומ. 9, ז. 44; ווי פרילינג־וואַסערן. נומ. 12, ז. 92.

י. בוכבינדער. שעפּע. נומ. 5, ז. 145.

כ.ביידער. אין סיביר (דיכטערישער רעפּאָרטאַזש). נומ. 8, ז. 3.

ע. ביידער. דער פראָסט.— א מיניאַטור. נומ. 9, ז. 114.

ה. בלאָשטיין. געלייטערט. נומ. 2, ז. 88; מיין אינדערפרי. נומ. 9, ז. 43.

א. בעלאָוסאָוו. אין אָט דער רעגע פון געזאַנג. נומ. 1, ז. 113; צום אַנטלויפער. נומ. 9, ז. 45.

מ. גאָלדמאַן. ווידער פרילינג. נומ. 9, ז. 45.

א. גאָנטאַר. דער גוטער שמייכל. נומ. 1, ז. 54; דורך דוירעס דורך טיפע. נומ. 5, ז. 120; נעגינע. נומ. 7, ז. 80; פונעם בוך „נעגינע". נומ. 10, ז. 105.

כ. גורעוויטש. צוועלף מיניאַטורן. נומ. 9, ז. 113.

מ. גרוביאַן. פון דער דיכטערישער ירושע. נומ. 1, ז. 128; באַוווּנדערן די וועלט. נומ. 6, ז. 76.

ש. דריז. פון דער ליטעראַרישער ירושע. נומ. 2, ז. 124.

ל. העלער. א כאַלעם. — וואָלקנס שוואַרצע. נומ. 9, ז. 115.

כ. ווײַנערמאַן. באַהאַלט מיט שײַן. נומ. 8, ז. 43.

ש. העלמאַנד. פון דער שפּעריישער ירושע. נומ. 12, ז. 135.

א. ווערגעליס. יאַרדים (פּאָעמע). נומ. 3, ז. 3; פּר־נעם ליבע־ציקל (לידער). — מיר נעמען שוין אזא מין פאל (פּאָעמע). נומ. 6, ז. 38; נײַע לידער. נומ. 10, ז. 56.

מ. טאַלאַלאַיעווסקי. הערצער זיך צעבליען. נומ. 10, ז. 129.

כ. טימענטשיק. ס'איז מיר פיל געגעבן. נומ. 5, ז. 62; אפן גאַנצן קאָל. נומ. 11, ז. 18.

ש. כאַלאַדענקאָ. ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך לעב. נומ. 7, ז. 23.

ד. כײַקינע. ווי זומער — די שטערן אין הויך. נומ. 5, ז. 145; ווײַל מײַנע איז די וועלט. נומ. 11, ז. 51.

מ. ליפשיץ. פונעם לויטערן קוואַל. נומ. 2, ז. 102; דײַן פרײַנטשאַפט מיך באַגלייט. נומ. 7, ז. 95.

ב. מאַגילנער. צו מײַנע זין און אנד. לידער. נומ. 9, ז. 111.

מ. מאַגילעוויטש. דרײַ לידער. נומ. 12, ז. 149.

פ. נערודא. אין הימל קלינגען אלע גלעקער. פון שפּאַניש — י. גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס). נומ. 1, ז. 19; פון דער עפּאָפּיי „דאָס אלגעמיינע געזאַנג". יידיש — א. גאָנטאַר. נומ. 3, ז. 91.

י. עלקיס. מיט דער זון געאַרעמט. נומ. 8, ז. 143.

פ. פלאָטקין. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט. נומ. 9, ז. 44.

א. קאַצעוו. מיניאַטורן. נומ. 6, ז. 107.

מ. ריאַנט. פּאַרטאַג. נומ. 9, ז. 46.

מ. שטורמאַן. לירישע מאָטיוון. נומ. 7, ז. 131.

מ. שקאַלניק. פּאַרטאַג. — צו מײַן מאַמען. — ס'וועט מײַן ליד. נומ. 11, ז. 143.

אויסלענדישע דיכטער צוגאַסט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". נומ. 12, ז. 62—66.

פּאָעטישע ווערק פון אונדזערע לייענער. וו. ווערניק (קיעוו). דאָ איז מײַן ערד און אנד. לידער. נומ. 3, ז. 74, נומ. 10, ז. 88; ז. ווײַצמאַן (סוואַבאַדני, אמורער געגנט). פיר לידער. נומ. 3, ז. 76; ש. זינגער (וויניצע). דער שמיד. נומ. 3, ז. 75; א. זײַטשיק (אָרענבורג). מעסושעלעכס היטל. נומ. 10, ז. 91; י. טאַבאַקמאַכער (ביראָבידזשאַן). א „קאַרעקטער" כאַווער. נומ. 10, ז. 89; מ. מיניעוויטש (גאָרקי). דערמאַנונג. נומ. 10, ז. 89; ז. מינקין. דער אינוואַליד. נומ. 10, ז. 91; ב. סינעלניקאָווא (מאָסקווע). פינף לידער. נומ. 3, ז. 77, נומ. 10, ז. 90; ש. ראַפּאַפּאָרט (לענינגראַד). א ליבע־מיניאַטור. נומ. 3, ז. 77.

צום 70־טן געבורטסטאָג פון מוישע טײַף. א. ווערגעליס. דער דיכטער, וועמעס שאַפונג איז א בריק צווישן דורות. מ. טײַף. וויאַלאַנטשעל. נומ. 9, ז. 92—102.

צום 75־טן געבורטסטאָג פון עזרא פינינבערג. י. פינינבערג. זיכרוינעס וועגן עזראַן. א. ס. פּושקין. יעווגעני אָנעגין (אויסצוגן פונעם ראָמאַן אין דער איבערזעצונג פון ע. פינינבערג). ביבליאָגראַפיע פון עזראַ פינינבערגס שאַפונג. נומ. 11, ז. 82.

40 יאָר יידישע אויטאָנאָמע געגנט (נומ. 4)

ל. שאַפּיראָ. אין דער ברידערלעכער פעלקער־מישפּאָכע. ז. 4.

פּראָזע. נ. אײַזמאַן. פּערציקיאָריקע. ז. 128.

ס. באַרדשעס. וואָס איז דער טומל? ז. 126.

ד. בערגעלסאָן. פּיאָנערן. ז. 9.

ש. גאַרדאָן. א שטעטל אף דער טונגוסקע. ז. 119.

ל. וואַסערמאַן. ווי דאָס פרילינגדיקע וואַסער. ז. 123.

א. ווערגעליס. די צײַט. ראָמאַן אין פיר נאָוועלן מיט אן עפּילאָג. אילוסטרירט פון ה. אינגער. ערשטע נאָוועלע. ז. 45; צווייטע נאָוועלע. נומ. 8, ז. 7; דריטע נאָוועלע. נומ. 12, ז. 67.

ב. מילער. אין פולן גאַנג (דערציילונג). אילוסטרירט פון ע. מאַסטבוים. ז. 80.

י. טשערנים. א רײַזע מיט האַלקינען און גאַדינערן. ז. 140.

מענטשן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. לויט די מאַטעריאַלן פון די קאָרעספּאָנדענטן פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" י. שויכעט, ש. קאָניק, וו. מיזרעך, כ. בעלקין, פ. פּאַסמאַניק. ז. 30.

דער ניסטער. מיט איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן. ז. 20.

וו. פאַנמאַן. דער זאַוואָד און זײַן דירעקטאָר. ז. 126.

ע. פינינבערג. אין דער טיפעניש פון הארצן. ז. 17.

נ. פרידמאַן. טיכאַנקע — ביראָבידזשאַן. ז. 135.

ה. ראַבינקאָוו. א שטאָט מיט טראַדיציעס. ז. 154.

לידער. ב. אַלעווסקי. וואַלד. ז. 18.

כ. ביידער. אונטער א לויטערן הימל. ז. 41.

אי. בראַנפּמאַן. יוגנט. — טעפּלאָאָזיאָרסק. ז. 78.

א. גאָנטאַר. א בריוו צו מײַנע פרײַנט אין ביראָבידזשאַן. ז. 120.

ש. האַלקין. אף ביראָבידזשאַנער סאָפּקע. ז. 14.

ד. האָפשטיין. באַם אמור. ז. 23.

אי. פעפער. ביראַקאַנער מירמל. ז. 22.

עמ. קאַזאַקעוויטש. 7 מײַ 1934. ז. 10.

א. קושנעראָוו. וואַלדהיים. ז. 26.

מ. ריאַנט. וואַלדהיים. ז. 78.

ל. שקאָלניק. אינדערפרעמד. — איין גוירל. ז. 79.

ליטעראַטור־קריטיק. א. ראַסקין. דער זשורנאַל „פאַרפאָסט". ז. 161.

ה. רעמעניק. פּאַרליבט אין ביראָבידזשאַן. ז. 173.

## ליטעראַטור־קריטיק, פּראָגן פון קונסט, ביבליאָגראַפיע

די הײַנטצײַטיקייט־טעמע אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור (ארויסטרעטונגען פון כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ב. מילער, א. גאָנטאַר, ש. גאַרדאָן, ט. גען, ה. רעמעניק, א. ווערגעליס אף איינער פון די פּלענאַרע זיצונגען פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"). נומ. 5, ז. 3—30.

ס. אַליניק. עס לעבט זײַן מוטיקע ליד (וועגן דעם דיכטער ש. העלמאַנד). נומ. 12, ז. 136.

א. ווערגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער. נומ. 1, ז. 154.

מ. מאַרגאַלין. דאָס שטילע דיכטערישע וואָרט (וועגן דעם דיכטער איטשע באָרוכאָוויטש). נומ. 9, ז. 152.

כ. מעלאַמוד. מײַן קאָמיוגישער דאָר (א וואָרט פון דעם אויטאָר פונעם ראָמאַן „יונגע יאָרן"). נומ. 11, ז. 160.

א. ראסקין. מיט דער מאָס פון מענטשלעכקייט (וועגן שירע גאָרשמאַנס בוך „לעבן און ליכט"). נומ. 11, ז. 145.

ה. רעמעניק. פראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. נומ. 1, ז. 140, נומ. 2, ז. 146; אין שעפערישן אופשטײַג (וועגן ה. פאָליאַנקערס שאַפונג). נומ. 3, ז. 133; אויפגאַבן פון דער קריטיק. נומ. 5, ז. 24; פראָבלעמען פון דעם נײַסטערס שאַפן (צו זײַן 90־טן געבורטסטאָג). נומ. 10, ז. 131.

י. שרײַבמאַן. דעם מעכאַבערס א פאָר ווערטער אַרום א פאָלעמיק וועגן זײַן ווערק. נומ. 2, ז. 155.

צום 90־טן געבורטסטאָג פון ד. בערגעלסאָן. מ. גלייזער. דאַוויד בערגעלסאָן אין די יאָרן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. נומ. 7, ז. 149; י. ליובאָמירסקי. בערגעלסאָן דער דראַמאַטורג. נומ. 8, ז. 160; א. ראַסקין. נײַע לעבנס־פאָרמען, נײַע קונסט. נומ. 8, ז. 151; ה. רעמעניק. א קלאַסיקער פון דער קינסטלערישער פראָזע. נומ. 7, ז. 142, נומ. 9, ז. 145.

מיט פערציק יאָר צוריק (צום 40־טן יאָרטאָג פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר). נומ. 10, ז. 141.

אוקראַאינישע שרײַבער וועגן די שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור (פאַוולאָ טיטשינא וועגן אַשער שוואַרצמאַנען; מאַקסים רילסקי וועגן דאַוויד האָפשטיינען און איציק פעפערן). ייִדיש י. טשיטשעלניצקי. נומ. 10, ז. 147.

ביבליאָגראַפיע. מ. ראַזענהויז. די ליטעראַטור וועגן ביראָבידזשאַן. נומ. 4, ז. 179.

ליטעראַרישער טאָגבוך. או. גוראַלניק. דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. נומ. 3, ז. 118, די איינהייטלעכע פילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור. נומ. 7, ז. 153, די וועלט־באַדײַטונג און די צווישנפעלקערלעכע קאָנטאַקטן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. נומ. 10, ז. 154; אסיע לאַמינאַוואַ. הונדערט יאָר „אַנאַ קאַרענינאַ". נומ. 2, ז. 158.

קורצע רעצענזיעס. ש. גאָרדאָן. דער דיכטער פונעם שטורמישן יאַם (וועגן דער אויסגאַבע פון יאַשע זעלדינס בוך „יאַם־לידער"). נומ. 1, ז. 148; מ. גלייזער. א ווערק וועגן אַמעריקאַנער נאַצי־גאַנגסטערס. בען־גאָלדס „דער שטורעם אין ריווערוויל". נומ. 11, ז. 156; מ. טאַלאַלאַיעווסקי. דער אָריגינאַל און די איבערזעצונג (וועגן דער רוסישער אויסגאַבע פון ד. בראָמבערגס לידער). נומ. 6, ז. 175; וו. סאַלאַווייי. אַזוי האָט געפאָדערט דאָס לעבן (וועגן אירינא מיראַשניקאָוועס בוך „עלזשוניא"). נומ. 11 ז. 152; י. פאַליקמאַן. דער קויעך פון עמעס (וועגן מ. לעווס בוך „קימאַט א לעגענדע"). נומ. 6, ז. 171; א. גאָנטאַרס לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג. נומ. 11, ז. 150; י. בראַנין. וועגן איינער אַן ענציקלאָפעדיע. נומ. 7, ז. 163; י. גאָרעליק. אַפאָלאָגעטעס פון די העלדנשטעט. נומ. 11, ז. 154; י. קודיש. דערשײַנען אין כאַבאַראָווסק. נומ. 11, ז. 155; מ. גלייזער. א ווערק וועגן די אַמעריקאַנער נאַציגאַנגסטערס. נומ. 11, ז. 156.

ווערק פון אונדזערע לייענער. אי. באָראַוויטש (כאַרקאָוו). די דראַמע פון שטילשווײַגן (וועגן מ. קאַבריאַנסקיס ראָמאַן „שא־שטיל"). נומ. 10, ז. 98; י. הוטנער (סמאָלענסק). אייניקע באַמערקונגען צו מ. שאַפיראָס און מ. איטקאָוויטשעס פאָלעמישע אַרטיקלען. נומ. 3, ז. 85; י. פליך (אָדעס). א שיין בלעטל געשיכטע (וועגן כ. טאַבאַטשניקאָווס „באַרשעווער מאָטיוון"). נומ. 3, ז. 87, איציק קיפניס „אונטער־וועגנס". נומ. 10, ז. 97; ב. קאָטליאַר (כאַרקאָוו). וועגן ל. בראַווערמאַנס „אין קלעם". נומ. 3, ז. 85.

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. י. סערעבריאַני. א קליינער טראַקטאַט וועגן גרויסער ליבע. נומ. 5, ז. 180; וויזיט־קאַרטלעך. נומ. 9, ז. 132; נומ. 11, ז. 126.

דער שרײַבער און זײַן העלד. ב. מאַגילנער. א באַגעגעניש אין 40 יאָר אַרום. נומ. 11, ז. 158. כ. מעלאַמוד. מײַן קאַמיוגישער דאָר. נומ. 11, ז. 160.

## ליטעראַרישע פאָרטרעטן, זיכרוינעס, שפראַך־פראַגן, פובליקאַציעס

מ. איטקאָוויטש. איבער די זאַלן פונעם צענטראַלן לענין־מוזיי. נומ. 1, ז. 176.

ה. אַלעקסאַנדראָוו. קאָנספעקט איבער דער געשיכטע פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור. נומ. 3, ז. 146.

כ. ביידער. קיין אָדעס, צו מענדעלען. נומ. 9, ז. 116.

ס. פריי. איינער פון די ערשטע (דער זשורנאַל „יונגוואַלד" מיט 50 יאָר צוריק). נומ. 1, ז. 132.

דער איבערוף פון צײַטן. ליד פון אי. כאַריק „וואַסיליעווע קאַרינע" (צום 40־טן יאָרטאָג פון דער טשעליוסקין־עפאָפיי). נומ. 5, ז. 160.

באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן. מ. פאָליאַנאָווסקי. אַגניא באַרטאָ; דער קינאָאָפעראַטאָר אַלעקסאַנדער לעמבערג; די ברידער טור. נומ. 2, ז. 128.

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. ס. איקאַניקאָווא. ווער ביסטו, מענטש? ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי. נומ. 7, ז. 85; י. טשיטשעלניצקי. זײַן ליכטיקער שפור (צום אָנדענק פונעם זשורנאַליסט בוזי גאָלדענבערג). נומ. 6, ז. 155; א. פריבלודע. זיי האָבן געהערט צו דער קאָהאָרטע העלדישע רעוואָליוציאָנערן. — אַלעקסאַנדער כמעלניצקי, איינער פון די ערשטע סאָוועטישע יוריסטן. נומ. 3, ז. 109; ז. קאַהאַן. הונדערט יאָר (דער פאָטער פון דער סאָוועטישער געראָנטאָלאָגיע ז. א. פראַנקעל). נומ. 3, ז. 106; י. רוביאַן. מײַן ברודער מאָטל גרוביאַן. נומ. 6, ז. 161; י. שקאָלניק. א זעלנער אין דער דיכטונג, א זעלנער אינעם לעבן. נומ. 11, ז. 141.

לעבעדיקע גרוסן. כ. ביידער. לעניִנגראַדער מאָטיוון. נומ. 2, ז. 3; מ. גאָלדמאַן. דיר צו דאַנקען, דיך צו ליבן. נומ. 8, ז. 137; ט. גען. צוגאַסט בא א דיכטער. נומ. 5, ז. 40; מ. כאַזין. אונדזער היים קעשענעוו. נומ. 10, ז. 109; מ. ראַזומני. ריגע וועט זײַן די שטאָט פון מײַן בענקשאַפט. נומ. 5, ז. 31; י. רובענטשיק. שענער פון די שענסטע טרוימען. נומ. 12, ז. 150.

זיכרוינעס. אי. גוראַלניק. נעכטן, הײַנט, מאָרגן. נומ. 2, ז. 137; נומ. 5, ז. 147; ה. בלאָשטיין. איך וויל אײַך דערציילן. נומ. 7, ז. 132, נומ. 8, ז. 144, נומ. 9, ז. 127.

בלעטלעך פון דער קולטור־געשיכטע. ב. האַלפערן. אָן איידעס פון צײַטן פאַרגאַנגענע. נומ. 8, ז. 173.

פאָלעמיק. אי. באָראַוויטש, מ. גלייזער. וועגן יעכיעל שרײַבמאַנס ראָמאַן „זיבעצניאָריקע". נומ. 1, ז. 161; ע. פאַלקאָוויטש. וועגן דעם כאַוועד זאַבאַרעס באַמערקונגען. נומ. 3, ז. 122; א. פינקעלשטיין. נאָטיצן פון א ביבליאָגראַף. נומ. 11, ז. 165; כ. ביידער. אז מע דאַרף האָבן אַן אײַזערנעם זיקאָרן. נומ. 11, ז. 168.

ה. רעלעס. באַם סאָזש און באַם דניעפער (רײַזע־בילדער). נומ. 11, ז. 95.

## פובליציסטיק

מאַטעריאַלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל וועגן הינטצײַטיקן ציוניזם. **נומ. 5, ז. 43.**

דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציוניזם — א לעבנסנויטווענדיקייט פאַרן ייִסראָעל-פּאָלק און פאַר אַלע פּראָגרעסיווע קרײַזן (**דאָקומענטן, באַשטעטיקט פונעם 17־טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל). נומ. 6, ז. 142.**

צווייִ רעפּאָרטאַזשן וועגן ייִסראָעל: **א. מ י י ל י נ ג** (**טעל-אוויוו) — זיי טאָרן ניט וויסן דעם עמעס; ד אָ ו י ד ד אַ ב ר ו ש י ן. קורצע נאָטיצן אַרום א רײַזע קיין ייִסראָעל. נומ. 1, ז. 4.**

ענטפערס אַף פראַגן. **ל. ד א ד י א נ י. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל אין קאַמף פאַר א פרידלע־כער און דעמאָקראַטישער אַלטערנאַטיוו פאַר דער מדינה. נומ. 3, ז. 155; דער קלעריקאַליזם אין ייִסראָעל. נומ. 10, ז. 171; דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל און די ציוניסטיש־„סאָציאַליס־טישע" פּאַרטייען. נומ. 12, ז. 169; וועגן די ניט אויסגענוצטע מיצאַד דער ייִסראָעל־רעגירונג גע־לעגנהייטן צו שליסן א גערעכטן שאָלעם. נומ. 3, ז. 167; ק. ק אַ פּ י ט אָ נ אָ וו. די פּאַלעסטינער פּליטים. נומ. 1, ז. 175; די באַוואָפנטע קרעפטן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַ־ציעס אַפן נאָענטן מיזרעך. נומ. 7, ז. 175; וועגן דעם סועצער קאַנאַל. נומ. 8, ז. 177.**

נ. ריכטער. **דער XVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמ־פּאַרטיי פון ייִסראָעל. נומ. 6, ז. 152; אין סטירע צו די פאַקטן פון לעבעדיקן לעבן. נומ. 10, ז. 166.**

י. שרײַבער. **דאָקטרינעס, וועלכע פּלאַצן, ווי א זייפּנ־בלאָז. נומ. 8, ז. 166.**

א. פּעטשערסקי. **איך — אָן איידעס פון דער באַ־שולדיקונג. נומ. 11, ז. 121.**

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". **י. ט ש י ט ש ע ל נ י צ ק י. אײַערע בריוו, לייענער, אײַער זאָרג וועגן דעם זשורנאַל. נומ. 2, ז. 180.**

אַף די שפּורן פון געשעענעס. **נומ. 2, ז. 111—122. י. ק אַ ל ט ע נ י ו ק — מילכאָמע-העלדן; ע. י ו ד אָ־ל אָ ו י ט ש — אומשטערבלעכקייט; יו. מ ו ק י־מ אָ וו — גוטסקייט פאַרגעסט מען ניט; וו. ט ש י־ק ו נ אָ וו — די קורצע געשיכטע פון א ספּאָרטס־מען; ל. ש א מ י ס — זײַן באַרוף.**

**נומ. 6, ז. 64—75. כ א ס ק ל ז י י ע ן — קאַפּיטאַן אַלעקסאַנדער מוק — נאַציאָנאַלער העלד פון טשע־כאָסלאָוואַקיע; י. ש וו א ר צ מ א ן — דער מאָסק־ווער הימל און די מאָסקווער ערד; ל. וו ע ר ט־ל י ב — ער איז געווען צווישן די ערשטע; י. ק ר אַ ט ש ע ק — „דאָס טײַערסטע באַם מענטשן איז דאָס לעבן"; ש. ג ר ו ז ב ע ר ג — דער אומ־פאַרגעסלעכער סעאַנס.**

**נומ. 11, ז. 3—17. מ. מ יי ל א כ ס. אייביקער רום; כ. וו אַ ט ע ר. שטייט אַן אָבעליסק אין שענדע־ראָוועק; ה. ג ע ל י ב ט ע ר מ אַ ן. בערלין, מײַ, 1945; ד. ד אָ ב ר ו ש י ן. מיר האָבן קיין כאַראַטע ניט געהאַט; י. ה ו ט נ ע ר, א. ש פּ י ל ב ע ר ג. לעבט אין פּסקאָוו אַן אײַזנבאַנלער.**

פראַגן פון רעליגיע און אַטעיזם. **ר. ק ר י וו ע ל י ע וו. עס פאַלן אַראָפּ די פײַגן-בלעטלעך (וועגן א נײַער אויסגאַבע פון דער ביבל). נומ. 9, ז. 156.**

סטאַטיסטיק. **י. ק אַ פּ ע ל י ו ש. ייִדן אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד. נומ. 9, ז. 174.**

## טעאַטער און קונסט

י. **ב ר ע ג מ אַ ן. וועגן דעם קינסטלער ייִסאַסכאַר־בער ריבאַק. נומ. 12, ז. 179. א גאַסט פון קאַנאַדע. נומ. 11, ז. 179.**

פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שוישפּילער. **כ. ב יי ד ע ר. א לעבן אַף דער בינע (וועגן זינאָווי קאַמינסקין). נומ. 5, ז. 163.**

י. **ל י ו ב אָ מ י ר ס ק י. אַף א ריכטיקן וועג (וועגן דעם שוישפּילער מ. שאַפּיראָ). נומ. 1, ז. 170; דער פאָלקס-אַרטיסט ביניאָמין זוסקין. נומ. 6, ז. 165; עכטע שעפערישקייט (וועגן דער שוישפּי־לערין סאָניע ביניק). נומ. 12, ז. 158.**

כ. **מ ע ל א מ ו ד. אַקטיאָרישע גויראָלעס (וועגן די שוישפּילער לעוו כייפעץ און סאָניע ליימאַן). נומ. 9, ז. 159.**

י. **ש ו ס ט ע ר. די פאָדאָבריאַנקער אַקטריסע (נעכאַ־מע סיראָטינע). נומ. 3, ז. 137.**

25 יאַר בוקאַרעשטער ייִדישער מעלוכע-טעאַטער. **„די שטערן בלאָנדזשען ניט מער" (רעצענזיע). נומ. 8, ז. 172.**

ש. גאָרדאָן. **שאָלעם-אַלייכעמס און לויט שאָלעם־אַלייכעמען („דער פאַרקישעפטער שנײַדער" אײַ־נעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל). נומ. 10, ז. 158.**

## אונדזערע מיטיילונגען

מ. איטקאָוויטש. **די אויצרעס פון פּאַרעס אָרן אין מאָסקווע. נומ. 3, ז. 175.**

כ. ביידער. **איוואַן קוליק וועגן יוסעף באָוושאָווערן. נומ. 3, ז. 178.**

ל. ווילסקער. **פיר אומבאַוווּסטע בריוו פון י.-ל. גאָר־דאָן צום באַראָן גינצבורג. נומ. 5, ז. 176.**

א. יערוסאַלימסקי. **די „מײַרעווקע" — אונדזער קליי־נינקער אינטערנאַציאָנאַל. נומ. 2, ז. 168.**

י. כאַכלאָוו (ייִדיש — **י. ה ו ט נ ע ר). פיאָדאָר שאַ־ליאַפּין און דער שנײַדער גלוזמאַן. נומ. 3, ז. 177.**

פּ. פּאַוולאָוו. **סוידעס פונעם „סוכאַי קײַלאַן". נומ. 4, ז. 178.**

י. פּייסאַך. **קרימטשאַקעס. נומ. 7, ז. 170; נומ. 9, ז. 138.**

א. פּריבלודע. **צונעמענישן בא שאָלעם-אַלייכעמען. נומ. 10, ז. 177.**

י. קאַוועלמאַן. **דער אַקאַדעמיקער פון מאָלערײַ-קונסט מוישע מײַמאַן. נומ. 3, ז. 177.**

## לאָמיר זינגען נײַע לידער

בענקשאַפט. ווערטער פון **כ. ב יי ד ע ר, מוזיק פון א. ג ע ר ש ק אָ וו. נומ. 4.**

אין די ווײַטערדיקע לידער זײַנען די ווערטער פון **א. וו ע ר ג ע ל י ס, די מוזיק פון ס. ט ש ע ב אַ־ט אַ ר י אָ וו.**

בעז (נומ. 3).

ליבע אין טראַנשיי (נומ. 5).

צי ווייניק כ'וויל, צי כ'וויל א סאַך (נומ. 6).

הײַנט באַנאַכט... (נומ. 7).

אינעם שאָטן פון די ווײַנגערטנער (נומ. 9).

כאוויירים מײַנע! (נום. 10).

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינג־לידער (אין דער איבער־זעצונג פון ארן ווערגעליס). נום. 11, ז. 180.

נאָטיצן אפן קאלענדאר. יובילייען פון אײַזיק־מייער דיק, וולאדימיר וואסיליעוויטש סטאסאָוו, יאנקעוו זאָנשיין, איסאק בראָדסקי (נום. 1); לייב באסיין, ל. גאָרעליק, ווסעוואָלאָד מייערכאָלד (נום. 2); אלבערט איינשטיין, ראָבערט פראָסט, לוּיס בער־נארד (נום. 3); פיאָטער גערמאָגענאָוויטש סמידאָ־וויטש, שמועל (סעם) אגורסקי, הערש־דאָוויד נאָמבערג (נום.5.); אָנאָרע דע באלזאק, יעהודע פען (נום. 6); זשאן רישאר בלאָק, מאנע קאץ (נום. 7); אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטש ראדי־שטשעוו, בען־אמי (כאים־מאָרדכע ראבינאָוויטש) (נום. 8); ניקאָלײַ אָסטראָווסקי, אווראָם מאָשקאָ־וויטש, נאָכעם שטיף (באל־דימיען) (נום. 9); שלוימע מײַמאָן, מענדל עלקין, מיקאָלא באזשאן (נום. 10); עסטער שומיאטשער, איליא סעלווינסקי (נום. 11); בערדי קערבאבאיעוו, דאָוויד זאסלאוו־סקי (נום. 12).

בלעטערנדיק צײַטונגען און זשורנאלן — **נום. 1, 2, 3, 9, 10, 11, 12.**

קאָמענטארן פון רעדאקציע—**נום. 1, 2, 3, 6, 7, 10, 11.**

דאָס איז טשיקאווע — **נום. 1, 5, 7, 8, 9, 12.**

פארשיידנס — **אין אלע נומערן.**

כראָניק — **אין אלע נומערן.**

פון אונדזער פאָטאָ־ארכיוו — **נום. 2, 8, 9.**

דאָצענט ע. פאלקאָוויטש. **שמועסן וועגן ייִדיש. נום. 1 — 11.**

רעפליקעס — **נום. 2, 9.**

די פאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד" — **נום. 3, 7, 8, 9, 11.**

פריילעכע שורעס — **נום. 8, 9.**

ווינקל פון געזעלשאפטלעכן פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד" — **נום. 2, 8, 9.**

## קינסטלערישע בײַלאגעס

רעפראָדוקציעס פון די ווערק פונעם קינסטלער י. זילבערמאן און פון די גאָרעליעפן פון ל. סעגאל — **נום. 1** (אונטערן פאָרטרעט פון א. איינשטיין נאָטיץ פון י. שוסטער וועגן ל. סעגאלס גאָרעליעפן; אף ז. 175 נאָטיץ פון ס. טשערניאק וועגן דער שאפונג פון י. זילבערמאן); רעפראָדוקציעס פונעם קינסטלער מ. גורעוויטש — **נום. 2** (אף ז. 161 ארטיקל פון א. שפילבערג); ה. אינגער — **נום. 3** (אף ז. 143 ארטיקל פון פ. ראסקין); וו. מיזגאלסקי, ל. זעווין, י. זיסמאן, ב. ראָזענפעלד, מ. גאָרשמאן — **נום. 4** (אף ז. 177 נאָטיץ פון ב. קאָוויטש); פונעם מאָלער און סקולפטאָר י. טשײַקאָוו — **נום. 5** (אף ז. 172 ארטיקל פון פ. ראסקין); ש. ווערכאָווסקי — **נום. 6**; י. אשקענאזי — **נום. 7** (אף ז. 160 ארטיקל פון י. קאָ־וועלמאן); מ. אקסעלראָד, אָ. פירער — **נום. 9** (אף ז. 166 ארטיקל פון ב. קאָוויטש — „אָלעג פירערס מאָנאָטיפן"); ע. ליסיצקי — **נום. 10** (אף ז. 163 ארטיקל פון י. קאָוועלמאן); נאָכעם אלפערט — **נום. 11** (אף ז. 164 ארטיקל פון י. שוסטער „דער זינגער פון אלט־ און נײַ־ווילנע"); יִסאָסכאָר־בער ריבאק — **נום. 12** (ארטיקל פון י. ברעגמאן אף ז. 179).

■ ■ ■

© Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

**СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)**

**Ежемесячный литературно-художественный журнал**

**Орган Союза писателей СССР**

*(На еврейском языке)*

**Издается с 1961 г.**

**Издательство «Советский писатель»**

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; заместитель главного редактора — 294-46-69; ответственный секретарь — 223-96-07
Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18/XI 1974 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1850.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.
Индекс 70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

## № 12

1 9 7 4

■

**В НОМЕРЕ:**

Г. Гофман. Переводчик из гестапо (документальная повесть).

**Наши гости — зарубежные поэты.** Стихи Ц. Блица, Х. Шварца, И. Гольдберга, Э. Каплана, С. Липцина, Э. Райзмана.

А. Вергелис. Время (роман. Продолжение).

М. Талалаевский. Взаимность (роман. Окончание).

М. Альтман. Новеллы.

**Стихи** Р. Балясной, Ш. Гельмонда, М. Могилевича.

Биробиджанские очерки Л. Вассерман, Г. Рабинкова, Р. Шойхета.

Я. Рубенчик. Минск сегодня (репортаж).

О. Любомирский. Мастер сцены (о творчестве актрисы С. Биник).

Н. Лурье. С юбилейного пленума Правления Союза писателей СССР.

**Отвечаем на вопросы наших читателей.** Л. Дадиани. Социалистический интернационал и сионистско-«социалистические» партии.

Листая журналы и газеты. Разное. Это интересно. Заметки на календаре.